STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03061

SHELOMOH VAYSMAN BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וויסמאן בוך

רעדאגירט פון

שמשון דונסקי

מיט־רעדאַקטאָרן:

מרדכי חסיד

יהודה עלבערג

אידישע פאָלקס שולן

בתי ספר עממיים יהודיים

מאָנטרעאל, ה'תשכ"א



שלמה ווייסמאַן

די אידישע פאָלקס שולן דריקן אויס זייער האַרציקן דאַנק די
ווייטער אויסגערעכנטע פריינט, וואָס האָבן מיט זייער בייטראָג
דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס שלמה ווייסמאַן בוך.

קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס
מ. איסר
ב. אייראָן
י. אַלבוים
טש. באַלינסקי
י. באַקלער
ב. ביוטעל
לוי בעקער
ה. בעקער
דזש. בערלינער
דזש. בערמאַן
י. בערמאַן
ה. גראָווער
ק. גראָס
מ. גלויבערמאַן
מ. גרינבלאַט
ס. דובילעט
דזש. דלוסי
י. דיקשטיין
מרס. מ. דיקשטיין
ה. דעקעלבוים
ס. האַרווי
מרס. ז. וואָלאָפסקי
דזש. וואַסערמאַן
מ. וואַסערמאַן
א. וויינמאַן

מ. ווייסמאַן
דזש. טאָרטשין
ל. טייטלבוים
ה. טשאַרני
ס. טשייט
משפחת טענענבוים
א. יאַנקאָוויטש
ה. יאַראָסקי
י. כהן
מרס. ס. לאַופער
מרס.ש. לאַפיצקי
מ. לאַפין
ס. לאַופער
פ. לאַופער
דר. וו. לייט
מרס. ע. לאַוטערמאַן
לערער און אָפיס
אנגעשטעלטע
א. ה. מעטאַרלין
מ. ה. מייערסאָן
א. ניסנסאָן
פ. ניקאָלעס (אָטאַווע)
ד. סילווערמאַן
ה. סינגער

י. עלבערג
ב. עלייעס
מרס. דזש. עלקין
ח. פריפשטיין
א. דזש. פאָל
דזש. פאָדלאָג
פיאָנערן פרויען אָרגאַניז.
מאַדאַם סאַראַ פישער
א. פרנס
דזש. נ. פראַנק
דזש. צוקערמאַן
מרס. ד. קאַהאַן
א. קאַהן
ג. קאָפלאַן
דר. ע. קופערשמיד
מרס. ש. קייזערמאַן
מ. קראַוויץ
מ. קרייזמאַן
דר. ה. ראָזנפעלד
ל. ראָסקעס
דזש. ראַשקאָווסקי
בערנאַרד ריטשלער
דזש. שטערנטאַל
י. שיינבלום

אינהאַלט

א. אָפּהאַנדלונגען און עסייען

דאָס שלמה ווייסמאַן בוך — — — — — — — — — — — — — — — 9
שלמה ווייסמאַן: מאָמענטן פון מיין לערערישער ביאָגראַפיע — — — 12
פּראָפ. צבי שאַרפשטיין: שמאי ווייסמאַן, מלמדי האחרון (פּערזענלעכע זכרונות וועגן שלמה ווייסמאַנס פאָטער) — — — — — — — — — — 32
שלמה ווייסמאַן: די טאָג שול — — — — — — — — — — — — 36
שלמה ווייסמאַן: גאָט זוכעניש אין אונדזער דור — — — — — — — — 83
שלמה ווייסמאַן: די יידישע ימים טובים און די יידישע דערציאונג — 107
שלמה ווייסמאַן: צו דער געשיכטע פון די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 145
דר' יוסף קעידזש: צוויי הונדערט יאָר יידישע דערציאונג אין מאָנטרעאָל 160
ש. בעלקין: די באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן אין מאָנטרעאָל 181
יעקב זיפּער: בלעטלעך פון אַ לערערס טאָג־בוך — — — — — — — — 199
דר' שמואל מ. בלומנפילד: הלשון העברית — יעודה הדתי והלאומי (די העברעאישע שפּראַך און איר רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע שליחות) 205
פּראָפ' צבי שרפשטיין: ספרי אגרות עבריות (העברעאישע בריוון־שטעלערס) — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 210
לייבוש לעהרער: באַמערקונגען וועגן דער פילאָסאָפיע פון טראַדיציאָנעלן חינוך ביי יידן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 229
יודל מאַרק: פאָרמולירונג פון דעם הויפּט ציל פאַר יידישער דערציאונג 245
חיים בעז: דער נייער טראַדיציאָנאַליזם — — — — — — — — — — 261
מלך ראַוויטש: גוטע בירגער פון עם ישראל — גוטע בירגער פון די תפוצות — 271
שמשון דונסקי: פיר שאלות און תשובות:
א: אונדזער באַציאונג צו דער נאָך היטלער דייטשלאַנד 278
ב: וועגן „אתה בחרתנו" — — — — — — — — — 282
ג: „בראשית ברא" און די מאָדערנע וויסנשאַפט — 286
ד: וועגן „לשם יחוד" — — — — — — — — — — 292
מרדכי חסיד: מספרים אמריקאיים" (וועגן שלמה ווייסמאַנס העברע־אישער אַנטאָלאָגיע פון דער אַמעריקאַנער קורצער דערציילונג) — 303
מ. מ. שאַפיר: יחזקאלע (ליד) — — — — — — — — — — — — — 307

ב. אָפּשאַצונגען און באַגריסונגען

באַגריסונג פון די שולן — — — — — — — — — — — — — — — 310
באַגריסונג פון די לערער — — — — — — — — — — — — — — 311

באַגריסונג פון דער דראַמאַטישער גרופּע פון די שול גראַדואירטע — — 313
ישראל ראַבינאָוויטש: צו לערער ווייסמאַן — — — — — — — — — — — — — 313
רחל קאָרן: אַ פּאָר ווערטער צו שלמה ווייסמאַנס יום טוב — — — — — 316
אברהם סוצקעווער: אַ בריוו — — — — — — — — — — — — — — — — — 318
ב. ג. זאַק: שלמה ווייסמאַנען אַ באַגריסונג — — — — — — — — — — — 319
דר׳ שלמה ביקל: אַ דערמאָנונג און אַ בוך — — — — — — — — — — — 320
דר׳ נתן רייך: זכרונות און אָפּשאַצונגען — — — — — — — — — — — — 323
דר׳ מ. עציוני: דערציאונג און די פּערזענלעכקייט פונעם קינד — — 330
פאַליק זאַלף: שלמה ווייסמאַן דער מענטש פון מעשים — — — — — — 333
לואי סיגאַל: אַ פּיאָנער פון נאַציאָנאַלער יידישער דערציאונג — — — 337
ש. האַרווי: צו שלמה ווייסמאַנס 40 יאָריקן יובליי — — — — — — — 341
אברהם פּרנס: אַ באַגריסונג פונעם פּרעזידענט פון די שולן — — — 343
יוסף בערמאַן: אַ באַגריסונג פון אַ לאַנג יאָריקן מיטאַרבעטער — — 345
ישראל כהן: אַ באַגריסונג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 348
משה וואַסערמאַן: אַ באַגריסונג — — — — — — — — — — — — — — — — 349
חיים פּריפּשטיין: אַ וואָרט פון אַ נאָענטן מיטאַרבעטער — — — — — 349
חיים מ. דעקלבוים: אַ באַגריסונג און אַ וואונטש — — — — — — — — — 351
ש. שאַפּירא: אַ בריוו — 351
נח זינגמאַן: געדענקט איז ער געווען, ניט איך — — — — — — — — — — 352

אָפּרופן פון גראַדואירטע:

1. יחיאל שיינבלום: אַ פּאָר בלימעלעך פאַר לערער ווייסמאַן — — — — 356
2. גיטל גערשאָנאָוויטש: אַביסל זכרונות פון דער מיטל שול און
העכערע קורסן — 358
3. איטע וויינמאַן: ליכטיקע מאָמענטן — — — — — — — — — — — — — — 361
4. אייזיק רייזלער: זכרונות ורשמים — — — — — — — — — — — — — — — 362
5. עדה סטאָלמאַן: הערכה וברכה — — — — — — — — — — — — — — — — — 364
6. רות ראָסקיס: A Few Words — — — — — — — — — — — — — — — — — 366

באַגריסונגען פון:

פּ. אליאב, גענעראַל קאָנסול פון ישראל — — — — — — — — — — — — — — 368
ש. שזר, דירעקטאָר, דערציאונגס דעפּאַרטמענט פון דער יידישער
אַגענטור — 369
קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 370
אַקציאָנס קאָמיטעט, ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג פון קאַנאַדע — — 371
פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע 372
שטאַט קאונסיל, פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, מאָנטרעאַל — — — — — 372
נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק שולן, ניו יאָרק — — — — 374
פּועלי ציון פּאַרטיי, מאָנטרעאַל — — — — — — — — — — — — — — — — — 375
יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, מאָנטרעאַל — — — — — — — — 376

קאַנאַדער הסתדרות געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — — — — — — — 376
שלום עליכם אינסטיטוט, ניו יאָרק — — — — — — — — — — — — — — — 377
קינדער־זשורנאַל — פאַרלאַג „מתנות״, ניו יאָרק — — — — — — — — — 378
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — 378
קרן התרבות העברית — 380
יידישער לערער סעמינאַר, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — 381
יידישע פרץ שולן, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — — — 381
פאַראייניקטע תלמוד תורהס, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — 382
בית הספר „צעירי ישראל״, („יאָנג איזראַעל״ שולע), מאָנטרעאָל — — 383
בית הספר „עדת ישראל״, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — 383
המדרשה „שערי ציון״, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — 383
בית הספר „שער השמים״ מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — 384

אינהאַלט פון דער ענגלישער אָפּטיילונג

דאָס שלמה וויסמאַן בוך — 5
שלמה וויסמאַן: יידישע דערציאונג — אַ צוגרייטונג צו לעבן ווי קאַנאַדער יידן — 8
דר׳ יוסף דיימאָנד: וועגן אַן אינטעגרירטן קהילהדיקן יידישן שול סיסטעם — 32
דר׳ עזריאל אייזנבערג: די העברעאישע מיטל שולע — — — — — — — — 44
דר׳ יהודה פילטש: טאָג שולן ווערסוס צוגאָב שולן — — — — — — — — 58
מנחם דונסקי, מ. א.: דער לימוד פון קונסט אין יידישע שולן — — — — 64
באַגריסונגען:
פ. סיריל: דזשיימס, פרינציפּאַל און וויצע קאַנצלער, מעקגיל אוניווער־סיטעט, מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 79
אָמער דעזאָלניעי, סופּעראינטענדענט פון דערציאונג, פּראָווינץ קוויבעק 79
ד. ע. פּאָופּ, דעפּיוטי דירעקטאָר פון דערציאונג, פּראָטעסטאַנטישע סקול באָאַרד פון גרויס מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — 80

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

שלמה וויסמאַנס אַרטיקלען: „אמעריקע אין אונדזער דערציאונג״ (ז׳ 72) און „גאָט זוכענישן אין אונדזער דור״ (ז׳ 83) זיינען אויסצוגן פון גרעסערע אַרבעטן.

דאָס שלמה ווייסמאַן בוך

ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּייערן דעם פערציק יאָריקן יובילעאום פון שלמה ווייסמאַנס פירערשאַפט פון די יידישע פאָלקס שולן, איז אויפן ערשטן פּלאַן געווען דאָס אַרויסגעבן אַ שלמה ווייסמאַן בוך.

ס׳איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס איז דער בעסטער מיטל סיי אָפּצושאַצן אין דער ברייטער עפנטלעכקייט דעם יובילאַרס וויכטיקן בייטראַג צו דער אַנטוויקלונג פון די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולן בפרט און פון דער יידישער דערציאונג אויף אונדזער קאָנטינענט בכלל, און סיי אויסצודריקן די פאַרדינטע אָנערקענונג פאַר דעמדאָזיקן ברייטפאַרנעמיקן בייטראָג זיינעם צו דער יידישער דערציאונג, וואָס מיינט, אין לעצטן סך־הכל, אַ ברייטפאַרנעמיקער בייטראג צום יידישן קיום בכלל.

שלמה ווייסמאַנס אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון דערציען טויזנטער און טויזנטער יידישע קינדער צו זיין גוטע יידישע בירגער פון זייער וואוינלאַנד, וואָס מיינט אי גוטע יידן, מיט אַן אינטימער באַציאונג צו יידיש לעבן און צו יידישע אינטערעסן סיי אין קאַנאַדע, סיי איבער דער גאָרער וועלט, און באַזונדערס צום אויפקומענדיקן ארץ ישראל און מדינת ישראל (וואו אַ היבשע צאָל פון זיי האָט זיך פערזענלעך אידענטיפיצירט מיטן דאָרטיקן בויענדיקן און שאַפנדיקן ישוב ווי מיטבויער און מיט־שאַפער), — אי גוטע קאַנאַדער, מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס אין דעם אַלגעמיינעם קאַנאַדער לעבן; —

שלמה ווייסמאַנס פּיאָנערישע אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון גרינדן און אָנפירן מיט טאָג שולן, אַ געביט אויף וועלכן ער איז געווען דער ערשטער אין מאָנטרעאָל, סטימולירנדיק מיט דעם אויך אַנדערע, מאָנטרעאָלער און אויסער מאָנטרעאָלער, לערן אַנשטאַלטן צו גיין אויף דעמדאָזיקן וועג פון מאַקסימאַלער יידישער דערציאונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי מזל־ברכהדיק פאַר דער יידישער דערציאונג אין אירע פאַרשיידנסטע שאַטירונגען; —

שלמה ווייסמאַנס אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון דערציען צענדליקער און צענדליקער יידישע לערער צו אחריות צו זייער פאַך, צו באַטראַכטן זייער אַרבעט ווי אַ מלאכת הקודש, און באַזונדערס — צו אחריות צום יידישן קינד, דעם טרעגער פון אונדזער עתיד; —

שלמה ווייסמאַנס אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון דערציען די שול טוער און מיט־חברים אין דער אַרבעט און פאַרשטאַרקן אין זיי די ליבשאַפט און איבערגעבנקייט צו די דערציאונגס אַקטיוויטעטן וואָס ווערן אָנגעפירט אין און אויסער די קלאַסן צימערן, און איינפלאַנצן אין זיי דאָס

געפיל, אַז זייער אַרבעט ארום די שולן איז ניט קיין אַרבעט נאָר פאַרן היינט, נייערט זי האָט אַ דויערנדיקן היסטאָרישן ווערט, אַ ווערט פאַר דורות; —

שלמה וויסמאַנס ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישע טעטיקייטן, — אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן איבער פּעדאַגאָגישע און דערציערישע פּראָב־לעמען, די דריי בענדיקע ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע „דאָס וואָרט", און אַהער זאָל אויך צוגערעכנט ווערן זיין „מספרים אמריקאים", — די העברעאישע איבערזעצונג פון אַ גרעסערער צאָל אַמעריקאַנער קורצע דער־ציילונגען, וואָס דער לענגערער אַריינפיר צו דעם איז אַן אַרבעט פון אַן עכט לערעריש־פּעדאַגאָגישן און גלייכצייטיק הויך־ליטעראַריש־קריטישן כאַראַקטער; —

אָט די אַלע אויסגערעכנטע, און נאָך אַנדערע ניט אויסגערעכנטע, געבענטשטע אַקטיוויטעטן און השפּעות פון שלמה וויסמאַן שטעלן אים אַוועק אין אַ צענטראַלער פּאָזיציע אינעם יידישן לעבן אין די תפוצות, און מיר זיינען מער ווי צופרידן, וואָס אונדז איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אויסצודריקן די אָנערקענונג פאַר דעם אַלעמען דורך צונויפשטעלן און אַרויסגעבן דעמדאָזיקן ספר הזכרון.

איז אָט דערלאַנגען מיר דאָס בוך דעם ברייטן עולם און מיר האָפן, אַז עס וועט אויפגענומען ווערן מיט דער געהעריקער און פאַרדינטער אויפמערקזאַמקייט.

מיר פון אונדזער זייט ווילן דערביי ווינטשן אונדזער ליבן חבר וויסמאַן נאָך אַ סך — אַ סך יאָרן פון פּרוכטבאַרער טעטיקייט אויף אָט די אַלע אויס־גערעכנטע געביטן.

ויהי נועם ה' עליו, ומעשה ידיו כוננהו.

די רעדאַקציע:

שמשון דונסקי
מרדכי חסיד
יהודה עלבערג

פּ. ס. מיר דריקן דאָ אויס אַ האַרציקן יישר כוח די אַלע וואָס האָבן זיך אַזוי פיין אָפּגערופן און אַריינגעשיקט זייערע בייטראָגן פאַרן בוך, סיי די אַרבעטן אַרום אַלגעמיינע דערציאונגס ענינים, סיי די אָפּשאַצונגס אַרטיקלען און באַגריסונגען, און מיט זייער ערנסטן צוגאַנג צו די פאַרהאַנדלטע ענינים געהאָלפן ברענגען דאָס בוך צו זיין פולער ווערטיקייט.

דערביי ווילן מיר באַמערקן, אַז די געדאַנקען און אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דערדאָזיקער אויסגאַבע זיינען דורכאויס אויף דער פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די שרייבער. די כוונה פון דער רעדאַקציע איז געווען צו געבן אויסדרוק צו אַ ברייטערן אויסטויש פון מיינונגען און אויפפאַסונגען אויף פאַר־שיידענע געביטן פון יידישער דערציאונג.

מיר ווילן דאָ אויך באַדאַנקען דער לערערין ח״ה ב. צוקערמאַן, פאַר אַרויסהעלפן דער רעדאַקציע מיט סעקרעטאַרישער אַרבעט, און דער לערערין ח״ה י. שעכטער, פאַר אַרויסהעלפן ביים לייענען די קאָרעקטורן.

מאָמענטן פון מיין לערערישער ביאָגראַפיע

פון

שלמה ווייסמאַן

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ לערערישער שטוב. ס׳איז אפילו פאַראַן אַ משפחה טראַדיציע, אַז איך בין דער צענטער דור מלמדים. ערשט מיט איניקע טעג צוריק האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן עלטערער מאָנטרעאָלער תושב, וועלכער געפינט זיך דאָ פון סאַמע אָנהויב פון יאָרהונדערט, און האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געלערנט ביי מיין זיידן ר׳ אלתר. ביי אַ פייערלעכער צוזאַמענקונפט פון דינעוויצער אין הויז פון אַן אָנגעזעענעם אינדוסטריאַליסט און כלל טוער אין תל אביב, האָבן כמעט אַלע אָנוועזנדע זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט ווי געוועזענע תלמידים פון מיין פאָטער ר׳ שמאי ווייסמאַן ע״ה.

צווישן די געוועזענע תלמידים פון מיין פאָטער געפינען זיך אַ צאָל מענטשן מיט אַ גוטן נאָמען אין דער דערציערישער און ליטעראַרישער וועלט ווי צבי שאַרפשטיין, ש. ל. בלאַנק, יחזקאל קויפמאַן, לוי ריקליס און אַ סך אַנדערע. ער איז אין זיין צייט געווען גאָר אַ מאָדערנער לערער — אַ משכיל, אַ מדקדק, אַ בעל תנ״ך מיט אַ סך פרשנישע אויפטוען און אַ ליטעראַטור־קענער און ליבהאָבער מיט שרייבערישע נייגונגען. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם „קלאַס״, אין וועלכן ער האָט געמוזט האַלטן אַ באַגרעניצטע צאָל תלמידים. איך בין אַלעמאָל געווען אַ תלמיד שלא מן המנין. האָב איך געדאַרפט זיצן מן הצד אויף אַ קליין בענקעלע און זיך געמעגט נאָר צוהערן. פרעגן האָב איך געמעגט נאָר אויף דער נאַכט, ווען די תלמידים זיינען זיך צעגאַנגען און מיין פאָטער איז געווען פריי. דאָס זיינען געווען זעלטענע געלעגנהייטן, ווייל אין די אָוונטן איז דער טאַטע געווען שטאַרק פאַרנומען מיט ציוניסטישער טעטיקייט און מיט בוררותן. נאָך איצט הער איך אַמאָל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט די קולות פון די צדדים.

שבת גאַנץ פרי, פאַרן גיין אין שולעכל, פלעגט ער מיט מיר דורכלערנען דעם אבן עזרא פון דער סדרה פון דער וואָך. אין זיין דערציען מיך האָט מיין פאָטער זיך געפירט לויט אַ פּלאַן פון פאַרגעבן גרויסצוגיקע זעלבסט־שטענדיקע אַרבעטן. ער האָט מיך געלערנט שרייבן העברעאיש דורך איבערזעצן גאַנצע ביכלעך פון יידיש. יעדן דאַנערשטיק פלעג איך קריגן אַ מטבע צו גיין זיך קויפן ביים פּאַקן־טרעגער אַ „זשאַרגאָניש״ ביכל פון אַ 64 זייטלעך (זיי פלעגן געוויינלעך גיין אין המשכים); דאָס האָב איך געדאַרפט איבערזעצן דורך דער וואָך און מיט אים דאָס לייענען און פאַרריכטן. רוסיש האָט ער מיך געלערנט דורך פאַרגעבן מיר אַן אויפגאַבע

דורכצולייענען אין ווינטער די ווערק פון איין קלאַסיקער, אַ צווייטן ווינטער — פון אַן אַנדערן; דאָס זעלבע מיט די קלאַסיקער פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

מיט זיינע תלמידים האָט מיין פאָטער קיין גמרא ניט געלערנט — אפשר דערפאַר ווייל פאַרן גמרא לימוד זיינען זיי געגאַנגען צו אַן אַנדער מלמד. סיי ווי, מיך האָט ער קיין גמרא ניט געלערנט, נאָר ער האָט מיך געשיקט אַ פּאָר מאָל אין וואָך צו אַ קרוב, אַ יונגערמאַן אַ סוחר. כ׳ווייס ביז היינט ניט, פאַרוואָס ער האָט זיך גאָר ווייניק אָפּגעגעבן מיט דעם טייל פון מיין דערציאונג. ס׳איז מיר די אַלע יאָרן אָנגעקומען גאָר שווער ממלא צו זיין דעם חיסרון אין מיין דערציאונג, אָבער איך האָב מיך כסדר באַמיט עס צו טאָן דורך אַליין לערנען, מיט דער הילף פון דער סאָנטשינאָ איבערזעצונג, און דורך לערנען ביי מלמדים דאָ הי. ויזכר לטוב ר׳ וועלוול טאַבאַטשניק ז״ל, וועלכער האָט אַזוי געדולדיק, מיט גרויסן כוח הסברה און מיט ליבשאַפט מיט מיר געלערנט די בבא׳ס, שלא על מנת לקבל פרס.

כ׳בין געקומען קיין מאָנטרעאָל זומער 1913 אין עלטער פון 14 יאָר. נאָך דעם זעלבן יאָר האָב איך אָנגעהויבן געבן פריוואַטע לעקציעס. מיין ערשטע פּעדאַגאָגישע שריפטלעכע אַרבעט איז געווען אַ בריוו אין דער רעדאַקציע פון „קענעדער אָדלער״ (איינער פון מיינע דריי געציילטע בריוו אין רעדאַקציע דורך מיין גאַנץ לעבן), אין וועלכע כ׳האָב זיך באַקלאָגט אויף מיין בעל הבית — דער פאָטער פון מיין תלמיד — ווייל ער פאָדערט פון מיר, כ׳זאָל מיטן יינגל לערנען עברי. דעם בריוו האָב איך אונטערגעשריבן מלך בן קפדן (שלמה בן שמאי).

זומער 1914 בין איך נאָך אַ קרענק געפאָרן אויף דערהאָלונג אויף אַ דאָרפישער לערער שטעלע. (מ׳פלעגט עס אַמאָל רופן אין לערערישן לשון: אַ קאָנדיציע). כ׳בין דאָרט (אין סט. דזשעראָם) אָפּגעווען אָנדערהאַלבן יאָר, — געוואוינט אַ באַשטימטע צייט אין הויז פון יעדן בעל הבית און געלערנט מיט די יינגלעך. איין יינגל איז געווען אַ טעראָריסט. ער פלעגט מיר אַריינלייגן אין בעט אַריין זשאַבעס. מיט אַ צווייטן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצופּרואוון די ווירקזאַמקייט פון דעם איבערזעץ מעטאָד. כ׳האָב מיט אים געלערנט וועגן די כשופמאַכער אין מצרים וואָס „ויעשו גם הם בלהטיהם כן״; האָב איך אים געוואָלט מקרב זיין די זאַך אל השכל, האָב איך אים געטייטשט „בלהטיהם״ אויף ענגליש „מעדזשיק״ (כ׳האָב זיך דעמאָלט אָנגעהויבן לערנען ענגליש). פרעג איך, צי ווייסט ער וואָס דאָס איז, ענטפערט ער מיר: שור, מעדזשיק בייקינג פּאַודער. — אין מיין פרייער צייט האָב איך זיך אַליין געלערנט ענגליש, און פון די דאָרפישע יונגע מענטשן — פראַנצויזיש און זיך געגרייט צו די עקזאַמענס אויף אַריינצוטרעטן אין מעקגיל. אין די אָוונטן האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן — פאַר זיך — ברוך צוקערמאַנס בראַשורן וועגן פועלי ציוניזם

פון יידיש אויף העברעאיש און מיט שרייבן — דערציילונגען, „עטיודן״, פאַנטאַזיעס, פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען פאַר ראובן ברייניז, — צוערשט אין „קענעדער אָדלער״ און שפּעטער אין דעם „וועג״.

צוריקקומענדיק קיין מאָנטרעאַל, האָב איך זיך געגרייט אריינצוטרעטן אין מעקגיל אוניווערסיטעט, וואו כ׳בין אָנגענומען געוואָרן אין 1916. דורך מיינע ערשטע יאָרן אין מעקגיל האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשיידנ־פאַרביקער און פאַרשיידנאַרטיקער לערערישער אַרבעט: פּריוואַטע לעקציעס, אַ קורס אין יידישער געשיכטע מיט אַן עלטערן קלאַס אין דער יידישער פאָלקס שולע — מיין ערשטע פאַרבינדונג מיט דער פאָלקס שולע, — אַ קורס אין יידישער געשיכטע אין העברעאיש, לויט שפּרס איבערזעצונג פון גרעץ, פאַר דער העברעאישער אָרגאַניזאַציע „מרכז עברי״; אַ יאָר האָב איך געלערנט אין דער מילטאָן ת״ת אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מ. מ. ראַזאָוויטש ע״ה — זייער אַ שטרענגער און זייער אַן ערלעכער פּרינציפּאַל; מיינע מיטקאָלעגן זיינען געווען י. גרינבלאַט, י. טשאַרנעס און יבדל לחיים מיין חבר און פריינט יחיאל מיכלין (זינט 1934 אין רעננה). אַ האַלב יאָר בין איך געווען — פּרינציפּאַל אין דער פּאַפּינאָער תלמוד תורה. דאָרט האָב איך געהאַט מיינע ערשטע דערפאַרונגען אין לערערישער הויך־דיפּלאָמאַטיע: געדאַרפט אַ לערער אויפקלערן, אַז דער באַרימטער זאַץ אין שפה חיה: לבלה ילד, מיינט ניט, אַז בעלא האָט אַ קינד, נאָר אַז לייבעלע איז אַ יינגעלע; שלום מאַכן צווישן צוויי לערער, וועלכע זיינען זיך געווען בלוטיקע שונאים און ענלעכעס.

צו יענער צייט אַרום פרילינג 1918 האָט די פאָלקס שולע, דורך יהודה קויפמאַן, די מעלצערס און משה דיקשטיין, ע״ה, זיך באַמיט מיך אַריבער־צוגעווינען אין גאַנצן צו איר. מ׳האָט מיך איין פאַרנאַכט געבראַכט אויף אַ פּראָבע לעקציע. כ׳האָב דעמאָלט געקראָגן מיין ענדגילטיקע דערפאַרונג וועגן דעם ווערט פון פּראָבע לעקציעס און אויך אויף וויפל אַ לערער איז אַ מבין אויף זיין אייגענער לערעריי — צום גוטן אָדער צום שלעכטן. צוויי־דריי חברים זיינען געווען די מבינים. איך בין שיר ניט איינגעזונקן געוואָרן פון בושה איבער מיין דורכפאַל — בעיקר אין „האַלטן״ די קינדער. די חברים מבינים האָבן אָפּגעגעבן דעם מעגלעכסט גלענצנדסטן באַריכט וועגן מיינע לערערישע פעאיקייטן — בעיקר וועגן מיין כוח פון פאַרכישופן די קינדערס אויפמערקזאַמקייט.

פון 1918 ביז פרילינג 1920 האָב איך געדינט דער פאָלקס שולע ווי אַ לערער, און אַרום ערב פסח האָט די שול פאַרוואַלטונג מיך באַשטימט פאַר זייער ערשטן פּרינציפּאַל.

כ׳האָב אָנגעהויבן מיין אַרבעט אַלס פּרינציפּאַל אָנהויב אַפּריל — אין אונדזער — חנהס און מיין — „דאַבל פאַרלאַר״ (מיר האָבן ערשט געהאַט חתונה געהאַט). פאַרוואָס ניט אין שולע? מחמת ס׳איז קיין שולע ניט

געוועז. יענעם ווינטער האָבן געפּלאַצט די רערן אין דער שולע אויף 740 סט. אָרביין גאַס, און דער בעל הבית האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה פאַר ניט צאָלן קיין דירה געלט. (כ׳געדענק נאָך איצט ווי מיר זיינען געזעסן אין די מאַנטלען און געלערנט, און צוויי תלמידים האָבן געהאַלטן דעם טאָוול אויף די הענט. מיט וויפיל געשמאַק מיר האָבן דאָס דאַן אַלע געלערנט!)

דאַן האָבן די פאַנטאַזיאָרן פון דער שולע — צווישן זיי משה דיקשטיין, ד. ה. לאַזאַרוס, און זיי צו לענגערע יאָר, אברהם פּרנס, לעאָן מעלצער, און אַנדערע — געקויפט אַ שולע, — די ערשטע אייגענע דירה אויף 953 (שפּעטער 3885) סט. אָרביין — האָט מען זי געדאַרפט איבערבויען. דער חנוכת הבית איז געווען דעם 31טן מאַי, מיט יהואשן ווי דער גאַסט רעדנער.

דערווייל זיינען מיר, די לערער,געזעסן גאַנצע טעג אין אונדזער דירה און צוגעגרייט אַ לערן פּראָגראַם מיט אַלע דעטאַלן. כ׳בין נאָך ביז היינט גערירט פון דעם צוטרויען, וואָס דער לערער פּערסאָנאַל האָט מיר דעמאָלט אַרויסגעוויזן. כמעט אַלע לערער זיינען געווען עלטער פון מיר, מיט מער לערערישער דערפאַרונג, און צווישן זיי דער גוט באַקאַנטער פּעדאַגאָג און געלערנטער א. ש. זאַכער, אַ מענטש מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פאָלקס שולע אין איר ערשטער אַנטוויקלונג פאַזע.

מיר פלעגן קומען אָפּגעבן באַריכטן פון אונדזערע פאַרהאַנדלונגען ביי די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג און פון דעם פאַראיין. מיר האָבן זיך איינמאָל שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער סוגיא פון עברית בעברית, און איינער גאָר אַ וואוילער חבר־טוער איז אַזוי צעטומעלט געוואָרן, אַז ער האָט מיך געפרעגט צי מיר וועלן לערנען אויך יידיש עברית בעברית.

דר. יהודה קויפמאַן איז שוין צו יענער צייט ניט געווען אין מאָנטרעאָל. ער האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק און האָט אָנגעפירט מיט דעם יידישן לערער סעמינאַר; אָבער אפילו פון דאָרט איז ער געווען מיין גייסטיקער מדריך. ער האָט מיך מיט יאָרן פריער אַריינגעצויגן אין דער שולע און מיך פאַראינטערעסירט מיט דעם נייעם גאַנג אין יידישער דערציאונג. כ׳האָב עס באמת באַטראַכט פאַר אַ גרויסן כבוד און פאַר אַ זעלטענער זכיה, וואָס ער האָט מיך, אַ גאָר יונגן בחור, איינגעלאַדן צו די ערנסטע שמועסן וועגן דערציאונג, ביי וועלכע ס׳זיינען געזעסן סימפּאַטיקער, און אַנדערע ווי גאָר נאָענטע מיטאַרבעטער אין דער שטיל, אַזעלכע דערציער אין דעם היגן רעליגיעזן תלמוד תורה סיסטעם ווי חיים לאַזינסקי און יצחק חדש. (נאָר און מאָל האָב איך זיך געפילט אויסגעשלאָסן — נאָך ניט ראוי. דאָס איז געווען ביי אַ גאַנצער נאַכט סעסיע, ווען חבר עהרענרייך איז געבראַכט געוואָרן פונ׳ם אַקציאָנס קאָמיטעט אין ניו יאָרק אויסצוהערן און פּרוּוון אויסצוגלייכן סכסוכים צווישן דער פּרץ שולע און דער פאָלקס שולע.)

איך וועל קיינמאָל ניט קענען דערציילן אין דער פולער מאָס וויפל איך האָב צו פאַרדאַנקן מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג ווי אַ יידישער יודע ספר און ווי אַ דערציער צום חבר קויפמאַן. ער איז געווען דער, וועלכער האָט מיך סטימולירט צו זיין מיין גאַנץ לעבן אַן אַליין־לערנער. ער האָט מיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז דער בעסטער וועג פון לערנען איז דורך לערנען יענעם. ער האָט מיר געגעבן דעם מוט צו גיין פון מדרגה צו מדרגה. אַ דאַנק אים, און נאָכמאַכנדיק אים, האָב איך זיך געזוכט און אָפּגעזוכט קאַדרען תלמידים, גראַדואירטע, לערער, עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט לערנען פון מיר און מיט מיר אינאיינעם.

מיינע ערשטע יאָרן פון פולער אידענטיפיקאַציע מיט דער פאָלקס שולע און פון אויסקריסטאַליזירן מיין יידישע דערציאונגס פילאָזאָפיע זיינען אויך געווען די יאָרן פון מיין שטודיום אין מעקגיל אוניווערסיטעט. אין די יאָרן 1918—1920 האָב איך זיך ספּעציאַליזירט אין פילאָזאָפיע, פּסיכאָ־לאָגיע און אין ענגלישער ליטעראַטור. דער אויסוואַל פון די לימודים איז געווען שטאַרק באַווירקט פון מיין אַנטשלאָסענעם אויסוואַל פון יידישער לערעריי ווי מיין לעבנסבאַרוף. דערפאַר האָב איך גלייכצייטיק מיט מיין התמדה אין די אַלגעמיינע אַקאַדעמישע לימודים אויך נאָכגעפאָלגט פאַר זיך אַליין באַשטימטע קורסן פון יידישן וויסן, — אַ טעטיקייט וועלכע איך האַלט אַן ביזן היינטיקן טאָג.

מיין אָפיציעלער אַריינטרעטן אין אַמט ווי פּרינציפּאַל אין יוני 1920 איז צוזאַמענגעפאַלן מיט מיין קריגן דעם בי. איי. טיטול אין אוניווערסיטעט. צוזאַמען מיט מיין אויסהאַקן פאַר זיך אַ וועג ווי אַ פּרינציפּאַל פון אַ מאָדערנער יידישער שולע — ווייל ס׳איז קיין טראַדיציע און דערפאַרונג אויף דעם געביט ניט געווען — איז געגאַנגען מיין שווערע אַרבעט אויף מיינע העכערע אַקאַדעמישע שטודיען, ביז כ׳האָב באַקומען דעם מאַגיסטער טיטול אין מעקגיל אין 1923.

איך האָב אין יענע יאָרן, און מן הסתם אויך אַ סך שפּעטער, היבשלעך אויסגענוצט מיינע תלמידים אין דער מיטל שולע, ווי אויך די קאָלעגן לערער און חברים און חברות טוער פון די שולן, ווי צוהערער צו מיין באַגייסטערטער תורה פון אוניווערסיטעט און פון מיין אייגענער יידישער אויסבילדונג. די לעקציעס און שמועסן וועגן פּלאַטאָס רעפּובליק און וועגן דעם רמבמס מורה נבוכים און וועגן איבן גבירולס כתר תורה און מקור חיים — מיין אייביקער זוכן סינטעזן: אין דעם פאַל פּאָעזיע און פילאָזאָפיע! — האָבן מיינע יונגע און עלטערע חברים גאַרניט דערוויטערט פון מיר. ווי געדולדיק די עלטערן און די שולן טוער האָבן זיך צוגעהערט צו מיינע דאַן זייער לאַנגע לעקציעס איבער דער מאָדערנער דערציאונגס פילאָזאָפיע! איך קען דוכט מיר מיט אַ מאַקסימאַלן גראַד פון זיכערקייט אַנמעסטן אויף זיך דעם מאמר: הרבה למדתי מרבותי, ומחברי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולם.

כ׳האָב דערבראַכט מיין ערשטן גרעסערן גראַדואיר קלאַס צו גראַדואירונג (אַן ערשטע קליינע גרופּע האָט גראַדואירט אין 1920). דאָס איז געווען אין פרילינג 1922. דאָס האָט געזאָלט זיין דער העכסטער שטאַפּל פון פאָלקס שולן דערציאונג. מ׳האָט נאָך דאַן נישט געוואוסט פון קיין מיטל שולע. וואָס פאַר אַ מאָמענט פון התרוממות הנפש מיר האָבן דאַן אַלע דורכגעמאַכט, ווען דער גאַנצער קלאַס איז געקומען אין אָוונט פאַר דער שול פאַרוואַלטונג און ביי זיי געבעטן, מ׳זאָל פאַר זיי אָנהאַלטן וויטערדיקע קלאַסן — עפּעס אַ מיטל שולע.

אין 1924 האָבן מיר זיך געגרייט צו דער ערשטער גראַדואירונג פון מיטל שולע. צו דער גראַדואירונג איז געקומען ווי דער גאַסט רעדנער ד״ר יהודה קויפמאַן. אויף דעם פאַרנאַכט פאַר דער גראַדואירונג פייערונג האָבן מיר גערופן אַ צוזאַמענקונפט פונ׳ם גאַסט מיט די גראַדואירנדיקע תלמידים. דאָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרהער. ס׳איז אויסגעקומען גלייך ווי ד״ר קויפמאַן וואָלט געפילט, אַז איידער ער גיט די תלמידים סמיכה, מוז ער פריער פעסטשטעלן צי זיינען זיי ראוי דערצו. דאָס איז געווען אַ גרינטלעכער און גלייכצייטיק געמיטלעכער פאַרהערן, ביי וועלכן איך, דער לערער, בין אויך געזעסן ווי אויפן פאַרהער. מיר האָבן אויסגענומען; די תלמידים מיט דעם לערער צוגלייך זיינען דערקלערט געוואָרן פאַסיק אַריינצוגיין אין די ערשטע העכערע קורסן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן פולע צוויי יאָר — צוויי יאָר פון העכערע קורסן אין פולן זינען פון וואָרט, וואָס האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן אין דער פולער מאָס מיינע יידישע און אַלגעמיינע ידיעות און זיי אויסצובררייטערן און פאַרטיפן. (ד״ר קויפמאַן האָט מיר דעמאָלט מתיר געווען צו לערנען מיט די תלמידים אויך אַ בלאַט גמרא).

* * *

יענע יאָרן פון אַרבעטן אויף זיך, מיט די תלמידים, מיט און פאַר דער שולע, זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיט די אינטענסיווע קאַמף יאָרן פאַר דער באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן אין דער פּראָווינץ קוויבעק. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיט לייב און לעבן. פאַר דעם צוועק האָב איך זיך אַקטיוו באַטייליקט אינ׳ם ערשטן קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, וואו כ׳בין געווען דער יינגסטער דעלעגאַט צום דערוויילט ווערן אין געהיימע פאָלקס וואַלן, און אין דעם ועד העיר, וואו איך האָב געהאַט דיזעלבע זכיה. איך בין געווען דער ניט־באַשטימטער אָבער דערפאַר אַלגעמיין־אָנערקענטער עקספּאָנענט פאַר די פּעדאַגאָגישע אַספּעקטן פון דעם פּראָבלעם און פון דעם קאַמף. איך פלעג אויסאַרבעטן די טעזיסן און די אַרגומענטאַציע און האָב זיי, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון אַ צאָל אַקטיווע מיטקעמפער, פאַרטיידיקט אין וואָרט און אין שריפט.

איך האָב אין דעם קאַמף אַריינגעלייגט מיין גאַנצן גליענדיקן גלויבן

אין דער פֿאָלקס־רעטערישער אויפֿגאַבע פֿון יידישער דערציאונג און מיין שטאַרקע גרייטקייט צו געבן פֿון זיך פֿאַר די זאַכן אין וועלכע איך גלויב. דער קאַמף און מיינע באַמיאונגען פֿאַר אים האָבן מיר געגעבן שטאַרקע באַפֿרידיקונג. דער נחת רוח איז מיר אָבער שטאַרק געשטערט געוואָרן דורך צוויי אומאַנגענעמע מאָמענטן, וועלכע האָבן מיך זייער שטאַרק דער־דריקט — איינער אַ ריין פּסיכאָלאָגישער, און דער צווייטער אַן אידעאָלאָגישער.

דער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּילט אי אין דרויסן, אי אינעווייניק. ס'זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן פֿאַרזאַמלונגען, צו וועלכע ס'זיינען געקומען גוט אָרגאַניזירט און צוגעגרייט ביידע צדדים, דער אייגענער צד און די שטאַרקע קעגנער. ס'זיינען פֿאָרגעקומען שטורמישע מאָמענטן, ווען דער צד שכנגד האָט ניט געלאָזט רעדן. איך בין ניט געווען געוואוינט און אויך ניט צוגעפּאַסט צו אַזעלכע פּלאַטפֿאָרמעס, דאָך האָב איך אָנגענומען באהבה די שטערונגען און אפילו די פּראָוואָקאַציעס און האָב גאַנץ קאַמפּלוסטיק אָפּגעענטפֿערט און ווידער פֿאַרטיידיקט אונדזער שטאַנדפּונקט ביז — כ'האָב דערהערט אויסרופֿן, אַז אַזעלכע ווי איך זיינען אַזעלכע שטאַרקע פֿאַרטיידיקער פֿון סעפּאַראַטע יידישע שולן, ווייל זיי דערוואַרטן צו באַקומען גוטע שטעלעס („פֿעטע דזשאָבס") ביי אַזאַ סיסטעם. אָט דער חשד האָט מיך טיף באַליידיקט, אפילו פֿאַרוואונדעט, אַז ס'האָט מיר שיר ניט אָפּגענומען דאָס לשון. פֿון דאַן אָן איז יעדער אויפֿטריט ביי אַ מאַסן־פֿאַרזאַמלונג געווען אַן אָפּקומעניש.

אין דער אייגענער נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווער ריכטונג, אפילו אין דער פֿאָלקס שולן אָרגאַניזאַציע, איז אויסגעקומען צו פֿירן גאָר אַ שטאַרקן קאַמף אין פֿאַרטיידיקונג פֿון דער סעפּאַראַטער שולן אידעע. דאָ איז דער קאַמף געווען אַ ריין אידעאָלאָגישער. ס'איז אויסגעקומען צו קעמפֿן פֿאַר אַ כל ישראל געאייניקטן אלגעמיינעם יידישן לערן פּראָגראַם אין אַ ריכטונג, וועלכע איז היסטאָריש געווען באַדינגט צו יידישער און פּראָגראַמאַטישער אָפּגעטיילטקייט און באַזונדערקייט.

די מאָדערנע יידישע שולן זיינען אויפֿגעקומען ווי אַ פּראָטעסט־און־קאַמף־ריכטונג קעגן די אַלטע אָנגענומענע יידישע דערציאונג פּראָגראַמען און מעטאָדן. האָט זיך איינגעוואָרצלט ביי די אָנהענגער פֿון דער שול ריכטונג אַ טענדענץ צו באַזונדערקייט און אָפּגעזונדערטקייט. איז דעריבער גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז די מענטשן האָבן זיך געשראָקן פֿאַר אַ פּלאַן פֿון אַ געאייניקטן כל־ישראלדיקן לערן פּראָגראַם און קוריקולום. אַם שטאַרקסטן האָט זיך די מורא אויסגעדריקט ביים מאָמענט פֿון רעליגיע אין דעם געפּלאַנטן לערן פּראָגראַם.

איך בין אין יענער צייט געווען היבשלעך יוצא־דופֿנדיק אין מיין באַציאונג צו אָט דעם קאָמפּלעקס פֿון דערציאונג פּראָבלעמען. אפילו נאָך איצט איז מיין שטעלונג ניט צו פּאָפּולער יעדעס מאָל וואָס כ'קום אַרויס מיט דער לאָזונג, אַז ס'זיינען טאַקע פֿאַראַן מאָמענטן ווען און וואו איך מוז

זיך אויסטיילן, אָבער בדרך כלל בין איך צופרידן צו זען דאָס געמיינ־שאַפטלעכע, דעם צד השווה צווישן מיר און אַנדערע. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז צו יענער צייט, ווען צוגעשפּיצטע אַנדערשקייט איז געווען אַ סך מער אין דער מאָדע ווי היינט, איז מיין שטעלונג געווען היבשלעך אומפּאָפּולער.

רעליגיעזע שטימונגען און נייגונגען זיינען מיר אַלעמאָל געווען גאָר נאָענט צום הארצן, און כ׳האָב דעריבער געקענט גיין אַ היבש ביסל ווייטער אין דער פראַגע פון דעם מאָמענט פון רעליגיע און טראַדיציע אין אַ געאייניקטן דערציאונגס פּראָגראַם אפילו פון מיינע מיטאַרבעטער אין דער אייגענער שול ריכטונג. דאָס איז געווען גאָרניט קיין פּאָפּולערער שטאַנד־פּונקט, און ס׳איז דעריבער געווען גאַנץ שווער און אומאַנגענעם אים צו פאַרטיידיקן. איך האָב זיך געפילט ספּעציעל אומגליקלעך ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן די סעפּאַראַטע שולן אידעע אין די גענאָסישע און יוניאָן קרייזן, וועלכע זיינען נאָך, ביז צו אַ הויכער מאָס, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון׳ם אב. קאהאן און פייגנבוים ,,אַנטי־קלעריקאַליזם״. די פלאַכע אפּיקורסות איז מיר געווען דערווידער, און אַזוי ווי ס׳איז אָפט נויטיק געווען מיט איר צו מאַכן געוויסע פּשרות למען השלום און צוליב דעם דורכזעצן די אידעע פון סעפּאַראַטע יידישע שולן אין דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער ריכטונג, איז מיר ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אַ פריקרער נאָך־טעם פון יענע דיסקוסיעס און פאַרהאַנדלונגען.

* * *

ס׳איז געבליבן אין זכרון ווי אַ געשמאַקער אַראָמאַט פון די יאָרן פון די לייען קרייזן, פון די שלום עליכם קלובן און פון די יערלעכע אויסגאַבן, די ,,בלינדע צווייגעלעך״ — דאָס זיינען געווען יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט מיט תלמידים, פון לערנען מיט זיי און פון זיי, פון באַווירקן און באַווירקט ווערן. אין יענע יאָרן איז רעכט געווען, אז ווען מ׳האָט געענדיקט לערנען — יעדן אויף דער נאַכט האַלב נאָך אַכט אַזייגער — און מ׳האָט שוין באַגלייט די תלמידים און תלמידות, וואָס האָבן געוואוינט אין גויאישע גאַסן און געסלעך, זאָלן יצחק פּאַגעל און יוסף סילווערמאַן, און פּנחס נאכליס, משה טויב, שלמה רובינשטיין און אַנדערע קומען אַהיים צום לערער אַ האַלבע שעה שפּעטער, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּצועסן און מיט אים פירן שמועסן און דיספּוטן איבער ליטעראַטור, יידישע און וועלטלעכע, און איבער פילאָזאָפיע אויף לאַנגע שעהן. יעדן פרייטיק צונאַכטס איז די קליינע ענגע דירה אָנגעפילט געוואָרן מיט תלמידים און גראַדואירטע, וואו מ׳האָט געלייענט ליטעראַרישע ווערק, געפירט שמועסן און פאַרביסן מיט חברה וויסמאַנס געבעקס און מיט געזאַנג.

דאָס אַרויסגעבן פון דעם יערלעכן בוך די ,,בלינדע צווייגעלעך״ איז געווען אַ מלאכת הקודש. תלמידים האָבן זיך אויסגעקליבן טעמעס און זיך גענומען אויך צו פרייע אַרבעטן, און מ׳איז געקומען זונטיק נאָכמיטאָג און

אין די אָונטן אויף באַראַטונג וועגן די אַרבעטן. מ'האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז יעדע יערלעכע אויסגאַבע איז אַ מיילשטיין אויפֿן וועג צו דער יידישער שעפערישקייט פֿונ'ם נייעם דור. אינ'ם זעלבן ליכט איז געזען געוואָרן דאָס מיטגיין מיט תלמידים צו לעקציעס, טעאַטער פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, יידישע און ניט יידישע.

ס'קומען איצט פֿאַר אַזעלכע אָונטן אין אונדזער היים מיט דער דראַמאַ גרופּע פֿון עלטערע גראַדואירטע, וועלכע פֿונקציאָנירט איצט שוין דאָס פֿערטע יאָר. חנה פּילט אין זיי אַן אָפּקלאַנג פֿון יענע יאָרן. איך שרייב אָט די בלעטלעך זכרונות אין די ווינטער וואַקאַציע טעג אין אַ קלאַס צימער. דערנעבן געפֿינט זיך אַ גרופּע פֿון אַ צוואַנציק מיטל שול תלמידים, וועלכע גיבן אָוועק זייערע פֿרייע שעהן אויף אַ פּראָיעקט פֿון זייער שלום עליכם קלוב. פֿון צייט צו צייט כאַפּ איך זיך אַריין אויף אַ פּאָר מינוט, און ס'דוכט זיך מיר אויך, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ דירעקטער המשך. — — —

די פֿילע יאָרן פֿון ליטעראַרישע פּרייטיק־צו־נאַכטסן מיט די תלמידים און מיט די עלטערן זיינען מיר היבש באַהילפֿיק געווען אין די יאָרן פֿון אַרבעטן אויף די דריי טיילן „דאָס וואָרט" — אַ ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פֿאַר די עלטערע קלאַסן פֿון דער עלעמענטאַר שול און פֿון דער מיטל שול, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1931. כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט אויסצופּרואוון אַ סך יידישע, העברעאישע און וועלט ליטעראַטור טעקסטן אויף דעם געשמאַק פֿון יוגנטלעכע און פֿון דערוואַקסענע.

די אַרבעט אויף „דאָס וואָרט" האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרייד און לערערישן גענוס. כ'האָב דאַ געקראָגן די מעגלעכקייט צו פֿאַרווירקלעכן אַ צאָל פֿון מיינע עיקרדיקע איבערצייגונגען. אין אַ צאָל פּעדאַגאָגישע אַרבעטן, אָנהויבנדיק מיט דער אַרבעט „ליטעראַטור אין דער שול" („שול און דער־ציאונג", 1928), האָב איך אויסגעדריקט און מאָטיווירט מיין גלויבן אין דעם כוח פֿונ'ם עכטן, קינסטלערישן וואָרט משפּיע צו זיין אויף דער פֿאָרמירונג פֿון דעם יוגנטלעכן. דאָ האָב איך געקראָגן די לאַנג־געגאַרטע געלעגנהייט צו האָבן אַ פּירנדיקע ראָל אין דעם אויסקלייבן די כלים פֿאַר אָט דער דעליקאַטער גורלדיקער דערציערישער אויפֿגאַבע. כ'האָב דאָ אויך געהאַט די מעגלעכקייט אריינצוברענגען אין דעם לימוד פֿון יידישער ליטעראַטור מער קערנדיקע היסטאָרישע יידישקייט, די אַלטע און נייע אֶרץ ישראל, וויכטיקע פֿראַגמענטן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, פֿון דער וועלט ליטעראַטור, און פֿון די סאַמע נייעסטע וויכטיקע ווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור איבער דער גאַנצער וועלט, איינשליסנדיק סאָוועט רוסלאַנד.

דורך די אַלע יאָרן, פֿון די צוואַנציקער יאָרן ביז היינט, האָב איך צוזאַמען מיט די אַלע פּעדאַגאָגישע און פּעדאַגאָגיש־ליטעראַרישע אַרבעטן זיך באַשעפֿטיקט מיט מיין „האָבי" — די פֿאָרשונג פֿון דער אַמעריקאַנער

ליטעראַטור. כ׳האָב שטודירט, געפאָרשט, געלערנט זיך און אַנדערע. כ׳האָב זיך געשאַפן אַ קרייז פון גראַדואירטע און סתם פריינט, וועלכע זיינען געווען גרייט צו קומען לערנען ביי מיר אָט דעם געביט. אַ סך יאָרן האָב איך די לעקציעס געגעבן אויף יידיש. ס׳וואָלט מיך צו וויט אַוועקגעפירט — הגם ס׳וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט — צו שילדערן און דערקלערן דעם הינטערגרונט פון מיין אייגענער אַנטוויקלונג און פון מיין סביבה, וואָס האָט עס געמאַכט ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז איך זאָל אָט די פאָרשונג און לערערישע אַרבעט אויף דעם געביט פון אַמעריקאַנער ליטעראַטור טאָן אויף יידיש (און שפּעטער צו אויף העברעאיש), — און ניט אויף ענגליש. דאָס זעלבע איז אויך געווען די פילע יאָרן, וואָס כ׳האָב געגעבן סיסטעמאַטישע קורסן וועגן פּסיכאָלאָגיע און דערציאונג פּסיכאָלאָגיע — דווקא אויף יידיש. דערפאַר טאַקע שליס איך איין אַ פּאָר באַמערקונגען אויך וועגן אָט די אַרבעטן אין אַ פראַגמענטאַרישן שרייבן וועגן מאָמענטן פון מיין לערערישער ביאָגראַפיע. כ׳האָב דורך דער צייט אָנגעשריבן מער ווי אַ צענדליק לענגערע אַרבעטן און מאָנאָגראַפיעס איבער גרויסע שריפטשטעלערישע פּערזענלעכ־קייטן אין אַמעריקע. אַ פּאָר האָב איך פאַרעפנטלעכט אין יידישע און העברעאישע צייטשריפטן. כ׳האָב איינינקע מאָל שוין געהאַלטן ביים אַרויס־געבן אַ באַנד אַזעלכע עסייען אין יידיש; כ׳האָב אָבער געהאַלטן אין איין אָפּלייגן — ביז ס׳איז געוואָרן צו שפּעט. אַ גרויסן טייל פון דעם מאַטעריאַל האָב איך שפּעטער אויסגענוצט אין מיין לענגערער מאָנאָגראַפיע איבער דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער קורצער דערציילונג, אין דעם אַריינפיר צו מיין בוך „מספרים אמריקאים״ — אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אַמעריקאַנער קורצער דערציילונג, אין מיין העברעאישער איבערזעצונג. (הוצאת ניומן, ת״א 1956).

ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז איך זאָל מיין דערציערישע אַרבעט צווישן יוגנטלעכע און צווישן דערוואַקסענע טאָן אין יידיש און אין העברעאיש. און דאָך האָב איך מיט דער צייט אָנגעהויבן דערפילן, אַז ס׳איז מיין פליכט צו ווירקן אויך אין דער ענגלישער שפּראַך ספערע. בדרך כלל האָב איך גאָר ווייניק חרטה אויף די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון מיין לערערישער „קאַריערע״, און וואָלט איך געהאַט נאָך אַמאָל אויסצוקלייבן, וואָלט איך וואַרשיינלעך ווידער געטאָן דאָס זעלבע — מיט גאָר ווייניקע ענדערונגען אין וועזנטלעכע פּרטים. כ׳מוז אָבער למען האמת מודה זיין, אַז ס׳טוט מיר באַנג, פאַרוואָס ס׳האָט מיר גענומען אַזוי לאַנג ביי זיך צו פּועלן צו טאָן דערציאונג אַרבעט צווישן יוגנטלעכע און דערוואַקסענע אויך אויף ענגליש.

אָנגעהויבן האָב איך דווקא פרי, אָבער נאָר שריפטלעך און ניט דורך דירעקטן מינדלעכן קאָנטאַקט. איך האָב אין די פריע צוואַנציקער צוגעגרייט אַ סעריע ימים טובים פּראָגראַמען אויף ענגליש פאַר „יאָנג דזשודעאַ״, אין דער צייט ווען אָט די ציוניסטישע יוגנט באַוועגונג איז געפירט געוואָרן

פון דעם איצט באַרימטן דוב יוסף — דאַן באַרני דזשאָזעף, — זיין ברודער פיל דזשאָזעף, און סעם טשייט. שפּעטער צו האָב איך פאַר דערזעלבער באַוועגונג אָנגעשריבן אַ לענגערע בראָשור אויף ענגליש וועגן די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. ס'האָט אָבער גענומען גאָר לאַנג ביז כ'האָב זיך געלאָזט אַריינציען צו טאָן לערערישע אַרבעט צווישן דערוואַקסענע אין דער ענגלישער שפּראַך. אַריינגעצויגן האָט מיך ראַביי יהושע שטערן פון דעם רעפאָרם טעמפּל עמנואל. כ'האָב אין זיין „קאָלעדזש אַוו דזשואיש סטאַדיס" געהאַלטן דורך אייניקע ווינטערן סעמינאַרן און ציקלען רעפע־ראַטן וועגן יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און וועגן דער געשיכטע פון חסידות. (אייניקע פון די לעקציעס־עסייען זיינען געדרוקט געוואָרן אין יום־טוב נומערן פון דעם היגן „דזשואיש קראָניקל".)

ווי אַ גאָר וויכטיקער מאָמענט פון דער פאַזע פון מיין דערציערישער אַרבעט באַטראַכט איך מיין אָנהויבן אין דעם סיר דזשאָרדזש וויליאַם קאָלעדזש דעם קורס פון העברעאישער שפּראַך. דעם קורס האָב איך אָנגעהאַלטן צוויי יאָר (1953—1955) דאָס איז געווען אַ וויכטיקע פּיאָנערישע אַרבעט, וועלכע איך האָב, צוליב דוחק אין צייט, איבערגעגעבן אַנדערע ממשיך צו זיין. איך באַדויער זייער, וואָס כ'בין דאָרט ניט געבליבן גענוג לאַנג אום זיך צו באַמיען דורכצוזעצן מיין אָריגינעלן אַמביציעזן פּלאַן פון אַוועקשטעלן דאָרט אַ קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור, אויף אַ ברייטן און טיפן פאַרנעם. איך גלויב, אַז ס'איז געווען מעגלעך, און ס'איז וואַרשיינלעך נאָך איצט מעגלעך דאָס צו טאָן.

* * *

ס'איז שוין מער ווי דרייסיק יאָר, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט אויף דער ערשטער טאָג שול. און נאָך געדענקט זיך דאָס געפיל פון גרויסער זכיה און פון גרויסער אחריות — פון ערשטקייט, פון געוואַגטקייט און העפלה (פון לשון: ויעפילו אל ההר). ס'איז געווען אַ געפיל, אַז דאָ נעמט מען אָן דעם פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג ביי די הערנער, פון אַ מין דוחק זיין את הקץ. בפירוש דאָס און ניט ווייניקער. מ'האָט געזען דעם קליינעם פּרוואו פון שאַפן צוערשט אַ קינדערגאָרטן און נאָך דעם אַ קלאַס איינס פון אַ נייעם סיסטעם פון קלאַסן — אין די קאַטעגאָריעס פון אַ רעוואָלוציאָנערן פאַרמעסט.

וויפיל מוט און גלויבן אין דער אייגענער גערעכטיקייט ס'האָט זיך געפאָדערט, כדי זיך צו קענען שטעלן קעגן אַלעמען. די גאַס האָט עס באַטראַכט ווי אַ ווילדע געוואַגטקייט: דאָ גייט אַ קליינע יידישע שולע איבערנעמען פונקציעס פון אַ פּראָטעסטאַנטישער „סקול באָרד"! געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון וויכטיקע חברים שול טוער, וועלכע האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש, יאָ אפילו קעגנעריש צום פּלאַן. ס'איז זיי אויסגעקומען ווי די היימישע אייגענע יידישע פאָלקס שולע וואָלט זיך געריסן אין אַ

פרעמדער, וועלט אַריין און קען אפשר חס ושלום דורך דעם אָפּגעפרעמדט ווערן פון איר עכטער היימישער אייגנקייט. ס׳האָט גענומען גאָר לאַנג ביז די טאָג שול איז געוואָרן פון אַלעמען באַטראַכט ווי דער ראש פינה, דער וויכטיקער קערן פון דער שולן אַרבעט. מ׳האָט פריער געדאַרפט דורכמאַכן אַ פּאָר שטאַפּלען פון אָפּענער קעגנערשאַפט, פון שטילער קעגנערשאַפט, פון רעזיגנאַציע, פון מהיכי תיתי, — טאָג שולע איז אויך אַן ענין.

ס׳איז גאָר ניט לייכט אָנגעקומען צו איבערצייגן אפילו די חברים לערער אין דער וויכטיקייט פון דער אונטערנעמונג. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס וועט ניט אַרבעטן, און אויב יאָ, וועט דאָס אונטערגראָבן זייער חשיבות ווי יידישע לערער כלפּי די ענגלישע לערער. אפשר האָט די קעגנערשאַפט אויך געשטאַמט דערפון, וואָס די יידישע חברים לערער זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער טאָג שול גערופן געוואָרן צו ברענגען צייט־ און מי־קרבנות פאַר דעם פּראָיעקט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פון אַ פינאַנציעל אָרעמער שול אינסטיטוציע. יאָ, ס׳האָט גענומען גאָר לאַנג ביז די חברים לערער האָבן באַנומען אין דער פולער מאָס, אַז „כי למחיה שלחני״, — אַז די טאָג שול וועט הויבן זייער לערערישע חשיבות — אי פּעדאַגאָגיש פּראָפעסיאָנעל, אי עקאָנאָמיש פּראָפעסיאָנעל. (ביים היינטיקן טאָג איז די סאַמע עקזיסטענץ פון דער יידישער לערער פּראָפעסיע אין מאָנטרעאָל אָנגעוויזן ביז דער גרעסטער מאָס אויף דער אַנטוויקלונג פון די טאָג שולן).

ניט לייכט איז אָנגעקומען צוזאַמענצושטעלן דעם ערשטן קינדערגאָרטן; מ׳האָט געדאַרפט „ווערבירן״ קינדער. אָבער, אָט האָט שוין געהאַלטן ביים סוף לערן־יאָר (1928) און מ׳האָט געדאַרפט פּלאַנירן צו עפענען דעם ערשטן קלאַס פון דער טאָג שול. ס׳איז אויפגעקומען די פראַגע צווישן עלטערן און שול טוער: וועט די פּראָטעסטאַנטישע סקול באָרד אָנערקענען אונדזער טאָג שולע? וועלן די שטאַטישע שולן אַריינעמען אונדזערע תלמידים, ווען די עלטערן וועלן וועלן, אָדער וועלן דאַרפן, זיי אַריבערשיקן פון אונדזער טאָג שול אין דער שטאַטישער שול? איך האָב זיך געווענדעט צו דער סקול באָרד מיט אַ בקשה זיי זאָלן אונדז אויפנעמען אויף אַ שמועס. זיי האָבן מיך אָפּגעלייגט פון וואָך אויף וואָך, פון טאָג אויף טאָג. כ׳געדענק, אַז כ׳האָב זיך דאַן געגרייט צו פאָרן אויף אַ שולן צוזאַמענפאָר אין די שטאַטן. כ׳האָב פאַראויסגעקוקט מיט גרויסער דערוואַרטונג צו קענען דער־ציילן די חברים לערער און שול טוער וועגן דעם געוואַגטן שריט פאַר יידישער דערציאונג. אַ פּאָר שעה פאַרן אָפּפאָרן האָט מען מיך גערופן טעלעפאָניש פון דער פּראָטעסטאַנטישער באָרד און מ׳האָט מיר איבערגע־געבן, אַז זיי האָבן ליידער ניט קיין צייט מיך אויפצונעמען, נאָר אַז דער דירעקטאָר איז גלייך איצט גרייט מיט מיר צו האָבן אַ טעלעפאָן שמועס. בלית ברירה האָב איך אָנגענומען דעם פריינטלעכן אָנבאָט.

דער דירעקטאָר האָט מיר פריינטלעך דערקלערט, אַז לעולם זעט ער

ניט אין די ווינטשנסווערטיקייט פון אזא דערציערישער אונטערנעמונג. דאס גייט קעגן דעם גייסט פון דערציאונג צו קאנאדישקייט. יעדע אימיגראנ־טישע גרופע דארף לטובת דער אנטוויקלונג פון געזונטער קאנאדישקייט ווי לטובת דעם וואוילזיין פון דער אימיגראנטישער גרופע גופא און איִרע קינדער, אויפגעבן איר באזונדערקייט. יא, מ׳דארף די יידישע קינדער דערציִען אין דער יידישער רעליגיע. אבער פאר דעם איז גענוג א זונטיק שולע. ער, דער דירעקטאר, זאגט ניט, אז די באַרד וועט אנערקענען דעם אלגעמיינעם לערן פּראגראם פון אונדזער טאג שול; ער זאגט אויך ניט, אז די באַרד וועט ניט אנערקענען. ס׳וועט זיך ווענדן אין אומשטענדן, ווי זיי וועלן זיך שפעטער אנטוויקלען. אויב אונדזער שול און די עלטערן ווילן איינשטעלן (טייק ע טשענס), קענען זיי דאס טאן.

דאס איז געווען אן עמער קאלטע וואסער אויף אונדזער ענטוזיאזם און אויף אונדזערע פּלענער אויפן נייעם לערן יאר. כ׳האב באלד געהאט א שמועס מיט חבר משה דיקשטיין ע״ה, וועלכער האט צוזאמען מיט מיר געטראגן די פולע לאסט און פאראנטווארטלעכקייט פאר דער טאג שול, און מיטגעטיילט מיין פולע איבערצייגונג אין דער וויכטיקייט און ריכטיקייט פון דער אונטערנעמונג. מיר זיינען געקומען צום געוואגטן שלוס, אז מיר וועלן האלטן בסוד דעם ענטפער פון דער פּראטעסטאנטישער באַרד, אז מיר וועלן דעם ענטפער טייטשן אויף א פּאזיטיוון אופן — דאס מיינט, אז אויב מיר וועלן די קינדער גוט צוגרייטן אין די ענגלישע לימודים, וועט די אנערקענונג קומען בעל כרחם.

ס׳זעט אויס, אז די עלטערן האבן זיך אנגעשטויסן אין אונדזער סוד: מיר האבן ניט געקראגן קיין גענוגנדע צאל קינדער צו עפענען דעם קלאס איינס. דאס האט אונדז ניט צוריקגעהאלטן פון עפענען א נייעם קינדער־גארטען, וואס זאל מיט א יאר שפעטער ווערן דער קלאס איינס פון דער טאג שול. כך הוה. מיר האבן זיך די ערשטע יארן געמוזט צופרידנשטעלן מיט קליינע קלאסן אין טאג שול. אבער די אנערקענונג איז געקומען. ווען א קינד איז אריבערגעגאנגען פון אונדזער טאג שול אין דער פּראטעסטאנטישער סקול, האט די סקול דאס קינד אנגענומען און אים געגעבן דעם פולן קרעדיט פאר דעם „רעפּארט״, וואס ער האט פון אונדז מיטגעבראכט. מיט א צענדליק יאר שפעטער האט אונדזער טאג שול צוזאמען מיט אנדערע טאג שולן, וועלכע זיינען שפעטער אויפגעקומען, ארויסגעקראגן אן אפיציעלן צוזאג פון דער פּראטעסטאנטישער באַרד, אז אונדזערע רעפּארטן און דיפּלאמען וועלן אנגענומען ווערן אן וועלכע ס׳ניט איז פארמאליטעטן אדער ווייטערדיקע פארהערן.

די באלוינונג איז שפּעטער געקומען, ווען מר. דאגלאס פּאופּ, צו יענער צייט פּרינציפּאל פון א שכנותדיקער פּאבליק סקול און שפּעטער פון די העכסטע באאמטע פון דער צענטראלער פּראטעסטאנטישער שול פּארוואלטונג,

און מיס בריטאַן, די פּרינציפּאַלין פון דער צו יענער צייט עלטסטער און אַריסטאָקראַטישער „מאָנטרעאַל היי־סקול״ האָבן, אויף אונדזער איינלאַדונג, באַזוכט אונדזער טאָג שולע. נאָך לענגערע באַזוכן האָבןביידע אויסגעדריקט זייער באַוואונדערונג ווי אַזוי ס׳איז מעגלעך אונטער אַזעלכע שווערע פיזישע באַדינגונגען — אין דער קליינער ענגער שול געביידע, איבערגעבויט פון אַ פּריוואַטער וואוינונג אויף 5201 וויווערלי גאַס — אונטערנעמען אַזאַ טיכטיקע און אַמביציעזע דערציאונג אַרבעט אין די קלאַסן און אַזעלכע אויסער־קוריקולאַרע פּראָגרעסיווע פּראָיעקטן. פון יענער צייט אָן האָט מר. פּאַוּפּ מיט מיר טיכטיק מיטגעאַרבעט און אונדז אַרויסגעהאָלפן מיט עצות און מיט מאַטעריאַלן ביי אַ סך שפּעטערדיקע געלעגנהייטן.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און מיר האָבן אָנגעהויבן דערפילן אַ געוויסע נאָרמאַלקייט אין דער שול אַטמאָספערע. אַ לאַנגע צייט האָט זיך די „נאָר־מאַלקייט״ אויסגעדריקט אין מיין געמיט מיט דער באַפרידיקונג פון זען קינדער אַרום זיך אין שולע אַ גאַנצן טאָג.

איך בין געווען געוואוינט צו קומען אין שולע באַלד אין דער פרי. יעדן טאָג אויפן וועג אין שולע אַריין פלעג איך טרעפן אויף דער גאַס הונדערטער יידישע קינדער אויפן וועג אין דער ענגלישער סקול אַריין — אַ סך פון זיי אונדזערע אייגענע תלמידים פון פאַרנאַכט. ס׳איז מיר געווען אומעטיק אין שולע אָן קינדער ביז אין די שפּעטע שעהן פון נאָכמיטאָג. פלעג איך ממש מקנא זיין מיין שכן, דעם ענגלישן פּרינציפּאַל. ס׳איז געוואָרן פריילעכער אויפן געמיט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טאָג שולע.

* * *

ס׳איז אונטערגעקומען די ערשטע גראַדואירונג פון דער אַכטקלאַסיקער טאָג שולע (קינדערגאָרטן און 7 יאָר עלעמענטאַר שול). דאָס איז געווען אין יוני 1940, אין די חדשים ווען פּאַריז איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם נאַצישן שטיוול. ס׳האָט גענומען פולע 11 יאָר אויפצובויען די טאָג שול, און ס׳איז געוואָרן אי פרידיק, אי פיינלעך קלאָר, אַז מ׳קען לענגער ניט אָנגיין מיטן אַמביציעזן מאַסשטאַב פון שול פירונג — סיי אַ גרויסע אָוונט שול און סיי אַ גרויסע טאָג שול — אין די קליינע ענגע און ווייניקע קלאַס צימערן אין די צוויי שול הייזער, איבערגעבויטע פון פּריוואַטע וואוינונגען.

ס׳איז אונדז פּאַקטיש ביים היינטיקן טאָג אומבאַגרייפלעך, ווי האָבן מיר טאַקע געקענט טאָן אָט די גרויסע אַרבעט אין די צוויי קליינע שטיבלעך. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די לערער מיט ח׳ דונסקין, דעם געהילף פּרינציפּאַל, בראש, האָבן זיך אומגעהייער אָנגעשטרענגט כדי צו מאַכן דאָס מעגלעך. לענגער האָט עס אָבער ניט געקענט אָנהאַלטן.

מ׳האָט דאַן אין דער פאָלקס שולן אָרגאַניזאַציע גערעדט וועגן צוויי נויטיקע אונטערנעמונגען: 1) פייערן דעם 25 יאָריקן יובילייִ פון די שולן, — אַ דאַטע וועלכע איז שוין געווען פאַריבער אומגעפּייערט, און 2) צוטרעטן

בויען אַ נייע גרויסע שולע. און דאָ האָבן זיך עפּעס די הענט ניט געלייגט. ס'איז פּונקט דאַן געווען אַ צייט פון אָרגאַניזאַטאָרישער שוואַכקייט אין די שולן. ס'האָט ניט געקלעקט קיין מוט ניט אויף צו פייערן און ניט אויף צו בויען. כ'האָב דעמאָלט דערפילט, אַז עת לעשות, אַז איך מוז אַליין מאַכן דעם שווערן אָנהויב און שטעלן די אָרגאַניזאַציע פאַר אַ פאַקט, אַז מ'טרעט צו בויען אַ שולע. כ'בין איינער אַליין אַרויסגעגאַנגען צו פילע צענדליקער פריינט פון די שולן און צוזאַמענגעשטעלט אַ באַדייטנדיקע סומע, וועלכע האָט דערמוטיקט די שול טוער זיך אונטערצונעמען מעגלעך צו מאַכן דעם שולבוי פּראָיעקט.

דאָס איז ניט געווען מיין ערשטע גרויסע אַרבעט פון שול־טועריי. איך האָב פון מיינע יינגסטע יאָרן אין דער שולן אַרבעט זיך ניט איזאָלירט פון שולן „כלל־טועריי". איך האָב אַ פּאָר צענדליק יאָר דורכאַנאַנד געטראָגן די לאַסט פון שול פאַרוואַלטונג — שולן קאַמפּיינס, באַזאַרס, אונטערנעמונגען, דעפיציטן, שול אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט די שול סעקרעטאַרן, שול באַאַמטע און אַקטיווע שול חברים.

איך האָב די אַרבעט קיין מאָל ניט ליב געהאַט. איך האָב זי אַלעמאָל געטאָן כמי שכפאו שד. כ'האָב אָבער אויף זיך גענומען און געטראָגן די יסורים באהבה. איך האָב מיט דער אַרבעט זיך קיין מאָל נישט געשעמט. איך האָב קיין מאָל ניט געפילט, אַז וועלכע ס'ניט איז שול אַרבעט איז אונטער מיין כבוד. איך האָב אָבער שטענדיק געהאַט פאַרדרוס, וואָס כ'דאַרף און כ'מוז טאָן די אַרבעט, ווייל אַט דער סאָרט טעטיקייט האָט מיך באַרויבט פון דער מעגלעכקייט זיך צו ווידמען אין גאַנצן צו דער אינערלעכער פעדאַגאָגישער שול אַרבעט, צו וועלכער איך האָב זיך געפילט מער באַרופן, און וועלכע כ'האָב אַלעמאָל ליב געהאַט בלב ונפש. איך האָב אַלעמאָל, דורך התמדה, דורך אויפגעבן געוויסע נויטיקע באַקוועמלעכקייטן, זיך באַמיט גוטצומאַכן דעם דעפיציט אין צייט. וואָס די שול „כלל־טועריי" האָט מיר גורם געווען, און דאָך האָט מיך שטענדיק — ביז היום הזה — באַאומרואיקט אַ געפיל פון ניט־דערטאָנענע אַרבעטן.

ס'זיינען געווען צייטן, ווען די שול „כלל טועריי" האָט מיר פאַרשאַפט חרפה און בזיון. כ'מיין דאָ די צייטן, ווען ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן די בידנע לערער־שכירות, ווען כ'האָב געוואוסט, אַז חברים לערער ליידן נויט, אַז טראָץ אַלע מיינע באַמיאונגען און קרבנות און די אָנשטרענגונגען פון איבערגעגעבענע שול טוער, קענען מיר ניט ראַדיקאַל לייזן דעם פּראָבלעם. ס'האָט מיר אפילו ניט אין אַ געגנונגדער מאָס געטרייסט די זיכערקייט, אַז איך באַהאַנדל זיך ניט בעסער — און אָפט אפילו ערגער — ווי די אַנדערע מיטאַרבעטער, אַז פון מיינע גאָר קליינע ניט דערצאָלטע שכירות האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאָר גרויסער חוב, וועלכער פלעגט מיר טיילווייז אויסגעצאָלט ווערן אין צייט פון שווערע קראַנקהייט־קריזיסן אין דער משפחה.

די פיינלעכסטע מאָמענטן פון מיין לאַנגער שול דערפאַרונג זיינען געווען די פאָר מאָל ווען חברים לערער האָבן, אין נויט און אין פאַרצווייפלונג, געסטראַשעט מיט עקסטרעמע שריט, אין פאַל ווען מ׳וועט ניט אַנטקעגנקומען די פינאַנציעלע התחייבותן. יאָ, דאָס זיינען געווען צווישן די ביטערסטע טראָפּנס אין דעם כוס היגונים, וואָס די ליבע שול אַרבעט האָט צוגעשטעלט צוזאַמען מיט דעם כוס התנחומים.

אָט די גרויסע און שווערע אַרבעט פון גיין על פתחי נדיבים, וואָס כ׳האָב געטאָן אין די יאָרן 1940—1941 צוליב דער ערשטער גרויסער שול געביידע און מיט אַ טוץ יאָר שפּעטער פאַר דער צווייטער נייער שול געביידע, איז מיר געווען אַנגעלייגט. כ׳האָב זי געטאָן באהבה, פילנדיק אַז דאָס העלפט איך דערמעגלעכן צו טאָן די שול אַרבעט מתוך הרחבה און ניט בצמצום — הגם אָן דעם סוד הצמצום קען קיין גרינטלעכע און שעפערישע יידישע דערציאונגס אַרבעט אין גלות ניט געטאָן ווערן.

* * *

יענער צענדליק יאָרן איז געווען אפשר דער קאָנצענטרירטסטער צענדליק יאָר אין דעם טראַכטן, אַריינטראַכטן זיך און אין דעם איבערפאָרמולירן געוויסע עיקרים פון אונדזער דערציאונגס אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. אַ רשימה פון די נעמען פון אייניקע לענגערע שריפטלעכע אַרבעטן, וואָס כ׳האָב פאַרעפנטלעכט אין יענע יאָרן, און מיט וועלכע איך בין אויפגעטראָטן אין דעם אייגענעם שול קרייז און ביי אויסערשטאָטישע געלעגנהייטן, גיט אַ געוויסן באַגריף וועגן די נבוכי הזמן: „אַמעריקע אין אונדזער יידישער דערציאונג — וועגן אַן אינטעגרירטער יידישער דערציאונג״ (1943); „גאָט זוכעניש אין אונדזער דור״ (1945); „טראַדיציע און לעבנס שטייגער אין אונדזער דערציאונג״ (1946); „ימים טובים אין אונדזער דערציאונג״ (1946); „ווי יידישע דערציאונג רעאַגירט אויף היינטצייטיקע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן״ (1947). אַ חוץ אַ צאָל שריפטלעכע אַרבעטן און רעפעראַטן וועגן ארץ ישראל און מדינת ישראל אין אונדזער דערציאונג, אָנהויבנדיק מיט דער אַרבעט „גלות און ארץ ישראל אין אונדזער דערציאונג״ אין 1936, ביז די סאַמע לעצטע אויפטריטן.

דאָס זיינען פּרואוון זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין שווערע סוגיות פון אונדזער צייט און ממילא פון דער דערציאונג פון אונדזער נייעם דור. ווי דערציט מען אַ דור, וואָס זאָל זיין אָריענטירט אויף דעם אידעאַל פון שיבת ציון און וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין אינטעגרירט אין דעם קאַנאַדער און אַמעריקאַנער יידישן לעבן און אין דער קאַנאַדער און אַמעריקאַנער קולטור? אויף דעם געביט בין איך אפשר אם מערסטן אָן איש ריב ואיש מדון צו מיינע חברים לערער, וואָס ביי דער טאָג טעגלעכער דערציערישער אַרבעט פאַרטראַכטן מיר זיך וועגן די פראַגן העומדים ברומו על עולם. איך בין גאָרניט ניט גרייט מותר צו זיין אין מיין ציוניסטישער אָריענטאַציע

אויף ארץ ישראל, און אין מיין ניט־פֿאַרשטעלטער פּאָזיטיווער באַציאונג צו עליה. איך בין ניט וויניקער אָנגעשטרענגט צו דערציִען די יוגנט צו לעבן אין יידישן גלות קאַנאַדע, גלות אַמעריקע, אַזוי אינטענסיוו און שעפֿעריש יידיש ווי ס'איז נאָר מעגלעך אין גלות. איך בין אָבער אויך ניט וויניקער באַוואוסטזיניק וועגן דער נויטיקייט צו דערציִען אַ יידישן דור צו לעבן אין אַ ניט־יידישער וועלט אין קאַנאַדע אָדער אין אַמעריקע — מיט אַנדערע ווערטער: אַן אינטעגרירטע יידישע דערציאונג. איך קען ניט מעלים עין זיין, אַז דאָ ליגט דער שליסל צום דערפֿאָלג פֿון אונדזערע דערציאונג באַמיאונגען, אָדער חלילה צו זייער דורכפֿאַל, ווי דערפֿאָלגרייך זיי זאָלן נישט אויסזען.

איך בין מיר שוין גאָר באַוואוסטזיניק אין וואָסער שלעכטער געזעלשאַפֿט איך שרייב זיך אַריין מיט אַזעלכע שטעלונגען. צי איז ניט דאָס סאַמע וואָרט אינטעגראַציע געוואָרן אַ מיאוס וואָרט, אַ שם הנרדף פֿאַר אַסימי־לאַציע? (האָב איך זיך דאָך דערדינט דעם עפּיטעט „דער ציוניסטישער אַסימילאַטאָר'' אין דער שריפֿט פֿון אַן אָנגעזעענעם יידישן פּעדאַגאָג.) ס'איז דאָך פֿאָרט אמת, אַז מיט דעם באַגריף אינטעגראַציע אָפּערירן אויך דערציִער, וועלכע זוכן באַרעכטיקונג אפֿילו אויף אַ מינימום פֿון יידישער דערציאונג און פֿון יידישע איינשטעלונגען, און איך וויל אַ מאַקסימום פֿון יידישער דערציאונג און פֿון יידישע לאָיאַליטעטן און פֿון ציוניסטישער אָריענטי־רונג — און וויל ניט און טאָר ניט מותּר זיין אויף אַן אינטעגרירטקייט אין דעם ניט־יידישן אַרום! אַ שווערע, מיט סכּנות אָנגעלאָדענע, אויפֿגאַבע. אָבער אויף וויניקער דערפֿון טאָר מען ניט איינגיין.

די דערציאונג אינסטיטוציע, וועלכע כ'האָב די זכיה צו פֿירן מער ווי פֿיר צענדליק יאָר, איז פֿון איר סאַמע אָנהויב אַן געווען שטאַרק פֿאַראַנקערט אין ארץ ישראל, אינ'ם ציוניזם, אינ'ם שיבת ציון — און אין דעם חלוצישן אידעאַל. דאָס אויפֿקומען פֿון מדינת ישראל האָט דעריבער ניט געמוזט פֿירן צו קיינע ערנסטע גרונטיקע רעוויזיעס אין איר פֿילאָזאָפֿיע און אין איר לערן פּראָגראַם. ס'איז אָבער דאָך געווען נויטיק דורכצומאַכן אַ געוויסן פּראָצעס פֿון רעבאַלאַנסירונג צווישן דעם ארץ ישראל מאָמענט און דעם גלות, אָדער תּפֿוצות, מאָמענט. כ'האָב דעם פּראָבלעם געווידמעט אַ סך צייט און שטודיום. מיינע אָפּטע לאַנגע באַזוכן אין ארץ ישראל האָבן מיר אַ סך געהאָלפֿן זיך צו אָריענטירן, און מערקווירדיק — אפֿשר נאָך זיכערער אָנצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט און ניט לאָזן זיך אָפּקירעווען פֿון דעם גאַל־דענעם מיטלוועג ניט דורך דער איבער־התלהבות פֿונ'ם „היינו כחולמים'', און אויך ניט פֿונ'ם שפּלות קאָמפּלעקס פֿון אונדזערע בידנע, נעבעכדיקע, הגם גאַנץ דינאַמישע און שטרעבנדיקע תּפֿוצות.

גאַנץ באַאומרואיקנדיק דורך די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז די פֿראַגע פֿון דער צווייִשפּראַכיקייט — העברעאיש און יידיש — פֿון אונדזער

לערן פּראָגראַם. לאָמיר גלייך דאָ צוגעבן: ס'ווירקן זיך אויס אין אונדזער יידיש לעבן פון דעם דור כוחות, וואָס סטימולירן מוּתר צו זיין וואָס מער און מער אויף יידיש לטובת העברעאיש. און גלייכצייטיק זיינען דאָ וויטאַלע, שיר ניט ביאָלאָגיש־וויטאַלע סענטימענטן, וואָס טרייבן דיך צום אַנטשלאָסענעם געפיל: טאָן וואָס מער און מער פאַר העברעאיש, אָבער ניט מוּתר זיין אויף יידיש. ס'איז אַן אמתע אמביוואַלענץ, אַ ויתרוצצו, ר״ל. מיר מאַכן איצט דורך אינ'ם יידישן לעבן, — אין מדינת ישראל ניט ווייניקער, און אפשר מער, ווי אין די גלות לענדער — אַזאַ פאַרצווייפלטן קאַמף ניט אויפצוגעבן די שייכותן מיט גאָר אַלט־אַלטע און מיט ווייניקער אַלט־אַלטע פאָרמען פון היסטאָרישער יידישקייט, אַז יידיש האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַ נייע פאָרם פון קדושה, אַז ס'איז געוואָרן אַ סימבאָל פון יידישער רעזיסטאַנץ קעגן דער צעפיצלונג און צעפאַלונג פון יידישן לעבן. אין אַזאַ צייט קען קיין רייד זיין פאַר יידישע דערציער, וועלכע האָבן ביז איצט זיך געהאַלטן ביי יידיש, אויף דעם מוּתר זיין אין וועלכער ניט איז ערנסטער מאָס. קען דעריבער נאָר זיין אַ פראַגע פון געפינען די נויטיקע פּעדאַגאָגיש־טעכנישע מיטלען אויף אַנטקעגנצוקומען דער אַלץ וואַקסנדיקער שווערקייט פון לערנען גלייכצייטיק, אָדער שיר ניט גלייכצייטיק, צוויי פרעמדע שפּראַכן. אויף דעם אַרבעט איך געשמאַק שוין גאָר לאַנג — אָבער אפשר צו פּאַמעלעך, אפשר פּאַמעלעך ווייל שוין צו פאַרזיכטיק, מיט אַן איבערטריבענער האַמלעטישער אומאַנטשלאָסענער פאַרזיכטיקייט, וועלכע קען ווערן שעדלעך.

* * *

גלייכצייטיק מיט די אַלע איבערקלערענישן איבער די אַלע פראַגן, וואָס שטייען אויפן אויבן־אָן פון אונדזער לערערישער וועלט, האָט מיך אַלעמאָל באַשעפטיקט אַ זאָרג און אַ וואַכזאַמקייט איבער אַ נדר וואָס כ'האָב זיך געגעבן אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון מיין לערערישער קאַריערע — צו זיין אַ מאָדערנער פּראָגרעסיווער לערער און אַ מאָדערנער פּראָגרעסיווער פּרינציפּאַל.

איך בין געקומען צו יידישער לערעריי גלייך פון דער שול באַנק, וואו כ'האָב אַריינגעזאַפּט אין זיך, דורך קאָנצענטרירטע יאָרן פון שטודירן און פאָרשן, די לערעס פון די מאָדערנע דערציער, פון הערבערט ספּענסער דורך דזשאָן דיואי און קילפּאַטריק ביז די סאַמע ייִנגסטע באַגייסטערטע נאָכפאָלגער זייערע. דאָס איז געווען אַ נייער וועג אין באַטראַכטן דאָס קינד, דעם לערער און זייער סביבה, אַ נייע אָריענטאַציע אין דער שעפערישער און קעגנזייטיק־באַווירקנדיקער השפעה פון איינעם אויפן צווייטן. דאָס האָט אויך געפאָדערט איבערשאַצונג פונ'ם ווערט פון די אינהאַלטן און אידעאַלן פון דער דערציאונג.

איך האָב אין מיין ערשטער התלהבותדיקער פאַזע געפּרוּווט אָנווענדן אָט די לערעס אויך ביי אַלע געביטן פון יידישער לערעריי, ביז ס'איז מיר

געוואָרן קלאָר — אָפּט מאָל פּיינלעך קלאָר, — אַז ניט אַלע גוטע לערעס לאָזן זיך אָנפּאַסן אויף די ניט־געוויינלעכע פאָלק־ און קולטור־רעטערישע פונקציעס פון יידישער דערציאונג. ס׳איז ביי מיר אָבער פאַרט געבליבן פעסט די איבערצייגונג, אַז הגם דער יידישער דערציער דאַרף מיט זיך מיטברענגען צו דער זועלט פון די מאָדערנע דערציאונג אידעען די קאָרעקטיוון און באַוואָרעניש, וואָס פּאַסן זיך צו זיין ספּעציפישער אויפגאַבע, איז ער אָבער ניט פריי פון די אַלגעמיין־פאַרפליכטנדיקע הויפּט עיקרים פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק.

ס׳האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט פון לערערישע און דערציערישע מעגלעכקייטן, ווען נאָך אַ צענדליק יאָר פון אָנפירן מיט אַן אויסשליסלעך יידישער שול — אַ צוגאָב שול — איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן די פולע אחריות אויך איבער דער פולער דערציאונג פון׳ם יידישן קינד.

אַ נייע וועלט מיט נייע מעגלעכקייטן, אָבער אויך מיט נייע זאָרגן. די נייע דערציאונג אידעען און פּראַקטיק פאַרלאַנגען מער רחבות אין צייט איידער מיר האָבן צו אונדזער דיספּאָזיציע אין אַ יידישער טאָג שול און אויך מער קאָאָפּעראַציע און קאָרעלאַציע צווישן דעם אַלגעמיינעם און דעם ריין־יידישן טייל פון פּראָגראַם און צווישן די לערער פאַר די „באַזונדערע״ טיילן.

מיטן וואוקס פון דער טאָג שול און פון דער שול בכלל איז די שול געוואָרן אַ גרויסע שול — אַ צושטאַנד וואָס ברענגט מיט זיך אַ חוץ גרויסע מעלות אויך געוויסע נעגאַטיווע אַספּעקטן. די היימישקייט און נאָענטקייט פונ׳ם איינצעלנעם לערער צו דער שול קען ניט ביי די געביטענע באַדינגונגען אַלעמאָל בלייבן אויף דער זעלבער מדרגה ווי אין די פּיאָנערן יאָרן, ווען די שול איז געווען אַן אייגענע היים פאַר אַלע שותפים אין דער דערציערישער אונטערנעמונג. און דאָך קען איך, קוקנדיק אויף צוריק, זיך מיט באַפרידיקונג זאָגן, אַז ס׳איז מיר געלונגען ביז אַ הויכער מאָס מקיים זיין מיין נדר.

כ׳האָב די זכיה שוין מער ווי דריי צענדליק יאָר צו האָבן ווי מיין נאָענטסטן מיטהעלפער אין דער פּעדאַגאָגישער און אין דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט אַ ליבן און האַרציקן קאָלעגע, חבר שמשון דונסקי, וואָס אַ חוץ אַלע זיינע לערערישע און לומדישע מעלות איז ער אַ בעל מזג טוב מיט אַ פיינער אינטואיטיווער פאַרשטענדניש פאַר די דערציערישע אידעאַלן, וואָס שטעלן צוזאַמען מיין דערציערישן אני מאמין. כ׳בין אויך געווען אַ גרויסער בעל זכות צו האָבן דורך די צענדליקע יאָרן צווישן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער — „יידישע״ לערער ווי „ענגלישע״ לערער — חברים און חברות גראַדואירטע פון די שולן, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין זייערע יונגע שולע יאָרן אַ סך ליבשאַפט, וואַרעמקייט און געטריישאַפט צו דער שול און צו אירע דערציערישע אויפגאַבן.

ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט צו האָבן דורך די מער ווי פיר צענדליק יאָר א גאָר גרויסע צאָל לערער — די ווייט גרעסערע מערהייט — וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען גרייט פון מיר און מיט מיר צו לערנען אַלץ ביי אַנווענדונגען פון די דערציערישע לערעס, וואָס מ׳האָט דורך דער צייט מחדש געווען „ביי אונדז און ביי זיי״.

כדי אויסצוברייטערן די פּעריפעריע מעגלעכקייטן פון דערציען לערער, האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין 1946 אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן און אוועקשטעלן דעם ערשטן יידישן לערער סעמינאַר אין קאַנאַדע. אַט אַזוי ווי איך בין געזעסן אין 1920 מיט חברים לערער און געאַרבעט אויף אַלע פּרטים און פּרטי פּרטים פון אַ לערן פּראָגראַם פאַר די קינדער, אַזוי בין איך אָפּגעזעסן דעם גאַנצן זומער פון 1946 טעג און נעכט און צוזאַמענ־געשטעלט אַ דעטאַלירטן פּראָגראַם פאַר דעם לערער סעמינאַר, און כ׳האָב אַנגעווענדעט מיין גאַנצן כוח־השפּעה אויף יוגנטלעכע, געוועזענע תלמידים אונדזערע, צו ווערן די ערשטע תלמידים פון אַזאַ סעמינאַר און שפּעטער ווערן די ערשטע קאַנאַדער יידישע לערער, אויסגעשולטע אין אַ היגן יידישן לערער סעמינאַר.

כ׳האָב מיט אייניקע יאָר שפּעטער זיך ווידער געווידמעט אַ יאָר צייט אויף צו העלפן אָנפירן דעם געאייניקטן יידישן לערער סעמינאַר אין קאַנאַדע. איך באַדויער פון גאַנצן האַרצן, וואָס די צייט האָט מיר ניט דערלויבט זיך צו האַלטן ביי אַט דער הייליקער אַרבעט פון דערציען יידישע לערער, אַן אַרבעט וועלכע רירט אָן דעם סאַמע שוואַרצאַפּל פון אויג און די נשמה פון דער יידישער דערציאונג — איר עצם עקזיסטענץ און אירע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

* * *

דאָס זיינען בלויז פראַגמענטאַרע באַמערקונגען וועגן אייניקע מאָמענטן פון מיין לערערישער ביאָגראַפיע. דורך זיי אַלע גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אַ נאָמען פון אַ מענטשן, וועלכן כ׳האָב אין זינען געהאַט דורך דער גאַנצער צייט פון שרייבן און געלאָזט דאָס פּורש בשם זיין צום סוף — מיין פרוי חנה וויסמאַן. אין אירע לערך צוואַנציק יאָר פון דינען די שולן ווי אַ לערערין און דורך דער גאַנצער צייט ביזן היינטיקן טאָג, האָט זי מיר געהאָלפן זיך מיען און טאָן פאַר אונדזערע געמיינשאַפטלעכע צילן, מיט ליבשאַפט, פאַרשטענדניש און איבערגעגעבנקייט, וואָס האָבן באַווירקט צום גוטן אַלץ וואָס איך האָב געטאָן און וואָס מיר אַלע האָבן געטאָן אין די שולן.

און צום סוף אַ תפילה צום הנותן ליעף כוח, אַז ער זאָל מיר נאָך לאָזן טאָן מתוך בריות הגוף והנפש דאָס אַלץ וואָס כ׳וואָלט נאָך געוואָלט טאָן פאַר תינוקות של בית רבן.

תם ולא נשלם.

שמאי וויסמן, מלמדי האחרון

מאת

צבי שאַרפשטיין

(כדי לתת לקורא מושג על הסביבה בה גדל וחונך שלמה וייסמן בילדותו מדפיסים אנו כאן, ברשות המחבר, מן הספר „היה אביב בארץ" את הפרק המספר על אביו של בעל היובל. — המערכת)

— — — משנסע חברי החליט אבי למסרני לידי הטוב שבמורים, המלמד אך בחורים גדולים, בחורים שהגיעו לפרקם, המבקשים להשתלם בידיעת הלשון העברית ובהשכלה, הלא הוא ר' שמאי וייסמן.

שמאי היה טיפוס של משכיל דתי לאומי, העומד בשתי רגליו בתחום החיים הישנים, המסורתיים, אך רוח מודרניות נצנצה בו. אינו מאריך בפאותיו, אבל מסלסלן, זקנו מסורק ולבושו נקי ואין עליו רבב, וצוארון כותנתו מבהיק בלבנו ובצחצוחו. בקי הוא בתלמוד ומחדש בו חידושים, וכן בפירושי פסוקים זרים ותמוהים בתנ"ך. הוא היה משתתף במאסף רבני שהופיע בוילנה בשם „הפסגה" ונערך על ידי הלל דוד הכהן ראווין לבית טריוואש, רבה של ווילקי, ובו כתבו גם חכמים מובהקים כאברהם אליהו הרכבי, שלמה בובר, שמואל אבא הורודצקי וכיוצא בהם. רבי זה היה משתדל למצוא תשובות ראציונאליות, כגון בפסוק: „כה אמר ה', אם ימדו שמים מלמעלה ויחקרו מוסדי ארץ למטה — גם אני אמאס בכל זרע ישראל" (ירמיהו לא, לו) — הלא על פי ההמצאות החדשות אפשר לספור צבא השמים ולחקור מוסדי ארץ? אלא שהפירוש הוא: היוכל אדם לעלות השמימה ומשם ימוד אותם, או לחדור מתחת לתהום ומשם יחקרהו? — וכדומה.

שמאי וייסמן היה מעיין תמיד בספרי הפילוסופיה של ימי הבינים ושל העת החדשה. הוא היה ניכר במדותיו התרומיות: דיבורו בנחת, בנימוס ובשיקול הדעת, שומר פיו ולשונו מנגוע בכבוד בן אדם ואינו מזלזל בעצמו על ידי דיבור יתיר או על ידי תנועה פזיזה, ואף לא בביקור יתיר בבית הורי תלמידיו. מי שרוצה להכניס תלמיד לחדרו — יטרח ויבוא לביתו; מי שרוצה לדעת על התקדמות בנו — יטרח ויבוא לביתו; מי שרוצה לשוחח עמו בדברי תורה יטרח ויבוא לביתו; וחברה הרוצה להזמינו לדבר בפני חבריה — תטרח ותשלח שליחים אליו לבקש מלפניו והוא ישקול בדעתו, יסרב תחילה, לפי מידות חכמים, ויקבל עליו אחר כך וימלא תפקידו על הצד הטוב ביותר.

בבית שמאי וייסמן הורגשה אוירה של טהרה, של שלות נפש, מעין אוהל של תורה וחכמה. הבית נקי, כל רהיט עומד במקומו, מטוהר ומצוחצח,

אין מרים קול ואין מוציא מפיו מלה שאינה ראויה להישמע. התלמידים היו כבני שמונה עשרה, בחורים מבני העשירים העומדים בשידוכים, ואפילו חתנים שכלותיהם מחכות להם — כולם באו ללמוד גמרא עם תוספות, קצת שמונה פרקים להרמב"ם, ה"כוזרי" לר' יהודה הלוי, "מורה נבוכי הזמן" לר' נחמן קרוכמל ושירי ימי הבינים, וביחוד את הספרות העברית החדשה, וכמובן לכתוב מכתב עברי על פי כללי הדקדוק וברוח הסגנון המקורי.

נוהג הבית היה נוח ונעים. חמשה ששה בחורים יושבים לפני המורה בנימוס, אבל לא מתוך שעבוד ופחד. המורה פותח בפרק מ"מורה נבוכים" ומסביר בנחת רוח, ומשתמש בטרמינולוגיה הפילוסופית ומסבירה. הדברים בלתי מובנים קצת, אבל נעלים ורמים. עוסקים אנו בשאלות העומדות ברומו של עולם וברומה של האומה.

הנה הוא קורא לפנינו ועמנו — כי אף לפנינו הספר פתוח — מאמר פילוסופי על מהות היהדות מאת פ. מיעזעס*, המשתדל להוכיח שאין תורת משה לא פילוסופיה ולא שיטה תיאוקראטית, אלא תורה מדינית הכוללת חוקים ומשפטים ישרים לטובת הפרט והכלל, ותכליתה היא אושר העם בארצו, כי לא נמצא בתורה שום עיקר אמונה, ולא השארות הנפש ולא גמול ועונש בעולם הבא — לכל אלה אין סמך בתורה. א ו ש ר העם במדינה הוא העיקר.

קשה היה לי להבין יפה מהי תיאוקראטיה ומהו הניגוד שבין עיקרים אמוניים המתקבלים כגזרה שאין להרהר אחריה ובין שיטה המבקשת הצלחת העם במדינה ובכלכלה, אבל ההסברה הישרה הועילה, ומה שלא נתפש בברירות — הושג בחושי הנפש. כעבור ימים מספר קראנו מאמר סוציולוגי מאת משה אייזמן מוואזנוסינסק בשם "העומדים והמהלכים" על הפרוגריסיביזם והקונסרוואטיזם — על הציוויליזאציה האמתית הבאה עם התפתחות השכל, המוסר והשלום, ועל האמצעים להשיגה — אם על ידי קוסמופוליטיזם או על ידי לאומיות. ומהי לאומיות — הנסיגה היא לאחור או התקדמות היא? המחבר מגדיר את ההפרש בין לאומיות טהורה ובין שוביניות. מעולם לא עלתה שאלה כזאת על לבי. מי זה מאנשי עירנו יכחיש ביהדותו ויאמר, כי קוסמופוליטי הוא, ועל כן אין לו חלק ונחלה בעם ישראל? עורך הדין גרשונזון בעירנו המדבר אך רוסית ולא יבוא אל בית התפילה כל ימות השנה, חוץ מן הימים הנוראים, היאמר שאינו בן האומה הישראלית? לא הבחנתי יפה בהגדרות, לא ידעתי את החיים ואת סיבותיהם, אבל הרגשתי כי עם קריאתי עולמי הולך ומתרחב, כי ממעל לשאלות מה נאכל ומה נרויח, עומדות שאלות קיום גדולות וחשובות יותר, ומיום ליום נתמלאו המושגים המעורפלים יותר תוכן, ואור פיזר את ערפליהם.

---

* נדפס ב"מַסְפּה", קובץ שנערך על ידי אלכסנדר צדרבוים, פטרבורג 1885.

מאמר אחד עשה עלי רושם גדול ביותר. נתקבלו חוברות חדשות של „השלוח" שנערך על ידי אחד העם ובהן מאמר בהמשכים מאת ד"ר דוד ניימארק על „שאלות הבחירה בישראל ובעמים". ראינו את רבנו קורא בו מתחילה לעצמו, מקמט מצחו, ומדי פעם תאורנה עיניו. עברו ימים מספר ורבנו הניח חוברת לפנינו. ישבנו אני ושני בחורים גדולים מן הטובים והוא מסביר לנו את המאמר. הדברים עשו עלינו רושם עצום. עוברים לפנינו שמות גדולי המחשבה הקדמונים: פיתאגורס, היראקליט, סוקראטס, אפלטון ואריסטו. גם כיתות חכמים מופלאים: מדברים, סטואים ואפיקורסים. ראשי סחרחר. דוקא המחשבה היא ההוייה האמתית והעומדת לנצח, והחומר אין לו הוייה ממשית — אמת שישנו, אבל מכיון שהוא ניתן לשינויים אין קיומו קיום. ובכן הרעיון שאינו נראה קיים לנצח,והחומר הנראה לעין ויש בו ממש — כאילו אינו. האקרובאטיקה השכלית עושה נפלאות: הקב"ה אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף, ואף על פי כן משגיח הוא השגחה פרטית על בריותיו. ויש בזה סתירות: אם יודע הקב"ה מראש מה שעתיד אדם לעשות — הרי הכל קבוע ואין בחירה לאדם, ועל כן לא נדע משום מה ייענש על חטא שאין לו שליטה עליו, ואם חפשי הוא האדם לעשות כרצונו, אם טוב ואם רע, הרי אין לקב"ה ידיעה מראש. ידיעה ובחירה — שני מושגים מנוגדים הם, והמוח החריף מפשר ביניהם והניגודים ידורו בשלום בכפיפה אחת ולא יתרוצצו.

לא את הכל אני משיג. כמה דברים עטויים ערפל. חומר קדמון וחומר היולי ושכל פועל — יודעני מה הם, ואף על פי כן המושגים מטושטשים. אבל מוחי הולך ונלטש. ונפלא הדבר: סיפורים שקראתי בימים ההם, ומהם סיפורים מושכי לב, דברים לפי השגתי ולפי רגשותי, והגיתי בהם ונהניתי מהם בשעתם — רובם נשכחו מלפני, כעב נמחו וכעשן נידפו, והדברים הפילוסופיים הנשגבים והפלפולים הדקים על הסתירות ועל הניגודים — נחרתו בלבי עד היום. בכל עת אשר אעצום עיני ואעבור ברוחי אל בית רבי — אעלם על לבי, ותחזור אלי הנאת הגלויים וההברקות השכליות וההפרשים הדקים וסדיקת השערות.

מורי ווייסמן הביאני חרדי המחשבה המופשטת והמציאותית על חשבונו של עולם וחשבון האומה וחשבון האדם. הוא הרגילני לקריאת ספר, לא רק הספר הקל והמשעשע, אלא הרציני, המחשבתי, שכל משפט גורר אחריו מחשבה חדשה. הוא הכניסני אל עולם הבוחן והפקפוק,לתהות על קנקנו של דיבור ועל תכנו של רעיון.

הוא גם לימדני כתיבה פובליציסטית, בשאלות העומדות על הפרק בחיים. נטיה היתה לו לכתוב בשאלות הזמן והרבה לכתוב, ואף שלח מאמרים אל מערכות העתונים. על גליונות נייר ארוכים כתב באותיות ברורות להפליא, אות אות לבדה, בלי שילוב ובלי סלסול, בשורות חצי עגולות.

קראתי את מאמריו אלה. הואיל ולא היה זה חלק מן הלימוד, הזמינני

אל ביתו ליום השבת אחר הצהרים. המפה הלבנה הפרושה על השולחן הידוע לי אצלה לו ולחדר חגיגיות. באתי בשעה ארבע אחר הצהרים, לאחר שינה. רבי היה אז רענן גוף ובהיר מחשבה ואדיב רוח. מתונות נגש אל השידה, הוציא מן המגרה חבילת גליונות נייר ארוכים וצהובים, משורטטים. הוא ישב על כסאו בראש השולחן ואני על ידו, הגליון פרוש לפנינו והוא קורא בקולו המתון והשקט. המאמר הגדול ביותר היה בענין „ארץ ישראל וארגנטינה" שעמד אז על הפרק. שאלה זו אקטואלית היתה גם לי. דוד היה לי בעירנו, אהרן בוקסר שמו, שהחזיק בית יין. היה לו לדודי בן יחיד ושלש בנות בוגרות. מצבו לא היה טוב ביותר, על כן החליט לצאת עם חבורה של מהגרים שנבחרו על ידי שליחי הבארון הירש להעבירם לארגנטינה, לעבוד אדמתה. בימי מגוריו בעירנו אהבתי להיכנס לבית דודי זה. הדודה היתה מקבלת פני בסבר יפה והיתה מגשת לי כיבוד והבנות דיברו אלי כדבר אל בחור שהגיע לפרקו והתלוצצו עמי, והורוני תורת הרגל בריקוד. צר היה לי בנסוע המשפחה הזאת והרגשתי בחסרונה.

רבי קרא לי את מאמרו על חיבת ציון וישוב ארגנטינה. כל גולה לא תרצה את יהודיה — כתב — והגיעה העת לחונן עפר ארץ ישראל ולהתאזרח בה ולחיות בה כמקדם.אף זה היה בעיני דבר אמת. כי הנה הגיעו מכתבים מאת דודי ממוזסוויל שבארגנטינה, והוא מספר על חיים קשים בערבה, על עבודה המפרכת את הגוף, על הארבה הבא ומכלה עבודת כל השנה. הנה זו גולה וזה פריה. מדוע לא הלך דודי לארץ אבות?

רבי קורא ומסביר לי ומכיר הוא כי מסכים אני להלך מחשבותיו, ולבו רחב. הוא היה שולח את מאמריו אל „הצפירה" ואל „המליץ" ולא ראו אור. עד היום לא אוכל להבין מפני מה נגנזו מאמריו ובמה גרועים היו מאלה שנדפסו. אולי לא זכו בעיני העורכים משום פשטות לשונם, משום ההגיון הישר, משום חוסר העיטורים — בימים ההם שלטה המליצה ויותר משביקש הקורא את הרעיון ביקש את נוי הלשון, את זיו הפסוק המשובץ במקומו, את חריפות המאמר התלמודי או את הפאתוס. דברי רבי לא הצטיינו באלה. הדברים היו ברורים — ומי זה יתעניין באלה?

שנות לימודי אצל וייסמן היו מן הפוריות ביותר. לאשרי לא קרא בספרים פדגוגיים. הוא לא מדד את תבונתי בצרות עין ולא חשש לקרוא עמי דברים מופשטים, פילוסופיים וסוציולוגיים, שלפי הפדגוגיה לא הגיעה עדיין שעתי להבינם. לא נוגע מורי באי האמון שנוגעו בו מורי הזמן המבקשים תמיד להקל על תלמידיהם ולשעשעם בדברים קלים. כח ההפשטה אף הוא זקוק לאימון, ושנות העשור השני שנות כושר הן.

לא מורה היה וייסמן לי, כי אם כחבר גדול. הוא כיבדני כאדם. הקריאה ב„השלוח" אתי היתה כקריאת חברים. חוץ ממאמר פילוסופי קשה, לא קרא את המאמר תחילה לעצמו. יחד עמנו קרא. שירי יהודה ליב גורדון ואד"ם הכהן — קריאתנו בהם שימשה לו חזרה, שגררה אחריה עיון חדש בלשון ובתוכן.

די טאָג שול

די ערשטע דרייסיק יאָר — און ווייטער

פון שלמה ווייסמאַן

אין די 43 יאָר, אין וועלכע כ'האָב די זכיה צו זיין פאַרבונדן מיט די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן, און אין די 40 יאָר, אין וועלכע כ'פיר מיט זיי אָן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו האָבן אַ פירנדיקע אויפגאַבע ביי אַ צאָל וויכטיקע פּיאָנערישע געשעענישן און אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן דערציאונגס וועזן אויף דעם קאָנטינענט. איך באַטראַכט אָבער ווי די וויכטיקסטע פון די געשעענישן דאָס פאַרטראַכטן, אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט דער ערשטער יידישער טאָג שול דאָ אין שטאָט, וואָס איר אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין די לערן יאָרן 1928—1929 און 1929—1930. אָט דער אָנהויב און זיין דערפאָלגרייכער המשך האָבן געדינט ווי אַ סטימול און אַן אינספּיראַציע פאַר אַנדערע דערציאונגס ריכטונגען און אַנשטאַלטן צו נעמען זיך אויף דעם געוואַגטן וועג אין יידישער דערציאונג, וועלכער, ווי באַקאַנט, האָט געפירט צו גרויסע יידיש-דערציערישע דערגרייכונגען.

מ'נעמט אַלגעמיין אָן, מיט אַ געוויסער מאָס פון באַרעכטיקונג, אַז ס'האָבן זיך דאָ אויסגעווירקט געוויסע ספּעציפישע באַדינגונגען פונ'ם היגן יידישן ישוב, וואָס האָבן געשאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר דעם אויפקום פון דעם טאָג שולן סיסטעם — ווי למשל באַזונדערע היסטאָרישע אייגנאַרטיקייטן פונ'ם יידישן ישוב ; די דענאָמינאַציאָנאַל-רעליגיעזע און שפּראַכלעכע פאַרטיילונגען פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין דער פּראָווינץ קוויבעק מיט די צוויי באַזונדערע שול סיסטעמען — פאַקטיש דריי: קאַטויליש-פראַנצויזישער, קאַטויליש-ענגלישער און פּראָטעסטאַנטיש-ענגלישער. אָבער אויף וויפיל מ'מעג פאַרט צושרייבן וויכטיקייט צו דעם וואָלונטאַרן פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכע אויפטועך, קומט די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן ווי פּיאָנערן אויף דעם געביט.

אויב דעם שרייבער פון די שורות זאָל געשענקט ווערן אַ געוויסער באַשיידענער פּערזענלעכער חלק אין דעם וויכטיקן היסטאָרישן אויפטו, באַטראַכט ער עס פאַר זיין הייליקן חוב צו טיילן דעם זכות מיט דעם פאַרשטאָרבענעם פאַרדינסטפולן שול טוער משה דיקשטיין ע"ה, וואָס האָט אים שטאַרק געמוטיקט און ממשותדיק געהאָלפן שטעלן די ערשטע שריט אויף דעם שווערן און אינטערעסאַנטן וועג פון אָנהייבן די טאָג שול (נאָכטוענדיק

דערביי דעם ביישפּיל פון דער וויניפּעגער י. ל. פּרץ שול, וואָס האָט די אַרבעט אָנגעהויבן מיט אייניקע יאָר פריִער).

דער ציל פון אָט דער שריפט וועגן דער טאָג שול פון די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן איז צו פּרוּוון מאַכן אַ וועזנטלעכן, קורצן אָבער קלאָרן, אָביעקטיוון סך הכל פון די מער ווי 30 יאָר טאָג שול אַרבעט. וואָס זיינען געווען די צילן און אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט ביים אָנהויבן די טאָג שול אַרבעט? אין וועלכער מאָס זיינען זיי דורכגעפירט געוואָרן? וואו און אויף וויפיל האָבן זיך אַרויסגעוויזן דורכבברוכן און אינערלעכע סתירות אין דער אַרבעט? וואָס דאַרף זיין דער וועג אויף ווייטער?

מיר ווילן זיך דאָ שטאַרק באַמיען ניט צו גענעראַליזירן, ניט אַריבער־צוגיין די גרעניץ פון דער אייגענער דערפאַרונג — ניט צו באַרירן די צילן און אויפגאַבן און ניט די אויפטוען און דערגרייכונגען פון די אַנדערע טאָג שולן אין אונדזער שטאָט און אוודאי ניט איבערן לאַנד. ס'איז אָבער העכסט וואַרשיינלעך, אַז ווען די שאַפער און אָנפירער פון אַנדערע טאָג שולן וועלן פאַרגלייכן זייערע דערפאַרונגען מיט אונדזערע, וועלן זיי געפינען אַ היבש ביסל געמיינשאַפטלעכעס סיי אין אונדזער סך הכל, סיי אין אונדזערע אויס־פירן. וועט אפשר די איצטיקע אַרבעט האָבן אַן אָנווענדונג אויף דעם אומ־פאַסנדיקן פּראָבלעם פון טאָג שול אַרבעט אין דעם לאַנד.

* * *

וואָס האָט אונדז געפירט צו פאַרטראַכטן דאָס שאַפן די טאָג שול? וואָס האָבן מיר באַצוועקט און וואָסערע אויפגאַבן האָבן מיר זיך געשטעלט?

ביי אַן אָפּשאַצונג פון מענטשלעכע שטרעבונגען און אויפטוען, געזעל־שאַפטלעכע ווי יחידישע, וואו ס'האָט זיך אין גאַנג פון יאָרן אַרבעט אויס־געפורעמט אַ געוויסע איינשטעלונג („עטיטוד" אין דער שפּראַך פון די פּסי־כאָלאָגן), ווייזט זיך אָפט אַרויס אַ געוויסע פּסיכישע שוועריקייט ביים אָביעק־טיוון רעקאָנסטרואירן די אָריגינעלע צילן און אויפגאַבן. אָפט ווערן זיי, אפילו אומבאַוואוסטזיניק, פאַרדרענגט דורך די שפּעטערע איינשטעלונגען.

ביים שרייבער פון דער אַרבעט האָבן זיך אין לעצטן צענדליק יאָר אויסגעקריסטאַליזירט געוויסע ספקות, הרהורים און איינשטעלונגען צום ענין טאָג שולע. כ'האָב דורך דער צייט זיי אָפט עפנטלעך אויסגעדריקט, סיי מינדלעך סיי שריפטלעך. האָב איך ביים צוטרעטן צו דער איצטיקער שריפט זיך חושד געווען, אַז אפשר פּראָיעקטיר איך איצט, לאחר המעשה, מיינע איצטיקע איינשטעלונגען און מיין איצטיקע אָפּשאַצונג אויף דעם אַמאָל, אויף די בראשית טעג פון דער אונטערנעמונג.

לעולם איז עס סיי ווי ניט ערנסט. מ'מעג און מ'זאָל רעפאָרמולירן צילן און אויפגאַבן פון אַן אונטערנעמונג, ספּעציעל פון אַ געזעלשאַפטלעכער, דערציִערישער אונטערנעמונג, אין ליכט פון אָנגעזאַמעלטער דערפאַרונג

און פון געביטענע אומשטענדן. ס׳איז אַמאָל גאָר לעבנס־נויטיק דורכצו־פירן אַזאַ רעפּאָרמולירונג. אפשר זיינען די אַמאָליקע צילן און אויפגאַבן איצט, ביי דער געביטענערווירקלעכקייט, פאַרעלטערט, ניט פּראַקטיש, ניט דורכ־פירבאַר? אפשר איז גאָר נויטיק זיך צו שטעלן נייע צילן און אויפגאַבן, וואָס וועלן אַנטשפּרעכן די נייע באַדינגונגען און וועלן ממילא זיין נוצלעכער און ווירקזאַמער?

כ׳מיין אָבער, אַז די טובה פון דעם ענין, וואָס ווערט דאָ באַטראַכט, פאַרלאַנגט אַ צוריקגיין צו די אַמאָל פאָרמולירטע צילן און אויפגאַבן, כדי צו קענען אָביעקטיוו אָפּשאַצן די געביטנע ווירקלעכקייט און צו קענען, אין איר ליכט, אַריינברענגען דעם נויטיקן עפעקטיוון קאָרעקטיוו און די רעפּאָרמולירונג פון די אויפגאַבן. לאָמיר זען, ווי האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט די אויפגאַבע אַמאָל? אויף וויפיל האָט זי זיך געלאָזט דורכפירן? אויף וויפיל שטימען דער „סוף מעשה״ מיטן „במחשבה תחילה״?

צוליב אָט דער מעטאָדאָלאָגישער אויפגאַבע האָב איך גענומען נאָכזען די געשריבענע דעקלאַראַציעס און פעסטשטעלונגען פון די צילן און אויפ־גאַבן פון דער טאָג שול, וואָס איך אַליין האָב פאָרמולירט ביים סאַמע אָנהויב פון דער אַרבעט און אין דעם לויף פון די יאָרן.

וועלן מיר נעמען שיר ניט די סאַמע ערשטע פאָרמולירונג. מיר געפינען זי אין אַן אַרבעט פון שלמה וויסמאַן צו דער געשיכטע פון די יידישע פאָלקס שולן אינעם „פאָלקס שולן בוך״ אַרויסגעגעבן פון די יידישע פאָלקס שולן, בתי ספר עממיים יהודיים, אין יאָר 1929 (סוכות תרץ), צום פופצן יאָריקן יובילײ פון די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולן (זע דאָרט ז״ז 5—11). לאָמיר געדענקן אַז דער ערשטער אָנהויב פאַר אַ קינדערגאָרטן וואָס זאָל פירן צו דער שאַפונג פון דער טאָג שול איז געמאַכט געוואָרן אין פעברואַר 1928. קיין קלאַס 1 טאָג שולע האָט זיך ניט איינגעגעבן צו עפענען אין סעפּטעמבער 1928. אין סעפּטעמבער 1928 איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קינדערגאָרטן קלאַס, פון וועלכן ס׳איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1929 דער ערשטער טאָג שול קלאַס מיט 7 תלמידים. און אָט וואָס מיר געפינען אין דער שריפט פון הארבסט 1929 וועגן דער ערשט־אָנגעהויבענער אַרבעט אויף דער טאָג שול (דאָרט ז. 11):

„איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען פון די שולן פאַר די לעצטע פאַר יאָר איז געווים דער אָנהויב, וואָס איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן צו באַשאַפן אַ נאָרמאַלע יידישע שולע, אין וועלכער אַלע לימודים וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם קינדס אַנטוויקלונג און דערציאונג זאָלן אים געגעבן ווערן. די פירער פון די שולן פילן, אַז די דערציאונגס אידעאַלן, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט, קענען ניט פאָלשטענדיק רעאַליזירט ווערן אונטער די איצטיקע אומשטענדן, כל זמן דאָס קינד קומט אין דער יידישער שולע

נאָר אויף אַ פּאָר שעה, נאָכדעם, וואָס ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון טאָג אין אַ פרעמדער אַטמאָספערע.

„שוין לאַנג, אַז דער פאָלקס שולן פאַראיין פּלאַנעוועט צו עפענען קלאַסן, אין וועלכע די יידישע און אַלגעמיינע בילדונג זאָלן קאָמבינירט ווערן, אויפן שטייגער ווי דאָס ווערט געטאָן אין דער ווינ־פעגער יידישער פּרץ שולע. דער אָנהויב פון דעם נייעם וויכטיקן עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן אין די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן אין פעברואר 1928 מיט דער דערעפענונג פון דעם קינדערגאַרטן. דער קינדערגאַרטען קלאַס האָט געזאָלט זיין די פאָרבאַרייטונג צו אַ נאָרמאַלן ערשטן יאָר. די דערוואַרטונג איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַ צווייטער קינדערגאָרטן קלאַס איז געעפנט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1928, פון וועלכן 7 קינדער זיינען אַריינגעטראַטן אין דעם ערשטן יאָר קלאַס פונ׳ם קאָמבינירטן קורס (אין סעפּטעמבער 1929).

„דער שולן פאַראיין פּלאַנעוועט, אַז דער קלאַס זאָל זיין דער אָנהויב פון אַ גאַנצן סיסטעם פון אַזעלכע קלאַסן, וואָס זאָלן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צוגעגעבן ווערן יאָר נאָך יאָר.

„דאָס איז בלי ספק נאָר אַ פּרואוו טיילוויז צו דערגרייכן מיט אַ באַגרעניצטער צאָל קינדער, דאָס וואָס וואָלט לייכט געקאָנט אויפגעטאָן ווערן פאַר דער יידישער און אַלגעמיינער דערציאונג פון אַלע יידישע קינדער אין מאָנטרעאַל, ווען די אידעע פון סעפּאַראַטע שולן וואָלט דורכגעפירט געוואָרן. דער פאָלקס שולן פאַראיין האָט גערופן אין פעברואַר 1922 די ערשטע קאָנפערענץ פון פּראָגרעסיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס וועגן דעם ענין און האָט פון דאַן אָן גענומען אַן אַקטיוון אינטערעס אין דער באַוועגונג און ס׳איז די האָפנונג פון אַלע די, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די שולן, אַז דער אידעאַל וועט אינגיכן דערגרייכט ווערן צו דער פרייד פון אַלע אמתע פריינט פון יידישער דערציאונג״.

פון באַזונדערער וויכטיקייט איז דער לעצטער פּאַראַגראַף, פון וועלכן מיר לערנען, אַז דער פּלאַן צוצוטרעטן צו בויען די טאָג שולן איז ביז אַ גרויסער מאָס אינספּירירט און סטימולירט געוואָרן דורך דעם קאַמף פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן אין דער פּראָווינץ קוויבעק, וואָס איז געפירט געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן. אונדזער שול ריכטונג האָט גענומען אַ טיכטיקן אַנטייל אין דער באַוועגונג. (דער שרייבער פון דער אַרבעט איז געוועזן דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט לואיס פיטש ע״ה, מייקל גאַרבער, ה. מ. קייזערמאַן ע״ה און ש. בעלקין). די באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטן און פאַרבנרייכן קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דעם היגן יידישן ישוב און איז געווען אַ קרעפטיקער אויסדרוק פון דעם רייף־געוואָרענעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אויף דעם היגן קאָנטינענט. דער דעוויז פון דעם קאַמף איז געווען, אַז מיר ווילן און קענען זיין די מייסטערס פון אונדזער

אייגענעם קולטור גורל. מיר ווילן אַליין פֿאָרמירן דאָס קולטור פּנים פֿון אונדזער פֿאָלקס גרופּע דאָ אין לאַנד — וואו ס'זיינען פֿאַראַן די היסטאָרישע מעגלעכקייטן דערפֿאַר — דורך קאָנטראָלירן די דערציאונג פֿון אונדזער יונגען דור. מיר ווילן באַשאַפֿן אַ נאָרמאַלע יידישע שולע.

ווען די אויסזיכטן אויסצוקעמפֿן די אידעע און זי צו פֿאַרווירקלעכן זיינען אויסגערונען, איז ביי די באַגייסטערטע פֿאַרקעמפֿער אירע געווען אַ פֿעסטע איבערצייגונג, אַז ניט די אידעע טויג ניט, אָדער אַז זי איז ניט דורכפֿירבאַר, נאָר אַז לאו איכשרא דרא; דער כלל ישראל איז נאָך ניט דערוואַקסן — נאָך ריכטיקער, די אַליין־געקרויינטע הערשער פֿון דעם כּלל־לעבן זיינען נאָך ניט ראוי זי דורכצופֿירן. די איבערצייגונג האָט געפֿירט די אָנפֿירער פֿון די פֿאָלקס שולן צו דער איינשטעלונג, אַז מיר גיבן ניט אויף די אידעע, נאָר אַז מיר נעמען זיך דורכצופֿירן „די רעוואָלוציע אין איין לאַנד", אין די אייגענע ד' אמות. דאָס האָט געפֿונען ממשותדיקן אויסדרוק אין דער שאַפֿונג פֿון דעם נוקלעאוס פֿון דער ערשטער יידישער טאָג שול דאָ אין שטאָט.

דאָס איז געווען דער אידעאישער און פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט פֿון דעם פּראָווו, אָבער דער פּראַקטישער שטויס דערצו איז בלי ספק געווען — ווי מיר זעען פֿון דער סכעמאַטישער, קורצער פֿאָרמולירונג אין דעם אויבקן ציטאַט — די אַלץ שטייגנדיקע אומצופֿרידנהייט מיט די רעזולטאַטן פֿון אונדזער דערציאונג אונטער די געגעבענע אומשטענדן.

באַלערנדיק ביז גאָר אין דער פֿאַרבינדונג איז די פֿולע מאָטיווירונג, וואָס איך גיב אָן פֿאַר דער טאָג שול אין אַ לענגערער אַרבעט אינ'ם בוך „שול פּנקס", אַרויסגעגעבן פֿונ'ם שלום עליכם פֿאָלקס אינסטיטוט אין שיקאַגאָ אין יאָר 1946 (זע דאָרט די אַרבעט „יידישע טאָג שולן אין מאָנטרעאַל" — דערפֿאַרונגען און סך־הכלען, ז"ז 433—456).

„וואָס האָט אונדז געצוואונגען אונטערצונעמען צו גרינדן אַ טאָג שול? דאָס זיינען אייגנטלעך געווען די זעלבע מאָטיוון וואָס פֿירן איצט די גאַנצע שול־באַוועגונג צו נעמען זיך צו דער טאָג־שול אַרבעט. אין קורצן פֿאָרמולירט זיינען די מאָטיוון געווען אַזעלכע: 1) ס'איז אויפֿגעקומען אַ נייער דור יונגע עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציאונג; זיי זיינען אָבער אין דער זעלבער צייט געווען ניט ווילִיק, אַז זייערע קינדער זאָלן דאַרפֿן אויסשטיין די פֿיזישע און פּסיכישע שוועריקייטן פֿון אַ צוויי־שולן סיסטעם (די אַלגעמיינע ענגלישע שול און די באַזונדערע יידישע נאָכמיטאָג, אָדער אָוונט שול); זיי האָבן געוואָלט האָבן אָן איינהייטלעכע גאַנצע שול, וואָס וועט אין זינען האָבן די גאַנצע דערציאונג פֿונעם קינד; 2) די שול־פֿירערס האָבן איינגעזען אַז דער „יידישקייט־קלימאַט" אין שטאָט און אינעם לאַנד ווערט שוואַכער, און אַז די רעזולטאַטן פֿון דער צוגאָב־שול זיינען מער נישט קיין צופֿרידנשטעלנדיקע. ס'איז

דעריבער נייטיק צו גרינדן אַ שול, וואָס וועט האָבן בעסערע מעגלעכקייטן פאַר אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג; 3) צווישן די ערשטע גרינדער פון דער טאָג־שול זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען באַהערשט פונעם באַוואוסטזיין, אַז אויך די אַלגעמיינע בילדונג און דערציאונג פון די יידישע קינדער דאַרף, צוליב גוט־פאַרשטענדלעכע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־פעדאַגאָגישע טעמים, ליגן אין יידישע הענט. 4) ס׳זיינען אויך געווען עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין אַ פּריוואַטער שול, וואו זיי וועלן געניסן פון יענע פיזישע און דער־ציערישע מעלות, וואָס נאָר אַ פּריוואַטע שול קען זיי פאַרמאָגן״ (דאָרט זז. 440—441).

17 יאָר יידישע דערציאונגס אַרבעט בכלל און אַרבעט אויף אַנטוויקלען די טאָג שול בפרט טיילן פאַנאַנדער די שיר ניט ערשטע פאָרמולירונג פון 1929 און די ערשט־ציטירטע פון יאָר 1946. איז כדאי קורץ צו באַטראַכטן די ענלעכקייטן און די אונטערשיידן צווישן די צוויי פאָרמולירונגען. דער מאָטיוו נומער 3 פון דער שפּעטערער דערקלערונג איז אַ היסטאָרישער און איז זייער ענלעך צום מאָמענט וועגן סעפּאַראַטע יידישע שולן פון דער פריערדיקער דערקלערונג. נומער 4 פון דער איצטיקער דערקלערונג איז כמעט ווי ניי. אמת, אויך אין די ערשטע יאָרן פון דער טאָג שול איז דער ענין „פּריוואַטע שול״ — געווען אַ צוציענדיקער מאָמענט פאַר אַ קליינער צאָל עלטערן. אָבער מיט דעם גאַנג פון די יאָרן, ביי דער אַלץ שטייגנדיקער פּאָפּולאַריטעט און איינגעגעבנקייט פון די טאָג שולן, שפּילט דער פאַקטאָר אַן אַלץ מער וויכטיקע ראָל אין דער מאָטיווירונג פון די עלטערן ביים אויסקלייבן טאָג שול דערציאונג פאַר זייערע קינדער, און איז אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מיט דער פּאַבליק סקול פון דעם פּראָ־טעסטאַנטישן סקול סיסטעם.

גאָר ניי איז דער סאַמע מאָטיוו נומער 1 — די ניט ווייליקייט פון די „יונגע עלטערן״, אַז זייערע קינדער זאָלן דאַרפן אויסשטיין די פיזישע און פּסיכישע שווערקייטן פון אַ צוויי־שולן סיסטעם — אַלגעמיינע פּאַבליק סקול און צוגאָב יידישע אָוונט שול. אָט דעם מאָמענט געפינען מיר אין אַן אַלץ מער אויסגעשפּראָכענער פאָרם אין די פאַרשיידענע אַרטיקלען, דעקלאַראַציעס און אויפקלערונגען, וואָס כ׳האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשיידענע אָרגאַנען אָפּגעדרוקט אין די יאָרן צווישן 1929 און 1946. וואָסער וויכטיקע פּראָפּאָרציע אָט דער מאָטיוו האָט אָנגענומען אין די שפּעטערע יאָרן ווערט בולט באַוויזן דורך דעם, וואָס אין דער שפּעטערער פאָרמולירונג פאַרנעמט ער שוין דעם אויבן־אָן. איך וועל זיך שפּעטער צוריקקערן באריכות צו דעם מאָמענט, ווייל איך מיין, אַז דאָ ליגט דער שליסל צו דעם „החלום ושברו״ — די שטאַרקייט און שוואַכקייט פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער טאָג שול אידעע.

מיר וועלן דערוויייל באַטראַכטן דעם מאָטיוו נומער 2 פון דער שפּעטערער פאַרמולירונג וואָס געפינט זיך אויך אין דער דערקלערונג פון 1929, מער ניט וואָס איצט רעדט זיך שוין קלאָר וועגן דעם, אַז „די רעזולטאַטן פון דער צוגאָב שול זיינען מער ניט קיין צופרידנשטעלנדיקע", אַז דער ציל איז אַ שול „וואָס וועט האָבן בעסערע מעגלעכקייטן פאַר אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג".

נאָענט צו דער צייט ווען מיר זיינען צוגעטראָטן צו מאַכן דעם אָנהויב פון אַ טאָג שול, האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן אַן אַלץ בולטער־ווערנדיקע אומצופרידנקייט מיט די רעזולטאַטן פון דער שולן אַרבעט. מ׳האָט געמוזט צוגעבן אַז „הדורות מתמעטים והולכים", אַז ס׳ווירקט זיך אויס אַ פּראָצעס פון „וואָס אַמאָל ווייניקער" — ניט אין כמות: די צאָל קינדער אין די שולן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן; די שולן זיינען געשטיגן אין פּאָפּו־לאַריטעט ביי די עלטערן און אין אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער אָנערקענונג — נאָר אין איכות, אין דער פּעולה אויף דער יוגנט וואָס מ׳דערציט. מ׳האָט נאָך געהאַט פאַר די אויגן און אין קרייז פון דער אייגענער השפעה די יוגנט פון „די פריערדיקע יאָרן", — די גראַדואירטע אפילו פון דער עלעמענטאַר שול, און ווער שמועסט נאָך פון דער מיטל שול און פון די „העכערע קורסן", און מ׳האָט קעגן איר אָוועקגעשטעלט די קאַדרען פון די גראַדואיר קלאַסן, וואָס מ׳האָט אַרויסגעלאָזט אין די סאַמע לעצטע יאָרן. דער אָביעקטיווער פאַרגלייך איז געווען אַנטמוטיקנדיק.

„דער פריערדיקער דור" איז געווען אייגענער, נעענטער צו אונדזערע דערציאונגס אידעאַלן. מ׳האָט אין אים לייכט געזען בולטע סימנים פון דער השפעה פון אונדזער דערציאונג. יענע גראַדואירטע האָבן טיפער פאַרשטאַנען און מיטגעפילט, און האָבן אַ שפּאַר ביסל מיטגעלעבט מיט די נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, קולטורעלע און יחידישע אידעאַלן, וואָס האָבן באַזעלט די לערער און די שול טוער. זיי האָבן טיפער אַבסאָרבירט דעם גייסט און די נשמה פון די קולטור אוצרות אין העברעאיש און אין יידיש, אויף וועלכע זיי זיינען דערצויגן געוואָרן. יידיש האָט געלעבט אין זייערע מיילער ביז זייער אַ הויכער מאָס. זיי האָבן גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור און האָבן געהאַט צו איר אַן אינטימע באַציאונג. אין זייערע יערלעכע אויס־גאַבן „די בליענדע צווייגעלעך" האָט מען געזען סימנים אפילו פון שעפע־רישקייט אין יידיש און אַ היימישקייט אין העברעאיש. די פאָלקס שולן יוגנט האָט זיך היבשלעך אָנגעזען, אונטער דער באַגלייטונג פון זייערע לערער, ביי וויכטיקע ליטעראַרישע, דראַמאַטישע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען. אָט די גראַדואירטע פלעגן זיך נאָך אַלץ צונויפקומען אין זייערע קלובן (די שע״ק — שלום עליכם קלובן) און אין די לייען קרייזן זיך אויסצולעבן קולטורעל יידישלעך. (די מאַניפעסטאַציע פון אייגנקייט האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן און איז נאָך אַלץ ניכר ביי אַ סך פון זיי, און

ווירקט זיך אויס באַזונדערס אין דער דערציאונג פון זייערע אייגענע קינדער און אין זייער אינטערעס פאַר דעם וואוילזיין פון זייער „אַלמאַ מאַטער" — די פאָלקס שולן.) הכלל, מ'האָט געקענט זען באַשיינפּערלעך, אַז די פאָלקס שולן דערציאונג „האָט זיך אָנגענומען" ביי יענעם „דור" פאָלקס שולן תלמידים.

מיט דעם גאַנג פון די יאָרן איז אַריינגעקומען אַ גראַדנווייזע אָפּשוואַכונג אין די אַלע אַספּעקטן. אמת, אַן אָביעקטיווער, אַ ברייטזיניקער און סימפּאַטישער באַאָבאַכטער פון דער דערציאונג סיטואַציע און פון אירע רעזולטאַטן אפילו ביזן היינטיקן טאָג, קען ניט פאַרפעלן אָפּצושאַצן די קענטיקע, פּאָזיטיווע סימנים פון דער השפּעה פון דער פאָלקס שולן דערציאונג אויף דער פאַרמירונג פון דעם יונגען דור און אויף זיין אָנזעעוודיקייט צום גוטן אין דעם היגן יידיש קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער וועט אָבער מוזן צוגעבן, אַז די פּאָזיטיוו־שעפערישע און דויערנדיקע מאָמענטן פון דער השפּעה פון דער דערציאונג זיינען אַ סך ווייניקער און שוואַכער ווי געוועזן. ס'איז ניט נויטיק אַריינצוגיין אין פּרטים; זיי זיינען אַלע אינטים־וויטיקלעך באַקאַנט די אַלע וועלכע זיינען נאָענט צו דער שול אַרבעט.

ווען מ'האָט אָנגעהויבן נאָכצוזוכן און צו אַנאַליזירן די סיבות פאַר דער אָפּשוואַכונג האָט מען זיי געמוזט געפינען אין דער פאַרקלענערטער און אָפּגעשוואַכטער השפּעה פון דער היים און פון דער יידישער געזעלשאַפט, און אין דער ניט מיטווירקנדיקער, און זייער אָפט קעגן־ווירקנדיקער, השפּעה פון דער אַלגעמיינער סביבה, אין וועלכער די יוגנטלעכע לעבן זיך אויס — „די גאַס" און די מאַסן־מעדיומס פון קאָמוניקאַציע און פאַר־ווײלונג — אין דעם קולטור־„פּעטערן" בכלל פון אונדזער אַלגעמיינער און יידישער געזעלשאַפט.

אין דעם זעלבן אויבנדערמאָנטן „פאָלקס שולן בוך" פון 1929 איז דאָ אַן אויספירלעכע אַרבעט פון ש. ווייסמאַן, „15 יאָר יידישע פאָלקס שולן אין ציפערן" (זע דאָרט זז. 12—17). אין דער אָפּטיילונג „געבורט לענדער פון קינדער" געפינען מיר דעם פאָלגנדן סך הכל: „די פּראָפּאָרציע פון די הי־געבוירענע איז געבליבן די זעלבע אין משך פון די לעצטע דריי יאָר (1926—1929), הגם זי איז באַדייטנד געוואַקסן אין די יאָרן פאַר 1926. אַרום 56% פון די תלמידים פון דער שולע נומער 1 זיינען הי־געבוירענע, און פון דער שולע נומער 2 מער ווי 90%, ס"ה פוןביידע שולן 77%". (ז. 16) — און דערנאָך די קריטישע נאָכבאַמערקונג: „די ציפערן זיינען דאָ פאַרן פאַראינטערעסירטן. זאָל ער זיי טייטשן." וואָס ס'איז געמיינט געוואָרן ווערט דערקלערט, מערסטנס ברמז, אין דעם אַריינפיר צו דער טאַבעלע.

„אין אונדזערע שולן הערשט געוויס ניט קיין „נאָרדיק טעאָריע" בנוגע דער אָפּשטאַמונג פון אונדזערע תלמידים. דאָך איז די פראַגע אַ גאַנץ

וויכטיקע צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, מאַכט עס געוויס אַן אונטערשייד אין אונדזער מעטאָדיק, אויב אונדזערע תלמידים זיינען „היימישע", דאָס מיינט אַזעלכע, וואָס האָבן די ערשטע יידישע לעבנס דערפאַרונגען געקראָגן אין אייראָפּע, אָדער זייערע עלטערן זיינען „ערשט נאָר וואָס אַראָפּ פון שיף". צווייטנס, הערשט, אָדער פלעגט הערשן, אין געוויסע קרייזן אַ מיינונג, אַז אונדזערע שולן האָבן געהאַט עקזיסטענץ מעגלעכקייטן נאָר כל זמן אַן אינטענסיווע יידישע אימיגראַציע האָט אָנגעהאַלטן דאָ אין לאַנד" (דאָרט).

מ'דאַרף באַטראַכטן ביידע מאָמענטן, וואָס זיינען דאָ ציטירט געוואָרן, ווי פון גלייכער וויכטיקייט. אוודאי קען מען שפּירן די מאָס פון צופרידנקייט און שטאָלץ, מיט וועלכער דער שרייבער האָט געמאַכט דעם אויספיר, אַז אפילו ווען 90 פּראָצענט פון די קינדער זיינען הי־געבוירענע (ווי ס'איז געווען דער פאַל אין דעם נייערן געגנט, וואָס איז מיט די יאָרן געוואָרן דער רוב מנין און רוב בנין פון דער פאָלקס שולן באַפעלקערונג), קען די פאָלקס שולן דערציאונג אַלץ וואַקסן און שטייגן. מ'טאָר אָבער ניט פאַרפעלן ערנסט צו נעמען אין אַכט די אָבסערוואַציע, אַז „ס'מאַכט געוויס אַן אונטערשייד אין אונדזער מעטאָדיק". דאָס איז סעמאַנטיש אַן אָנצוהערעניש אויף ערנסטע שוועריקייטן.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז גאָר אַ גרויסע צאָל, שיר ניט אַן איבער־וועגנדיקע מערהייט, פון דעם „פריערדיקן דור" תלמידים און גראַדואַנטן וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די מיטל שול און „העכערע קורסן" קלאַסן, די שלום עליכם קלובן און די לייען קרייזן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די „בליענדיקע צווייגעלעך" און האָבן דורכגעפירט די שע"ק קאָנצערטן און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, זיינען געווען אָדער אייראָפּע־געבוירענע, אָדער אַזעלכע, וועמענס עלטערן זיינען געווען, — אויב ניט פיזיש, איז גייסטיק, — „ערשט נאָר וואָס אַראָפּ פון שיף".

אַבי מיר, זייערע לערער, האָבן געשפּילט מיט אָט די תלמידים און גראַדואירטע „וואָלי־באָל" אום זומער און זיי גענומען אויף אַ שליטן־פאָר און זיך גליטשן אויפן „מאָונט ראָיאַל" אום ווינטער, האָבן מיר זיי געהאַט מיט זיך פאַר אונדזערע ליטעראַרישע, קולטורעלע, נאַציאָנאַלע און געזעל־שאַפטלעכע אינטערעסן און אונטערנעמונגען. ס'איז אונטערגעקומען אַ דור פון תלמידים און גראַדואירטע אַלץ מער און מער אַקלימאַטיזירטע אינ'ם היגן לעבן און אין זיינע קולטור־פּעטערנס, וואָס האָבן אונדז שוין ניט געדאַרפט פאַר „וואָלי־באָל" — און מיר, די לערער, זיינען אויך מער ניט געווען אַזוי גרייט „מיטצושפּילן". אָט די אַקטיוויטעטן אין דער אַלגעמיינער סקול און אין דער גאַס, די צעשטרייאונגען און פאַרווייליונגען און „די גאַס" בכלל האָבן אָפּגעצויגן אונדזערע תלמידים און גראַדואירטע פון אונדזערע ספּעציפישע שטרעבונגען און טעטיקייטן, צו וועלכע זיי זיינען איצט שוין געווען שוואַכער צוגעגרייט דורך אונדזער קלאַס־ און שול־אַרבעט, צוליב

די שווערער געוואָרענע באַדינגונגען און ביי אַ קילערן יידישקייט־קלימאַט אין דער היים און אין דער געזעלשאַפט בכלל.

דער לערן־פּראָגראַם האָט אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן אָנגעהויבן פאַרשמעלערט ווערן. די קינדער זיינען געקומען אין שולע מיט ווייניקער ידיעות פון דער היים — סיי שפּראַכלעך, סיי אינהאַלטלעך. מ'האָט שוין איצט געדאַרפט מער מי אוועקגעבן אויף לערנען מיט די קינדער עלעמענטאַרן יידיש פאַרשטיין און רעדן. ממילא איז מען אַלץ שפּעטער און שפּעטער געקומען צו לערנען מיט די קינדער תוכיקע יידישע ליטעראַטור טעקסטן. דאָס האָט דירעקט און אומדירעקט אָפּגעווירקט אויך אויף דעם לימוד פון העברעאיש. די תלמידים זיינען געקומען אין שולע מיט שוואַכע ידיעות וועגן די יידישע ימים טובים, וועגן יידישע טראַדיציעס, יידישן פאָלקלאָר און יידיש לעבן בכלל — וואָס מיר רופן אָן „אַלגעמיינע אינפאָרמאַציע".

דער פאַרשמעלערטער און פאַרלאַנגזאַמטער לערן־פּראָגראַם אין דער עלעמענטאַר שול האָט שפּעטער געפירט צו שוואַכערע דערגרייכונגען אין דער מיטל שול און אין די העכערע קורסן. דאָס, צוזאַמען מיט דער אָפּט קעגנגעריכטעטער השפעה פון דער „גאַס", האָט אָפּגעשוואַכט די האָפנונג, אַז מיר קענען דערציען אַ דור, וואָס וועט זיך פילן ווי אַן אייגענער אין דער יידישער קולטור און אין די שטרעבונגען און אידעאַלן פון דעם יידישן פאָלקס לעבן. אוודאי און אוודאי זיינען בלאָסער געוואָרן די אויסזיכטן צו דערציען אפילו אַ קליינע צאָל יוגנטלעכע, וואָס זאָלן קענען מיט דער צייט ווערן מיטבאַטייליקטע אין יידישער קולטור שאַפונג.

* * *

ביים פאַרטראַכטן די אידעע פון דער טאָג שול און ביים צוטרעטן זי צו פאַרווירקלעכן האָט מען אין זינען געהאַט צו פּרוואַון מתקן זיין די פּגמים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דער שול־אַרבעט. דאָס וועט זיין אַ נאָרמאַלע יידישע שול, ניט קיין צוגאָב שול מיט אַלע אירע כאַראַקטעריסטישע חסרונותדיקע שטריכן — שפּעטע לערן־שעהן, ווייניק לערן־שעהן, די ניט־גינסטיקע אויסזיכטן אויף איינצוהאַלטן די תלמידים אויף לאַנגע לערן־יאָרן. אין דער גאַנצער, נאָרמאַלער שול וועט די גאַנצע דערציאונג פונ'ם קינד אים געגעבן ווערן אין אַן אייגענער יידישער אַטמאָספער.

דאָס איז געווען אַ פּלאַן אויסגערעכנט אויף לאַנגע יאָרן פון שטופנווייזער וואוקס און אַנטוויקלונג. דער ערשטער קלאַס טאָג שול איז געעפנט געוואָרן אין 1929 און די ערשטע גראַדואירונג פון דער זיבן־קלאַסיקער עלעמענטאַר שול (ניט רעכנענדיק דעם קינדערגאָרטן קלאַס) איז פאָרגעקומען ערשט אין יוני 1940. דער ערשטער קלאַס טאָג שול איז אַריינגעשיקט געוואָרן נאָך דריי יאָר לערנען אין דער אַלגעמיינער פּראָטעסטאַנטישער סקול; נייע קלאַסן זיינען גראַדנווייז צוגעגעבן געוואָרן צום לערן פּראָגראַם. דער געדאַנק

דערביי איז געווען צו גיין פֿאַרזיכטיק מיט דעם נייעם עקספּערימענט אין יידישער דערציאונג און זען, ווי די תּלמידים אונדזערע ווערן אויפגענומען און פּאַסן זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם פּאַבליק סקול סיסטעם; אָבער דער פּלאַן איז געווען צום ווייניקסטנס אויף אַ פולער עלעמענטאַר שול פון אַכט יאָר.

מ׳דאַרף דאָ גלייך און קלאָר פעסטשטעלן, אַז די גרינדער און אָנפירער פון דער מאָנטרעאַלער יידישער טאָג שול האָבן ניט ביים אָנהויב, און ניט קיין מאָל שפּעטער, ניט געטראַכט אין טערמינען פון אַ גאַנצער יידישער שול אויפן מוסטער פון די מזרח־אייראָפּעאישע העברעאישע און יידישע שולן, ווי למשל די תּרבות און די צישא שולן אין פּוילן און אין ליטע, — דאָס מיינט שולן, וואו די גאַנצע אַלגעמיינע דערציאונג, אַ חוץ דעם לימוד פון דער לאַנדס שפּראַך, ווערט געגעבן אין העברעאיש אָדער אין יידיש, אָדער איןביידע. מיר האָבן דאָס ניט באַטראַכט ווי אַ מעגלעכקייט אויף דעם היגן קאָנטינענט און ביי די היגע באַדינגונגען פון יידיש לעבן. למען האמת דאַרפן מיר מודה זיין, אַז מיר האָבן אפילו ניט געגלויבט אין דער ראַט־זאַמקייט און אין דער ווינטשנסווערטקייט דערפון. מיר איז ניט באַקאַנט קיין פאַל פון יידישע דערציער אויף דעם קאָנטינענט, וועלכע זאָלן געווען טראַכטן, אָדער, וואָס איז אין דעם פאַל וויכטיקער, זאָלן געווען מאַכן וועלכע ס׳ניט איז פּראַקטישע שריט אין דער ריכטונג.

איך מיין חס וחלילה ניט צו וואַרפן דעם מינדסטן חשד אויף די תּרבות און צישא שולן למיניהם אין דער הינזיכט פון זייער באַציאונג צו די אַלגעמיינע לימודים. אדרבה, דער הויכער סטאַנדאַרד פון זייערע דער־גרייכונגען אויף דעם געביט איז מיר גוט באַקאַנט און האָט ביי מיר אַרויסגערופן דעם העכסטן דרך ארץ. מער ניט, מיר האָבן ניט געגלויבט, און גלויבן אויך איצט ניט, אַז מיר קענען, אין וועלכער ס׳ניט איז ערנסטער מאָס ענדערן דעם תּוך אָדער אפילו די פאָרם פון דער אַלגעמיינער בילדונג, וואָס ווערט דאָ אין לאַנד געגעבן אַלע שול קינדער.

ס׳איז אמת, אַז מיר פאַרקלענערן די צאָל שעהן פון די אַלגעמיינע לימודים פון דער פּאַבליק סקול פון פינף אויף דריי, כדי אָפּצושפּאָרן צייט פאַר די ספּעציפיש יידישע לימודים, אין די ראַמען פון דעם געוויינלעכן לערן־טאָג. מיר געפינען פאַר דעם וואָגיקע קאָמפּענסאַציע באַרעכטיקונגען, ווי למשל קלענערע קלאַסן, דורכשניטלעך פעאיקערע קינדער, צייט אָפּשפּאָ־רונג דורך דער קעגנזייטיקער אָפּווירקונג פון געוויסע אַלגעמיינע און ספּעצ־יפיש־יידישע לימודים — אינטעגרירונג פון געוויסע לימודים, — כ׳קען דאָ צום באַדויערן וועגן דעם ניט מאריך זיין. איך וועל זיך אָבער נאָך שפּעטער צוריקקערן און וועל קריטיש־זאַכלעך באַטראַכטן די רעזולטאַטן פון דעם ערנסטן שניט אין צייט פאַר די אַלגעמיינע לימודים.

אונדזער געוויסן ווי פון מאָדערנע דערציער מוז שטענדיק שטיין אויף דער וואַך און שטרענג מקפיד זיין אָנצוהאַלטן אַ הויכן סטאַנדאַרד פון אַלגעמיינער דערציאונג. ניט נאָר טאָרן מיר ניט דערלאָזן, אַז די אַלגעמיין־אנערקענטע וויכטיקע לימודים, אַזעלכע ווי שפּראַך, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע און געשיכטע, זאָלן ניט שטיין אויף דער געהעריקער הויך, נאָר אויך ניט אַז אפילו די געביטן, וואָס זיינען ווייניקער אַלגעמיין אָנערקענט ווי יסודותדיק וויכטיקע, זאָלן ערנסט באַגרעניצט ווערן אין דער מאָס פון צייט אָדער אין דער באַציאונג און אויפמערקזאַמקייט, וואָס ווערט זיי געגעבן. ווי ביישפּילן פון די געביטן ווילן מיר דערמאָנען עלעמענטאַרע וויסנשאַפט, האַנטשריפט, קונסט און האַנט אַרבעט, מוזיק און פיזישע אויסבילדונג.

מיר באַמיען זיך וואו נאָר מעגלעך און אויף וויפיל נאָר מעגלעך אַריינ־צוברענגען געוויסע יידישע נאַציאָנאַלע פאָרמען ביי אייניקע פון די לעצט־דערמאָנטע לימודים, אבער די שפּראַך פון די אַלע לימודים דאַרף בלייבן די לאַנד שפּראַך, אויף וועלכער אַלע שול קינדער דאָ אין לאַנד ווערן דער־צויגן — אפילו שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר מוזן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מקצר זיין די לערן שעהן פאַר די אַלגעמיינע לימודים.

* * *

די באַדינגונגען פון לערנען אין דער טאָג שול וועלן זיין נאָרמאַלע, ווען מען דעריבער קענען צוריק אויפהויבן דעם ניוואָ פון די לימודים. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויסרעכנונגען פון די שאַפער פון דער טאָג שול. די צילן און שטרעבונגען פון אונדזער דערציאונג וועלן מער עפעקטיוו רעאַליזירט ווערן אַ דאַנק דער יידישער אַטמאָספער אין וועלכער די קינדער וועלן פאַרברענגען דעם גאַנצן לערן־טאָג.

ס'איז ניט אַזוי לייכט איצט צו רעקאָנסטרואירן גענוי וואָס מיר האָבן געמיינט ווען מיר האָבן גערעדט וועגן יידישער אַטמאָספער. מיר מוזן זיך אָבער באַמיען דאָס צו טאָן צוליב דער היסטאָרישער ראַם פון דער איצטיקער שריפט און נאָך מער כדי זיך קלאָר צו מאַכן, וואָס ווילן מיר און וואָס קענען מיר איצט טאָן אויפצוהאַלטן געהויבענע יידישע אַטמאָספער אין אונדזער דערציאונגס אַרבעט בכלל און אין דער טאָג שול בפרט.

מיר האָבן געוויס געמיינט אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע יידישע אַטמאָספער. איידער מיר באַמיען זיך אַזוי קלאָר ווי מעגלעך צו באַשרייבן די מאָמענטן פון וועלכע זי באַשטייט, מוזן מיר פריער קלאָר אַרויסזאָגן וואָס זי האָט ניט אַריינגענומען. די פון אונדז געווינטשטע אַטמאָספער האָט ניט איינגעשלאָסן דעם געביט פון רעליגיעזע מצוות מעשיות, וואָס מיר געפינען אין דער ריינסטער, אויסגעשפּראָכענסטער און דערציעריש־ווירקזאַמסטער פאָרם אין די עקסטרעם־רעליגיעזע יידישע שולן. די גאַנצע פילאָזאָפיע און אידעאָ־לאָגישע איינשטעלונג פון אונדזער שול ריכטונג מוז לאָגישערוייז אויסשליסן

אַט דעם מאָמענט פון יידישער אַטמאָספער. מ׳מוז אָבער ערלעך מודה זיין, אַז דאָס שליסט אויס אַ געביט, וועלכער קען זיין און איז אַ בולטער, באַל־דיקער און באַשטענדיקער קען־צייכן פון יידישקייט און פון יידישער אַטמאָספער. די באַזונדערע יידישע הלבשה — די יאַרמאַלקע און ארבע כנפות, דאָס לערנען ברכות און דאָס מאַכן זיי ביי אַלע געלעגנהייטן, וואָס דער יידישער טאָג שטעלט צו, דאָס דאַווענען, די פאַרשידענע איסורים, די פאַרשיידענע צערעמאָניאַלן און ריטואַלן — די און אַנדערע ניט אויסגע־רעכנטע יידישע התנהגות־אייגנאַרטיקייטן, וואָס אויב נאָר מ׳קען זיי באמונה ובלב תמים איינקאָרפּאָרירן אינעם חינוך, זיינען זיי אַ וועזנטלעכער טייל פון יידישער אַטמאָספער. זיי האָבן אַ באַלדיקן מתן שכרם בצדם און קענען שאַפן געוואוינהייטן אויפן גאַנצן לעבן. ס׳פאַרשטייט זיך, קיינער האָט ניט די פאַרזיכערונג, אַז דאָס שפּעטערדיקע לעבן וועט זיי ניט צוואַרפן און אויסרייסן; אָט דער אַטמאָספער מאָמענט איז אָבער דערוויל אַקטועל און דערציערישׂ ווירקזאַם.

דערביי דאַרף מען אָבער זאָגן בפה מלא, אַז אונדזער פּראָגראַם האָט אַלעמאָל איינגעשלאָסן, און איצט אפשר מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אויך אַ סך רעליגיעזע מצוות, טראַדיציעס, צערעמאָניאַלן און ריטואַלן, ווי למשל לערנען מחזור־תפילות פאַר די ימים נוראים; (ס׳איז שוין מער ווי אַ צענדליק יאָר, אַז אויך סידור־תפילות פון אַ גאַנץ יאָר איז אַן אינטעג־ראַלער טייל פון דעם לערן־פּראָגראַם און דערביי ווערט אַ יאַרמאַלקע אָנגעטאָן); אַן עומר צערעמאָניאַל פאַר פסח, אַ ביכורים אין מתן תורה פּראָגראַם פאַר שבועות; לערנען די הגדה פאַר פסח, לערנען און צוגרייטן די קינדער צום פּסח־סדר; ציינדן ליכט אום חנוכה; בויען אַ סוכה און דורכפירן יו״ט פּראָגראַמען אין דער סוכה; (אין קינדערגאָרטן און אין די ערשטע קלאַסן פון דער טאָג שולע איז דאָ אַן ערב שבת צערעמאָניאַל); לייענען טיילן פון דער מגילה פאַר פורים, און נאָך ענלעכע צערעמאָניאַלן. די צוגרייטונג צו און דאָס פייערן פון כמעט אַלע יידיש־רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ימים טובים איז אַלעמאָל געווען און איז געבליבן אַ צענטראַלער און פונדאַמענטאַלער טייל פון דעם פאָלקס שולן לערן־ און דערציאונגס־פּראָגראַם.

ווען מיר האָבן באַטראַכט די דערציערישע מעגלעכקייטן פון אַ יידישער אַטמאָספער, האָבן מיר אין זינען געהאַט צו שאַפן אינערלעכע און אויסער־לעכע אַטמאָספער־ און לערן־באַדינגונגען, וואָס וועלן באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק איינוואָרצלען ביי די קינדער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, אַ פאַרשטענדעניש און אַ טיפע אינטימע איינשטעלונג צו די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייערישע און רענעסאַנס אידעאַלען פון דער היסטאָרישער און פון דער היינטצייטיקער יידישקייט. מיר האָבן געשטרעבט, און באַמיען זיך אויך איצט, אַוועקשטעלן דעם ארץ ישראל אידעאַל אין

דעם צענטער פון אונדזער לערן פּראָגראַם און פון אונדזער שול אַטמאָספער; אַרויסרופן ביי די קינדער אַ פאַרשטענדעניש און אַ גרייטקייט פאַר אינטע־ליגענטער און שעפערישער באַטייליקונג אינ׳ם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, ווי מאָדערנע קאַנאַדער יידן. אַט די אַלע און אַנדערע ניט אויסגערעכנטע מאָמענטן מאַכן מעגלעך באַלדיקע מצוות מעשיות, — אוודאי ניט אין דער מאָס און אין דער אינטענסיטעט, ווי דאָס איז מעגלעך אין אַן עכט רעליגיעזער יידישער שול, אָבער אויך אין אַ גאַנץ אַנזעעוודיק־דערציערישער מאָס. ווי למשל אַרבעט פאַרן קרן קימת, פאַר ארץ ישראל בכלל, איינשליסנדיק די הסתדרות, אַ חוץ די אַלגעמיין־בירגערלעכע דער־ציערישע אונטערנעמונגען, ווי דער רויטער קרייץ, העלפן נויט־באַדערפטיקע וכו׳. דאָס האָט אוודאי איינגעשלאָסן מידות טובות און די מצוות שבין אדם לחברו — אַזאַ יסודותדיקער טייל פון דער היסטאָרישער און פון הייַנטיקער יידישקייט.

פון די אַלע בפירוש אויסגערעכנטע און אַנדערע אַנגעדייטעטע מאָמענטן איז צו זען, אַז דער פאָלקס שולן פּראָגראַם איז אויסגערעכנט אויף צו שאַפן אַן אַטמאָספער און דערציערישע באַדינגונגען פאַר אַ רייך, אינהאַלטפול און אינטענסיוו יידיש לעבן. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ און ווערט אינקאָרפּאָרירט אין דעם לערן פּראָגראַם. דאָס געפינט אַ פולבלוטיקן אויסדרוק אין די סימבאָלן און אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג פון דער שול געביידע און פון די קלאַס צימערן, אין דער קונסט און האַנט אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפירט מערסטנס פון די ענגלישע לערער, אָבער אין וועלכער ס׳קומען אַריין אַן אַ שיעור יידיש נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פאָרמען. גליקלעכער־ווייז — און ניט נאָר צופעליק דערצו — זיינען כמעט אַלע לערער פאַר די אַלגעמיינע (ענגלישע) לימודים, גראַדואירטע פון די יידישע פאָלקס שולן און פון אַנדערע יידישע לערן־אַנשטאַלטן, און ס׳איז אַלעמאָל געווען אַ באַוואוסטזיניקע און געפלאַנטע קאָאָפּעראַציע צווישן די „יידישע" און די „אַלגעמיינע" לערער.

פון גרויסער פּאָזיטיווער חשיבות פאַר די ענד־צילן פון דער טאָג שול דערציאונג איז דער פאַקט, וואָס די ספּעציפיש יידישע דערציאונג ווערט געגעבן אין די שעהן פון אַ נאָרמאַלן לערן־טאָג. ממילא ווערט ביי די קינדער געשאַפן אַ באַציאונג פון שיר ניט גלייכער וויכטיקייט פאַר די יידישע לימודים צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע לימודים; ממילא זיינען דאָ גרעסערע אויסזיכטן אויף דערפאָלג אין די יידישע לימודים און אויף אַ מער דויערנ־דיקער ווירקונג אויף דער פּערזענלעכקייט פון די תלמידים. אַט די אויס־רעכנונגען האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל ביי די שאַפער, אָנפירער און לערער פון דער טאָג שול.

ס׳דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל, אין דעם גאָר ווייטן אַמאָל פון דער לאַנגער פאָלקס שולן געשיכטע, נאָך אַ וויכטיקע

מצווה מעשית, וואָס האָט געקענט זיין אַ וויכטיקער קען־צייכן פון אַ באַזונדערער יידישער אַטמאָספער, וואָס זאָל זיך גינסטיק פאַרגלייכן, לפּחות אויסערלעך, — כאָטש דוכט מיר אויך אינערלעך ביז זייער אַ גרויסער מאָס, — פאַר ניט פרומע יידן מיט די רעליגיעזע מצוות מעשיות פון דער עכטער רעליגיעזער יידישער שול. כ׳מיין דאָ דעם מאָמענט פון רעדן יידיש אָדער העברעאיש, אָדער פון ביידע, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער קען־צייכן פון דער נאָרמאַלער העברעאישער און יידישער שול אין מזרח אייראָפּע. כ׳מיין דאָ יידיש און העברעאיש רעדן אין קלאַס, און אויסערן קלאַס, אין דער היים און אין גאַס. כ׳מוז דאָ גלייך עדות זאָגן, אַז דאָס האָט זיך זייער ווייניק איינגעגעבן אפילו אין דער „גאָלדענער עפּאָכע״ פון די „גרינע יאָרן״ פון דער שול אַרבעט. אונדזער שול איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1914. איך בין מיט איר פאַרבונדן זינט 1917 און פיר אָן מיט איר זינט 1920. דאַרף מיין עדות זאָגן דעריבער זייער ערנסט גענומען ווערן. און זאָל מען דאָ ניט חושד זיין, אַז ס׳איז ניט געווען דער גוטער ווילן און די ערנסטע באַמיאונג דערביי. כ׳געדענק גענוי, אַז אין משך פון אַ באַדייטנדיק לאַנגער צייט, גלייך נאָך מיין ווערן פּרינציפּאַל, פלעג איך ארומגיין אין די קאָרידאָרן און אויפן שול הויף און זיך באַמיען אויסצונוצן מיין גאַנצן איינפלוס אויף די תלמידים אין דער הינזיכט — אָבער מיט קנאַפּן דערפאָלג.

נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד פון באַמיאונג האָבן מיר, איך און די חברים לערער, געמוזט אויפגעבן די אויסגעשפּראָכענע באַמיאונג פאַר עפּענטלעכן יידיש רעדן און האָבן זיך באַגרעניצט, ביזן היינטיקן טאָג, אויף דער באַמיאונג מקפּיד צו זיין אויף יידיש רעדן אין דער צייט פון די יידישע שפּראַך לימודים אין קלאַס. (כ׳מיין אַז די זעלבע דערפאַרונג האָבן געהאַט און האָבן ביזן היינטיקן טאָג די לערער און שול פירער פון עקסטרעם העברעאישע און פון עקסטרעם יידישע שולן איבערן גאַנצן לאַנד).

צוריקצוגיין צום עיקר הענין: ס׳איז קלאָר, אַז די שאַפער פון דער טאָג שול זיינען געווען באַזעלט פון אַ טיפן גלויבן אין דעם כוח פון שאַפן געוואוינהייטן ביי די קינדער פון עלעמענטאַרן שול־עלטער — געוואוינ־הייטן פון פילן, טראַכטן, דורכלעבן און טאָן, — און אין דעם כוח פון אַ פּאַסיקער דערציערישער אַטמאָספער און פון אַ פאַרגלויבטער, באַגייסטער־טער לערערשאַפט צו באַאיינפלוסן און צו באַווירקן די יונגע קינדער, אַז אַט די געוואוינהייטן זאָלן ווערן אַ „פּעטערן״ פון זייער פּערזענלעכקייט אויף לאַנגע יאָרן פון דערוואַקסנקייט און פון יידישער בירגערשאַפט.

דער אַקצענט איז געלייגט געוואָרן אין אַ געהעריקער פּראָפּאָרציע אויף אַטמאָספער ווי אויף אַקטועלן לערנען און אויסלערנען וויכטיקע, פּאַסיקע טיילן פון דער יידישער קולטור פון אַלע צייטן, אין העברעאיש און אין יידיש. מ׳האָט זייער שטאַרק גערעדט וועגן דער אויפגאַבע צו אינטענ־

סיווירן די יידישע דערציאונג. „ולא עם הארץ חסיד" איז שטאַרק אַנווענדבאַר אין דער עכט־פרומער וועלט, אָבער געוויס ניט ווייניקער איז דאָס ריכטיק אין דער מאָדערנער יידישער וועלט, — אפשר נאָך מער. שוין דורך דעם טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן און דורך לערנען מקיים צו זיין רעליגיעזע מצוות מעשיות, צוזאַמען מיט אַ באַשטימטן מינימום פון ידיעות (תורה), קען מען דערציען אַ פרומען יידן, — הגם ניט קיין פרומען למדן. (אין די פריערדיקע דורות זיינען געווען גאַנצע שיכטן פון אַזעלכע ערלעכע, פרומע יידן, וואָס האָבן זיך מיט קיין באַזונדערער לומדות ניט אויס־געצייכנט). אָבער אין דער דערציאונג פון דעם מאָדערנעם, אַזוי גערופענעם וועלטלעכן יידן, מוז מען אויסרעכענען אויף אַ סך ידיעות, שיר ניט אויף לומדות, ווייל די צילן פון דער דערציאונג זיינען מער אויסגערעכנט אויף אַ לאַנגן טערמין. די אַקטועלע מצוות מעשיות, וואָס זיינען אַ יסוד מוסד פון שאַפן געוואוינהייטן, זיינען דאָ אין פאַרגלייך ווייניקער אין צאָל און אַ סך ווייניקער אַקטועל־בולט (טענדזשיבל בלע"ז), אַ סך ווייניקער באַלדיק און באַשטענדיק, איידער אין פאַל פון דער דערציאונג צו עכט פרומער יידישקייט. ווי הויך מ'זאָל ניט שאַצן דעם ווערט פון עמאָציאָנעלער באַוויר־קונג, איז מען אָבער פאַרט אָנגעוויזן אויף לערנען און איינלערנען און העלפן דעם תלמיד איינזאַפּן אין זיך קולטור ווערטן, וואָס וועלן מיט דער צייט האָבן אַ חוץ דעם אינטעלעקטועלן וויסן־ווערט, אויך דעם עמאָציאָנעלן ווערט, וואָס ווירקט זיך לאַנגזאַם אויס אין שאַפן באַציאונגען און געוואוינ־הייטן פון פילן און טאָן.

אוודאי איז גוט באַקאַנט יעדן פּראַקטישן, לאַנג־דערפאַרענעם דערציער, אַז די פאַרטיילונג צווישן די אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע עלעמענטן פון אַ דערציאונגס סיטואַציע איז אַ קינסטלעכע און וואַרצלט ניט אין דער דערציערישער סיטואַציע. אויב כ'רעד דאָך אין קאַטעגאָריעס פון אַזאַ פאַנאַנדערטיילונג פון דערציערישע אויפגאַבן און פונקציעס איז עס נאָר דערפאַר, וואָס אין אונדזער יידישער דערציאונגס וועלט זיינען נאָך אַלץ דאָ אָנהענגער פון צוויי עקסטרעמע צוגאַנגען. איין צד האַלט, אַז דער עיקר איז וואָס מער לערנען; די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און די אַטמאָספערע מאָמענטן זיינען אפילו ניט קיין פרפּראות לחכמה, נאָר זיינען גאָר אָפט אַ ביטול תורה. דער צווייטער צד דאַקעגן האַלט, — און מ'מוז צוגעבן, אַז דעם צד געפינט מען אַם מערסטן ביי די וואָס פאַרטיידיקן און באַרעכ־טיקן אַ מינימום יידישן דערציאונגס פּראָגראַם, — אַז אַטמאָספער און עמאָ־ציאָנעלע איבערלעבונגען זיינען וויכטיקער און ווירקזאַמער ביים שאַפן באַציאונגען און געוואוינהייטן.

פון מיין לאַנג־יאָריקער לערערישער דערפאַרונג בין איך שוין גאָר לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די צוויי אַספּעקטן, דער אינטע־לעקטועלער און דער עמאָציאָנעלער, זיינען צוויי זייטן פון דער זעלבער

מטבע; איינס גייט ניט און האָט ניט קיין ווערט אָן דעם צווייטן אין דער יידישער דערציאונגס טעטיקייט. אַ פּרק תנ״ך, אַ העברעאישער און יידישער ליטעראַטור טעקסט, אַ בלאַט געשיכטע, אַ לערנען וועגן ארץ ישראל אָדער וועגן צייט פראַגן — דאָס אַלעס, ווען געלערנט דורך אַ גוטן לערער, איז אַ גראַטעגער סינטעז פוןביידע עלעמענטן און אַספּעקטן פון דער דערציאונג סיטואַציע, און דאַקעגן — קען דען געמאָלט זיין אַ געלונגענע און אין לאַנגן סך־הכל ווערטפולע פסח פייערונג, אָדער אַ יום העצמאות פייערונג, אַ דערציעריש־ווירקנדע געלט אַקציע פאַר א״י, אָדער אַ שפּיל אין יידיש, אין העברעאיש, צי אפילו אין ענגליש מיט אַ יידישן אינהאַלט, אָן אַ סך אַקטועלן און פאַקטועלן גוטן לערנען און איינלערנען — שפּראַך און אינהאלט, פאַקטן און ווייסן?

מיר וועלן שפּעטער תמציתדיק באַריכטן, אַנאַליזירן און אָפּשאַצן אויף וויפיל האָבן די רעזולטאַטן פון דער טאָג שול אַרבעט באַרעכטיקט די דערוואַרטונגען און האָפנונגען, וואָס זיינען אויף איר געלייגט געוואָרן. איצט מוזן מיר זיך צוריקקערן צו אַ כמעט נייעם מאָמענט, וואָס מיר טרעפן אָן אין דער פאָרמולירונג פון די מאָטיוון פאַר דער טאָג שול, וואָס פאַרנעמט (מן הסתם ניט צופעליק) דעם ערשטן אָרט אין דער פאָרמולירונג אין דער אויבן דערמאָנטער אַרבעט פון 1946. אָט דעם מאָמענט טרעפן מיר אָן, מיט אַלץ מער חשיבותדיקער באַטאָנונג, אין די שריפטלעכע אויפקלערונגען אין די יאָרן צווישן 1929 און 1946.

* * *

אין דער אַרבעט וועגן דער טאָג שול אינ׳ם „שול פנקס״ (שיקאַגאָ 1946) טרעפן מיר אַ נייעם מאָטיוו פאַר טאָג שול — מאָטיוו נומער 1. צוליב דער גרויסער וויכטיקייט פון דעם מאָמענט פאַר אונדזער איצטיקן ענין וועלן מיר ווידער אַמאָל ציטירן דעם פולן טעקסט.

„ס׳איז אויפגעקומען אַ נייער דור יונגע עלטערן וואָס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציאונג; זיי זיינען אָבער אין דער זעלבער צייט געווען ניט וויליק, אַז זייערע קינדער זאָלן דאַרפן אויסשטיין די פיזישע און פסיכישע שווערקייטן פון אַ צוויי־שולן סיסטעם (די אַלגעמיינע ענגלישע שול און די באַזונדערע יידישע נאָכמיטאָג, אָדער אָוונט שול). זיי האָבן געוואָלט האָבן אָן איינהייטלעכע גאַנצע שול, וואָס וועט אין זינען האָבן די גאַנצע דערציאונג פונעם קינד״ (דאָרט ז. 440).

דאָ ליגט די שיר ניט נייע ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער טאָג שול אַרבעט, אַ ווענדונג וואָס האָט מיט זיך געבראַכט גרויסע וויכטיקע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס מ׳האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער טאָג שול, ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, אפילו אויף זיי ניט אויסגערעכנט. גלייכ־צייטיק אָבער טראָגט די ווענדונג אין זיך געוויסע נעגאַטיווע פּאָטענצן, וואָס האָבן, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, היבשלעך פאַרמינערט מיט דער

צייט די גרויסע דערגרייכונגס מעגלעכקייטן פון דער טאָג שול. מיר האָבן לכתחילה ניט געשאַפן די טאָג שול דערפאַר ווייל די עלטערן „זיינען ניט וויליק אַז זייערע קינדער זאָלן דאַרפן אויסשטיין די — — — שווער־קייטן פון — — — דער אָונט שול". ס'זיינען מן הסתם געווען אַ קליינע צאָל אויך אַזעלכע עלטערן; זיי זיינען אָבער געוויס בטל בששים געוואָרן צווישן די, וואָס האָבן אין דער טאָג שול געזען מער מעגלעכקייטן פאַר אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג, וואָס „האָבן געוואָלט האָבן אַן איינהייטלעכע גאַנצע שול, וואָס וועט אין זיך האָבן די גאַנצע דערציאונג פונעם קינד".

מיר יידישע דערציער און אָנפירער פון די טאָג שולן רעדן נאָך אַלץ ביי געוויסע פאַסיקע געלעגנהייטן וועגן דער טאָג שול זוי וועגן אַ לערן־אַנשטאַלט, וואָס באַצוועקט צו דערציען אַ קאַדר פון אינטעליגענטע, באַוואוסט־זיניקע יידישע יוגנטלעכע פאַר יידישע פירערשאַפט, — אַ מין „שאר ישוב" אידעע. אפילו אין די דערציאונגס קרייזן, בעיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו די טאָג שול, ווי אַ וויכטיקע ריכטונג אין דער יידישער דערציאונג, איז צוליב געוויסע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען נאָך אַלץ ניט אָנגעמבאַר, און אַפילו טריף, באַרעכטיקט מען אַ קליינע טאָג שול ריכטונג, ווייל זי קען דינען ווי אַ מיטל אויף צו דערציען אַ קאַדר פון צוקונפטיקע יידיש־קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פירער.

מיר דאַרפן אָבער זיך שטאַרק פאַרטראַכטן וועגן דער מאָטיווירונג פון די עלטערן ביים אויסקלייבן די טאָג שול פאַר זייערע קינדערס אַלגעמיינע און יידישע דערציאונג, ווייל אין זייער מאָטיווירונג און באַציאונג ליגט, ביז זייער אַ גרויסער מאָס, דער שליסל צו דעם דערפאָלג פון אונדזער אַרבעט.

אוודאי איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ באַדייטנדיקער פראָצענט פון עלטערן, וואָס ווענדן זיך צו דער טאָג שול, ווייל זי מאַכט מעגלעך אַ לאַנג־יעריקע און אינטענסיווע יידישע דערציאונג. ס'איז אָבער זיכער, אַז זייער צאָל ווערט מיט דער צייט אַלץ קלענער. אַזוי איז עס אין אונדזער טאָג שול, און אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט אויך ערגעץ אַנדערש. אפילו אין די פרומע ישיבה קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דאָרט איז דער פראָצענט עלטערן וואָס ווילן דווקא אַן אינטענסיווע (און פרומע) יידישע דערציאונג וואָר־שיינלעך גרעסער ווי ערגעץ אַנדערש, ווערט אָפט צוגעגעבן, אַז אַ סך עלטערן שיקן זייערע קינדער אין די ישיבות, ווייל זיי זיינען ניט צופרידן פון די פאָבליק סקולס צוליב דעם עטנישן און ראַסן צוזאַמענשטעל פון דער סקול באַפעלקערונג.

אין אונדזער טאָג שול איז אפילו פאַראַן אַ קליינער טייל עלטערן, וואָס שיקן צו אונדז זייערע קינדער, ווייל זיי באַטראַכטן אונדזער טאָג שול ווי אַ בעסערן אַלגעמיינעם דערציאונגס אַנשטאַלט איידער די פאָבליק סקול, — און דער צוגעגעבענער פראָגראַם פאַר יידישער דערציאונג קען אויך ניט שאַדן. אמת, אַ גרויסער פראָצענט עלטערן ווילן אַזאַ יידישע דערציאונג

ווי די וואָס מיר גיבן, אָבער די מעלות פון אונדזער אַלגעמײנער דערציִאונגס אַרבעט איז פּאָרט גאָר אַ ווײַכטיקער מאָמענט בײַם אויסקלײַבן די טאָג שול. די ייִדישע טאָג שולן בכלל האָבן געקראָגן אַ גוטן נאָמען (כ׳האָף אַ באַרעכטיקטן) בײַ דער עלטערנשאַפט, און זייער גוטע רעפּוטאַציע אין די היגע אַלגעמײנע דערציִערישע קרײַזן האָבן זיי געמאַכט, ביז אַ געוויסער מאָס, אַ „גוטע מאָדע״ זאַך.

לאָמיר געדענקען, אַז עס איז ניט אַזוי געווען אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון דער טאָג שול — ביז אַרום 1940. מ׳האָט געשיקט די קינדער אין טאָג שול טראָץ דעם, וואָס זי איז ניט געווען פּאָפּולער. זי איז פּאַקטיש היבשלעך באַקעמפט געוואָרן. אין די אָפיציעלע פּראָטעסטאַנטישע סקול קרײַזן האָט מען אויף איר געקוקט מיט אַ חשד און מיט אַ ווידערווילן, וואָס האָבן געקענט אַנטמוטיקן די טאָג שול אָנפירער — און אוודאי נאָך מער די פּראָספּעקטיווע עלטערן. עלטערן האָבן אין יענער צײַט אויסגעקליבן די טאָג שול צוליב אירע פּאָזיטיווע אַספּעקטן פון נאָרמאַלקייט און פון אויסזיכטן אויף אַן אינטענסיווער ייִדישער דערציִאונג.

איך גלויב, אַז ס׳ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער די צאָל עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין דער טאָג שול, ווײַל זי גיט אַ ייִדישע דערציִאונג אונטער די באַקוועמסטע באַדינגונגען. ווען ס׳וואָלט קיין טאָג שול ניט געווען, וואָלטן מערסטע פון די תלמידים געלערנט אין אַן אָוונט שול אַ פּאָר יאָר און די עלטערן וואָלטן, וווילנדיק, ניט ווילנדיק, זיך צופרידנגעשטעלט מיט אַ מינימאַלער ייִדישער דערציִאונג; אַ גאָר באַדײַטנדיקע פּראָפּאָרציע פון די קינדער וואָלטן אין קיין ייִדישן לערן־אַנשטאַלט ניט געגאַנגען, און די עלטערן וואָלטן זיך צופרידנגעשטעלט מיט אַ פּאָר יאָר פּריוואַטן לערנען — ספּעציעל פאַר בר־מצוה פאַר די ייִנגלעך.

ס׳איז נויטיק צו באַטראַכטן,וואָס ס׳לערנט אונדז די נײַע פּאַקטישע סיטואַציע און וואָסערע מסקנות זאָלן מיר פון איר ציִען.

* * *

ס׳קלינגט געוויס פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך באַהויפּט, מיט דער פולער ערנסט, אַז אין דער געענדערטער באַציִאונג צו דער טאָג שול, אין דער נײַער מאָטיווירונג בײַ אַן אַלץ גרעסערער פּראָפּאָרציע פון עלטערן בײַם אויסקלײַבן די טאָג שול, ליגט איר גרעסטער שבח און איר שטאַרקסטע עקזיסטענץ באַרעכטיקונג — בײַ די געביטענע אומשטענדן פון דער ייִדישער סאָציאַלער און קולטורעלער ווירקלעכקייט דאָ אין לאַנד. דאָ ליגט איר גרעסטער היסטאָרישער אויפטו פאַר המשך און קיום פון ייִדישקייט אין אונדזער אומגעבונג. פאַרוואָס און ווי אַזוי? קודם, דער פאַקט, אַז די ייִדישע טאָג שולן האָבן אַזוי מצליח געווען מיט זייער אַלגעמײנעם (ניט נאָר דעם ספּעציפיש ייִדישן) דערציִאונגס פּראָגראַם, אַז קיין עין הרע אַזוי

פיל טויזנטער עלטערן געטרויען דער יידישער שול, אין אירע פילע שאַטי־רונגען, די אַלגעמיינע דערציאונג פון זייערע קינדער, איז זייער אַ חשובער און ערנסטער קאָמפּלימענט פאַר דער יידישער טאָג שול: מיר האָבן באַשיינ־פערלעך באוויזן, אַז יידן (אויך אין די גלות לענדער) קענען אַליין עפעקטיוו און ווירדיק אָנפירן מיט דער אַלגעמיינער דערציאונג פון די יידישע קינדער. דורך דעם איז געשטיגן דער אָנזען און די חשיבות פון דער יידישער שול בכלל און ממילא אויך פון דער יידישער דערציאונג.

אָבער נאָך וויכטיקער ווי אַט דער אַספּעקט פון דעם אויפטו פון דער טאָג שול איז, — אויב מ׳נעמט אָן מיין אַנאַליז פון דער סיטואַציע, — דער פאַקט, אַז די יידישע טאָג שול האָט מעגלעך געמאַכט אַ ביז אַ היכן גראַד ווערטפולע יידישע דערציאונג פאַר טויזנטער קינדער, וואָס ווען ניט די טאָג שול, וואָלט זייער יידישע דערציאונג געווען אַ מינימאַלע, אַט אַזוי ווי פון דער אָוונט שולע, אָבער וואָס ס׳איז נאָך מער פאַטאַל ערנסט — אַ מינימאַלע שבמינימאַלע פאַר אַנדערע טויזנטער קינדער, וואָס וואָלטן אין דער אָוונט שולע אויך ניט געקומען. אין דעם באַשטייט די היסטאָרישע רעטונגס פונקציע, וואָס די יידישע טאָג שול אין איר אַנטוויקלונג האָט דורכגעפירט פאַר דער יידישער דערציאונג פונ׳ם יונגען דור.

ס׳איז מיר אויסגעקומען ביז אַהער און ס׳וועט מיר אויסקומען אויך שפּעטער אין אַט דער שריפט אַנצואווייזן און אַנצודייטן אויף נעגאַטיווע מאָמענטן פון דער טאָג שול און איר אַנטוויקלונגס גאַנג פון די צילן און אויפגאַבן, וואָס זי האָט זיך לכתחילה געשטעלט, ביז צו איר איצטיקן שטאַנד און צו אירע אויסזיכטן אויף צו פאַרווירקלעכן יענע צילן און אויפגאַבן. ס׳איז אוודאי דאָ אַ געפאַר, אַז די קעגנער פון דער טאָג שול זאָלן אויסנוצן יענע קריטישע שטעלן. ס׳זיינען נאָך אַלץ פאַראַן, אפילו אין מאָנטרעאל, וואָס איז וואַרשיינלעך, לפחות רעלאַטיוו נומעריש, די גרעסטע פעסטונג פון דער טאָג שול אויף דעם קאָנטינענט, — און ווער שמועסט נאָך ערגעץ אַנדערש, שטאַרקע קעגנער פון דער טאָג שול אידעע. פאַראַן קעגנער אידעאישע, אַנדערע — אויס פּאַטריאָטיש־פּאָליטישע מאָטיוון (אָביסל פון דער למה יאמרו הגויים מענטאַליטעט). כ׳טייל געוויס ניט זייערע מיינונגען. אָבער מ׳דאַרף זיי רעספּעקטירן און מ׳מוז זיי גלייבן, אַז זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין יידישער דערציאונג פאַרן המשך און קיום פון יידישקייט דאָ אין לאַנד. אויב אַזוי מוז איך זיי געטרויען, אַז איידער זיי וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט מיינע קריטישע באַמערקונגען, וועלן זיי ערנסט און געוויסנהאַפט זיך פאַרטראַכטן וועגן אַלע מיינע אויספירן. זיי וועלן מוזן איינזען, אַז די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע מוז נאָר פירן צו באַמיאונגען אויף צו פאַרשטאַרקן די טאָג שולע, און וואו נאָר מעגלעך — און ס׳איז געוויס מעגלעך — אָפּשאַפן אָדער אָפּשוואַכן די פּגמים, אָבער פאַר קיין פאַל ניט אָפּשוואַכן אָדער שטערן דער אַנטוויקלונג פון דער טאָג שול. דאָס וואָלט געדאַרפט ווערן דער דעוויז

פון אַלע די וואָס נעמען צום האַרצן די צוקונפט פון יידישער דערציאונג. לאָמיר אין קורצן באַטראַכטן אונדזער אַלגעמיינע יידישע דערציאונג סיטואַציע, ווי זי איז ביים היינטיקן טאָג.

איך באַהויפּט, אַז מער ווי אַ העלפט פון די תלמידים וואָס לערנען איצט אין דער טאָג שול, וואָלטן אין דער אָונט שול ניט געקומען, ווען די טאָג שול וואָלט ניט עקזיסטירט. אָבער לאָמיר אפילו אָננעמען, לשם אַרגומענטאַציע, אַז אַלע איצטיקע טאָג שול תלמידים וואָלטן באַזוכט אָונט שול קלאַסן, וואו וואָלטן מיר היינט געהאַלטן מיט יידישער דערציאונג דאָ אין שטאָט?

איך אַליין געהער צו די וואָס זיינען שטאַרקע פּאַרטיידיקער פון דער אָונט שול. מיט אַלע אירע חסרונות טאָר מען זיך פון איר ניט מייאש זיין. דאָס איז אַן אינסטיטוציע, אין וועלכער זייער אַ הויכער פּראָצענט קינדער וועלן נאָך אויף אַ סך יאָרן, קריגן זייער (מינימאַלע) יידישע דערציאונג. איך זע ניט קיין אויסזיכטן, אַז אין דער נאָענט־פאַרזעבאַרער צוקונפט זאָלן אַלע יידישע קינדער קריגן זייער יידישע דערציאונג אין יידישע טאָג שולן. ניט דער יידישער יחיד און ניט די יידישע געזעלשאַפט זיינען בכּוח צו שאַפן און אויסצוהאַלטן אַזאַ סיסטעם פון יידישע טאָג שולן פאַר אַלע יידישע קינדער, און כ׳זע ניט, רעאַליסטיש גערעדט, קיין אויסזיכטן, אַז די פּראָווינציעלע רעגירונג זאָל אַזאַ סיסטעם פאַר אונדז פינאַנצירן. און אגב איז אַ באַדייטנדער טייל פון דער עלטערנשאַפט, צוליב כלערליי יידישע און אַנדערע טעמים, — מעגן זיי אונדז אויסזען ווי ניט באַרעכ־טיקטע — נאָך ניט גרייט אויף אַזאַ אומבייט פון דעם דערציאונג סיסטעם, אפילו נאָך דרייסיק יאָר פון איבעראַל־אַנערקענטן דערפאָלג און חשיבות פון דעם טאָג שולן סיסטעם.

דאַרפן מיר דעריבער טאָן אַלץ וואָס ליגט נאָר אין אונדזערע כוחות אויסצובעסערן די אָונט שול, הויבן איר פּרעסטיזש און אַרויסקריגן פון איר די בעסט־מעגלעכע רעזולטאַטן. איך מיין, אַז אפילו די וואַרעמסטע אָנהענגער פון דער טאָג שול דאַרפן פאָרמולירן זייער באַציאונג צו דער אָונט שול אויף דעם נוסח, ווי דאָס דאַרפן טאָן די שטאַרקסטע ציוניסטן לגבי דעם גלות. אמת טאַקע, אַז נאָר אין ארץ ישראל קען יידישקייט און יידיש לעבן זיך אַם שטאַרקסטן אַנטוויקלען; אַ ייד קען זיך אויסלעבן מאַקסימאַל יידישלעך אין ארץ ישראל. אָבער דער גלות איז נאָך אַ פאַקט, און וועט דאָס נאָך זיין אויף לאַנגע דורות. מוזן אויך מיר, די שטאַרקסטע ציוניסטן, טאָן אַלץ וואָס ליגט אין אונדזערע כוחות צו אַנטוויקלען אַלע פּאָטענצן פון אַ יידיש קולטורעל לעבן אין גלות — פאַרבעסערן, פאַרשטאַרקן און פאַרשענערן דעם גלות.

פונדעסטוועגן טאָר מען ניט זיך מאַכן ניט וויסנדיק, וואָס איז די פאַקטישע סיטואַציע פון דער אָונט שול. אין דער אָונט שול פון די יידישע

פאַלקס שולן איז די סיטואַציע בעסער ווי אין מערסטע אָונט שולן דאָ אין שטאָט. זי איז שיר ניט די איינציקע, אין וועלכער קינדער לערנען 5 טעג אַ וואָך — 8 שעה אַ וואָך. ס'זיינען נאָך פאַראַן עלטערע קלאַסן מיט אַ היכער צאָל קינדער ,אפילו אַ זעקסטער יאָר גראַדואיר קלאַס, אָבער אויך ביי אונדז גייט ניט צום בעסערן. און די אַלגעמיינע סיטואַציע אין שטאָט מוז אַרויסרופן טיפן זאָרג.

די צאָל לערן־שעהן ווערט וויניקער. מען לערנט איצט אין כמעט אַלע שולן 3 טעג אַ וואָך. די לערן־יאָרן ווערן אומעטום וויניקער און וויניקער. די ווייט גרעסטע מערהייט פון די קינדער לערנט בלויז 2, מאַקסימום 3 יאָר. נאָר אַ קליינע צאָל לערנט 4—5 יאָר; ביי אַ 6 יעריקן קורס ענדיקט אַ נישטיקע צאָל די עלעמענטאַר שול. די לערן באַדינגונגען ווערן וואָס ערגער און ערגער. דער זונטיק, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער און עפעקטיוו־סטער לערן טאָג אין דער אָונט שול, ווערט אין אַ צאָל אָונט שולן אויפ־געגעבן. די דיסטראַקציעס און די צעשטרייערישע כוחות, וואָס פירן אַוועק פון דער אָונט שול, ווערן וואָס מער און וואָס שטאַרקער. די עקסטראַ קוריקולאַרע טעטיקייטן אין די פּאַבליק סקולס ווערן וואָס מער און וואָס אינטערעסאַנטער — קונסט, מוזיק, טאַנץ און ספּאָרט. און ווי וויטיקלעך־מאָדנע ס'איז, ווען מיר מאָדערנע יידישע דערציער דאַרפן און מוזן זיי באַקעמפן. ווי נויטיק זיי זיינען פאַרן יידישן קינד, ווי פאַר יעדן אַנדערן קינד פאַר זיין אַלזייטיקער דערציאונג און אויסבילדונג זאָל דינען דער פאַקט, וואָס מיר פירן זיי איין גאָר אינטענסיוו אין אונדזערע אייגענע טאָג שולן, דאָרט וואו מיר אַליין באַשטימען דעם גאַנג פון דער דערציאונגס אַרבעט.

אַ פּאָר ציפערן וועלן קלאָר אַרויסברענגען די פּראָפּאָרציאָנעלע נומערישע פאַרהעלטנישן צווישן דער טאָג שול און דער אָונט שול.

אין די צוויי עלטסטע קלאַסן פון אונדזער טאָג שול — קלאַסן 6 און 7 — לערנען אין איצטיקן לערן יאָר, 1960—1961, 122 תלמידים; אין די צוויי עלטסטע קלאַסן פון דער אָונט שול־קלאַסן 5 און 6 — 51 קינדער.

אין די לעצטע צען יאָר (1950—1960) האָבן גראַדואירט דעם עלע־מענטאַרן קורס פון די זעקס לערן אַנשטאַלטן אין מאָנטרעאַל, וואָס האָבן טאָג שולן און אָונט שולן, 2394 תלמידים; פון זיי האָבן גראַדואירט פון דער עלעמענטאַרער טאָג שול 1808 תלמידים און פון דער עלעמענטאַרער אָונט שול 587 תלמידים — דאָס מיינט 75 פּראָצענט גראַדואירטע פון דער טאָג שול לגבי 25 פּראָצענט פון דער אָונט שול.

אַז מיר נעמען די ציפערן נאָר פון די לעצטע צוויי גראַדואירונגען (יוני 1959 און יוני 1960) באַקומט זיך אַזאַ בילד. ס"ה גראַדואַנטן 666; פון טאָג שולן 499 און פון די אָונט שולן 167 — ווידער די פּראָצענטועלע פאַרהעלטניש 75 פּראָצענט פון דער טאָג שול לגבי 25 פּראָצענט פון דער אָונט שול.

(באַמערקונג: די ציפערן וועגן די גראַדואיר קלאַסן שליסן ניט איין די היגע ישיבות).

ציפערן רעדן טאַקע פאַר זיך, און דאָך איז כדאי צו געבן אַביסל הינטערגרונד באַלייכטונג צו די ציפערן וועגן דער פּראָפּאָרציאָנעלער פאַר־העלטניש צווישן דער צאָל גראַדואירטע פון דער טאָג שול און דער אָוונט שול.

הגם מיר האָבן ניט צו דער האַנט די גענויע סטאַטיסטיק וועגן דעם דורכשניטלעכן פּראָצענט פון קינדער וואָס הערן אויף לערנען דורך די 8 יאָר טאָג שול און די זעקס יאָר אָוונט שול, מעגן מיר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז העכסטנס דרייסיק פּראָצענט קינדער הערן אויף קומען אין דער טאָג שול, דאָס מיינט, אַז פון יעדע 100 קינדער, וואָס הויבן אָן לערנען אין אַ באַשטימט יאָר אין דער טאָג שול, וועלן צום ווייניקסטנס 10 קינדער גראַדואירן ביים סוף פון אַכט יאָר; מיר קענען אָבער מיט דער זעלבער זיכערקייט אָננעמען, אַז צום ווייניקסטנס פינף און זיבעציק פּראָצענט קינדער הערן אויף אין דער אָוונט שול, — דאָס מיינט, אַז פון יעדע 100 קינדער, וואָס הויבן אָן לערנען אין אַ באַשטימט יאָר אין דער אָוונט שול, וועלן העכסטנס 25 קינדער גראַדואירן ביים סוף פון זעקס יאָר. (די צאָל קינדער וואָס פאַלן אַרויס פון דער טאָג שול דורך די אַכט לערן יאָר איז איצט העכער איידער ס׳פלעגט זיין ביז מיט אַ צען יאָר צוריק).

נעמען מיר די צאָל קינדער, וואָס האָבן גראַדואירט אין די לעצטע צוויי יאָר אין די זעקס לערן אַנשטאַלטן, באַקומט זיך אַזאַ בילד: פון 700 קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען אין קינדערגאַרטן פון די זעקס טאָג שולעס, האָבן 500 גראַדואירט נאָך אַכט יאָר לערנען — און פון 666 קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען אין די קלאַסן 1 פון די נאָכמיטאָג שולן פון די זעלבע זעקס לערן אַנשטאַלטן האָבן בלויז 167 גראַדואירט נאָך בלויז זעקס יאָר לערנען.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס׳זיינען ניטאָ קיין טאָג שולן אין מאָנטרעאָל און לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז די 500 גראַדואירטע פון די טאָג שולן, וואָלטן אַלע געווען געקומען אין די אָוונט שולן — עפּעס וואָס איז העכסט אומוואַרשיינלעך — וואָלטן העכסטנס נאָר 125 פון די 499 קינדער געווען לערנען פולע זעקס יאָר אין דער אָוונט שולע. וואָס פאַר אַ יידישע דערציאונג וואָלטן געווען קריגן די אַנדערע 374 קינדער? מ׳דאַרף אָננעמען, אַז העכסטנס 187 פון זיי וואָלטן געווען געלערנט פולע 3 יאָר אין דער אָוונט שול און די איבעריקע וואָלטן געווען געלערנט פּריוואַט אַ פּאָר יאָר אַ שעה — אַנדערהאַלבן אַ וואָך מאַקסימום.

פון דעם אַלעמען וואָס איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן ווערט קרישטאָל קלאָר, אַז די טאָג שולע, מיט אַלע אירע פּגמים או חסרונות ראַטעוועט דעם דור פון עם הארצות. אָט דאָס מוזן אין זינען האָבן די אַלע וואָס זיינען

בלב ונפש איבערגעגעבן די אינטערעסן פון דער יידישער דערציאונג און דער צוקונפט פון יידישקייט און יידיש קולטור לעבן דאָ אין לאַנד.

* * *

נאָך דעם וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אָן דעם מינדסטן צווייפל, אַז די טאָג שול האָט אַ שטאַרקע עקזיסטענץ באַרעכטיקונג, מיט וואָסער קריטישער מאָס מ׳זאָל זי ניט באַטראַכטן, און אַז זי דערפילט אַ היסטאָרישע יידישע קולטור־רעטערישע אויפגאַבע, דאַרפן מיר זיך קלאָר מאַכן, ווי האַלט עס מיט דער טאָג שול ווי אַ טאָג שול, אין ליכט פון די דערוואַרטונגען, וואָס זיינען געלייגט געוואָרן ביי איר אַנטשטייאונג און אין דעם ערשטן פעריאָד פון איר אַנטוויקלונג.

כ׳מיין, אַז כ׳האָב באַוויזן, אַז די טאָג שול האָט איבערגענומען לגבי אַ גאָר גרויסן טייל פון דער עלטערנשאַפט דאָס אָרט פון דער אַמאָליקער אָוונט שול. פאַר אַט דעם אַלץ וואַקסנדיקן טייל פון דער עלטערנשאַפט איז דאָ די טאָג שול ניט קיין אָרט פאַר מאַקסימאַלער יידישער דערציאונג, נאָר אַ שול אין וועלכער די קינדער וועלן קריגן אַ יידישע דערציאונג, אונטער די באַקוועמסטע אומשטענדן.

איז דען דאָס אַ חסרון? זאָלן מיר ניט פאַרגינען די קינדער און די עלטערן די באַקוועמלעכקייט? ווייסן מיר דאָך, אַז דווקא אָט די באַקוועמע, נאָרמאַלע באַדינגונגען מאַכן מעגלעך דעם אונטערשייד אין דערפאָלג אוןווירקזאַמקייט פון דער יידישער דערציאונג צווישן דער אָוונט שול און דער טאָג שול! און וואָס איז דען אַזוי וויכטיק, וואָס די עלטערן באַצוועקן און צו וואָס זיי שטרעבן? איז דען ניט מעגלעך, אַז מתוך שלא לשמה בא לשמה? אַז דער לעצטער סך הכל פון דער דערציאונג וועט זיין אַ פיל מער וואָגיקער און אַ מער ווערטפולער, איידער די עלטערן האָבן דערוואַרט, — איז דען דאָס אַ חסרון?

קיינער זאָל ניט חושד זיין דעם שרייבער פון די שורות, אַז ער פאַרגינט ניט די עלטערן און די קינדער די באַקוועמלעכקייט פון דער טאָג שול, אָדער אַז ער האָט ניט די פולע הנאה און דעם גרויסן נחת רוח פון די פאַרבעסערטע רעזולטאַט אויסזיכטן, וואָס זי מאַכט מעגלעך. (הגם, כ׳מוז מודה זיין, אַז ס׳איז שוין לאַנג, אַז איך זע איין אַ געוויסע „אומנאָרמאַלקייט״ אין דער „נאָרמאַלער״ אָן שווערקייטן־באַגלייטער יידישער טאָג שול דער־ציאונג פאַר קינדער, וואָס וועלן דאַרפן, ווי יידישע דערוואַקסענע, אויסלעבן זייער יידישקייט אין ניט־יידישן לאַנד אונטער ניט באַקוועמע, ניט נאָרמאַלע באַדינגונגען. וד״ל).

איך קען אָבער פאַר קיין פאַל זיך ניט באַציען גלייכגילטיק צום פאַקט, וואָס די טאָג שולע פאַרנעמט איצט אין מערסטע פאַלן די פונקציע פון דער אַמאָליקער אָוונט שול. טאָג שולע איז געוואָרן אַ דבר השווה לכל

נפש, פאַר די עלטערן, וואָס קענען זיך דאָס דערלויבן פינאַנציעל (מחמת טאָג שולע דערציאונג איז מער קאָסטבאַר ווי אָוונט שולע דערציאונג). ס׳פעלט דעריבער אין דער איצטיקער טאָג שול די שטאַרקערע שפּאַנונג, די העכערע דערוואַרטונג, די טיפערע פּאַראינטערעסירונג, וואָס ס׳איז אַמאָל געווען. דאָס איז דער פאַל מ׳ט מערסטע עלטערן. ממילא ווירקט עס זיך אויס ביי די קינדער, און ווער קאָן זאָגן, אַז דער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר האָט ניט זיין אָפּווירקונג אויך אויף די לערער, די אָנפירער און אויף דער גאַנצער שול אַטמאָספער?

אָט דער פאַקט שפּיגלט זיך אָפּ שוין אין די יידישקייט פּרעדיספּאָזיציעס, וואָס די קינדער ברענגען מיט זיך פון דער היים — סיי אין וויסן, סיי אין באַציאונג און אין שטימונג. ממילא מיינט עס, אַז דער דערציאונגס פּראָצעס איז אַ שווערערער, און אַז די רעזולטאַטן מוזן זיין שוואַכערע.

פאַראַן אָפּטימיסטישע דערציער, וואָס גלויבן, אַז די קינדער וועלן אַזוי באַווירקט ווערן אין דער שול, אַז זיי וועלן ווערן אַ דערציערישער איינפלוס אויף דער היים, וואָס וועט מיט דער צייט צוריק גינסטיק אָפּווירקן אויף די קינדער. דער גלויבן געפינט זיין אויסדרוק אין דעם זאָג, אַז מתוך שלא לשמה בא לשמה. אָבער איז דאָס ניט קיין איבערטריבענער אָפּטימיזם? צי קענען מיר טאַקע אָרויפלייגן אַזאַ שווערע דערציאונגס מיסיע אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דעם קליינוואַרג?

איך ווייס פון פּערזענלעכער דערפאַרונג, אַז ס׳געשעט אָפּט, אַז די טאָג שול, ווי די יידישע שול בכלל, איז אַ דערציערישער פאַקטאָר אין די היימען, וואָס זיינען לכתחילה געווען גאָר ווייניק יידיש און זיינען מיט דער צייט היבשלעך אַריינגעצויגן געוואָרן אינ׳ם קרייז פון יידישקייט־אינטערעסן. ווי אַנדערע יידישע טאָג שול אָנפירער האָב איך צו דערציילן אַ סך פּיקאַנטע אָבער אמתע געשיכטעס פון מאַמעס גאָר אָפּגעפרעמדטע, און אפילו פרעמדע צו יידישקייט אינ׳ם עלעמענטאַרסטן זינען פון וואָרט, וואָס האָבן אונטער דעם איינפלוס פון דער יידישער שול און פון זייערע קינדער זיך אויסגעלערנט יידיש און אפילו העברעאיש — יאָ, אויך חומש און נביאים אין אָריגינאַל. איך גלויב זייער שטאַרק אין דער וויכטיקייט פון דער אויפגאַבע צו ווירקן יידיש־דערציעריש אויף דער היים; איך ווייס אויך פון אַ באַדייטנדיקער מאָס דערפאָלג, וואָס מ׳גרייכט אין דער דורכפירונג פון דער אויפגאַבע. אָבער מ׳טאָר ניט צופיל דערוואַרטן פון אָט די באַמיאונגען פאַר דער אינטענסיווער יידישער דערציאונג פון אַ דור, אַ דערציאונג וואָס זאָל האָבן איר ווירקונג אויף לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווי די קינדער האָבן פאַרלאָזט די שול, — לאָמיר זאָגן אין פאַל פון די יינגלעך, נאָך דעם וואָס די איינדרוקספולע און אימפּאָזאַנטע בר־מצוה איז שוין געפייערט געוואָרן כהלכה און כדת המדינה והמאָדע.

מיר װעלן איצט קורץ און פּאַקטועל, אַזוי אָביעקטיװ װי נאָר מעגלעך, מאַכן אַ סך הכל פון די דערגרייכונגען פון אונדזער טאָג שול, װי מ׳זעט דאָס מיט די גראַדואירטע פון די לעצטע צװאַנציק יאָר (די ערשטע גראַ־דואירונג איז געפּייערט געװאָרן אין פרילינג פון 1940 אין די חדשים װען פּאַריז איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס ימ״ש).

מיר האָבן דורך דער צייט אַרויסגעגעבן עלעמענטאַרע גראַדואיר קלאַסן מיט קינדער, ביי װעמען מיר האָבן געגרייכט אַ גרויסע מאָס פון דערפאַלג אין יידישע ידיעות און אין באַציאונגען און איינשטעלונגען. מ׳קען אָנװייזן אויף אַ גאַנץ גרויסער גרופּע תלמידים, װאָס האָבן גראַדואירט אין די יאָרן 1938 און 1939. זיי האָבן געלערנט אין דער טאָג שול נאָר ביזן 6טן קלאַס — װייל די טאָג שול האָט נאָך דאַן ניט געהאַט קיין 6טן און 7טן קלאַס, — זיי זיינען אָבער אָנגעהאַלטן געװאָרן אין דער אָװנט שול װי אַ באַזונדערע גרופּע, צוליב זייער גרעאַטנקייט און צוליב זייערע העכערע דערגרייכונגען אין די לימודים. כמעט אַלע האָבן שפּעטער פאַרגעזעצט 3 יאָר אין דער מיטל שול און 2—3 יאָר אין די העכערע קורסן. װאָס איז דער שפּעטערער רעקאָרד פון דידאָזיקע גראַדואירטע? כמעט אַלע זיינען געװען אָנפירער אין דער „הבונים״ יוגנט באַװעגונג. נאָך שפּעטער זיינען אַ סך פון זיי געפאָרן װי חלוצים אין ארץ ישראל און פאַרנומען דאָרט װיכטיקע פּאָזיציעס אין די העכערע, פאַרן לאַנד זייער נוצלעכע, פּראָפעסיעס, אין קיבוצים און אין די שטעט. פון די װאָס זיינען געבליבן דאָ, האָבן אַ צאָל זיך אָפּגעגעבן מיט יידישער און אַלגעמיינער לערערײ און זיינען היבשלעך אַקטיװ אין קולטורעלן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זייערע װאױנ־ערטער.

מ׳קען אָנװייזן אויף עטװאָס שפּעטערע גרופּעס פון גראַדואירטע, ביי װעלכע מ׳מערקט נאָך איצט טיפערע יידישע פאַרבינדונגען, באַציאונג צו דעם גייסט און אינהאַלט פון דעם, װאָס זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין שולע. אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די זיינען די לעצטע פיר יאָר זייער טעטיק אין דער דראַמאַטישער גרופּע פון פאָלקס שולן גראַדואירטע, װאָס גרייט איצט שוין צום פערטן מאָל אַ יידישע ליטעראַריש־דראַמאַטישע פאָרשטעלונג אין יידיש מיט גרויס דערפאָלג און אָנזען.

מ׳מוז אָבער צוליב דער גאַנצקייט פונ׳ם בילד, אָנװייזן אויף צװיי װיכטיקע מאָמענטן. ערשטנס, װען מ׳באַקענט זיך מיט דער ביאָגראַפיע פון די דערמוטיקנדיקע פאַלן אין די ערשטע 10 יאָר פון טאָג שול גראַדואי־רונגען, זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס זיינען געװען פעאיקע, גראַטענע קינדער פון היימען, װאָס האָבן געװאָלט אַן אינטענסיװע יידישע דערציאונג פאַר זייערע קינדער און האָבן אויסגעקליבן טאָג שולע צוליב די גרעסערע מעגלעכקייטן פאַרן דערפאָלג פון דער יידישער דערציאונג, און ניט לכתחילה צוליב איר באַקװעמלעכקייט. דאָס זיינען געװען היימישע היימען, מיט אַ

סך מאָדערנעם יידישקייט אינהאַלט. דער היים איינפלוס איז דאָ געווען אפשר אַ גלייכער פאַקטאָר מיט דעם איינפלוס פון דער טאָג שול ביי דעם פאָרמירן די יידישע פערזענלעכקייט פון די יוגנטלעכע.

צווייטנס, אַז די צאָל פון אַזעלכע קינדער ווערט ווייניקער. איך דערקלער דעם פאַקט דורך צוויי סיבות. א) די צאָל פון אַזעלכע היימען, אויף וועלכע כ׳האָב אויבן אָנגעדייט, ווערט ווייניקער. דאָס מיינט, אַז דער גלייכער שותף אין איינפלוס אויף דער פאָרמירונג פון דער יידישער פערזענלעכקייט פון די קינדער, איז ניט אַזויווירקזאַם ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין די 30ער און 40ער יאָרן. ב) די טאָג שול איז געוואָרן מער אַ דבר השווה לכל נפש איידער דאָס איז געווען אַמאָל. זי איז געוואַקסן אין פּאָפּולאַריטעט, צוליב כלערליי וויכטיקע לויבנסווערטיקע טעמים, אָבער ניט דווקא צוליב די מעגלעכקייטן פאַר אינטענסיווער יידישער דערציאונג. די אַטמאָספער פון דער טאָג שול דערציאונג ווערט בלאָסער — זי איז נאָך אַלץ שטאַרק און ווירקזאַם אין אירע מעגלעכקייטן פאַר אַ מער אינטענסיווער יידישער דערציאונג, אָבער ווייניקער ווי אַמאָל. ס׳פעלט אין איר די הויכע מאָס שפּאַנונג און ספּעציפישע ציל־באַוואוסטקייט, וואָס האָט פריער כאַראַקטע־ריזירט די טאָג שול.

סיי ווי, צי מיינע דערקלערונגען זיינען אין גאַנצן ריכטיקע, צי ניט, דער פאַקט איז, אַז דער פּראָצענט גראַדואירטע פון דער עלעמענטאַר שול, וואָס האָבן שפּעטער פאָרגעזעצט אין דער מיטל שול און די העכערע קורסן, איז אין די לעצטע יאָרן געווען זייער אַ קליינער (פון די ווייניקע וואָס זיינען יאָ געבליבן האָבן מיר אויך איצט אַ סך לערערישן יידישקייט נחת). ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דווקא דאָס יאָר, אין סעפּטעמבער 1960 זיינען מיר מער צופרידן אין דער הינזיכט ווי דורך דעם גאַנצן לעצטן צענדליק יאָר. פון 58 קינדער, וואָס האָבן אין יוני 1960 געענדיקט די אַכט יאָריקע עלעמענטאַרע טאָג שול זיינען 39 צוריקגעקומען אין מיטל שול. לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן זיך האַלטן און אַז מיר וועלן פון זיי האָבן אַ סך נחת, און אַז מיט זיי וועט זיך אָנהויבן אַ נייער אויפשוואונג אין די רעזול־טאַטן פון דער טאָג שול אַרבעט.

ס׳איז אָבער כדאי צו באַשרייבן און צו אַנאַליזירן אָט די פריידיקע דערשיינונג. מיר האָבן דורך די לעצטע יאָרן געהאַט צוויי קלאַסן זיבן (דאָס יאָר האָבן מיר דריי קלאַסן זיבן). די קינדער זיינען דורך אַ סך יאָרן געווען איינגעטיילט לויט ידיעות, לויט יידישע פּאָטענציעלע פעאי־קייטן — דאָס מיינט לויט יידישן היים־יחוס — אין צוויי באַזונדערע קלאַסן. דער אונטערשייד אין יידישע דערגרייכונגען דורך די יאָרן פון לערנען, זיינען געווען באַדייטנדיק גרויסע, און אָט ווי דער פאַקט האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אין דער רעגיסטראַציע פאַר ערשטן יאָר מיטל שולע. פונ׳ם יידיש־פעאיקערן קלאַס זיינען פון 31 גראַדואַנטן צוריקגעקומען 24; פון דעם

צווייטן זיינען פון 28 צוריקגעקומען 15 — און פון די 15 זיינען כמעט אַלע אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אַממערסטן דערפאָלגרייך אין די יידישקייט לימודים אין זייער קלאַס דורך די לעצטע יאָרן. (אגב, פון 31 גראַדואַנטן פון דער אָוונט שול אין דעם זעלבן יאָר זיינען צוריקגעקומען אין דער מיטל שול נאָר פיר תלמידים!)

זאָל איך נאָך אַמאָל (צום וויפלסטן מאָל?) קאָנסטאַטירן, אַז אויך מיט די קלאַסן און מיט די קינדער, ביי וועלכע ס'איז דאָ ווייניק דערפאָלג און ווייניק המשך, האָט זיך געלוינט די טאָג שול אַרבעט? אַז אַכט יאָר פון דערציאונג אין אַ יידישער טאָג שול, אין אַ גינסטיק יידיש־דערציערישער אַטמאָספער און ביי גינסטיקע לערן־באַדינגונגען מוזן ווירקן, — און שליסלעך זיכער מער ווי 2—3 יאָר לערנען אין אַן אָוונט שול! — ווער קען וויסן, ווען ס'איז די געבענטשטע מינוט, די ספעציפישע יידישע קינדהייט איבערלעבונג אין דער טאָג שול, וואָס האָט פאַרזייט דאָס קערנדל פון יידישקייט־באַציאונג, וואָס וועט אָפּווירקן אין שפּעטערדיקן לעבן? אוודאי קען מען און מ'זאָל דאָס זאָגן אויך וועגן די אויסזיכטן ביי דער מינימאַלער דערציאונג פון דער אָוונט שול. מער ניט, וואָס יעדער מוז זיך מאַכן אַ חשבון און זען, אַז די מעגלעכקייטן זיינען פיל מער און גרעסער אין דער טאָג שול.

איך בין אָבער איבערצייגט, אַז מיר דאַרפן ניט און מוזן ניט שלום מאַכן מיט פאַרקלענערטע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן אין דער טאָג שול, ווי זיי מאַניפעסטירן זיך בדרך כּלל דורך דעם לעצטן צענדליק יאָר. איך מיין, אַז ס'איז אונדזער אַבסאָלוטע פליכט מפשפש צו זיין אין אונדזערע דרכים, זען וואו און ווי אַזוי מ'קען פאַרריכטן די דורכבברוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אונדזערע אָריגינעלע צילן און אויפגאַבן. ס'איז פאַר דעם צוועק נויטיק בודק צו זיין די הויפּט הנחות און לערנען מיט קאָפּ און מיט האַרץ פון די אָנגעזאַמעלטע דערפאַרונגען.

* * *

כ'מיין, אַז כ'האָב קלאָר פעסטגעשטעלט מיין איצטיקע הויפּט הנחה, אַז די טאָג שול האָט מיטן גאַנג פון די יאָרן און ביי די געביטענע געזעל־שאַפטלעכע און קינדער־דערציערישע איינשטעלונגען מצד די עלטערן, אָנגעהויבן פאַרנעמען וואָס מער און מער דאָס אָרט, וואָס ס'האָט אַמאָל פאַרנומען די אָוונט שולע. ווי כ'האָב שוין דערקלערט, איז דאָס אַ גאַנץ פּאָזיטיווער און קאָנסטרוקטיווער מאָמענט. מער ניט, ס'איז נויטיק זיך קלאָר צו מאַכן, וואָסערע ענדערונגען, און אפילו רעפאָרמען, איז נויטיק איינצופירן, כדי אָנטקעגנצוקומען דעם מאָסן כאַראַקטער פון דער טאָג שולע, כדי זי זאָל זיין אַ דערציעריש־ווירקזאַמע לערן אינסטיטוציע פאַר די אַלגעמיינע דערציערישע אויפגאַבן און פאַר די ספעציפישע יידיש־דערציערישע אויפ־גאַבן, און וואָס ס'איז נויטיק צו טאָן כדי די אָריגינעלע צילן און אויפגאַבן,

צוליב וועלכע די טאָג שול איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן, זאָלן אויפגעהיט ווערן אין דער מאַקסימאַל־מעגלעכער מאָס.

פאַר אַלעמען מוז איך דאָ אָפּן קאָנסטאַטירן, אַז די טאָג שול ווי זי איז איצט איינגעשטעלט ביי אונדז (און איבעראַל) איז ניט צוגעפּאַסט פאַר ווייניק פעאיקע קינדער. כדי צו מאַכן צייט אין די ראַמען פון כמעט־נאָרמאַלן לערן טאָג פאַר די יידישע לימודים, מוז די טאָג שול פאַרקירצן די לערן־שעהן פאַרן אַלגעמיינעם קוריקולום — געוויינלעך פון די פינף שעה אויף דריי. דאָס מאַכט נויטיק ווי שוין איין מאָל פריער דערמאָנט, געוויסע מאָדיפיקאַציעס פאַר דער צייט, וואָס ס'ווערט באַשטימט פאַר געוויסע אַלגעמיינע לימודים. מיר האָבן ווייניקער צייט פאַר קונסט, גימנאַסטיק און ענלעכע מאָמענטן; מיר האָבן אָבער אויך ווייניקער צייט פאַר געאָגראַפיע און געשיכטע, פאַר אַריפמעטיק, וויסנשאַפט וכדומה. באַהויפּט איך דאָ מיט דער פולסטער איבערצייגונג, אַז אַט דער שניט פון צייט רופט זיך לחלוטין ניט אָפּ אומגינסטיק פאַר דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון די טאָג שול תלמידים. דער הויכער רעקאָרד וואָס עס גרייכן די גראַדואירטע פון אונדזער טאָגן שול, — און פון אַלע אַנדערע מיר באַקאַנטע טאָג שולן, — אין זייערע לימודים אין די היי־סקולס, און ביים ענדיקן היי־סקול, און אין זייערע אוניווערסיטעט יאָרן, זיינען אַ גענוגנדיקער עדות פאַר מיין באַהויפּ־טונג, דאָס איז אַזוי מיט דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון די טאָג שול תלמידים, ווייל זיי זיינען פעאיקע קינדער. ס'איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע זייט צו דער מטבע: דאָס זיינען די קליינע מינדערהייט פון די ווייניקער פעאיקע קינדער מיט זיי אין טאָג שול ניט מצליח. די קלענערע מאָס פון דערפאָלג האָט אַ שלעכטע אָפּווירקונג אויף דעם אַלגעמיינעם סטאַנדאַרד פון דער טאָג שול, אָבער וואָס ס'איז אַ סך מער ערנסט און שטעלט מיט זיך פאַר אַ גאַר וואָגיקע דערציערישע אחריות איז די ווירקונג וואָס דאָס האָט אויף די ווייניקער־פעאיקע תלמידים גופא. פאַר אַזעלכע קינדער איז די איצטיקע טאָג שול ניט פּאַסיק. ערנסטע דערציער טאָרן ניט לאָזן אַזעלכע תלמידים אין דער יידישער טאָג שול.

ווי גרויס איז די צאָל פון אַזעלכע תלמידים אין דער טאָג שול? ווי שוין געזאָגט, זיינען זיי אין דער מינדערהייט. אינטעליגענטע, באַוואוסט־זיניקע עלטערן האַלטן זיך אָפּ פון שיקן ווייניקער־פעאיקע קינדער אין דער יידישער טאָג שול; זיי אַליין פאַרשטייען, אַז דער לערן־פּראָגראַם איז צו אַ שווערער פאַר אַזעלכע קינדער. מ'דאַרף אָבער שטאַרק נעמען אין באַטראַכט דעם מאָסן־כאַראַקטער פון דער טאָג שול, איר „גוטע מאָדע" און איר געזעלשאַפטלעכע רעפּוטאַציע. מ'דאַרף אויך געדענקן, אַז ווייניק עלטערן זיינען אמתע מבינים אויף דער מאָס פון פעאיקייט און אומפעאיקייט פון זייערע קינדער. ווי פאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, איז עס פאַרט אמת, אז אַ באַדייטנדיקע צאָל עלטערן פון די וואָס זיינען חושד, אַז זייער

קינד וועט האָבן שוועריקייטן אין לערנען צוליב שוואַכערע פעאיקייטן, אָדער נאָך אָפטער, צוליב עמאָציאָנעלער אומזיכערקייט און ווייניק סטאַ־בילִיטעט, גלויבן, אַז דווקא די פּריוואַטע טאָג שול איז דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַזעלכע קינדער. ווען מ׳האָט דאָס אַלץ אין זינען איז קלאָר, אַז די טאָג שול מעג און זאָל אַריינעמען אַלע קינדער, ווען די עלטערן ווילן שיקן, נאָר בתנאי, אַז ס׳וועט אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר די ווייניקער פעאיקע קינדער אַ לענגערער לערן טאָג פאַר די אַלגעמיינע לימודים אין דער ענגלישער שפּראַך, — אַרום פיר־פיר און אַ האַלב שעה אַנשטאָט די איצטיקע דריי שעה. ביז דאָס וועט ניט געטאָן ווערן, טאָר מען אַזעלכע קינדער ניט אַריינעמען, און זיכער ניט איינהאַלטן, אין דער טאָג שול. אויב די טאָג שול זאָל ווירקלעך ווערן אַ מאַסן־שול און אַ סאַבסטיטוט פאַר דער אָוונט שול, — און זי ווערט דאָס מער און מער, — איז די רעפאָרם, וואָס כ׳האָב דאָ פאָרגעשלאָגן, אַן אומפאַרמיידלעכקייט. און וואָס גיכער די רעפאָרם וועט איינגעפירט ווערן, אַלץ געזינטער וועט זיין פאַר דעם דערציערישן געוויסן פון די שול פירער און דערציער און אַלץ גרעסער וועלן ווערן די מעגלעכקייטן פאַר דער רעאַליזירונג פון די אָריגינעלע, לכתחילהדיקע אויפ־גאַבן פון דער טאָג שול.

מען פרעגט, און מיט רעכט, וואָס וועגן דער יידישער דערציאונג פון אַזעלכע קינדער, פאַר וועמען די יידישע טאָג שול, ווי זי איז איצט אַוועקגעשטעלט, איז ניט פּאַסיק? אַזעלכע קינדער וועלן מוזן יידיש דער־צויגן ווערן אין דער אָוונט שול. ס׳טייטש, אויב די קינדער זיינען ווייניקער פעאיק, וואו נעמען זיי צייט צו גיין אין אַן אָוונט שול? ענטפערן מיר, אַבי די אַלגעמיינע דערציאונג וועט די קינדער געגעבן ווערן אונטער די גינסטיקערע באַדינגונגען פון דער אַלגעמיינער פּאַבליק סקול, קענען זיי לערנען אין די שפּעטע נאָכמיטאָג שעהן אין דער יידישער אָוונט שול. אמת, זייערע באַזונדערע שוועריקייטן אין די אַלגעמיינע (ענגלישע) לימודים וועט ממילא פירן דערצו, אַז זיי זאָלן בלייבן אין דער אָוונט שול ווייניק יאָרן. דאָס איז אָבער אומפאַרמיידלעך ביז די יידישע טאָג שול וועט דורכפירן די אויבן־פאָרגעשלאָגענע רעפאָרם. איין זאַך איז ביי מיר אַקסיאָמאַטיש זיכער: מ׳טאָר ניט בויען די יידישע דערציאונג פון די ווייניקער פעאיקע קינדער אויפן חשבון פון זייער מיסדערפאָלג אין די אַלגעמיינע לימודים אין דער ענגלישער שפּראַך.

* * *

שוין אין דער דערמאָנטער אַרבעט וועגן דער טאָג שול אין שול פנקס 1946, געפינען מיר די פאָלגענדע דערקלערונג: „מען טאָר ניט באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז די לערן־פּראָגראַם פון אַ יידישער טאָג־שול איז צו שווער פאַר אַ קינד וואָס זיינע אינטעלעקטועלע פעאיקייטן און גייסטיקע סטאַ־בילִיטעט זיינען ניט כאָטש אַ ביסל העכער איבערן דורכשניט. איך וואָלט

שטאַרק רעקאָמענדירט, אַז אין אונדזערע טאָג־שולן זאָל מען דורכפירן אינטעליגענץ־טעסטן איבער די תלמידים, איידער זיי ווערן אויפגענומען. דאָס איז איינגעפירט אין אַ גרויסער צאָל פּראָגרעסיווע שולן איבערן לאַנד. אין אונדזער שול האָבן מיר אָנגעהויבן דורכפירן די טעסטן אין אַ צאָל קלאַסן פאַר־אַ־יאָרן און מיר ווילן דאָס פאַרזעצן דאָס יאָר. ס'ווערט אויך קלאָר, אַז ס'איז נויטיק צו וויסן די קינדערס „יחוס": השפעה מצד דער היים, אינטערעס, סביבה, גרייטקייט מצד די עלטערן אַליין צו לערנען און אויפצוהאַלטן זייער אינטערעס אין יידישע ענינים. ס'ליגט אַ גרויסע אחריות אויף דער שול צו סטימולירן די עלטערן אין דעם פּרט און זיי צו געבן די מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקער יידישער דערציאונג" (דאָרט ז. 449).

מיר דאַרפן דאָ געבן אַ קלאָרע, הגם קורצע, דערקלערונג, וואָס מיינען מיר מיטן טערמין „ווייניקער פעאיקע קינדער"? ווי שטעלט מען דאָס פעסט?

אין דער געבראַכטער ציטאַט רעדט זיך וועגן אינטעליגענץ טעסטן. פון 1946 ביז איצט זיינען די טעסטן אויסגעברייטערט געוואָרן אין אונדזער שול און זיי ווערן געגעבן אַלע קינדער. אין באַזונדערע פאַלן באַנוגנט מען זיך ניט מיט אינטעליגענץ טעסטן אַליין. ס'ווערן דורכגעפירט כלערליי אַנדערע טעסטן פון פעאיקייט, פון סטאַנדאַרד ידיעות, פון עמאָציאָנעלער רייפקייט און אַנדערע. לאָמיר גלייך דאָ פאַרמיידן אַלע מעגלעכע מיספאַר־שטענדענישן. די אַלע טעסטן האָבן אַ באַשטימטע מאָס פון פאַרלעסלעכקייט, אָבער זיי שפּילן ניט די הויפּט ראָל ביים באַשטימען, צי אַ געוויס קינד מעג פאַרזעצן לערנען אין דער טאָג שול. דעם לערערס און דעם פּרינציפּאַלס שטענדיקע וואַכזאַמקייט וועגן דעם דערפאָלג פון קינד ביים לערנען, זייער שטודירן די עמאָציאָנעלע סטאַביליטעט און די ספּעציפישע כאַראַקטער שטריכן פונ'ם קינד, זייער גרינטלעכער באַקענען זיך מיט די היים באַדינ־גונגען פונ'ם קינד און מיט די עלטערן — אָט די אַלע מאָמענטן זיינען מער מאָסגעבנד ווי די טעסטן. מער ניט, ווען די רעזולטאַטן פון די טעסטן דערוועקן אַ ספק וועגן דער צוגעפּאַסטקייט פונ'ם קינד צו דער יידישער טאָג שול, מוז די מאָס פון וואַכזאַמקייט פאַר דער אַלזייטיקער באַקאַנטשאַפט מיטן קינד און מיט זיין היים פאַרשטאַרקט ווערן.

אין אונדזער שול פירן מיר זיך שוין לאַנג אויסצושליסן קינדער, וואָס פּאַסן זיך ניט פאַר דער טאָג שול. די פּאָליסי מוז אָבער נאָך שטרענגער אָנגעווענדט ווערן, ווי אומבאַקוועם, אומאַנגענעם און אומפּאָפּולער אַזאַ שטרענג דורכגעפירטע פּאָליסי זאָל ניט זיין פאַר דער שול און פאַר אירע אָנפירער.

ווען די טאָג שול וועט ווערן אַ שול בלויז פאַר צו־איר־צוגעפּאַסטע קינדער, און אין דער מאָס וואָס זי וועט עס ווערן, וועלן שטאַרקער ווערן די מעגלעכקייטן צו רעאַליזירן די אָריגינעלע, לכתחילהדיקע צילן און

אויפגאַבן פון דער טאָג שול, — וואָס איר עיקרדיקער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף אַן אינטענסיווער יידישע דערציאונג, כדי מעגלעך צו מאַכן דאָס דערציען אַ דור פון אינטעליגענטע, באַוואוסטזיניקע און לאָיאַל צוגעבונדענע יונגע קאַנאַדער יידן.

כדי דאָס צו דערמעגלעכן מוז דורכגעפירט ווערן נאָך זייער אַן ערנסטע רעפאָרם אין דער טאָג שול. די פריער באַהאַנדלטע רעפאָרם צילט אויס־צושליסן, — אונטער די איצטיקע צייט באַדינגונגען פאַר אַלגעמיינע (ענגלישע) לימודים, — די באַשטימטע צאָל קינדער, וואָס פּאַסן זיך ניט פאַר דער טאָג שול. טאָג שול בלייבט נאָך אַלץ אַ דבר השווה לכל נפש, — אַ לערן אַנשטאַלט פאַר אַ פּאָטענציעלער מערהייט פון אַלע יידישע קינדער, ווענען די עלטערן ווילן אין איר שיקן, און, ווי כ׳האָב פריער זיך באַמיט צו באַווייזן, שיר ניט אַ סאַבסטיטוט פאַר דער אָונט שול, ווי זי איז געווען אין דעם איצט שוין לפי ערך וויטן אַמאָל. איז דעריבער איצט נויטיק אַט די רעפאָרם: אָרגאַניזירן אַן אינטענסיווע יידישע טאָג שול אין דער אַלגע־מיינער יידישער טאָג שול.

פּראַקטיש מיינט עס אַט וואָס: שטרענג פאַנאַנדערטיילן נאָכן ערשטן אָדער העכסטנס צווייטן לערן־יאָר די קינדער לויט זייערע יידישע פעאיקייטן און לויט זייער היים סביבה אין באַזונדערע קלאַסן, און געבן די קינדער, וואָס ווען אַממערסטן בענעפיטירן פון אַן אינטענסיווער יידישער דער־ציאונג, צוליב זייערע יידישע פעאיקייטן און צוליב פאַר דעם צוועק מער גינסטיקע היים באַדינגונגען, אַ לענגערן יידישן לערן־טאָג — פון כאָטש 3 ביז דריי און אַ האַלב לערן שעה פאַר די יידישע לימודים. דאָס מיינט אַ לערן טאָג פון 6 ביז זעקס און אַ האַלב שעה. איז אַזאַ פאַרטיילונג מעגלעך? איך בין איבערצייגט, אַז יאָ. קודם כל איז עס טעכניש מעגלעך דערפאַר, ווייל כמעט אַלע יידישע טאָג שולן זיינען גרויסע שולן. די טענדענץ איז שוין לאַנג פאַר צוויי און מער קלאַסן פון יעדן לערן יאָר. מ׳קען נאָך צוויי, העכסטנס דריי יאָר פון דעם קינדס זיין אין שול — דאָס מיינט נאָך קינדערגאָרטן אין קלאַס איינס, העכסטנס קלאַס צוויי, זיכער פעסטשטעלן די מאָס פון די אויבן־דערמאָנטע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אינטענסיווער יידישער דערציאונג: די קינדערס יידישע פעאיקייטן, די היים־באַדינגונגען, די עלטערנס אינטערעס און באַגער פאַר אַן אינטענסיווער יידישער דערציאונג פאַר זייערע קינדער. אגב, אין משך פון די ערשטע צוויי־דריי יאָר פון דעם קינדס לערנען אין דער יידישער טאָג שול קען מען ניט נאָר פעסטשטעלן די עלטערנס באַציאונג צום ענין, נאָר מ׳קען — און מ׳טוט — זייער פיל ווירקן זיי צו דערמוטיקן, באַאיינפלוסן און דערציען אין דער ריכטונג.

כ׳האָב דאָ אייניקע מאָל זיך פאַררופן אויף די יידישע פעאיקייטן פון די קינדער. כ׳מיין דערביי די מאָס פון די קינדערס פעאיקייט אויפצונעמען אינטענסיווע יידישע דערציאונג. ביז אַ גרויסער מאָס זיינען די ספּעציפישע

פעאיקייטן אַ פּראָדוקט פון גינסטיקע יידישקייט היים־באַדינגונגען; זייער פיל ווענדט זיך אין די קינדערס שפּראַך פעאיקייטן. (מ׳וואָלט אפילו געקענט באַווייזן, אַז ס׳איז ממש פאַראַן אַזאַ באַזונדערע אייגנשאַפט, ווי אַ טאַלאַנט פאַר יידישקייט).

ס׳איז טאַקע אָפּט פאַראַן אַ באַשטימטע מאָס פון ענגער שייכות און קאָרעלאַציע צווישן די באַזונדערע יידישע פעאיקייטן און די אַלגעמיינע פעאיקייטן פון די קינדער. אָבער גאָר אָפט גייען זיי ניט צוזאַמען. דאָס וועט פירן דערצו, אַז ביי אַזאַ פאַרטיילונג פון די קינדער אין באַזונדערע קלאַסן, וועט אין יעדן פון די קלאַסן זיין אַ באַדייטנדיקע מאָס פון וואַריאַציע אין די אַלגעמיינע פעאיקייטן פון די קינדער. אַזוי ווי קיין ניט צוגעפּאַסטע קינדער פאַרן אַלגעמיינעם ענגלישן פּראָגראַם וועלן אין אַזעלכע קלאַסן ניט זיין, — מחמת אַזעלכע זיינען אָדער לכתחילה ניט אַריינגענומען געוואָרן אָדער זיי זיינען אַזוי שנעל ווי בנויטיק עלימינירט געוואָרן, — וועלן אַלע קינדער קענען דערפאָלגרייך דורכמאַכן דעם אַלגעמיינעם קוריקולום אין ענגליש, אפילו אין בלויז די דריי שעה פאַרן ענגלישן פּראָגראַם. די קינדער אָבער אין די קלאַסן פאַר דעם אינטענסיוון יידישן פּראָגראַם וועלן לערנען אויף אַ מער אַוואַנסירטן אופן און זייערע דערגרייכונגען וועלן זיין מער צופרידנשטעלנדיקע. די וואַריאַציעס אין די פעאיקייטן פון די קינדער פאַרן אַלגעמיינעם קוריקולום וועלן אָפּשוואַכן אַ הויפּט אויסזעצונג, וואָס ס׳ברענגען אַרויס די קעגנער פון פאַרטיילונג פון קינדער אין קלאַסן לויט פעאיקייטן. די טענות זיינען גוט באַקאַנט: ס׳שאַפט זיך אַן עליטע; ס׳שטערט צום געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך פון די קינדער; געוויסע קלאַסן ווערן געשטעמפּעלט ווי ווייניקער פעאיקע א.א.וו. צוליב קורצקייט פון פּלאַץ קענען מיר זיך ניט אָפּשטעלן צו אַנאַליזירן און צו דיסקוטירן די אויס־זעצונגען. אַנדערש וואָלט מען געקענט דאָ ברענגען די קעגן־טענות פון די אָנהענגער פון דער פאַרטיילונג. מ׳וואָלט געקענט באַווייזן, אַז די פּאָזיטיווע אַספּעקטן פון אַזאַ פאַרטיילונג ווערן וואָס מער און מער אָנערקענט אין דער דערציאונגס וועלט, און אַז די נעגאַטיווע מאָמענטן קענען ביז זייער אַ הויכער מאָס אָפּגעשוואַכט ווערן ביי דער געהעריקער פאַרשטענדעניש מצד דער לערערשאַפט און ביי אַלעמענס גרייטקייט בייצוקומען די פּאָטענ־ציעלע שוועריקייטן.

לויט אונדזער איצטיקן פּלאַן פון פאַרטיילן די קינדער, וועלן ממילא אַ סך פון די אויסזעצונגען ניט זיין באַרעכטיקט. ס׳וועט אָבער אַלץ בלייבן די טענה, אַז ס׳שאַפט זיך אַ יידישע עליטע מיט די באַגלייט טענות פון געזעלשאַפטלעכער קנאה און ניט־איינגעלעבטקייט צווישן די קינדער. דער עיקר וועט בלייבן די טענה מצד די יידישע לערער, וואָס וועלן דאַרפן לערנען מיט דעם ווייניקער אינטענסיוון יידישן פּראָגראַם. (אגב, מיר דאַרפן געדענקן, אַז די פאַרטיילונג איז ניט קיין פּערמאַנענטע, איין מאָל פאַר

אַלעמאָל. ס׳וועט מעגלעך זיין יעדעס יאָר אַן איבערגרופּירונג פון געוויסע קינדער פון איין מין קלאַס אין אַן אַנדערן, לויט דער מאָס פון זייער צוגע־פּאַסטקייט צום קלאַס). אָבער זאָלן די טענות זיין ווי וואָגיק און ערנסט, מוז אַנטקעגן זיי געשטעלט ווערן מיין פּראָגנאָז, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג פון רעאַליזירן די וויכטיקסטע אויפגאַבע צוליב וועלכער די טאָג שול איז געגרינדעט געוואָרן, און אַז דאָס איז די איינציקע האָפנונג צו גרייכן מיט אַ באַשטימטער צאָל קינדער מאַקסימום רעזולטאַטן פאַר יידישע קולטור מעגלעכקייטן אין דעם לאַנד.

ס׳פרעגט זיך: פאַרוואָס פאַרלענגערן די יידישע לערן־שעהן אויף 3 אָדער דריי אַ האַלב נאָר פאַר די באַזונדערע קלאַסן פון קינדער מיט די בעסטע פּאָטענצן פאַר יידישע לימודים? פאַרוואָס ניט פאַר אַלע קלאַסן? איז עס דען ניט קלאָר, אַז אויך די וועלן דערגרייכן מער אין די יידישע לימודים ביי לענגערע שעהן? געוויס. מ׳קען אפילו טענהן, אַז אַט די קינדער דאַרפן עס אוודאי — האָב איך ניט קיין טעאָרעטישע אויסזעצונגען קעגן אַ לענ־גערן לערן טאָג פאַר אַלע תלמידים פון דער טאָג שול; זייער יידישע דערציאונג וואָלט דערפון פיל געוואונען. איך האָב אפילו ניט קיין מורא פאַר דעם אַרגו־מענט, אַז יידישע קינדער דאַרפן ניט זיין קיין אויסנאַם פון אַלע אַנדערע קינדער און דאַרפן ניט זיין אויסגעזונדערט צו אַ לענגערן לערן טאָג. כ׳וואָלט אפילו געוואַגט זאָגן, אַז ס׳איז גוט פאַר יידישע קינדער צו ליידן אַביסל אומ־באַקוועמלעכקייט פאַר יידישקייט — אַזאַ געוואוינהייט וואָלט זיי פיל געהאָלפן זיך צוגרייטן צום לעבן ווי יידישע דערוואַקסענע.

איך שלאָג ניט פאָר קיין לענגערע יידישע לערן שעהן פאַר אַלע תלמידים פון דער יידישער טאָג שול און איך שטעל זיך איצט דערפאַר ניט איין אויס ריין פּראַקטיש־דערציערישע אויסרעכנונגען. אַזאַ שריט וואָלט ניט געווען אין איינקלאַנג מיט מיין הנחה, אַז די טאָג שול הויבט אָן פאַר־נעמען אַלץ מער און מער דאָס אָרט פון דער אָוונט שול אַמאָל. עלטערן ווילן יידישע טאָג שול פאַר זייערע קינדער, ווייל זיי ווילן געבן זייערע קינדער יידישע דערציאונג, ניט דווקא אַן אינטענסיווע יידישע דערציאונג. באַשטיין אויף לענגערע לערן שעהן אין דער יידישער טאָג שול וואָלט גאָר אַ סך עלטערן, צוליב פאַרשיידענע טעמים, צוריקגעהאַלטן פון דער טאָג שול. דאָס וואָלט ביי די איצטיקע באַדינגונגען געצוואונגען אַ סך עלטערן צו געבן זייערע קינדער אַ מינימאַלע יידישע דערציאונג אין דער אָוונט שולע מיט אַלע אירע ניט גינסטיקע באַדינגונגען — אָדער אפשר נאָך ווייניקער. דאָס וואָלט געפירט דערצו, אַז זייער אַ סך קינדער וואָלטן ניט בענעפעטירט פון דער גוטער, הגם ניט גענוג אינטענסיווער יידישער דערציאונג, וואָס די טאָג שול מאַכט מעגלעך מיט אַלע מעלות טובות און אויסזיכטן פאַר דערפאָלג. דאָס טאָר ניט געשען. מיר מעגן און זאָלן צוריק־האַלטן פון טאָג שול דערציאונג נאָר די קינדער, וועמענס אַלגעמיינע, ענגלישע

דערציאונג וועט דערביי ליידן. און דאָס אויך נאָר כל זמן מיר פירן ניט דורך די פאָרגעשלאָגענע רעפאָרם פון לענגערע לערן שעהן פאַר די ענגלישע לימודים. מיר טאָרן ניט און זאָלן ניט צוריקהאַלטן קינדער, וואָס קענען זיך צופּאַסן צו דער טאָג שול. ס'גייט אין דער יידישער דערציאונג פון אַ דור.

כ'ווייס קלאָר אַלע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מיין פאָרשלאָג פון דער פאַנאַנדערטיילונג פון די קינדער לויט פּאָטענצן פאַר יידישער דערציאונג און פאַרלענגערן די יידישע לערן שעהן פאַר די פּאַסיקערע. אייניקע האָב איך שוין דערמאָנט. ס'איז מעגלעך, אַז די ערשטע פאַר יאָר זאָלן מיר זיך אָנשלאָגן אָן אַ ווידערווילן פון די עלטערן און אוודאי מצד די קינדער. איך בין אָבער גאַנץ איבערצייגט, אַז די שוועריקייט איז נאָר אַ צייטווייליקע. ס'איז איצט שוין פאַראַן אַ באַדייטנדיק הויכער פּראָצענט עלטערן, וואָס וועלן סימפּאַטיש און מיט פריידן אויפנעמען דעם פּלאַן פאַר אינטענסיווער יידישער דערציאונג. זייער צאָל וועט שנעל וואַקסן: די פּאָזיטיווע באַציאונג מצד די מאַקסימאַליסטן וועט זיין אַנשטעקנדיק, היבשלעך אויך דערפאַר ווייל דער פּלאַן וועט מיט זיך טראָגן אַ באַדייטנדיקע מאָס פון אויסצייכענונג און אָנערקענונג. כ'רעכן אויך אויס פיל אויף דער מאָס איינפלוס און ווירקונג וואָס די שול וועט אויסאיבן אויף די עלטערן אין די ערשטע 2—3 יאָר פון די קינדערס לערנען אין דער טאָג שול, איידער די פאַרטיילונג וועט דורכגעפירט ווערן.

ס'איז אפילו מעגלעך, אַז די ערשטע פאַר יאָר וועט מען דאַרפן אָנהאַלטן די אינטענסיווערע יידישע קלאַסן פאַר אַ קליינער צאָל קינדער אין יעדן קלאַס. דאָס וועט מיינען אַן ערנסטע פינאַנציעלע שוועריקייט. כ'מיין אָבער, אַז די שול פאַרוואַלטונג דאַרף זיין גרייט אויף יעדן קרבן צוליב דעם ציל — אַן אינטענסיווע דויערנדיקע יידישע דערציאונג פאַר וואָס מער קינדער, — דער ציל, צוליב וועלכן די טאָג שול איז לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן.

צוליב פולקייט און גענויקייט פון אינפאָרמאַציע דאַרף איך דאָ צוגעבן, אַז מיר האָבן אין דער טאָג שול פון די יידישע פאָלקס שולן פּראַקטיצירט אַ צאָל יאָרן די פאַרטיילונג פון די קינדער לויט יידישע פּאָטענצן, און די רעזולטאַטן, ווי שוין דערמאָנט, זיינען געווען גאָר גוטע. מיר זיינען אָבער ניט געווען גענוג אויסגעהאַלטן אין דער פּראַקטיק און מיר האָבן ניט אויסגענוצט די מעגלעכקייטן, וואָס די פאַרטיילונג גיט אין דער פולער מאָס — שוין אפילו דורך דעם אַליין, וואָס מיר האָבן ניט פאַרלענגערט די יידישע לערן שעהן פאַר אָט די קלאַסן. אויך דער פאַקט, וואָס מיר זיינען ניט געווען גענוג אויסגעהאַלטן ביים אויסשליסן פון דער טאָג שולע די אַלע קינדער, וואָס זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט צו דעם ענגלישן קוריקולום פון אונדזער טאָג שולע, ביי אירע באַגרעניצטע לערן שעהן, האָט היבשלעך פאַרקלענערט די מאָס פון דערפאָלג און ווירקזאַמקייט פון דער טאָג שול דערציאונג.

איך באַטראַכט דעריבער מיינע איצטיקע פאָרשלאָגן פאַר רעפאָרמען אין

דער אָנפירונג פון די טאָג שולן ווי אַ רעוואָלוציאָנערן שריט. די אַלע פאָר־שלאָגן דאַרפן געגומען ווערן ווי איין גאַנצקייט: 1) אויסשליסן די ניט פעאיקע קינדער פון דער טאָג שול, סיידן ס׳וועט פאַר זיי פאַרלענגערט ווערן די צייט פון די ענגלישע לימודים אויף צום וויניקסטנס אַ שעה אַ טאָג; 2) פאַרטיילן אַלע תלמידים וואָס זיינען פאַסיק פאַר טאָג שול לויט יידישע פעאיקייטן און פּאָטענצן; 3) פאַרלענגערן די צייט פון די יידישע לימודים פאַר די פעאיקע (אין די הינזיכטן, וואָס כ׳האָב אויבן דעפינירט) אויף וויניקסטנס אַ שעה אַ טאָג; 4) אינטענסיווירן דעם יידישן קוריקולום און די יידישקייט אַטמאָספער אין דער טאָג שול בכלל און אין די באַזונדערע קלאַסן בפרט; און 5) פּלאַנעווען און דורכפירן אַ לאַנגן און ווייט־גייענדיקן פּראָגראַם פון דערציען, באַאיינפלוסן און ווירקן אויף די עלטערן און אויף דער היים פאַר מער יידישער באַוואוסטזיניקייט און פאַר מער גרייטקייט פאַר פּראַקטישע מעשים לטובת דער ווירקזאַמער און לאַנג־דויערנדיקער יידישער דערציאונג פון די קינדער.

דער לערן־פּראָגראַם וועט זיכער אינטענסיווירט ווערן. אַ צוגאָב פון אַ שעה אַ טאָג (אויב מעגלעך אָנדערהאַלבן) פאַר דעם יידישן לערנען פונ׳ם 2טן לערן יאָר אָן ביזן 7טן אַריינגערעכנט, וועט מעגלעך מאַכן, אַז די קינדער זאָלן אַרויסגיין פון דער עלעמענטאַר שול מיט אַ סך טיפערע יידישע און יידישקייט ידיעות: מער תנ״ך, מער אגדה, טיילן פון משנה, פּרקי אָבות, רש״י, יידישער לעבנס שטייגער און פאָלקלאָר, מער יידישע ליטעראַטור, מער ארץ ישראל ידיעות, בעסערע און טיפערע היימישקייט מיט אונזער לעבנס שטייגער (שולחן ערוך און פאָלקלאָר), בעסערע און טיפערע היימיש־קייט מיט אונדזערע לשונות, העברעאיש און יידיש. ממילא מיינט דאָס, אַז זיי וועלן אין זיך איינזאַפּן מער יידישע נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע אידעאַלן און זיי וועלן ביים עלטער פון 13 יאָר פילן מער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און צום יידישן לעבן. אַזעלכע עלעמענטאַר שולן גראַדואירטע וועלן בעסער זיין צוגעגרייט, סיי אינטעלעקטועל און סיי וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער — עמאָציאָנעל צו קענען און וועלן ממשיך זיין זייער יידישע דערציאונג דורך די פיר יאָר היי־סקול — צי אין אונדזערער אַן אייגענער טאָג מיטל שולע, צי אין אַ שטאָטישער טאָג מיטל שול, צי אפילו אין אַן אָוונט מיטל שול.

איך לייג גרויסע האָפנונגען אויף דעם, אַז די פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמען וועלן סטימולירן אַ באַנייטע אָנשטרענגונג פאַר דער אינטענסיוויזירונג פון דער יידישער אַטמאָספער אין דער טאָג שול, פאַר זוכן וועגן פון יידישער און אידעאָלאָגישער אינטענסיוויזירונג פון יידישקייט איינשטעלונגען. דאָס וועט געוויס נויטיק מאַכן פון דאָס ניי צו באַטראַכטן געוויסע מאָמענטן פון דער יידישער און פּראָגראַמאַטישער איינשטעלונג פון אונדזער שול אַרבעט. מיר האָבן דאָס אָפט געטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, און מיר האָבן אַלעמאָל געפילט, אַז דאָס איז איינער פון די סימנים מובהקים פון אונדזער ריכטונג אין דער יידישער דערציאונג.

אַמעריקע אין אונדזער יידישער דערציִאונג *

(וועגן אַן אינטעגרירטער יידישער דערציִאונג)

פון שלמה ווייסמאַן

(איבערגעדרוקט פון „געדאַנק און לעבן"
פונעם ניו יאָרקער יידישן לערער סעמינאַר,
דעצעמבער 1943.)

1

יעדער וואָס האָט אַ באַגריף וועגן די אויפגאַבעס פון דערציִאונג איז תופס, אַז דערציִאונג באַשטייט ניט בלויז אין אויסלערנען אַ געוויסן סכום ידיעות און אינפאָרמאַציעס. זי דאַרף אין זינען האָבן דעם גאַנצן מענטש: צוגרייטן דעם יונגן מענטשן צו לעבן אין אַ באַשטימטער געזעלשאַפט און זי אַרויפצוהייבן אויף אַ העכערער מדרגה פון שלמות. ידיעות און אינפאָרמאַציעס זיינען טאַקע אַ מיטל — גאָר אַ וויכטיק מיטל — אויף צו דערגרייכן דעם ציל, אָבער די אַנטוויקלונג פון געוואוינהייטן, שייכותן, איינשטעלונגען און שטרעבונגען איז דער יסוד פון דער געשטאַלטונג פון דער פּערזענלעכקייט פונעם יונגן מענטשן.

מען פלעגט אַ מאָל דעפינירן די אויפגאַבע פון דער מאָדערנער יידישער דערציִאונג ווי אַן אידעאַל צו דערציען אַ „ייד און מענטש". ס'איז אונדז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז פונקט ווי מיר קענען זיך ניט צופרידנשטעלן מיטן בלויזן טערמין „ייד", נאָר מיר האָבן דערצו אַ געוויסע קאָנצעפּציע וועגן דעם מין ייד, וואָס מיר ווילן, — אַ נאַציאָנאַלער, פּראָגרעסיווער און ציוניסטישער ייד, — אַזוי איז אויך דער טערמין „מענטש" אַן אַבסטראַקטער באַגריף, וועלכער דאַרף אָנגעפילט ווערן מיט אַ באַשטימטן אינהאַלט. מענטשן לעבן אין אַ געוויס לאַנד, אין אַ געוויסער סביבה, אונטער געוויסע קולטורעלע, סאָציאַלע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די מענטשן ווערן באַווירקט פון די באַדינגונגען, אָבער זיי ווירקן אויך צוריק אויף די דאָזיקע באַדינגונגען. אין דעם פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן דעם מענטש און די סביבה־באַדינגונגען ווערט געשטאַלטעט און געפורעמט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

---

* מיר דרוקן דאָ איבער דעמדאָזיקן אַרטיקל און די צוויי ווייטערדיקע („גאָט זוכענישן אין אונדזער דור" און „די יידישע ימים טובים און די יידישע דערציִאונג"), ערשטנס, ווייל די פּראָבלעמען וואָס ווערן אין זיי באַהאַנדלט זיינען אַקטועל אויך היינט־צו־טאָג, און צווייטנס ווייל זיי פירן אַריין דעם לייענער אין דער וועלט פונעם יובילאַרס דענקען און טראַכטן. — די רעדאַקציע.

אונדזער אויפגאַבע איז צו דערציען דעם אַמעריקאַנער ייד, אַ דור, וואָס וועט לעבן אין דער אַמעריקאַנער יידישער סביבה. אוודאי איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס די קאָמבינאַציע פון די ווערטער „אַמעריקאַנער ייד" שטעלט מיט זיך פאָר, וואָרעם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ לפי־ערך נייעם טערמין. אונדזער יידיש לעבן אין אַמעריקע איז נאָך פאַרהעלטנישמעסיק יונג און מיר האָבן אויך ניט קיין ביישפּילן פון דער יידישער געשיכטע אין אַנדערע לענדער, וואָס זאָלן אונדז העלפן קלאָר מאַכן אַזאַ באַגריף.

ווען מיר פּרובירן פאָרמולירן, וואָס שטעלן מיר זיך פאָר אונטער דעם טערמין „אַמעריקאַנער ייד", וואָלט מען געקאָנט געפינען אַזאַ נוסח: אַן אַמעריקאַנער ייד איז אַ יידישער מענטש אין אַמעריקע, וועלכער דאַרף זיך פילן ווי אַן אייגענער, מיט איינשטעלונגען פון אַן אייגענעם, אין דעם לאַנד אַמעריקע, אין דער יידישער געמיינדע אין אַמעריקע און אין דעם יידישן פאָלק איבער דער וועלט און אין ארץ ישראל. ער איז צוגעבונדן עמאָציאָנעל, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך צום לאַנד אַמעריקע, איז פאַראינטערעסירט אין זיין וואוילזיין און איז גרייט צו טאָן זיין חלק פאַר דער הייבונג פון דעם וואוילזיין פון דעם לאַנד. ער איז אַ זון פון דער יידישער געמיינדע אין אַמעריקע. צו דער געמיינדע פילט ער באַזונדערע התחייבותן ווי אַ זון פון דעם יידישן פאָלק; ער איז גרייט זיך צו באַטייליקן מיט אַלע זיינע פעאיקייטן און מיט זיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט אין דער באַפרידיקונג פון די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אינטערעסן און אין דער אַנטוויקלונג פון דעם וואוילזיין פון דער געמיינדע. היות די יידישע געמיינדע אין אַמעריקע איז פאַרבונדן מיט אַנדערע יידישע געמיינדעס איבער דער גאַנצער וועלט, לעבט דער אַמעריקאַנער ייד מיט דיליידן און פריידן פון די אַלע יידישע געמיינדעס. ער איז באַזאָרגט וועגן זייער גורל און העלפט זיי, מיט וואָס נאָר ער קען. אָט די אַלע יידישע געמיינדעס האָבן איין צענטראַלן אידעאַל, וועלכער פאַראייניקט זיי אַלעמען: דער אויפבוי פון דעם יידישן היימלאַנד אין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז דאָס פיזישע און געאָגראַפישע היימלאַנד פון יענע יידן, וועלכע פילן זיך פרעמד אין זייער וואוינלאַנד, און וועמען עס איז, איבער פּאָליטישע, רעליגיעזע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע טעמים, דאָרט ענג געוואָרן. ארץ־ישראל איז אָבער אויך — ראשית כל ואחרית כל — דאָס גייסטיקע היימלאַנד פון אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט, און ממילא אויך פון די אַמעריקאַנער יידן. אויף אַזוי פיל איז ארץ־ישראל אויך דאָס נאַציאָנאַלע היימלאַנד פון אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט; עס איז איינער פון די שטאַרקסטע מאָמענטן, וואָס צעמענטירן אַלע יידישע געמיינדעס איבער דער וועלט אין איין נאַציאָנאַלער איינהייט.

יידן אין אַמעריקע (ווי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, חוץ ארץ־ישראל) קענען נאָר ביז אַ געוויסער מאָס זיך אויסלעבן נאַציאָנאַל און גייסטיק אַלס יידן, אָבער פאַר קיין פאַל ניט אין אַ פולער מאָס, ווייל אין אַמעריקע

זיינען זיי אַלס יידן אין אַ מינדערהייט. זייער יידישקייט איז אַ צוגאָב, הגם אַ געזונטער און אַן אָרגאַניש־מעגלעכער, צו זייער אַמעריקאַנישקייט. אויס־לעבן זיך יידיש נאַציאָנאַל און יידיש גייסטיק אין אַ פולער מאָס קענען יידן נאָר אין ארץ־ישראל, וואו זיי זיינען געזעלשאַפטלעך און גייסטיק פולע בעלי־בתים איבער זייער אייגן נאַציאָנאַל לעבן. די אַמעריקאַנער יידן, וועלכע פילן דעם דראַנג צו אַ פולן גייסטיקן אויסלעבן זיך אַלס יידן, און וועלכע האָבן די מעגלעכקייט דערצו, וועלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אַלע אַנדערע וועלן זיך אויסלעבן אַלס יידן אין דער אַמעריקאַנער יידישקייט. זייער הילף (צוזאַמען מיט די יידן פון אַנדערע לענדער) אויפצובויען ארץ־ישראל פאַר־שטאַרקט און פאַרטיפט זייער יידישקייט, גיט איר צו אינהאַלט און קלאָר.

די דאָזיקע פאָרמולירונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אין אַמעריקע, וועלכע מיר באַטראַכטן ניט מער ווי אַ פּרואוו, איז שוין אַליין פאַר זיך אַן אָנווייז אויף דער שווערער און קאָמפּליצירטער אויפגאַבע פון יידישע דערציער ביי אונדז אין לאַנד. ווי שווער די דאָזיקע אויפגאַבע זאָל ניט זיין, בפרט אין שייכות מיטן ציל צו דערציען אונדזער יוגנט צו טאָפּלטע לאָיאַליטעטן, קען זי געלייזט ווערן נאָר בעת מען באַנעמט זי לכתחילה אין איר גאַנצן פאַרנעם און אונטער אַלע אירע אַספּעקטן. דאָס איז אונדזער אויפגאַבע, און עס וועט גאָרניט אַרויסקומען פון באַהאַלטן זיך און ניט דערזען זי אין איר גאַנץ גרויסן און שווערן פאַרנעם.

2

יידישע דערציאונג אין אַמעריקע איז זיך געגאַנגען אויף איר אייגענעם וועג, אָדער ריכטיקער — אויף אירע אייגענע וועגן, מחמת מיר האָבן דאָ מערערע דערציאונגס־סיסטעמען; די יידישע דערציער האָבן ווייניק געטראַכט וועגן דער וויכטיקער אויפגאַבע צו אינטעגרירן יידישקייט מיט אַמערי־קאַנישקייט.

די אַלט־איינגעזעסענע בעל־הבתיש־אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן אין דער יידישער אַמעריקע אָנערקענען ניט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ פּראָבלעם. זיי לייקענען די נויטווענדיקייט פון „טאָפּלטע לאָיאַליטעטן"; זיי האָבן לכתחילה אָנגענומען אַ פּראָגראַם־מינימום פאַר יידישער דערציאונג און האַלטן אים אין איין איינשרימפּן — רעליגיע, סאָנדיי סקול — בכדי דאָס פּראָבלעם אויסצומיידן. אויך אַלע אַנדערע דערציאונגס־קרייזן אין אַמעריקע, פון די עקסטרעם אָרטאָדאָקסישע ביז צו די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווסטע, האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומפעאיקייט און אַן אומווילִיקייט זיך צו ספּראַווען מיט דעם פּראָבלעם אַמעריקע אין דער יידישער דערציאונג. אָט די עלעמענטן זיינען לפי־ערך ניי אין אַמעריקע. זיי האָבן געהאַט דורכצומאַכן אַ לאַנגן לערן־פּעריאָד, כדי גייסטיק־עמאָציאָנעל זיך איינצולעבן אין דער נייער סביבה. דאָס וואָס די וואָרט־זאָגער און פירער פון די אַלט־איינגעזעסענע,

בעל־הבתיש־אַסימילאַטאָרישע יידישע עלעמענטן דאָ אין לאַנד האָבן גע־פריידיקט וועגן צופּאַסונג, וועגן אַמעריקאַניזאַציע, וועגן דעם שמעלצטאָפּ־אידעאַל, האָט אָפּגעשטויסן סיי די אָרטאָדאָקסישע, סיי די נאַציאָנאַל־פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן, און זיי נאָך מער געשטערט אין דעם פּראָצעס פון איינלעבן זיך אינעם לאַנד און באַגרייפן די ספּעציפישע אַמעריקאַניש־יידישע קולטור־פּראָבלעמען.

די איינשטעלונג פון די נאַציאָנאַל־ און קולטורעל־באַוואוסטזיניקע יידישע עלעמענטן איז געווען לפי־ערך אַזוי: די אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע דערצי־אונג גיט שוין אַכטונג אויף דער אַמעריקאַנער זייט פון דער דערציאונג פון אונדזערע קינדער. זי טוט עס זייער גרינטלעך, שוין אַ ביסל צו גרינט־לעך; זי פירט אונדזערע קינדער צו אַסימילאַציע. מיר דאַרפן מיט אונדזער דערציאונג אין זינען האָבן די יידישע זייט און דינען ווי אַ קעגנגיפט צו די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן.

דאָס האָט דערפירט צו אַזאַ מין מצב: דאָס יידישע קינד אין אַמעריקע, וואָס האָט געקראָגן אַ באַוואוסטזיניקע און אויסגעשפּראָכן יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג, איז געווען אונטערגעוואָרפן צוויי פאַרשיידענע איינפלוסן, וועלכע האָבן ביודעים ובלא יודעים זיך קעגנזייטיק באַקעמפט: (1) די אַלגעמיינע לאַנדשול און אַלע אַנדערע דערציאונגס־אַגענצן (ווייל סוף־כל־סוף באַגרע־נעצט זיך דאָך ניט די דערציאונג בלויז מיט דער פאָרמעלער שול) האָבן דערצויגן דאָס קינד צו אַ הערשנדיקער אַנגלאָ־זאַקסישער, מאַניסטישער קולטור. אָט די דערציאונג האָט ניט געגעבן קיין שום אָנערקענונג צו די ספּעציפיש־יידישע קולטור־איינפלוסן. (2) די נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג האָט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף דער אויפגאַבע צו אַנטוויקלען יידישע לאָיאַליטעטן און צו פאַרמערן יידישע ידיעות. צווישן די צוויי סאָרטן דערציאונג איז ניט געווען קיין קאָאָפּעראַציע, און אַוודאי איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרואוו פון אינטעגראַציע. די רעזולטאַטן זיינען געווען, אַז די הערשנדיקע קולטור און אידעאָלאָגיע האָבן על־פּי־רוב באַקומען די אויבערהאַנט. די יוגנט וואַקסט אַריין, מייסטנס אויבערפלעכלעך, אין דער הערשנדיקער קולטור, און אירע יידישע לאָיאַליטעטן זעען זיך כמעט ווי ניט אָן. עס איז אָבער פאַראַן צווישן דער יוגנט אַ געוויסע מינ־דערהייט, וואָס אויף איר האָט די יידישע דערציאונג אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל, און וועמען זי האָט אינטים באַווירקט. אָט די יוגנט איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזער יידיש לעבן. ביי דער דאָזיקער יוגנט ווייזט זיך אָבער אָן אַנדער נעגאַטיווע דערשיינונג. זי פילט זיך אָפּט פרעמד אין לאַנד און איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעריסן פון דעם הויפּטשטראָם פונעם היגן לעבן, „כאורח נטה ללון״.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר מיינען דאָ ניט באַהאַוונטקייט אין אַמעריקאַנער קולטור, ליטעראַטור, סאָציאַלע פּראָבלעמען און ענלעכע ענינים. אַדרבה,

אויף דעם געביט האָבן די דאָזיקע יונגע מענטשן אַמאָל דערגרייכט העכערע מדרגות איידער די אַנדערע עלעמענטן פון דער יידישער און פון דער ניט־יידישער יוגנט. עס איז אויך דאָ ניט די פראַגע פון זייער אומצופרידנקייט מיט געוויסע צוריקגעשטאַנענע פאָרמען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון זייער גרייטקייט צו קעמפן פאַר זייער אומבייטונג אויף מער פּראָגרעסיווע פאָרמען. דאָס איז איינס פון די צילן און פון די אידעאַלע רעזולטאַטן פון דער גוטער דערציאונג. דאָ רעדט זיך וועגן אַ געוויסן סאָרט אָפּגעפרעמדקייט און עמאַציאָנעלער ניט־אַריינגעוואָקסנקייט אין לאַנד, אין ברייטסטן און טיפסטן זינען פון וואָרט. עס באַקומט זיך אָפּט דער איינדרוק, אַז די דאָזיקע קרייזן פון דער יוגנט זיינען ווי אויסגעוואָרצלט פונעם היגן יידישן און ניט־יידישן לעבן.

דערצו קומט נאָך צו אַן אַנדער ערנסטער פאַרזען אין אונדזער דערציערישער און געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע; דער „איזאָלאַציאָניזם" פון אונדזער יידיש־רייידנדיקער, נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער ריכטונג לגבי אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן דעם, אַז ניט די לעבנספאָרמען, ניט דער קולטור־ניוואָ פון די יידישע איינגעזעסענע בעל־הבתישע עלעמענטן אין אַמעריקע האָבן געקאָנט באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע, סאָציאַליסטישע, יידיש־קולטורעלע באַוואוסטזיניקע עלעמענטן. מיר האָבן ניט געקענט, ניט געוואָלט און ניט געדאַרפט וועלן מיט זיי צוזאַמענאַרבעטן. אונדזער גאַנצער זיין און ווירקן דאָ איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער פלאַכקייט און קול־טורלאָזקייט פון דעם אַרום. אָט די אָפּגעזונדערטקייט אונדזערע איז אָבער געגאַנגען צו ווייט און האָט אַנגעהאַלטן צו לאַנג. שוין זייט אַ לענגערער צייט איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַרן קולטורעלן צוזאַמענקומען זיך פון אונדזערע יידיש־רייידנדיקע און נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע יידן מיט די „אַנ־דערע" ספערן פונעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. לאָמיר ניט לייקענען: „מיר" האָבן אין משך פון אונדזער איינבירגערן זיך אין לאַנד אָפּגעפיילט אייניקע פון אונדזערע שפּיציקייטן — בפירוש ניט די עיקרדיק פּרינצי־פּיעלע; „זיי" זיינען, צוליב די גורלדיקע געשעענישן אין יידישן לעבן און אויף דער וועלט, און געוויס אויך אַלס רעזולטאַט פון אונדזער זיין און ווירקן דאָ, געוואָרן נעענטער צו דער פּאָזיטיווער, נאַציאָנאַלער יידישקייט אונדזערער. האָט מען געדאַרפט אַקטיוו און סימפּאַטיש זוכן וועגן פון קעגנ־זייטיקן קענען זיך, פאַרשטיין זיך און פון מיטאַרבעט. מיר לעבן אָבער נאָך אַלץ ווי אַ מאָל אין אונדזער אייגן וועלטל (ריכטיקער: אינדזל) אין מיטן פון דעם אַרום. מיר האָבן ניט געמאַכט קיין ערנסטע פּרוּוון גרינטלעך (און געוויס ניט סימפּאַטיש) צו פאַרשטיין דעם אַרום. מיר האָבן אויף אַזאַ אופן באַגרענעצט אונדזער איינפלוס־ספערע. מיר האָבן זיך ניט גענוג באַמיט זיך אַריינצורייסן מיט אונדזער גאַנצן אימפּעט און גליענדיקן גלויבן אין

דעם אונדז פרעמדן אַרום, כּדי אויף אים משפּיע צו זיין. מיר האָבן אויך אונדזער שול־ און נאָך־שול־יוגנט באַווירקט אין דער דאָזיקער ריכטונג פון איזאָלירן זיך פון די אַנדערע יידישע גרופּעס אין אַמעריקע. מיר האָבן געפּרואווט ביי זיי וועקן אַ געפיל פון סופּעריאָריטעט און אָפּזונדערונג לגבי די ענגליש־ריידנדיקע יידן, אפילו ווען עס זיינען געווען געוויסע געמיינ־שאַפטלעכע אינטערעסן.

עס איז אמת, אַז מיר האָבן דורך דער איזאָלירטקייט און דורך דעם „אתה־בחרתנו'איזם" געוואונען אין אינטענסיוויטעט און אין די רעזולטאַטן פון דער דערציאונג פון אונדזער יוגנט. מיר האָבן אָבער דערביי זיי אָפּגע־פרעמדט און אָפּגעריסן פון די הויפּט־שטראָמען פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. מיר האָבן ניט געשאַפן קיין גענוג ברייטע סביבה פאַר אונדזער יוגנט, און מיר האָבן זיך דערביי אָפּגעזאָגט פון אונדזער חוב נאַציאָנאַל־קולטורעל צו באַווירקן דעם אַרום. אַזוי זיינען מיר געבליבן אָן אַ זייט פון די הויפּט־שליאַכן פונעם היגן יידישן לעבן. עס איז אמת, אַז די דאָזיקע הויפּט־שליאַכן זיינען ברייט אין שטח און פאַרמאָגן ניט קיין עמקות; אָבער צי וועלן מיר ניט איינזען, אַז גאַנצע דורות יידן איז באַשערט צו גיין אויף די שליאַכן? צי דען וועלן מיר ניט מודה זיין, אַז מיר טראָגן אַ גרויסן טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קולטורעלער פלאַכקייט און באַ־גרענעצטקייט פון די שליאַכן?

דער היוצא־מדברינו איז, אַז מיר האָבן אַ סך פאַרפעלט אין אונדזער אויפגאַבע צו דערציען די יוגנט צו לעבן אין דער יידיש־אַמעריקאַנער סביבה און צו זיין אין איר אַ ווירקנדיקער כּוח.

3

די פלאַנירטע אויפגאַבן פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג דאַרף זיין צו דערציען די יוגנט אויף אַ ברייטער קאָנצעפּציע פון אַמערי־קאַניזם און אַמעריקאַנער קולטור, וואו אונדזערע יידישע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אַספּיראַציעס זאָלן געפינען אַ לעגיטים און האַרמאָניש אָרט. מיר מיינען, אַז דער יידישער דערציער טאָר זיך מער ניט באַנוגענען בלויז מיט דער פונקציע פון פאַרמערן די יידישע ידיעות און פאַרמירן די יידישע באַציאונגען און לאָיאַליטעטן פון די קינדער און פון דער יוגנט. די יידישע שול דאַרף ווערן אַן אַמעריקאַנער יידישע שול, יאָ, אַ שול געבויט אויף אַ באַשטימטער קאָנצעפּציע פון אַמעריקאַנישקייט, וועלכע לאָזט אונדז לופט צום אָטעמען און „לעבנסרוים" זיך צו אַנטוויקלען ווי אַ יידיש־עטנישע און קולטור־גרופּע אין אַמעריקע. אויב זי וועט דאָס ניט טאָן, בויט זי אויף זאַמד; דעמאָלט וועלן אירע יידיש־קולטורעלע באַמיאונגען נייטראַליזירט ווערן אינעם אַרומיקן לעבן; זי וועט האָבן פאַרפעלט איר אויפגאַבע סיי

לגבי דער יידישער דערציאונג און סיי לגבי דעם לאַנד אַמעריקע און דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע.

מען קען אפשר גוט פאַרשטיין די שרעק וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אונ־דזערע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע דערציער איבער די נייע רייד פון אַמעריקאַניזאַציע און אינטעגראַציע, וואָס מען הערט לעצטנס. הינטער די רייד באַהאַלטן זיך אָפט אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן באמת דערוויילן נאָך ניט קיין ערנסטע באַציאונג, ניט צו יידישער קולטור און ניט צום יידישן לעבן, אין ברייטן זינען פון וואָרט. אָט די עלעמענטן געפינען זיך אין אַן אמתער פאַרלעגנהייט און צוטומלעניש. די געשעעניש פון די לעצטע צען יאָר האָבן אָנגעקלאַפּט אָן זייער יידישן באַוואוסטזיין. זיי האָבן דערזען זיך, און דער עיקר, זייערע קינדער, אין אָנגעזיכט פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, אין דער לאַגע פון „דלים וריקים”, אָן וועלכן ס'איז ניט איז אַנקער, ביי וועלכן זיך אָנצוהאַלטן אין צייט פון גרעסטן שיפסברוך. זיי זיינען אָבער אויך נאָך ניט גרייט צו פאַרלאָזן זייער אָנהאַלט ביי דער, לויט זייער מיינונג, אויסגעפּרואוווטער פעסטונג פון יידיש־נאַציאָ־נאַלער פאַרלייקענונג און פון דער אילוזאָרישער צוזאַמענשמעלצונג מיט דעם הערשנדיקן אַרום. בלאָנדזשען זיי און זוכן אַן אויסוועג, וואָס זאָל זיי אי געבן אַ לייזונג אויף אַ טיף נשמה־פּראָבלעם, און אי צו וואָס ווייניקער מחייב זיין. ס'איז אַ גרויסער צער אויף די עלעמענטן. מען דאַרף זיי מקרב זיין; מען דאַרף מיט צופרידנקייט אָנערקענען, אַז אַ בלאָסער שטראַל ליכט האָט אָנגעהויבן באַלייכטן זייער פאַריתומטע יידישע נשמה. אפשר קען מען אויך זיי העלפן געפינען דעם ברייטן דרך־המלך אויף צוריק־צו־זיך. דאָס באַפרייט אונדז אָבער ניט פון דער פליכט זיך צו היטן פאַר זייער אידעאָ־לאָגיע. זיי באַנוצן זיך איצט זייער שטאַרק מיט דער איינשטעלונג פון אינ־טעגראַציע, איז דעריבער פאַרשטענדלעך די מורא פאַר זייער אָריענטאַציע און דער חשד, וואָס מען איז חושד אין אַסימילאַציע יעדן, וואָס רעדט וועגן אַמעריקאַניזם אין אונדזער דערציאונג.

די ערנסט־דענקנדיקע מענטשן אין אונדזער יידישער וועלט ווייסן, ווי גרויס עס איז דער מהלך צווישן זיי און אונדז. זיי זוכן אַ היתר פאַר אַ סימן פון יידישקייט; מיר זוכן אַ פעסטע באַזע פאַר אַ מאַקסימאַלן יידיש־קולטור־רעלן אויסלעבן זיך אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם, פעלקער־רייכן און קולטור־פאַרשיידנאַרטיקן אַמעריקאַנער לעבן. מיר זוכן צו באַפעסטיקן און געפינען אַ דויערנדיקן מצב פאַר אונדזערע שוין־געוואונענע קולטור־פּאָזיציעס. מיר זוכן אויך, אין די אומשטענדן פון דעם היגן לעבן, נייע מעגלעכקייטן פאַר נייע קולטור־פּאָזיציעס. זיי זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר אַ געפיל פון צוזאַמענגעבונדנקייט מיט יידישע פאָלקס־גרופּעס איבער דער גאַנצער וועלט, און אַ היתר הנאה צו האָבן פון יידישע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל און זיך מיטצובאַטייליקן אין דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט.

זיי שרעקן זיך נאָך אָבער צו פיל פאַר אַ פולבלוטיקן יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער מוז זיך דורכברעכן זיין וועג, דורך אַלע שוועריקייטן או חשדים פון אינעווייניק און פון דרויסן; זיי זיינען נאָך ניט שטאַרק גענוג צו קענען אָטעמען מיט דער לופט פון דער גאולה שלמה, וואָס דער ציוניסטישער אידעאַל שטעלט מיט זיך פאָר. זיי קוקן דער נייער פּעדאַגאָגיע אין די אויגן אַריין און זיינען אָפּגעהיט בעברה קלה כבחמורה; מיר זוכן אין דער נייער פּעדאַגאָגיע ווירקזאַמע און דויערהאַפטיקע מיטלען צו באַפעסטיקן אונדזער שטאַרקע שטרעבונג פאַר דעם קיום־האומה.

מען קאָן פאַרשטיין די מורא, וואָס אונדזערע דערציאונגס־קרייזן פילן פאַר אָט די אַלע „נייע" צוגאַנגען. מיר טאָרן אָבער פון דער אַנדערער זייט זיך אויך ניט לאָזן באַהערשן פון דער שרעק פאַר יעדן נייעם קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג צו יידישער דערציאונג. דאָרט, וואו די נייע אידעאָלאָגן ריידן וועגן דער נייטיקייט פון מאָדערנע מעטאָדן, פון אַמעריקאַנישקייט אין דער אויפּ־פאַסונג פון מאָדערנער יידישער דערציאונג, זיינען זיי אויף אַ זיכערן און געזונטן באָדן. זיי ריידן אונדזער שפּראַך. מער ניט, וואָס זיי זעען ניט און גייען ניט גענוג וויט. זיי נעמען אָן נאָר איין עלעמענט און פאַרוואַרפן אַנדערע וויכטיקע עלעמענטן אין אונדזער דערציאונג־אויפפאַסונג. זיי „אינטעגרירן" ניט גענוג וויט, גענוג טיף און גענוג ברייט.

עס איז אָבער נייטיק נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אָפּצואוועגן אַן אַנדער מורא, וועלכע ווערט קלאָר אַרויסגעזאָגט מצד די קריטיקער. זיי האָבן מורא, אַז אָט די אַלע פּרואוון פון אינטעגראַציע פון אונדזער יידישקייט מיט אַמעריקאַנישקייט וועלן סוף־כל־סוף געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון דער אינטענסיווקייט פון דער יידישער דערציאונג. מען קען זיך באַציען ביז גאָר סימפּאַטיש צו די, וואָס פאָדערן מאַקסימאַליזם אין אונדזער יידיש־קייט, אויף וויפיל זיי זיינען אַ נייטיקע און געזונטע קעגנווירקונג קעגן די אַסימילאַטאָרישע מינימאַליסטן און זיי פאָדערן און רופן צו אַלץ גרעסערע אָנשטרענגונגען; מען מוז זיי אָבער באַקעמפן דעמאָלט, ווען זיי דערלאָזן ניט צו קיין געזונטער יידישער דערציאונג־ און קולטור־פילאָזאָפיע אין אַמע־ריקע, און ווען זיי שטעלן איין דורך זייער מאַקסימאַליזם דעם פּסיכישן וואוילזיין פון אונדזער יוגנט, איר אינטעגרירונג אינעם אַלגעמיין אַמערי־קאַנישן לעבן, און שטעלן שליסלעך אין געפאַר די מעגלעכקייט פון דעם, וואָס קען יאָ דערגרייכט ווערן. אויב דערציאונג מיינט ניט בלויז עפּעס אויסלערנען, נאָר אויך, און בעיקר, די פאַרמירונג פון דער גאַנצער יידיש־מענטשלעכער פּערזענלעכקייט פאַר דעם אויסלעבן זיך אין אַ באַשטימטער סביבה — אין אונדזער פאַל, אין דער יידיש־אַמעריקאַנישער סביבה, — פאַרלירט דער אַרגומענט יעדן לאָגישן ווערט.

עס איז אָבער כדאי צו באַטאָנען, אַז אַפילו ווען די אינטענסיווקייט פון דער יידישער דערציאונג זאָל געמינדערט ווערן אַלס אַ פּועל־יוצא פון

דער איינשטעלונג, וועלכע מיר פאַרטיידיקן דאָ, לוינט זיך עס אויך. דער סך־הכלדיקער ווערט פון וועלכער עס איז דערציאונג איז דאָס וואָס עס בלייבט ביים דערצויגענעם, וואָס ער קען שפּעטער פאַרווענדן און אָנווענדן אין זיין לעבן. אויב די דערציאונג איז ניט פאַרבונדן מיט דער סביבה, אין וועלכער דער דערצויגענער לעבט, וועט ער שפּעטער אָפּוואַרפן די דערציאונג, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען; ער וועט זיין אַ צעטומלטער און אַ ניט־צוגעפּאַסטער צום לעבן אין אַמעריקע.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט פון דער קעגנערשאַפט קעגן „אינטעגראַציע" פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע: די איבערגעגעבענע און אמתע ציוניסטן. אָט די האָבן מורא, אַז אין דעם מאָמענט, ווען איינער וויזט אָן אויף דער מעגלעכקייט פון אַ יידיש לעבן אין אַמעריקע, פון אַ געפיל פון „בעלאָנגינג" אין אַמעריקע און פון אַ יידיש־קולטורעלן אויסלעבן זיך אין אַמעריקע, שטעלט ער אין געפאַר דעם ציוניזם. דער ציוניזם פאַרלירט דאַן, מיינען זיי, זיין הויפּט־באַרעכטיקונג און זיין נויטווענדיקייט. דאָס איז די אַלט־באַקאַנטע „וואָס ערגער — אַלץ בעסער"־איינשטעלונג. דער אמת איז, אַז אַזעלכע ציוניסטן פאַרשוועכן אייגנטלעך דעם ציוניסטישן אידעאַל דורך פאַרשמעלערן אים צו אַ נויט־ציוניזם. דער ציוניזם פאַרלירט היסטאָריש און פילאָזאָפיש זיין הויפּט־ווערט, אויב ער ווערט ניט באַטראַכט ווי דער אידעאַל פון גאולה שלמה. ציוניזם מיינט: ווידער־אויפריכטונג פונעם יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד, וואו דאָס פאָלק וועט זיך קענען אַנטוויקלען פריי, אין אַלע היבזיכטן, לויט די אייגענע געזעצן פון זיין אינערלעכן וועזן. יעדע אַנדערע אויסטייטשונג פון ציוניזם איז ניט מער ווי פּסעוודאָ־ציוניזם און קען ניט און טאָר ניט דינען ווי די דערציאונג־באַזע פאַר דער יוגנט. אין בעסטן פאַל קען מען זי נוצן פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ־צוועקן צווישן פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז מיר דאַרפן אַנטוויקלען ביי אונדזער יוגנט דעם באַגריף, אַז זיך אויסלעבן אין גאַנצן יידיש, אין אַן אינטענסיווער און גאַנצער יידישער קולטור־אַטמאָספערע קען מען נאָר אין ארץ־ישראל. אָט די איבערצייגונג, וועלן מיר זיי איבערגעבן צוזאַמען מיט דעם גלויבן, אַז אין חוץ־לארץ קען מען אויך לעבן אַ יידיש לעבן, זאָגן מיר — און דאַרפן זיך ניט שעמען דערמיט — אַ צוויי־טראַנגיקס. מיר דאַרפן און קענען זיי באַוואוסטזיניק מאַכן, אַז אונדזער יידיש לעבן אין חוץ־לארץ קען זיין רייך און פאַרביק אין דער מאָס, אין וועלכער מיר שעפּן די יניקה פון ארץ־ישראל און אויף וויפיל מיר מאַכן אָנשטרענגונגען פאַר ארץ־ישראל. מיר דאַרפן אָבער אויך קענען אַרויסרופן ביי אונדזער יוגנט דעם באַגער זיך אויסצולעבן אַזוי ווייט אינטענסיוו יידיש ווי נאָר מעגלעך, אין די ראַמען פון דער אַמעריקאַנער קולטור־סביבה, און זיין פאַרבונדן,

נאַציאָנאַל און קולטורעל, מיט אַלע יידישע ישובים אין חוץ־לארץ. דאָס קענען מיר טאָן נאָר, ווען מיר שאַפן ניט ביי זיי דאָס געפיל, אַז אין חוץ־לארץ איז יעדער פּרוואו זיך אויסצולעבן יידיש פאַרמשפּט צו אַ דורכפאַל, ווען מיר אַנטוויקלען ניט ביי זיי דאָס געפיל פון **דעפיטיזם און רעזיגנאַציע**, ווייל טוען מיר דאָס, שטערן מיר ניט נאָר די מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג פון אַ יידיש לעבן אין אַמעריקע, נאָר מיר האַקן אויך אונטער די וואָרצלען, פון וועלכע דער ארץ־ישראל־בוים דאַרף און וועט ציען יניקה אויף דור־דורות.

די נייטיקייט אין דער אָריענטאַציע, וועגן וועלכער **עס רעדט זיך דאָ**, איז איצט מער דרינגענד ווי ווען עס איז פריער. די היינטיקע צייט איז אַן אַנטשיידנדיקע אין אונדזער קולטור־ און דערציאונגס־אַרבעט אין אַמעריקע. ניט געקוקט אויף אַלע אויפברויזן, וואָס מיר מערקן אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, האָלט אונדזער לעבן דאָ ביים אָנגעמען באַשטימטע סטאַבילע פאָרמען; עס קומט איצט פאָר דער פּראָצעס פון דער קריסטאַליזירונג פון דעם פּרצוף און פון דער סטרוקטור פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. שוין לאַנג האָט אויפגעהערט אַריינצושטראָמען אַהער אַ יידישע מאַסן־אימיגראַציע, און אויך ווען גרויסע צאָלן יידן פון יענער זייט ים זאָלן אַריינגעלאָזט ווערן אין אונדזערע לענדער נאָך דער מלחמה, וועט דער דאָזיקער פאקט קוים אריינברענגען א באדייטנדיקע ענדערונג אין דער סאָלידאַציע פונעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד. מיר דאַרפן זיך אויך שטאַרק רעכענען מיטן פאַקט, אַז צווישן דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער צווייטער האָט זיך דאָס אַלגעמיינע קולטור־לעבן דאָ אין לאַנד שטאַרק קריסטאַליזירט. אין דער זעלביקער צייט, וואָס עס ווערט געלייגט אַזוי פיל געוויכט און האָפענונג אויפן סוף פונעם פּאָליטישן איזאָלאַציאָניזם, קומט אויך פאָר אַ געוויסער פּראָצעס פון גייסטיקער און קולטורעלער פאַראיינ־הייטלעכונג.

מיט לערך אַ דרייסיק יאָר צוריק האָט ווען ווייק ברוקס, איינער פון די גייסטרייכסטע אַמעריקאַנער קריטיקער און דענקער, געשריבן זיין עסיי „אַמעריקאַס קאָמינג אָוו איידזש״. דאָס איז געווען די צווייטע דעקלאַראַציע פון גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט אין אַמעריקע (די ערשטע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון עמערסאָנען און וואַלט וויטמאַנען אַרום דער מיט פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט). אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר איז די דאָזיקע אומ־אָפּהענגיקייט אין אַ גרויסער מאָס כמעט ווי דערגרייכט געוואָרן. עס וואַקסט דאָ אין לאַנד אַ פאָדערונג פאָר אַן איינהייטלעכער קולטור. כאָטש עס פעלן אויך ניט אויפן דאָזיקן געביט וואולגאַרע דערשיינונגען פון דזשינגאָאיזם און פון אַ מין „קולטור־קלוקס־קלעניזם״, איז דאָך די שטרעבונג צו איינ־הייטלעכקייט אַ טיפע און קולטורעל־ערנסטע. זי באַהערשט די בעסטע און וויכטיקסטע קולטור־ספערעס אין לאַנד.

אָט די פּאַקטן מאַכן אונדזער קולטור־לעבן און קולטור־טעטיקייט דאָ אין לאַנד שווער. די סוביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אימיגראַנטן־גרופּעס קולטורעל־שעפעריש זיך אויסצולעבן זיינען ווייניקער גינסטיק אין אַ קאָנסאָלידירטער קולטורעלער סביבה, איידער אין אַ פריי זיך אַנטוויקלענדיקן און נאָך ניט באַשטימטן קולטור־אַרום. דעריבער מוזן די יעניקע, וועלכע ווילן, און וועלן, עקשנותדיק גיין אויף דעם וועג, באַוואוסטזיניק ווערן וועגן די גרויסע מניעות. מיר מוזן דערציען אַ דור, וואָס וועט באַגרייפן די שוועריקייט און וועט זיין עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל צו איר צוגעגרייט. מיר דאַרפן דעם דור באַוואָפענען מיט אַזאַ מין קאָנצעפּציע פון אַמעריקאַניזם און אַמעריקאַנער קולטור, וואָס זאָל ביי אים איבערלאָזן אַ גרויס און בכבודיק אָרט פאַר זיין יידישקייט און פאַר זיין יידישער קולטור.

גאָט זוכעניש אין אונדזער דור

פון שלמה ווייסמאַן

(איבערגעדרוקט פון „געדאַנק און לעבן״
פונעם ניו יאָרקער יידישן לערער סעמינאַר,
יולי 1945.)

רעליגיעזע טענדענצן

אַמאָל האָט מען געמיינט, אַז אין באַנייטן ארץ־ישראל וועט אַ סך ווינציקער ווי ערגעץ אַנדערש זיך באַמערקן אַ דראַנג פאַר נייע יידיש־רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען. דאָרט זיינען דאָך בנמצא אַזוי פיל סימנים מובהקים פון אַן אייגנאַרטיק, נאַציאָנאַל יידיש לעבן: שפּראַך, קולטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט, אייגנאַרטיקע קונסט־פאָרמען, אָנהייב פון פּאָליטישע לעבנס־פאָרמען, לאַנד־אויפבוי, און לאַנד־פּאַטריאָטיזם, אַ פולסירנדיק יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, בעיקר ביי דער יוגנט. מען איז כמעט געווען זיכער, אַז אויב עס זאָלן יאָ אויפקומען רעליגיעזע שטרעמונגען, וועלן זיי קיין האפט ניט האָבן. וואָס זעען מיר אָבער אין דער דאָרטיקער ווירקלעכקייט? אַ פאַרזאָרגטקייט וועגן דעם פאַרוועלטלעכונג פּראָצעס אין דעם יידיש־קולטורעלן לעבן און אַ פאַרטיפטער אינטערעס צו אַנטוויקלען דורכאויס אייגנאַרטיקע לעבנס־פאָרמען, וואָס זאָלן זיין פאַרוואָרצלט אינעם יידיש־טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער.

אָט די שטרעבונג איז געקומען צום קלאָרסטן אויסדרוק ביי די צוויי רעפּרעזענטאַטיווסטע פאָרשטייער פון דעם נייעם ישוב, ביי ח. נ. ביאַליק און ביי בערל קאַצענעלסאָן[1]. גאָר ניט לאַנג צוריק האָט דער ערשט־פאַרשטאָרבענער א. א. קבק פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון יידישע קינסטלער, שריפטשטעלער און קולטור־ טוער, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט אַן ערנסטן, כמעט אַ ליידנשאַפטלעכן רוף וועגן צוריקקער צום יידיש־רעליגיעזן דענקן און לעבן. אויך איז אונדז גוט באַקאַנט דער שטענדיקער טיפער דרך־ארץ פון דער הסתדרות פאַר שבת און יום־טוב לעבנס־פאָרמען; אָט די טענדענץ ביי דער הסתדרות ווערט מיט דער צייט אַלץ בולטער[2].

אַן אויפמערקזאַמער לייענער פון דער העברעאישער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור אין אַמעריקע פון די לעצטע יאָרן וועט לייכט באַמערקן אַ קלאָרע טענדענץ פאַר אַ מער אויסגעשפּראָכענער רעליגיעזער דערציאונג. דאָס קען מען אויך געפינען ביי די מאָדערנע העברעאישע פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג היפּשלעך קאָקעטירט מיט „וועלטלעכער״ העברעאישער דערציאונג. אויך צווישן די ערנסטערע פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג

אין אַמעריקע באַוויזט זיך אַ באַשטימטע טענדענץ צו געפינען דעם וועג צוריק צו געוויסע פאָרמען פון אָרטאָדאָקסישער יידישקייט.

נאָך מער בולט איז די זעלבע טענדענץ אין די לעצטע יאָרן אין די קרייזן פון די שיר־ניט אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער וועלטלעכער יידישקייט אין אַמעריקע — מער בולט, ווייל אַזוי שטאַרק אַנדערש פון דעם, צו וואָס מיר זיינען געוואוינט געווען. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז מיט גאָר קליינע אויסנאַמען האָט כמעט ווי אויסגעוועפּט דאָס מיליטאַנטישע און „אויסגעהאַלטענע" אַפּיקורסות פון אָט די אָפיציעלע ראַדיקאַלע קרייזן. עס זוכן דעם וועג צוריק צו רעליגיע די אָפיציעלע שול און קולטור טעאָרע־טיקער כמעט פון אַלע פּראָגרעסיווע, נאַציאָנאַלע ריכטונגען, אַריינגערעכנט אפילו די עקסטרעם לינקע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרדן קרייזן. כדי זיך צו איבערצייגן וועגן דעם, דאַרף מען נאָר דורכבלעטערן די לעצטע יאָרגענג פון אַלע ערנסטע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע, קולטור און דער־ציאונג זשורנאַלן. מען זוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר אַן ערנסטן, פולן צוריקקער צום תנ"ך, צו די מקורות פון דער אַלטער יידישער קולטור, צו אַ פאַרטיפטער פאָלקסטימלעכקייט, צו אַלט־נייע פאָרמען פון יידישן לעבנסשטייגער. מען האָט ווידער אויפגענומען אַן ערנסטע דיסקוסיע וועגן פאַרהעלטעניש צווישן אגדה און הלכה. מ'זוכט אַ וועג צוריק צום אַלטן בר־מצוה צערעמאָניאַל. עונג־שבתים זיינען געוואָרן פאַרשפּרייט אין קרייזן, וואו מ'האָט עס אפשר צום ווינציקסטן געקאָנט דערוואַרטן. מען הערט זיך ערנסט צו צו די רייד פון די פּאָר אָנגעזעענע רעליגיעזע סאָציאַליסטן און מען דערוואַרט פון זיי דעצעדירטע מוטיקע פּירערשאַפט.

אוודאי מערקט זיך נאָך אַ שעמעוודיקע אומזיכערקייט ביי די וואָס מאַכן די טריט אויף צוריק. יעדער צו דרייסטער, צו זעלבסט־זיכערער, און אוודאי יעדער פאַנאַטיש־אַרויסרופנדיקער טריט אין דער ריכטונג איז עלול אַרויסצורופן אַ קעגן־ווירקונג. עס איז ווי מען וואָלט זיך געשראָקן פאַר זיך אַליין, ווי מען וואָלט מורא געהאַט וואוהין דאָס אַלץ וועט פירן. מען פילט זיך אַמאָל ווי צוגעדריקט צו דער וואַנט מצד די צו־קלוגע און חוזק־מאַכנדיקע קעגנער, וועלכע מאָנען „דעם גאַנצן פונט פלייש" און פאָדערן די אָדער־אַהין, אָדער־אַהער קאָנסעקווענטקייט. פּרואווט מען זיך צו דרייען אויף אַלע זייטן און מען פאַרדרייט זיך. דאָס זיינען אָבער דווקא אַלע ערנסטע סימנים פון אַן ערלעכער ווענדונג, באַווייזן פון אַ טיפן קאָנפליקט מיט זיך, מיט דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, און מיט דעם כאַאָטישן אַרום.

כאַראַקטעריסטיש זיינען אויך די סימנים פון אַן אויסערגעוויינלעכער „טאָלעראַנץ", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די אָפיציעל־ראַדיקאַלע קרייזן. ניטאָ איצט די אַמאָליקע ביליקע חוזק־באַציאונג און אָפּלאַכעריי לגבי די „טראַדיציאָנאַליסטן". גאָט־לעסטעריי, רעליגיע און טראַדיציע־לעסטעריי, זיינען מער ניט אין דער מאָדע, ניט אין דער ליטע־

ראַטור און ניט אין דער פּובליציסטיק. (כ'מיין דאָ בפירוש ניט די פּייגנ־בוימישע שול, נאָר דווקא די משה־נאַדירישע). צי וואָלט מען אַמאָל — מיט 20 יאָר צוריק אפילו — געוועז טאָלערירט אין די קרייזן פון דער וועלטלעכער שול אַזעלכע לערער און שול־טוער, וואָס גייען יעדן שבת דאַווענען, אָדער וואָס רויכערן ניט בפרהסיא אום שבת? אַ געוויסער מין רעליגיעזער צערעמאָניאַל איז איצט אָנגענומען כמעט ווי אַ זעלבסט־פאַר־שטענדלעכקייט. חברים פּראַווען איצט אויף אָן אָפענעם דעמאָנסטראַטיוון אופן בר־מצוה פייערונגען פון זייערע קינדער; מער „יידישע שמחות זיינען איצט די געוויינלעכע דערשיינונג; גאָר אויפפאַלנד איז דאָס התנהגות פון חברים ביי אבלות ר"ל [3]. אפילו די איינגעשפּאַרטקייט און די אויסגעהאַלטנ־קייט פון די לעצטע „מאָהיקאַנער", די „דייהארדס", פון אונדזערע אויס־געפּרוּווטע עלטערע „וועלטלעכע", האָבן אָנגעוואוירן זייער שטאַרקייט און זעלבסט־זיכערקייט. עס מערקט זיך ביי זיי אַ פאַרביטערונג, אַ געפיל, אַז זיי זיינען פאַרלאָזט און פאַרראַטן מצד זייער אינטעליגענטער פירערשאַפט. זיי ווייזן אָבער ניט אַרויס קיין גרייטקייט אויף אַ נייעם רעוואָלט. גיכער הערשט אויך ביי זיי אַ צעטומלונג, אַ מין אָפּוואַרטן צו זען, וואָס וועט דאָ פאַרקומען. אין בעסטן פאַל פילט זיך צווישן זיי אַ מין האָפענונגספולע שטימונג: דאָס איז אַ פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג, אַ מין צייט־פיבער ר"ל. גם זה יעבור! זיי דריקן אויס אַ מין באַדויערן פאַר די אָנגעגריפענע פון דער מחלה און באַהאַנדלען זיי מיט קלוגער טאָלעראַנטער געדולד. אַ געניט אויער קען אָבער פאַרנעמען גלייכצייטיק אַ טאָן פון פּעסימיסטישער אומזיכערקייט און דעזאָריענטאַציע.

ביז גאָר אַנטפּלעקנדיק איז די באַציאונג מצד די יוגנט קרייזן צו דעם ענין פון רעליגיעזן לעבנסשטייגער. מיר זיינען געוועזן געוואוינט צו אַ דרך־ארצדיקער באַציאונג צו אָפּיציעלער רעליגיע מצד די באַלעבאַטיש־ציוניסטישע יוגנט־קרייזן. דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל אין די קרייזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער יוגנט. ווי אַנדערש זעט איצט אויס די סיטואַציע אין די זעלבע קרייזן! אַט די יוגנט הערט זיך צו זייער סימפּאַטיש צו די לאָזונגען פון אַ צוריקקער צו טראַדיציע און צו טראַדיציאָנעלע לעבנס־פאָרמען. זי אַליין האָט גאַנץ זעלבשטענדיק אָנגעהויבן צו זוכן דעם וועג צוריק. דאָס אפּיקורסות קעגן אפיקורסות האָט צו זיי שטאַרק אַפּעלירט. ביי זיי נעמט די דערשיינונג אָן נאָך מער ערנסטע פאָרמען, היות די יוגנט איז בכלל ערנסטער לגבי זאַכן, וואָס זי אָנערקענט. די יוגנט וואַרט איצט אויף געוואַגטער פירערשאַפט אין דער דאָזיקער ריכטונג.

די געבראַכטע פאַקטן און סימנים זיינען גענוג צו איבערצייגן, אַז די דערמאָנטע טענדענץ איז ניט קיין איזאָלירטע דערשיינונג, נאָר אַז זי שטעלט מיט זיך גיכער פאַר אַ גאַנץ וויט־פאַרשפּרייטע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונג.

צום בולטסטן איז די דאָזיקע טענדענץ פֿאַראַן אין די אינטעליגענטע, קולטורעלע קרייזן. אויך צווישן די ברייטע פֿאָלקס־עלעמענטן זיינען פֿאַראַן סימנים פון באַנייטן אינטערעס אין רעליגיע; זיי האָבן, אין תוך, זיך דאָך קיינמאָל ניט דערווייטערט, ניט אָפיציעל און ניט אינערלעך, פון דער אָפיציעלער פרומער יידישקייט. זיי האָבן נאָר געמאַכט פשרות מיט די אומשטענדן און מיט דער אַלגעמיינער טענדענץ צו ווייניקער פרומקייט און זיינען געוואָרן אָפּגעלאָזן אין זייער רעליגיעזער אָפּגעהיטקייט. זיי האָבן אייגנטלעך זיך געשאַפן אַן אייגענעם שלחן ערוך און אין אים אַריינגע־בראַכט אַלץ נייע און נייע קיצורים. די אפיקורסישע וועלט האָט מן הסתם אַנגענומען די קאָמפּראָמיסן מצד די פֿאָלקס־מאַסן ווי אַן אמתדיק אָפּזאָגן זיך פון פרומער יידישקייט. די רעליגיעזע פּראַקטיק פון די מאַסן אין די ימים נוראים, וואָס איז אויך לעצטנס געוואָרן שטאַרקער, ווערט נאָך היינט אויסגעטייטשט ווי אַן „אָנפֿאַל״ פון רעליגיעזער שרעק, פון דער אימת יום הדין, בעת מען וואָלט גיכער געדאַרפט אין דעם זען אַן אויסדרוק פון דער בענקשאַפט נאָך אַ פולערן יידיש־נאַציאָנאַלן אייגנאַרטיקן לעבן.

ווען מיר גייען אַנאַליזירן די סבות וואָס האָבן געפירט צו דער פֿאַר־שפרייטונג פון דער גאָט־זוכעניש, קאָן מען זיי געפינען אויף פֿאַרשיידענע דרכים. פֿאַראַן אפילו אַזעלכע וואָס זיינען קעגנזעצלעך, אָדער נייטראַליזירן איינע די אַנדערע, דאָך זיינען זיי וויכטיק, אויב מען וויל מאַכן אַן ערנסטן פּרואוו צו פֿאַרשטיין די אַלגעמיינע טענדענצן.

די כוחות וואָס פירן צו רעליגיע

מען קען אָננעמען מיט זיכערקייט, אַז די וויכטיקסטע פּסיכאָלאָגישע סיבה פון אַ פֿאַרשטאַרקטן אינטערעס אין רעליגיע, איז פֿאַרבונדן מיט די גרוילהאַפטע געשעענישן אינעם יידישן לעבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר. דער היסטאָרישער לעבנסגאַנג פון טויזנטער יאָרן האָט גורם געווען, אַז אין יעדער קאַטאַסטראָפאַלער צייט פלעגט מען זיך אומקערן צום גאָט פון ישראל. אַזוי איז עס געווען אין אַלע צייטן פון דעם פריסטן געשיכט־לעכן פעריאָד, דער תקופה פון די שופטים, ביז צו די פּאָגראָמען פון 1881 און 1903.

נעמט זיך דאָס פון אַן אינסטרוקטיוון מורא פֿאַר גאָטס שטראָף און פון אַ ווילן מפייס צו זיין די נאַטור־כוחות, די געטער, אָדער גאָט; פון אַן אומבאַוואוסטזיניקער טענדענץ זיך צו שיצן הינטער די פֿאָלעס פון דעם פֿאָלקס־גייסט, וועלכער האָט געפונען זיין היסטאָרישן אויסדרוק אין דער רעליגיע; אָדער איז עס אַן אינסטינקטיוו טוליען זיך איינער צום אַנדערן דורך דער פֿאַרבינדונג פון אַ בשותפותדיקן היסטאָרישן פֿאַקטאָר, דעם גלויבן אינעם גאָט פון די אבות — פֿאַר דער פֿאַרשטענדניש פון אונדזער פּראָבלעם איז עס בעצם ניט קיין גרויסער חילוק. אָבער דער פֿאַקט, וואָס

דער איצטיקער צוריקקער צו רעליגיע איז אויף דער דירעקטער ליניע פון אַזאַ אַלטן געשיכטלעכן פּראָצעס, דאַרף זיין בכוח אונדז צו באַפרייען פון אַ גרויסער מאָס שעמעוודיקייט בנוגע דעם דאָזיקן ענין. אין פאַרגלייך מיט אזא אלטן היסטאָרישן פּראָצעס איז אונדזער פאַרהעלטנישמעסיק יונג „אפּיקורסות׳׳, ווי באַוואוסטזיניק עס זאָל ניט זיין, אַ גאַנץ שוואַכער פאַקטאָר.

די טענדענץ צו זוכן אַ וועג צוריק צו רעליגיע איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַן אויסדרוק פון אונדזער פאַראַכטונג צו דער גויאישער וועלט, וואָס האָט אונדז אָנגעטאָן אַזויפיל רשעות. אמת, דאָס איז ריכטיק נאָר בנוגע אַ געוויסן באַגרענעצטן טייל פון דער גויאישער וועלט, און אוודאי איז דאָס רשעות אַ טייל, און נאָך דערצו אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם רשעות, פון וועלכן עס ליידן אויך גאָר גרויסע מאַסן פון דער ניט־יידישער וועלט. דאָך קענען מיר ניט פאַרהוילן פון אונדזערע אויגן און פון אונדזער סענסיטיוון באַוואוסטזיין דעם פאַקט, אַז גאָר גרויסע טיילן אפילו פון דער „גוטער׳׳ גויאישער וועלט האָבן פאַרשוויגן דאָס ספּעציפישע רשעות, וואָס איז אונדז אָנגעטאָן געוואָרן, און ווען זיי האָבן אפילו אויף דעם רעאַגירט, האָבן זיי עס געטאָן גאַנץ לעבלעך. מען וואָלט אונדז געקאָנט פאַרוואַרפן, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם פאַרצווייפלטן פּסיכיש־קרענקלעכן צושטאַנד פון אומצוטרוי צום כלל צוליב די עוולות פון דעם יחיד, קענען מיר זיך אָבער געוויס פאַרענטפערן מיטן קלוגן תלמודישן מאמר, אַז מען טאָר ניט משפטן אַ מענטש פאַר זיין איבערגעוועלטיקט ווערן פון זיין אייגענעם צער (אין אדם נתפש בשעת צערו).

אַ סך צווישן אונדז שעמען זיך און ווילן ניט אָננעמען, ניט מיטן שכל, און אפילו ניט מיט אונדזערע קאָנטראָלירטע עמאָציעס, די לאָזונגען פון „אַ גוטע נאַכט דער וועלט׳׳, פון אַ קלאַפּ טאָן אין דער טיר פון דער וועלט און איר אַנטקעגנשטעלן אונדזער פולע פאַראַכטונג. מיר פילן, אַז די אַנטוויקלונג פון אונדזער לעבן ווי אַ פאָלקס־גרופּע, ווי אַ נאַציאָנאַלער און קולטורעלער קאָלעקטיוו, איז ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער ברייטער וועלט. ניט מיר קענען און ניט מיר ווילן זיך אָפּשליסן פון דער וועלט און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי גייט אונדז ניט אָן. אויטאַרקיזם, איזאָלאַציאָניזם איז אַן אוממעגלעכקייט פאַר אונדז היינט און אויך אפילו אין דער ווייטער צוקונפט. ס׳איז דאָ אַ גוטער היסטאָרישער גרונט אָנצונעמען, אַז אפילו אין מיטלאַלטער, ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אונדזער אַזוי־גערופן „געטאָ לעבן׳׳ אויך ניט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעשלאָסן און הערמעטיש פאַרזיגלט קולטורעל און סאָציאַל, ווי מען האָט אַמאָל געמיינט. זאָגט אונדז טאַקע אונטער אונדזער געזונטער חוש, אַז מיר קענען ניט און דאַרפן ניט פּראָוון אָט די גערעכטע ברוגזע התבודדות און אָפּזונדערונג „שטיק׳׳ קעגן דער וועלט. מיר מוזן זיך איינקלאָמערן אין איר און איר העלפן זיך אַרויסדראַפּען פון דעם קאָשמאַר פונעם

רעאַקציאָנערן צושטאַנד, פון וועלכן זי ליידט, און מיר בתוכם נאָך מער. מיר מוזן דאָס טאָן ווי אונדזער העכסטע פליכט צו זיך און ווי אונדזער אַבסאָלוטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער וועלט־געשיכטע. און דאָך מוזן מיר מודה זיין, אַז די שטימונג פון אַ ברוגז מיט דער וועלט, אפילו פון פאַראַכטונג צו איר, איז אַ געזונטע רעאַקציע מצד אַ פאָלקס־גרופּע, וואָס האָט נאָך ניט אָנגעוואוירן יעדן סימן פון זעלבסט־ווערדע. אוודאי טאָר דאָס ניט ווערן די איינציקע פאָרמע פון רעאַגירן, ווייל אָט די פאָרמע איז עלול צו פּאַראַליזירן דעם פאָלקס ווילן און זיין פעאיקייט אויף ווידער־שטאַנד. אויף וויפיל אָבער די פאָרמע פון רעאַגירן רופט דאָס פאָלק צוריק צו זיך און צו דער דערוואַכונג פון זיינע אייגענע פאָלקס־כוחות, איז זי געוויס ווערט באַגריסט צו ווערן.

די סימנים פון אַ געזונטן צוריקגיין צו זיך באַווייזן זיך אויף פאַר־שיידענע געביטן פון אונדזער פאָלקס־לעבן — אין די גרעסערע באַמי־אונגען פאַרן ציוניזם, אין די אינטענסיווערע אָנשטרענגונגען אויפן געביט פון קולטור טעטיקייט, אין אַ פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַ־וואוסטזיין, אין אַ גרייטקייט צו ראַטעווען די שארית הפליטה, אין אַ געוויסער פאַרטיפטקייט אויפן געביט פון ליטעראַטור שאַפונג. איך מיין, אַז מיר קענען מיט רעכט באַטראַכטן די טענדענץ צוריק צו רעליגיע ווי אַ געזונטן אויסדרוק פון דער נאַטירלעכער פאַראַכטונג צו דער גויאישער וועלט, און דערצו ווי אַן עכטן אומקער צו זיך, צו דעם היסטאָריש־עלטסטן עלעמענט פון אונדזער ממשותדיקן איך — דעם גאָט פון ישראל.

פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, קען מען אויך די טענדענץ צוריק צו רעליגיע באַטראַכטן ווי אַ דערשיינונג פון אַן אַלגעמיין פאַרשפּרייטן רעוואָלט קעגן דער הערשאַפט פון שכל. נאָך די האַניק יאָר־צענדליקער און פערטל־הונדערטער יאָרן פון פאַרגאַפטקייט איבער די אויפטוען פון שכל, און דער עיקר פון זיינע מאַניפעסטאַציעס אויפן געביט פון וויסנשאַפט, איז אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער וועלט אַנטשטאַנען אַ רעאַקציע קעגן דעם ראַציאָנאַליזם. עס איז אויפגעקומען אַן אויסניכטערונג און אַן אָפּקילונג לגבי דעם גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פונעם שכל. זייער שטאַרק האָט דאָ געווירקט די אַלץ־וואַקסנדיקע איבערצייגונג, אַז דער שכל, די וויסנ־שאַפט — סיי די „ריינע", סיי די טעכנישע, סיי די סאָציאַלע, — האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן כוח אויף אויסצובעסערן דעם מענטשן, זיינע מידות, זיין פעאיקייט אַליין צו געניסן גליק. אָט די רעאַקציע איז אָנזעעוודיק אין דער פילאָזאָפיע, אין דער קונסט, און אין דער ליטעראַטור. עס באַווייזט זיך אַ צוריקגאַנג צום מיטאָס, צום פּרימיטיוו, צום אינסטינקט.

אַמאָל דאַכט זיך אייניקע פון אונדז, אַז די רעאַקציע איז אין תוך גענומען אַ ריין גויאישער ענין. אַנדערע דריקן עס אויס שאָוויניסטיש־בילדלעך אַזוי: ס'איז שוין דערעסן געוואָרן דער צלם אלוהים; ס'האָט

זיך אים פאַרבענקט צום אור־וואַלד, צום פּרימיטיוו. היות — טענהן זיי — ווי מיר יידן לעבן ניט אין אַ וועלט פאַר זיך, און עס איז אַקסיאָמאַטיש ריכטיק דאָס פאָלקס־ווערטל, אַז ווי ס׳קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך, זיינען מיר אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער טענדענץ.

מען דאַרף אָבער דערביי אויך אין זינען האָבן, אַז איינער פון די וויכטיקסטע אַספּעקטן פון דעם רעוואָלט קעגן דעם ראַציאָנאַליזם איז אַ מרידה קעגן אידענטיפיצירן ראַציאָנאַליזם מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג, וועלכע האָט זיך אין אמתן קיינמאָל ניט צוגעקלעפּט צו אונדז, און איז גיכער געווען אַ פרעמד ווילד געוויקס אויף אונדזער היסטאָרישן לייב.

געדענקן מיר דאָך, אַז מיר האָבן זיך סיי ווי אַלעמאָל אויסגעצייכנט מער מיט אונדזער געניוס פאַר רעליגיע איידער פאַרן קאַלטן שכל; דער שלטון הרגש איז אין אונדז, לכל הפחות, אַזוי שטאַרק ווי דער שלטון השכל. ר׳ יהודה הלוים השפּעה ווירקט אויף אונדז געוויס ניט ווייניקער שטאַרק ווי דעם רמב״מס. אונדזער ניט־גלויביקייט איז היסטאָריש ייִנגער ווי ביי די אומות העולם; זי האָט אפשר גאָר קיינמאָל ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען אין אונדזער פאָלקס פּסיכיק. אַנדערע באַהויפּטן, און אפשר מיט אַ געוויסער מאָס פון היסטאָרישער באַרעכטיקונג, אַז ביי אונדז איז רעליגיע גאָר קיינמאָל ניט געווען צו ווייט אָפּגעשיידט פונעם פּראַקטישן שכל און פון נאַציאָנאַלן תכלית; קומט אונדז דעריבער גאָר קיינמאָל ניט אָן צו שווער צו געפינען אַ וועג צוריק צו רעליגיע.

ביים אויפקום פון דער נייער צייט, אין דער השכלה עפּאָכע, און נאָך מער אין דער צייט פון אויפשוואונג פון אונדזער מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, זיינען מיר פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַלגעמיין פאַרשפּרייטער לאָזונג, פאַנאַנדער צושיידן רעליגיע און מלוכה. אָט די לאָזונג, וואָס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ביי אונדז געפונען אָנהענגער אין צוויי דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען. פון איין זייט האָט זי באַהערשט דעם געדאַנקען־גאַנג פון אונדזערע אסימי־לאַטאָרישע ברידער, וועלכע האָבן געזוכט פולע אידענטיפיצירונג מיט זייערע שכנים האַלטנדיק, אַז די אָנגעהעריקייט צו דער יידישער רעליגיע שטייט ניט אין וועג פון פולשטענדיקער לאַנד־בירגערשאַפט און פון גלייכע רעכט. פון דער אַנדערער זייט האָט זי, אַביסל שפּעטער, באַהערשט דאָס דענקען פון די פריי־דענקערישע יידישע נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן אויך אויף זייער פאָן אויפגעשריבן, „נהיה ככל הגוים בית ישראל!״ מיר זיינען אַ באַזונדער יידיש פאָלק און ווילן זיין מיט פעלקער גלייך, און אַזוי ווי זיי, ניט זיין געבונדן דורך אונדזער יידיש נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט צו אַ רעליגיעזן גלויבן און צו רעליגיעזע פאָרמען, וואָס אונדזער אויפגע־וואַכטער און אַנטוויקלטער שכל קען ניט אָננעמען.

אייניקע פון אונדזערע גרויסע, זוייט און טיף זעעוודיקע לערער, ווי העס, אחד־העם און ביאַליק האָבן געוואָרנט קעגן דעם ניט־לויבנסווערטן שטרעבן נאָך נאָכקרימונג. די טענדענץ איז אָבער געווען צו שטאַרק, אז מ׳זאָל זיך צו זיי צוהערן. אין לויף פון דער צייט ווערט אָבער, הפּנים, קלאָרער, אַז זיי זיינען געווען גערעכט. די פונאַנדערטיילונג האָט זיך נאָך גאָר ווייניק איינגעגעבן אין נייעם ארץ ישראל, און נאָך ווייניקער אין גלות. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די היסטאָרישע פאַרבינדונג איז שטאַרקער פון אונדזער ניט־היסטאָרישן פּרוואו פונאַנדערצוטיילן יידישן רעליגיע און יידישן נאַציאָנאַליזם. די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן פון דער איצטיקער גרויליקער צייט זיינען אויך שטאַרק עלול פּסיכאָלאָגיש אָפּצושוואַכן די נטיה צו אַזאַ פונאַנדערטיילונג.

מיר וועלן איצט ניט איינשטעלן קיין הנחה, צי ליגט אָט די טענדענץ פאַר אַ האַרמאָנישער פאַרבינדונג צווישן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם דורכ־אויס אין דער פּסיכיק פון דעם יידישן פאָלק, צי אין דעם כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע, אָדער אפשר גרונטעווטעט זי נאָר אין געוויסע היסטאָרישע פאַרהעלטענישן. זיכער איז, אַז די היסטאָרישע פאַרבינדונג איז דורך דער לאַנגער צייט פון גלות, און אפשר נאָך אפילו אין דער צייט פון בית שני, גענערט און געשטאַרקט געוואָרן דורך דער באַוואוסטזיניקער און אומבאַוואוסטזיניקער שטרעבונג פון פאָלק אויפצוהאַלטן זיין קיום קעגן שווערע, כמעט ווי אוממעגלעכע באַדינגונגען. אָט די סכנה פאַר דעם סאַמע קיום און צוקונפט פון אונדזער פאָלק, איז גאָר שטאַרק געוואַקסן אין דער לעצטער צייט. פון איין זייט, שטאַרקע אַסימילאַציע שטראָמען, וועלכע האַלטן אין איין פאַרשווענקען אונדזער קולטור און גייסטיקע עקזיסטענץ; פון דער אַנדערער זייט, אומדערהערטע פאַרמען און אויסטערלישער פאַרנעם פון פורעניות, פון גזרות שמד (אין דעם אלטן ווערטלעכן זינען פון וואָרט), וועלכע האָבן פיזיש אומגעבראַכט אַ גרויסן און גאָר וויכטיקן טייל פון אונדזער פאָלק. דער פאָלקס קאָלעקטיוו און זיינע באַוואוסטזיניק־באַזאָרגטע פירער און אינטעליגענץ האָבן אָנגעהויבן זיך ווענדן אין אַלע זייטן, צו אַלע בערג און תהומען מיט דער פראַגע: מאין יבוא עזרי? מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער היסטאָרישער טענדענץ צו זען אַ האַרמאָנישע און אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און דער יידישער רעליגיע ווי אָן איין פונדאַמענטאַלן מעגלעכן ענטפער. איך זאָג בכיון „מעגלעכן ענטפער‟, ווייל הגם ס׳איז פאַראַן זייער ווייניק זיכערקייט אין דעם ענטפער, איז אָבער די פאָלקס־געטריישאַפט אין אונדז אַזוי שטאַרק, אַז זי העלפט בייקומען די ספיקות און אינערלעכע נשמה־קאָנפליקטן ביים זוכן אַ טיילווייזע לייזונג אין דעם רעליגיעזן פאַקטאָר.

אחד־העם האָט געהאַפט און האָט פאַראויסגעזען, אַז וואָס מער ארץ ישראל וועט זיך אַנטוויקלען אויף געזונטע יסודות און דער עיקר מיט

דער פֿאַרשטאַרקטער שטרעבונג צו שאַפֿן געזונטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע און אייגנאַרטיק־גייסטיקע לעבנס־פֿאָרמען, וועט אַלץ מער ארץ ישראל קענען משפּיע זיין אויף דער פּעריפֿעריע, אויף די גלות לענדער. וואָס גרעסער די אויפֿטוען דאָרט, אַלץ מער וועלן מיר דאָ זיין דערמוטיקט צו מאַכן אָנשטרענגונגען פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור און פֿאַר יידיש־נאַציאָנאַלע לעבנס־פֿאָרמען.

דער פּראָגנאָז האַלט ביים פֿאַרווירקלעכט ווערן, הגם נאָך ניט אין קיין צופֿרידנשטעלנדיקער מאָס, און אפשר גאָר אויף זייטיקע וועגן און אומוועגן. מיר זיינען אין קאָנטאַקט מיט ארץ ישראל. מיר נעמען אָפּ גרוסן פֿון ארץ ישראל שליחים, פֿון היגע געסט, וואָס זיינען צוריקגעקומען פֿון באַזוכן דאָס לאַנד, פֿון דער פּרעסע און פֿון דער ליטעראַטור, וועגן אָנהויבן פֿון אַ געזונטן, אייגענעם יידישן לעבן דאָרט. מיר הערן, אַז די יידישע ימים טובים האָבן אויפֿגעלעבט, אַז אַלטע טראַדיציעס ווערן באַנייט, אַז דער אַלטער שבת איז ווידער יונג געוואָרן. זיינען מיר דאָ זיך מתקנא אין זיי; מיר זיינען אינספּירירט פֿון זייער ביישפּיל און מיר ווילן זיי נאָכטאָן. ס׳קלעקט אונדז ניט (און אפשר נאָך ניט) דער כוח אויף גרויסצוגיקע פֿאַרמעסטן; אפשר זיינען אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען דאָ ניט (און אפשר נאָך ניט) מסוגל אויף אַזעלכע פֿאַרמעסטן. מיר זעען אָבער פֿאַר זיך אַ נייע מעגלעכקייט, אויף אַ קליינעם פֿאַרנעם דורך אויפֿלעבן געוויסע רעליגיעזע טראַדיציעס צו געבן אונדזער היגן לעבן מער אויסזען פֿון אייגנס, פֿון באַזונדערקייט. מיר פֿילן זיך דערביי דערמוטיקט דורך דעם פֿאַקט, אַז דאָרט, אין ארץ ישראל, שרעקט מען זיך ניט פֿאַר די מסקנות פֿון די באַנייטע טראַדיציעס.

לאָמיר האָבן מוט און צוגעבן, אַז די פֿאַרצווייפֿלונג און באַזאָרגטקייט וועגן אונדזער עצם קיום איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון אונדזער טיפֿער אַנטוישונג אין עפּעס, אויף וואָס מיר האָבן געלייגט גאָר גרויסע האָפֿענונגען.

געווען אַ צייט, אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק לאַנגע תקופה, ווען מען האָט אין אונדזערע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע קרייזן געלייגט גאָר גרויסע האָפֿענונגען אויף די מעגלעכקייטן פֿון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין די גלות לענדער צו ווערן דער צעמענטירנדיקער כוח פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. מיר האָבן אַריבערגעטראָגן אונדזער גאַנצע אמונה און התלהבות אויף דער יידישער אָדער העברעאישער שפּראַך, אָדער אויף ביידע; אויף דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און אויף אונדזער מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַליזם. מיר האָבן געגלויבט, אַז יידיש רעדן וועט זיין דער סימן מובהק פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; דאָס יידישע בוך וועט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דעם ספֿר; די יידישע קולטור־צוזאַמענ־קונפֿטן, דאָס יידישע טעאַטער, דער יידישער קאָנצערט, די יידישע קונסט

וועט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דעם בית המדרש. ענלעך איז געווען דאָס געפֿיל אין די קרייזן פֿון די העברעאיסטן אָדער ביי די צוויי־שפּראַכיקע.

לאָמיר זיין ערלעך צו דער געשיכטע. עס האָט באמת אויסגעזען, אַז די דערוואַרטונג האָט גוטע שאַנסן פֿאַרווירקלעכט צו ווערן. לאָמיר אויך געדענקען, אַז אונדזער יידישיזם אָדער העברעאיזם איז ניט געווען קיין אַנאַציאָנאַלער און קיין אַנעמישער שפּראַך־פֿעטישיזם; ער איז געווען פֿול־בלוטיק יידיש. די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור האָט זיך צעבליט: יעדעס נייע בוך, יעדע נייע קולטור דערגרייכונג איז געווען אַן עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. יענער דור פּיאָנערן — שאַפֿער האָט אַריינגעלעגט זיין שטאַרקן, וויניק אויסגעלעבטן רעליגיעזן אייפֿער און דראַנג אין יענע אַקטיוויטעטן.

וואָס איז אָבער געשען אין לויף פֿון יאָרן? האָט די וויטערדיקע אַנט־וויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פֿון דער מאָדערנער יידישער קולטור אונדז דען אַנטוישט? ניין און יאָ, קיינער קען ניט לייקענען, אַז די מאָדערנע יידישע קולטור האָט אַרויסגעגעבן גוטע, צייטיקע, זאַפֿטיקע פּרוכט דורך די לעצטע צוואַנציק יאָר. און דאָך מוזן מיר ערלעך מודה זיין: „ס׳איז ניט דאָס". מיר האָבן געהאָפֿט און דערוואַרט מער. דער באָדן פֿאַרן וואַקסן פֿון דער פּרוכט איז געוואָרן האַרטער. ניטאָ מער די דאַמאָלסדיקע פֿרייד ביים אויפֿנעמען די יצירות; ניטאָ מער יענער רעליגיעזער ציטער, יענע אינערלעכע ספּאָנטאַנע איבערלעבונג. די מעגלעכקייט פֿאַר דעם נאַטיר־לעכן רעדן יידיש אָדער העברעאיש ווי סמנים מובהקים פֿון אַ זעלבסט־שטענדיק יידיש נאַציאָנאַל לעבן, זיינען געוואָרן אַלץ שוואַכער מיט דעם גאַנג פֿון די יאָרן. דערצו האָבן מיר זיך אויך ווייזט אויס איבערצייגט, אַז אַט די וועלטלעכע מאָמענטן אַליין קענען ניט עמאָציאָנעל אַזוי שפּייזן דעם יידישן גייסט, בעיקר פֿון דעם יונגען אויפֿוואַקסנדיקן מענטשן, ווי אַמאָל די אַלטע רעליגיעזע ווערטן און לעבנס־פֿאַרמען. איך באַנוץ דאָ דעם לשון, עבר אַמאָל, ווייל קיינער פֿון אונדז האָט ניט די זיכערקייט, אַז אַזוי קען עס זיין אויך היינט. פֿאַרקערט, מיר זיינען כמעט ווי איבערצייגט, אַז די רעליגיעזע ווערטן און לעבנספֿאַרמען פֿאַר זיך אַליין, אָן דער אַקטיווער מיטהילף פֿון די מאָדערנע וועלטלעכע נאַציאָנאַל־קולטורעלע קנינים און בעיקר, אָן דעם מאָדערנעם ציוניזם, קענען עס אויך ניט באַווייזן. אויף דעם האָבן מיר גענוג ראיות אין אַנדערע יידישע לעבנס־ספֿערן.

מיר האָבן קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו גלויבן, אַז דער מאָדערנער ציוניזם איז עלול צו זיין אַ געוואַלטיקער כוח פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. מיר גלויבן, אַז ער איז בכוח אָנצופֿילן מיט יידישן לעבנס־אינהאַלט די, וועלכע קלייבן זיך אַליין צו זיין „עולים", אָבער מיר זיינען שטאַרק און טיף באַזאָרגט וועגן דעם רוב מנין ובנין פֿון דער יוגנט און פֿון עלטערע, וועלכע קענען ניט און ווען ניט פֿאַרבינדן זייער אייגענעם לעבן מיט עליה קיין ארץ ישראל.

בקיצור, מיר האָבן דערזען אונדזער אויסגעליידיקטקייט, אונדזער בלייבן אָן אַן אחיזה אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אָן אַן אינהאַלט, סיי אין יחידישן און סיי אין כלל לעבן פון אַ גאַנץ יאָר (ניט בלויז אין געוויסע יום־טובדיקע מאָמענטן פון קאָלעקטיווער נאַציאָנאַלער דערהויבונג). מיר האָבן דערזען אונדזער עמידתנו דלים וריקים און האָבן זיך דערפאַר דערשראָקן. אונדזער געטריישאַפט צום קיום פון פאָלק, אונדזער ווילן, יחידיש און ווי אַ כלל, זיך אויסצולעבן יידיש געטריי, צווינגט אונדז צוריקצוזוכן און אפשר צוריק־צוגעפינען, וואָס מיר האָבן געהאַלטן ביים פאַרלירן.

מיר ווילן שפּעטער פּרוּוון באַווייזן, אַז מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט אינגאַנצן דערווייטערט פון דער יידישער רעליגיע, אַז מיר האָבן קיינמאָל ניט פאַרברענט די בריקן הינטער זיך, נאָר אַז מיר האָבן זיך געלאָזט אַ ברייט־אָפענע פּתח תשובה און אַ באַקוועמען שליאַך צוריק צום דרך המלך פון דעם יידיש־געשיכטלעכן פאָלקס־לעבן. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז אין משך פון צוויי דורות, בכל אופן זינט דעם „חטאת נעורים" אָן, און אפשר נאָך אַ סך פריער, האָבן מיר געפירט אַן אינטענסיוון קאַמף קעגן דער העגעמאָניע פון דער דאָגמאַטיש־פרומער רעליגיע אין דעם יידישן לעבן. מיר האָבן דערקלערט אַן אָפענע מלחמה דער פרומער יידישער וועלט אין נאָמען פון וועלטלעכקייט, פון מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

דער קאַמף איז געווען אַ היסטאָריש נויטווענדיקער. די צו שטאַרקע חוזרים בתשובה, וועלכע האָבן חרטה אויף יענעם קאַמף און פאַרשרייען אים אַלס וואולגאַר, גויאיש, אומנויטיק און שעדלעך, האָבן פאַרלוירן יעדן חוש פון פּערספּעקטיוו פאַר דער נויטווענדיקייט פון היסטאָרישע פּראָצעסן. זיי דערזעען ניט, אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן דורך די לעצטע צוויי דורות — דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַליזם, די מאָדערנע סאָציאַלע באַוועגונג ביי יידן, די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, דאָס יידישע אויפבוי ווערק אין ארץ ישראל, דער אויפשוואונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, און, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, דאָס ווידער־אויפלעבן פון חסידות אַלס אַ פּאָזיטיווע, וויטאַליזירנדיקע קראַפט אינעם מאָדערנעם יידישן לעבן, יאָ, אפילו די סאַמע ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער רעליגיע — אַט די אַלע מאָמענטן און נאָך אַנדערע פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָלטן ניט געווען מעגלעך אָן דעם היסטאָרישן קאַמף פון אפּיקורסות קעגן דער אַלטער רעליגיע; שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז אונדזער פּאָזיציע ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון סעקולאַריזאַציע, פון קאַמף קעגן קלעריקאַליזם, האָט געמאַכט אומ־מעגלעך אונדזער ניט באַווירקט ווערן אין דער זעלבער ריכטונג. דער קאַמף איז פאַרגעקומען. ער האָט פאַרשריבן אַ פאַרביק אינטערעסאַנט בלאַט אין אונדזער רייכער יידישער געשיכטע. דער קאַמף איז אָבער אַ געוואונענער. ווער עס קוקט זיך צו מיט אָפענע אויגן צום יידישן לעבן און איז ניט

פאַרבלענדעט פון דער אַלטער שנאה קעגן דעם אָפּגעשוואַכטן און אפילו פאַרשוואונדענעם קעגנער, דער זעט, אַז דער קאַמף איז מער ניט נייטיק. ער דערפילט, אַז ער מעג שוין איצט, ווי נאָך יעדן געוואונענעם קאַמף, זיך אַרומקוקן און באַטראַכטן, אַז אפשר איז מען, אין דער היץ און אין דעם מוז פון דעם קריג, געווען אַ ביסל צו אייפערדיק, אפשר האָט דער שונא פאַרגעשטעלט מיט זיך עפּעס פּאָזיטיוועס און נוצלעכעס אויך פאַר אונדז, די זיגער און געווינער.

עס מערקן זיך אין אונדזערע טעג און אין אונדזער סביבה סימנים פון אַ באַנייטן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון אַ צוריקקער צו אַ שווערער, געדיכטער קלעריקאַלער אַטמאָספערע, וועלכע פאַרמעסט זיך אויף הער־שאַפט. מיר מיינען אָבער, אַז זיי שטעלן מיט זיך, בשום אופן, ניט פאַר קיין סכנה פאַר דעם מאָדערנעם יידישן לעבן. אויב אַזאַ סכנה זאָל זיך באַווייזן, וועלן מיר זי ווידער באַקעמפן. דערווייל איז קלאָר, אַז די קליינע נישטיקע, אומבאַהאָלפענע סימנים דאַרפן ניט שטיין אין וועג פון אַ פּרואוו פון אַן ערלעכער רעוויזיע פון אונדזער שטעלונג צו רעליגיע.

רעליגיע אַן אמונה

דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צו רעליגיע דריקט זיך אויס קודם כל אין דעם וואָס מען זוכט מעגלעכקייטן צוריקצוציין צו געוויסע פאָרמען פונעם אַלטן רעליגיעזן לעבנססטייגער. מען וויל די דאָזיקע פאָרמען אַרייננעמען אין דעם ראַם פון אונדזער מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, כדי אים צו קאָנקרע־טיזירן, אים געבן לבוש און אויך כדי אים צו פאַרטיפן. אָט דער צוריקגאַנג, רעכנט מען, קען העלפן נאָך מער פאַראייניקן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון פאָלק און קען העלפן פאַרשטאַרקן אונדזערע קיום מעגלעכקייטן.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף פאַרשיידענע פאַקטאָרן און סיבות, וועלכע מאַכן מעגלעך דעם צוריקקער. ס'איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אמונה אינעם ראַציאָנאַליזם, אינעם מאַטעריאַליזם, די אמונה אין די מעג־לעכקייטן פון וועלטלעכקייט און פון וועלטלעכער יידישער קולטור ווי אַ כוח וואָס קאָן אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק. דאָס זיינען אַלץ נעגאַטיווע אמונה מאָמענטן, וואָס האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט אַן אויפשוואונג פון פּאָזי־טיווער רעליגיעזער אמונה.

מיר זוילן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין קיין דעפיניציע פון רעליגיעזער אמונה. אפילו ווען מיר ווייסן אפשר ניט גענוי וואָס דאָס איז, ווייסן מיר אָבער היסטאָריש גענוי וואָס דאָס האָט פאַקטיש געמיינט און אויפגעטאָן. מיר וועלן איצט פאַרגעסן די שעדלעכע סאָציאַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון דער אמונה; אומטאָלעראַנץ, פאַנאַטיזם, אומוויסנהייט, היפּאָקריטישקייט, פאַראַליזירטער סאָציאַלער ווילן[4]. מיר וועלן אָבער דאָ אָנדייטן אויף די פּאָזיטיווע נשמה־כוחות, וועלכע די רעליגיעזע אמונה האָט אַרויסגערופן

אין דעם מאמין: א ליכטיקער באַוואוסטזיין, אַז „מ'גייט מיט גאָט", אַ גליענ־דיקער גלויבן אין דער האַרמאָניע פונעם קאָסמאָס און פון דער מאָראַלער און פיזישער וועלט, אַ בענקשאַפט נאָך פּערזענלעכער דערהויבונג.

מען זאָגט אונדז: אַט די און ענלעכע מאָמענטן זיינען פאַרשווּנקט געוואָרן פון דעם גייסט פון דער אויפקלערונג, פון דער וויסנשאַפט; זייער צייט איז היסטאָריש פאַריבער, זיי וועלן זיך מער ניט אומקערן. קומט אונדז בכן אויס צו לעבן מיט רעליגיע אָן אמונה. ווי איז דאָס מעגלעך? אָנגענומען, אַז ס'איז נויטווענדיק און ווינטשנסווערט, ווי פאַרענטפערט מען אָבער די סתירה פאַר דעם אייגענעם געוויסן? ווי דערציט מען יוגנט אויף אַזאַ אַנאָמאַליע? ווי קען אונדז אַזאַ רעליגיע סאָציאַל, נאַציאָנאַל און פּער־זענלעך נוצלעך זיין? אָן דעם ליכט פון דעם אינערלעכן, טיף־רעליגיעזן פּראַזשעקטאָר? וואו איז אונדזער מאָס פאַר קאָנסעקווענץ? וואָס זאָלן מיר, וואָס קענען מיר, אָננעמען פונעם אַלטן רעליגיעזן לעבנסשטייגער? וואו שטעלן מיר זיך אָפּ?

דאַרויף קענען מיר אייגנטלעך צוריק פרעגן: וואָס איז אייגנטלעך פון אונדז אָוועקגענומען געוואָרן, אָדער פון וואָס האָבן מיר זיך געהאַט אָפּגע־זאָגט? אין תוך גענומען דאַכט זיך מיר, אַז אונדז פעלט נאָר די עקוואַציע: רעליגיע = אַ באַשטימטער היסטאָריש־רעגולירטער לעבנס־קאָדעקס, באַ־שטימטע מצוות מעשיות, דורך וועלכע דער ייד האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין רעליגיאָזיטעט, מיט וועלכער ער האָט אידענטיפיצירט זיין אמונה, און געוויסע מעטאַפיזיש־רעליגיעזע אני מאמינס, מיט וועלכע די יידישע אמונה איז דורך לאַנגע דורות אידענטיפיצירט געוואָרן. דערביי מוזן מיר אָבער געדענקען, אַז סיי דער לעבנס־קאָדעקס און סיי די עיקרים, די אני מאמינס, האָבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע שטופן פון אַנטוויקלונג און זיינען ניט אַלע מאָל געבליבן די זעלבע. די מצוות מעשיות און לעבנסשטייגער און די רעליגיעזע דאָגמעס פון ר' עקיבא זיינען ניט די זעלביקע וואָס דעם רמב"מס, און דעם רמב"מס זיינען ניט די זעלבע וואָס שמואל דוד לוצאַטאָס, און לוצאַטאָס ניט די זעלבע וואָס הרב קוקס, אאַ"וו.

ווען מיר נעמען אָבער אפילו גוט אין באַטראַכט, אַז אונדזער כלומרשט ניט רעליגיעזער דור האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך רעליגיעזע פאָרמען און דאָגמעס, מיט וועלכע די יידישע רעליגיע איז אידענטיפיצירט געוואָרן דורך די לעצטע דורות, איז נאָך אַלץ פאַלש די באַהויפּטונג, אַז מיר זיינען אַ יידישער דור אָן יידישער רעליגיע, אָדער בכלל אַ פאָלקס־גרופּע אָן רעליגיע אין אַ וועלט, וועלכע האָט זיך אויסגעטאָן פון רעליגיע.

ווען מען קוקט זיך גוט צו צו דער מאָדערנער קולטור סצענע איבער דער גאַנצער וועלט, זעט מען טאַקע איין זייט פון אונדזער גייסטיקן פּרצוף אַלס אַ גאָטלאָזן און אונדזער דור אַלס אַ דור אָן אמונה, אָן אידעאַליזם, אַ דור וואָס איז דורכגעפוילט פון פעסימיזם, פון דער זינלאָזיקייט פון לעבן.

דער טיפזיניקער אַמעריקאַנער פּאָעט, ט. ס. עליאָט, האָט געגעבן אַן אויסדרוק פון דעם געפיל פון אויסגעליידיקטקייט און כאַאָטישער אויס־זיכטסלאָזיקייט אין זיין פּאָעמע „דהי ווייסט לאַנד״. מען קאָן זאָגן, אַז עליאָט אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם בילד, וואָס ער האָט פאַר זיך דערזען און איז באַקערט געוואָרן צום קאַטאָליציזם. געוויסע טענדענצן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור און קולטור בכלל קענען באַטראַכט ווערן אַלס אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער גאָטלאָזיקייט, ווי למשל דזשאָיסעס „יוליסעס״, סעלינס ווערק, די גאַנצע „סטרים אָוו קאָנשאָסנעס״ שול אין דער שיינער ליטעראַטור, די שטרעבונג צו „ריינער פּאָעזיע״, די „ביהייוויאָריסטישע״ שול אין דער פסיכאָלאָגיע, און אפשר אויך די פּרווידיאַנישע שול, הגם זי לאָזט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר מיסטיש רעליגיעזע מאַניפעסטאַציעס.

איז דאָס געוויס איין זייט, און זייער אַ טונקעלע זייט, פון דעם פּרצוף פון אונדזער דור. די צווייטע זייט איז דער סאַמע אַנטיטעז דערפון: פול מיט גייסט, גלויבן און אידעאַליזם. ווילן דאָך די גרעסטע וויסנשאַפטסלייט פון אונדזער דור, עדינגטאָן, איינשטיין און אַנדערע, זיך ניט אידענטיפיצירן מיטן גאָטלאָזן מאַטעריאַליזם; זיי ווילן אפילו די וועלט פון ריינער וויסנ־שאַפט ניט לאָזן פאַרגולמט ווערן. זעען מיר דאָך, אַז די גאַנצע בעסערע וועלט האָט דערזען די געפאַר פון נאַציזם פונקט אַזוי אין זיין גאָטלאָזיקייט, אין זיין אָפּזאָגן זיך פון דער יודאַאיש־קריסטלעכער רעליגיע און מאָראַל ווי אין זיין סאָציאַלער און פּאָליטישער אידעאָלאָגיע. אויך אין דער קעגנער־שאַפט צום קאָמוניזם איז פאַראַן עפּעס וואָס איז פאַרבונדן מיט רעליגיע. אוודאי דרינגט אַרויס די שרעק פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פאַרן קאָמוניזם ניט אין קיין קלענער מאָס פון זיין געוואָגטן סאָציאַלן פּראָגראַם; ס׳איז אָבער אויך פאַראַן אַ סך אויפריכטיקייט אין דער שרעק, וואָס איז באַפאַלן די ליבעראַלע וועלט פאַר דער לכתחילהדיקער, און אפשר טאַקע וועזנטלעכער, גאָטלאָזיקייט און גייסטלאָזיקייט (מאַטעריאַליזם) פון דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן קאָמוניזם.

מען וועט אונדז ענטפערן: אויב איר זעט אין די אַלע סימנים אַ שטרעבונג זיך צו פאַרקירעווען צוריק צו רעליגיע, דאַן טייטשט איר רעליגיע אויף זייער אַ ברייטן אופן. אמת, דורכאויס אמת. מיר זעען אין די דער־מאָנטע מאַניפעסטאַציעס אַ שטרעבונג זיך צו האַלטן ביי די העכסטע און טיפסטע פונדאַמענטן פון רעליגיע: אַ גלויבן אין דעם מענטשלעכן גייסט, אַ דראַנג פון מענטשן צו קדושה, צו דער דערהויבונג פון לעבן, צו דער אויסאיידלונג פונעם מענטשלעכן מין, צו דער פאַרגייסטיקונג פון דער וועלט, צו דער „ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״. ווי דען זאָלן מיר עס רופן, אויב ניט רעליגיע? איז דאָס דען ניט, אין לעצטן סך הכל, דער קערן און די פלאַם פון רעליגיע, צו וועלכן דער מענטשלעכער מין האָט זיך געצויגן דורך טויזנטער און טויזנטער יאָרן פון דער אַנטוויקלונג פונעם

רעליגיעזן געדאַנק? אַזוי איז געווען זינט דער מענטשלעכער מין האָט מיט איבערמענטשלעכער מי געשטרעבט זיך אַליין צו לייטערן פון דער פרי־מיטיווער אַבערגלויבישער שרעק פאַר די נאַטור־כוחות, זיך באַפרייען פון די קייטן פון אַנימאַלישער מאַגיע און זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו אַן ה׳ אחד קאָנצעפּציע.

לאָמיר איצט צוריקגיין און באַטראַכטן אונדזער אייגענעם יידישן וועג. לאָמיר זען וואָס עס האָט געטאָן אונדזער דור, אָדער דער דור וואָס איז געווען פאַר אונדז, ווען ער האָט זיך באַמיט זיך צו באַפרייען פון דער העגעמאָניע פון רעליגיע.

מיר זיינען דאָ, אין אונדזערע גאָט־צעשטערערישע צייטן, אין די צייטן פון כפירה ממש, געווען פאַרזיכטיק גענוג און געצויגן אַן אונטערשייד ליניע צווישן רעליגיע און רעליגיאָזיטעט. מיר האָבן פּראָקלאַמירט אונדזער באַפרייען זיך פון דער פרומער יידישקייט רעליגיע, אונדזער ניט־געבונדנ־קייט צו די קייטן פון רעליגיעזער דאָגמע און פון די אָנגענומענע גלויבנס־עיקרים און צו אַ געוויסן פרומען לעבנסשטייגער, וועלכער איז דעקרעטירט פון אַ רעליגיעזער אויבערהערשאַפט. מען וואָלט אפילו געקאָנט זאָגן, אַז מיר זיינען געווען די אמתע רעליגיעזע רעפאָרמער, ניט ווי די פון דעם אַסימילאַטאָרישן פאָלק־פאַרלייקנדיקן קרייז, נאָר די באַזעלטע פון אַן אייגע־נעם פאָלק־געטריייען נוסח. מיר האָבן געפילט, אַז ערשט ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון די קייטן פון דער פרומער יידישקייט, וועלן מיר קענען פריי אָטעמען די דינע פרייע לופט פון אמתער רעליגיע: פון אַ דערהויבונג פון גייסט, פון אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפישער, קאָסמישער אויפפאַסונג פונעם באַגריף פון געטלעכקייט, גאָט־מענטש־גייסטיקייט, און מיר האָבן מיט אמתער פאַרערונג געוואָלט משיג זיין די ריינע, נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פאָרמען פון דער יידישער רעליגיע. ס׳איז דאָ לחלוטין ניט וויכטיק, צי מיר זיינען געווען היסטאָריש און פסיכאָלאָגיש גערעכט; וויכטיק איז נאָר די טענדענץ און די שטרעבונג.

אונדזער דור האָט קיינמאָל, סיידן מיט קליינע אויסנאַמען, ניט פאַרדייעט דעם טעמפּן, ברוטאַלן מאַטעריאַליזם, און אוודאי ניט די מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשונג פון געשיכטע, דאָס וואָס אחד העם האָט אָנגערופן די „גג ועליה" טעאָריע. אונדזער דור האָט געהאַט אַ טיפן גלויבן אין דער געטלעכקייט פונעם מענטשן, אין דער הייליקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער עיקר פון דער געזעלשאַפט איז פאַר אונדז געווען ניט דער סאָציאַלער קאָנטראַקט, לויט וועלכן יחידים קומען זיך צונויף פאַר באַקוועמלעכקייט וועגן, פאַר שמירה קעגן די בייזע אינסטינקטן פון דעם הערשערישן יחיד, כדי איינער דעם צווייטן ניט דורס צו זיין. פאַר אונדז איז זי געווען אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואו דער יחיד קומט צום טיפסטן אויסדרוק פון זיינע העכסטע פּאָטענצן. מיר זיינען געבליבן געבונדן צו

אַן אידעאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, וואו גייסט איז ניט קיין ביי־פּראָדוקט, נאָר דער רוח החיים און דער זין פון לעבן.

דער חילוק צווישן פרומער רעליגיע און אונדזער ווערסיע פון רעליגיאָזיטעט (אייגנטלעך אַן אַלט־נייע ווערסיע) האָט געדאַרפט מיינען, אַז פאַר טיפער רעליגיאָזיטעט זיינען ניט נויטיק קיין מצוות מעשיות, קיין היסטאָריש שטרענגער לעבנסשטייגער. מיר האָבן אָבער ניט געלעבט און ניט געהאַנדלט לויט אַזאַ טעאָריע. מיר האָבן געמאַכט אונדזער אייגענעם אָפּקלייב פון דעם לעבנסשטייגער פון אונדזערע עלטערן. מיר האָבן געהאַלטן, לויט אונדזער קריטיש מאָדערנעם צוגאַנג צו די היסטאָרישע דערשיינונגען פונעם פאָלקס־לעבן, אַז דער לעבנסשטייגער איז ניט מן השמים, נאָר איז היס־טאָריש אַנטוויקלט געוואָרן, און אַזוי האָבן מיר דאָס רעכט פון אים צו נעמען דאָס, וואָס שטימט מיט אונדזערע געענדערטע רעליגיעזע באַגריפן. גרויסע טיילן פון די מצוות מעשיות האָבן מיר אויפגעהיט, אַנדערע האָבן מיר באַנייט, אַנדערע ווידער, האָבן מיר פון קליינע היסטאָרישע קערנדלעך געפירט צו אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג. מיר האָבן גענומען געוויסע היסטאָרישע ימים טובים און זיי געגעבן אַ נייע אינטערפּרעטאַציע, ווי למשל חנוכה און חמשה עשר בשבט. מיר האָבן אַקצענטירט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון געוויסע ימים טובים, ווי פסח און סוכות, און געשטעלט אין הינטערגרונט זייער היסטאָריש־רעליגיעזן מאָמענט. מיר האָבן אַנט־וויקלט דעם באַגריף פאָלקסטימלעכקייט ביז צו זייער אַ הויכער מדרגה. מיר האָבן אַרויסגעוויזן געניאַליטעט ממש אין אונדזער פאַרליבטקייט אין דער יידישער פאָלקס שפּראַך. מיר האָבן קולטיווירט דעם יידישן פאָלקלאָר, דאָס פאָלקס־ליד דאָס פאָלקס־מעשהלע, דאָס שפּריכוואָרט; מיר האָבן אין די אַספּעקטן פון פאָלקס לעבן אַריינגעלייגט און אויסגעדריקט אונדזער שטרעבונג נאָך קדושה. אונדזער נעאָ־חסידיזם איז געווען דער אויסדרוק פון אונדזער בענקשאַפט נאָך רעליגיע, אַן אומדירעקטע מסירת מודעה, אַז מיר ווילן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער יידישער רעליגיע.

מיר האָבן אָנגעקליידט אונדזער נאַציאָנאַליזם אין מיסטישע טערמינען. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט די אַלט־מיסטישע רעליגיעזע באַגריפן און סימבאָלן פון „נצח ישראל", „ישראל סבא", דער „שר האומה" וכו' וכו'. דאָס זיינען פאַר אונדז ניט געווען קיין ריין פּאָעטישע מליצות, נאָר אַן אינערלעכער דראַנג צו אַ טיף־רעליגיעזן אויסלעבן זיך. מיר האָבן זיך ניט נאָר ניט אָפּגעזאָגט פון די אַלטע קולטור־שאַפונגען, וועלכע זיינען ביים פאָלק באַצייכנט געוואָרן מיטן טערמין תורה, נאָר מיר האָבן זיך מיטן סאַמע טערמין ניט געוואָלט שיידן. מיט וויפיל געשמאַק מיר האָבן עס געזונגען „אויף דעם פּריפּעטשיק"; ווי שטאַרק מיר זיינען געוואָרעמט געוואָרן פונעם בילד פונעם מתמיד! מיר האָבן רעבעלירט קעגן דער ישיבה און האָבן גלייכצייטיק מיט טיפער בענקשאַפט זי באַזונגען. און וואָס איז

דען געווען אונדזער קלאָמערן זיך אָן די נביאים און זייערע סאָציאַלע אידעאַלן, אויב ניט אונדזער ברענענדיקער רעליגיעז־סאָציאַלער אידעאַליזם, אונדזער בענקשאַפט נאָך דעם אידעאַל פון אינדיווידועלער און סאָציאַלער קדושה (די הויכע מדרגה, וואו דער אונטערשייד צווישן די צוויי לייזט זיך פולשטענדיק אויף), אונדזער אלטע אייביק־יידישע שטרעבונג אויפצוריכטן אַ ממלכת כוהנים וגוי קדוש?

אונדזער דור האָט אויפגעבויט דאָס נייע ארץ ישראל. האָבן מיר דען איבערגעריסן מיטן אַלטן ארץ ישראל? פאַרוואָס זיינען מיר דווקא געווען די שאַרפסטע באַקעמפער פונעם טעריטאָריאַליזם? מיר האָבן ניט נאָר געפילט, נאָר אויך באַוואוסטזיניק שטאַרק פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט, אַז די קדושת ארץ ישראל איז אינעם בלוט פונעם יידישן מענטשן, און נאָר זי איז עלול צו העלפן בייקומען די איבערמענטשלעכע שוועריקייטן פאַר דער אויפריכטונג פונעם אַלט־נייעם ארץ ישראל. און ווי האָבן מיר פאָרמולירט אונדזער נאַציאָנאַליזם? געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן שטאַרק מקפיד געווען אויף דער טהרת הוויסנשאַפט און אויף פּאָלי־טיש־עקאָנאָמישע קאַלקולאַציעס, אָבער ניט באַראַכאָווס סטיכישער פּראָצעס, פאַרשטאַנען אין עקאָנאָמישן זינען, האָט געוואָרעמט אונדזער נאַציאָנאַל געפיל און געפירט צו דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אונדזער דור, נאָר דער העסישער אחרית הימים פון סאָציאַליזם־נאַציאָנאַליזם און דער סירקינ־שער נביאישער סטיכישער פּראָצעס, וואָס איז אַ „כמה לך בשרי" אידעאַליזם. דערפאַר איז אונדז טאַקע אַזוי שווער צו געבן צו פאַרשטיין אַ פרעמדן, אַ פרעמד־פרעמדן אָדער אַן אייגן־פרעמדן, קאַלטן, ניכטערן „סאָציאָלאָג" אונדזער ווערסיע פון נאַציאָנאַליזם. ער איז אין לעצטן סך הכל דורכגע־דרונגען מיט אייביקייט בענקשאַפטן, מיט משיחישער גאולה שטרעבונג. אַזאַ „פרעמדן" קומט אוודאי אַלץ אויס אונדזער נאַציאָנאַליזם ווי אַ מין שאָוויניזם, עבודה זרה ר"ל, און מ'שטעלט אונדז גלייך אַריין אין אַזאַ טמאדיקער קאַטעגאָריע, פון וועלכער מיר ווילן אַנטלויפן קאָסמישע מיילן ווייט.

ריכטיק האָט אַנגעוויזן אחד העם, אַז מיר רעדן ביי ציוניסטישע פאַר־זאַמלונגען וועגן דער צרת היהודים, נאָר ווען מיר ווילן זיך אַליין צעוואַ־רעמען, און דער עיקר אין אַנגעזיכט פון אַ קאַלטן, אויסגערעכנטן סקעפּ־טישן קעגנער, קומען מיר צוריק צו דער אַלטער שכינתא־בגלותא־אויפ־פאַסונג, ווייל זי איז טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער באַוואוסטזיין, ווייל זי איז דער כוח המושך פון אונדזער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

אָט די בענקשאַפט נאָך קדושה האָט באַזעלט און באַגלייט ביזן היינטיקן טאָג אונדזערע חלוצים. מ'וועט אפשר אַמאָל אָנווייזן אויף אונדזער היינטיקן חלוציזם ווי אויף דער ריינסטער אַנטפּלעקונג פון אַ רעליגיעזער אויפלעבונג ביי אונדזער פאָלק. בלויז אַ טיפער רעליגיעזער גלויבן (ניט וויכטיק אין

וואָס פאַר אַן אויסערלעכער פאָרמע) האָט געקענט פירן אונדזערע חלוצים אויף דעם דערנער און מאַרטירער וועג, אויף וועלכן זיי זיינען געגאַנגען. ס'איז דעריבער גאָר ניט צו וואונדערן זיך וואָס דער טיפזיניקער רעליגיע־זער פילאָזאָף פון אונדזער דור, דער גאון הרב קוק ז״ל, האָט אַזוי פאַרערט אונדזערע חלוצים. ער האָט אין זיי דערזען דעם המשך פון דעם יידיש־רעליגיעזן פייער; ער האָט אין זיי געזען טיף־רעליגיעזע יונגע יידן, ווען אפילו אביסל פאַרפירטע, לויט זיין מיינונג און נאָך ניט אין גאַנצן קיין אויסגעלייזטע, ער האָט געזען די מעגלעכקייט מעלה צו זיין די ניצוצות הקדושה פון זייערע נשמות.

מיר דוכט זיך, אַז ווען מיר קוקן מיט אָפענע אויגן אין דעם זין פון סאָציאַלע דערשיינונגען אויף דער גאַנצער פאַנאָראַמע פון אונדזער וועלט־לעכער יידישקייט, זעען מיר אַ באַוואוסטזיניקע שטרעבונג זיך ניט אָפּצו־רייסן פון דעם היסטאָריש־רעליגיעזן וועג פון יידישקייט און אפשר אויך אַן אומבאַוואוסטזיניקע שטרעבונג אָפּצוהיטן די בריק, וואָס זאָל אונדז אַמאָל קענען פירן צוריק אויף דעם זעלבן וועג. עס קומט אויס, ווי מיר וואָלטן פּראָקלאַמירט פאַר דעם אייגענעם זכרון, און פאַר די דורות וואָס וועלן קומען: יש לנו חלק ונחלה באלהי ישראל!

אויספירן און קאָנסעקווענצן

מיר זיינען ניט קיין דור אַן אמונה. מיר גלויבן אינעם כוח פון דעם מענטשלעכן גייסט זיך צו דערהויבן צו הויכע מדרגות. מיר גלויבן, אַז דער גלויבן אין דער הערשאַפט פון גייסט איז דער עיקרדיקער פּרינציפּ אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער היסטאָרישער יהדות רעליגיע. מיר גלויבן אין דער הייליקייט פון דעם מענטשן און פון דער געזעלשאַפט. מיר שטרעבן צו קדושה אינעם אינדיווידועלן און אינעם פאָלקס לעבן. מיר גלויבן אין דער אייביקייט פון אונדזער פאָלק און אין זיין גורל צו פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער משפחה פון פרייע פעלקער און צו ברענגען זיין ביישטייער צו דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט קולטור. מיר גלויבן, אַז דער היסטאָרישער יידישער לעבנסוועג פאַרמאָגט אין זיך אַ סך וויטאַליטעט פאַר דער אויפהאַלטונג פונעם פאָלק און פאַר אויסאיידלונג און דערהויבונג פונעם יידישן יחיד; אַז אָט דער לעבנסוועג איז אין זיינע הויפּט מאָמענטן אין הסכם מיטן פּראָגרעסיוון געדאַנק און מיטן אידעאַליזם פון דער וועלט.

דאָס זיינען, אמת, בלויז אייניקע פון די הויפּט עיקרים פון דער נביאישער און פרושישער יידישקייט, אָבער זיי שטייען אין צענטער פון דער יידישער רעליגיע־פילאָזאָפיע. אַנדערע עיקרים, ווי גאָט אַלס דער מנהיג פון דער וועלט, השארת הנפש, שכר ועונש, וואַרפן מיר אויך ניט אָפּ. מיר רעזערווירן זיך דאָס היסטאָרישע רעכט זיי צו פאַרשטיין אויף אונדזער מאָדערנעם אופן, אין הסכם מיט דער העכסטער אַנטוויקלונג פון

דער מאָדערנער וועלט קולטור. מיר מיינען, אַז אויף דעם געביט האָבן מיר אין דער יידישער קולטור־געשיכטע וויכטיקע איבערצייגנדיקע פּרעצע־דענטן: יידן אין אַלעקסאַנדריע, אין דעם פּעריאָד פון ידידיה (פילון) האַלכסנדרוני, האָבן געזוכט צו ברענגען זייער יידישקייט־פילאָזאָפיע אין הסכם מיט דער קולטור פון זייער צייט; יידן אין שפּאַניען אין דער צייט פון דעם רמב״ם האָבן געטאָן עפּעס ענלעכעס; יידן אין דער צייט פון רנ״ק האָבן עס געטאָן; מיר גייען אין זייערע פוסטריט; מיר זיינען, אין אַנדערע ווערטער, אויפן דרך המלך פון דער אַנטוויקלונג פונעם יידיש־רעליגיעזן געדאַנק.

לאָמיר אויך געדענקען, אַז טראָץ אַלע אַספּעקטן פון דאָגמאַטישקייט אין דער היסטאָרישער יידישער רעליגיע, וואָס האָט אין פאַרשידענע צייטן פעסטגעשטעלט באַשטימטע אמונה עיקרים, איז אונדזער וועג אין רעליגיע פאַרט געווען אַן אַנדערער ווי ביי אומות העולם. מ׳האָט ביי אונדז ניט אַזוי בודק געווען, ווי ביי אַנדערע אומות, וואָס ס׳טוט זיך אינעם האַרצן פון דעם יידישן מאמין. מ׳האָט ביי אונדז ניט געפאָדערט קיין קאַטעכיזם; מ׳האָט נאָר געפאָדערט אַ געוויסע מאָס, אָפט זייער אַ גרויסע, שווערע מאָס, פון אָפּהיטן רעליגיעזע מעשים.

מ׳האָט ביי אונדז געפאָדערט, אַז אַ מענטשנס מעשים, זיין לעבנסוועג, זאָל זיך אַריינפּאַסן אין אַ געוויסער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ראַם. מ׳האָט ביי אונז געפאָדערט, אַז דער יחיד זאָל זיך צופּאַסן צום לעבן פון דעם פאָלקס כלל; אַ ייד זאָל טאָן, וואָס גאָט און פרומע לייט הייסן טאָן. אין זייט פון אָט דער מטבע, און אַ וויכטיקע זייט דערצו, איז געווען רעגימענטאַציע, דאָס באַרויבן דעם יחיד פון זיין פרייהייט פון האַנדלונג. מיר האָבן רעבעלירט קעגן איר. ניט נאָר מיר אין דער נייער צייט, נאָר אין אַלע תקופות זיינען געווען געציילטע יחידים, און אָפט אויך יחידים אין אַ גרויסע צאָל, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן אָט דער אויבער־הערשאַפט פון אוניפאָרמיטעט. דאָס איז געווען אַ געזונטע דערשיינונג. אַזעלכע מורדים מאַכן מעגלעך דעם פּראָגראַם פון דעם יחיד און פון דעם פאָלק. דער רעוואָלט איז נאָך ניט קיין פאַרענדיקטער פּראָצעס. מיר זעען פאָראויס, אַז ער וועט זיך ציען אין דער אייביקער צוקונפט אַריין.

איצט אָבער, אין דער פּערספּעקטיוו פון צוויי דורות רעוואָלט, פאַר־שטייען מיר בעסער דעם היסטאָרישן זין פון דער רעגימענטאַציע — די צווייטע איז אויך זייער אַ וויכטיקע זייט פון דער זעלבער דערשיינונג. מיר באַגרייפן איצט, אַז זי האָט אין אַ געוויסער מאָס געפּרואווט אָוועקצו־שטעלן אַ במקום נאַציאָנאַלן לעבן, אַ במקום מלוכהש זעלבסטשטענדיק לעבן, ביי פעלקער וואָס פירן אַ נאָרמאַל נאַציאָנאַל מלוכהש לעבן, באַשטימט די געזעלשאַפט אַ געוויסע ראַם פאַרן לעבן פונעם יחיד, און האַלט צונויף דעם כלל. ביי אונדז האָבן די רעליגיעזע חומרות (ווי פריקרע זיי זיינען

ניט געווען דעם פרייען גייסט פון געציילטע יחידים, ווי שטאַרק זיי זיינען ניט געשטאַנען אין וועג דעם פּראָגרעס פון דעם יידישן לעבן) געזאָלט דינען ווי אַ סוראָגאַט פון אַ מלוכה. אַזוי פאַרשטייען מיר היינט דעם טיפן אינערלעכן זין פון דער פּרושימשער יידישקייט, אָט די יידישקייט, וועלכע מיר האָבן לאַנגע דורות דורכאַנאַנד שלעכט פאַרשטאַנען ווי כלומרשט קעגנעריש צו נאַציאָנאַלער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי פאַרשטייען מיר היינט דעם טיפערן זין פון דעם פריקרען היטן זיך פאַר די דרכי עכו"ם. דאָס איז געווען דער זין פון מענדעלסאָנס דעפיניציע פון רעליגיעזער יידישקייט אין זיין „ירושלים", אַלס רעליגיע, וואָס פאָדערט ניט פון די מענטשן קיין באַשטימטע רעליגיעזע אני מאמינס, נאָר באַשטימטע רעליגיעזע „אני עושהס".

אָט דאָס איז אין סך הכל די שטעלונג פון אונדזער אייגענעם דור צו דעם קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון יידישקייט:

אונדזער דור, האָט, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ סך אויסערלעכע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט געשעענישן אין דער וועלט און ביי אונדז, און פון דער אַנטוויקלונג פון אַ צאָל וויכטיקע גייסטיקע פּראָצעסן, סיי ביי אונדז און סיי מחוץ אונדז (זיי זיינען קעגנזייטיק געבונדן), דערפילט נאָך טיפער ווי ווען עס איז פריער אַ דראַנג צוריק צו זיך, צוריק צו דער אייגענער קולטור.

מיר האָבן דערפילט די נויטווענדיקייט צוריקצוגיין צו געוויסע אַלטע רעליגיעזע לעבנספאָרמען, וועלכע זיינען געווען היסטאָרישע באַגלייט־מאָטיוון און אויסדרוקן פון אונדזער אמונה. מיר זיינען איצט בכוח צו געבן אַן אויסדרוק דער דאָזיקער נויטווענדיקייט אַלס רעזולטאַט, פון אַ דערפאָלגרייכן אַרויסוואַקסן פון מוראס און פון בייקומען און צערייסן די קייטן פון דער פרומער רעליגיעזער וועלט.

מיר זוכן אַ וועג צוריק צו די אַלטע פאָרמען פון איין זייט, כדי צו באַפרידיקן אינערלעכע באַדערפענישן אויסצולעבן זיך אין דער אַלטער יידישקייט, לויט אונדזער אייגענער מאָדערנער נאַציאָנאַלער רעאינטערפּרעטאַציע; פון דער אַנדערער זייט כדי צו געבן מער אינהאַלט און פאָרם אונדזער דראַנג פאַר דעם נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך.

מיר זוכן באַוואוסטזיניק כלערליי מיטלען צו דערהאַלטן אונדזער קיום. מיר גלויבן, אַז אין דעם צוריקגאַנג ליגט אַ געוויסע מאָס פון אַ מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אָט די קיום־שטרעבונג.

מיר גלויבן, אַז אונדזער איצטיקע שטרעבונג איז בלויז אַ המשך פון די זעלבע ריכטליניעס, וועלכע אונדזער דור האָט אָנגענומען מיט 30—40 יאָר צוריק, ביים אָנהויב פון דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער קולטור־באַוועגונג. מער ניט, מיר פאַרשטייען איצט טיפער און גרינטלעכער די מעגלעכע מסקנות פון דעם מעטאָד, און מיר האָבן איצט מער מוט צו גיין לויט די ריכט ליניעס.

ממילא קומט אויס, אַז מיר זוכן אַ דערגענטערונג צו דער אָרטאָדאָק־סישער יידישער וועלט. אָבער ווי ווייט זיינען מיר גרייט צו גיין מיט איר? וואָס איז אונדזער קריטעריע?

דאָ קומט אַריין די צודרינגלעכע פאָדערונג פאַר קאָנסעקווענטקייט מצד די „אַפּיקורסים". אין זייער פּרואוו צו שטעלן אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע די וואָס פאָדערן אַ רעוויזיע, טענהן זיי: אויב איר ווילט זיין פרום, היט דעם גאַנצן שולחן ערוך. אפילו דער קלוגער, הויך קולטורעלער ד"ר ניסן טורוב פאַלט טיילוויז אַריין אין דעם שאַבלאָן[5].

פון שטאַנדפּונקט פון פּאָלעמיק איז עס אַ פיינע אָפענסיווע טאַקטיק, אָבער צי האַלט זי אויס דעם פּרוביר שטיין פון לאָגיק און פון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע? בשום אופן ניט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן ווי ניט אויסגעהאַלטן אונדזער אַפּיקורסישער דור איז געווען (אַ דאַנק גאָט דערפאַר! דאָס האָט זיי דער שר האומה, וואָס גיט אַכטונג אויף דעם יידישן המשך, פאַרהיט פון אויסגעהאַלטנקייט). וואָלטן מיר געוואָלט צוריקצאָלן מיט דער זעלבער מאָס, וואָלטן מיר די „דייהאַרדס" אונדזערע געפרעגט: וויפיל פון זיי האָבן רעבעלירט קעגן דער מצוות מילה אין פאַל פון אייגענע קינדער? וויפל פון זיי האָבן אָפּגעשאַפט די צערעמאָניע פון רעליגיעזער חתונה ביי זיך אַליין און נאָך גיכער דאָס דערלאָזט אין פאַל פון זייערע אייגענע קינדער, אפילו ווען יענע האָבן עס שטאַרק געוואָלט? פאַרוואָס האָבן זיי, אונטער איין אויסרייד אָדער אַן אַנדערן, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון פראַווען צערעמאָניעלע בר מצווהס ביי זייערע קינדער? וויפיל פון זיי וואָלטן גערן אָנגענומען די היפּאָטעטישע מעגלעכקייט, אַז זייערע קינדער זאָלן חתונה האָבן מיט פרעמדע זין און טעכטער, אפילו ווען יענע וואָלטן אויף זיך גענומען די חומרות פון וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און אפילו פונעם אַרבעטער ציוניזם?

אָבער צו וואָס די פּאָלעמיק? לאָמיר זיין רעאַליסטיש־ערלעך און זיך פרעגן: אויף וועלכע געביטן פון אונדזער לעבן זיינען מיר הונדערט פּראָצענט קאָנסעקווענט אויסגעהאַלטן? וואו מאַכן מיר דען ניט קיין קאָמפּראָמיסן, און וואו שאַפן מיר זיך דען ניט אונדזער אייגענעם שולחן־ערוך, לויט אונדזער אייגענעם געשמאַק, מיט אונדזער פעאיקייט אויף דיסציפּלינירטער אויסגעהאַלטנקייט און רעכנענדיק זיך מיט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פונעם לעבן? מיר טוען עס מיט אונדזער יידישיזם, העברעאיזם, ציוניזם, סאָציאַליזם, מאָראַל, עסטעטיק, וכו' וכו'. פאַרוואָס פאָדערן אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט דווקא אויפן געביט פון רעליגיעזן לעבנס־שטייגער? דער ענטפער איז, מן הסתם, אַז זיי, די ניט רעליגיעזע, נעמען דווקא רעליגיע אַזוי שטאַרק ערנסט, אַז דווקא דאָ זעען זיי ניט קיין שום מעגלעכקייטן פאַר קאָמפּראָמיסן...

הכלל, אויך דאָ איז אונדזער קריטעריע, אונדזער אייגענער געשמאַק, אונדזער פעאיקייט צו רעאינטערפּרעטירן די יידישע רעליגיע און דעם רעליגיעזן לעבנסשטייגער אין הסכם מיט אונדזער טאָטאַלן קולטור סטאַנ־

דאָרד. ס'איז אומפאַרמיידלעך, אַז אויף אַ געוויסער צייט, אפשר אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, זאָל יעדער יחיד, און געוויס יעדע גרופּע פון אונדזער פאָלק, זיך שאַפן זיין אייגענעם שולחן ערוך. אויף וויפיל דאָס באוואוסטזיין פון דער נויטיקייט זיך צו אידענטיפיצירן מיט אַלץ מער און מער אַלטע יידישע לעבנס־פאָרמען וועט אַריינדרינגען אין אונדזער פּראָגרעסיווער יידיש־נאַציאָנאַלער וועלט, אויף וויפיל ס'וועט זיך אונדז איינגעבן זיך צו באַפרייען פון דער מורא צוריקצוקומען צו די פאָרמען, און גלייכצייטיק צוריק אַריינאַרבעטן אָט די פאָרמען אין דער סכעמע פון אונדזער אויסגעברייטערטער און פאַרטיפטער נאַציאָנאַל־יידישער וועלט־באַנעמונג — אויף אַזוי פיל וועט דער שולחן ערוך ווערן דער אַלגעמיינער לעבנסוועג פון אַלץ אַ גרעסערער צאָל יחידים, פון אַן אַלץ מער קאָמפּאַקטער גרופּע אין אונדזער פאָלקס אָרגאַניזם.

מען רעדט ביי אונדז לעצטנס זייער אַ סך וועגן דער נויטיקייט פון שאַפן זיך אַן אייגענעם נייעם לעבנס־שטייגער. מיר וועלן דאָ ניט איבערחזרן דעם אַנאַליז פון די פּסיכאָלאָגיש־סאָציאַליסטישע סיבות פון דעם דאָזיקן דראַנג. נאָך דעם וואָס מיר האָבן אויסגעפירט איז אָבער אויך איבעריק אָנצוווייזן, אַז מיר דאַרפן גאָרניט אַזוי שטאַרק אָנקומען צו דער שווערער אויפגאַבע פון שאַפן אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אַז מיר קענען צוריקנעמען אַ סך פון דעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט, צוליב פאַרשטענדלעכע און היסטאָריש־באַרעכטיקטע סיבות, אָוועקגעוואָרפן פון זיך. מיר דאַרפן נאָר געדענקען, אַז דער היסטאָרישער וועג ביי אונדז און ביי דער גאַנצער ציוויליזירטער קולטור וועלט, איז געווען ניט צו שאַפן קיין נייע ימים טובים, קיין נייעם לעבנס־שטייגער, נאָר צו רעאינטערפּרעטירן דאָס אַלטע. יעדע קולטור גרופּע נעמט אַלעמאָל לעבנס־פאָרמען מן המוכן און גיט צו זיי צו זייער אייגענע מאָטיווירונג, סימבאָלן־אויסטייטשונג און עמאָציאָנעלע אָנווענדונג, בהסכם מיט די נויטן פון איר צייט און מיט דעם קולטור מצב פון איר אַרום. צו דעם דאָזיקן אַלטן אויסגעפּרואוווטן וועג רופן מיר.

דערפון איז אָבער לחלוטין נישט געדרונגען, אַז אונדזער דור קען ניט אַריינברענגען קיין שינויים אין דער טעכניק און אין די פאָרמען פונעם אַלטן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אי מעגלעך אי געוואונטשן. דאָס איז אויך אַלעמאָל געשען אין דעם געשיכטלעכן אַנטוויקלונגס פּראָצעס פונעם פאָלקלאָר, פונעם פאָלקס שולחן ערוך. דאָס נייע לעבן אין ארץ ישראל און דאָס נייע לעבן אין די תפוצות, וועלן ממילא פירן דערצו. דאָס דאַרף אָבער געטאָן ווערן פאַרזיכטיק, פּאַמעלעך. אייגנטלעך ווערט דאָס געטאָן ספּאָנטאַן פון זיך, פונעם לעבן אַליין. דאָס וועט קומען ממילא, בהיסח הדעת, און וועט באַרייכערן אונדזער לעבן. מען טאָר זיך אָבער אויף דעם ניט פאַרלאָזן; וואַרטן אויף דעם צייטיק ווערן פון דעם פּראָצעס אַליין איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן.

אונדזער דערוויילי̇קע באַוואוסטזיניקע רעאינטערפּרעטאַציע פון דעם, וואָס די פאָלקס לאַבאָראַטאָריע האָט אונדז שוין צוגעשטעלט, קען און וועט שאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר דעם אויפקומען פון די נייע פאָרמען און פון די נייע סימבאָלן; דאָס וועט אונדז באַפרייען פון דער פאַרשטיינערטקייט און פאַרהאַרטעוועטקייט פון אונדזער פאָלקס לעבן אין גלות און אין ארץ ישראל, און וועט ווידער פירן צו דער פאַריונגערונג, ביי וועלכער וואונדער־שאַפונגען און נייע לעבנס־פּראַצעסן קומען אויף ספּאָנטאַן.

מיר זיינען דאָ ניט געקומען מיט קיין נייע תורות. מיר האָבן בלויז זיך באַמיט צו פאַרשטיין די טיפע יסודות פון דעם גייסט, וואָס האָט באַלעבט דעם דור, וואָס האָט געזוכט זיך צו באַפרייען פון די קייטן פון רעליגיע; מיר רופן אונדזער היינטיקן דור צו גיין אויפן זעלבן וועג אינעם זעלבן גייסט, נאָר מיט דער נייער פאַרשטענדעניש, וואָס קוועלט אַרויס פון די לעבנסנויטן פון אונדזער צייט און מיט קלאָרער באַוואוסטזיניקייט וועגן די מעגלעכקייטן, וואָס דער וועג טראָגט מיט זיך פאַר דער אויפלעבונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

נאָכבאַמערקונג

וואו איז דער אונטערשיד צווישן מיין רעליגיאָזיטעט און מיין אָננעמען דעם עול פון מצוות מעשיות און דאָס זעלבע ביי די רעפאָרמער און די אנשי הריקאָנסטראָקשאָן?

— די רעפאָרמער האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון רעליגיאָזיטעט און האָבן אָנגענומען געוויסע מצוות מעשיות, נאָר אין דער מאָס, וואָס וועט זיי צום ווינציקסטן אָפּשיידן פון דעם אַרום. זייער שטעלונג איז אַ פּרוּוו אויף וואָס מער דענאַציאָנאַליזאַציע פון דער יידישער רעליגיע. מיין שטעלונג איז דער סאַמע היפּוך. איך האָב אין זינען וואָס איז גוט און נוצלעך פאַר אונדזער קיום אלס נאַציאָנאַלע גרופּע. איך זוך אין דער יידישער רעליגיע וואָס מער הילף און אָנלען פאַר די אינטערעסן פון אָט דעם קיום.

וואָס ס׳איז נוגע „רעקאָנסטראָקשאָן” זוך איך גאָר ניט אַזוי שטאַרק זיך אָפּצוּוואונדן פון זייער געדאַנקען־גאַנג און פון זייערע שטרעבונגען. ס׳איז מיין איבערצייגונג, אַז ניט מיר לערנען זיך ביי זיי, נאָר אַז זיי בויען זייערע יידישע לעבנס־פילאָזאָפיע אויף אונדזער דרך. איך מיין, אַז מיר זיינען געווען „רעקאָנסטראָקשאָניסטן” אַ פולע פאַר צענדליק יאָר איידער זייער באַוועגונג איז אויפגעקומען (דאָס זאָג איך בפירוש ניט לגנאי ד״ר קאַפּלאַן און זיינע נאָכפאָלגער). איך גלויב, אַז זיי גייען אויפן ריכטיקן וועג. זיי האָבן אויך פיל געלערנט ביי אונדזערע רביים — רנ״ק, משה העס, נחמן סירקין, אחד העם, ד״ר זשיטלאָווסקי, ביאַליק, בערל קאַצענעלסאָן און דעם אַרבעטער ציוניזם בכלל.

וואו גייען מיר זיך פונאַנדער? אויך זיי, ווי די רעפאָרמער להבדיל, זיינען אַ ביסל צו להוט זיך צוצופּאַסן צום אַרום. אין תוך, דוכט זיך מיר, זיינען זיי אויך צו נייגעריק צו מאַכן יידישקייט וואָס לייכטער. מיר זיינען גרייט צו גיין אויף דעם שווערערן וועג פון יידישקייט; מיר זוכן אַ מער אינטענסיווע יידישקייט און זיינען גרייט צו גיין אַ גאַר היבשן מהלך אין גאַנצן אַליין, מחוץ פון דעם שליאַך פונעם אַלגעמיינעם לעבן. דעריבער גייען מיר זיך, למשל, פאַנאַנדער מיט זיי אין אונדזער מאָס פון גרייטקייט אויף אָנשטרענגונג ביים אויפהאַלטן די יידישע און העברעאישע שפּראַך און אונדזער לעבן אין די תפוצות. זיי זיינען גרייט אָנצונעמען די שפּראַכן, ווי אויך אַנדערע קולטור ווערטן, גיכער ווי סימבאָלן, ווי „טאָקענס" פון אַן אייגנאַרטיק לעבן; מיר זיינען גרייט אויף גרויסע קרבנות אויפצוהאַלטן זיי ווי סימנים מובהקים פון אַן אייגנאַרטיקער יידישער „ציוויליזאַציע", (זיך צו באַנוצן מיט ד"ר קאַפּלאַנס אַ טערמין). גלויבנדיק, אַז זיי זיינען גרויסע עיקרים אין דער אויפהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אַט דער ציוויליזאַציע.

די אנשי הריקאָנסטראַקשאָן זוכן שוין צופיל צו ראַציאָנאַליזירן די יידישע רעליגיע. זיי זיינען צו ראַציאָנאַליסטיש בעיקר ביים אָפּקלייב פון מצוות מעשיות, ביים באַשטימען דעם יידישן לעבנס שטייגער, דוכט מיר, אויס דעם טעם, וואָס כ'האָב אויבן אָנגעגעבן. זיי טראַכטן צופיל אין טערמינען פון איבערזעצונג: ווי וועט דער אָדער יענער מאָמענט קלינגען אין די אויערן פון די פרעמדע?

איך בין צופרידן מיטן געדאַנק, אַז מיין אַרבעט קען פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ פּרואוו צו געפינען די געזונטע און געוואונטשטע קאָנטאַקט פּונקטן מיט דער ערנסטער ריקאָנסטראַקשאָן באַוועגונג. איך מיין, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי שטאַרק נייטיק אַלעמאָל אָנצואווייזן דעם מה ביני לבין עמיצן אַנדערש. אדרבה, איך באַמי זיך גאָר אָפּט צו געפינען דעם צד השוה.

באַמערקונגען:

1. זע פאַרשיידענע שטעלן אין ביאַליקס דברים שבע"פ, און קאַצענעלסאָנס לעצטער רעדע ביים כינוס פון דער הסתדרות.

2. די בילדונג אָפּטיילונג פון דער הסתדרות האָט באַשלאָסן, אַז עלטערן פון נייע ישובים האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן איינצופירן דעם לימוד פון רעליגיע אין דער שול. דאָס יאָר זיינען געעפנט געוואָרן קלאַסן אין רעליגיע אונטער דער אויפזיכט פון דעם הסתדרות שול־סיסטעם.

3. כ'קען ניט פאַרגעסן מיט וויפיל פאַרדרוס כמעט האָבן אַלע אנוועזנדע ביי אַ מצבה־אויפדעקונג פון א חבר אויפגענומען א חברס אָנהויבן זינגען „די שבועה", וועלכער ער האָט טאַקע אָפּגעזונגען סאָלאָ ביז צום סוף.

4. אייניקע פון די מאָמענטן זיינען צופיל עקספּלואַטירט געוואָרן און זיינען שטאַרק איבערטריבן געוואָרן פון די אַנטי־רעליגיעזע היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן.

5. זע זיין „הפילוסופיה של החינוך" ספר היובל של אגודת המורים העברים, ניו יאָרק, 1944.

די יידישע יום-טובים און די יידישע דערציאונג

פון

שלמה ווייסמאַן

(איבערגעדרוקט פונעם „שול פנקס״ פון שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט, שיקאַגאָ, 1948).

א

איינע פון די פּאָפּולערסטע טעמעס, אויב ניט די פּאָפּולערסטע טעמע, אין דער וועלט פון דערציאונג, איז די פראַגע וועגן דעם ציל פון דער־ציאונג. דאָס פּראָבלעם איז געוויס אַזוי אַלט ווי ס׳איז אַלט אָרגאַניזירטע באַוואוסטזיניקע דערציאונג בכלל. יעדער דור, און געוויס יעדע עפּאָכע, גיט זיין ענטפער אויף דער פראַגע דורך דעם אַקצענטירן אַ באַשטימטע פּאַזע פון דערציאונג, בהסכם מיט זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן געבוי, מיט זיין אויפנע־מען דעם תוך פון קולטור, און מיט זיינע אַנגענומענע סאָציאַלע אידעאַלן. אַזוי האָט מען אין פאַרשיידענע צייטן געלייגט געוויכט ס׳רוב אויף איינעם, אָדער אויף עטלעכע, פון אָט די מאָמענטן: מלוכה, לאַנד און וועלט־ביר־גערשאַפט, געטריישאַפט צום פאָלק, רעליגיע, מאָראַל, קולטור־אוצרות פון דער פאַרגאַנגענהייט, נייע קולטור־שאַפונגען, צוגרייטונג צום לעבן, צופּאַ־סונג צו דער צייט, רעוואָלט קעגן דער צייט, רעוואָלוציע בכלל, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג, די אַנטוויקלונג פון דעם יחיד, זיין אויסלעבן זיך, זיין שעפערישקייט, וכו׳ וכו׳.

מיר, יידישע דערציער, זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַלגע־מיינער דערציאונגס־וועלט. ווי דערציערס און טעאָרעטיקערס פון דער־ציאונג, האָבן מיר די זעלביקע פּראָבלעמען ווי די דערציערס פון אַנדע־רע פעלקער איבער דער גאַרער וועלט. אונדזער אַלגעמיינער טעאָרעטי־שער און פילאָזאָפישער אַנאַליז פונעם ציל פון דער יידישער דערציאונג איז, אין תוך גענומען, נישט קיין אַנדערער ווי דער וואָס איז גאַנגבאַר אין דער אַלגעמיינער דערציערישער וועלט. אָבער אַלע יידישע דערציערס זיינען מסכים, אַז אַ הויפּט־ציל אין אונדזער יידישער דערציאונג, און אפשר דער הויפּט־ציל, איז צוצובינדען דאָס יידישע קינד צום יידישן פאָלק. מעג איינער פון אונדז געהערן צו דער פּראָגרעסיווסטער ריכטונג אין דער־ציאונג און זיין אַנטשלאָסן צו באַטראַכטן די יידישע דערציאונגס־פּראָבלעם אויסשליסלעך אין „ריין פּעדאַגאָגישע״ קאַטעגאָריעס, מוז ער אַלץ אָננעמען, אַז אונדזער צענטראַלער דערציאונגס־ציל איז דער נאַציאָנאַלער. אָט דער באַזונדערער צוגאַנג איז — אַבסאָלוט באַדינגט פון אונדזער ספּעציפישער לאַגע ווי דערציערס ביי אַ פאָלק אין גלות.

אַלע יידישע דערציערס מוזן אַנערקענען, אַז אויב מיר ווען בישט אין זינען האָבן פאַר אַלעס און איבער אַלעס אָט דעם צענטראַלן ציל, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון אונדזער פאָלק, פאַר דעם המשך, און פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און באַרייכערונג פון אונדזער פאָלקס־קולטור. דער עיקרדיקער ציל פון דער יידישער דערציאונג איז דעריבער אַן עמאָציאָנעלער. דער ציל איז, אַז ביי אונדזערע אויפֿוואַקסנדיקע תלמידים זאָל אַנטוויקלט ווערן אַ שטאַרקער אומצעשטערלעכער צובונד צו אונדזער פאָלק אין אַלע דריי צייט־דימענסיעס: עבר, הווה און עתיד. מיר מוזן ביי זיי אַנטוויקלען דעם אייזן־פעסטן ווילן אַנצוהאַלטן אויפֿן גאַנצן לעבן די צוזאַמענגעבונדנקייט מיטן פאָלק. אונדזער פּרימערע זאָרג איז, אַז ס'זאָל אין אונדזערע תלמידים זיך אויסשמידן אַ געפיל פון אחריות פאַר דער געשיכטע און פאַר דעם גורל פונעם פאָלק. אונדזערע תלמידים דאַרפן אַזוי קאָנדיציאָנירט ווערן, אַז זיי זאָלן גאָר אַנדערש ניט קאָנען לעבן, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, נייערט ווי יידן.

אַלע יידישע דערציערס פון אַלע מעגלעכע ריכטונגען זיינען מסכים, אַז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם יסודותדיקן ציל פון דער יידישער דערציאונג, איז דער אינטעלעקטועלער מאָמענט ביז גאָר וויכטיק. דער אויפוואַקסנדיקער יונגער מענטש דאַרף זיין איינגעוואָרצלט אין אונדזער קולטור. ער דאַרף קענען אונדזער געשיכטע; ער דאַרף שכלדיק באַנעמען אונדזערע אידעאַלן; די קלאַנגען פון אונדזערע שפּראַכן — יידיש און העברעאיש, דאַרפן זינגען אין אים און אַרויסזינגען פון אים. אָבער ס'גיבן צו אַלע, אַריינגערעכנט אויך די עקסטרעמסטע אָנהענגערס פון דעם פּעדאַגאָגישן אינטעלעקטואַליזם, אַז וויסן און קענען אַליין איז ניט גענוג, אַז דאָס וויסן מוז זייער שטאַרק עמאָציאָנעל באַאַרבעט ווערן. ס'איז אַן אָנגענומענער כלל, אַז נאָר דורך דעם האַרמאָנישן צוזאַמענגיסן זיך פון דעם אינטעלעקטועלן און דעם עמאָציאָנעלן, קען דער דערציערישער ציל בכלל, און דער ספּעציפֿישער יידישער ציל בפרט, פאַרווירקלעכט ווערן אין דער פולער מאָס.

מיר דוכט, אַז מיר קענען עס אָננעמען שיר נישט ווי אַן אַקסיאָמע, אַז דער בעסטער מיטל צוצובינדן דאָס קינד צום פאָלק — איז דורכן שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן, אַז דאָס קינד זאָל לעבן ווי אַ קינד אינעם פאָלק און מיטן פאָלק. דורך דעם וועט ער ממילא אַזוי קאָנדיציאָנירט ווערן, אַז אין זיין שפּעטערדיקן לעבן ווי אַ דערוואַקסענער, זאָל עס זיין פאַר אים נאַטירלעך צו לעבן אינעם פאָלק און מיטן פאָלק.

מיר אַלע דערוואַקסענע, וואָס האָבן געקראָגן אונדזער פריע דערציאונג אין דער אַלטער היים, ווייסן, אַז אונדזער צובונד צום פאָלק איז ביז צו זייער אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אונדזערע קינדהייט־זכרונות. ס'איז אמת, אַז אַ סך באַקאַנטע דערוואַקסענע, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין אַ

דורכאויסיקער יידישער סביבה, זיינען שפּעטער פון איר דערוווייטערט געוואָרן; זייער לעבן ווי יידישע דערוואַקסענע, ווייזט אַרויס ווייניק סימנים פון די פריע איינפלוסן פון זייער לעבן ווי יידישע קינדער. מיר מוזן אָננעמען, אַז די סיבה פאַר דעם איז אַ פּנים דאָס, וואָס זייערע קינדהייט־איבערלעבונגען זיינען געווען פאַרבונדן מיט אומאַנגענעמע אַסאָציאַציעס; זיי זיינען אַזוי אַרום געוואָרן קאָנדיציאָנירט נעגאַטיוו. מיר קענען דאָס בלי כל ספק צושרייבן צו פּסיכאָלאָגישע דעפעקטן פון דער אַלטער דערציאונג; דער שטרענגער חדר, די דיקטאַטאָרישע פּעדאַגאָגיק פון די מלמדים און פון די עלטערן, די אָרעמקייט, די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, די קאָנפליקטן צווישן דער אַלטער סטאַטישער וועלט און די נייע שטרעבונגען און אַספּיראַציעס פון דער יוגנט — דאָס זיינען אַלץ פאַקטאָרן וואָס האָבן משפּיע געווען אין דער ריכטונג פון אַ נעגאַטיווער קאָנדיציאָנירונג פון אַט די דערווייטערטע יידן. אַ וויכטיקן חלק אין אָט דעם פּראָצעס פון דערווייטערונג האָבן אויך געהאַט אידעאַלן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין זייער שפּעטערדיקן לעבן, ווי אַסימילאַציע, קאָסמאָפּאָליטיזם און אַנדערע. מ׳קען זיך אין פלוג אפילו וואונדערן, ווי אַזוי שטרעבונגען און אידעאַלן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דעם שפּעטערדיקן לעבן, האָבן געקענט ווערן אַ שטאַרקערער דעצידירנדיקער כוח איידער די ערשטע השפּעות פון די קינדהייט־יאָרן, פון די יאָרן ווען דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט ווערט פאָרמירט. דאָס איז אָבער נאָר אַן אויבן־אויפיקער בליק אויף דעם פּראָצעס. ווען מיר קוקן אַריין טיפער און גרינטלעכער אין דער פּסיכיק פון אָט די דערווייטערטע, ווערט אונדז קלאָר, אַז קיינער פון זיי האָט זיך באמת נישט אָפּגעריסן פונעם פאָלק און פון זיינע טראַדיציעס, אַז זיי אַלע ווערן באַהערשט פון צייט צו צייט, און בעיקר ביי קריטישע מאָמענטן אין זייער פּערזענלעכן לעבן, פון אַ גוואַלדיקער בענקשאַפט נאָך יידישקייט, נאָך יידישער סביבה און נאָך אַ יידיש לעבן. דאָס צו־להכעיסדיקע פאַרהאַלטן זיך צו געוויסע פאָרמען פון יידישקייט איז אָפט ניט מער ווי אַ באַהאַלטעניש און אַ מאַסקע פאַר אָט דער טיפער בענקשאַפט. אונדזער גאַנצע יידישע און העברעאישע ליטעראַטור פונעם לעצטן יאָרהונדערט, זאָגן עדות אויף אָט דעם קרע שבלב, אויף דער צעריסנקייט און אַמביוואַלענץ.

לכן מיין איך, אַז מיר קענען אָננעמען, אַז אָנגענעמע קינדער־זכרונות זיינען פונדאַמענטאַל וויכטיק ביים פאָרמירן דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט. די יום־טובים פאַרנעמען אַן אָרט אין דער שפּיגלוואַנט פון די קינדערישע זכרונות, פון די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, וואָס פאָרמירן די דערוואַקסענע פּערזענלעכקייט.

די מאָדערנע יידישע דערציאונג האָט פון איר סאַמע אָנהייב אָן, מיט לערך 35 יאָר צוריק, געלייגט גרויס געוויכט אויף די יום־טובים, דאָס שולערנען איז געווען קאָנצענטרירט אַרום די יום־טובים. יום־טובים־פייע־

רונגען און צערעמאָניאַלן האָבן פאַרנומען אַן אויבן אָן אין דעם שול־לעבן. יום־טובים־פאָלקלאָר און פאָלקסטימלעכקייט זיינען געווען פונדאַמענטאַל אין דעם קוריקולום פון דער מאָדערנער יידישער שול. אַ גרויסע יום־טובים ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן אונטער דעם סטימול פון דער נייער יידישער דערציאונג. אונדזערע לערן־ביכער אין יידיש און אין העברעאיש זיינען אויף דעם דער בעסטער עדות.

אין געוויסע קרייזן האָט מען געמיינט, און מ׳האָט אונדז דאָס שטאַרק פאָרגעוואָרפן, אַז מיר מאַכן אַ קולט פון די יום־טובים. אין דער אָרטאָדאָקסישער דערציאונגס־וועלט האָט מען אונדז חושד געווען, אַז מיר ווערן „יום טובדיקע״ יידן, (שיר ניט ווי די רעפאָרמער) בעיקר דערפאַר ווייל מיר ווילן ניט טראָגן דעם עול פון וואָכעדיקער שווערער יידישקייט. מיר דוכט, אַז ערלעך־דענקנדיקע מענטשע וויסן שוין היינט, אַז דאָס איז ניט אמת. אפילו אין די קרייזן פון אונדזערע ביטערסטע קעגנער אַנערקענט מען איצט, אַז מיר, די מאָדערנע יידן, די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע, האָבן אויף זיך גענומען זייער אַ סך חומרות: מיר זוכן איבערצובויען דאָס יידישע לעבן איבער דער גאָרער וועלט; מיר האָבן אויפגעהויבן פאַר אונדזער יוגנט די פאָן פון חלוציזם, פאַר ארץ ישראל און פאַר די תפוצות; מיר זוכן אויפצוהאלטן און אויפצולעבן יידיש און העברעאיש ווי א נאַציאָנאַלן לבוש און ווי כלים פאַר גרויסער קולטור־שאַפונג; מיר ווילן ממשיך זיין און פאַרווירקלעכן די סאָציאַלע אידעאַלן פון דער טראַדיציאָנעלער היסטאָרישער יידישקייט פון די נביאים, דורך די פרושים, ביז צום מוסר פון ר׳ ישראל סאלאנטער; מיר ווילן אַריינברענגען קדושה אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. מ׳קען דעריבער לחלוטין אויף אונדז נישט זאָגן, אַז מיר ווילן נישט טראָגן דעם עול פון שווערער יידישקייט.

מיר האָבן אַקצענטירט דעם יום־טוב, ווייל דאָס טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע לעבן פונעם יידישן פאָלקס־מענטשן און פונעם יידישן אָרום, איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון יעדער יידישער יום־טובדיקייט, און איז געוואָרן ניוועלירט מיטן פרעמדן אָרום. די פאַרגעניגנס, די הנאה־מאָמענטן, די מאָמענטן פון אויסגעשפאַנטקייט פון דער וואָכעדיקייט און פון געשפאַנטקייט צו דעם נישט געוויינלעכן, זיינען געוואָרן ניט־יידיש אין אינהאַלט און אין פאָרם. מיר האָבן דעריבער געזען אין די יום־טובים די איינציקע שטאַרקע מעגלעכקייט צוריקצוברענגען דאָס יידישע לעבן אויף די רעלסן פון היסטאָרישער יידישקייט. מיר האָבן געגלייבט, און מיר גלייבן, אַז דורך יום טובים קען מען אַריבערטראָגן אין דעם וואָכעדיקן יידישן לעבן — דעם קאָלאָריט, דעם טאָן, און די שפּאַנונג פון יידישקייט. מיר גלייבן, אַז ביי אונדז, ווי ביי אַלע אַנדערע נאָרמאַלע פעלקער איז דער יום טוב אַ גרויסער דעצידירנדיקער נאַציאָנאַל־דערציערישער פאַקטאָר.

מיר מיינען אַז מיר האָבן דאָ אייגנטלעך גאָר קיין נייס ניט אַריינגע־

בראַכט, מחמת נישט נאָר אין אונדזער דור, נאָר אין אַלע דורות איז דער יום טוב געווען דער דערקוויקונגס־מאָמענט און דער ליכט־און־הויך־פּונקט פונעם נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוון און פון דעם אינדיווידועלן לעבן.

ווי אויבן געזאָגט, די יום־טובים זיינען אַ וויכטיקער דערציערישער פאַקטאָר ביי אַלע פעלקער — על אחת כמה וכמה ביי אונדזער פאָלק, אין אונדזער ספּעציפישער לאַגע. דורך אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע, ביז דער נייער צייט, זיינען די שבתים און די יום־טובים געווען אָט די דער־פרישנדיקע פּאַוזעס אינעם יידישן לעבן, ווען דער ייד האָט זיך דערפילט דערהויבן, ווען, צו באַנוצן היינעס באַרימטע פראַזע, „דער ייד איז צוריק מגולגל געוואָרן פון אַ הונט אין אַ פּרינץ״, אי אין דעם עקאָנאָמישן זינען, אי אין זיין שייכות צו די אומות העולם. אין דער נייער צייט, ווען דער יידי־שער מענטש איז נאָך מער אין גלות ווי ווען פריער, ווען ער איז אין אַ גייסטיק קולטורעלן גלות, סיי ביי זיך און סיי ביי זיינע נישט־יידישע שכנים, טראָגט דער ייד טיף אין זיך אַ געפיל פון שולדיקייט לגבי דעם יידן אין זיך; באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, פילט ער זיך דערשלאָגן איבער דער אָפּפרעמדונג פון זיך אַליין. דורך די יום טובים קויפט זיך דער מאָדערנער ייד אויס פון זיין שולדיקייט־געפיל און פון זיין דערשלאָגנקייט.

די יום־טובים דינען ווי צענטראַלע מאָמענטן אינעם יידישן לעבן: מאָמענטן פון אינטערעס, פון אויפמונטערונג און פון אָפּפרישונג, פון דער־מאָנונג און פון דערוואַכונג. זיי ברענגען דעם דערוואַכטן יידישן מענטשן צוריק צום פאָלק, און ווער קען דאָס מעסטן און אָפּשאַצן אויף וויפל די געציילטע שעהן ווירקן אויף דעם גאַנצן וואָכעדיקן לעבן? אפילו ביי די דערווייטערטסטע יידן זיינען נאָך דאָ יום־טובים, וואָס פרישן זיי אָפּ יידישלעך און גייסטיק־מענטשלעך, ווי למשל פּסח און ימים נוראים. אין דער פאַרבינדונג איז כדאי צו געדענקען די וויכטיקייט פונעם סדר אין דעם לעבן פון „דזשייק״ אין דעם ראָמאַן „די ווייסטלענד״ פון דזשאָ סינקלער. זיין גאַנץ פּסיכיש לעבן ווערט באַרירט און באַווירקט פונעם סדר. דער סדר גיט אים אַן אינטואיציע פון אַ יידישקייט וואָס איז אים לחלוטין פרעמד, און ברענגט אים צו אַ איבערלעבונג פון געהויבענער מענטש־לעכקייט, מ׳וואָלט דאָ געקענט ברענגען דאָס עדות־זאָגן פון אַ סך דערווייי־טערטע יידן. (זע בעיקר דעם סימפּאָזיום פון עלף אַמעריקאַנער שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם אין „קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד״).

ב

יום טובים זיינען שטאַרק וויכטיק אינעם לעבן פון אַלע פעלקער און פון אַלע מענטשן קינדער. מיר מיינען, אַז ס׳וועט פאַר אונדז דאָ גענוג זיין נאָר אָנצואווייזן אין ראשי פּרקים אויף עטלעכע מאָמענטן פון דער באַדיי־טונג פון יום־טובים אין מענטשלעכן לעבן. מיר וועלן דורך דעם קלאָרער

באַגרייפן און אָפּשאַצן זייער דערציערישע וויכטיקייט און ממילא זיך אָנשלאָגן אויף די פּרינציפּן און מעטאָדן ווי אַזוי זיי געהעריק אויסצונוצן אין אונדזער דערציערישער אַרבעט.

יום־טובים גרונטעווען אין דער נשמה פון פאָלק. זיי זיינען דער דינאַ־מישסטער טייל פון דער לעבעדיקער פאָלקס־קולטור. זייער אָנהויב איז אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון פאָלק און פון דער מענטשהייט. זוכסטו אויסצופאָרשן דעם עיקר, דעם אורשפּרונג און דעם אָנהויב פון דעם יום־טוב, איז ווי ווייט צוריק דו זאָלסט ניט גיין, פירט דיך דיין זוכן און נישטערן אַלץ ווייטער און ווייטער, אָט ווי ווען דו זוכסט דעם אָנהויב פון אַ גרויסן טייך. דער יום־טוב איז נישט עפּעס וואָס איז איינמאָל אויפגע־קומען און איז שוין אַזוי פאַרבליבן. ס׳דוכט זיך דיר, אַז ער האָט ניט קיין אָנהויב און וועט נישט האָבן קיין סוף. ער האַלט זיך אין איין פורעמען, אין איין וואַקסן. ער בייט זיך, און מיט און ביי אַלע בייטענישן בלייבן דאָך לעבעדיק און פריש אַלע פריערדיקע פאַרמאַציעס. יעדער דור, אָדער יעדע עפּאָכע לייגט אַריין נייע כוונות און נייע מאָטיוון אין דער אויסטייטשונג פונעם יום־טוב, אין הסכם מיט זיין קולטורעלער און היסטאָרישער אַנט־וויקלונג. יעדער יום־טוב איז נישט נאָר אַ שטיק געשיכטע — ס׳איז די גאַנצע פאָלקישע און מענטשלעכע געשיכטע, געשיכטע אין אחד העמס זינען פון וואָרט (אין זיין עסיי וועגן משה רבינו).

יעדער יום־טוב, אָט אַזוי ווי אַן אוראַלטער בוים, פאַרבאַהאַלט אין זיך אַ סך שיכטן, און אַלע זיינען האַרמאָניש צוזאַמענגעוועבט און זיי פאָרמירן איין גאַנצקייט. אין פאַרשיידענע צייטן ווערט דער אַקצענט געלייגט אויף איינעם אָדער אויף עטלעכע מאָמענטן פון די היסטאָרישע מאָטיווירונגען און אויסטייטשונגען ; אַנדערע ווערן געשטעלט אין הינטערגרונט, זיי פאַרשווינדן אָבער נישט : ס׳קומט אויף אַ נייער דור, און דער אַקצענט ווערט ווידער איבערגערוקט ; מאָמענטן וואָס זיינען געווען אין הינטערגרונט ווערן אַרויסגערוקט אין פאָרדערגרונט. אין איין און דעמזעלבן דור לייגן אַריין און לייענען אַרויס פאַרשיידענע גרופּעס פון פאָלק, און פאַרשיידענע יחידים, מהרהורי לבם אין דעם יום־טוב.

אין דעם יום־טוב פילט זיך דער אַראָמאַט פונעם גאַנצן פאָלק. אין תלמוד ווערט געטייטשט דער פּסוק „כי חוק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב״,—אַז דאָס, וואָס ס׳איז אַ חוק לישראל ווערט אַ משפט לאלהי יעקב. דער יום־טוב פאַראייניקט דאָס גאַנצע פאָלק ; ער איז דער אויסדרוק פון דעם פאָלקסאיינהייט. ווי אָפּגעריסן און דערווייטערט אַ מענטש זאָל ניט זיין, אינטעלעקטועל, מאָראַליש, סאָציאַל און אינדיווידועל פון זיין משפחה, דערפילט ער זיך נאָענט און איינס מיט איר ביי משפחה־צוזאַמענקונפטן. דאָס אייז פון דער דערווייטערונג גייט אָפּ, אָנגענעמע זכרונות טויכן אויף,

באַנדן אויפגעלייזטע קומען זיך צוזאַמען און אויף אַן אומגעזעענעם אופן בינדן זיי אים ווידער צונויף מיט זיין קינדהייט, מי טזיך אַליין, און מיטן גאַנצן געוועב וואָס הייסט משפחה. דאָס זעלבע געשעט ביי אים אום יום־טוב אויך אין שייכות מיט דער גרעסערער משפּחה, מיט פאָלק און מיט דעם פאָלקס־קולטור.

דער יום־טוב איז דער קאָנצענטרירטער אידעאַליזם פונעם פאָלק. דאָס פאָלק שרייבט צו און גיט צו די אידעאַלסטע מאָטיוון פאַרן יום־טוב. דער יום־טוב איז דער אויסדרוק פאַר דעם פאָלקס שטרעבן צו שיינקייט; זיין געפיל און בענקשאַפט נאָך שיינקייט, וואָס ווערט אָפט איבער פאַר־שיידענע טעמים, באַהאַלטן און דערשטיקט, קומט דאָ צום העכסטן אויסדרוק.

דער יום־טוב האָט אַ טיפן ביאָלאָגיש־היגיענישן טעם. ער איז אַ מייל־שטיין אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם פאָלקס־מענטשן. ער גיט אים אָפּרו פון דער וואָכעדיקייט, גרויקייט און ברוטאַלער שווערקייט פון דעם געוויינלעכן לעבן. ער שאַפט פאַר אים אָפּפרישונג פון קערפּער און פון גייסט. דער מענטש לאָזט לויז אין זיך די ערנסטקייט און די אָנגע־שטרענגטקייט. אמת, ער נעמט אויף זיך אַ נייע אָנגעשטרענגטע ערנסטקייט ביים רעליגיעזן צערעמאָניאַל און ריטואַל. ס׳איז אָבער דאָרט פאַראַן אויך שפּילעוודיקייט, ווי אין יעדער קינסטלערישער, און בעיקר דראַמאַטישער איבערלעבונג. דער יום־טוב הייבט די אַליין־חשיבות פונעם מענטשן. ער באַפרייט אים אי פון סאָציאַלער אומגלייכקייט אין דער אייגענער סביבה, און אי פון נאַציאָנאַלער שפלות לגבי דער אַרומיקער וועלט. דער יום טוב נעמט איבער און איז מפסיק אבילות ביים יחיד און ביים פאָלק. לאָמיר זיך דערמאָנען ווי דער מלמד גדליה, אין יהודה שטיינבערגס דערציילונג, מאַכט אונדז דעם חשבון פון זיין גאַנץ לעבן — עס איז איין שטיק יום־טוב. די הפסקה צווישן איין יום טוב און דעם צווייטן איז אַ געשפּאַנטע פייערלעכע צוגרייטונג. שטאַרק אימפּאָנירנדיק אין זיין באַשרייבונג פון דער גייסטיקער און פיזישער הנאה וואָס ער האָט פון דעם מקיים זיין די מצוות.

דער יום טוב איז ביי אַלע פעלקער, און נאָך מער ביי אונדז, אין אַלע דורות, אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ פּעדאַגאָגישער מיטל (למען תספר לדור אחרון — והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר — דער סדר בכלל, די חד־גדיא). אָט דער פּעדאַגאָגישער מאָמענט האָט אפשר געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם באַשטימען די יום־טובים־פייערונגען און דעם יום־טוב־ריטואַל. ווי רייך די יום טובים אין סימבאָלן און ווי גרויס איז דער דידאַקטיש־פּעדאַגאָגישער כוח זייערער!

קינדער זיינען צום נאָענטסטן צו די יום־טובים. איר ווערט באַהערשט פון דעם געפיל, אַז דער פאָלקס גייסט האָט אין זיין גרויסער ביאָלאָגישער חכמה, זיי ווי ספּעציעל געשאַפן פאַר די קינדער. קינדער און יום־טובים דאָס זיינען איינס. פאָלקס יום־טובים גרונטעווען אין דער היסטאָרישער

קינדהייט פונעם פאָלק, אפילו אויב מיר נעמען היינט שוין ניט אָן די רעקאָ־פיטולאַציע־טעאָריע אין איר גאַנצקייט, איז פאָרט אמת, אַז דאָס קינד לעבט דורך אין זיין אַנטוויקלונג אַ סך פון די פאַזעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און פונעם פאָלק. — דאָס קינד איז יום־טוב; זיין נשמה לעכצט נאָך שיינקייט און נאָך פייערלעכקייט. דער פאָלקס־קאָלעקטיוו און דער יחיד וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם מיאוסן מאַנטל פון אַלטקייט און צירן זיך ווידער אין די העלע בגדים פון קינדהייט דורך דעם פייערן דעם יום־טוב צוזאַמען מיט די קינדער. דער דערוואַקסענער לעבט ווידער איבער זיין קינדהייט דורך דער יום־טוב־פרייד פון זיינע קינדער. די יידישע היים קריגט ווידער איר יידישן תיקון.

ולכן איז קלאָר די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די גרויסע מעג־לעכקייט, וואָס די יידישע שול און די יידישע דערציערס האָבן, ווען זיי נוצן אויס אין דער פולסטער מאָס דעם יום־טוב מאָמענט אין דער יידישער דער־ציאונג. דאָ קען געלייגט ווערן דער יסוד פאַר אַ דויערנדיקער פאַרבינדונג מיטן פאָלק, אינעם ברייטסטן און טיפסטן זינען פונעם וואָרט. דאָ קען גע־שאַפן ווערן אַ שטאַרקע השפּעה אויפן גאַנצן לעבן. דאָ קען אָנגעזאַמלט ווערן אַ רעזערוואואַר פון קינדהייט־זכרונות, פון וועלכע דער אויפ־וואַקסנדיקער מענטש וועט שעפּן זיין גאַנץ לעבן צוגעבונדנקייט צום פאָלק און אינספּיראַציע פאַר זיין יחידיש־שעפערישן לעבן.

ג

די יידישע יום טובים זיינען אַ וואונדערלעכער צענטראַלער מאָמענט, אַרום וועלכן צו פּלאַנירן דעם קינדס אַלזייטיקע יידישע אויסבילדונג, אָט דער מאָמענט שטימט אפשר מער ווי וועלכער עס איז ניט אַנדערער מאָמענט אין אונדזער שול קוריקולום מיט גאָר אַ גרויסער צאָל פאָדערונגען פון דער מאָדערנסטער פעדאַגאָגיע. 1) דער יום־טוב האָט אַ שטאַרקע אחיזה אין דעם רעאַלן לעבן; דורך דעם יום־טוב ווערט דאָס קינד פאַרבונדן מיטן לעבן פון די דערוואַקסענע, מיט דער געזעלשאַפט פון די גרויסע. 2) דער יום־טוב רעגט און וועקט דעם אינטערעס און די וויסן־גיריקייט פונעם קינד; דאָס קינד זעט אין דער היים און אין שול צוגרייטונגען צום יום־טוב, אינטערעסאַנטע מאָמענטן פונעם יום־טוב־ריטואַל; ער וויל וויסן וועגן זיי און פאַרשטיין מאי קאָ משמע לן. 3) דער יום־טוב פאַרמאָגט אנגענעמע אַסאָציאַציע־עלעמענטן פאַרן קינד (נייע קליידער, נישט געוויינלעכע מאַ־כלים, שול, באַזוכן, פריינטלעכע היים־אַטמאָספער, גרעסערע משפּחה־צו־זאַמענגעבונדנקייט). 4) דער יום־טוב האָט עלעמענטן פון אַקטועלן טאָן און באַטייליקן זיך מצד דעם קינד אין דער וועלט פון די גרויסע (קידוש, סדר, שול־גיין, מצוות מעשיות. 5) כמעט יעדער יום־טוב האָט אין זיך דראַמאַ־טישע עלעמענטן. 6) דער יום־טוב סטימולירט דעם עסטעטישן טריב אינעם

לעבן פון די דערוואַקסענע: ער איז רייך אין סימבאָליק, ריטואַל און צערעמאָניאַל. דאָס קינד ווערט אין דעם מיטבאַטייליקט. — דאָס זיינען אַלץ זייער וויכטיקע מאָמענטן אינעם פסיכישן לעבן פונעם קינד.

איך געפין פאַר נייטיק זיך אָפּצושטעלן וועגן דעם ערשטן פון די אויבן אויסגערעכנטע פעדאַגאָגישע עלעמענטן — אחיזה אינעם רעאַלן לעבן. ס'איז פאַראַן אַ ווייט פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז מיר טרייבן זייער פיל איבער, ווען מיר זאָגן, אַז דער יידישער יום־טוב אין אַמעריקע האָט נאָך אַ שטאַרקע אחיזה אינעם רעאַלן לעבן פון די דערוואַקסענע און פון די קינדער. אָט די מיינונג נעמט זיך פון דעם נאַטירלעכן פאַרגלייך, וואָס מיר דערוואַקסענע, וואָס קומען פון דער אַלטער היים, מאַכן צווישן דעם שטאַרק פולסירנדיקן ריטעם פון דעם פאָלקסטימלעכן לעבן אינעם שטעטל פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, און צווישן דעם יידישן לעבן־שטייגער פונעם גרויס־שטאָטישן אַמעריקאַנער יידישן מענטש. אויבן־אויף גענומען זעט אונדז די יידישקייט אויס ווי אַ ריין־אויסערלעכע און אפילו ווי אַ היפּאָקריטישע לעבנס־פאָרם. ס'איז אָבער פאַלש אָנצווענדן אונדזער מאָס אויף די הי־געבוירענע קינדער. דאָ קומט אויפן זינען דער אינטערעסאַנטער היסטאָרישער פאַראַלעל וואָס ווערט דערציילט וועגן דעם צווייטן בית המקדש. מיר לערנען, אַז ווען דער צווייטער בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן, זיינען געשטאַנען די פונעם עלטערן דור, וואָס האָבן נאָך געזען דעם ערשטן בית המקדש אין זייער גאַנצער גלאָריע, און האָבן געוויינט. אַקעגן אָבער זיינען די פונעם נייעם דור געשטאַנען מיט דער גרעסטער אַנטציקונג און יראת הכבוד פאַר דער שיינקייט פונעם נייעם בית־המקדש.

אַזוי האָט עס געמוזט זיין און אַזוי וועט עס שוין זיין. מיר פונעם אַלטן דור וועלן זיך שוין קיין מאָל ניט פילן גאַנץ מיט דער נייער יידיש־קייט אין אַמעריקע. מיר וועלן אַלץ פילן, אַז ס'איז „ניט דאָס". מיר וועלן האַלטן אין איין אַנטלויפן פון איין שול צו דער צווייטער; קיין שול וועט אונדז נישט צופרידנשטעלן. מיר וועלן אייביק זוכן דעם ווידערקלאַנג פון לאַנג פאַרקלונגענע און קיינמאָל נישט פאַרגעסענע אַקאָרדן. קלאַנגען, ניגונים, ריחות און זכרונות. מיר זוכן דערביי סיי אונדזער פאַרלאָפענע און קיין מאָל נישט צוריקקומענדיקע קינדהייט, און סיי אָט די גאַנצע יידישקייט, וואָס איז מעגלעך געווען ביי געוויסע באַדינגונגען אינעם קליינעם שטעטל, און וואָס קען אָבער דאָ אין דעם גרויס־שטאָטישן אַמעריקאַנער גלות ניט רעפּראָדוצירט ווערן. אָט די בענקשאַפט און אומצופרידנקייט איז אַ וויכ־טיקער פסיכישער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן. זי קען ווערן אַ קאָנסטרוק־טיווער כוח, ווען זי סטימולירט אונדז אין אונדזער פּראָטעסט קעגן דער בלאַסער און אָנעמישער יידישקייט אין אַמעריקע צו באַשאַפן אַזעלכע מאָק־סימאַלע באַדינגונגען פאַר אויסבעסערונג און פאַרשטאַרקונג, וואָס זיינען נאָך מעגלעך אפילו ביי אונדזערע ניט גינסטיקע באַדינגונגען.

וואָס ס׳איז נוגע אונדזערע קינדער זאָג איך מיט פולער איבערציי־גונג, אַז אפילו די רעליגיעזע ייִדישקייט וואָס מיר האָבן דאָ, קען זיי עמאָ־ציאָנעל שעפעריש באַווירקן און קען אויף זיי האָבן אַ דויערנדיקע השפּעה. אָט די פּאַראַנענע ייִדישקייט איז זייער ווירקלעכקייט: זיי האָבן נישט קיין מאָס מיט וועלכער צו פאַרגלייכן און צוליב וועלכער, אין אַ געוויסער מאָס, אָפּגעשטויסן צו ווערן פון דעם פאַראַנענעם. אוודאי דאַרפן מיר, זייערע דערציִערס, זיי סטימולירן און אַרויסרופן אין זיי אַ בענקשאַפט נאָך אַ מער גאַנצער און שענערער ייִדישקייט. מיר דאַרפן אין זיי אַרויסרופן דעם באַ־גער צו ווערן, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר אין דער באַשאַפונג פון אָט דער גאַנצער און שענערער ייִדישקייט. אונדזערע דער־ציִערישע באַמיאונגען, מיט און פאַר אונדזערע קינדער, און טאַקע בעיקר אויפן געביט פון דעם יום־טובים קאָמפּלעקס אין אונדזער קוריקולום, קענען ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם פאַרווירקלעכן אָט די שטרע־בונג צו געבן ייִדישקייט אין אַמעריקע אַ שענערע און שטאַרקערע אחיזה אינעם לעבן.

דערווייל אָבער לאָמיר קוקן מיט אונדזערע קינדערס אויגן אויף זייער ווירקלעכקייט און זען, וואָס גיבן זיי די היגע יום־טובים, און וואו ליגט דאָ די מעגלעכקייט פאַרן אויפבויען אַ רעזערוואואַר פון קינדהייט־זכרונות, וואָס זאָלן זיי קענען מיט אַ פּעולה באַדינען אין זייער שפּעטערדיקן לעבן.

פסח: סדר, קשיות, הגדה, אפיקומן, ארבע כוסות, ניס, מצות, זייער טאַטנס ניגונים, (וואָס ווי שלעכט און פאַלש זיי זאָלן ניט זיין, ווערן זיי ביי די קינדער טראַדיציע), די לידער וואָס די קינדער ברענגען פון דער ייִדישער שול, נייע קליידער, פאַמיליע צוזאַמענקונפטן.

שבועות: מילכיקס, פרילינג, ספּעציעלע שול־ניגונים.

ימים נוראים: דאָס שופר בלאָזן, דער עצם פאַקט אַז ימים־נוראים גייט מען יאָ אין שול, די תפילות, דאָס ווינטשן זיך, לשנה־טובה׳ס שיקן, כל נדרי, דאָס פאַסטן, דאָס שטיין אַרום שול וכו׳ וכו׳.

סוכות: די סוכה, דאָס סאַמע זען די ארבעה מינים, דאָס הושענא קלאַפּן.

שמחת תורה: די הקפות, די פאָן, די פריילעכקייט אין שול, די פאַ־מיליע־שמחות.

חנוכה: ליכטלעך, דריידל, חנוכה לאַטקעס, מתנות, שול־פייערונגען, שול־קאָנצערטן.

פורים: די מגילה, קלאַפּן המנען, פורים־גוטס, שלח־מנות (אויף וויפל ס׳ווערט נאָך איינגעהאַלטן), פורים־מאַסקאַראַד אין שול און כל המיני שמחות, וכו׳ וכו׳.

בקיצור, די קינדער האָבן דאָ אַן אוצר פון סימבאָלן, צערעמאָניאַלן, איבערלעבונגען — אַ יסוד פאַר זכרונות און פאַר וואַרעמע ייִדישקייט־

גשפילן, ס'פאַרשטייט זיך אַז דאָ רעדט זיך נאָר וועגן אַזעלכע קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבן נים פאַרברענגט די בריק צום פאַלקסטימלעכן רעליגיעזן יידישן לעבן.

דערביי לאָמיר געדענקען די נייע מאָמענטן, וואָס ס'גיט זיך אונדז איין אַריינצוברענגען אין די יום־טובים. — ארץ ישראל, חלוציזם, קרן קימת. אונדז דערוואַקסענע זעען נאָך די מאָמענטן אויס ווי צוגעקלעפּטע, ווי נישט אָרגאַניש פאַרבונדענע מיט דעם היסטאָרישן יידישן יום־טוב. מיר דאַרפן אָבער געדענקען, אַז די מאָמענטן זיינען ממשותדיקע ווירקלעכקייט אין דעם היינט־צייטיקן יידישן לעבן, און אַז וואָס מער ערנסט, איבערציייגונג און אויספירלעכקייט מיר, מאָדערנע יידישע דערציערס, וועלן אין זיי אַריינ־לייגן, — אַלץ שטאַרקער וועט ביי אונדזערע קינדער ווערן די אַסאָציאַציע צווישן אָט די נייע מאָמענטן אין דעם אַלטן יום־טוב. דערביי וועט אונדזער דור ווערן אַ מיטשאַפער אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון יום־טוב־שאַפונג און אַנטוויקלונג.

ד

ווען יידישע דערציערס זוכן אויסצונוצן די יום־טובים אין דער פולער מאָס פאַר יידישע דערציערישע צוועקן, מוזן זיי זייער דאַנקבאַר זיין דער השגחה, דעם שר של ישראל, אָדער ווי מען זאָל עס ניט רופן, וואָס האָט אונדז מזכה געווען מיט יום־טובים דורך דער גאַנצער לענג פונעם יאָר. (ס'קומט אויפן זינען דער מאמר: רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות). תשרי האָבן מיר ימים נוראים און סוכות; כסלו — חנוכה; שבט — ט"ו בשבט; אדר — פורים; ניסן — פסח; איר — ל"ג בעומר; סיון — שבועות; תמוז — שבעה עשר בתמוז; אב — תשעה באב. אַזוי אַרום בלייבן אָן וויכטיקע ימים טובים אָדער געדענק טעג בלויז חשוון, טבת און אלול. דערביי זיינען די ערשטע טעג פון טבת די לעצטע טעג פון חנוכה, און אלול איז פיל מיט צוגרייטונג צו די ימים־נוראים*.

אָט דער יידישער לוח גיט אונדז לערערס וואונדערלעכע דערציערישע געלעגנהייטן. מ'וואָלט געקענט פּלאַנירן דעם גאַנצן קוריקולום פון דער יידישער שול אַרום די יום־טובים און ס'וואָלט זיך באַקומען אַ גוט באַלאַנ־סירטער, זייער פאַרשיידנאַרטיקער און רייכער קוריקולום. מיר שלאָגן דאָס ניט פאָר, ערשטנס דערפאַר, ווייל יידישע דערציערס זיינען בכלל נאָך נישט גרייט אָנצונעמען דעם פּראָיעקטן־מעטאָד, און צווייטנס, דערפאַר ווייל די וואָס זיינען עס יאָ גרייט צו טאָן, האַלטן, אַז ס'איז נייטיק צו האָבן מער ווי

* אַזוי ווי די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1946, איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דאָ, ווי אויבן, ווערט צווישן אַנדערע ימים טובים ניט דערמאָנט אויך יום עצמאות, דער יום־טוב פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער איינער פון די גאָר וויכטיקע ימים טובים אינעם שול קאַלענדאַר.

די רעדאַקציע

אין פראָיעקט אָדער צענטער. ס׳איז אָבער גאָר וויכטיק דאָ אָנצואווייזן אויף די דערציִערישע מעגלעכקייטן, וואָס די יום־טובים שטעלן מיט זיך פאָר, הן פון שטאַנדפּונקט פון דער אידעאָלאָגיע פון דער שול און הן פון שטאַנדפּונקט פון איר אַקטועלן קוריקולום. שאַצט מען דאָס אָפּ ווי געהעריק, ווערט דער יידישער לערער באַפרייט פון דער מורא, אַז צופיל אָפּגעבן זיך מיט די יום־טובים שטעלט מיט זיך פאָר אַ צייט־פאַרלוסט און ביטול תורה. אדרבא, ס׳ווערט קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר אַ געלעגנהייט צו אַקטואַליזירן דאָס לערנען, אַריינצוגעבן אין אים אַ חיות. אונדזער תורה ווערט דעמאָלט אַ תורת חיים אין דעם זינען פון דעם ביאַלער רבינס דעפיניציע פון תורת חיים (אין פּרצס „צווישן צוויי בערג״).

ס׳איז געגוג צו פּרובירן סומירן נאָטיץ־מעסיק און אין ראשי פּרקים די אידעאַלן פון דער מאָדערנער יידישער שול, צו זען ווי מערסטע פון זיי קריגן אַן אַדעקוואַטן אויסדרוק אין און דורך די יום טובים. וואָס זיינען די אידעאַלן, וואָס מיר דאַרפן זוכן כלערליי וועגן ווי זיי צו ברענגען צום פאָדערגרונד פון דעם באַוואוסטזיין ביי אונדזערע תלמידים, וואָס מיר דאַרפן געפינען די מאַטעריאַלן, אין וועלכע זיי ווערן אַקטואַליזירט, און סיטואַציעס, וואו מיר קענען זיי דראַמאַטיזירן? לויט מיין איינזען זיינען זיי:

1) יידן זיינען אַן אייביק פאָלק וואָס וועט קיין מאָל ניט אומגעבראַכט ווערן; מיר ווערן געראַטעוועט פון אַלע סכנות; 2) דער המשך פון יידישן לעבן דורך אַלע דורות און אַלע וועלט־טיילן; 3) די הייליקייט און וויכטיקייט פון דער יידישער משפּחה; 4) דאָס יידישע פאָלק פירט אַ שטענדיקן קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט און פאַר זיין באַפרייאונג; 5) די אייביקע שטרעבונג פאַרן ווידער־אויפריכטן דאָס יידישע פאָלק אין ארץ ישראל; 6) תורה לערנען ווי דער אַל־העכסטער אידעאַל, ווי דער דרך החיים פון דעם יידישן מענטשן; 7) סופּרעמע וויכטיקייט פון יעדן יחיד, די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן; די יידישע שטרעבונג צו הייליקייט; מיסטישע בענקשאַפט נאָך הייליקייט; 8) די וויכטיקייט פון מצוות מעשיות און פון טראַדיציעס אינעם יידישן לעבן, זייער כוח צו פאַראייניקן דעם יחיד מיטן כלל, דעם יחיד און דעם כלל היינט, מיט די יחידים און מיטן כלל אין אַלע צייטן; 9) אוניווערסאַליזם — פאַרבינדונג און פאַרברידערונג צווישן אַלע פעלקער און מענטשן־קינדער; 10) סאָציאַלע גערעכטיקייט, קעגנזייטיקע הילף און די באַשיצונג פון דעם שוואַכן; קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט; די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם יחיד פאַרן כלל; 11) משיחישער גלויבן און משיחישע האָפענונגען — נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע; 12) די שטרעבונג צו דעם שיינעם אינעם מענטשלעכן לעבן.

איך געפין ניט פאַר נייטיק אָנצואווייזן אין פּרטים, ווי אַזוי אָט די אידעאַלן געפינען אַ קרעפטיקן און אַקטועלן אויסדרוק אין די יום־טובים. מיר דוכט, אַז דאָס ליגט אויבן אויף, יעדער איינער קען זיך אַליין אויספילן

די פרטים. אוודאי זוכן מיר און מיר געפינען ביי אַלע אונדזערע לימודים די מעגלעכקייט צו אַקטואַליזירן אָט די אידעאַלן. ס׳דוכט מיר אָבער, אַז די יום־טובים גיבן אונדז די סאַמע קאָנקרעטע און לעבעדיקע סיטואַציעס צו דערציען אונדזערע תלמידים אויף די אידעאַלן. די יום־טובים מיט זייער רייכער סימבאָליק, מיט זייערע קאָלירפולע שול און היים־סיטואַציעס, באַשאַפן די אַטמאָספער, אין וועלכער די אידעאַלן שוועבן ממש אַרום. דערייבער גיבן זיי די גרעסטע מעגלעכקייט אויסצופּיינערן, צו פאַרטיפן און אויסצוברייטערן דעם קינדס אויפנעם פעאיקייטן פאַר די אידעאַלן. וואָס מער מיר טוען דאָס, אַלץ מער ווירקן מיר דערציעריש אויף דער וועלט פון די דערוואַקסענע. אַזוי אַרום באַשאַפן מיר די סביבה פאַר קליין און גרויס און מיר ווערן אמתע דערציערס.

און וואָס ס׳איז שייך דער מעגלעכקייט אַרום די יום־טובים אויסצונוצן גרויסע טיילן פון דעם קוריקולום פון דער יידישער שול — ווייסן מיר, אַז גאָר גרויסע טיילן פון די חמשה חומשי תורה זיינען פאַרבונדן מיט די יום־טובים. געווג צו דערמאָנען יציאת מצרים און קבלת התורה ווי דער באַזיס פון שבת און פון דער גרעסטער צאָל פון אונדזערע יום־טובים, צו זען אויף וויפל דאָס לערנען און איבערלערנען דעם חומש קען זיין פאַרבונדן מיט די יום־טובים. אַ סך פּרקים פון די נביאים באַציען זיך אויף די יום־טובים און די יום־טובים אידעאַלן. וויכטיקע אויסצוגן פון דער אַלטער און פון דער מאָדערנער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, וואָס מיר לערנען מיט אונדזערע קינדער, זיינען אַרום די יום־טובים (זע אַלע בעסערע העברעאישע און יידישע כרעסטאָמאַטיעס). שלום עליכמס וויכטיקסטע ווערק, וואָס אַפּעלירן צום שטאַרקסטן צו אונדזערע קינדער, זיינען קאָנצענטרירט אַרום די יום טובים („מעשיות פאַר יידישע קינדער״, „לכבוד יום־טוב״ און טיילן פון אַנדערע גרויסע ווערק). אַ סך פון פּרצס שענסטע פאָלקסטימלעכע דערציילונגען האָבן אין זיך יום־טוב־עלעמענטן. אונדזערע קלאַסיקער־פּאָעטן ווי רייזען, יהואש, ליעסין און אַנדערע האָבן געשריבן מוסטערהאַפטע דיכטונגען אינספּירירט פון די יום־טובים. (זע די יום־טובים־העפטן, אַרויסגעגעבן פון ש. שאַפּיראָ, וואָס זיינען זייער אַ גוטער אָנהייב אויף דעם געביט).

ה

וואָס דאַרף זיין דער צוגאַנג צו די יום־טובים אין דער מאָדערנער יידישער שול? מיר מוזן צוגעבן, אַז די פראַגע איז געשטאַנען פאַר די יידישע דערציערס זינט דעם סאַמע אָנהויב פון דער מאָדערנער יידישער שול. מאָדערנע יידישע דערציערס האָבן זיך דאָ געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. זיי האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון די יום־טובים פאַר דער מאָדערנער יידישער דערציאונג; זיי האָבן אָבער זיך נישט געקענט ספּראַווען מיט דער שוועריקייט, וואָס די יום־טובים זיינען ביז זייער אַ

גרויסער מאָס רעליגיעזע. זיי האָבן דעריבער אויף אַ לענגערער צייט פאַר־ענטפערט דאָס פּראָבלעם דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף די יום־טובים וואָס זיינען בפירוש נאַציאָנאַלע, און דער רעליגיעזער מאָמענט איז ביי זיי ניט גאָר וויכטיק, ווי למשל חנוכה, ט״ו בשבט, פסח און ל״ג בעומר. זיי האָבן זיך אָבער געפילט אומבאַקוועם ביי די ימים־נוראים, און זיי האָבן זיך אויך געפילט געצוואונגען זיך מצמצם צו זיין ביי דער אויס־טייטשונג אויף פון די „נאַציאָנאַלע״ יום־טובים, וואו דער רעליגיעזער מאָמענט איז פאָרט גאַנץ וויכטיק.

אין דער לעצטער צייט מערקט זיך אָבער אין דער מאָדערנער יידישער שול אַ מער וואַרעמע באַציאונג צום רעליגיעזן מאָמענט אין דער דער־ציאונג. ס'איז איצט געוואָרן נאָך מער קלאָר ווי ווען עס איז פריער די וויכטיקייט פון אָט דעם מאָמענט אין דעם קינדס פסיכישער דערציאונג און פאַר דער אויסבילדונג פון זיין פערזענלעכקייט. מען איז געוואָרן מער באַוואוסטזיניק, אַז דער רעליגיעזער עלעמענט קען זייער פיל העלפן צו פאַרשטאַרקן די צוגעבונדנקייט צום פאָלק, און אַז ער איז אַ וויכטיקע עמאָ־ציאָנעלע באַזע פאַר דער טיפערער מענטשלעכקייט פונעם אויפוואַקסנדיקן יונגן מענטשן און פאַר זיין טיפערן באַנעמען די היסטאָרישע יידישע אידעאַלן. זוכן דעריבער אויך די מאָדערנע יידישע דערציערס זייער אייגענעם צוגאַנג צו די רייך רעליגיעזע יידישע יום־טובים און צו דעם רעליגיעזן טייל פון יעדן יום־טוב.

קומט דעריבער אויף די פראַגע: וואו קומען מיר זיך צונויף און וואו גייען מיר זיך פאַנאַנדער מיט דער אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעזער יידישער שול? וואָס גיבן מיר צו ספּעציפיש אונדזערעס אין דער אויסטייטשונג פון די רעליגיעזע יידישע יום־טובים? דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטע פראַגע. איך האָב געזוכט די פראַגע טעאָרעטיש צו באַטראַכטן אין צוויי אַרבעטן: („גאָט־זוכעניש אין אונדזער דור״ אין „געדאַנק און לעבן״, 1945, און „טראַ־דיציע און לעבנס־שטייגער״ אין „יידישע דערציאונג, 1946). איך געהער דווקא ניט צו די וואָס מיינען, אַז מיר דאַרפן זיך „לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט״ אַנצואווייזן אונדזער אַנדערשקייט; איך בין איבערצייגט, אַז מיר טאָרן ניט איבערטרייבן און אוודאי נישט באַשאַפן קיין אַנדערשקייטן. איך גלייב אָבער פונדעסטוועגן, אַז מיר האָבן אַ באַזונדערן צוגאַנג, און אַז ס'זיינען ביי אונדז דאָ ניואַנסן פון אונטערשיידן און אַן אַנדערשקייט פון אַקצענטירונג.

ווען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם נייעם צוגאַנג, וואָס אונדזער מאָדערנע יידישע שול האָט געבראַכט צו דער שפּראַכן־פראַגע, צו דער באַנייאונג פון דעם יידישן לעבן און צו דעם ווידער־אויפבוי פון ארץ ישראל. אָט די מאָמענטן זיינען נישט דירעקט פאַרבונדן מיט אונדזער איצ־טיקער טעמע. מ'דאַרף דאָ אָבער יאָ אָנווייזן אויף געוויסע אַנדערע אונטער־

שיידן אָדער גיזאָגנסן פון אונטערשיידן. אין דער מאָדערנער יידישער שול לייגן מיר אַ הויפּט־אַקצענט אויף דעם סאָציאַלן מאָמענט, אויף דעם מאָמענט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. דערביי באַנוגענען מיר זיך ניט דערמיט וואָס אַט די מאָמענטן האָבן געפונען זייער קלאַסישן און קרעפטיקן אויסדרוק אין אונדזער אַלטער יידישער ליטעראַטור, נאָר מיר זוכן צו דערציען אונדזערע תלמידים צו דער אַקטועלער אָנווענדונג פון אַט די סאָציאַל־באַפרייערישע מאָמענטן אין דעם היינט־צייטיקן לעבן. מיר זוכן צו דערציען אונדזערע קינדער אויף דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם ווי אַ שעפעריש קולטור־כוח און ווי אַ פאָלק־און־וועלט־באַפרייערישע באַוועגונג. מיר לערנען זיי פילן און באַנעמען די אינערלעכע שייכות צווישן דער יידישער פראַגע און דעם וועלט־פּראָבלעם. וואָס איז נוגע דער יידישער רעליגיע, זוכן מיר צו אַקצענטירן דעם נאַציאָנאַלן און פאָלקסטימלעכן מאָמענט אירן און אירע מאָראַלישע און וועלט־באַפרייערישע מאָמענטן. מיר שענקען נישט אונדזער צענטראַלע אויפמערקזאַמקייט צו די דאָגמאַטישע מאָמענטן פון דער יידישער רעליגיע. ווען ס׳קומט צו די מצוות מעשיות פון דער יידישער רעליגיע, ווענדן מיר אָן אין אונדזער לערנען און לעבן דעם סעלעקטיוון פּרינציפּ, געבויט אויף ראַציאָנאַלע, מאָראַלישע, עסטעטישע און נאַציאָנאַלע יסודות.

ווי אַזוי קענען מיר אָנווענדן אַט די אַנדערשקייטן פון דער מאָדערנער יידישער שול בנוגע די ימים־טובים? — כמעט אַלע יום־טובים זיינען פאַרבונדן מיט רעליגיע, מיט אירע מנהגים און טראַדיציעס, מיט איר פאָלקסטימלעכקייט. מיר נעמען דאָס אַלץ אָן צוזאַמען מיט דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער יידישער וועלט. איך דערוועג זיך צו זאָגן, אַז אָן אַט די רעליגיעזע מאָמענטן פאַרלירן די מערסטע יום־טובים זייער עיקרדיקן ווערט. דאָס קינד דאַרף דורכלעבן דעם יום־טוב אין דער רעליגיעזער שול און אין דער היים, וואָס האַלט אויף, ביז צו אַ געוויסער מאָס, די רעליגיעזע פאָרמען פון פייערן דעם יום־טוב. דאָרט, אין דער רעליגיעזער שול ווי אין דער היים, איז דאָס אָרט פאַר די סימבאָלן, פאַר דעם ריטואַל, און פאַר דער רעליגיעזער, פאָלקסטימלעכער און עסטעטישער איבערלעבונג פונעם יום־טוב. די מאָדערנע יידישע דערציערס, וואָס האָבן מורא פאַר דער רעליגיעזער שול, פאַר דער רעליגיעזער סימבאָליק און פאַר מצוות מעשיות, זוכן אַלץ צו ראַציאָנאַליזירן, ווילן אויסטאָן די יום־טובים פון זייער רעליגיעזן מלבוש און ווילן זיי פאַרוועלטלעכן — זיי נעמען אַוועק פונעם יום־טוב זיין עיקר: די פאָלקס־תמימות און דעם פאָלקס־געפיל פאַר שיינקייט. זיי וואַרפן אַרויס דאָס קינד מיטן וואַסער, מיינענדיק מן הסתם אַז דאָס וואַסער איז נישט ריין, ווען אין תוך גענומען איז עס קרישטאָל־ריין און האָט אויפגעהאַלטן אין זיך די נשמה פון פאָלק און האָט זי דערהאַלטן ביים לעבן.

מיר דוכט, אַז כמעט אַלע יידישע דערציערס האָבן זיך אַרומגעזען,

אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער צוגאַנג. מ׳קען אַליין נישט דורכלעבן און מען קען יענעם נישט דערציען דורכצולעבן קיין טייל פון דער מענטש־לעכער קולטור סתם אַזוי אין פוסטן חלל. יעדע קולטור־דערשיינונג דריקט זיך אויס אין פאָרמען. אונדזערע יום־טובים, ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער קולטור, מוזן האָבן פאָרמען. ס׳איז ניט מעגלעך און ס׳איז ניט נייטיק צו באַשאַפן נייע פאָרמען; די אַלטע פאָרמען האָבען נאָך אין זיך אַלע זיבן חנען און האָבן גרויסע מעגלעכקייטן פון וויטאַליטעט. זיי נייטיקן זיך אפשר אין אַ נייער אינטערפּרעטאַציע, אין אַ נייער אַקצענטירונג. דאָס איז דער היסטאָרישער וועג פון אונדזער קולטור־שאַפונג, ממילא אויך פון די יום־טובים.

בכן, אין תוך נעמען מיר אָן דעם יום־טוב ווי ער איז, צוזאַמען מיט דער אָרטאָדאָקסישער יידישער וועלט. דער אונטערשייד איז נאָר אָן אונ־טערשייד פון אינטערפּרעטאַציע און אקצענטירונג. מיר אַקצענטירן די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע, די פאָלקסטימלעכע און די עסטעטישע מאָמענטן. מיר הייבן אַרויס די סאָציאַל־באַפרייערישע מאָמענטן, די אוניווערסאַל־מענטש־לעכע. מיר לייגן אַ הויפּט־אַקצענט אויף דעם אייביק מענטשלעכן און אויף דעם וואָס ברענגט צוזאַמען אַלע מענטשן קינדער. מי רדערלויבן זיך אויף אַ פאָרזיכטיק דערציערישן אופן אַ געוויסע מאָס פון ראַציאָנאַליזאַציע (וועגן דעם שפּעטער). אין אונדזער אינטערפּרעטאַציע לייגן מיר דעם הויפּטגע־וויכט אויף די מאָדערנע מאָמענטן. אָט די אַלע מאָמענטן זיינען אוודאי נישט פרעמד אויך די אָרטאָדאָקסישע דערציערס; זיי פאַרנעמען ביי זיי אָבער נישט אָט דעם צענטראַלן אָרט וואָס ביי אונדז. פאַר זיי איז וויכטיקער דער דאָגמאַטיש רעליגיעזער עלעמענט, די מצוות מעשיות, די יראת השם. בקיצור, ס׳איז אַ פראַגע, וואו דער הויפּט־אַקצענט ווערט געלייגט.

צו אילוסטרירן די אַנדערשקייט פון דער אַקצענטירונג וועלן מיר נעמען צוויי ביישפּילן: ימים נוראים און חנוכה. ס׳איז קלאָר, אַז די ימים־נוראים זיינען אין תוך רעליגיעזע יום־טובים. די רעליגיעזע יידישקייט לעבט זיך אין זיי אויס אין דער פולער מאָס. ווי שוין געזאָגט האָבן די מאָדערנע דערציערס זיך דאָ געפילט אומבאַקוועם. ווי זאָלן מיר און ווי קענען מיר מאָדערנע דערציערס, זיך באַציען צו די ימים־נוראים?

לויט אונדזערע באַנעמען דעם ענין, גייען מיר אַ לאַנגן וועג צוזאַמען מיט די אָרטאָדאָקסישע דערציערס. מיר וועלן צוגרייטן די קינדער צו גיין אין שול. מיר וועלן זיי באַקענען מיטן מחזור און מיט די וויכטיקסטע תפילות; מיר וועלן זיי לערנען אַ סך פון די רעליגיעזע מנהגים און סימבאָלן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די ימים־נוראים, ווי דאָס צוואווינטשעווען, אייג־טונקען אַ המוציא אין האָניק, שופר בלאָזן, פאַסטן, וכו׳ וכו׳. מיר וועלן זיי אַנהויבן מיט טיף־רעליגיעזע געפילן און שטימונגען. מיר וועלן אָבער אַקצענטירן צום מערסטן די מאָמענטן, וואָס זיינען ביי אונדז גיכער אָננעמ־

באַר: ראש השנה איז אַ יום־הדין פאַר דער וועלט, גאָט דער הערשער פון דער זועלט, חשבון הנפש פון יחיד, פון פאָלק און פון דער וועלט; די שטרע־בונג צו הייליקייט ביים יחיד און ביים כלל.

די פרומע וועלט אַקצענטירט בי די ימים־נוראים די עבירות שבין אָדם למקום; זי מינימיזירט אוודאי ניט די עבירות שבין אדם לחברו. ביי איר האָבן מערסטע פון אונדז דעם באַגריף געלערנט אין אונדזערע קינדער־יאָרן; זי האָט אין אונדז פאַרטיפט אָט דעם באַגריף. אונדזער יידישער סאָציאַליזם איז ביז זייער אַ גרויסער מאָס אַ פּראָדוקט פון דער גוטער און פרומער יידישער וועלט. מיר וועלן אָבער פונדעסטוועגן לייגן דעם הויפּט־געוויכט אויף די עבירות שבין אדם לחברו. מיר וועלן די ענינים שבין אדם למקום זייער טאָלעראַנט באַטראַכטן און מיר וועלן אָנהויבן מיט פּאָעטישקייט, ווי אַ טייל פון אַ שיינער יידישער וועלט. פאַר אָט דער וועלט וועלן מיר אַרויס־רופן פאַרערונגען און אפילו בענקשאַפט. דאָך וועלן מיר אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט און שטעלן צענטראַל אין דעם קינדס באַוואוסטזיין דעם אוני־ווערסאַלן מאָמענט, דעם „ויאתיו כול לעבדך“, דעם „ובכן תן פחדך“, „ויעשו כלם אגודה אחת“. וועלן מיר מיט די קינדער לערנען דעם ונתנה תוקף, וועלן מיר אים פּאָעטיזירן און אויפשטעלן אין סאָציאַלע קאַטעגאָריעס: ווען דער מענטש וועט זיך דערהייבן צו זיין העכסטער מענטשלעכקייט, ווען ער וועט באמת טראָגן אויף זיך דעם צלם אלקים, קען ער העלפן אויסוירקן, אַז אין דעם בראש השנה יכתבו זאָלן מקויים ווערן אַלע גוטע וואונטשן. מיר וועלן די קינדער לערנען מאַכן דעם חשבון הנפש פונעם כלל. מיר וועלן זיי לערנען אָפּצושאַצן דער יידיש טראַדיציאָנעלן אופן פון אויפנעמען דאָס נייע יאָר מיט ערנסט, מיט אַ טיפן ציטער, מיט אַ געפיל פון אחריות און ניט לייכטזיניק ווי ס׳איז אָנגענומען ביי דער נישט־יידישער סביבה. מיר וועלן די קינדער אויסטייטשן דאָס פאַסטן ניט ווי אַן אויסווירקן אַ כתיבה וחתימה טובה ביי איבערנאַטירלעכע כוחות, נאָר גיכער ווי אַ נעמען אויף זיך מענטשלעכע אחריות, אידענטיפיצירן זיך מיט דעם ליידנדיקן פאָלק און מיט דער ליידנדיקער מענטשהייט. ווען מיר לערנען אונדזערע קינדער וועגן תקיעת שופר, אַקצענטירן מיר דעם מאָמענט פון דעם קאָנצענטרירן זיך אויף ערנסטע שטימונגען און איבערלעבונגען.

מיר וועלן נעמען חנוכה ווי דעם לייכטערן ביישפיל. דאָ איז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט פאַראַן אויבן־אויף. ס׳איז אמת, אז אין דער צייט פון דעם קאַמף קעגן די רוימער, ווען די פּרושים זיינען געווען זייער אומצו־פרידן מיט די חשמונאים, האָט מען געזוכט צו פאַרטונקלען דעם פּאָליטישן מאָמענט פונעם נאַציאָנאַלן קאַמף. פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז אין אַלע צייטן האָט דאָס פאָלק באַנומען דעם יום־טוב חנוכה ווי אַ יום־טוב פון נאַציאָנאַלן קאַמף און פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אין אונדזער צייט אַקצענטירן אויך די רעליגיעזע דערציערס דעם מאָמענט פון נאַציאָנאַלן

קאַמף. מיר נוצן אים אָבער אויס אין דער פולסטער מאָס. מיר מאַכן דעם פאַרגלייך צווישן די חשמונאים אַמאָל און די היינטיקע חלוצים ביי יידן און די פרייהייט־קעמפערס איבער דער גאַנצער וועלט. מיר הייבן אַרויס דעם מאָמענט פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף. דער קרן קימת שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָלע. מיר וועלן מיט אונדזערע קינדער לערנען דעם „בימי מתתיהו" פּונקט ווי די רעליגיעזע דערציערס, און זיך זייער שטאַרק אָפּשטעלן אויף דעם „רבים ביד מעטים"; מיר וועלן אָבער נישט דערביי אַקצענטירן דעם מאָמענט פון נס, נאָר דעם ריין מענטשלעכן: דעם גרויסן מאָראַלן כוח פון אַ באַוואוסטזיניקער מינאָריטעט. מיר וועלן דערביי ברענגען ביישפּילן פון יידישער געשיכטע און פון וועלט־געשיכטע. מיר וועלן מיט זיי צינדן ליכט, טייל פון אונדז וועלן דערביי מאַכן אַ ברכה אפילו אין אַ היטל. מיר וועלן אָבער נישט אַקצענטירן דעם נס, נאָר גיכער דעם סימבאָל פון אויסדויער, די שטאַרקייט פון מענטשלעכער ריינקייט. חנוכה ווערט ביי אונדז אַ פאָלקסטימלעכער ציוניסטישער יום־טוב, מיט אַ שטאַרקער אַרומנעמענדיקער אָנווענדונג אויפן היינטיקן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן.

די רעליגיעזע דערציערס זיינען גענייגט צו אַ סטאַטישן צוגאַנג צום יום־טוב. פאַר זיי איז גענוג דער היסטאָריש־רעליגיעזער מאָמענט: פּסח — יציאת מצרים; שבועות — קבלת התורה; פּורים — נס פּורים. מיר וועלן ביי אונדזערע תלמידים זוכן צו אַנטוויקלען דעם דינאַמיש־היסטאָרישן צוגאַנג. מיר וועלן זיי מדרגותוויז דערציען צו פאַרשטיין דעם יום־טוב אין זיין אַנטוויקלונג דורך אַלע דורות. מיר וועלן זיי לערנען צו זען, ווי די צאָל טעמים פאַר דעם יום־טוב און פאַר די מצוות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אים, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, ווי די אינטערפּרעטאַציע ווערט אַלץ טיפער און אַלץ אַרומנעמענדיקער. מיר וועלן אַקצענטירן בעיקר די פאַרבינדונג מיטן היינט פונעם יידישן לעבן און פון דעם לעבן אויף דער וועלט. למשל: פּסח איז פאַרבונדן מיט יציאת מצרים; מיר דאַרפן עס אָבער אויך פאַרבינדן מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאַמפן אַמאָל און היינט, מיט שקלאַפעריי אַמאָל, אַלע מאָל און היינט. שבועות איז פאַרבונדן מיט מתן תורה; אָבער תורה אין ברייטסטן און טיפסטן זינען פון וואָרט. איך פראָפּאַגאַנדיר זיכער נישט קיין צו ברייטן ביבל־קריטישן היסטאָרישן צוגאַנג, זיכער נישט מיט יונגע קינדער. איך מיין, אַז מיר דאַרפן דאָ זיין זייער פאַרזיכטיק און גיין זייער פּאַמעלעך, בהדרגה, לויט דער אויפנעם־פעאיקייט פון די קינדער. מיר וועלן דאָך אָבער דערציען אונדזערע תלמידים מדרגותוויז צו באַנעמען דעם קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד ביים שטודירן פאָלקלאָר. ווען מיר וועלן מיט די קינדער לערנען וועגן פּסח, וועלן מיר וועלן אַז זיי זאָלן קריגן אַן אָנונג, ווי דער פרילינג יום־טוב איז געווען ביי פאַרשיידענע אַלטע פעלקער. ביים לערנען וועגן מתן תורה וועלן מיר לערנען ווי

פאַרשיידענע פעלקער און קולטור־גרופעס האָבן געהאַט זייער מתן תורה, זייער געזעצגעבונג — מיר זועלן זיי לערנען מאַכן פאַרגלייכן.

די אָרטאָדאָקסישע וועלט מיינט, אַז דורך אַזאַ ליבעראַלן און ברייטן צוגאַנג ווערט צעשטערט ביי אונדזערע קינדער דאָס געפיל פון אייגנקייט, דער גלויבן אין דעם אתה בחרתנו, וואָס אויך אַ גרויסע צאָל פון אונדזערע מאָדערנע דערציערס נעמען אָן ווי אַ זייער וויכטיקן יידיש־נאַציאָנאַלן פעדאַגאָגישן מאָמענט. איך בין איבערצייגט, אַז די אָרטאָדאָקסישע דערציערס זיינען דאָ נישט גערעכט. איך גלויב, אַז יידישע קינדער וואָס ווערן דערצויגן צו זען יידישע קולטור־דערשיינונגען ווי רינגען אין דער קייט פון דער וועלט־קולטור, דערפילן ערשט די גרויסקייט פונעם אייגענעם. ס׳וואַקסט זייער שטאָלץ מיט זייער פאָלק, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער טייל פון דעם אַלוועלטלעכן. איך מיין, אַז מיר האָבן אַלע גענוג צוטרוי צו זיך און מיר גלויבן, אַז דאָס אייגענע וועט אַרויסשיינען אין אַ ראַם פון דעם אַל־וועלטלעכן, אַפילו ווען מיר וועלן זיין אָביעקטיוו און גאָר ווייט פון שאָוויניזם.

מיר האָבן עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע. מיר דוכט, אַז דאָ ליגט אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דעם צוגאַנג פון מערסטע אָרטאָדאָקסישע דערציערס און אונדזער צוגאַנג צו די יום־טובים, ווי בכלל צו דער יידישער רעליגיע. די אָרטאָדאָקסישע וועלט נעמט אָן בדרך כלל דעם תמימותדיקן צוגאַנג; אַזוי שטייט געשריבן, אַזוי האָט מען אָנגענומען; דאָס האָסטו פאַר זיך, דאָס נעם אָן. מיר קענען דאָס ניט טאָן: ס׳איז קעגן אונדזער מאָדערנער אָנשויאונג און ס׳איז קעגן דער אינעווייניקסטער וועלט פון אונדזערע קינדער און דעם אַלגעמיינעם דערציאונגס־סיסטעם אויף וועלכן זיי ווערן דערצויגן. זיי וועלן דעריבער דעם צוגאַנג נישט אָננעמען, און ער וועט זיי בלייבן פרעמד. מיר מוזן ראַציאָנאַליזירן די טעמים פון די מצוות מעשיות און די סימבאָלן פון די יום־טובים; מיר מוזן זיי שכלדיק אויסטייטשן; מיר מוזן אין זיי אַריינטייטשן מהרהורי לבנו און מהרהורי דורנו, פון דעם צייט־גייסט, אין וועלכן זיי און מיר לעבן. ווי שוין געזאָגט וועלן מיר ניט פאַרוואַרפן די תמימותדיקע דערקלערונגען: מיר וועלן זיי זוכן אויפצוהאַלטן ווי אַ וויכטיקן טייל פון דעם פאָעטישן פאַרמעגן פון דער וועלט און אונדזער פאָלק; מיר וועלן זיי אָפט אויך דערקלערן, לויט דעם געגעבענעם פאַל, ווי שיינע (אָדער ניט־שיינע) אָבערגלויבונגען.

די אָרטאָדאָקסישע דערציאונג דערקלערט די מצוות מעשיות פון די יום־טובים ווי געבאָטן פון הימל, וואָס מען טאָר אויף זיי ניט עובר זיין. ס׳גילט אויף זיי אַ סיסטעם פון שכר ועונש. מיר וועלן זיי ראַציאָנאַליזירן און נאַציאָנאַליזירן. דאָס פאָלק האָט אָנגענומען די מצוות; ס׳איז אין זיי דאָ שיינקייט; זיי שטעלן מיט זיך פאָר נאַציאָנאַלע און טיף מענטשלעכע סימבאָלן; זיי האָבן דעם כוח צוזאַמענצוהאַלטן דאָס פאָלק. מיר וועלן ביי אונ־

דזערע קינדער אַרויסרופן ליבשאַפט צו די מצוות און מיר וועלן זיי אַזוי קאַנדיציאַנירן, אַז זיי זאָלן זיי מקיים זיין מחמת פאַרגעניגן, אָבער ניט ווי מוזן, וואָס אָן זיי צעפאַלט זיך דער יסוד פון יידישקייט. מיר האָבן אויבן געגעבן בישפילן פון אַזעלכע מצוות (פאַסטן און אַנדערע). מיר קענען דאָ צוגעבן אַנדערע ווי למשל, ניט אַרבעטן שבת און יום־טוב, ווי אַ וויכטיקער טייל פון דעם עונג שבת און יום טוב, ווי דער צייכן פון פרייע מענטשן, ווי דאָס באַפרייען זיך פון וואָכעדיקייט; דאָס גיין אין שול דאַוונען אום צו זיין מיטן כלל ישראל און זיך פאַרטיפן אין העכערע גייסטיקע ענינים; מצה אום פסח — ווי דער לחמא עניא; סוכה — ווי די דירת ארעי, דאָס וואַנדערן פונעם יידישן פאָלק, די אומזיכערקייט פון דעם מענטשלעכן לעבן בכלל אאז"וו, אאז"וו.

דער מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע טרעפט זיך אָן מיט קעגנערשאַפט הן מצד דער אָרטאָדאָקסישער און הן מצד דער נייער וועלט־אַנשויאונג. די אָרטאָדאָקסיע איז באַרעכטיקט צו איר אומצוטרוי; זי זעט אין דעם מעטאָד אַ געפאַר פאַר אמונה. זי וואָלט אים אָבער געדאַרפט באַטראַכטן ווי אַן ערנסטן פּרואוו פונעם נייעם דור זיך צו האַלטן ביי דער היסטאָרישער יהדות, און גלייכצייטיק ערלעך צו זיין צום אייגענעם געוויסן. אגב מוז זי דאָך איינזען, אַז מיר גייען דאָ נישט אויף קיין נייעם וועג. אין דעם געשיכטלעכן יידישן דענקן האָט דער ראַציאָנאַליסטישער מעטאָד פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט. דעם רמב"מס דרך השכל האָט שטאַרק אַפּעלירט און געווירקט אויפן יידישן געדאַנקען־גאַנג, די אַלטע יידישע קולטור איז ביזן היינטיקן טאָג פול מיט לומדישע ווערק איבער די טעמי המצוות, אין וועלכע דער מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע איז שוין גאָר שטאַרק פאַרטראָטן (זע די עשרה טעמים פאַר תקיעת שופר פון רבנו סעדיה, וואָס ווערן געבראַכט אין אַ סך אַלטע און נייע אויסגאַבעס פונעם מחזור — ס'איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי שטאַרק דער מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע איז דאָרט פאַרטראָטן).

דער מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע דאַרף אוודאי נישט זיין פרעמד דער נייער וועלט אין איר געדאַנקען־גאַנג. דאָס איז דער וועג פונעם פּראָגרעסיוון שטייגן פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, פון זיין אויסלייטערונג און פון זיין דערהויבונג. פרעגט זיך דעריבער: למה רגשו? דאָ איז אָבער אַ פּנים פאַראַן די מורא, אַז מען זוכט אַריינצוברענגען רעליגיע דורך דער הינטער טיר, די מורא איז אין אַ געוויסער מאָס אַ באַרעכטיקטע: דאָס איז אַ וועג פון דערנענטערונג צו רעליגיע, אויפצוהאַלטן איר תוך און אַ וועג אויפצולעבן אירע פאָרמען. איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז אַן ערלעכער און אַ געזונטער וועג.

די מורא און דער ווידערווילן קעגן דעם מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע זיינען אָבער אויך ביז צו אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע אַסאָציאַציעס: די השכלה, ווי די אויפקלערונג בכלל, זיינען געגאַנגען אויף

דעם וועג, און היות ווי אין געוויסע קרייזן אונדזערע זיינען די השכלה און די אויפקלערונג נאָך אַלץ טאַבו — דעריבער דער ווידערווילן. מיר דוכט אָבער, אַז אַט דער גאַנצער פּראָצעס ווערט איצט רעווידירט, ס׳ווערט אַלץ מער און מער אָנגענומען, אַז השכלה, ווי אויפקלערונג בכלל, זיינען געווען זייער וויכטיקע שטאַפּלען אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און פון דעם יידישן לעבן. אָן דער אויפקלערונג וואָלט נישט געווען זיין קיין פראַנצויזישע רעוואָלוציע און קיין פּראָגרעס, אַט וויפל ס׳איז נאָך געבליבן פון אים; אָן דער השכלה וואָלט אונדזער גאַנצע נייע יידישקייט נישט מעגלעך געווען, און געוויס נישט דער נעאָ־חסידיזם און אונדזער פאָלקסטימלעכקייט, ווי פּאַראַדאָקסאַל אַט די באַהויפּטונג זאָל נישט אויסזען.

ס׳איז אמת, אַז די השכלה האָט געמאַכט אַ סך טעותן. זי איז געגאַנגען צו ווייט אין איר מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס איז ביי איר אָפט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ פּראָצעס פון דענאַציאָנאַליזאַציע. ס׳זיינען פאַראַן אויך געזונטע פילאָזאָפיש־דערציערישע טעמים פאַר דער קעגנערשאַפט צום מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע. די אויפקלערונג און דער ראַציאָנאַליזם בכלל האָבן געזוכט צו שטעלן אַלץ אויפן שכל. זיי האָבן די גאַנצע מענטשלעכע פּסיכיק, און בעיקר די קינדער־דערציאונג, געזוכט אַריינצולייגן אין דעם סדום־בעטל פונעם קאַלטן שכל און פון פּראַגמאַ־טיזם. זיי האָבן געזינדיקט קעגן דער אייביקער און נאַטירלעכער מענטש־לעכער שטרעבונג צו דערפילן דעם מה למעלה ממך. זיי האָבן געוואָלט אונ־טערגראָבן דעם גלויבן, וואָס האַמלעט דריקט אים אויס אַזוי שאַרף, ווען ער זאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן מער זאַכן אין הימל און אויף דער ערד, איידער מיר שטעלן זיך פאָר אין אונדזערע פילאָסאָפיעס. זיי האָבן שיר נישט רואינירט דעם מענטשנס גענוס פאַר פּאָעזיע און פאַר סימבאָליק. ס׳איז קלאָר, אַז די אויבער־שכלדיקע מאָמענטן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק טאָרן פאַר קיין פאַל נישט פאַרוואָרלאָזט ווערן אין דער דערציאונג פון דעם קינד, — ס׳איז גאָר אַ וויכטיקער יסוד פון דער גאַנצער מענטש־לעכער קולטור. אָבער ווער רעדט דען וועגן אַזאַ מאָס פון ראַציאָנאַליזאַציע? פאַרוואָס מוזן מיר אָננעמען דעם „אָדער גאָר אָדער גאָרנישט״? אַט דער אָדער־אָדער, אַט די קאָנסעקווענטקייט און אויסגעהאַלטנקייט איז דאָך בעצם דער אָפּגאָט פון ראַציאָנאַליזם. צי קענען מיר דען אין דער דערציאונג נישט אָננעמען דעם גאָלדענעם מיטלוועג?

ווען דער מעטאָד פון ראַציאָנאַליזאַציע ווערט ריכטיק אָנגעווענדט אין דער דערציאונג, שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ דרך החיים און ס׳בלייבט נאָך גענוג אָרט פאַר אַלע אַנדערע נייטיקע פאַקטאָרן און מעטאָדן, צווישן זיי פאַר דעם וויכטיקסטן: דערציאונג צו עסטעטיק, צו טיפערע מענטשלעכע ווערטן, צו אַ קאָסמיש רעליגיעזן געפיל און צו טיפער נאַציאָנאַלער צוגע־בונדנקייט.

אין דעם לעבן פון די קינדער, ווי אין דעם לעבן פון די דערוואַקסענע, איז די צוגרייטונג צו דעם יום־טוב אַמאָל אַזוי וויכטיק ווי דער יום־טוב אַליין. די צוגרייטונג באַשטייט פון צוויי טיילן: 1) לערנען וועגן דעם יום טוב; 2) גרייטן זיך צו דער פייערונג. דער ציל פון ביידע איז צו באַשאַפן די געהעריקע שטימונג און אַטמאָספערע פאַר דעם יום־טוב. זי דאַרף זיין אַזוי שטאַרק, אַז די קינדער זאָלן אָנהייבן לעבן מיטן יום־טוב נאָך פאַר יום־טוב, און אַז זיי זאָלן, קומענדיק אַהיים פון דער שול, אַריבער־ברענגען די יום־טוב־שטימונג אין דער היים אַריין.

דערביי פאָדערט זיך מוט מצד די לערערס און דער שול: ביידע דאַרפן זיין גרייט אויף טענות און אומצופרידנקייט מצד אַ טייל עלטערן. איך רעכן, אַז די מערסטע עלטערן זיינען אונדז דאַנקבאַר פאַר אָט דעם יידישקייט געפיל און פאַר דער יום־טוב שטימונג, מיט וועלכע מיר הויכן אָן די קינדער. אמת זיי פילן אַ מאָל, אַז דאָס לייגט אַרויף אויף זיי אַ הכבדה, זיי זיינען אָבער גרייט דאָס צו נעמען באהבה. ס'זיינען אָבער אויך פאַראַנען אַזעלכע וואָס זיינען גאַנץ אומצופרידן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי שיקן זייערע קינדער אין אַ שול, וועלכע איז אַ „וועלטלעכע" און באַפרייט זיי פון רעליגיע און מצוות מעשיות. דאָ קומען גאָר די קינדער פון דער שול און זיינען מזרז די עלטערן צו אַ געוויסן יידיש־פאָלקסטימלעכן און רעליגיעזן אויסלעבן זיך, פון וועלכן זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגעוואוינט. דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז, יידישע דערציערס, אַ גרויסע התחייבות איבער־צודערציען די עלטערן. דורך אויפקלערונג און דורך קאָנקרעטע אָנווייזונגען קענען מיר זיי לערנען צו באַגרייפן, אַז אָט דער מאָמענט פון אונדזער דערציאונג באַרייכערט זייער לעבן און פאַרבינדט זיי שטאַרקער ניט נאָר מיטן יידישן פאָלק, נאָר אויך מיט זייערע קינדער. פון מיין פערזענלעכער דערפאַרונג ווייס איך, אַז אויף אַ גרויסער צאָל אַזעלכע עלטערן גילט דער כלל, אַז „תחילתם מאונס וסופם מרצון": אַבי נאָר זיי הייבן אונדז אָן צו פאַרשטיין, און עס גיט זיך אונדז איין זיי צו באַפרייען פון דער אָפּגעפרעמדקייט פון יידישקייט, וואָס איז אין אַ סך פאַלן אַ רעזולטאַט פון אינערציע, זיינען זיי אונדז אויפריכטיק דאַנקבאַר.

דער מאָמענט פון דעם לערנען איז ביז גאָר וויכטיק ביים צוגרייטן דעם יום־טוב. וואָס מער מיר באַרייכערן די אַלזייטיקע ידיעות פון אונדזערע קינדער וועגן דעם יום־טוב, אַלץ טיפער וועט זיין זייער יום־טוב איבער־לעבונג. ס'איז שוין לאַנג צוריק געזאָגט געוואָרן: ולא עם הארץ חסיד.

מיר מוזן אַליין זיך צוגעוואוינען צו באַטראַכטן די יום־טובים ווי אָן ערנסטן עיקרדיקן לימוד. לערערס וואונדערן זיך אָפט, פאַרוואָס ס'ווייזט זיך אַרויס פאַר יעדן יום־טוב, אַז די קינדער געדענקען וועגן דעם אַזוי ווייניק. זיי ווייסן ניט, אָדער זיי מאַכן זיך ניט ווויסנדיק, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס

וועגן דעם יום־טוב האָט מען געלערנט זייער אויבערפלעכלעך, ווי אַ געַ־לעגנהייט־זאַך, און מ׳האָט ניט גרינטלעך איינגעלערנט. ווילן מיר, אַז די קינדער זאָלן עפעקטיוו געדענקען וואָס מיר לערנען מיט זיי וועגן דעם יום־טוב, דאַרפן מיר דאָס מיט זיי לערנען מיט דער זעלבער גרינטלעכקייט, מיט וועלכער מיר לערנען אַלע אונדזערע וויכטיקע לימודים. דאָ מוז אויך זיין דער פּרינציפּ: מאה פעמים ואחת.

אוודאי דאַרף מען לערנען וועגן דעם יום־טוב יעדעס יאָר פון דאָס ניי. ווי גרינטלעך מיר זאָלן ניט לערנען, האָט דער שר של שכחה אַ וויר־קונג. אָבער ניט מחמת דעם דאַרף מען לערנען יעדעס יאָר אויף דאָס ניי. דער עיקר איז, וואָס מיר דאַרפן פון יאָר צו יאָר, פון קלאַס צו קלאַס, לויט דער אויפנעם־פעאיקייט פון די קינדער, אויפהייבן דעם לימוד צו אַלץ העכערע און העכערע מדרגות, אַט פונקט אַזוי ווי מיר טוען עס מיט אַלע אַנדערע לימודים. זייער פיל געוויכט מוז מען לייגן אויף דער יידיש־געשיכטלעכער זייט פון דעם יום־טוב. די קינדער מוזן באַקומען קלאָרע באַגריפן וועגן דעם היסטאָרישן אָפּשטאַם פון דעם יום־טוב און זיין אַנט־וויקלונג דורך די דורות. דערביי מוזן מיר באַפעסטיקן זייער אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט די אַלטע היסטאָרישע טעקסטן וואָס זיינען מיט דעם יום־טוב פאַרבונדן. דער דידאַקטישער ציל זאָל זיין, אַז ס׳זאָל זיך אין דעם קינדס מוח איינשטעלן אַ נאַטירלעכע אַסאָציאַציע, אַזוי אַז ווען ער וועט נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן דעם יום־טוב, זאָלן אין זיין זכרון נאַטירלעכערהייט אויפקומען די טעקסטן וואָס מאָטיווירן און באַשרייבן דעם יום־טוב. מיר דאַרפן מיט די תלמידים גרינטלעך לערנען דעם פאָלקלאָר פון דעם יום־טוב, די מנהגים, די טראַדיציעס און די סימבאָלן, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן. קלאַס נאָך קלאַס און יאָר נאָך יאָר דאַרפן מיר זיי לערנען אויפ־צונעמען אַלץ העכערע, מער פאַרשיידנאַרטיקע און מער קאָמפּליצירטע אויסטייטשונגען פון דעם יום־טוב און פון זיין פאָלקלאָר. מיר דאַרפן לער־נען און איבערלערנען די טעקסטן פון דעם תנ״ך און פון דער יידישער און פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם יום־טוב. צווישן זיי דאַרפן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט די תפילות. מיר דאַרפן מיט די קינדער לערנען די טראַדיציאָנעלע מעלאָדיעס און די ניגונים פון די תפילות, וואָס זיינען צום מערסטן אָנגענומען, דאָס קען טאָן דער געזאַנג לערער. דאָס קען מען דערגרייכן אויך דורך גראַמאָפאָן־פּלאַטן. איינער פון די צילן פון אַט דעם לערנען דאַרף זיין, אַז ווען דאָס קינד זעט ווי דער יום טוב ווערט דורכגעפירט אין שול און אין דער היים, זאָל אים אַלץ זיין באַקאַנט און פאַרשטענדלעך און ער זאָל זיך דערביי פילן גאַנץ היימיש.

ס׳איז נייטיק אויסצואַרבעטן אַ באַשטימטן פּראָגראַם פאַר דעם לימוד יום־טובים, איינגעטיילט לויט קלאַסן. ס׳וואָלט נייטיק געווען צוצוגרייטן עטלעכע לערנביכער פאַר דעם געביט.

ז

די שול־פייערונג איז זייער וויכטיק. זי דאַרף זיין אַ מין קולמינאַציע פון דער גאַנצער צוגרייטונג צום יום־טוב. זי דאַרף אַקצענטירן בעיקר דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט, דעם עסטעטישן און דעם סאָציאַלן. זי דאַרף זיין ווי אַ מין צוגרייטונג צו דעם היים און שול־צערעמאָניאַל, ווייל ווי איינדרוקס־פול די צוגרייטונג צו דעם יום־טוב און די יום־טוב פייערונגען זאָלן ניט זיין אין אונדזער שול, קען נאָך דער איינדרוק אַלץ ניט זיין קיין זייער דויערנדיקער, סיידן ער ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער היים און דורך דער רעליגיעזער שול. ס׳איז אָבער פונדעסטוועגן כדאי צו געדענקען, אַז פאַר אַ געוויסער צאָל קינדער איז אונדזער שול־פייערונג שיר ניט די איינציקע יום־טוב איבערלעבונג.

איידער מיר מאַכן אַ פּרואוו צו געבן עטלעכע פּראַקטישע אָנווייזונגען וועגן דעם כאַראַקטער, דעם אינהאַלט און דער פאָרם פון די יום־טובים־פייערונגען, איז כדאי צו מאַכן אַ פּאָר פאַרבאַמערקונגען אין שייכות מיט דער „טעכניק״ פון די פייערונגען. פאַר וועמען זאָל מען די שול־פייערונג איינאָרדענען: פאַר דער גאַנצער שול ווי אַן איינס, אָדער זאָל זי איינגעטיילט ווערן אין באַזונדערע גרופּעס לויט דעם עלטער פון די קינדער? ס׳איז שווער אויף דער פראַגע צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער, ווייל ס׳קומען דאָ אין באַטראַכט צוויי פּרינציפּן וואָס לאָזן זיך אָפט ניט צוזאַמענברענגען: 1) פייערלעכקייט איז אָפט אָנגעוויזן אויפן „ברוב עם״; דאָס עצם צוזאַמענזעצן פון אַ סך מענטשן אין איינעם איז שוין אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער פייערלעכקייט. געוויינלעך קען אַ פייערונג מיט אַ קליינער צאָל קינדער ניט זיין גענוג איינדרוקספול. 2) דער געמישטער עלטער פון די באַטייליקטע קינדער איז אַ שטער ביים באַשטימען סיי דעם אינהאַלט און סיי די פאָרם פון דער פייערונג.

בין איך דעריבער גענייגט צו זאָגן, אַז דער ענטפער אויף דער פראַגע: איין פייערונג אָדער מער — ווענדט זיך אין דער גרייס פון דער שול. ווי קליין אַ שול זאָל ניט זיין, איז אַלץ מעגלעך דורכצופירן אַ באַזונדערע פייערונג פאַר די יינגערע קינדער. אין קליינע שולן איז אָבער די צאָל עלטערע קינדער (פון 5טן, און אפילו פון 4טן, קלאַס און העכער), אַ מיני־מאַלע פייערונג.

וואו און ווען נאָר מעגלעך איז כדאי בייצוקומען די שוועריקייט דורך דעם וואָס אַ פּאָר שולן אין אַ באַשטימטער געגנט זאָלן דורכפירן איין בשותפישע פייערונג פאַר די עלטערע קינדער. אויב דאָס איז אוממעגלעך, מוז מען דורכפירן איין פייערונג פאַר אַלע קינדער פון דער שול. די פייערונג דאַרף דעמאָלט זיין אָנגעוויזן מער אויף צערעמאָניאַל און סימבאָלן, וואָס אַפּעלירן מערסטנס צום אויג, אין זינען האָבנדיק דערביי בעיקר די יינגערע קינדער.

מיר דוכט, אַז ס'איז ריכטיק אָנצונעמען, אַז אַ גוט צוגעגרייטע פּראָגראַם, וואָס איז געצילט פאַר די ייִנגערע קינדער, קען פאַרשאַפן הנאה און מאָמענטן פון טיפער איבערלעבונג אויך פאַר די עלטערע קינדער. דאָס פאַרקערטע איז אָבער ווייניקער אמת. עלטערע קינדער האָבן הנאה פון דער פּראָגראַם, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר די ייִנגערע, דערפאַר וואָס זיי זיינען אַליין אויך ניט ווייט גערוקט פון יענעם עלטער; דערצו נעמען זיי אָפט מאָל אָן אַ גרויס־ברודערלעכע און גרויסמוטיקע שטעלונג בנוגע זייערע ייִנגערע פריינד.

אין אַזאַ אַלגעמיינער פייערונג דאַרפן די עלטערע תלמידים אויך זיך באַטייליקן. זייער באַטייליקונג מוז אָבער זיין קורץ און טאָר פאַר קיין פאַל נישט פאַרלאַנגווייליקן די ייִנגערע קינדער. מיר טאָרן ניט עקספּלואַטירן דעם געדולד פון דעם קליינוואַרג. מיר זאָלן ניט איבערשאַצן זייערע כוחות פאַר טאָלעראַנץ און אויך נישט זייער אויפמערקזאַמקייט־פעאיקייט. ס'איז נייטיק עטלעכע טעג פאַר דער פייערונג זיך צו באַמיען ווירקן אויף די ייִנגערע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט שטערן זייערע עלטערע חברים. איינער פון די בעסטע מיטלען דערצו איז צוצוגרייטן די ייִנגערע קינדער, אַז זיי זאָלן האָבן אַן אָנונג וועגן דער פּראָגראַם, וואָס די עלטערע קינדער וועלן דורכפירן.

אין אַ גרעסערער שול, וואו ס'זיינען פאַראַן כאָטש אַ 40—50 תלמידים אין די העכערע קלאַסן פון 5טן (אָדער כאָטש פון 4טן) לערניאָר און העכער, איז דורכאויס פּאַסיק דורכצופירן מיט זיי אַ באַזונדערע פייערונג. אויך די עלטערע גרופּע באַשטייט פון קינדער, וואָס זיינען פאַרשיידן אין זייער עלטער און אין זייערע פעאיקייטן. אויך דאָ איז נייטיק גיכער זיך צוצופּאַסן צום דורכשניטלעכן ייִנגערן עלטער פון די קינדער.

ווי לאַנג זאָל די פייערונג זיין? פאַר קיין פאַל זאָל די פּראָגראַם ניט דויערן מער פון אַ שעה, העכסטנס נאָך 10 מינוט. דערביי דאַרף די צייט גערעכנט ווערן פון דעם מאָמענט ווען די קינדער קומען אַריין אין זאַל ביזן אַרויסגיין. דאָס מיינט, אַז מיר מוזן אַריינרעכענען אויך די צייט וואָס גייט אָוועק אויף די איבעררייסן. מיר טאָרן ניט מעסטן דעם געדולד און דעם אינטערעס פון די קינדער לויט אונדזער דערוואַקסענער מאָס. אונדזער העכסטער ציל און שטרעבונג ביים דורכפירן די פייערונג איז צו לאָזן אַ טיפן איינדרוק אויף די קינדער. ווי גוט און שטאַרק דער איינדרוק זאָל ניט זיין, ווערט ער אָפּגעשוואַכט דורך דער איבערמידקייט פון די קינדער; איבערמידקייט מאַכט זיי אומרואיק און מוז פירן צו אומאָרדנונג. די בעסטע פּראָגראַם פאַרלירט יעמאָלט איר חן, און דער איינדרוק קען בלייבן אַ נעגאַטיווער.

מען דאַרף לייגן די גרעסטע מי אויפצוהאַלטן דעם דעקאָרום פון דער פייערונג. דאָ (גיכער ווי אין וועלכן ניט איז טייל פון אונדזער דערציערי־

שער אַרבעט) איז דיסציפּלין אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. ווען איך מערק ביי אונדזער אַ פּייערונג, אַז מיר דאַרפן איינשטילן די קינדער, זיך בעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן זיין געדולדיק, זיך צוהערן און זיך צוקוקן אאז״וו, בין איך זיך גרייט פאַרצוואַרפן, אַז די פּייערונג איז ניט גוט געפּלאַנעוועט גע־וואָרן אָדער איז נישט גענוג זאָרגעוודיק צוגעגרייט געוואָרן, — בקיצור, אַז זי האָט זיך ניט איינגעגעבן.

אַ גוט אויסגעפּרואווטער מיטל אָנצוהאַלטן גוטע דיסציפּלין ביי אַ פּייערונג איז אַכטונג צו געבן, אַז ס׳זאָלן זיין ווייניקער איבעררייסן, און אַז די הפסקות וואָס מוזן שוין זיין — זאָלן זיין וואָס קירצערע. אפילו אין דער צייט פון די קורצע איבעררייסן איז גוט אָנצופירן קאָלעקטיוון געזאַנג אָדער אַריינצוברענגען אַנדערע מאָמענטן פון פּאַסיקער פאַרווײַלונג אין גייסט פון דער פּייערונג, אָבי נישט איבערצורייסן די געשפּאַנטקייט. (אין אַ קלענערער שול, וואו די לערערס זיינען פאַרנומען מיטן דורכפירן די פּראָגראַם, קען עמעצער פון די עלטערן, פון די שול גראַדואירטע אָדער פון די שול טוער, איבערנעמען די פונקציעס. זיי דאַרף אויך איבערגעגעבן ווערן די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אויף דער קינדער־אוידיטאָריע).

די קינדער וואָס זיינען ניט מער ווי צוקוקערס דאַרפן אַריינקומען אין זאַל גוט צוגעגרייט צו דער פּראָגראַם. זיי דאַרפן וויסן וואָס זיי וועלן זען און הערן, געוויס נישט אַלע פּרטים, נאָר זיכער די הויפּט־שטריכן. איך גיב צו, אַז דאָס וויסן פון פריער נעמט עפּעס אַוועק ביי די קינדער פון דער געשפּאַנטקייט און פון דעם אינטערעס מצד די קינדער. ס׳גיט אָבער אויך זייער אַ סך צו: ס׳פאַרטיפט די באַוואוסטזיניקייט און ס׳מאַכט מעגלעך אַ מער דויערנדיקן איינדרוק. אָט געדענקן דאָך די קינדער פון יאָר צו יאָר ווי דער סדר זעט אויס, און פון דעסטוועגן ווערט נישט געמינדערט פון דער פרישקייט פון זייער אינטערעס אין דעם נייעם סדר.

ווען זאָל מען די פּייערונג דורכפירן? ס׳האָט זיך אין אונדזערע שולן איינגעשטעלט אַ טראַדיציע, אַז די פּייערונג קומט פאַר אום יום־טוב. לאַנגע יאָרן דורכאַנאַנד האָבן מיר זיך ביי דער טראַדיציע געהאַלטן. איך מיין, אַז ס׳איז אָן קיין ספק געווען אַ ריכטיקער צוגאַנג: די קינדער זיינען יעמאָלט פריי און אויסגערוט; זיי קומען פון דער היים מיט אַ געוויסער געשטימטקייט און פּסיכישער צוגעגרייטקייט פאַר דער יום־טוב־פּייערונג.

פאַראַן שולן וואו אָט די טראַדיציע ציט זיך נאָך. מיר דוכט אָבער, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ שווערער דאָס צו טאָן. בעיקר איז דאָס צוליב דער אומוויליקייט פון די לערערס „צו אַרבעטן אום יום טוב״. איך מיין, אַז מ׳קען אפילו נישט צופיל פאַראיבל האָבן אויף די לערערס. סוף־כל־סוף איז אַ לערער אויך אַן אַרבעטער און דאַרף האָבן טעג פון פולשטענדי־קער רו. ער איז אויך אַ ייד און וויל הנאה האָבן פון דעם יום־טוב. אמת, פאַראַן לערערס וואָס זיינען אַזוי איינגעלעבט אין דער שול־אַרבעט, אַז די

שול־פייערונג אַליין איז שוין אַ וויכטיקער טייל פון זייער יום־טוב־הנאה. אין מערסטע פאַלן אָבער פילט דער לערער, אַז די יום־טוב־פייערונג אום יום־טוב איז אַן עול. אַזאַ געפיל מוז זיך אָפּשפּיגלען אויפן געמיט פון די קינדער און אויף דער שטימונג פון דער פייערונג.

היוצא מדברינו: ס׳איז קיין ברירה נישטאָ סיידן דורכצופירן די פייערונג ערב יום־טוב, אָבער ממש ערב יום־טוב. דער חסרון דערביי איז אַ קלאָרער, אָבער ווען די פייערונג ווערט גוט צוגעגרייט קען זי זיין אַ גרויסער דערפאָלג און אויך דאָ גילט דער כלל: יצא הפסדו בשכרו.

ווען נאָר מעגלעך, פאַרבעט מען צו דער יום־טוב פייערונג די עלטערן פון די קינדער. ס׳איז נאָר נייטיק צו געדענקען, אַז דאָס בייזיין פון די עלטערן טאָר אונדז נישט פאַרפליכטן צו פאַרוואַנדלען די יום־טוב־פייערונג אין אַ קאָנצערט. קאָנצערטן האָבן זייער אָרט אין דעם שול לעבן. אַן איינמאָליקער יערלעכער קאָנצערט איז וויכטיק פאַר דער שול, צוליב אַ סך גוט באַקאַנטע טעמים. (אַזאַ קאָנצערט דאַרף דורכגעפירט ווערן אין דעם פאַר־לעצטן חודש פונעם שוליאָר.) אָבער יום־טובים־פייערונגען זיינען אין גאַנצן אַ באַזונדערער ענין. מען טאָר נישט אויסנוצן די געלעגנהייט אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן וועגן דער שול און אפילו נישט אויף צו געבן אויפקלערונגען און האַלטן רעדעס וועגן דעם יום־טוב. פאַר דעם דאַרף מען געפינען אַן אַנדער צייט. אַ גוט דורכגעפירטע פייערונג לשמה איז די בעסטע אומדירעקטע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג.

וועלכע פייערונגען פירן מיר דורך? מיר יידן זיינען געבענטשט מיט אַ סך יום־טובים. איך האָב פריער אויסגעדריקט מיין איבערצייגונג, אַז אָט דער פאַקט איז אַ גרויסער פּאָזיטיווער פאַקטאָר פאַר אונדזער דערציערישער אַרבעט. דעריבער ווען איך זאָג געבענטשט, מיין איך עס בפירוש.

מיר רעדן דאָ נישט וועגן די ספּעציפישע שול יום־טובים ווי אָנהייב לערניאָר, עטלעכע פייערונגען דורך דעם יאָר ווי די גראַדואירונגס־פייערונג, ערשטער מאַי, לאַנד יום־טובים, ספּעציעלע געדענק־טעג, ווי וואַרשעווער געטאָ, יאָרצייטן אָדער יובילייען פון געוויסע פּערזענלעכקייטן, די התחלה און דער אָפּשלוס פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס מצד די שול קינדער. דאָס איז אַ באַזונדערער ענין און פאָדערט ספּעציעלע באַטראַכטונג. מיר רעדן דאָ בלויז וועגן די אָנגענומענע יידישע יום־טובים. אַזעלכע האָבן מיר ניין דורכן יאָר. 1) ראש־השנה, 2) יום־כפור, 3) סוכות און שמחת־תורה, 4) חנוכה, 5) ט״ו בשבט, 6) פורים, 7) פסח, 8) ל״ג בעומר, 9) שבועות. (שבעה עשר בתמוז און תשעה־באב פאַלן אַרויס פון חשבון, ווייל זיי פאַלן אויס בעת די זומער־וואַקאַציע און קענען אָפּגעהיט ווערן נאָר אין די קינדער־קעמפּן).

איך האָב קלאָר געמאַכט, אַז מיר דאַרפן גרינטלעך לערנען וועגן אַלע יום־טובים. אויף אַ געוויסן אופן דאַרפן מיר דורכפירן פייערונגען לכבוד

אַלע ימים־טובים. ס׳איז אָבער אויך פּונקט אַזוי קלאָר, אַז מיר קענען נישט דורכפירן קיין גרויסע פייערונגען אויף אַ ברייטן פאַרנעם איז פאַרבינדונג מיט יעדן פון די יום־טובים. לערנען וועגן דעם יום־טוב איז אַ וויכטיקער טייל פון דער שול־פּראָגראַם; דאָס קען פאַר קיין פאַל ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ ביטול תורה און צייט פאַרלוסט. אמת, אויך די צוגרייטונג צו דער פייערונג איז זייער אַ דערציערישער אַקט. דאָך קען מען ניט זאָגן, אַז דערביי איז ניטאָ קיין מאָמענט פון ביטול תורה. ביי אונדזערע ענגע צייט־באַדינגונגען קענען מיר זיך ניט פאַרגינען צו פאַרקוקן דעם מאָמענט. לאָמיר דעריבער זען, וואָס ס׳בלייבט אונדז איבער צו טאָן. איך מיין, אַז מיר קענען זיך דערלויבן נישט דורכצופירן קיין גרויסע פייערונגען ערב ראש־השנה און יום־כפור. אָט די צוויי וויכטיקע יום טובים ווערן געפייערט דורך דער היים און דורך די סביבה אין אַ פולער מאָס. מיר וועלן שפּע־טער אָנווייזן וואָס די שול דאַרף דערביי טאָן און וואָס זי דאַרף און קען צוטראָגן.

דריי יום טובים מוזן דורכאויס געפייערט ווערן אין אונדזערע שולן אויף אַ גרויסן פאַרנעם. דאָס זיינען חנוכה, פסח און שבועות. אָט דער קאַטעגאָרישער מוז איז באַדינגט דורך דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און פאָלקס־טימלעכן פאַרנעם פון אָט די יום־טובים. זיי זיינען דער אויסדרוק פון דער אייביקייט פון אונדזער פאָלק און זיי זיינען די רעזערוואואַרן פון אונדזערע גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן.

ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער פּרואוון באַווייזן, קענען סוכות און שמחת־תורה זייער פייערלעך דורכגעפירט ווערן אין דער שול אָן גרויסע צוגריי־טונגען. בלייבן די דריי וויכטיקע ימים־טובים: ט״ו בשבט, פּורים און ל״ג בעומר. אַ חוץ די דריי גרויסע פייערונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט יאָר־איין, יאָר־אויס (חנוכה, פסח און שבועות) זאָל יעדעס יאָר צוקומען נאָך איין גרויסע פייערונג, איין יאָר ט״ו בשבט, אַ צווייט יאָר, — פּורים, אַ דריט יאָר — ל״ג בעומר.

ח

מיר וועלן איצט פּרואוון געבן קורצע פּראַקטישע אָנווייזונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון די פייערונגען.

ראש השנה און יום כפור: מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז ביי אָט די יום־טובים דאַרף מען קיין גרויסע פייערונגען נישט דורכפירן. זאָל אָבער זיין קלאָר, אַז אַחוץ דעם אינטענסיוון לערנען וועגן אָט די וויכטיקע יום־טובים, דאַרף די שול זיך פאַרנעמען מיט מאַכן לשנה־טובהס, צייכענען און שרייבן. איין קלאַס אָדער עטלעכע קלאַסן פון דער שול, בעיקר פון די עלטערע קלאַסן, פירן דורך אַ פּראָיעקט פון צוגרייטן און פאַרקויפן די לשנה־טובהס פאַר דער גאַנצער שול. די הכנסה דערפון גייט פאַר דעם

קרן קימת אָדער פּאָר אַן אַנדער וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן צוועק. (ס׳איז כדאי צו באַוועגן די קינדער אַרויפצוקלעפּן קרן־קימת־ מאַרקעס אויף זייערע לשנה־טובה־קאַרטלעך). די קינדער שרייבן לשנה־טובה־קאַרטלעך צו זייערע עלטערן אונטער דער אויפזיכט פון די לערער. עלטערע קלאַסן קענען אָנשרייבן אַ קאָלעקטיווע ניי־יאָר־באַגריסונג צו געוויסע צענטראַלע אינסטיטוציעס.

די שול ווערט דעקאָרירט מיט פּאַסיקע אויפשריפטן, צייכענונגען און מאָלערייען. ס׳קען אויך אַראַנזשירט ווערן אונטער גלאָז אַן אויסשטעלונג פון ריטועלע אָביעקטן אין שייכות מיט די ימים־נוראים. (ס׳איז געוואונטשן צו האָבן אַזאַ קליינע אויסשטעלונג אין פאַרבינדונג מיט יעדן יום־טוב).

עטלעכע קלאַסן גיבן זיך אָפּ מיט צוגרייטן גרויסע לוחות צום נייעם יאָר, לוחות וואָס די שול וועט זיי שפּעטער נוצן. דאָס קען ווערן אַ פּראָ־יעקט פאַר אַן עלטערן קלאַס אויף אַ לענגערער צייט. קינדער קענען דערביי זיך גרינטלעך אויסלערנען די וויכטיקסטע פּאַקטן פונעם יידישן לוח, ווי אויך וויכטיקע פּאַסירונגען און געדענקטעג, וואָס פאַלן אויס דורך דעם יאָר. דער קלאַס קען איינגעטיילט ווערן אין קאָמיסיעס צו איין אָדער מער קינדער לויט דער גרייס פונעם קלאַס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט די באַשטימטע חדשים. אַן אַנדער עלטערער קלאַס קען צוגרייטן אַ וואַנטצייטונג מיט שריפטלעכע איבערבליקן איבער די געשעענישן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און מיט פּאַסיקע וואונטשן צום נייעם יאָר. דערביי קען מען אויך אויס־נוצן די קינסטלערישע פעאיקייטן פון די קינדער.

ערב ראש השנה אָדער ערב יום־כּפּור זאָל פאָרקומען אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג (מקרא קודש) פון אַלע קינדער פון דער שול. די פּראָגראַם באַשטייט פון אַ קורצער רעדע פונעם לערער, אין וועלכער ס׳ווערט געמאַכט אַ סך הכל פון די געשעענישן אינעם יידישן לעבן דורך דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און ס׳ווערט פאַרגעלייענט אַ פייערלעכע דעקלאַראַציע וועגן דעם נייעם יאָר. די דעקלאַראַציע ווערט פון די קינדער נאָכגעזאָגט בעמידה וואָרט ביי וואָרט. אַ פּאָר טראַדיציאָנעלע ניגונים און תפילות ווערן געזונגען אָדער געשפּילט אויפן גראַמאָפאָן.

סוכות און שמחת־תורה: אין די פיר טעג צווישן יום־כּפּור און סוכות ווערט אין דער שול אויפגעבויט אַ גרויסע סוכה. דורך די טעג איז נייטיק צו ברענגען די עלטערע קינדער אין דער שול ניט אין די געוויינלעכע שפּעטע אָוונט־שעהן, נאָר מבעוד יום, ווען ס׳איז נאָך גענוג ליכטיק צו קענען בויען און מייסטרעווען אין דרויסן. צו דער אַרבעט, אויב נויטיק, זאָלן צוגעצויגן ווערן אויך טייל עלטערן פון דער שול, די הויפּט־מתעסקים זאָלן אָבער זיין די קינדער אַליין. אויב די שול האָט אומגליקלעכערוויז ניט קיין אייגענעם הויף, דאַרף מען זיך באַמיען קריגן די דערלויבעניש אויפצו־בויען אַ סוכה אויפן הויף פון איינעם פון די עלטערן אָדער פון אַן אַנדערן

פריינדלעכן שכן. אויב אויך דאָס איז אוממעגלעך, מוז די סוכה אָוועקגעשטעלט ווערן אינעם זאַל פון דער שול, און אין לעצטן פאַל ווען די שול פאַרמאָגט ניט קיין אייגענעם זאַל, דאַרף איינער פון די קלאַסן צימערן אָפּגעטיילט ווערן פאַר דעם צוועק.

יעדער קלאַס מאַכט זיין בייטראָג אין דעם דעקאָרירן די סוכה. די דעקאָראַציעס באַשטייען פון בילדער און מאַלערייען: סצענעס פון יציאת מצרים, וואַנדערונגען דורך דעם מדבר, עולה־רגל זיין, בית המקדש, סוכות אינעם נייעם ארץ ישראל. די ארבעה מינים דאַרפן זיך געפינען אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער סוכה, די אַקטועלע אָביעקטן ווי אויך רע־פּרעזענטאַציעס דערפון. פאַרשיידענע יידישע קונסט־אָביעקטן און סימ־באָלן ווערן געבראַכט אין דער סוכה. אַ וויכטיקן אָרט אין דער סוכה דאַרפן פאַרנעמען שמחת־תורה פאָנען (די קינדער מאַכן אויך שמחת־תורה־פאָנען פאַר זיך אַליין און פאַר זייערע ייִנגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך), געוויסע טעקסטן פון דער תורה, ווי די עשרת הדברות, און אַנדערע, געשריבן אין דער מגילה־פאָרם. דורך דער וואָך פון סוכות, בעיקר אין די חול־המועד טעג, האָט יעדער קלאַס, אָדער אַ פּאָר קלאַסן צוזאַמען פונעם זעלבן עלטער, אַ שמחה אין דער סוכה. קינדער זיצן אַרום די טישן, עסן אין דער סוכה, זינגען, הערן שיינע מעשיות, בעיקר מענינא דיומא.

הגם שמחת־תורה איז אַ באַזונדער יום־טוב און האָט מיט סוכות וויי־ניק צו טאָן, מוזן אָבער די צוויי פייערונגען ביי אונדז קאָמבינירט ווערן צוזאַמען. דאַרף אין דעם פּראָגראַם פון דער סוכות־פייערונג דער שמחת־תורה־מאָמענט פאַרנעמען זייער אַ וויכטיקן אָרט.

חנוכה: חנוכה איז איינער פון די דריי גרויסע יום־טובים, וואָס מוזן געפייערט ווערן אין דער שול אויף אַ גרויסן פאַרנעם. די צוגרייטונגען צו דער פייערונג און די פייערונג גופא דאַרפן זיין אַזוי אימפּאָזאַנט, אַז זיי זאָלן לאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די קינדער. די צוגרייטונגען דאַרפן זיך אָנפאַנגען וואָכן פאַר דעם יום־טוב. אוודאי דאַרפן די לערערס זיך באַ־מיען, אַז די צוגרייטונגען זאָלן זיין דערציערישע, אַזוי אַז ס'זאָל ניט זיין קיין מורא פאַר ביטול תורה, דאָס הייסט אַז די טעטיקייטן פון די קינדער ביי די צוגרייטונגען זאָלן זיין אַזעלכע, פון וועלכע זיי לערנען זיך יידישע געשיכטע, יידישע און העברעאישע ליטעראַטור, די באַדייטונג פון יידישע סימבאָלן אאז״וו. אויף וויפיל ביטול תורה איז פאָרט אומפאַרמיידלעך, דאַרפן מיר זיין גרייט דערצו און זיין געשטאַרקט אין דער פאַרזיכערונג, אַז דער ציל איז זייער אַ וויכטיקער און אַז אויך די מיטלען זיינען כשרע: ביטול תורה לשם קיום התורה.

זייער אַ וויכטיקן טייל פון די צוגרייטונגען איז דאָס דעקאָרירן די שול און דאָס צוגרייטן חנוכה־מתנות פאַר די היימען. אין דער אַרבעט דאַרף די גאַנצע שול זיין אַריינגעטאָן: יעדעס קינד דאַרף אין איר האָבן

אַ חלק. יעדער קלאַס דאַרף טאָן די אַרבעט, צו וועלכער ער איז צום בעסטן צוגעפּאַסט.

די דעקאָראַציע־אַרבעט באַשטייט אַן ערך אָט אין וואָס: צוגרייטן קייטן, דריידלעך, מנורות, און אַנדערע יידישע סימבאָלן; אַ שער הנצחון פאַר דער שול ביים אַריינגאַנג, פאַרן זאַל און אויך פאַר די קלאַס־צימערן מיט די פּאַסיקע אויפשריפטן; מאָלן, קלעפּן, און אויסשניידן בילדער און וויט־ראַזשן וואָס רעפּרעזענטירן די פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער חנוכה־געשיכטע: מתתיהו און זיינע זין, חנה און אירע זין, אָביעקטן פון בית־המקדש, דער כהן גדול, דאָס אַריינקומען אין בית־המקדש, סצענעס פון היינטיקן יידישן קאַמף פאַר באַפרייאונג, חלוצים־לעבן וכו׳ וכו׳. ס׳ווערט אויך צוגע־גרייט אַ גרויסע עלעקטרישע מנורה פאַר דער בינע. די קינדער וואָס ווילן עס און קענען עס טאָן, גרייטן זיך אויך צו אין שול עפּעס אַ דעקאָראַטיוון אָביעקט מיטצונעמען פאַר דער היים. דורך דער חנוכה־וואָך ווערט ביי יעדער לעקציע אָנגעצונדן די חנוכה־מנורה און די קינדער פירן דורך אַ שטיקל פּראָגראַם. איין גרויסע פייערונג ווערט דורכגעפירט אין פאַל פון אַ קליינער שול, און וואו נאָר מעגלעך צוויי באַזונדערע פייערונגען, פאַר די יינגערע קינדער און פאַר די עלטערע.

די פּראָגראַם באַשטייט פון אַ חנוכה־דעקלאַראַציע און פון דער תפילה בימי מתתיהו, וואָס ווערן געזאָגט בציבור אין העברעאיש און אין יידיש. אַ קינד לייענט פאַר אַ פאַרקירצטע מגילת חנוכה (לויט דעם טעקסט פון ספר המכבים) פון אַ טעקסט געשריבן אין דער פאָרם פון אַ מגילה; אַלע זינגען בציבור עטלעכע לידער, ביים צינדן די ליכט, ביים סאַמע אָנהייב פון דער פּראָגראַם, און אַ פאַר מאָל דורך דעם פּראָגראַם. ס׳ווערט דורכגעפירט אַ קורצע היסטאָרישע שפּיל וועגן דער געשיכטע פון חנוכה. די שפּיל מוז בפירוש ניט אַרומנעמען די גאַנצע געשיכטע. ס׳איז גענוג צו נעמען נאָר אַ באַשטימטן מאָמענט פון דער מעשה. די שפּיל ווערט צוגעגרייט פון דעם עלטסטן קלאַס פון דער גרופּע קלאַסן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער פייערונג, ווען דאָס זיינען צוויי באַזונדערע פייערונגען פאַר די יינגערע קלאַסן און פאַר די עלטערע קלאַסן. אין פאַל פון איין געמיינשאַפטלעכער פייערונג דאַרף מען זען אַז די שפּיל זאָל צוגרייטן אַ מיטעלער קלאַס.

בדרך כלל מיין איך, אַז די פּראָגראַם פון דער חנוכה־פייערונג, ווי פון אַלע אַנדערע יום־טובים־פייערונגען אונדזערע (אַחוץ פּורים) דאַרף זיין אַן ערנסטע און אַ פייערלעכע. און דאָך וואָלט איך רעקאָמענדירט, אַז אַ 10־15 מינוט זאָל מען אָוועקגעבן אויף אַ קורצע סצענקע, וואָס זאָל אילוס־טרירן דעם היינט־צייטיקן פאָלקלאָר־מאָמענט פון חנוכה. איך מיין, אַז אַ טייל פון שלום עליכמס חנוכה געלט אין י. ד. בערקאָוויטשעס אינסצענירונג מעג גענוצט ווערן יאָר־יערלעך. ס׳איז אונדזער דערפאַרונג, אַז סיי די

קינדער, סיי די דערוואַקסענע ווערן דערפון ניט מיד און געפינען אין דעם יעדעס יאָר אַ נייעם חן און אַ נייעם טעם.

אַ וויכטיקער טייל פון דער חנוכה־פייערונג דאַרף זיין אַ קרן־קימת־צערעמאָניאַל. אַלע קינדער ברענגען יעדן טאָג אַ ביסל חנוכה־געלט פאַרן קרן־קימת. ביי דער פייערונג קומט פאָר אַ פּראָצעסיע, וואו פאַרשטייערס פון יעדן קלאַס ברענגען דאָס חנוכה־געלט פונעם קלאַס און גיבן עס איבער אַ לערער אָדער דעם פּרינציפּאַל, וואָס לייגט עס אַריין אין אַ גרויסער ספּעציעל צוגעגרייטער קרן־קימת־פּושקע, וועלכע געפינט זיך אויף דער בינע. דערביי ווערן געזאָגט אַ פּאָר קורצע פּאַסיקע ווערטער פונעם לערער, וועגן דער שייכות צווישן דעם היינטיקן יידישן באַפרייאונגס־קאַמף און דעם קאַמף פון די חשמונאים.

ט״ו בשבט: די ט״ו בשבט־פייערונג קאָן באַשטיין פון צוויי הויפּטיילן: 1) אַן ארץ ישראל אויסשטעלונג; 2) אַ צערעמאָניאַל פון פלאַנצןביימער.

די אויסשטעלונג באַשטייט פון כלערליי אָביעקטן, קונסטבילדער, קונסט־אַרטיקלען, פּלאַקאַטן, ביכער אאז״וו, וואָס שטעלן פאָר כלערליי פאַזעס פון דעם אַלטן ארץ־ישראל אין יידישן לעבן דורך אַלע דורות, און פון דעם נייעם ארץ־ישראל פון חיבת ציון ביז היינט. אַ וויכטיק אָרט אין דער אויסשטעלונג דאַרפן פאַרנעמען קינדער־אַרבעטן אין דער פאָרם פון צייכענונגען, מאַלערייען, שריפטלעכע אַרבעטן וועגן די פאַרשיידענע פאַזעס פון דער ארץ־ישראל־טעמע. די קינדער קענען אויך אויפבויען פון פאַרשיידענע מאַטעריאַלן מוסטערן פון דערפער, קבוצות, שטעט אין ארץ־ישראל. די קינדער, בעיקר אין די עלטערע קלאַסן, ווערן דערמוטיקט צו ברענגען פון דער היים און בכלל קלייבן נומערן פאַר דער אויסשטעלונג. דורך די פאָר טעג פאַר ט״ו בשבט קומען די קלאַסן מיט זייערע לערערס צו דער אויסשטעלונג. (מ׳קען אויך אַראַנזשירן אַ באַזונדערן ארץ־ישראל־אָוונט פאַר די עלטערן און די שולטוערס).

דער צערעמאָניאַל פון פלאַנצן ביימער באַשטייט פון אַ קינדער־פאַרשטעלונג ביי וועלכער די שול־קינדער שטעלן פאָר ווי די קינדער אין ארץ ישראל פלאַנצן ביימער. אַ נאַראַטאָר רעדט וועגן דער וויכטיקייט פון ביימער פאַר ארץ ישראל, אַריינפלעכטנדיק אין זיין רעדע פּסוקים פון דער אַלטער און נייער ליטעראַטור וועגן פלאַנצן. ער דערציילט וועגן די פאַרשיידענע מינים ביימער אין ארץ־ישראל און וועגן זייערע פונקציעס (דערביי געפינען זיך אויף דער בינע ספּעציעל אויפגעבויטע רעפּרעזענטאַציעס פון די ביימער). ס׳ווערט דערביי אויך דורכגעפירט אַ צערעמאָניאַל פאַרן קרן־קימת, ענלעך צו דעם צערעמאָניאַל וואָס ווערט דורכגעפירט אום חנוכה. ס׳איז געוואונטשן, אַז אַן אָפיציעלער פאַרשטייער פון לאָקאַלן קרן־קימת־ביוראָ זאָל דערביי זיין אָפּצונעמען דאָס געלט, וואָס די קינדער האָבן געזאַמעלט פאַרן קרן־קימת פון חנוכה ביז ט״ו בשבט, און ער זאָל דערביי

רעדן אַ פּאָר ווערטער מענינא דיומא. ארץ־ישראל־לידער ווערן געזונגען. מ׳קען אויך ווייזן אַ פילעם פון דעם היינטיקן ארץ־ישראל־לעבן. ביי אַ פייערונג פון אַן עלטערע גרופּע קענען אויך זיין עטלעכע קורצע פּאַסיקע רעציטאַציעס און פּאַרלעזונגען, ווי אויך סצענקעס פון דער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, דורך אַלע עליות.

דער עלטערן־קאָמיטעט וואָלט ביי די פייערונגען געדאַרפט פּאַרטיילן די קינדער חמשה־עשר־אויבס.

פורים: פורים דאַרף מען דורכפירן זייער אַ פריילעכן שול יום־טוב, אפילו ווען דאָס קומט אויס אין אַ יאָר, ווען מ׳קען זיך ניט פּאַרגינען דורכצופירן קיין גרויסע אימפּאָזאַנטע פייערונג. אין אונדזערע צייטן (און גאָט ווייסט, אַז אָט די „אונדזערע צייטן" ציען זיך שוין לאַנג, און וועלן נאָך לאַנג דויערן), ווען דאָס יידישע קינד זאַפּט זיך אָן מיט אַזוי פיל צער פונעם יידישן לעבן, איז נייטיק צו שטאַרקן זיין מוט דורך געבן אים געלעגנהייטן מיטצופרייען זיך ביים יידישן נצחון איבער אונדזערע שונאים.

די פורים־פייערונג קען מען בפירוש דורכפירן פאַר אַלע שול־קינדער צוזאַמען. די פּראָגראַם וואָס מיר רעקאָמענדירן דאָ איז אַ דבר השווה לכל נפש. די פראַגע איז נאָר צי די שול פאַרמאָגט אַ גענוג גרויסן פאַרזאַמלונגס פּלאַץ, וואו די רעקאָמענדירטע פייערונג זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערן אויף אַ באַקוועמען אופן. לויט מיין מיינונג איז געוואונטשן דורכצופירן די פּראָגראַם אין צוויי טיילן, אויב מעגלעך, אפילו אין צוויי באַזונדערע טעג, אסתר תענית און פורים: 1) דאָס לייענען די מגילה, 2) מאַסקאַראַד.

די קינדער ווערן באַקאַנט פאַר פורים מיט דעם אינהאַלט פון דער מגילה. די מגילה ווערט געלערנט כמעט אין אַלע קלאַסן אין יהואשעס איבערזעצונג, און אין די עלטערע קלאַסן ווערן געלערנט גרויסע טיילן אויך אין העברעאישן אָריגינאַל.

דאָס לייענען די מגילה קומט פאָר אַזוי: אַ לערער לייענט פאַר דעם אָנהייב פון דער מגילה אין אָריגינאַל און מיטן טראָפּ. דערנאָך לייענט ער די גאַנצע מגילה פון דער יידישער איבערזעצונג, געוואונטשן מיט אַ באַזונדערער אינטאָנאַציע, ענלעך צום טראָפּ. די קינדער גראַגערן ביים דערמאָנען המנס נאָמען. ס׳דאַרף אָבער פריער געמאַכט ווערן אין די קלאַסן אַ „דזשענטלמענס אַגרימענט", אַז אַחוץ אין די מאָמענטן פון קלאַפּן, ווערט אויפגעהאַלטן אַ שטרענגע דיסציפּלין. מען זינגט אַ פּאָר פורים־לידער, און די לערערס און עטלעכע קינדער דערציילן מעשהלעך וועגן פאַרשיידענע פּורימס ביי יידן.

אויב דער מאַסקאַראַד קומט פאָר דעם זעלבן טאָג, ווערט געמאַכט אַ קורצער איבעררייס. די קינדער גייען צוריק אין די קלאַסן מיט זייערע לערער און טוען זיך אָן זייערע קאָסטיומען און מאַסקעס.

דער מאַסקאַראַד ווערט זאָרגעוודיק צוגעגרייט פאַר דער פייערונג. די לערערס גיבן די קינדער פאַרשיידענע עצות וועגן פאַסיקע קאָסטיומען און מאַסקעס, וואָס זאָלן פאָרשטעלן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון דער מגילה, פון דער יידישער געשיכטע בכלל, ווי אויך פון דעם היינט־צייטיקן לעבן. קינ־דער ווערן דערמוטיקט צוצוגרייטן גרופּע־סצענעס. אַ פּראָצעסיע ווערט דורכגעפירט פון די אָנטיילנעמערס, וואָס גייען אַרויף אויף דער בינע און גייען דורך דעם זאַל אַ פּאָר מאָל. מען טיילט אויס פּריזן פאַר די שענסטע מאַסקעס און קאָסטיומען.

ווייל די פייערונג באַשטייט פון צוויי טיילן, וועט זי פאַרנעמען מער צייט ווי אַ געוויינלעכע פייערונג. נאָר אַזוי ווי די פייערונג איז אַ פריילעכע און פאַדערט נישט דעם געוויינלעכן דעקאָרום, איז די לענג נישט קיין ערנסטער חסרון, און דאָך דאַרף מען זיך אויך אין דעם פאַל באַמיען, אַז די פייערונג זאָל נישט צו לאַנג פאַרצויגן ווערן. ס'איז געוואונטשן צו טיילן די קינדער פורים־נאַשערייען.

פסח: אויב ס'איז מעגלעך דורכצופירן באַזונדערע פייערונגען פאַר די יינגערע קינדער און פאַר די עלטערע, רעקאָמענדירן מיר אַט וואָס:

יינגערע פייערונג: — קורצע סצענקעס פון יציאת מצרים, אינסצע־נירונגען פונעם לעבן פון משה רבנו, באַנוצנדיק זיך מיט אויסצוגן פון חומש אין העברעאישן אָריגינאַל און אין דער יידישער איבערזעצונג, ווי אויך אינסצענירונג פון פאַרשיידענע פסח־צערעמאָניאַלן ביי פאַרשיידענע עדות יידן, פרילינג־סצענעס, דערוואַכונג פון דער נאַטור וכדומה. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז איך רעקאָמענדיר דאָ נישט אויסצונוצן די אַלע טעמען ביי איין פייערונג, נאָר צו מאַכן פון זיי אַ פּאַסיקן אויסקלייב.

עלטערע פייערונג: מיר רעקאָמענדירן זי דורכצופירן אין דער פאָרם פון אַ סדר. ס'איז געוואונטשן אַז די קינדער זאָלן זיצן אַרום טישן און אויף די טישן זאָל זיך געפינען פסחדיקער צוביס, ווי מצה, פסחדיקע קיכלעך און צוקערקעס ווי אויך וואַסער און פירות.

אַ לערער ריכט אָפּ דעם סדר. ער איז אַ במקום פּאָרזיצער, ער גיט די אַריינפירן צו די פאַרשיידענע טיילן פון דער הגדה. די הגדה ווערט צוזאַ־מענגעשטעלט פון פאַרשיידענע אויסצוגן אין העברעאיש און אין יידיש, פון דער הגדה ממש, פון חומש און פון מדרשים, און פון פאַסיקע אויסצוגן פון דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. דער מאָמענט פון אַקטו־אַליזירן קומט דאָ אַריין זייער פּראָמינענט. און ס'ווערט פאַרבונדן דער אַמאָל מיטן היינט, און דער יידישער פרייהייטס־קאַמף איבער דער גאָרער וועלט און אין ארץ־ישראל. די גאַנצע הגדה ווערט צוגעגרייט אין אַ מימע־אָגראַפירטע פאָרם. יעדעס קינד האַלט אַ קאָפּיע און קוקט אַריין, אַט ווי מ'דאַרף נאָכפאָלגן די הגדה ביי דעם סדר אין דער היים.

די פאַרשיידענע טיילן פון דער הגדה ווערן געזאָגט פון באַזונדערע

גרופּעס קינדער, יעדע גרופּע אין איר פּאַראויס באַשטימטן טייל. געוויסע פּסוקים דאַרפן אַלע קינדער זאָגן אָדער נאָכזאָגן נאָך דעם לערער. געוויסע טיילן פון דער הגדה וואָס לאָזן זיך דראַמאַטיזירן, מעגן פאַרגעבראַכט ווערן אין דער דראַמאַטישער פאָרם, אַבי נאָר ס׳זאָל ניט אַריינגעבראַכט ווערן קיין פרעמדער טאָן אין דער אַלגעמיינער ערנסט־פייערלעכער שטימונג. ממילא איז כדאי צו געדענקען, אַז הגם אונדזער שול־הגדה איז געבויט אויף דער אַלטער טראַדיציאָנעלער הגדה, טאָר פאָר קיין פאַל זיך ניט אַריינגנבבענען קיין טאָן פון נאָכקרימען. מיר זאָלן אויך געדענקען, אַז אונדזער פייערונג איז ניט קיין במקום־סדר. זי צילט אַריינצוברענגען די קינדער אין אַ שטימונג פון געשפּאַנטן וואַרטן אויף דעם אמתן סדר.

ווי געזאָגט ביי פריערדיקע געלעגנהייטן איז דורכאויס נויטיק, אַז אַלע קינדער זאָלן זיין באַקאַנט מיט דעם פולן טעקסט פון דער הגדה, איידער זיי קומען צו דער פייערונג. דאָס מיינט, אַז דער טעקסט ווערט געלערנט ווי אַ לימוד ביים צוגרייטן זיך צו דער פייערונג. ס׳איז גוט אַריינצוברענגען אַ געוויסע איינגעשטעלטקייט אינעם טעקסט, און נאָר קליינינקע שינויים און צוגאָבן ווערן אַריינגעבראַכט פון יאָר צו יאָר.

אין פאַל ווען די שול איז נישט גענוג גרויס צו האָבן צוויי באַזונדערע פייערונגען, איז מיין עצה, אַז די געמיינשאַפטלעכע פייערונג זאָל פּלאַנירט ווערן אויף די ליניעס פון דער אויבן פאַרגעשלאָגענער יינגערער פייערונג.

ל״ג בעומר: דאָס בעסטע איז צו אַראַנזשירן אַ יערלעכן אויספלוג פון דער שול (פּיקניק) אויף ל״ג בעומר. דער פּיקניק דאַרף געפּלאַנעוועט ווערן כאָטש אויף אַ 4־5 שעה. אזוי ווי אין די אָוונט־שולן איז דאָס אומ־מעגלעך דורכצופירן אין מיטן פון דער וואָך, דאַרף ער אַראַנזשירט ווערן אויף זונטיק, מ׳דאַרף צוגרייטן אַ קורצע פייערלעכע פּראָגראַם מעינינא דיומא אַחוץ דער געוויינלעכער פּראָגראַם פון ספּאָרט אַקטיוויטעטן און פאַר־ווײַלונגען.

אין דעם יאָר ווען מ׳פּלאַנעוועט אַ גרויסע ל״ג בעומר פייערונג (איין מאָל אין צוויי־דריי יאָר), איז דאָס גלייכסטע צו אָרגאַניזירן אַ „פּעדזשענט״. איך רעקאָמענדיר ווי די טעמע פאַר דעם „פּעדזשענט״: „דער יידישער קאַמף פאַר זעלבשטענדיקייט דורך די דורות״.

ס׳איז דורכאויס געוואונטשן, אַזאַ אַזאַ פּראָגראַם זאָל אַראַנזשירט ווערן געמיינשאַפטלעך פון עטלעכע שולן, וואו יעדע שול וועט צושטעלן אַ באַ־שטימטן טייל פון דער פּראָגראַם.

די פאָלגנדיקע מאָמענטן קומען אין באַטראַכט ביים צוגרייטן די פּראָגראַם (ווידער אַמאָל דאַרף איך באַמערקן, אַז איך מיין ניט, אַז מען מוז אויסנוצן אַלע פאָרגעשלאָגענע מאָמענטן און אויך נישט, אַז איך שעפּ דאָ אויס די מעגלעכקייטן פון אַנדערע מאָמענטן): יציאת מצרים — משה; כיבוש כנען — ראובן, גד וחצי שבט המנשה; נביאים — לערנען ווי צו

פאַרזיכערן אריכת ימים אין לאַנד; יידן אין בבל — די גאולה־נבואות; שיבת ציון — עזרא ונחמיה; קאַמף פון די חשמונאים; קאַמף קעגן די רוימער — רבי יוחנן בן זכאי; עשרה הרוגי מלכות — רבי עקיבא, בר־כוכבא; האָפנונגען און תפילות אויף גאולה; משיח־באַוועגונגען; אָנהייב פון ציוניזם — ערשטע עליה — צווייטע עליה; באַלפור דעקלאַראַציע; וואַרשעווער געטאָ; מעפּילים.

אַ נאַראַטאָר פאַרבינדט די אַלע גענומענע מאָמענטן. די סצענעס זיינען קורצע, ס'זיינען נישט נויטיק קיין קאָסטיומען און קיין בינע איינאָרדנונגען. אָבער געוויסע סימבאָלישע דעקאָראַציעס, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט מיט יעדער סצענע, קענען זיכער העלפן דעם עפעקט פונעם פּעדזשענט. (ס'איז אויך געוואונטשן דאָ אַריינצוברענגען אַ געוויסן קרן קימת צערעמאָניאַל). די פּראָגראַם איז נישט צוגעפּאַסט פאַר צו יונגע קינדער, אָבער אַזוי ווי מיר רעקאָמענדירן אַז די פייערונג זאָל דורכגעפירט ווערן פון עטלעכע שולן צוזאַמען, איז די שוועריקייט נישט קיין ערנסטע, ס'מיינט נאָר, אַז אַ באַזונ־דער פּאַסיקע פּראָגראַם דאַרף צוגעגרייט ווערן פאַר די ייִנגערע קינדער.

שבועות: ס'איז דאָס גלייכסטע, וואו נאָר מעגלעך, דורכצופירן די שבועות־פייערונגען באַזונדער פאַר די ייִנגערע קינדער און פאַר די עלטערע.

ייִנגערע פייערונג: — הויפּט־טעמע, חג הבכורים; ס'ווערן צוגע־גרייט סצענקעס פון עולה־רגל זיין. פאַרשיידענע גרופּעס קינדער שטעלן מיט זיך פאַר פאַרשיידענע טיילן פונעם לאַנד, גליל, יהודה, שומרון, שרון, אאַז"וו. זיי ברענגען זייערע ביכורים קיין ירושלים. ס'ווערט אויפגעשטעלט אַ טויער, דורך וועלכן די פּראָצעסיע גייט דורך. געוויסע איינפאַכע בינע־דעקאָראַציעס און לייכט געמאַכטע קאָסטיומען וואָס באַשטייען פון היטע־לעך און סטענגעס וועלן צוגעבן אַ סך קאָליר. דערביי ווערן געזונגען פּאַסיקע לידער, פּסוקים פון הלל און נייע ארץ־ישראל לידער. (ביי דער געלעגנהייט וויל איך רעקאָמענדירן, אַז נאָך יעדער פייערונג פון אַזאַ כאַ־ראַקטער זאָל מען נעמען אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס פון סצענעס. די קינדער וועלן גערן קויפן אַזעלכע פאָטאָגראַפיעס, וועלכע וועלן זיי דינען אויף לאַנגע יאָרן ווי זייער אַן אָנגענעמער אָנדענק פון זייערע שול יאָרן. אַזעלכע פאָטאָגראַפיעס זיינען אויך אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פאַר שפּעטערדיקע שול־פּובליקאַציעס).

עלטערע פייערונג: — די הויפּט־טעמע פאַר דער פייערונג איז מתן־תורה. דער אַלגעמיינער מעטאָד דאָ איז דער זעלבער ווי אויף פּסח. ס'ווערט צוגעגרייט אַ טעקסט, וואָס נעמט אַרום אַ סך פאַזעס פון תורה אין יידישן לעבן און אין דער וועלט־קולטור: מעמד הר סיני, עשרת הדברות, אַנט־וויקלונג פונעם באַגריף תורה, בולטע מאָמענטן פון דער אינדיווידועלער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער מאָראַל פון דער תורה, מסירת נפש דורך די דורות פאַר דער תורה. די אויסצוגן פון דעם טעקסט זיינען ווי אין פאַל פון

דער פסח־הגדה צוזאַמענגעקליבן פון אונדזער אַלטער און נייער ליטע־ראַטור אין העברעאיש און יידיש. די טעקסטן ווערן פונאַנדערגעטיילט צווישן פאַרשיידענע גרופּעס קינדער, און די גאַנצע פּראָגראַם ווערט אָנגע־פירט פון אַ לערער־פאַרזיצער.

האַנט־אַרבעט דאַרף שפּילן די גרויסע ראָלע ביים צוגרייטן אַ יום־טוב.׳מיר אַלע ווייסן אויף וויפל די האַנט איז באַהילפיק דעם זכרון. מיר געדענקען אויך די וויכטיקייט פון אָנגענעמע אַסאָציאַציעס אין דער דער־ציאונג. טאַקע דערפאַר איז אַזוי נייטיק, אַז קינדער זאָלן ווייסן און פאַר־שטיין אַלע מאָל וואָס זיי טוען ביי יעדן מאָמענט פון דער האַנט־אַרבעט לכבוד דעם יום־טוב.

עס קומט די פראַגע, וואו נעמט מען צייט פאַר דער האַנט־אַרבעט. איך האַלט ניט פון דער פּראָבלעם, וואו נעמט מען צייט צו לערנען וועגן דעם יום־טוב און צוגרייטן די פייערונג. אָט די מאָמענטן וואַקסן אַרויס פונעם לערנען גופא און זיינען פונקט אַזעלכע מוזן אין אונדזער פּראָגראַם ווי יידיש, העברעאיש, געשיכטע אאַז״וו. איך האָב שוין געזאָגט, אַז ביים לערנען וועגן די יום־טובים לערנען מיר אויפן בעסטן אופן יידיש, העב־רעאיש, געשיכטע א״א לימודים. איך גיב אָבער צו, אַז די פראַגע פון צייט פאַר האַנטאַרבעט איז אַ שווערע פראַגע. די שוועריקייט פאַרשווינדט אין גאַנצן אין דער טאָג שול. דאָרט ווערט די האַנט־אַרבעט געטאָן ווי אַ טייל פון דער קונסט און האַנט־אַרבעט, וועלכע פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער לערן־פּראָגראַם בכלל. די פּראָבלעם איז שווערער אין דער אָוונט־שול. מיר דוכט, אַז דאָרט קען מען זי פאַרענטפערן אויף דעם אופן: אין די יונגע קלאַסן איז סיי ווי נייטיק צייט פאַר האַנטאַרבעטן. זייער אַ גרויסע צאָל עלטערע קינדער האָבן אַ געפיל און אַ ליבשאַפט פאַר אָט דער סאָרט אַרבעט, (ביי מערסטע פון זיי איז עס אַ „האָבי״); אַ סך קינדער וועלן קומען אין זייער פרייער צייט זונטיק נאָך מיטאָג זיך דערמיט צו באַשעפטיקן; אַנדערע וועלן קומען פאַרן לערנען און אינמיטן דער וואָך; אַנדערע וועלן אַהיים נעמען אַרבעט צו טאָן אין זייער פרייער צייט. די גרעסערע שווע־ריקייט, לויט מיין מיינונג, איז די נישט־צוגעגרייטקייט פון מערסטע פון אונדזערע לערערס צו קענען אָנפירן אַזאַ אַרבעט; די שול־סיסטעם דאַרף זאָרגן דערפאַר. ס׳פאַרשאַפט מיר אַ סך פאַרגעניגן צו הערן, אַז דער יידישער דערציאונג קאָמיטעט אין ניו־יאָרק העלפט אַרויס די פאַרשיידענע טיפּן שולן אין דער שטאָט צו פאַרענטפערן די פּראָבלעם.

איך האָב ביז אַהער גאָרניט ניט געזאָגט וועגן שבת־פייערונגען (איך האָב אויך נישט גערעדט וועגן ראש־חודש־פייערונגען וואָס איך באַטראַכט ווי זייער וויכטיק; איך האָב וועגן דעם געשריבן אויספירלעך און דערציילט וועגן אונדזערע דערפאַרונגען מיט ראש־חודש־פייערונגען במשך פון די לעצטע פאַר יאָר אין דעם ספּעציעלן נומער „יידישע דערציאונג״, אַרויס־

געגעבן פונעם צענטראַלן שולן־קאָמיטעט פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער־פאַרבאַנד, זומער 1945). וועגן דעם ענין שבת אין אונדזערע שולן דאַרף מען שרייבן באַזונדער. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אין טאָגשולן, ווען מען האָט די קינדער דעם גאַנצן טאָג פרייטיק אין שול, דאַרף אין יעדן קלאַס פאַרנאַכט פאַרן אַהיים גיין דורכגעפירט ווערן אַ באַשטימטער קורצער שבת־צערעמאָניאַל.

אין אַ גרויסער צאָל אָוונט־שולן איז מען זיך נוהג דורכצופירן עונג־שבתים מיט די קינדער און מיט די עלטערן. איך האַלט ניט, אַז ס׳איז מעגלעך אין די גרויסע שטעט צו מאַכן אַ בקביעותדיקע אינסטיטוציע פון עונג־שבת מיט אַלע קינדער. מערסטע עלטערע קינדער זיינען אַנגעשלאָסן אין הבונים־קלובן און האָבן זייערע פאַרזאַמלונגען פרייטיק צו נאַכט. איך מיין אָבער, אַז עטלעכע מאָל דורכן יאָר זאָלן עונג־שבתים דורכגעפירט ווערן, און פאַר אַזעלכע אָוונטן איז גאַנץ לייכט צו פלאַנעווען פּראָגראַמען וואָס זאָלן זיין אי איינדרוקספול, אי דערציעריש אין דער העכסטער מאָס.

צו דער געשיכטע פון די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאל

די ערשטע 15 יאָר

פון

שלמה ווייסמאַן

(קאָנדענסירט פון אַן אַרבעט אונטערן זעלבן נאָמען געדרוקט אינעם „פאָלקס שולן בוך״, 1929)

רייך אין געשעענישן, אין קאַמף און נצחונות, זיינען די ערשטע 15 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל.

ווייל מען פאַרשטיין די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער אנטשטייאונג פון די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולן און באַגרייפן די הויפּט מאָמענטן פון זייער אַנטוויקלונג, מוז מען וואַרפן כאָטש אַ קורצן בליק אויפן צושטאַנד פון יידישער דערציאונג אין מאָנטרעאל צו דער צייט, ווען די נייע דערציאונגס באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן. די נייע שול באַוועגונג איז דאָך אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דער אומצופרידנקייט וואָס האָט געהערשט אין די אינטעליגענטערע קרייזן פון שטאָט מיט דעם דאַן עקזיסטירנדיקן דערציאונגס וועזן.

צו יענער צייט, (אַרום דעם אָנהויב פון דער וועלט מלחמה) האָבן אין מאָנטרעאל זיך געפונען אַ פּאָר תלמוד תורהס, וועלכע האָבן יעדע באַזונדער זיך געפירט אינגאַנצן לויט די צוריקגעשטאַנענע באַגריפן פון אַ באַשטימטער גרופּע באַלעבאַטים. ס׳זיינען אויך געווען פילע אַלטמאָדישע פּריוואַטע חדרים און נאָך אַ גרעסערע צאָל „פעדלער מלמדים״, וועלכע האָבן אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן צופרידנגעשטעלט די באַשיידענע פאָדערונגען פאַר יידישער דערציאונג צווישן די פאָלקס מאַסן.

די אינטעליגענטערע קרייזן פון מאָנטרעאָל האָבן, פאַרשטייט זיך, געקענט זיין גאָר ווייניק צופרידן פון דעם צושטאַנד אין דער דערציאונגס וועלט. די יונגע, נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקע און אינטעליגענטע עלעמענטן, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל מסירת נפש אנטייל גענומען אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע אידעאַלן, האָבן געמוזט איינזען, אַז אָט אַזאַ מין דערציאונגס סיסטעם קען געוויס ניט צוגרייטן דעם יונגן דור צו זיין דער טרעגער און קעמפער פאַר די אידעאַלן, וועלכע זיינען זיי אַזוי טייער. ס׳איז זיי געווען קלאָר, אַז אפילו די בעסטע פון די לערן אַנשטאַלטן רעכענען זיך גאָר ניט מיט די דערציאונגס נויטן, וועלכע ווערן אַרויסגעבראַכט פון די נייע לעבנס באַדינגונגען אין אָט דער נייער היים, און אַז זיי רעדוצירען דעם באַגריף פון יידישער קולטור צו אַ באַדייטונגסלאָזן מינימום.

העברעאיש, די שפּראַך, וועלכע איז כאָטש עטוואָס געלערנט געוואָרן אין די אַנשטאַלטן, איז געלערנט געוואָרן אויף זייער אַ פּרימיטיוון און אומפּעדאַגאָגישן אופן, וואָס האָט געוויס ניט אַרויסגערופן ביי די תלמידים קיין באַציאונג פון ליבשאַפט צו איר. די יידישע שפּראַך איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אויף אַ קרימינעלן אופן. פון לערנען ליטעראַטור, סיי יידישע, סיי העברעאישע, איינער פון די וויכטיקסטע לימודים פאַר דער עסטעטישער און עטישער, ווי אויך נאַציאָנאַלער דערציאונג פון דעם קינד, האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. די באַגריפן, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן די קינדער אויפן געביט פון געשיכטע, זיינען געווען קנאַפּע, ענגע און צוריקגעשטאַנענע, וועלכע זיינען געקומען שטאַרק אין קאָנפליקט מיט די וויסנשאַפטלעכע באַגריפן, וועלכע די זעלבע קינדער האָבן געקראָגן אין די לאַנדס שולן. די אַנשטאַלטן האָבן געלייגט דאָס גרעסטע געוויכט אויף רעליגיעזע צערעמאָניעס און דאָגמעס, ניט קימערנדיק זיך וועגן דעם וואָס זיי שטעלן אויף אַ שווערע מחיצה צווישן דער שול און דער היים און צווישן דער שול און דער גאַס. נאָך אַ טענה, איינע פון די וויכטיקסטע, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז צו יענער צייט איז די דערציאונג פון מיידלעך באַטראַכט געוואָרן כמעט פאַר אַן אומנויטיקער זאַך.

ס'איז דאַן געווען קלאָר צו זען, אַז איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אורזאַכן פאַר דעם נידעריקן קולטורעלן צושטאַנד, פאַר דעם שוואַכן אינ־טערעס אין יידיש נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע די הי דערצויגענע יוגנט האָט אַרויסגעוויזן, איז דער אומפּאַסיקער, צוריקגע־שטאַנענער יידישער דערציאונגס סיסטעם. מען איז דאַן געקומען צו דעם באַשלוס, אַז אַן ערנסטע און פּלאַנמעסיקע רעוואָלוציע מוז פאָרקומען אויפן געביט פון דער יידישער דערציאונג.

דער באַדן, אויף וועלכן עס זאָל אַרויסשפּראָצן די פאָלקס שול באַוועגונג אין שטאָט, איז שוין געווען געוויסערמאַסן צוגעגרייט. ביי אַ פּועלי ציון צוזאַמענפאָר אָפּגעהאַלטן אין יאָר 1910 אין מאָנטרעאָל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער רוף צו די יידישע פּראָגרעסיווע קרייזן אין אַמעריקע פאַר דער באַשאַפונג פון מאָדערנע יידישע שולן. שולן זיינען געעפנט געוואָרן אין אייניקע שטעט און מאָנטרעאָל איז געווען פון די סאַמע ערשטע. אין 1912 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע מאָדערנע יידישע שול אין מאָנט־רעאָל, אונטער דעם נאָמען „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולע". אַרום דער באַוועגונג פאַר דער שול זיינען געווען קאָנצענטרירט אַלע נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע כחות, הויפּטזעכלעך די ענערגישע, באַוואוסטזיניקע פּועלי ציון חברים. זייער פיל פּיאָנערן אַרבעט אַריינצובריינגען אָט דעם נייעם רעוואָ־לוציאָנערן געדאַנקענגאַנג בנוגע יידישער דערציאונג איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר פון דער „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע" (היינט באַקאַנט אַלס „פּרץ שולן"), און פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום זיי.

אַרום דעם אָנהויב פון 1914 האָט אָנגעהויבן זיך צו מערקן אַן אומ־צופרידנקייט מיט דער שול ריכטונג צווישן איניקע פון אירע בויער און הויפּט מתעסקים, אַן אומצופרידנקייט, וועלכע האָט סוף כל סוף געפירט צו דער אומפאַרמיידלעכער שפּאַלטונג.

די אומצופרידנקייט איז געווען באַזירט אויף איניקע פּרינציפּיעלע מיינונגס אונטערשיידן, און פון זיי איז די סאַמע וויכטיקסטע געווען בנוגע דער שפּראַכן פראַגע. די פירער פון דער יונגער שולע האָבן זי געפירט אַלץ מער און מער אין דער יידישיסטישער ריכטונג. די העברעאישע שפּראַך איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ העכערער לימוד, צוגעפּאַסט פאַר די סאַמע עלטסטע תלמידים. עס שיינט, אַז עס איז דאַמאָלט געווען אויך אַ מיינונגס פאַרשיידנקייט צווישן די אַרבעטער פאַר דער שולע בנוגע דער פראַגע אויף וויפיל די שולע דאַרף און זאָל זיין נאַציאָנאַליסטיש.

דער קאַמף אין די קרייזן פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע בנוגע צו דער שפּראַכן פראַגע האָט זיך אַלץ מער און מער צעפלאַקערט. די פּועלי ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע, וועמענס מיטגלידער זיינען געווען די אַקטיווסטע און אָנגעזעענסטע אין דער שולע, איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון צוויי שפּראַכיקייט. די שולע האָט אָנגענומען אַ גאַנץ קלאָר באַשטימטן יידישיסטישן פּראָגראַם. דער קאַמף איז געווען אומ־פאַרמיידלעך. די פּאַרטיי האָט געזוכט אויסצואיבן איר איינפלוס אויף די היגע חברים, אַז זיי זאָלן זיך צוריקציען פון דער שול אַרבעט. ענדלעך, ניט קענענדיק דורכפירן זייערע פּרינציפּיעלע פאָדערונגען, איז אַ גרופּע פון צען חברים, אונטער דער אָנפירערשטעט פון יהודה קויפמאַן, אַרויס־געטראָטן פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע (פּרץ שולע), און האָבן געגרינדעט דעם קאָמיטעט פאַר דער באַשאַפונג פון דעם נייעם פאָלקס שולן סיסטעם.

דער באַשלוס צו עפענען אַ נייע שולע איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַ פּועלי ציון מיטינג. די מיטגלידער פון׳ם נייעם שול קאָמיטעט זיינען געווען: מ. דיקשטיין, ז. וואָלאָפסקי, ד. ה. לאַזאַרוס, א. מייבערג, מ. מייבערג, ל. מעלצער, א. עסנער, מ. עפּשטיין, א. פּרנס און יהודה קויפמאַן.

ניט מיט גאָר גרויסע פינאַנציעלע מיטלען איז מען צוגעטראָטן צו דער גרויסער אַרבעט. איין חבר האָט געגעבן די סומע פון צען דאָלער, אַ צווייטער חבר האָט אויסגעליען אַן ענלעכע סומע, און חבר אברהם פּרנס איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער ערשטער קאַסירער פון דעם ניי געשאַפענעם שול פאַראיין.

מען האָט באַלד אַרויסגעלאָזט אַ צירקולאַר צו דער יידישער באַפעל־קערונג און זי באַקאַנט געמאַכט מיט די צילן פון דער נייער ריכטונג אין דער מאָדערנער שול באַוועגונג.

אָנהויב הערבסט 1914 איז געדונגען געוואָרן דאָס ערשטע הויז פאַר אַ שולע אויף קלאַרק גאַס אין דעם סאַמע „דאונטאון״ פון שטאָט [1].

מיט אַזעלכע רחבותדיקע מיטלען, אָבער מיט אַ טיפן גלויבן און מיט אַן עקשנותדיקער אַנטשלאָסנקייט דורכצוברעכן דעם וועג, האָבן די ווייניקע, ענערגישע יונגעלייט אָנגעהויבן זייער אַרבעט.

אָן דער שפּיץ איז געשטאַנען חבר יהודה קויפמאַן — צו יענער צייט אַן ערשט אַריבערגעקומענער, יונגער, יידישער געלערנטער און אָנגעזעענער פירער אין די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע קרייזן — דער מענטש וועלכער האָט אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן פיל משפיע געווען מיט זיין וויסן, מיט זיין שיינער פּערזענלעכקייט און מיט זיין גרייטקייט צו דינען די קולטורעלע נויטן פון די יידישע פאָלקס מאַסן אין אַמעריקע. אפילו פון ווייטן האָט חבר קויפמאַן אויסגעאיבט זיין איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזערע שולן און אויף דער פאַרטיפונג פון זייער פּראָגראַם.

ס'איז דאַמאָלט אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּרינציפּן דערקלערונג פון דער נייער שול באַוועגונג, וועלכע איז, מיט קליינע ענדערונגען, פאַרבליבן גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. ס'איז פון גרויסער וויכטיקייט דאָ גלייך צו באַמערקן, אַז די נייע גרופּע שול טוער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַ שטרענגע פאָדערונג, אַז די נייע שולע מוז זיין אַ טעגלעכע.

מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז די מערסטע עקזיסטירנדיקע מאָדערנע יידישע שולן אין אַמעריקע זיינען געווען בלויז שבת און זונטיק שולן. בלויז געציילטע, צווישן זיי די מאָנטרעאָלער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולע, זיינען געווען דריי־מאָל־אין־וואָך־שולן. אָבער די דערציערישע און קולטורעלע פאָדערונגען, וועלכע די גרינדער פון דער נייער שול האָבן זיך געשטעלט, האָבן פאַרלאַנגט פיל מער לערן שעהן. זיי האָבן זיך דעריבער אונטערגענומען אויסצולערנען די עלטערן זיך צו שטעלן שטרענגערע פאָדערונגען בנוגע דער יידישער דערציאונג פון זייערע קינדער, און זיי זיינען אין דעם געווען זייער דערפאָלגרייך. ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז די פאָלקס שולן האָבן געטראָגן דעם נאָמען „טעגלעכע״ ביז ערשט ניט לאַנג צוריק, און עס איז געוויס דערפרייענד פאַר די שול טוער צו מערקן, אַז דער פּרינציפּ פון טעגלעכע שולן איז היינט צו טאָג שוין אָנגענומען אין די מערסטע שולע קרייזן איבערן לאַנד [2].

אַ ברייטע אַגיטאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן פאַר דער שולע. גאַסן פאַרזאַמלונגען זיינען אָפט אָפּגעהאַלטן געוואָרן. די יונגע ענער־גישע שול טוער זיינען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז צו רעגיסטרירן תלמידים. דאָס איז ניט גאָר לייכט אָנגעקומען. ס'איז געווען שווער בייצו־קומען די דורות לאַנגע צוריקגעשטאַנענע טראַדיציעס און אַרויפצווינגען אויף די פאָלקס מאַסן די פאַרשטענדניש פאַר אַ פרישער און פרייער ווענדונג אין דער יידישער דערציאונג. די ערשטע צייט איז געלונגען צו פאַרשרייבן

ניט מער ווי צען תלמידים. נאָך אַ יאָר פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז דער שולע געלונגען צו האָבן פופציק תלמידים.

די שולע פירער האָבן נישט געשטעלט קיין הויכע פאָדערונגען צו די עלטערן, בנוגע דעם שכר לימוד — מען האָט נישט פאַרלאַנגט מער ווי צען סענט אַ וואָך שכר לימוד! ערשט שפּעטער צו האָט מען געהעכערט דעם שכר לימוד אויף 50 סענט אַ חודש. און בכלל איז דער ענין שכר לימוד געווען כמעט ווי אַ פּריווילעגער. מען איז אַזוי נייגעריק געווען אַריינצו־קריגן די קינדער אין דער שולע, אַז מען האָט די פראַגע פון שכר לימוד כמעט ווי קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. ס'איז דערפאַר אין די שפּעטערדיקע יאָרן גאָרניט לייכט אָנגעקומען די שול טוער צו דערציען די עלטערן צו זייער פליכט אין דער הינזיכט.

די אייננאַמע פון דער שולע איז פאַרשטענדלעכערוויז געווען זייער קנאַפּ. די שול טוער האָבן זיך באַמיט נישט צו מאַכן דאָס ערשטע יאָר קיינע אונטערנעמונגען, כדי נישט צו שטערן דעם גאַנג פון דער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שולע (פּרץ שולע). עס איז אין אַלגעמיין געמאַכט געוואָרן אַן ערנהאַפטע אָנשטרענגונג פוןביידע צדדים נישט צו שטערן זיך קעגנ־זייטיק. ס'מעג דאָ מיט פרייד געזאָגט ווערן, אַז די באַציאונגען צווישן די שולן זיינען געווען, און זיינען פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג, זייער פריינטלעכע.

דאָס קאַפּיטל לערער איז אפשר איינס פון די אינטערעסאַנטסטע, רירנדסטע און שענסטע אין דער פריער ווי אויך אין דער שפּעטערער געשיכטע פון דער שול באַוועגונג. ס'איז נישט געווען גאָר קיין לייכטע זאַך צוצופּאַסן לערער צו דער נייער שול ריכטונג. ס'איז נויטיק געווען, אַז די לערער זאָלן זיין אין פולער סימפּאַטיע מיט די פּרינציפּן און מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער נייער שול ריכטונג און זאָלן גלייכצייטיק זיין גרייט צו ברענגען גרויסע פּערזענלעכע קרבנות פאַר דער רעאַליזירונג פון די דערציאונגס אידעאַלן.

דער סאַמע ערשטער לערער פון דער פאָלקס שולע איז געווען א. ש. זאַכער, דאַן ערשט אַריבערגעקומען פון רוסלאַנד, וואו ער האָט געענדיקט די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן. חבר זאַכער האָט זיך איבערגעגעבן צו דער אַרבעט מיט לייב און לעבן. מיט אים האָבן מיטגעווירקט נאָך לערער, צווישן זיי אַזעלכע חברים און חברות, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און זיינען אין זייער פרייער צייט געקומען זיך איבערגעבן דער פּיאָנערן אַרבעט.

עס זיינען געווען אַנדערע לערער, וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה פון יידישער לערעריי אין תלמוד תורה און אויף אַ פּריוואַטן אופן, און האָבן אַוועקגעגעבן זייערע פרייע שעהן און זייער גאַנצן לערערישן אידע־אַליזם דער פאָלקס שולע.

מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז ס'איז אין יענער צייט נאָך ניט געווען קיין אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם פון לימודים, כמעט קיינע טעקסט ביכער, און אפילו ניט קיין באַשטימטע מעטאָדיק פאַר די פאַרשיידענע געגנ־שטאַנדן. מען האָט געדאַרפט פאָרשן, זוכן, אויספּרובירן נייע וועגן און זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן יעדן שריט. די פאַראַנטוואָרטלעכע פּיאָנערן אַרבעט איז דאַמאָלס געטאָן געוואָרן פון אַ גרויסן לערער ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון די שולע לערער און פון אַנדערע לערער און אינטעליגענטע מענטשן, פריינט און סימפּאַטיקער פון דער נייער שול ריכטונג. די אָפטע פאַרזאַמלונגען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון חבר יהודה קויפמאַן, דער דאַמאָלטיקער פּרינציפּאַל ביז 1916 (פון 1916 ביז 1919 איז חבר אַ. ש. זאַכער געווען פּרינציפּאַל, און פאַר אַ צייט אויך לערער שלמה שניידער), זיינען געווען אַן און פאַר זיך, אַ וויכטיקער קולטורעלער אויפטו. דאָס איז געווען אַ מין פּעדאַגאָגישע אַקאַדעמיע, וואו ס'זיינען ערנסט און געוויסנהאַפט באַהאַנדלט געוואָרן די פּראָבלעמען פון דער יונגער און נייער יידישער שול.

אַזוי אַרום האָבן זיך קריסטאַליזירט סיי דער פּראָגראַם און סיי די מעטאָדן פון די שולן. פאַמעלעכוויז זיינען צוגעשטאַנען נייע מענטשן צו דער אידעע, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך די אידעע אָנגעשלאָגן אָן זייער שטאַרקע קעגנערישע כוחות, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן איר אויף צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פראָנטן. פון איין זייט איז געווען די אָפיציעלע אָרטאָ־דאָקסיע, וועלכע האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט דער נייער ווענדונג אין יידישן לעבן. אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן האָט קיינער זיך ניט אַריינ־געמישט אין זייער אויסשליסלעכער רעכט צו באַלעבאַטעווען איבער דער יידישער דערציאונג, און אָט זיינען געקומען יונגע, לויט זייער מיינונג — גאָטלאָזע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וועלכע ווילן אַריינגעמען די יידישע דערציאונג אין זייערע הענט. צו זייער איבעררעשונג האָבן זיי געזען, אַז די באַוועגונג געווינט אָנהענגער צווישן די עלטערן און נאָך מער צווישן די קינדער.

די אָרטאָדאָקסיע האָט דאַן אָנגעפירט אַ העפטיקן, אָרגאַניזירטן קאַמף קעגן דער מאָדערנער שול. פאַר אַ לאַנגער רייע פון יאָרן האָבן די רבנים און סתם בעל הבתים געהאַלטן אָפטע דרשות אין די בתי מדרשים און שולן אָנווייזנדיק די שענדלעכקייט פון דער נייער באַוועגונג פאַר דער אַלטער, גוטער יידישקייט. געוויסע רבנים האָבן אפילו דערקלערט די שולן (נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע און פאָלקס שולע) אַלס מיסיאָנערסקע קלייזלעך. ביי אַ קאָנפערענץ אָפּגעהאַלטן אַרום יענער צייט צו זוכן מיטלען קעגן די מיסיאָנערן, האָט אַ רב גערעדט וועגן „אונדזערע אייגענע מיסיאָנערן", די פירער פון אונדזערע מאָדערנע שולן. דער שרייבער פון דעם אַרטיקל דערמאָנט זיך דעם מערקווירדיקן פאַל: אין באַשטימטן יום טוב טאָג איז אַן אָנגעזעענער בעל הבית, דווקא אַ האַלב מאָדערנער, אַרויף אויף דעם

בעלעמער, האָט פאַרגעלייענט פאַר דעם עולם אַ שטעלע פון ש. אַשס „מאַטקע גנב", וועלכע איז זייער פּיקאַנט און אַזוי צו זאָגן „אומאַנשטענדיק", און האָט פאַטעטיש פאַרענדיקט: דאָס לערנט מען מיט אייערע קינדער אין פאָלקס שולע.

נישט קיין בעסערע באַציאונג צו דער נייער פאָלקס שולע איז געווען צו מערקן אין די עקסטרעם ראַדיקאַלע קרייזן. יענע האָבן באַטראַכט די פאָלקס שולע אלס אַ בורזשואַזנע, העברעאיסטישע מאָדערנע תלמוד תורה, וועלכע איז געוויס ניט ראוי צו דערציען די אַרבעטער קינדער. די פאָלקס שולע האָט אין יענע קרייזן אַרויסגערופן מיסצוטרויען צו זיך איבער איר וואַרימער באַציאונג צו העברעאיש, איבער איר אַקטיוון נאַציאָנאַליזם און נאָך מער: ציוניזם, און אויך איבער איר פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער פאָלקסטימלעכער יידישער טראַדיציע. ס'איז נישט געווען גאָר לייכט פאַר די מענטשן פון יענע קרייזן איינצוזען, אַז אָט די אַלע פּאָזיטיווע שטריכן זיינען גאָרניט אין ווידערשפּרוך און נעמען גאָרנישט אַוועק פון דער וואַרימער באַציאונג צו יידיש, פון דער איבערגעבנקייט צו די סאָציאַלע אידעאַלן פון דער פּראָגרעסיווער ריכטונג און פון דער פּראָגרעסיווער אַנשויאונג אויף אַלע יידישע און וועלטלעכע פראַגן, אַריינגערעכנט אויך די פראַגע פון דער יידישער רעליגיע.

די שול טוער זיינען זיך געגאַנגען אויף זייער באַשטימטן וועג, טראָץ דער קעגנערשאַפט פון אַלע זייטן. די שולע איז געוואַקסן. די צאָל תלמידים און קלאַסן האָט געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן זיך. אַרום 1917 האָט זי שוין געהאַט אַרום 150 תלמידים.

אָט דער וואוקס פון דער שולע האָט אָנגעהאַלטן טראָץ דעם קלעגלעכן פינאַנציעלן צושטאַנד. עס פלעגן דורכגעפירט ווערן אונטערנעמונגען (קאָנ־צערטן, בעלער, „פאָלקס שולע טעג" און כל המינים זאַמלונגען) און דאָך איז דער שפּאָט־קליינער לערער געהאַלט כמעט ווי קיינמאָל נישט באַצאָלט געוואָרן פּאַלשטענדיק. די קלאַס צימערן זיינען געווען מוראדיק קליין און ענג. נישט זעלטן איז ניט געווען קיין קוילן צו דערוואַרעמען דאָס הויז... אָבער ס'איז אַלץ געווען ליב. מען האָט אָנגעהויבן מערקן רעזולטאַטן. ס'האָט אָנגעהויבן זיך שאַפן אַ שולע אַטמאָספערע. די קינדער זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער שולע און צום לערנען, — אַ גאַנץ אומגעוויינלעכע דער־שיינונג ביז דאַן אין די אַלטע דערציאונגס אַנשטאַלטן. די אָפטע קאָנצערטן, וועלכע זיינען אמת דורכגעפירט געוואָרן ווי אַ מיטל צו פאַרגרעסערן די שולע הכנסה, האָבן זייער פיל אויפגעטאָן צו פאַרשפּרייטן די אידעען און אידעאַלן פון דער נייער שולן באַוועגונג.

שול קאָנצערטן זיינען אפשר היינט צו טאָג אַ גאַנץ געוויינלעכע פּאַסי־רונג ביי אונדז אין שטאָט. עס איז דערפאַר אפשר שווער זיך פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג זיי האָבן דאַן אַרויסגערופן ביי די יידישע פאָלקס

מאַסן, וועלכע פלעגן אָנפילן די קאָנצערט זאַלן. די קאָנצערטן זיינען געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם יידישן פאָלקס ליד און פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, וועלכע האָבן געפונען ביי די קאָנצערטן אַן אויסדרוק, סיי ביים געזאַנג, סיי דורך אַנדערע קונסט פאָרמען.

עס זיינען דאַן געמאַכט געוואָרן אייניקע באַדייטנדע פּרואוון אויסצו־ברייטערן די שול אַרבעט. אין 1917 איז געעפנט געוואָרן אַ צווייג פון דער פאָלקס שול אין דעם צפונדיקן טייל פון שטאָט (מיילענד), וואו עס איז דאַן געווען אַ קליינע יידישע באַפעלקערונג. דער לערער און טוער פון יענער שולע איז געווען איינער פון די ערשטע און געטרייסטע שול טוער, ח׳ מרדכי עפּשטיין, (איצט אין ארץ ישראל). די נייע שולע האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן. די צייט איז נאָך אַ פּנים נישט געווען רייף און די יידישע באַפעלקערונג אין דעם געגנט צו קליין.

אין הערבסט 1918 איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער וויכטיקער נייער פּרואוו, וועלכער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער ווייטערדיקער שול אַרבעט. דאָס איז דער העברעאישער קינדערגאָרטן.

די צילן פון דעם העברעאישן קינדערגאָרטן זיינען געווען: ערשטנס, אַז די יונגינקע קינדערלעך זאָלן געניסן די שיינע קינדער־פרײדן פון אַ קינדערגאָרטן דווקא אין דער יידישער שולע און זאָלן דורך דעם צו איר צוגעבונדן ווערן; צווייטנס, זאָל דער קינדערגאָרטן זיין אַ ווירקזאַמער געהילפסמיטל פאַר דעם אַוועקשטעלן דעם לימוד פון דער העברעאישער שפּראַך אויף אַ נאַטירלעכן יסוד.

גרויסע שוועריקייטן זיינען געלעגן אין וועג פון שאַפן אַ קינדערגאָרטן. די סאַמע וויכטיקסטע פון זיי איז געווען די פראַגע פון אַ לערערן. קיינער פון די שול לערער איז ניט געווען צוגעגרייט אויף דעם געביט און עס איז כמעט ווי ניט געווען אַזעלכע בנמצא ערגעץ אַנדערש. אָבער אויך אויף דעם געביט האָט זיך אַרויסגעוויזן די אָפּפערוויליקייט פון די פאָלקס שולע לערער. חברה זעלדע אַקערמאַן (מיכלין), איינע פון די ערשטע לערער פון דער שול, האָט גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ענגער שול געביידע האָט קיין רייד ניט געקענט זיין פון האָבן אַ פאַסיקן צימער, און דער געדריקטער פינאַנציעלער צושטאַנד האָט ניט דערלויבט דאָס אַריינקריגן די נויטיקע מכשירים און מאַטעריאַלן. עס איז דאַריבער נאָך מער צו באַוואונדערן, וויפל עס איז מעגלעך געווען אויפ־צוטאָן מיט אַזוי ווייניק מיטלען, אָבער דערפאַר מיט זייער פיל גלויבן און באַגייסטערונג פאַר דער נייער אַרבעט.

אין מיטן פון אָט דער אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון דער אַרבעט איז געקומען דאָס שווערסטע יאָר אין דער עקזיסטענץ פון דער שולע — דאָס יאָר 1919. דער בודזשעט פון דער שולע איז געוואַקסן, אָבער ניט די

הכנסה. די חובות צו די לערער זיינען געוואָרן צו הויך — אפילו פאַר די אידעאַליסטישע לערער פון שולע. עס איז דאַן אפילו געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו פון דער שולע, אַנצופירן אַ גרעסערן געלט קאַמפּיין, אָנגע־פירט פון די ח״ח א. קאַצמאַן, ל. מעלצער און ז. וואָלאָפּסקי. אָבער טראָץ דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון די פירנדע חברים איז דער קאַמפּיין געווען אַ דורכפאַל. מאָנטרעאָל איז נאָך ניט געוואוינט געווען צו קאַמפּיינס און געוויס ניט צו שולע קאַמפּיינס.

דער פינאַנציעלער צושטאַנד איז נאָך ערגער געוואָרן. אייניקע פון די אַקטיווסטע טוער זיינען פונקט דאַן ניט געווען ביי דער אַרבעט, און עס איז געווען די סכנה, אַז די שולע זאָל זיך אינגאַנצן פאַרמאַכן. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די חברים ד. ה. לאַזאַרוס, ז. וואָלאָפּסקי, א. קאַסטין און אַנדערע איז די קאַטאַסטראָפע פאַרמיטן געוואָרן.

מעז יצא מתוק. די שול איז אַלס רעזולטאַט פון דעם קריזיס אַרויס־געגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע. די שול טוער האָבן איינגעזען, אַז די שול מוז האָבן אַן אייגענע געביידע און ס׳זאָל פאַרשווינדן די צופעליקייט פון איר עקזיסטענץ.

עס איז דאַן, ביים אָנהויב פון דעם יאָר 1920, געקויפט געוואָרן די שול געביידע, וואו עס געפינט זיך איצט די שולע נומער 1 — 953 (איצט 3885) סט. אורבעין. די פאַר יענער צייט זייער געוואַגטע אונטערנעמונג האָט צוגעצויגן אייניקע נייע טיכטיקע שול טוער, צווישן זיי חבר נ. נאָ־בעלמאַן, וועלכער איז דאַן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער שול, און האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביז 1928, ווען ער איז דערוויילט געוואָרן אַלס ערן פּרעזידענט. חבר נאָבעלמאַן האָט אין משך פון דער צייט געדינט זייער געטריי דער פאָלקס שולן באַוועגונג.

אַ קורצע צייט פאַר דעם איבערציען זיך אין דער נייער היים, איז חבר שלמה ווייסמאַן, צו יענער צייט לערער אין שולע אין אַ משך פון אַ דריי יאָר, דערוויילט געוואָרן אַלס פּרינציפּאַל, אַן אַמט, וואָס ער האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

דער חנוכת הבית פון דער שולע איז געפייערט געוואָרן דעם 30טן מאַי 1920 אין דער אָנוועזנהייט פון דעם דיכטער יהואָש אַלס גאַסט. צו דער געלעגנהייט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סואווענירבוך פון 54 זייטן, וואו דער פּראָגראַם און די טעטיקייט פון די שולן ווערט קלאָר פאַרמולירט, און וואו ס׳ווערן צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אַ צאָל שריפטלעכע אַרבעטן פון די תלמידים.

דאָס אַריינציען זיך פון דער שולע אין דער נייער היים האָט באַצייכנט דעם אָנהויב פון אַ נייער תקופה אין דער געשיכטע פון דער שולע. די צאָל תלמידים ביים אָנהויב פונ׳ם יאָר איז געווען ווייניקער פון 200. צו דער ענדע פונ׳ם יאָר איז די צאָל כמעט ווי פאַרדאָפּלט געוואָרן. דער שכר

לימוד איינקונפט איז פיל פאַרגרעסערט געוואָרן, און ס'איז דאַן דערפּאָלג־רייך אָנגעפירט געוואָרן דער קאַמפּיין פאַר דער נייער שול געביידע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון חבר משה דיקשטיין, מיט דער ווירקזאַמער מיטהילף פון חבר זעליג וואָלאָפּסקי. די חברות פון דער שול, האָבן דאַן, ווי אַלע מאָל, פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. אויסער זייער אָנטייל אין שול פאַראיין זיינען זיי אויך געווען אָרגאַניזירט אין אַ „מוטערס פאַראיין", וועלכער איז געווען גאַנץ אַקטיוו, ספּעציעל אין דעם קינדערגאָרטן, וואָס האָט ערשט דאַן אָנגעהויבן זיך באַפעסטיקן. דער פאַראיין האָט אויך פינאַנ־ציעל פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט און האָט גרופּירט אַרום זיך אַ גרעסערע צאָל מוטערס, וועלכע ער האָט נעענטער צוזאַמענגעבראַכט מיט דער שול און איר דערציאונגס וועג. ס'איז פאַרדריסיק, וואָס די אינסטי־טוציע איז די לעצטע יאָרן זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז 2 פון דער גרויסער צאָל פון די דאַן טעטיקע חברות, די חברות ב. לאַזאַרוס און פ. פעפער, נעמען אויף זיך לעצטנס די איניציאַטיווע דעם פאַראיין צו רעאָרגאַניזירן.

די שולע האָט דאַן צוגעקראָגן אייניקע זייער איבערגעגעבענע און ענערגישע לערער. איינער פון זיי, חבר ל. רובינשטיין, האָט זייער פיל בייגעטראָגן צו דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער שול אַרבעט. ער האָט אייניקע יאָר פיל מיטגעהאָלפן דעם פּרינציפּאַל צו אָרגאַניזירן דעם שול סיסטעם אויף אייניקע געביטן. ער האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן אין דער אָרגאַניזירונג פון קלובן, אין דער אויסאַרבעטונג פון דעם געניועץ שול פּראָגראַם, און האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער טעטיקייט פון דעם שול פאַראיין.

צו יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די בליאונגס עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די קינדער קלובן פון די שולן (שלום עליכם קלובן). די קלובן זיינען פון דאַן אָן געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער שולן טעטיקייט.

די קלובן האָבן דאַן זיך גענומען צו אַ נייער אינטערעסאַנטער טעטיקייט. דאָס איז דאָס אַרויסגעבן די קינדער זשורנאַלן אונטערן נאָמען „בליענדע צווייגעלעך". דער ערשטער איז אַרויס אין 1920 אין העקטאָגראַפירטער פאָרם, ווי זיינע 4 נאָענטע נאָכפאָלגער. פון יולי 1923 אָן ווערט דער קינדער זשורנאַל פון דער שולע געדרוקט יערלעך און ווערט געווינלעך אַרויס־געגעבן לכבוד דער גראַדואירונג. די שולן האָבן פון דאַן אָן אַרויסגעגעבן גרויסע זשורנאַלן, וועלכע זיינען מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון די שולע חברים און פריינט און אויך אין די ברייטע שול קרייזן איבערן לאַנד. די זשורנאַלן שפּיגלען אָפּ דעם כאַראַקטער און דעם וואוקס פון די שולן. זיי זיינען אויך אַ וויכטיקער געהילפס מיטל פאַר דעם לימוד פון קאָמפּאָזיציע און העלפן אַנטוויקלען די ליטעראַרישע פעאיקייטן פון אַ באַדייטנדיקער צאָל פון די שול תלמידים.

כאַטש מיט אַ וואָרט זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אפשר איינער פון די שענסטע אויפטוען פון דעם עלטערן שלום עליכם קלוב, דער גרויסער שע״ק קאָנצערט, וואָס זיי האָבן גאַנץ זעלבסטשטענדיק דורגעפירט דעם 13טן יאַנואַר 1926 לכבוד דעם 15 יאָריקן יובילייאום פון דער עקזיסטענץ פון די יידישע פאָלקס שולן איבערן לאַנד.

הערבסט 1920 איז ביים סוכות קאָנצערט געפייערט געוואָרן די ערשטע גראַדואירונג פון שולע. בלויז צוויי מיידלעך,ביילע עפשטיין און מלכה אורטיק, האָבן פאַרענדיקט דעם זעקס יאָריקן קורס פון דער שולע. די געשעעניש האָט אמת אַרויסגערופן זייער פיל פרייד ביי די שול טוער. די שמחה איז אָבער געווען בלויז אַ טיילווייזע: נאָך זעקס יאָר פון שול אַרבעט האָבן בלויז צוויי תלמידים פאַרענדיקט דעם פולן קורס. דאָס איז געוויס געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַבנאָרמאַלער לאַגע פון דער שולע אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.

דערפאַר אָבער איז די צווייטע גראַדואירונג געווען מער דערפרייענד. עס האָבן גראַדואירט 14 קינדער, וועלכע האָבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט זיך שיידן פון דער שול. זיי האָבן דורכאויס געפאָדערט, אַז די שולע זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט ווייטער פאָרצוזעצן זייער יידישע בילדונג. דער שול פאַראיין האָט דאַן מיט גרויס פרייד באַשלאָסן צו עפענען אַ צוויי יאָריקע מיטל שולע. דאָס איז געווען די ערשטע מיטל שול פון דעם מאָדערנעם יידישן שול סיסטעם אין אַמעריקע.

פון יענעם יאָר אָן איז דער ענין גראַדואירונג ווי אויך דער ענין מיטל־שול, געוואָרן אַ גאַנץ רעגלמעסיקע דערשיינונג. ביז איצט האָבן שוין גראַדואירט 9 עלעמענטאַרע קלאַסן מיט אַ צאָל פון 108 תלמידים, 4 מיטל שול קלאַסן מיט 33 תלמידים.

ווי גרויס איז אָבער געווען די באַגייסטערונג פון די שול טוער, ווען די גראַדואירונג פון דער ערשטער מיטל שול אין 1924 האָט באַוויזן, אַז די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולע קען ניט באַגרעניצן איר פראָגראַם בלויז צו דער עלעמענטאַר שול און צו דער מיטל שול. די שולע האָט אַרויסגערופן ביי אירע תלמידים אַ פאַרלאַנג פאַר יידישן און וועלטלעכן וויסן און זי מוז בויען העכער דעם בנין פון יידישער דערציאונג. אַ פראָגראַם פון צוויי יאָר העכערע קורסן איז דאַן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די לערער מיט דער מיטהילף פון דר. יהודה קויפמאַן, וועלכער איז דאַן געקומען אַנטייל צו נעמען אין דער פייערונג פון דער ערשטער גראַדואירונג פון דער מיטל שולע, און אין דעם צען יעריקן יובילעאום פון דער עקזיסטענץ פון די שולן. „די העכערע קורסן״ איז פון דאַן אָן געוואָרן אַ באַשטענ־דיקער טייל פון דער שולן אַרבעט. עס האָבן ביז היינט גראַדואירט 2 קלאַסן „העכערע קורסן״ מיט 11 תלמידים. דער פראָגראַם פון דער מיטל שול און פון די העכערע קורסן האָט אין משך פון דער צייט זיך פיל אַנטוויקלט.

דער לערער נתן רייך האָט זיך פיל באַמיט אַוועקצושטעלן די סאָציאַלע לימודים אין דער מיטל שולע און אין די העכערע קורסן אויף אַ הויכער מדרגה.

ס'איז געוואָרן איינער פון די צילן פון די העכערע קורסן צו העלפן די פעאיקע און וויליקע תלמידים זיך צוצוגרייטן צו טאָן לערערישע אַרבעט. די שולן האָבן אַרויסגעגעבן אַ צאָל גראַדואירטע, וועלכע באַשעפ־טיקן זיך מיט לערעריי אין אונדזערע שולן און אַנדערשוואו. די ערשטע גראַדואירטע פון דער מיטל שול און פון די העכערע קורסן צו ווערן אַ לערערין איז געווען חברה גיטל גערשאַנאָוויטש.

דאָס יאָר 1924 האָט געזען אַ וויכטיקן וואוקס פון דער שולע אויך אין אַן אַנדער ריכטונג. עס איז דאַן געעפנט געוואָרן שולע נומער 2 אין צפון פון שטאָט, 2001 וויווערלי גאַס (איצט 5201). עס איז געקויפט געוואָרן אַ נייע שול געביידע אונטער דער איניציאַטיווע פון די חברים מ. דיקשטיין, ז. וואָלאָפסקי, ל. מעלצער און ח. מ. קייזערמאַן. די שולע איז געעפנט געוואָרן דעם 21טן סעפּטעמבער 1924.

די נייע שולע איז גאַנץ שנעל געוואַקסן, אַ באַווייז, אויף וויפיל די פאָלקס שולן אידעע האָט זיך איינגעבירגערט אין שטאָט. די וויווערלי שול ציילט היינט אַרום 250 תלמידים. דער ערשטער געהילפס פּרינציפּאַל אין דער שולע נומער 2 איז געווען חבר מ. מ. פאָגעל, איינער פון די אָנגעזעענסטע לערער פון די שולן. נאָך אים איז געווען געהילפס פּרינציפּאַל חבר ל. רובינשטיין ביז זיין אָפּזאָר אין הערבסט 1927. דעם אַמט פאַרנעמט פון דאַן אָן חבר ש. דונסקי, אַ גאָר וויכטיקער לערער פון די שולן זינט 1923.

אַרום יענער צייט (1924) איז אויף דער איניציאַטיוו פון חבר א. פּרנס, געגרינדעט געוואָרן דער מאַנדאָלין אָרקעסטער פון די שולן. דער ערשטער לערער, וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם נייעם געביט, איז געווען ח' ס. קאָהן. דער אָרקעסטער גרופּירט אַרום זיך אַ גרעסערע צאָל גראַדואירטע און איצטיקע תלמידים פון די שולן און פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אויף די יערלעכע קאָנצערטן פון די שולן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין יאָר 1925 איז אונטער דער טעטיקער און פעאיקער פירערשאַפט פון חבר מ. דיקשטיין מיט דער נאָענטסטער מיטווירקונג פון חבר ז. וואָלאָפסקי, אָרגאַניזירט געוואָרן דער דירעקטאָרן ראַט פון די שולן. דער נייער אָרגאַניזאַטאָרישער אויפטו איז אַ גרויס געווינס פאַר דער עקזיסטענץ און אויסברייטערונג פון דער שולן אַרבעט. אויף אַזאַ אופן איז צוגעשטאַנען צו דער שולן אַרבעט אַ נייער גרויסער קרייז פון אינטעליגענטע יידישע געשעפטסלייט, וועלכע באַקענען זיך אַלץ מער און מער מיט דער פאָלקס

שולן ריכטונג אין דער יידישער דערציאונג און העלפן מיט אין דער אַרבעט אויף אַ ממשותדיקן אופן, וואָס זעט זיך אָן אַלץ מער און מער.

דער געביט, אויף וועלכן דער דירעקטאָרן ראַט איז אַממערסטן טעטיק, איז דער געביט פון די יערלעכע קאַמפּיינס. די קאַמפּיינס דעקן דעם דעפיציט פון די שולן, וועלכער וואַקסט מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער אַרבעט. כאָטש די שולן ליידן אָפט נאָך אַלץ פון אַ היבשער מאָס פון פינאַנציעלער דחקות, איז אָבער די לעצטע יאָרן דער צושטאַנד באַדייטנד בעסער. עס איז דאָך אַ דערפרייענדער פאַקט, צום באַדויערן אַן אויסערגעוויינלעכער אין אונדזערע שול קרייזן, אַז דורך די לעצטע 4 יאָר ווערן די שכירות פון די לערער געצאָלט פּאָלשטענדיק און כמעט ווי רעגלמעסיק. דאָס איז צום באַדאַנקען הויפּטזעכלעך חבר י. שאַפּראַן, וועלכער האָט זיך דאָס געשטעלט פאַר זיין אַמביציע און ווי אַ פּרינציפּ, וואָס ער האָט הייליק אָפּגעהיט אין משך פון יאָרן ביז עס איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

אין יוני 1927 איז ביי אַ דירעקטאָרן ראַט מיטינג באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן בויען אַ נייע מאָדערנע שול געביידע אין אוטרעמאָנט, און קירצלעך איז אויך געקויפט געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר דעם. צום באַדויערן איז ניט געווען מעגלעך דעם פּלאַן דורכצופירן.

אַ וויכטיקער שריט אויפן געביט פון פאַרגרעסערן אונזער שול וועזן איז געצומען געוואָרן ענדע 1928 מיטן קויפן דאָס שיינע און באַקוועמע שול הויז אין אַ וויטן ווינקל פון שטאָט, אין נאָטר דיים דע גראַס (868 קאָוט סט. אַנטואַן ראוד). זייער פיל אַרבעט איז פאַרן צוועק געטאָן געוואָרן פון חבר ה. דאָרפמאַן, וועלכער איז דער איניציאַטאָר פון דער אידעע, און פון אַ צאָל חברים און פריינט פון אונדזער שול באַוועגונג.

די נייע שולע (שולע נומער 3) איז געעפנט געוואָרן דעם 3טן יאַנואַר 1929. חבר מ. עציוני איז דער הויפּט לערער און געהילפס פּרינציפּאַל אין דער שולע. זייער פיל פּיאָנערן אַרבעט איז דערווייל דאָרט אָפּגעטאָן געוואָרן. מען באַגעגנט זיך אין דעם עטוואָס מער „באַלעבאַטישן" און טיילוויז אָפּגעפרעמדטן געגנט מיט פיל שוועריקייטן, וועלכע זיינען אין די אַנדערע טיילן פון שטאָט שוין לאַנג באַזייטיקט[3].

דער שולן פאַראיין באַשעפטיקט זיך לעצטנס זייער פיל מיט דעם געדאַנק פון גרינדן אַ זומער היים (קעמפּ) אויסער שטאָט אויפן מוסטער פון די קעמפּס פון די נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע שול ריכטונגען אין די שטאַטן.

דעם זומער (1929) איז צום ערשטן מאָל דורכגעפירט געוואָרן דער פּלאַן פון אַ ספּעציעלן זומער פּראָגראַם פאַר די חדשים יולי און אויגוסט, אַנשטאט די קאָרעספּאָנדענץ קורסן, וואָס פלעגן דורכגעפירט ווערן די לעצטע 4 זומערן פאַר יענע קינדער, וואָס פלעגן אַרויספאָרן אויף זומער אין דאָרף. ענג פאַרבונדן מיט דעם פּלאַן איז די נייע איינטיילונג פון

זמנים. אַנשטאָט די טראַדיציאָנעלע פּסח און סוכות זמנים הויבט דאָס שול יאָר זיך אָן (פון 1929 אָן) דעם ערשטן סעפּטעמבער און ענדיקט זיך ענדע יוני. דאָס לערן־יאָר ווערט איינגעטיילט אויף צוויי העלפטן אָנהויב פעברואַר. די איינאָרדנונג פאַלט צונויף מיט דער צייט איינאָרדנונג פון די ענגלישע שולן. די איינפירונג ווערט אויף אַ גאַנץ באַדייטנדן אופן פאַרלייכטערן דעם גאַנג פון דער שולן אַרבעט.

איינער פון די וויכטיקסטע אויפטועך פון די שולן פאַר די לעצטע פּאָר יאָר איז געוויס דער אָנהויב, וואָס איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן צו באַשאַפן אַ נאָרמאַלע יידישע שולע, אין וועלכער אַלע לימודים, וואָס זיינען נויטיק פאַר דעם קינדס אַנטוויקלונג און דערציאונג, זאָלן אים געגעבן ווערן. די פירער פון די שולן פילן, אַז די דערציאונגס אידעאַלן, וועלכע זיי האָבן זיך געשטעלט, קענען ניט פאָלשטענדיק רעאַליזירט ווערן אונטער די איצטיקע אומשטענדן, כל זמן דאָס קינד קומט אין דער יידישער שולע נאָר אויף אַ פּאָר שעה, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון טאָג אין אַ פרעמדער אַטמאָספערע.

שוין לאַנג, אַז דער פאָלקס שולן פאַראיין פּלאַנעוועט צו עפענען קלאַסן, אין וועלכע די יידישע און די אַלגעמיינע בילדונג זאָלן קאָמבינירט ווערן, אויפן שטייגער ווי דאָס ווערט געטאָן אין דער ווינ־פּעגער יידישער פּרץ שולע. דער אָנהויב פון דעם נייעם וויכטיקן עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן אין די מאָנטרעאָלער יידישע פאָלקס שולן אין פעברואַר 1928 מיט דער דערעפענונג פון דעם קינדערגאָרטן, אונטער דער אָנפירונג פון חברה י. ראָזנצווייג. דער קינדערגאָרטן קלאַס האָט געזאָלט זיין די פאַרבאַרייטונג צו אַ נאָרמאַלן ערשטן יאָר. די דערוואַרטונג איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַ צווייטער קינדערגאָרטן קלאַס איז געעפנט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1928, פון וועלכן 7 קינדער זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם ערשטן יאָר קלאַס פונ׳ם קאָמבינירטן קורס.

די אַרבעט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם יידיש־ענגלישן קינדער־גאָרטן אין 1928 איז געטאָן געוואָרן הויפּטזעכלעך פון די חברות לינאַ דיקשטיין, חנה וויסמאַן און שרה קייזערמאַן.

דער שולן פאַראיין פּלאַנעוועט, אַז דער קלאַס זאָל זיין דער אָנהויב פון אַ גאַנצן סיסטעם פון אַזעלכע קלאַסן, וועלכע זאָלן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צוקומען יערלעך קלאַס נאָך אַ קלאַס.

דאָס איז בלי ספק נאָר אַ פּרואוו טיילווייז צו דערגרייכן מיט אַ באַגרעניצטער צאָל קינדער דאָס, וואָס וואָלט לייכט געקאָנט אויפגעטאָן ווערן פאַר דער יידישער און אַלגעמיינער דערציאונג פון אַלע יידישע קינדער אין מאָנטרעאָל, ווען די אידעע פון סעפּאַראַטע יידישע שולן וואָלט דורכגעפירט געוואָרן. דער פאָלקס שולן פאַראיין האָט גערופן אין פעברואַר 1922 די ערשטע קאָנפערענץ פון פּראָגרעסיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס וועגן

דעם ענין און האָט פון דאַן אָן גענומען אַן אַקטיוון אינטערעס אין דער באַוועגונג; און ס׳איז די האָפנונג פון אַלע די, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די שולן, אַז דער אידעאַל וועט אינגיכן דערגרייכט ווערן צו דער פרייד פון אַלע אמתע פריינט פון יידישער דערציאונג.

באַמערקונגען פון דער רעדאַקציע:

[1] מכות, דעם פאַקטישן אָנהויב פון דער פאָלקס שולע הערשן חלוקי דעות. פאַראַן אַ יש אומרים, אַז פאַקטיש האָט זי זיך געעפנט ערשט אין האַרבסט 1915. מעגלעך אַז אין 1914 איז נאָר געגרינדעט געוואָרן דער שול פאַראיין, וואָס האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צו עפענען אַ שולע, און אַז די שולע איז טאַקע געעפנט געוואָרן ערשט אין 1915.

[2] צום באַדויערן מערקט זיך לעצטנס אַ צוריקטריט אין דער הינזיכט, און אַ צאָל שולן, אפילו ביי אונדז אין מאָנטרעאָל, האָבן לעצטנס רעדוצירט די צאָל טעג פון דער וואָך אויף פיר און אפילו אויף דריי.

[3] דידאַקטיקע שוועריקייטן האָבן לסוף, צום באַדויערן, גורם געווען, אַז מע האָט, נאָך אַן עקזיסטענץ פון אַ פאָר יאָר, געמוזט די שולע פאַרמאַכן.

צוויי הונדערט יאָר יידישע דערציאונג אין מאָנטרעאַל

אַן אָפּשאַצונג

פון ד״ר יוסף קעידזש

ווידמונג

די דאָזיקע אַרבעט איז געווידמעט צו מיין ליבן פריינט און לערער שלמה ווייסמאַן, וואָס האָט יאָר־איין־יאָר־אויס, טאָג־איין־טאָג־אויס, אין משך פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר, זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן, בלב ובנפש, צו דער הייליקער אַרבעט פון דערהויבן די חשיבות פון יידישער דערציאונג, און האָט זוכה געווען צו זען די בליענדיקע פירות פון זיין פּיאָנערישער אַרבעט.

אַריינפיר

דער בראשית פון יידישן ישוב אין מאָנטרעאַל איז אויך דער בראשית פון יידישן ישוב אין קאַנאַדע, וואָס הויבט זיך אָן אין יאָר 1760, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ בריטישע קאָלאָניע. זינט דער אַנטדעקונג פון קאַנאַדע אין 1534, ווען דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן זשאַק קאַרטיע האָט איינגענומען דאָס לאַנד אין נאָמען פון פראַנצויזישן קעניג, ביז 1760 האָט קאַנאַדע קיין יידן ניט געהאַט. עס זענען יאָ פאַראַן געוויסע שוואַכע סימנים וועגן יידישן קאָנטאַקט מיט קאַנאַדע, אָדער ניי־פראַנקרייך, ווי דאָס לאַנד האָט דעמאָלט געהייסן, דאָך האָט קאַנאַדע ניט פאַרמאָגט קיין יידישע תושבים — דער פראַנצויזישער רעזשים האָט ניט דערלאָזן קיינע אימיגראַנטן וואָס זיינען ניט געווען פון קאַטוילישן גלויבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיך קיין יידן ניט געקענט באַזעצן אין לאַנד. דער בראשית פון אַ סטאַבילן יידישן ישוב אין קאַנאַדע פאַלט צוזאַמען מיט דעם פעריאָד ווען דאָס לאַנד איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער בריטישער הערשאַפט (1760) און עס זיינען פאַרשוואונדן די לעגאַלע שטערונגען קעגן ניט־קאַטוילישע איינוואַנדערער.

אין משך פון די ערשטע הונדערט יאָר פון יידישער איינוואַנדערונג איז דער ישוב געווען נומעריש קליין און זיין וואוקס זייער אַ לאַנגזאַמער. לויט דעם ערשטן אָפיציעלן צענזוס אין קאַנאַדע, אין 1831, האָבן אין לאַנד געוואוינט 107 יידן. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1851, האָט די יידישע קהילה געציילט 451 נפשות. אַרום 1850 האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע אימיגראַציע פון אייראָפּע. פון דעמאָלט אָן איז געוואַקסן סיי די נומערישע צאָל פון ישוב און סיי זיין געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער פּרצוף. די אָפיציעלע

קאַנאַדער פאָלקס־ציילונג, וואָס ווערט געמאַכט יעדע צען יאָר, גיט אָן די פאָלגנדע ציפערן פון דער קאַנאַדער יידישער באַפעלקערונג:

צענזוס יאָר		צאָל יידן
1861	—	1,195
1871	—	1,333
1881	—	2,456
1891	—	6,503
1901	—	16,717
1911	—	75,838
1921	—	126,201
1931	—	156,726
1941	—	170,241
1951	—	204,836
1960	—	255,000 (געשאַצט).

די ערשטע הונדערט יאָר

אין משך פון די ערשטע הונדערט יאָר פון יידישן לעבן אין לאַנד איז מאָנטרעאַל געווען די איינציקע גרעסערע יידישע קהילה. ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט די קאַנאַדער יידישע באַפעלקערונג אין יאָר 1851, כמעט ווי הונדערט יאָר נאָך דעם אויפקום פון קאַנאַדער יידישן ישוב, געציילט 451 נפשות, וואָס 181 פון זיי האָבן געוואוינט אין מאָנטרעאַל. די אַנדערע זיינען געווען צעזייט און צעשפרייט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד.

די ערשטע יידישע תושבים אין קאַנאַדע זיינען לרוב געקומען פון די בריטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן די פאַר־איייניקטע שטאַטן. דער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום דעם מיטן פון ניינצעטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע אימיגראַציע פון אייראָפּע. עקאָנאָמיש האָבן די ערשטע תושבים געהערט צום העכערן מיטלקלאַס — סוחרים, אינדוסטריעלער, א.ד.ג. סאָציאַל האָבן זיי פאַרנומען אַן אָנזעענדיקן פּלאַץ אין אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. זיי האָבן אָבער אויך געזאָרגט וועגן זייער אינערלעך־יידיש קהילה לעבן און האָבן אָפּגעהיט די רעליגיעזע צוגעבונדנקייט. די ערשטע שול אין קאַנאַדע, די „שארית ישראל“, איז עטאַבלירט געוואָרן אין מאָנטרעאַל אין 1768, אַכט יאָר נאָכדעם ווי דער ערשטער ייד האָט זיך באַזעצט אין לאַנד.

די צאָל קינדער איז פאַרשטענדלעך געווען גאַנץ קליין. די יידישע דערציאונג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער איינציקער יידישער שול „שארית ישראל“. דער קליינער ישוב, אין אַ געוויסער מאָס איזאָלירט פון אַנדערע קאַנאַדער יידישע ישובים אין יענער צייט, האָט מיט איבערגעבנקייט

געזוכט צו פאַרשטאַרקן דעם רעליגיעזן גייסט און אָנצוהאַלטן די טראַדיציעס פון יידישקייט.

נייע ווינטן

אַ וויכטיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. יידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די ערשטע פאַזע פון דער נייער אימיגראַציע האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון ניינצענטן יאָרהונדערט און האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויפן יידישן לעבן אין קאַנאַדע. דער ישוב איז נומעריש געוואַקסן. דאָס קהילה לעבן איז געוואָרן אינטענסיווער. די יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון נייע קהילות. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אָנגענומען אַ ניי פּנים. יידיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך האָט פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין קהילה לעבן. עס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין נייע קהילה אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, איבערהויפּט פון פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. אַ סך פון די נייע אימיגראַנטן זענען געווען אָרעם, און די יידישע קהילה האָט געמוזט אָננעמען מיטלען צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע.

דער יידישער ישוב האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט צווישן 1870 און 1900, נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די אימיגראַציע כוואַליע פון רוסלאַנד. עס ווערט געשאַצט, אַז אין משך פון די דרייסיק יאָר זענען קיין קאַנאַדע אַריינגעקומען אַרום פערצן טויזנט יידישע אימיגראַנטן. די צאָל פון פערצן טויזנט אימיגראַנטן איז אפשר ניט אַזוי גרויס, אָבער פּראָפּאָר־ציאָנעל צו דער גרייס פון יידישן ישוב אין קאַנאַדע אין יענע יאָרן, האָט עס געמיינט, אַז אין משך פון דרייסיק יאָר האָט די יידישע קהילה זיך צוועלפפאַך פאַרגרעסערט.

דער וואוקס פון דער קאַנאַדער יידישער קהילה האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דעם כאַראַקטער פון דער יידישער דערציאונג. מאָנטרעאַל, אַלס אַ יידישער ישוב איז נומעריש געוואַקסן. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז די יידישע באַפעלקערונג אין מאָנטרעאַל באַשטאַנען פון 181 נפשות אין יאָר 1851; אין 1861 האָבן זיי שוין געציילט 403 מענטשן; אין 1871 — 409; אין 1881 — 814; אין 1891 — 2,473 און אין 1901 — 6,876 פאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל קינדער און די נאָכפראַגע אויף יידישן לימוד. קיין קהילה דערציאונגס־וועזן איז אָבער ניט געווען. אין דעם פּרט האָט געהערשט דער באַגריף פון „ראַגעד אינדיווידואַליזם" — יעדער איינער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך. די יידישע דערציאונג איז איינגעשטאַנען ביי פּריוואַטע מלמדים, פּריוואַטע חדרים און קלאַסן אין רעליגיע ביי די עקזיס־טירנדיקע שולן.

וועגן פריוואַטע מלמדים אָדער חדרים איז ניטאָ קיין סך וואָס צו זאָגן. אונטער די בעסטע אומשטענדן קאָן דער ניוואָ פון לימוד ניט זיין קיין הויכער. סיי די פּעדאַגאָגישע צוגרייטונג און סיי די פיזישע אומגעבונג פון די חדרים איז ניט געווען פון אַן אָנגענומבאַרן סטאַנדאַרט. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די נייע אומגעבונג אין לאַנד, די עקאָנאָמישע נויטן פון דער משפּחה, א.א.וו., האָבן געצוואונגען אַ סך קינדער צו פאַרלאָזן דאָס לערנען אין דער פריער יוגנט. זיכער זענען געווען אויסנאַמען סיי צווישן מלמדים און סיי צווישן חדרים. אָבער אין אַלגעמיין איז דער סטאַנדאַרט פון לימוד געווען אַ נידעריקער.

די לאַגע איז געווען אַ ביסל בעסער, ווינציקסטנס אָרגאַניזאַציאָנעל, אין די קלאַסן וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן ביי די צוויי מאָנטרעאָלער שולן — די „שארית ישראל" און „שער השמים".

נאָך אין 1778 האָט די „שארית ישראל" אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן, ענגלאַנד, דעם רעוו. יעקב קאָהן, וואָס איז געוואָרן דער גייסטיקער פירער פון דער קהילה און האָט אויך געגעבן רעליגיעזן אונטערריכט צו די קינדער. ווען רעוו. קאָהן האָט פאַרלאָזן זיין אַמט האָט מען געמאַכט אַנדערע ענלעכע אַראַנזשירונגען. רעליגיעזער אונטערריכט און אַביסל עברי איז געלערנט געוואָרן פון די חזנים אָדער ספּעציעל אָנגעשטעלטע לערער אין דער שול. אין 1846 איז דר. אברהם דע סאלא געוואָרן רב. ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אַמט ביז זיין טויט אין 1882. הרב דע סאלא איז געווען אַ דינאַמישער מענטש, אַ פאַרשער און געלערנטער. קורץ נאָך זיין אָנקומען האָט ער אָרגאַניזירט אַ טאָג־שולע וואו עס זענען געלערנט געוואָרן אַלגעמיינע און אויך יידישע לימודים. די טאָג שולע האָט עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט. נאָכדעם זענען די יידישע לימודים געווען קאָנצענטרירט אין נאָכמיטאָג־ און זונטיק־קלאַסן.

אין 1874 האָט די „שער השמים" שול אויך באַשלאָסן צו גרינדן אַ טאָג־שולע, וואו קינדער זאָלן קריגן אַ וועלטלעכע און יידישע דערציאונג צוזאַמען. די שולע איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן, אָבער קיין אריכת ימים האָט זי אויך ניט געהאַט. זי האָט עקזיסטירט איינאַנצן עטליכע זמנים. נאָכדעם איז די יידישע דערציאונג רעדוצירט געוואָרן צו זונטיק־ אָדער נאָכמיטאָג־קלאַסן.

די אויבנדערמאָנטע קורצע כאַראַקטעריזירונג פון דער יידישער דערציאונג און משך פון דעם דאָזיקן פּעריאָד דאַרף בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג. פאַרקערט, מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע פון דער צייט, און אָפּשאַצן די לאַגע אין דעם ליכט פון דער דינאַמיק פון דעם יידישן לעבן אין קאַנאַדע אין יענעם פּעריאָד. די צווייטע העלפט פון נייצענטן יאָרהונדערט אין יידישן לעבן אין קאַנאַדע דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס די פאָרמירנדיקע פאַזע פון קאַנאַדער

יידישן ישוב. ווי יעדער אַנדער סאָציאַלער אָרגאַניזם אין דער פּאָרמירנדיקער סטאַדיע פון זיין אַנטוויקלונג, איז אויך דער יידישער ישוב אין קאַנאַדע נאָך ניט געווען קיין איינהייטלעכער אינטעגרירטער אָרגאַניזם. דער ישוב איז געווען צעוואָרפן איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד. דער צוזאַמענבונד צווישן די פאַרשידענע יידישע ישובים איז געווען אַ שוואַכער. יעדע קהילה האָט געזוכט קודם כל איר אייגענעם דרך פון איינלעבן און איינבירגערן זיך לגבי די אינערלעכע פּראָבלעמען, און לגבי דער אויסערלעכער וועלט. דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין פאַל פון יעדן אינדיווידועלן תושב. דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער צופּאַסונג, די געבורט־ווייען פון סאָציאַלער אומשיכטונג אין נייעם לאַנד, און די פּסיכאָלאָגישע צעטרייסלונג אין דער איבערגאַנגס־צייט, האָט אַרויסגערופן אַ צאָל פּראָבלעמען, סיי פאַרן יחיד און סיי פאַר דער קהילה, וואָס האָבן געמוזט שנעל פאַרענטפערט ווערן. די בויט האָט געצוואונגען, אַז אַ סך געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, יידישע דערציאונג בתוכם, זענען געלייזט געוואָרן אויף אַ פּראָוויזאָרישן אופן. זייער אָפּט איז קיין אַנדער ברירה אפשר ניט געווען.

ביים אָנהויב פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער קאַנאַדער יידישער ישוב דערשפּירט אַ פעסטקייט אונטער די פיס. סיי דער נומערישער וואוקס פון דער קהילה, סיי די סאָציאַלע אומשיכטונג וואָס אַ סך פון די ניי־געקומענע האָבן דורכגעמאַכט, די לופט פון פרייהייט אינעם נייעם לאַנד, די פּערס־פּעקטיוון און מעגלעכקייטן פון דער נייער סביבה, — דאָס אַלץ האָט באַווירקט דאָס אָנקומען פון אַן אויפשוואונג עפּאָכע, ווען די יונגע יידישע קהילה האָט גענומען דערשפּירן און אַנטוויקלען אירע כוחות און ענערגיע. דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויפן געביט פון יידישער דערציאונג. כדי בעסער צו פאַרשטיין די לאַגע וועלן מיר אין קורצן אַנאַליזירן די דערשיינונג אין קאַנאַדער לעבן באַקאַנט אַלס די „קוויבעקער שול פּראַגע“, — אַן ענין וואָס האָט אויסגעאיבט און איבט נאָך אַלץ אויס אַ השפעה אויף דעם יידישן דערציאונגס וועזן אין מאָנטרעאַל.

ווי באַוואוסט, איז דער דערציאונגס סיסטעם אין קאַנאַדע אַ ריין פּראָווינציעלער ענין און אונטער דער יוריסדיקציע פון די פּראָווינציעלע רעגירונגען. אין דער פּראָווינץ קוויבעק טראָגט דער ענין אַ ספּעציפישן כאַראַקטער צוליב דעם קאָנפליקט וואָס האָט געהערשט צווישן די צוויי הויפּט עטנישע באַפעלקערונגס גרופּעס — די ענגלענדער, וואָס זיינען הויפּטזעכלעך פּראָטעסטאַנטן און די פראַנצויזן, וואָס זענען קאַטאָליקן. נאָך אין 1846 האָט די פּראָווינץ קוויבעק איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַלגעמיינע שולעס, פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער היות ווי די מאַיאָריטעט פון דער באַפעל־קערונג, וואָס איז געווען קאַטאָליש, איז דורכאויס באַשטאַנען אויף איר רעכט צו לערנען אין די שולעס די דאָקטרינען פון דער קירכע, און היות די פּראָ־טעסטאַנטן זענען דווקא געווען קעגן דעם, איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז

רעליגיעזע מינאָריטעטן האָבן אַ רעכט איינצושטעלן „דיסידענט״, אָדער סעפּאַראַטע שולעס, וואָס זאָלן פאַרוואַלטעט ווערן פון אַ קאָמיסיע דערוויילט פון לאָקאַלע שטייער־צאָלער. אין מאָנטרעאָל זענען אַזוי אַרום עטאַבלירט געוואָרן צוויי שול סיסטעמען — דער קאַטוילישער און דער פּראָטעסטאַנטישער. אַזוי ווי עס איז ניט אין די ראַמען פון אונדזער איצטיקער אַרבעט אַרומצורעדן ברייטער די קוויבעקער שול־פראַגע לאָזן מיר בכוונה אַרויס אַ צאָל דעטאַלן. עס איז אָבער יאָ וויכטיק צו באַמערקן, אַז די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דער פאַרטיילונג פון דער דערציאונג אין קוויבעק אין דענאָמינאַציאָנאַלע שול־סיסטעמען האָט אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט די יידן אָדער אָנצושליסן זיך אין איינער פון די עטאַבלירטע שול פאַרוואַלטונגען (קאַטוילישע אָדער פּראָטעסטאַנטישע), אָדער שאַפן אַן אייגענעם סיסטעם.

עס איז אויך אינטערעסאַנט, אַז ווען די מאָנטרעאָלער קהילה איז נאָך געווען קליין, פלעגן די יידישע שטייערן געצאָלט ווערן פאַר אַ געוויסן פעריאָד, צום קאַטוילישן שול פאָנד. ווען עס איז עטאַבלירט געוואָרן די טאָג־שולע ביי דער „שארית ישראל״ שול, איז זי טאַקע אויסגעהאַלטן געוואָרן הויפּטזעכלעך פון די יידישע שטייערן, — דורך אַ דירעקטער סובווענץ פון דער קאַטוילישער שול־קאָמיסיע.

אין 1870 איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, אַז יידן קענען אַליין באַשטימען צו וועמען זיי זאָלן צאָלן זייערע שול־שטייערן, אָדער צו דעם פּראָטעסטאַנטישן שול־סיסטעם אָדער צו דעם קאַטוילישן. דער גרעסטער טייל האָט געצאָלט צו די פּראָטעסטאַנטן, אָבער אַ טייל אויך צו די קאַטויליקן. עס איז אויך געוואָרן אַ ריין געאָגראַפיש פּראָבלעם. כל זמן די קהילה איז געווען קליין, האָבן זיך די יידן קאָנצענטרירט אין איין געגנט. אָבער מיט דעם וואוקס פון דער קהילה און מיטן פאַרשפּרייטן זיך אין פאַרשיידענע שטאָט־געגנטן האָבן יידישע קינדער געמוזט האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ שולע נאָענט צו זייערע היימען. עס האָט שוין אפילו געהאַלטן (אַרום 1874), אַז מען זאָל גרינדן אין מאָנטרעאָל אַ סעפּאַראַטן יידישן שול־סיסטעם. דער פּראָיעקט איז אָבער דורכגעפאַלען צוליב פאַרשיידענע סיבות. איינע פון די הויפּט שטערונגען איז געווען די צעטיילונג אין דער קהילה גופא, וואו איין צד האָט געהאַלטן, אַז עס איז נויטיק אַ סעפּאַראַטער יידישער שול סיסטעם און דער צווייטער — פונקט פאַרקערט. דער פּראָיעקט איז דורכגעפאַלן און מען איז געקומען צו א געוויסער פאַרשטענדיקונג מיט די פּראָטעסטאַנטישע שולעס וועגן דער אַלגעמיינער אויסבילדונג פון יידישע קינדער. דער קאַנאַדישער יידישער היסטאָריקער, ב. ג. זאַק, קומט צום פאָלגנדן אויספיר: „מאָנטרעאָלער יידן האָבן דאַמאָלט געהאַט אַ גאָלדענע געלעגנהייט צו שאַפן אַן אייגענעם דערציאונגס סיסטעם, וואָס וואָלט לייכט געקאָנט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די אַנדערע דערציאונגס סיסטעמען אין דער דאָזיקער פּראָווינץ. עס וואָלט אפילו ניט אָנגעקומען שווער צו קריגן

פאַר אַ יידישן דערציאונג־סיסטעם אַ לעגאַלן סטאַטוס, אָבער די געלעגנהייט איז נישט אויסגענוצט געוואָרן. די לאַגע האָט זיך עווענטועל קריסטאַליזירט, און יידישע קינדער זיינען בנוגע באַזוך אין די אַלגעמיינע שולעס באַטראַכט געוואָרן ווי פּראָטעסטאַנטן.

דער איבערגאַנגס־פּעריאָד

דער צייט אָפּשניט צווישן די יאָרן 1895 און 1915 קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַן איבערגאַנגס פּעריאָד אין דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין מאָנטרעאָל. עס זענען געווען עטלעכע סיבות — דעמאָגראַפישע און פּסיכאָלאָגישע, וועלכע האָבן באַווירקט אַ נייעם צוגאַנג צום גאַנצן פּראָבלעם.

קודם כל האָט געווירקט דער פאַקט וואָס די פאַרגרעסערטע יידישע אימיגראַציע האָט אַריינגעבראַכט טויזנטער נייע יידן אין לאַנד. די מאָנט־רעאָלער יידישע באַפעלקערונג וואָס האָט אין יאָר 1891 געציילט 2,473 נפשות איז אויסגעוואַקסן צו 27,948 אין 1911. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז אויך געוואַקסן די צאָל קינדער. ל. ראָזענבערג, פאָרשונגס דירעקטאָר פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, ווייזט אָן, אַז אין יאָר 1890 האָבן 269 יידישע קינדער באַזוכט די פּראָטעסטאַנטישע שולעס אין מאָנטרעאָל. אין 1910 האָט שוין די צאָל קינדער באַטראָפן 5,331 און אין יאָר 1915 — 9,642. אָט דער דאָזיקער דעמאָגראַפישער פאַקטאָר האָט געטריבן די קהילה צו זוכן נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור אין יידישן דערציאונגס וועזן.

אַ צווייטער פאַקטאָר איז געווען פון אַ פּסיכאָלאָגיש־נאַציאָנאַל־סאָציאַלן כאַראַקטער. דער וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער־קלאַס און די סאָציאַ־ליסטישע שטרעמונגען; די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע פילאָזאָפיע; די וואַקסנ־דיקע יידישע ליטעראַטור און פּרעסע, — דאָס זענען אַלץ געווען שטויס־כוחות וואָס האָבן געפירט צו אַן ענדערונג, הן אין תוכן און הן אין אָרגאַניזאַציע פון יידישן דערציאונגס וועזן.

דער איבערגאַנגס־פּעריאָד האָט ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּלאַנירטער באַוואוסטזיניקער קהילה אַקציע. דער אימיגראַנטן כאַראַקטער פון דעם מאָנטרעאָלער ישוב האָט טאַקע אַרויסגעוויזן אַ סך סימנים פון פּאָזיטיווער דינאַמישקייט, אָבער אין דערזעלבער צייט אויך פון אַ גאָר גרויסער צעשוואומענקייט. דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם ווען זיין וואוקס־סטאַדיע איז געבויט אויף אַ סטיכישן פּראָצעס.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער עקזיסטירנדיקער דערציאונגס וועזן אין מאָנטרעאָל אין משך פון דעם פּעריאָד?

צו די פריערדיקע פאָרמען — מלמדים, פּריוואַטע חדרים, זונטיק־קלאַסן, — זענען צוגעקומען אויך קהילה־תלמוד־תורהס און אַ פילאַנטראָ־פּישע שולע. עס איז קלאָר, אַז מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג האָט

זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל מלמדים וואָס פלעגן געבן פּריוואַטע לעקציעס און אויך די צאָל פון פּריוואַטע חדרים. דער ניווא פון לימוד איז געווען אַ נידעריקער. אַ סך פון די לערער האָבן ניט געהאַט די נויטיקע אויסבילדונג און דעם פּעדאַגאָגישן צוגאַנג. דערצו זענען די פאָדערונגען לגבי יידישער דערציאונג מצד די פאָלקס־מאַסן געווען באַשיידענע און דער אָנבאַט איז נאָכגעקומען דער נאָכפראַגע ...

אַ וויכטיקע דערשיינונג איז געווען דאָס אויפקומען פון תלמוד־תורהס אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, אין קעגנזאַץ צו פּריוואַטע חדרים. די ערשטע תלמוד תורה אין מאָנטרעאָל איז געעפנט געוואָרן אין 1898. עס זענען געווען בסך הכל פינף תלמוד תורהס אין מאָנטרעאָל וואָס האָבן ערשט אין 1917 זיך פאַראייניקט און זענען באַקאַנט געוואָרן אַלס די פאַראייניקטע תלמוד תורהס. אָבער ביז זיי האָבן זיך פאַראייניקט זענען די פאַרשידענע תלמוד־תורהס אָנגעפירט געוואָרן פון גרופּעס בעלי־בתים. דער תוכן פון לימוד איז געפירט געוואָרן לויט די אָנווייזונגען און די באַגריפן פון דעם דירעקטאָרן־ראַט פון יעדער באַזונדער אינסטיטוציע.

די תלמוד תורהס זענען געווען נאָכמיטאָג שולעס. אַזוי ווי יעדע תלמוד תורה האָט געמאַכט שבת פאַר זיך, איז אָנגעגאַנגען אַ געוויסע קאָנקורענץ סיי לגבי געלט זאַמלונגען און סיי לגבי תלמידים. דער ניווא פון לימוד איז געווען ניט הויך און איז באַשטאַנען פון לערנען מעכאַנישע עברי, סידור און תנ״ך. די וויכטיקייט פון די תלמוד תורהס איז באַשטאַנען אין דעם פאַקט, וואָס די אינסטיטוציעס זענען געווען די ערשטע אינסטאַנצן וואָס האָבן אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון קהילה פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יידישער דערציאונג. דער סטאַנדאַרד פון לערנען אין תלמוד תורה איז אפשר ניט געווען קיין סך העכער ווי אין דעם פּריוואַטן חדר, אָבער אין סטרוקטור און אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, איז דאָס עטאַבלירן פון די תלמוד תורהס געווען אַ גרויסער שריט פאָראויס.

אַ צווייטע אינסטיטוציע פון אַ קהילה כאַראַקטער איז געווען די שולע וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט. מיר וועלן זיך אַביסל אָפּשטעלן אויף דער אינסטיטוציע, ווייל איר געבורטס־געשיכטע וואַרפט אויך אַ געוויס ליכט אויף דער מאָנטרעאָלער יידישער קהילה און אויף די באַדינגונגען פון יענער צייט, וואָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער יידישער דערציאונג אין יענעם פּעריאָד.

מיט דעם אַריינפלוס פון אימיגראַנטן איז אויסגעוואַקסן די נויטווענדיקייט פון פילאַנטראָפּישער אַרבעט, ווייל פילע פון די ניי־געקומענע זענען אָנגעקומען אין לאַנד פשוט אָפּגעריסן און אָן שום מיטלען. עס האָבן אפילו יאָ עקזיסטירט פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאָל, אָבער מיט זייערע אייגענע כוחות האָבן זיי ניט געקאָנט נעמען אויף זיך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער נויטווענדיקער אימיגראַנטן הילפס־אַרבעט. מען

האָט געמוזט זוכן שטיצע פון אַנדערע קוואַלן און מ׳האָט זיך געווענדעט צום באַקאַנטן יידישן נגיד און פילאַנטראָפּ באַראָן דע הירש. אין דעם בריוו וואָס דער מאָנטרעאַלער הילפס קאָמיטעט האָט צו אים געשיקט, איז דער־קלערט געוואָרן, אַז געלט איז נויטיק פאַר אַן אויפנעם פּלאַץ, וואו אימיגראַנטן זאָלן זיך קענען צייטווייליק אויפהאַלטן ביז זיי וועלן קריגן פּרנסה, און עס איז אויך דערמאָנט געוואָרן, אַז די קהילה נויטיקט זיך אין שטיצע פאַר אַ שולע פאַר אימיגראַנטן־קינדער. דער באַראָן האָט זיך אָפּגערופן אויף דער בקשה, און אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דער באַראָן דע הירש אינסטיטוט וואָס איז ביי דער דערעפענונג באַצייכנט געוואָרן אַלס „אַ פרייע שולע פאַר אָרעמע קינדער פון יידישן גלויבן און אַ צייטווייליקע היים פאַר נויטבאַ־דערפטיקע אימיגראַנטן און קינדער". די שולע איז געעפנט געוואָרן אין דעצעמבער 1890, און די צאָל תלמידים האָט דערגרייכט ביז 227 אין משך פונעם יאָר. דער פּראָגראַם פון דער שולע האָט אַרומגענומען אַלגעמיינע לימודים אין די ערשטע דריי יאָר עלעמענטאַרע טאָג שולע קלאַסן און אויך יידישע לימודים. חוץ דעם זענען אויך געווען אָוונט קלאַסן, פאַר יידישע לימודים. די טאָג שולע האָט עקזיסטירט אין משך פון אַכצן יאָר און האָט זיך געשלאָסן אין 1908. די אָוונט שולע איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ קורצע צייט און האָט זיך אויך געשלאָסן. די קינדער זענען אבזאָרבירט געוואָרן פון די אויפגעקומענע תלמוד תורהס.

דער אינצידענט מיט דער באַראָן דע הירש שולע איז ניט נאָר אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין מאָנטרעאָל, נאָר עס ווייזט אויך אויף גאָר אַ וויכטיקן פאַקט אין יענע יאָרן, — די פינאַנציעלע אָרימקייט פון דעם מאָנטרעאָלער יידישן ישוב, וואָס האָט ממילא אויך געמיינט די אומפעאיקייט צו שטיצן אַ נעץ פון יידישע שולעס.

אַן ערנסטע און פּלאַנמעסיקע רעוואָלוציע

די יידישע אימיגראַציע כוואַליע אין קאַנאַדע פון ערב און אָנהויב דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דערגרייכט איר שפּיץ אין די יאָרן 1912—1913. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער איינוואַנדערונגס שטראָם פאַרקלענערט, כאָטש ביז אַרום 1917 זענען אימיג־ראַנטן קיין קאַנאַדע אָנגעקומען דורך די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָט זיך נאָך דעמאָלט אָפיציעל ניט באַטייליקט אין דער מלחמה.

די דירעקטע פּעולה פון דער קאַנאַדער אידישער אימיגראַציע אין די יאָרן 1900—1920 האָט פּשוט רעוואָלוציאָניזירט די יידישע קהילה אין לאַנד. אין משך פון צוויי צענדליק יאָר האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין קאַנאַדע פאַרגרעסערט מיט איבער הונדערט און צען טויזנט נפשות, וואָס אַרום ניינציק טויזנט פון זיי זענען צוגעקומען דורך אימיגראַציע. דער איינפלוס איז געווען ניט נאָר אין קוואַנטום, נאָר אויך אין דער קוואַליטעט

פון דעם אימיגראַנט און דעם סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן באַגאַזש, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. עס איז אויסגעוואַקסן אַן אַקטיוו, אינהאַלטס־רייך, אינטעלעקטועל און געזעלשאַפטלעך לעבן. אין די אַלטע פאָרמען פון דעם קהילה וועזן איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן אַ נייע נשמה, און נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָבן אַרויסגעשפּראָצט פונעם נייעם באָדן. די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, לאַנדסמאַנשאַפטן און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, יידישע פּרעסע, די פאַרשיידענע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין יידישן לעבן האָבן אויך געפונען זייער אָפּקלאַנג אין קאַנאַדע און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַן אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט סיי אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן געביט, סיי אין די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. דאָס איז אויך געווען אַ פּעריאָד פון פּערזענלעכער און קהילהשער זעלבסט באַוואוסטזיניקייט. דער יידישער ישוב, אנשטאָט צו זיין צעשוואומען און צעטיילט אין פאַרשידענע געמיינדעס, האָט גענומען טראַכטן ווי אַ גאַנצער אָרגאַניזם. דידאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן זיך אָפּגערופן אויפן יידישן דערציאונגס וועזן אין מאָנטרעאל — עס זענען אויפגעקומען נייע טיפּן פון שולעס. דער ניוואָ פון לימוד האָט זיך באַדייטנד דערהויבן און עס איז אויך צושטאַנד געקומען אַ קאָנסאָלידאַציע פון עקזיסטירנדיקע אנשטאַלטן.

עס זענען געווען אַ צאָל סיבות — אַלגעמיינע און ספּעציפישע, וואָס האָבן גורם געווען דידאָזיקע אַנטוויקלונג. צווישן די אַלגעמיינע סיבות דאַרף דערמאָנט ווערן דער נייער צוגאַנג צו דערציאונג און פּעדאַגאָגישער מעטאָדיק וואָס האָט אויך געווירקט אויפן עצם צוגאַנג צו יידישער דערציאונג. נאָך אַ שטויס כוח איז געווען די אויפגעוואַכטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן יידן אין אַלע אירע שאַטירונגען; די שטייגנדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן; די וואַקסנדיקע און באַרייכערטע יידישע ליטעראַטור און פּרעסע. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויך אַ נייעם צוגאַנג צו יידישער דערציאונג.

דער ערשטער אָנזאָג פון דער נייער ווענדונג איז געקומען פון דעם אַוואַנגאַרד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ביי אַ קאָנווענשאָן, אָפּגעהאַלטן אין מאָנטרעאל אין 1910, האָט די פּועלי ציון אויף דער איניציאַטיוו פון דר׳ חיים זשיטלאָווסקי און דר׳ נחמן סירקין, פּראָקלאַמירט די נויטווענדיקייט פון דער באַשאַפונג פון מאָדערנע יידישע שולעס. מאָנטרעאל איז טאַקע געווען איינע פון די סאַמע ערשטע שטעט וואו אַ נייער טיפּ שולע איז געעפנט געוואָרן. דאָס איז געווען די „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולע״, געגרינדעט אין 1912. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די עסקנים פון דער שולע. איין צד איז געוואָרן די „פּרץ שולע״, וואו דער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף יידיש. דער צווייטער צד האָט אָרגאַניזירט די „פאָלקס־שולע״, וואו די נייגונג איז געווען אָפּצוגעבן אַ מער חשובן פּלאַץ

פאַר העברעאיש. חוץ דער שפּראַכן פראַגע זענען אויך געווען אידעאָלאָגישע חלוקי דעות בנוגע דעם צוגאַנג צום נאַציאָנאַלן מאָמענט. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אַרבעט אַריינצוגיין אין די דעטאַלן וואָס האָבן געפירט צו דער שפּאַלטונג, און מיר האָבן זיך דעריבער באַגרעניצט מיט אייניקע קורצע שטריכן. וואָס איז יאָ וויכטיק איז, אַז סיי די פּרץ שולע און סיי די פאָלקס־שולע האָבן אויסגעטראָטן אַ נייעם שליאַך פאַר דעם פּראָגראַם און דער פּעדאַגאָגיק פון יידישער דערציאונג, אַ וועג אויף וועלכן עס האָבן נאָכגעפאָלגט אויך אַנדערע שולעס.

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אין קורצן אויף דער פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון אָט דער שיטה, צוליב דער ראַדיקאַלער השפּעה וואָס די נייע ווענדונג האָט אויסגעאיבט אויף דעם יידישן דערציאונגס וועזן אין מאָנטרעאַל.

ש. ווייסמאַן, דער לאַנגיעריקער פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס־שולן אין מאָנטרעאָל, האָט אין אַן אַרטיקל לכבוד דעם פופצן־יעריקן יובילעאום פון די פאָלקס־שולן דערקלערט דעם ענין אַזוי:

„די נייע שול באַוועגונג איז דאָך אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דער אומצופרידנקייט וואָס האָט געהערשט אין די אינטעליגענטע קרייזן פון שטאָט מיט דעם דאַן עקזיסטירנדיקן דערציאונגס וועזן.

„צו יענער צייט, (אַרום דעם אָנהויב פון דער וועלט מלחמה), האָבן אין מאָנטרעאַל זיך געפונען אַ פּאָר תלמוד תורהס, וועלכע האָבן יעדע באַזונדער זיך געפירט אייגנאַנצן לויט די צוריקגעשטאַנענע באַגריפן פון אַ באַשטימטער גרופּע באַלעבאַטים. ס'זיינען געווען אויך גאָר אַלטמאָדישע פּריוואַטע חדרים און נאָך אַ גרעסערע צאָל „פּעדלער־תלמידים", וועלכע האָבן אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן צופרידנגעשטעלט די באַשיידענע פאָדערונגען פאַר יידישער דערציאונג צווישן די פאָלקס מאַסן.

„די אינטעליגענטערע קרייזן פון מאָנטרעאַל — — — האָבן געמוזט איינזען — — —, אַז אפילו די בעסטע פון די לערן אַנשטאַלטן רעכענען זיך גאָרניט מיט די דערציאונגס נויטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט פון די נייע לעבנס באַדינגונגען אין אָט דער נייער היים, און אַז זיי רעדוצירן דעם באַגריף פון יידישער קולטור צו אַ באַדייטונגסלאָזן מינימום.

„העברעאיש — — — איז געלערנט געוואָרן אויף זייער אַ פּרימיטיוון און אומפּעדאַגאָגישן אופן — — — די יידישע שפּראַך איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אויף אַ קרימינעלן אופן — — —פון לערנען ליטעראַטור, סיי יידישע און סיי העברעאישע — — — האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. די באַגריפן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די קינדער אויפן געביט פון געשיכטע, זענען געווען קנאַפּע, ענגע און צוריקגעשטאַנענע — — — די אַנשטאַלטן האָבן געלייגט דעם גרעסטן געוויכט אויפן דערציען קינדער מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס און דאָגמעס, ניט קימערנדיק זיך וואָס זיי שטעלן אויף אַ שווערע מחיצה צווישן דער שול און דער היים, צווישן דער

שול און דער גאַס. נאָך אַ טענה, איינע פון די וויכטיקסטע, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז צו יענער צייט איז די דערציאונג פון מיידלעך באַטראַכט געוואָרן כמעט ווי אַן אומנויטיקע זאַך. די אָפּיציעלע דערציאונגס אַנשטאַלטן האָבן זיך מיט דער אויפגאַבע אײנגאַנצן ניט אָפּגעגעבן און האָבן זי איבערגעלאָזט אין די הענט פון די היימישע פּעדלער־מלמדים, וועלכע האָבן אויפן אַלט־פּעטערישן שטייגער געלערנט „שורות גריסל" און האָבן נאָך צוגעגעבן דעם מאָדערנעם לימוד „לייענען דעם פּייפּער".

„ס'איז דאַן געווען קלאָר צו זען, אַז איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אורזאַכן פאַר דעם נידעריקן קולטורעלן צושטאַנד, פאַר דעם שוואַכן אינטערעס אין יידיש נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע די הי דערצויגענע יוגנט האָט אַרויסגעוויזן, איז דער אומפּאַסיקער, צוריקגע־שטאַנענער יידישער דערציאונגס סיסטעם. מען איז דאַן געקומען צו דעם באַשלוס, אַז אַן ערנסטע און פּלאַנמעסיקע רעוואָלוציע מוז פאָרקומען אויפן געביט פון יידישער דערציאונג".

און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. די פּיאָנערן אַרבעט פון דער „פּרץ שול" און פון דער „פאָלקס שולע" האָט געשאַפן אַ נייע באַציאונג און אַ נייעם צוגאַנג, הן צו פּראָגראַם, הן צו מעטאָדיק. די אַנדערע טיפּן שולעס האָבן געענדערט זייער צוגאַנג צום יידישן לימוד און עס זיינען אויך געהעכערט געוואָרן די פאָדערונגען פון דער גאַס לגבי די דערציאונגס אַנשטאַלטן.

די פינף באַזונדערע תלמוד תורהס אין מאָנטרעאַל האָבן זיך פאַראייניקט אין 1917 און זענען באַקאַנט געוואָרן אַלס „די פאַראייניקטע תלמוד תורהס". דער פּראָגראַם איז מאָדיפיצירט און פּעדאַגאָגיש דערהויבן געוואָרן, און עס איז געוואָרן איינע פון די אָנגעזעענסטע יידישע דערציאונג אַנשטאַלטן אין מאָנטרעאָל.

מיטן ארויפהויבן דעם לימוד־סטאַנדאַרד אין אַלגעמיין זענען אויך געשאַפן געוואָרן קורסן פון אַ העכערער מדרגה. די פאַראייניקטע תלמוד תורה האָט געעפנט אַ ישיבה, די ערשטע אין קאַנאַדע. די ישיבה האָט עקזיסטירט אַ צאָל יאָרן.אין 1922 האָבן די פאָלקס שולן געעפנט אַ צוויי יאָריקן מיטל־שולע קורס, צו דערגענצן דעם עלעמענטאַרן דערציאונגס פּראָגראַם. דאָס איז געווען, דרך אגב, די ערשטע מיטל שול פון דעם מאָדערנעם יידישן שול סיסטעם אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. נאָכדעם זענען אויך געעפנט געוואָרן העכערע קורסן, פאַר וייטערער יידישער דערציאונג ווי אויך פאַר דער אויסבילדונג פון מאָדערנע לערער.

אין 1927 האָט די פאָלקס־שולע געעפנט דעם ערשטן קינדערגאַרטן און אין 1929 — דעם ערשטן קלאַס פון דער ענגליש־יידישער טאָג־שולע, וואו די קינדער האָבן באַקומען סיי די פולע דערציאונג לויטן פּראָגראַם פון די רעגירונגס שולן און סיי יידישע דערציאונג. דאָס איז געווען אַ געוואַגטער עקספּערימענט, דורכגעפירט מיט מוט און קוראַזש, ניט קוקנדיק

אויף פיל שוועריקייטן — און עס האָט זיך איינגעגעבן. דער דערפאָלג האָט דערמוטיקט אַנדערע דערציאונגס אינסטיטוציעס נאָכצוגיין דעמזעלבן וועג. די תלמוד תורה האָט עטאַבלירט אַ טאָג שולע אין 1934 און די פּרץ שולע אין 1941.

דער ערשטער עטאַפּ פון דער „ערנסטער און פּלאַנמעסיקער" רעוואָלוציע האָט באַוויזן, אַז די מאָנטרעאָלער קהילה האָט אויפגענומען און האָט זיך אָפּגערופן אויף דער נויטיקייט פון אַ נייעם צוגאַנג צו דער דערציאונג פון יידישן קינד. דער וועג איז געעפנט געוואָרן, און דער מאָנטרעאָלער דער־ציאונגס וועזן איז אַריינגעטראָטן אין דער פאַזע פון וואוקס און אויסברייטונג.

נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה

דער אויפשוואונג פון היטלעריזם מיט זיינע טראַגישע נאָכווייענישן פאַרן יידישן פאָלק האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די נויטווענדיקייט פון אַ ווייטגייענדיקן און אינטענסיוון פּראָגראַם פון יידישער דערציאונג. די טאָג־שולע באַוועגונג אין מאָנטרעאָל איז געוואַקסן און אייניקע פון די גרעסערע קאָנגרעגיישאָנס, „עדת ישראל", „שערי ציון", „יאַנג איזראַעל", האָבן עטאַבלירט טאָג־שולעס. מיט דעם אָנקומען פון נייע אימיגראַנטן נאָך דער מלחמה האָט זיך די מאָנטרעאָלער באַפעלקערונג באַדייטנד פאַרגרעסערט, וואָס האָט אויך געמיינט אַ גרעסערע צאָל קינדער אין שול עלטער. די תלמוד תורה, די פאָלקס־שולע און די פּרץ שולע האָבן אויך פאַרגעזעצט אָנצופירן טעגלעכע נאָכמיטאָג קלאַסן אין צוגאָב צו דער טאָג שולע. די תלמוד תורה און די עדת ישראל שולע האָבן אויך געעפנט נאָרמאַלע מיטל־שולעס (היי־סקולס), וואו דער תלמיד האָט געקראָגן סיי די אַלגעמיינע מיטל־שולע דערציאונג און סיי אַן אינטענסיווערע יידישע דערציאונג. אמת, די צאָל תלמידים אין די פּאַראָקיאַל היי־סקולס איז געווען ניט גרויס, אָבער וויכטיק איז דער פאַקט, אַז אַזאַ פּראָגראַם איז איינגעפירט געוואָרן.

נאָכמיטאָג קלאַסן זענען ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן ביי אַנדערע קאָנגרעגיישנס, ווי „שער השמים" און „טעמפּל עמנואל". די אברהם־רייזן שולע ביים אַרבעטער־רינג איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן און די לימודים האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף נאָכמיטאָג קלאַסן. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט דער מאָריס־ווינטשעווסקי־שולע, וואָס איז געווען אפיליאירט מיט דעם פאָלקס־אָרדן.

פון גאָר וויכטיקן באַטייט איז געווען די אַנטוויקלונג פון ישיבות. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָכדעם ווי אַ גרופּע ישיבה־לייט זענען אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. די ליובאַ־וויטשער ישיבה האָט אויך אָנטוויקלט אַ פולן טאָג־שולע פּראָגראַם פאַר עלעמענטאַר לימודים. די מרכז התורה־ישיבה שטרעבט צו גיין אויפן זעלבן

דרך און חוץ די געוויינלעכע ישיבה לימודים אויך צו עטאַבלירן אַ טאָג־שולע. נאָך אַ ישיבה געגרינדעט אין די לעצטע יאָרן איז די „מתיבתא ראשית חכמה".

עס האָבן זיך באַוויזן אַ צאָל קלענערע שולעס פון ספּעציפיש אָרטאָ־דאָקסישע ריכטונגען, שולעס פאַר מיידלעך, ווי „בנות יעקב" און „בית רבקה".

נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט מוז פאַרצייכנט ווערן און דאָס איז די גרינדונג פון יידישן לערער סעמינאַר. צוערשט, אין 1946, זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי סעמינאַרן — איינער אונטער דער השגחה פון דער פאָלקס שולע און פּרץ שולע; און דער צווייטער אונטער דער השגחה פון תלמוד תורה און די סינאַגאָגאַלע שולעס. מיט דער צייט אָבער האָבן זיך די סעמינאַרן פאַראייניקט, און דער איצטיקער אינסטיטוט גרייט צו לערער פאַר אַלע טיפּן שולעס. מיר האַלטן, אַז די פאַראייניקונג פון די סעמינאַרן איז אַ סימן פון אַ דערנענטערונג צווישן די פאַרשיידענע טיפּן שולעס, וואָס קען עווענטועל אפשר אויך פירן צו אַ קאָנסאָלידאַציע פון באַשטימטע גרופּירונגען.

אַ סך הכל

איידער מיר פאַרענדיקן אונדזער סכעמאַטישן איבערזיכט איבער די צוויי הונדערט יאָר פון דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין מאָנטרעאַל, ווילן מיר אָנצייכענען אַ קאָנספּעקטיוון סך־הכל פון דער אַנטוויקלונג און אויך מאַכן אַ קורצע אָפּשאַצונג פון דעם ענין. נאָך אַלעמען, געשיכטע איז ניט נאָר אַ סעריע פון פאַקטן און דערשיינונגען אויף אַ שנירל ווי פּערל. געשיכטע איז אויך אַ שופט, און דער עבר קען אויך דינען אַלס אַ וועגווייזער פאַר דעם עתיד.

יידישע דערציאונג איז אַן אינטעגראַלער און אפשר דער וויכטיקסטער טייל פון דער יידישער קולטור געשיכטע און פון די באַמיאונגען פאַרן יידישן קיום. אין דעם זין איז יידישע דערציאונג אין קאַנאַדע בכלל און אין מאָנטרעאָל בפרט נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס. ספּעציפיש אָבער מוז דער דערציאונגס פּראָבלעם אויך באַטראַכט ווערן פון אַ געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט כדי אַרויסצובברענגען די ספּעציעלע אַנדערשקייטן פון אַ געוויסער סביבה.

די געשיכטע פון יידישן דערציאונגס־וועזן אין מאָנטרעאַל ווייזט, אַז דער ענין איז שטענדיק געשטאַנען אויפן סדר היום פון דעם קהילה לעבן. קולטור־היסטאָריש גענזען, קען מען זאָגן, אַז אין מאָנטרעאַל, זינט דער יידישער ישוב איז געגרינדעט געוואָרן, האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט קיין שאַרפע צעטיילונג צווישן יידישער דערציאונג און וועלטלעכער בילדונג. זייער אָפט איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך צו קאָמבינירן די צוויי אַספּעקטן,

און אין אַ געוויסער מאָס האָט אָט די לאַגע אויך גורם געווען צו אַ אינטענסיווערער אַנטוויקלונג פון יידישע טאָג־שולעס און ממילא אויך צו אַ גרעסערן פּראָצענט פון קינדער וואָס געניסן פון וועלכער עס איז פאָרם פון יידישער דערציאונג. אין אַלגעמיין קען מען קאָנסטאַטירן, אַז דער יידישער דערציאונגס מצב אין מאָנטרעאַל, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ישובים אויפן צפון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז אויסשטייענדיק סיי קוואַליטאַטיוו, סיי קוואַנטיטאַטיוו.

דער מאָנטרעאַלער שול וועזן שפּיגלט אָפּ דעם קאַלעידאָסקאָפּ פון יידישן לעבן אין זיינע פאַרשיידענע סאָציאַלע און קולטורעלע שאַטירונגען. אָרגאַניזאַציאָנעל איז דער שול וועזן פאַרטיילט אין די פאָלגענדע גרופּן: ישיבות; נאַציאָנאַל־רעליגיעזע תלמוד־תורהס און סינאַגאָגאַלע שולעס; שולן פונעם אַרבעטער־ציוניזם — פאָלקס שולן און פּרץ שולן; יידיש־וועלטלעכע אַרבעטער רינג און אָרדן שולן; פּריוואַטע חדרים און מלמדים; זונטיק שולעס. צווישן די אויבן־דערמאָנטע גרופּעס פון שולן מוז אָבער געמאַכט ווערן אַ ווערטיקאַלע דיפערענציאַציע לגבי דער אינטענסיוויטעט פון דעם לערן פּראָגראַם: גאַנצע טאָג שולעס און מיטל שולעס. גאַנצע נאָכמיטאָג שולעס (פינף טעג אַ וואָך); טיילוויזע נאָכמיטאָג שולעס (דריי טעג אַ וואָך); זונטיק קלאַסן. פון שטאַנדפּונקט פון פּראָגראַם, אָבער, איבערהויפּט זינט דער אַנטשטייאונג פון ישראל, האָבן זיך באַוויזן גאַנץ דעפיניטיווע טענדענצן צו אַ גרעסערער אייניקייט צווישן פאַרשיידענע טיפּן שולעס. מער געוויכט ווערט געלייגט אויף העברעאיש, יידישער געשיכטע און נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער דערציאונג. זיכער איז די טענדענץ בולט אין אַלע גרעסערע און סטאַבילע שול־אַנשטאַלטן.

פון אַ שטודיום, דורכגעפירט פון ל. ראָזנבערג, פאָרשונג דירעקטאָר פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, און אַרויסגעגעבן פונעם קאָנגרעס אין 1951, דערוויסן מיר זיך, אַז די פּראָפּאָרציע פון אַלע יידישע קינדער אין מאָנטרעאַל פון שול עלטער, וואָס האָבן באַזוכט וועלכן עס איז טיפּ פון יידישע שולעס, איז געוואָקסן פון 11.5% אין 1911 צו 26% אין 1931, 34% אין 1941 און 41.3% אין 1948. לאָמיר אָננעמען, אַז די לאַגע איז גילטיק אויך היינט (כאָטש אין די לעצטע צען־צוועלף יאָר זיינען מעגלעך פאָרגעקומען היבשע שינויים אויף דעם געביט); — און לאָמיר אויך אָננעמען, אַז דער פּראָצענט 41.3 איז לגבי דער טאָטאַלער יידישער שול־באַפעלקערונג אין מאָנטרעאַל, אַריינגערעכנט אויך די היי־סקולס; אָבער אויב מיר רעדן וועגן אַן עלעמענטאַרער יידישער דערציאונג, דאַרף מען דאָך די צאָל יידישע תלמידים פון די היי־סקולס אַראָפּרעכענען פון דער אַלגעמיינער צאָל, און ס׳וועט זיך ממילא באַקומען אַ באַזוך אין די יידישע לערן אַנשטאַלטן פון אַרום 60%; — און לאָמיר נאָך אפילו צוגעבן צו דעמדאָזיקן פּראָצענט די קינדער וואָס האָבן פאַרלאָזן די אונטע שולן מיט

אַ יאָר און צוויי און דריי פֿאַר דעם געגעבענעם מאָמענט, ווען די סטאַטיסטיק פֿון 1948 איז געמאַכט געוואָרן, אַזוי אַז דער פּראָצענט וואָלט זיך דאַן געהויבן נאָך העכער; — בלײַבט אָבער נאָך דעם אַלעמען דער שרײַענדיקער פֿאַקט, אַז אַ גרויסע צאָל קינדער באַקומט אינגאַנצן קיין סימן ניט פֿון יידישער דערציאונג, און אַז גאָר אַ היבשער טייל פֿון די וואָס באַזוכן יאָ אַן עלעמענטאַרע יידישע לערן אינסטיטוציע באַנוגענען זיך מיט אַ נישטיקן מינימום פֿון אַ דריי, צוויי און אַפֿילו איין יאָר לערנען אין אַן אָוונט קלאַס. מיר ווילן דערבײַ אונטערשטרייכן, אַז דער מחבר שאַצט אָפּ און פֿאַרשטייט דעם עמאָציאָנעלן צובונד, וואָס דאָס יידישע קינד קריגט אַפֿילו פֿון אַ זייער אָרעמען יידישן לימוד. מיר שאַצן אויך אָפּ און רעספּעקטירן דאָס בר־מצוה צוגרייטן. אָבער מיר קענען עס זיכער ניט באַטראַכטן אַפֿילו אַלס אַ גאָר מינימאַלן דערציאונגס־פּראָגראַם פֿאַר אַ יידיש קינד. אפשר איז עס בעסער ווי גאָרניט. אָבער עס באַפֿרידיקט ניט אַפֿילו דעם מינימום פֿון אַ דערציאונגס פּראָגראַם.

אַפֿילו מיט די גאַנצע טאָג־שולעס מיט וועלכע מאָנטרעאָל קען באמת שטאָלצירן איז אויך דאָ גאָר אַ האַרבער פּראָבלעם. היות ווי קיין רעגירונגס פֿאָנדן פֿאַר יידישער דערציאונג באַקומט מען נישט, מוזן די יידישע טאָג־שולעס אויסגעהאַלטן ווערן אָדער פֿון בלויזן שכר־לימוד, אָדער פֿון שכר־לימוד און קהילה אונטערשטיצונג. די פֿינאַנציעלע התחיבותן זענען גרויס, און שכר לימוד איז נישט קליין. דאָס מיינט, אַז אַ גרויסע צאָל יידישע עלטערן, וואָס וואָלטן גערן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ בעסערע און טיפֿערע יידישע דערציאונג, ווערן באַרויבט פֿון דער מעגלעכקייט צוליב פֿינאַנציעלע שוועריקייטן. זיי קענען פּשוט ניט באַהויפּטן צו שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישער שולע. חוץ דעם, איז אויך פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל עלטערן וואָס האָבן אַ נעגאַטיווע, אָדער אין בעסטן פֿאַל, אַ פּאַרעווע באַציאונג צו יידישער דערציאונג; — אויב זיי האַלטן עס ניט פֿאַר שעדליך קוקן זיי זיכער אויף יידישער דערציאונג ווי אויף אַ טפֿל.

יידן זענען אַ פֿאָלק וואָס האָט שוין מיט אַרום צוויי טויזנט יאָר צוריק אָנערקענט דעם פּרינציפּ און האָט אײַנגעפֿירט אַלגעמיינע שול פֿליכט. אָבער דער גאַנג פֿון דער יידישער געשיכטע אין דעם מאָדערנעם פּעריאָד האָט געשאַפֿן אַ מהלך צווישן טעאָריע און פּראַקטיק בנוגע יידישער דערציאונג. דער גרעסטער טייל פֿון יידישע קינדער איבער דער וועלט (חוץ ישראל) קריגן אַפֿילו ניט קיין מינימום פֿון יידישער דערציאונג און זייער אָפֿט קענען זיי אַפֿילו ניט דעם אלף־בית. דער מצב אין מאָנטרעאָל איז זיכער בעסער, אָבער צופֿרידן מיט דער לאַגע קאָן מען ניט זיין. איבערהויפּט מוזן זיין אומצופֿרידן די יעניקע וואָס גלויבן, אַז דאָס פֿעלן פֿון אַ סיסטעמאַטישער יידישער דערציאונג פֿאַרן יידישן קינד איז ניט נאָר אַ קולטורעל־געשיכטלעכער פֿאַרלוסט פֿאַרן יידישן פֿאָלק, נאָר אויך

אַ רייך פּערזענלעכער פּאַרלוסט פאַר דער וואַקסנדיקער יוגנט, סיי אין סאָציאַל פּסיכאָלאָגישן זין, סיי פון מאָראַלישן אַספּעקט. מוז מען דעריבער קומען צום אויספיר, אַז ס'מוז פאָרקומען אַ דינאַמישער איבערברוך אין דער איצטיקער דערציאונגס לאַגע אין מאָנטרעאַל. דער איבערברוך איז נויטיק ניט דווקא ווייל דער מצב איז אַ שלעכטער. פאַרקערט, עס איז נויטיק גראָד ווייל דער מצב איז אומגעהויער בעסער איידער ערגעץ אַנדערש און ווייל מאָנטרעאַל פאַרמאָגט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן און אַדמיניסטראַטיוון כוח פון גאָר קאָמפּעטענטע מדריכים און פּעדאַגאָגן צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון אַ פּלאַנמעסיקער רעוואָלוציע אין דער יידישער דערציאונג אין מאָנטרעאַל. אין דעם זין איז מאָנטרעאַל אין אַ פאַרצוגס־לאַגע, ווייל געשיכטלעך איז דער יידישער דערציאונגס־וועזן אין שטאָט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ סאָלידן באַזיס. דער פונדאַמענט איז פאַראַן, — דער בנין מוז אָבער פאַרענדיקט ווערן.

עטלעכע פאָרשלאָגן

דער מחבר וויל מאַכן עטלעכע פאָרשלאָגן וועגן דעם פּראָבלעם פאַר אַ מער אינטענסיוון יידישן דערציאונגס פּראָגראַם אין מאָנטרעאַל. עס דאַרף אָבער פאַרשטאַנען ווערן, אַז די פאָרשלאָגן זענען ניט קיין דעטאַלירטער פּלאַן, נאָר אַ סכעמע, וואָס ווי דער מחבר פילט, איז אויספירבאַר און קען געבן גאָר אַ גרויסן שטויס פאַר אַ קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו דערהויבענעם און מער אומפאַסנדיקן דערציאונגס־וועזן אין מאָנטרעאַל. דער מאָנטרעאַלער עקספּערימענטאַלער און פּיאָנערישער צוגאַנג צום פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף אַרויסגעוויזן אין דער געשיכטע פון מאָנטרעאָלער דערציאונגס־וועזן, וועט דורכדעם אויך ווייטער דינען אַלס אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע קהילות.

א) דער לערער סעמינאַר

1. דער יידישער לערער סעמינאַר אין מאָנטרעאָל דאַרף פאַרשטאַרקט, פאַרבעסערט און אויסגעברייטערט ווערן. דער איצטיקער סעמינאַר ווערט אָנגעפירט פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט זייער פיל אויפגעטאָן אין אויסהאַלטן און פינאַנסירן דעם סעמינאַר, פאַר וואָס עס קומט דעם קאָנגרעס גאָר אַ גרויסער יישר כוח. עס מוז אָבער פאַרשטאַנען ווערן, אַז דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס קען מיט רעכט לויט זיין סטרוקטור און לויטן כאַראַקטער פון זיין אַרבעט, דינען ווי אַ לויכטנדיקער ביישפּיל פון אָרגאַניזאַציאָנעלער קהילה אייניקייט אין קאַנאַדע, קען ניט, און דאַרף ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פונקציאָנעלער אינסטיטוציע. די אויפגאַבע פון קאָנגרעס איז צו דערמוטיקן די געזעלשאַפטלעכע כוחות פון דער קאַנאַדער יידישער קהילה, צו שטאַרקן און פאַרבעסערן די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און צייטווייליק אַרויסהעלפן אין אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס וואָס נויטיקן זיך אין

שטיצע ביז זיי קענען שטיין אויף די אייגענע פיס. די אויפגאַבע איז גלענצנדיק אויסגעפירט געוואָרן בנוגע דעם יידישן לערער סעמינאַר. מיר האַלטן אָבער, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז דער לערער סעמינאַר זאָל ווערן אַן אויטאָנאָמער לערן אַנשטאַלט, אָנגעפירט פון אַ זעלבשטענדיקן דירעקטאָרן ראַט. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז די ביז איצטיקע עקסיסטענץ פון סעמינאַר קאָן באַצייכנט ווערן ווי פון „האַנט צום מויל״, אָדער פון „יאָר צו יאָר״. זיכער איז עס ניט די שולד פון קאָנגרעס. די קהילה מוז אָבער באַשטימען, אַז דער סעמינאַר מוז ווערן אַ סטאַבילער לערן־אַנשטאַלט מיט אַ פאַרזיכערטן המשך. דאָס מיינט, אַז עס דאַרף אָנגעשטעלט ווערן אַ קאָמפּעטענטער דירעקטאָר, און אַז גרויסע באַמיאונגען דאַרפן געמאַכט ווערן צוציען פּאַסיקע סטודענטן פון איבער גאַנץ קאַנאַדע און אפילו פון חוץ קאַנאַדע. פאַר דעם איז נויטיק אַ ברייטער סקאָלערשיפּ פּראָגראַם און סטודענטן סובסידיעס. עס דאַרפן אויך געשאַפן ווערן צוגרייטונגס קלאַסן פאַר אַזעלכע סטודענטן וואָס ווילן קוואַליפיצירט ווערן אַלס יידישע לערער, אָבער האָבן ניט די נויטיקע צוגרייטונג.

אין שייכות מיט דער פאַרזיכערונג פון המשך פונעם לערער סעמינאַר מאַכן מיר נאָך אַ פאָרשלאָג. מיר האַלטן, אַז דער לערער סעמינאַר דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָלעדזש, וואו סטודענטן זאָלן באַקומען אַן אַלגעמיינעם קאָלעדזש דיפּלאָם און וואו אַ באַדייטנדיקער טייל פון פּראָגראַם זאָל באַשטיין פון יידישע לימודים. מיר גלויבן, אַז אַראַנזשירונגען קענען געמאַכט ווערן מיט אַן עקזיסטירנדיקן קאָלעדזש אין מאָנטרעאל צו אנערקענען די אַלגעמיינע לימודים פאַר אַקאַדעמישע קרעדיטן. אויב ניט, וועט דער יידישער קאָלעדזש דאַרפן אַרויסנעמען אַ פּראָווינציעלן טשאַרטער. ווען מיר רעדן וועגן אַ קאָלעדזש האָבן מיר אין זינען איבערהויפּט אַ פּראָגראַם פון „ליבעראַל אַרטס״, — שפּראַכן, הומאַניטאַרע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, א. אַ. וו. דאָס דאַרף זיין דער אָנהויב. שפּעטער, אויב מעגלעך און נויטיק, קען אויך אַנטוויקלט ווערן אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער פאַקולטעט. מיר האַלטן, אַז די התחלה פון קאָלעדזש דאַרפן זיין אָוונט־קורסן, און עס איז אויך מעגלעך, אַז צום אָנהויב וועט מען זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ „דזשוניאָר קאָלעדזש״, ד. ה. די ערשטע צוויי יאָר פון אַ קאָלעדזש פּראָגראַם. מיר ווילן אָבער נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די אַלגעמיינע (ניט ספּעציפיש יידישע) קורסן דאַרפן אַנערקענט ווערן פאַר קרעדיט צוועקן אין אַנדערע קאָלעדזשעס אין מאָנטרעאָל. דאָס וועט זיכער צוציען אַ צאָל סטודענטן.

פאַרוואָס אונטערשטרייכן מיר די וויכטיקייט פון אַ קאָלעדזש פּראָגראַם?

עס זענען פאַראַן אַ צאָל יוגנטלעכע און דערוואַקסענע מענטשן, וואָס אָדער זיי טראַכטן דערוויל ניט פון לערעריי, אָדער קענען זיך ניט אַנטשליסן נאָכצופאָלגן דעם סעמינאַר קורס. זיי וואָלטן אָבער זיכער

געקומען אין אַ קאַלעדזש אומגעבונג צו שטודירן אין אַלגעמיין. אַ טייל וואָלט מסתמא אויך נאָכגעפאָלגט ספּעציפישע קורסן פאַר לערעריי, וואָס וועלן סיי ווי זיין אַ טייל פון אַקאַדעמישן פּראָגראַם. עס איז מעגלעך, אַז אין משך פון דער צייט, וועלן אַ צאָל פון די סטודענטן זיך פאַראינטערעסירן און פאַרענדיקן דעם לערער קורס, און אַזוי אַרום אַנהאַלטן אַ שטענדיקן צופלוס פון לערער פּערסאָנאַל.

ב) צענטראַליזאַציע פון די נאָכמיטאָג־קלאַסן

אַ סך האַלטן, אַז נאָר אַ גאַנצע טאָג שולע קען געבן דעם תלמיד אַ צופרידנשטעלנדיקע יידישע דערציאונג. עס איז אָבער קלאָר, אַז אונטער די איצטיקע אומשטענדן וועט נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון קינדער אין שול עלטער קענען באַזוכן די טאָג שולעס. אפילו ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן פּועלן, אַז די יידישע טאָג שולעס זאָלן סובסידירט ווערן פון דער רעגירונג, איז אויך דאָ אַ שטאַרקע חלוקי דעות צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, צי אַזאַ דערשיינונג איז ווינטשנסווערט. מוזן מיר דעריבער זאָגן, אַז די טאָג־שולע באַוועגונג וועט זיך מוזן אויך ווייטער אַנטוויקלען אויפן זעלבן דרך ווי ביז איצט: יעדע שולע פאַר זיך, לויט איר אידעאָלאָגיע און לויט אירע מעגלעכקייטן.

די פראַגע איז אָבער גאַנץ אַנדערש בנוגע נאָכמיטאָג קלאַסן, אָדער אָוונט קלאַסן. מיר האַלטן, אַז אַלע שולעס וואָס פירן אָן מיט אָוונט קלאַסן דאַרפן אויפגעבן דעם פּראָגראַם. אנשטאט דעם דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ מאַנטרעאלער ועד החינוך, וואָס זאָל אַנטוויקלען אַ נעץ פון אָוונט קלאַסן איבער דער גאַנצער שטאָט. די געביידעס פון די עקזיסטירנדיקע יידישע שולן קאָנען זיכער אויסגענוצט ווערן פאַר דעם צוועק. אָבער דאָס אַליין וועט ניט זיין גענוג. אַראַנזשירונגען דאַרפן געמאַכט ווערן מיט דער פּראָטעסטאַנטישער שולע פאַרוואַלטונג צו דינגען קלאַסן־צימערן פאַר קלענערע אָדער גרעסערע שולעס אין אַלע געגנטן פון שטאָט וואו עס געפינען זיך נאָר יידישע קינדער. דער ועד החינוך דאַרף ווערן אַ טייל פון דעם „קאמביינד דזשואיש אפּיל" און דאַרף פולשטענדיק געשטיצט ווערן פון דער קהילה. דאָס מיינט ניט, אַז מען דאַרף ניט נעמען קיין שכר־לימוד. פאַרקערט, מיר האַלטן, אַז אַ געוויסער אָפּצאָל, לויט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פון דער משפחה, דאַרף יאָ איינגעפירט ווערן. אָבער דער בודזשעט דאַרף זיין אַ קהילה־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס דאַרף אויך איינגעפירט ווערן דער קאַרדינאַלער פּרינציפּ, אַז יעדעס יידישע קינד האָט אַ רעכט צו באַזוכן די נאָכמיטאָג קלאַסן, און כאָטש קיין רעגירונגס שול־צוואַנג אין דעם פאַל איז ניט מעגלעך, מוז אָבער אַנטוויקלט ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער צוואַנג צו ווירקן אויף די עלטערן צו שיקן זייער קינד אין שולע. די וואָס וועלן טענהן, אַז עס איז אַפשר ניט דעמאָקראַטיש,

קאָן מען ענטפערן גאַנץ פשוט, — דעמאָקראַטיע פאַרלאַנגט אינטעליגענטע מענטשן. אַ יידיש קינד, אויב עס וויל בלייבן יידיש, מוז האָבן אַ מינימום פון יידישער דערציאונג. קולטורלאָזיקייט איז זיכער ניט אין איינקלאַנג מיט דעם באַגריף פון דעמאָקראַטיע. יידישע קינדער, באַרויבט פון אַ מינימאַלער יידישער דערציאונג, זענען קולטורלאָז ניט נאָר לגבי דעם יידישן פאָלק, נאָר אויך לגבי דער אויסערלעכער וועלט, ווייל זיי האָבן ניט די כלי זין ווי געהעריק אָפּצושאַצן זייער אייגענע לאַגע, די לאַגע פון זייער פאָלק, און ממילא די אַלגעמיינע לאַגע. מיר האָבן זיך עטוואָס אָפּגעשטעלט אויף דער אַרגומענטאַציע ניט צוליב ויכוח, נאָר פשוט צו באַרעכטיקן אונדזער שטעלונג פון געזעלשאַפטלעכן צוואַנג.

אַ האַרבע שאלה קען געשטעלט ווערן לגבי דעם פּראָגראַם פון אַזאַ צענטראַליזירטער שולע: ווי אַזוי פאַראייניקט מען די פאַרשיידענע אידעאָ־לאָגיעס און שאַטירונגען?

ג) דער פּראָגראַם פון אַ צענטראַליזירטן שול־וועזן

מיר האַלטן, אַז דער פּראָגראַם פון אַזאַ צענטראַליזירטן נאָכמיטאָג שול־וועזן דאַרף זיין געבויט אויף זעקס (6) שעה לימודים אַ וואָך. עס דאַרף זיין אַ זיבן־יאָריקער פּראָגראַם און אַנטשפּרעכן די נאָרמאַלע קלאַסן פון דער אַלגעמיינער שול. כדי דער פּראָגראַם פון די לימודים זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען, מוז ער טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ דבר השוה לכל נפש, און מוז באַשטיין פון אַ מער אָדער ווייניקער אוניווערסאַל־יידישן תוכן. עס ווערן פאַרגעשלאָגן די פאָלגנדיקע הויפּט מאָמענטן:

1) יידיש און העברעאיש. עס דאַרף אָפּגעגעבן ווערן די זעלבע צייט פאַר יעדער פון די צוויי שפּראַכן. מיר גלויבן נאָך אַלץ, אַז דער בעסטער וועג צו העברעאיש איז דורך יידיש. איבערהויפּט אין אַזאַ שטאָט ווי מאָנטרעאַל, וואו יידיש איז נאָך ביז אַ באַשטימטער מאָס, אַ לעבעדיקע אומגאַנגס־שפּראַך.

2) יידישע געשיכטע. אונטער געשיכטע פאַרשטייען מיר געשיכטע, טראַדיציעס, דינים, מנהגים, אַ.אַ.וו.

3) דאָס יידישע לעבן היינט־צו־טאָג. דאָס דאַרף זיין אַ צוגאָב קורס צו געשיכטע און דאַרף אַרומנעמען טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון קאַנאַדער יידישן ישוב, דאָס לעבן אין ישראל, און דאָס לעבן פון יידן בכל תפוצות ישראל.

ד) מיטל־שולן

אויב דער עלעמענטאַרער פּראָגראַם וועט פאַרווירקלעכט ווערן איז ניטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס דער לימוד זאָל ניט פאַרגעזעצט ווערן אויף אַ מיטל־שולע (היי־סקול) ניוואָ. פאַרקערט, מע קאָן גלייך צוטרעטן

צו אָרגאַניזירן אַ מיטל־שולע געבויט פון די עקזיסטירנדיקע נאָכמיטאָג קלאַסן, אָדער צוציען קינדער וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ געניגנדיקן פּראָגראַם פון עלעמענטאַר שולע. די מיטל־שולע מוז אויך אָנגעפירט ווערן נאָכמיטאָג, אָדער איין אָוונט אַ וואָך און זונטיק. מיר גלויבן, אַז אַזאַ פּראָגראַם וועט צוציען אַ צאָל הײַ־סקול סטודענטן.

ה) פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע

צו דערגרייכן דעם ציל מוז אָנגעפירט ווערן אַן אינטענסיווע און קאָנסעקווענטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין שולע. אַ גרויסע צאָל עלטערן וואַרט פּשוט אויף דער געלעגנהייט. אַ טייל וועלן מסתמא ניט וועלן — ביי די מענטשן איז נאָך אַלץ פאַרבליבן דער אַסימילאַטאָרישער פּאַראורטייל, אַז יידישע קולטורלאָזיקייט איז גאָר אַ סימן פון יחוס, וואָס קומט פון דעם מינדערוויכטיקייט געפיל פון וועלן אַנטלויפן פון זיך אַליין. אַ גאָר גרויסער טייל איז פּשוט אַפּאַטיש, — זיי מוז מען וועקן און דערמוטיקן. אָט די פּראָפּאַגאַנדע פליכט דאַרף געטאָן ווערן סיי פון ועד החינוך און סיי פון לאָקאַלע דיסטריקט שול־קרייזן, געגרינדעט פון די עלטערן ביי די שולעס. עס וועט זיין זייער אויפגאַבע אויפצוזוכן דאָס יידישע קינד און ברענגען אים אין שול.

קען די פּראָגראַם פאַרווירקלעכט ווערן? מיר גלויבן, אַז יאָ, אויב די פירערשאַפט פון דער קהילה קען זיך דערהויבן איבער געוויסע איינגע־פונדעוועטע, אָבער ניט קיין רעאַליסטישע, מיינונגס־פאַרשידנהייטן, און אַמאָל גאָר קליינלעכע חילוקי דעות. די היטלער עפּאָכע און די נאָך־מלחמה געשעענישן אין דער וועלט האָבן קלאָר באַוויזן, אַז אויב דער עיקר ווערט פאַרנאַכלעסיקט, זענען געוויסע אידעאָלאָגישע באַפוצונגען ניט ווערט קיין שמעק טאַביק. און וואָס דער עיקר איז, איז זייער קלאָר: איינפלאַנצן אין קינד אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש לעבן, קולטור און געשיכטע, און דערציען אַ באַוואוסטזיניקן יידישן דור. מיר גלויבן אויך, אַז די קהילה קען פינאַנציעל אויסהאַלטן אַזאַ שול־וועזן. מאָנטרעאל קען אויך שטאַלצירן מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל אַדמיניסטראַטאָרן, פּעדאַגאָגן און אַנדערע פּראָפעסיאָנעל געשולטע מענטשן, וואָס קענען אָנפירן מיט און אויספירן דעם פּראָגראַם. דער מחבר ווייס זייער גוט, אַז דידאַקטישע פאָר־שלאָגן דאַרפן ערשט גוט באַאַרבעט און אַנאַליזירט ווערן, און אוודאי אויך אויסגעבעסערט ווערן. צוליב מאַנגל אין אָרט האָבן מיר ניט געקענט זיי געבן דעטאַלירן און אויסאַרבעטן. דעריבער דאַרפן זיי ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ דעפיניטיווער פּלאַן, נאָר ווי אַן אָנוואָרף פון אַ פאָרשלאָג, וואָס, ווי מיר האַלטן, איז אין זיינע הויפּט ליניעס פּראַקטיש און צייטמעסיק. מיר האָפן אָבער, אַז דידאַקטיקע אַרבעט וועט כאָטש אין אַ קליינער און באַשיידענער מאָס עפּעס ביישטייערן צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם מאָנטרעאַלער יידישן דערציאונגס וועזן.

די באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן אין מאָנטרעאָל

(אַ קאָנדענסירטער געשיכטלעכער איבערבליק)

פון ש. בעלקין

אַריינפיר

די יובל פייערונג פון שלמה ווייסמאַנס 40 יאָריקער פאַרבינדונג מיט די פאָלקס שולן פאַלט צוזאַמען מיט אַן אַנדער יובילייִ. גאַר אין גיכן וועט ווערן 40 יאָר זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן אין מאָנטרעאָל, אין וועלכער שלמה ווייסמאַן האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אַלס איינער פון די אָנפירנדיקע חברים.

די באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע שולן איז געווען אַ הערלעכער עפּיזאָד אין דעם קאַמף פון די מאָנטרעאָלער יידן פאַר גלייכבאַרעכטיקונג בנוגע מלוכה שולן. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט. ער איז צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אָפּמאַך מיט די פּראָטעסטאַנטן און דעם געזעץ פון 1903; ער האָט זיך ווידער צעפלאַקערט ביי דעם אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, און האָט כמעט 10 יאָר געהאַלטן געשפּאַנט די יידישע באַפעלקערונג פון דער פּראָווינץ קוועבעק.

וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שול פראַגע אין אַלגעמיין האָט מען שוין פיל געשריבן. ביז דעם יאָר 1900 ווערט דער ענין געדעקט פון ב. ג. זאַק אין זיין „געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע" (1948). מער אויספירלעך האָט וועגן דעם געשריבן ישראל ראַבינאָוויטש (אין יידיש) און לעאָן קרעסטאל (אין ענגליש) אין דער בראָשור „די געשיכטע פון יידישן שול פּראָבלעם אין קוועבעק", פון איר אַנטשטייאונג ביז יוני 1926. ס'זיינען איבער דעם דאָזיקן ענין אויך געווען אַ גרויסע צאָל וויכטיקע אַרטיקלען געשריבן פון ישראל ראַבינאָוויטש, ב. ג. זאַק און אַנדערע. זייער רשימה, אויך אַנדערע ביבליאָגראַפישע און אַרכיוו מאַטעריאַלן וועלן מיר איבערלאָזן פאַר דער צייט ווען מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן אונזערע באַמיאונגען אויף אַ גרעסערער, אַלע פּרטים אַרומנעמענדיקער אַרבעט.

אין די ראַמען פון דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג קען איך זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער פירנדיקער ראָלע פון דער ציוניסטיש סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם גלאָררייכן קאַמף פאַר סעפּאַראַטע שולן, דערמאָנען בלויז אייניקע הויפּט מאָמענטן אין דעם דאָזיקן קאַמף און באַרירן די הויפּט סיבות וואָס האָבן געפירט צו דעם טראַגישן דורכפאַל.

אין דער פּראָווינץ קוועבעק זיינען נישטאָ קיין פּאַבליק סקולס אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט. די מלוכה שולן זיינען דענאָמינאַציאָנאַלע און זיי ווערן קאָנטראָלירט פון די קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. די ענגליש־פּראָטעסטאַנטישע מינאָריטעט פון דער דאָזיקער פּראָווינץ האָט באַקומען איר קולטורעלע אויטאָנאָמיע, דאָס רעכט פאַר סעפּאַראַטע שולן, מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק. די פראַנצויזיש־קאַטוילישע מינאָריטעט אין אָנטאַריאָ האָט אויך געהאַט סעפּאַראַטע שולן נאָך פאַר קאָנפעדעראַציע. די סעפּאַראַטע שול רעכט פון די פּראָטעסטאַנטן אין קוועבעק און פון די קאַטאָליקן אין אָנטאַריאָ (און אין אַ צאָל אַנדערע פּראָווינצן) זיינען אויף אייביק פאַרזיכערט געוואָרן אין דעם „בריטיש נאָרטה אַמעריקא אַקט״ (די קאָנסטיטוציע פון קאַנאַדע).

די קוועבעקער צוויי־שול סיסטעמען האָבן באַזונדערע קאַסעס, אָדער פאַנעלס, פאַר זייערע שטייער צאָלער. זיי האָבן אַ גלייכע צאָל מיטגלידער אין דעם „קאָנסיל אָוו פּאַבלעק אינסטראַקשן״, וועלכע ווערט באַשטימט פון דער רעגירונג און וועלכער גיט אַכטונג אויף דעם קוריקולום. די לאָקאַלע „סקול באָאַרדס״, וועלכע פירן אָן מיט אַדמיניסטראַטיווע ענינים, ווערן נישט דערוויילט דירעקט פון די שטייער צאָלער, נאָר זיי ווערן באַשטימט. יעדע סקול באָארד אין מאָנטרעאָל האָט 6 מיטגלידער. איין העלפט ווערט באַשטימט פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג און די איבעריקע ווערן באַשטימט פון דעם „קאָנסיל אָף פּאַבליק אינסטראַקשאָן״. אַזוי, יעדנפאַלס, האָט מען זיך געפירט ביז 1930.

אין דער צייט פון קאָנפעדעראַציע זיינען געווען זייער ווייניק יידן אין מאָנטרעאָל. אָבער אין 1903 זיינען שוין אין מאָנטרעאָל געווען 2600 יידישע קינדער פון שול עלטער. די דאַמאָלסדיקע יידישע פירער (וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט) האָבן אין 1903 געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די פּראָטעסטאַנטן, און מיט דעם האָבן זיך געענדיקט די סכסוכים אין וועלכע מיר קענען זיך דאָ נישט אַריינלאָזן.

דער אָפּמאַך איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ געזעץ, וועלכער האָט פאַרגעשריבן, צווישן אַנדערן, אַז „פּערזאָנען פון יידישן גלויבן זאָלן פאַר סקול צוועקן באַהאַנדלט ווערן (באַטראַכט ווערן) ווי פּראָטעסטאַנטן און זאָלן פאַר די דערמאָנטע צוועקן זיין אונטערוואָרפן די זעלבע רעגולאַציעס אָדער פאַרפליכטונגען ווי די לעצטע (די פּראָטעסטאַנטן)״. און אַז „קינדער פון פּערזאָנען פון יידישן גלויבן האָבן די זעלבע רעכט דערצויגן צו ווערן אין די פּאַבליק סקולס פון דער פּראָווינץ ווי קינדער פון פּראָטעסטאַנטן און זאָלן באַהאַנדלט ווערן אויף דעם זעלבן אופן ווי פּראָטעסטאַנטן פאַר סקול צוועקן״. אַזוי אַרום האָבן די יידן צום ערשטן מאָל באַקומען געוויסע רעכט בנוגע עפּענטלעכע שולן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ.

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און ביידע צדדים זיינען געוואָרן אומ־צופרידן פון דעם געזעץ פון 1903. די יידן זיינען געווען אומצופרידן, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער באַוואָרעניש, אַז יידישע קינדער דאַרפן נישט לערנען די קריסטלעכע רעליגיע, האָט מען עס מיט זיי יאָ געלערנט. מ׳האָט נישט געוואָלט אָנשטעלן קיין יידישע לערערס. און מ׳האָט נישט דערלאָזט, אַז אַ ייד זאָל באַשטימט ווערן אַלס מיטגליד פון דער פּראָטעסטאַנטישער סקול באָארד. די פּראָטעסטאַנטן האָבן זיך געשראָקן, אַז די צייט וועט קומען ווען די יידישע קינדער וועלן ווערן די מאַיאָריטעט. דערצו האָבן די ניי אָנגעקומענע יידן נישט געהאַט קיין אייגנטום, האָבן נישט געצאָלט קיין טעקסעס, און זייערע קינדער האָט מען געדאַרפט לערנען. זיי זיינען באַזונדערס אויפגעבראַכט געוואָרן, ווען די מאָנטרעאָלער שטאָט פאַרוואַלטונג האָט געוואָלט באַשטימען אָלדערמאַן לואי רובינשטיין אַלס מיטגליד פון זייער סקול באָארד.

דאָס האָט געפירט צו דער באַנייאונג פון די סכסוכים צווישן יידן און פּראָטעסטאַנטן, צו דער באַנייאונג פון דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג בנוגע שולן, און צו דעם אָנהויב פון דער באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן.

דער פאַרשפּיל פון דער באַוועגונג

די פּועלי ציון האָבן זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט דער שול פראַגע באַלד נאָך דער אָרגאַניזירונג פון דעם מאָנטרעאָלער פאַראיין. וועגן דער ערשטער אַרויסטרעטונג זייערער ווערט דערציילט אין אונזער בוך „די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע (1956)“. דאָ דאַרף ספּעציעל דערמאָנט ווערן דער פאָרשלאָג אָנצופירן אַ באַוועגונג פאַר אַ יידישער „באָארד אָף עדיוקיישאָן“, וועלכער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון יעקב פּרוזשאַנסקי אין נאָמען פון די פּועלי ציון ביי דער פאָלקס קאָנפערענץ, וואָס איז פאַרופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיווע פון דער „פאָלקסצייטונג“ (רעדאַק־טירט פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש) אין אָקטאָבער 1912.

אין די מאָנטרעאָלער מוניציפּאַלע וואַלן פון 1916 האָבן די פּועלי ציון נאָמינירט ה. מ. קייזערמאַן אַלס קאַנדידאַט פאַר אָלדערמאַן און האָבן אַרויס־געשטעלט די פאָדערונג, אַז מ׳זאָל איינפירן יידישע לימודים אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן און מ׳זאָל אָנערקענען יידיש אַלס אָפיציעלע שפּראַך אין דער שטאָט מאָנטרעאָל. מ׳האָט שאַרף אַטאַקירט דעם שול אָפּמאַך פון 1903, אָבער קיין סעפּאַראַטע שולן האָט מען נישט פאַרלאַנגט.

ווען די באַוועגונג האָט באַשלאָסן אַרויפצושטעלן די פראַגע פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין די גלות לענדער, איינשליסנדיק קאַנאַדע, אויף דעם סדר היום פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, אין 1919, איז דער שרייבער פון די שורות באַשטימט געוואָרן צו לייענען אַ רעפעראַט וועגן די נאַציאָנאַלע רעכט פון קאַנאַדער יידן. צוגרייטנדיק

זיך צו דעם דאָזיקן רעפעראַט האָט מען זיך געמוזט געניי באַקענען מיט דער קאָנסטיטוציע פון קאַנאַדע און מיט די געזעצן וועגן דעם דערציאונגס וועזן דאָ אין לאַנד. אַזוי אַרום איז געווען מיין מזל צו זיין דער ערשטער ייד פון דער „איסט־סייד" אַרויסצוברענגען עפנטלעך און דווקא אין יידיש, די פאָדערונג, אַז יידן זאָלן אַנערקענט ווערן אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט און זאָלן האָבן גלייכע רעכט מיט אַנדערע מינאָריטעטן אין לאַנד.

איך האָב אין יענעס רעפעראַט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו דער צוויי שפּראַכיקייט פון קאַנאַדע, האָב ציטירט דעם „בריטיש נארטה אמעריקאַ אַקט" און האָב באַוויזן, אַז גלייכע רעכט פאַר קולטור אויטאָנאָמיע מיינט פריער פאַר אַלץ סעפּאַראַטע שולן, ספּעציעל אין דער פּראָווינץ קוועבעק.

די רעזאָלוציע וועגן סעפּאַראַטע שולן האָט אַריינגעטראָגן לואי פּיטש. ער האָט די רעזאָלוציע ביי קיינעם נישט אויסגעכאַפּט. צוליב טאַקטישע אויסרעכענונגען האָבן יהודה קויפמאַן און איך אים געבעטן, אַז ער זאָל פאַרשלאָגן אונזער רעזאָלוציע, אַז דער „קאָנגרעס באַשליסט צוצוטרעטן צו דער שאַפונג פון סעפּאַראַטע יידישע שול סיסטעמען וואו נאָר מעגלעך". אונדזער אויסרעכענונג איז געווען, אַז ווען אַזאַ אַנגעזעענער אַדוואָקאַט ווי פּיטש, וועלכער איז אויך געווען דער וויצע פּאַרזיצער פון דער קאַנאַדער ציון פעדעראַציע, וועט „ספּאָנסאָרן" די רעזאָלוציע, וועט זי האָבן בעסערע מעגלעכקייטן אָנגענומען צו ווערן. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ פייערדיקן אַפּיל פון יהודה קויפמאַן, וועלכער איז געווען דער אמת'דיקער אונטערשטיצער.

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען ביים דעם ערשטן פּלענאַרן צוזאַמענפאָר פון דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס איז זיכער געווען דער פאָרשפּיל פאַר דער באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע שולן אין מאָנטרעאָל. די פּועלי ציון האָבן אַריינגעוואָרפן אַ לאָזונג אין דעם יידישן עפנטלעכן לעבן, וועלכער האָט נישט געקענט אַרונטערגענומען ווערן פון דעם סדר היום און וועלכער איז געווען און איז פאַרבליבן אַן אַרויסרוף צו אַלע יידן, באַזונדערס צו אַלע נאַציאָנאַל געשטימטע יידן פון דער גרעסטער יידישער קהילה ביי אונדז אין לאַנד.

ס'קען אויך זיין, אַז דער פאַרזוך צו נאָמינירן אַלדערמאַן לואי רובינשטיין, אַלס מיטגליד פון דער פּראָטעסטאַנטישער „סקול באָאַרד", איז געווען אויסגערעכנט אָפּצושטעלן די פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר סעפּאַראַטע שולן. מ'האָט אפשר געצילט מיט דעם אַרויסצונעמען דעם ווינט פון די פליגלען ביי די אָנהענגער פון סעפּאַראַטע שולן. וואָלטן די פּראָטעס־טאַנטן אָנגענומען רובינשטיינען אַלס מיטגליד פון דער „סקול באָאַרד", וואָלט מען דערמיט דערהרגעט די באַוועגונג איידער זי איז נאָך געבוירן געוואָרן.

ווען די פּראָטעסטאַנטן האָבן צוליב דעם אויסרייד פון יידישע ימים טובים אָנגעהויבן אויסטיילן יידישע קינדער אין באַזונדערע קלאַסן, האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע שולן אויף אַן ערנסטן אופן. און די איניציאַטאָרן און די טרייב קראַפט פון דער באַוועגונג זיינען געווען די פועלי ציון און די מיט זיי פאַרבונדענע אָרגאַניזאַציעס. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן, ווי שוין געזאָגט, כמעט 10 יאָר. די דאָזיקע צען יאָר קענען איינגעטיילט ווערן אין דריי צייט אָפּשניטן. דער ערשטער פּעריאָד האָט אָנגעהאַלטן פון 1922 ביז 1925. אין דעם דאָזיקן צייט אָפּשניט האָבן מיר געהאַט גרויסע נצחונות, אָבער אויך גרויסע נידערלאַגעס.

דער צווייטער צייט אָפּשניט, צווישן 1925 און 1928 האָט אונדז געבראַכט נצחונות אין די געריכטן, אָבער אָרגאַניזאַציאָנעל זיינען מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין דעם לעצטן צייט אָפּשניט, צווישן 1928 און 1931, האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער קאַמף, נישט קוקנדיק אויף אונדזערע אייגענע ספקות אינעם דערפאָלג. מיר האָבן אונדזערע פּאָזיציעס נישט אויפגעגעבן ביז דעם ביטערן סוף.

די כוחות קעגן אונדז

ניט די פּראָטעסטאַנטן, נישט די קאַטאָליקן האָבן געוואָלט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן האָבן סעפּאַראַטע שולן. וואָס איז נאָך ערגער — די מאַיאָריטעט פון די יידן איז געווען אָדער גלייכגילטיק, אָדער קעגן אונדז. מיר האָבן געהאַט קעגן זיך אַלע אַסימילירטע און האַלב אַסימילירטע יידן פון וועסטמאַונט, אוטרעמאָנט און פון דער „איסט סייד", וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר „סעגרעגיישאָן", און פאַר וועמען אינטעגראַציע איז געווען דער העכסטער אידעאַל אין זייער לעבן. מיר האָבן געהאַט קעגן זיך אי רייכע אי אָרימע יידן.

צווישן די וועסטמאַונטער קעגנער זיינען געווען די סאַמע ערגסטע **די ביי אויפגעקומענע גבירים** צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן. און דער סאַמע ערגסטער צווישן זיי איז געווען פּיטער בערקאָוויטש. איך דערמאָן פּיטער בערקאָוויטשעס נאָמען דערפאַר, וואָס איך בין איבערצייגט, אַז ער איז געווען דער הויפּט שולדיקער אין דער יידישער מפּלה. אַלס יידישער פּאַרלאַמענט מיטגליד האָט ער געקענט פיל אויפטאָן. ער האָט אָבער פאַרראַטן נישט נאָר די איסט סייד, נאָר אויך וועסטמאַונט, ווייל זיינע אייגענע פּאָליטישע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי זיינען ביי אים געווען העכער פאַר אַלץ.

זייענדיק דער אַדוואָקאַט פון די טרייד יוניאָנס, האָט ער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יוניאָן פירער און אויף די יידישע אַרבעטער בכלל. דורך דער „היברו פּאָליטיקאַל אַסאָסיאיישאָן", אַ קלוב פון יידישע פּאָליטישנס האָט ער באַווירקט און צעטומלט די בירגערלעכע עלעמענטן, דעם „עמך".

אויף דער „איסט סייד" האָבן מיר געהאַט קעגן זיך די קאָמוניסטן, די וואָקלענדיקע „גענאָסן" און די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן נישט געקענט פועלן ביי זיך צו זיין פּאַראייניקט מיט די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן. גרויסע צאָלן יידן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן מורא געהאַט פאַר ענדערונגען, פאַר העכערע שול שטייערן, פאַר אַנטיסעמיטיזם.

ועד העיר, אונדזער ערשטער נצחון

ווען די פועלי ציון האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן פאַר סעפּאַראַטע שולן, האָבן זיי פריער פאַר אַלץ געוואָלט באַשאַפן אַן אַלגעמיינע רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע אַלס אינסטרומענט פון אונדזער קאַמף. דער קאָנגרעס האָט ניט פונקציאָנירט, האָבן זיי באַשלאָסן אויס־צונוצן די געלעגנהייט, וועלכע איז געקומען אין 1922. דאָס איז געווען די באַוועגונג צו אָרגאַניזירן דעם ועד העיר. די אָרגאַניזירער פון דעם ועד העיר האָבן זייער שטאַרק געוואָלט, אַז דער ועד העיר זאָל איינ־שליסן אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג. האָט מען צוגעזאָגט, אַז דער ועד העיר וועט זיך פאַרנעמען נישט נאָר מיט בשר כשר, מיט שוחטים און רבנים.

מ״האָט אין דעם פּראָגראַם פון ועד העיר אַריינגענומען דעם קאַמף קעגן בוטשער טראַסט, כדי צוציען אַלע אַרבעטער גרופּן, און מ׳האָט פאַרזיכערט דער אַרבעטערשאַפט אַ דריטל פון די 33 פּלעצער אין דער דאָזיקער קערפּערשאַפט. מ׳האָט אויך אַלס צוגאָב און ספּעציעלע צוזיאונג פאַר די פועלי ציון אַריינגענומען אין דעם פּראָגראַם קולטורעלע טעטיקייט. מ׳האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז מ׳וועט שטיצן יידישע דערציאונגס אַנשטאַלטן און מ׳האָט אפילו צוגעזאָגט צו גרינדן אַ „פּאַראָקיאַל סקול" — אַ טאָג שול. פאַר אונדז האָט די גרינדונג פון ועד העיר אויך אויסגעקוקט ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון דער קאָנגרעס רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזירן קהילות. מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו מאַכן דעם ועד העיר פאַר דער צענטראַלער פּאָזיציע אין דעם קאַמף פאַר סעפּאַראַטע שולן.

מיר האָבן זיך דערפאַר אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיר האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער בלאָק און דורך דעם בלאָק זיך באַטייליקט אין די דירעקטע וואַלן וועלכע זיינען פאָרגעקומען דעם 17טן דעצעמבער 1922. אין יענע וואַלן האָבן זיך באַטייליקט 4000 מענטשן. פון די עלף פאַרטרעטער פון דעם אַרבעטער בלאָק זיינען דערווײלט געוואָרן 5 פועלי ציון, איין חבר פון די צעירי ציון, אַן אַרבעטער רינג טוער, וואָס איז אידעאָלאָגיש געווען זייער נאָענט צו אונדז און פיער יוניאָן פירער. איינער פון אונדזער בלאָק, דער יוניאָן פירער און אַלדערמאַן יוסף שובערט, איז דערווײלט געוואָרן אינעם פּרעזידיום.

אונדזער דאַן נאָך גאַנץ יונגער שלמה ווייסמאַן איז דערווײלט געוואָרן סעקרעטאַר. אין די קריטישע יאָרן 1922—1925 איז אים

אויסגעקומען צו אַרבעטן זייער שווער. איך ווייס נישט וואו האָט ער גענומען צייט אויף אַלץ און אַלעמען. אויסער דער געוויינלעכער אַרבעט אין פאָלקס שול, האָט ער נאָך פאָרגעזעצט זיין שטודיום (ביז ער איז געוואָרן אַן מ. א. סוף מאַי 1923) און האָט אָפּגעגעבן טעג און נעכט פאַר דעם ועד העיר, ספּעציעל פאַר דער סעפּאַראַטער שול באַוועגונג. ער האָט אפילו געפונען צייט צו קאָרעספּאָנדירן מיט מיר ווען איך פלעג מוזן צוליב מיין אַרבעט אַוועקפאָרן אין מערב קאַנאַדע.

אַלס פאָרזיצער פון דעם ועד העיר שולן קאָמיטעט איז דערווײלט געוואָרן לואי פּיטש, וועלכער איז זינט דעם קאָנגרעס צוזאַמענפאָר אין 1919 געווען באַקאַנט אַלס אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פון סעפּאַ־ראַטע שולן.

אין דעם ווינטער 1922—1923 איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע טעטיקייט נישט צו דערלאָזן, אַז דער געזעץ פּראָיעקט פון די פּראָטעסטאַנטן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דעצעמבער 1922, זאָל דורכגיין. די פּראָטעסטאַנטן האָבן געוואָלט, אַז דאָס געזעץ פון 1903 זאָל אָפּגעשאַפן ווערן, און אַז יידן זאָל מען מער נישט קלאַסיפיצירן אַלס פּראָטעסטאַנטן פאַר שול צוועקן. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי דערלייגן געלט דערציענדיק יידישע קינדער. איז אויב די רעגירונג וויל, אַז יידישע קינדער זאָלן זיך לערנען אין זייערע שולן, זאָל מען זיי צאָלן פון דער נייטראַלער קאַסע (די קאַסע וואו ס׳ווערן איינגעצאָלט די טעקסעס פון אַלע ביזנעס קערפּערשאַפטן און אַלע יחידים, וואָס זיינען נישט קיין קאַטאָליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן) 60 דאָלאַר אַ יאָר פאַר יעדן קינד.

דער ועד העיר האָט נאָך דאַן נישט געהאַט אָנגענומען קיין באַשלוס וועגן שולן, אָבער ס׳איז געווען קלאָר, אַז די מערהייט איז פאַר סעפּאַראַטע שולן. דערוויל זיינען אָנגעגאַנגען קאָנטאַקטן צווישן דעם שול קאָמיטעט פון די וועסטמאָונטער יידן און דעם ועד העיר קאָמיטעט וועגן באַקעמפן דעם געזעץ פּראָיעקט פון די פּראָטעסטאַנטן. די יידישע באַמיאונגען האָבן געבראַכט אַ צייטווייליקע לעזונג. די פּראָווינציעלע רעגירונג האָט אויסגע־אַרבעט אַ פשרה וועגן געלט זאַכן און האָט איבערגעלאָזט דעם געזעץ פון 1903 אין קראַפט ביזן 1טן יולי 1924.

די דיסקוסיעס צווישןביידע קאָמיטעטן זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן וועגן אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם פאַר דער צווישנצייט. די פאָרשטייער פון ועד העיר האָבן ביי יענע געמיינשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן נישט אויפ־געהערט צו דערקלערן, אַז דער בעסטער אויסוועג איז אַ סעפּאַראַטער שול סיסטעם. אָבער אייניקע פון די ועד העיר מענטשן האָבן מיט אַמאָל זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט פלענער פאַר פשרות. מיר האָבן דערפאַר פאַרשטאַרקט אונדזער דרוק, אַז דער ועד העיר זאָל פאָרמעל און ענטגילטיק אָננעמען אַ באַשלוס לטובת סעפּאַראַטע שולן.

כדי צו קומען צו אַן ענדגילטיקער אָפּשטימונג אין דער פּראַגע זייַנען דורכגעפירט געוואָרן אַ צאָל עפנטלעכע פאַרומס, ביי וועלכע קעגנער פון סעפּאַראַטע שולן האָבן געקענט אויסדריקן זייערע מיינונגען. די סאַמע אינטערעסאַנטסטע דיסקוסיע איז פאָרגעקומען אין מערץ 1923 מיט דער באַטייליקונג פון נייטן גאָרדאָן און רבי זלאָטניק. רבי זלאָטניק האָט אין היץ פון יענער דיסקוסיע אויסגערופן: „נאָר ביי אַזאַ גלות פאָלק ווי די יידן קען זיך אויפהויבן אַ פראַגע, צי זאָלן זיי האָבן סעפּאַראַטע סקולס ווען זיי קענען עס האָבן!" דער צווייטער רעדנער, שלמה וויסמאַן האָט אָפּגעשלאָגן די פּעדאַגאָגישע און פּסיכאָלאָגישע אויסזעצונגען פון די קעגנער און זייערע אַרגומענטן, אַז דאָס אָפּטיילן יידישע קינדער פון די פּראָטעס־טאַנטן וועט אויף זיי האָבן אַ שלעכטע גייסטיקע ווירקונג. ער האָט צווישן אַנדערעס דערקלערט, אַז אין אַ סך הינזיכטן וועלן מיר זיין מער דער־נענטערט ווען מיר וועלן זיין באַזונדער (ציטירט לויטן „קענעדער אַדלער").
ס'איז דאָרט אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיין אָפּהאַנדלונג פון דער פינאַנ־ציעלער פראַגע, וואָס האָט צונישט געמאַכט די טענות, אַז יידן וועלן נישט קענען אויסהאַלטן אַן אייגענעם שול סיסטעם. צוליב קראַנקהייט האָב איך אַליין נישט געקענט קומען צו דער זיצונג. מיין אָפּהאַנדלונג איז שפּעטער געווען אָפּגעדרוקט אין ועד העיר בולעטין און אין דעם „קענעדיען דזשואיש קראָניקל".

ענדלעך האָבן מיר אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן גרויסן ניצחון. דעם 14טן יוני האָט דער ועד העיר אָנגענומען דעם באַשלוס פאַר סעפּאַראַטע שולן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטיקע טעטיקייט. מ'האָט געשאַפן אַ פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט, פון וועלכע מ. גאַרבער איז געווען פאָרזיצער. ס'דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל ועד העיר מענטשן האָבן געשטימט מיט אונדז נישט דערפאַר וואָס זיי זייַנען געוואָרן איבער־צייגטע פּרינציפּיעלע אָנהענגער פון אַ באַזונדערן שול סיסטעם. אייניקע פון זיי האָבן געשטימט פאַר סעפּאַראַטע שולן, ווייל „די פּראָטעסטאַנטן ווילן אונדז נישט האָבן". אַנדערע האָבן געטראַכט, אַז מ'דאַרף פאָדערן סעפּאַראַטע שולן, כדי די פּראָטעסטאַנטן זאָלן זיך דערשרעקן, און אַלץ וועט בלייבן ביים אַלטן".

אָבער אונדזער אָפּשטימונג האָט אויפגערודערט דעם וועסטמאַונטער שולן קאָמיטעט, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ שענדלעכע קאַמפּאַניע אונדז צו קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פון די נישט יידן און אונטערצוגראָבן אונדזער איינפלוס אויף דער יידישער גאַס.

דעם ערשטן שאָס אין דער „מלחמת מצוה" האָט געמאַכט רביי יוסף קאַרקעס, דער „טשיף ראַביי", דער רבי פון דער עלטסטער יידישער קאָנגרעגיישאָן, די מאַמע פון אַלע „יידישע קאָנגרעגיישאָנס אין דער דאָמיניאָן" (שארית ישראל), — אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער

ענגלישער פּרעסע. אין אַ רעדע געהאַלטן קורץ פאַר ראש השנה האָט ער זיך געבעטן ביי די פּראָטעסטאַנטן, זיי זאָלן רחמנות האָבן, און זאָל אַלץ בלייבן ביים אַלטן. וועגן אונדז, די אָנהענגער פון סעפּאַראַטע שולן, האָט ער געזאָגט, אַז מיר זיינען „נישט נאָר שונאים פון גאָט, נאָר אויך שונאים פון לאַנד". דאָס וואָס מיר ווילן איז „אַ צוריקקער צו דעם מיטלאַלטער פון איגנאָראַנץ און אַבערגלויבן, מיט אַ געטאָ, מיט דער אויפהאַלטונג פון דעם שווידערלעכן זשאַרגאָן, וועלכער איז באַקאַנט אַלס יידיש". און דער סוף פון יענער „הייליקער דרשה" איז געווען: „יעדער יידישער מאַן אָדער פרוי, וואָס אַגיטירט פאַר אַ סעפּאַראַטן פּאַנעל, טוט עס פאַר פּערזענלעכע אינטערעסן און איז נישט ווערט צו זיין אַ בירגער פונ'ם לאַנד (ציטירט לויט דער „סטאַר")".

דער דאָזיקער אַרויסטריט, דידאָזיקע מסירה, האָט נישט געטאָרט בלייבן אָן אַן ענטפער. מ'האָט אויך געדאַרפט באַרואיקן די פרומע יידן בנוגע אונדזער „גאָטלאָזיקייט", און די פּראָגרעסיווע ראַדיקאַלן האָט מען געדאַרפט פאַרזיכערן, אַז זיי זאָלן זיך נישט שרעקן פאַרן מיטלאַלטער. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז שלמה ווייסמאַן זאָל מאַכן אַ דערקלערונג אין אַן אינטערוויו מיט אַ רעפּאָרטער פון דער „סטאַר". דער אינטערוויו איז געדרוקט געוואָרן פונקט ראש השנה.

ווייסמאַן האָט אָפּגעשלאָגן ראַביי קאַרקאַס באַהויפּטונגען וועגן אונדזער אומלאָיאַליטעט צום לאַנד. ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער פאַר־לוימדונג פון דעם ראַביי, וועלכער האָט געוואַגט אָנצורופן די שפּראַך פון 10 מיליאָן יידן, „האַרריד זשאַרגאָן", און קעגן זיין בלבול, אַז די וואָס אַרבעטן פאַרן סעפּאַראַטע שולן טוען עס פאַר זייער אייגענע נוצן. ווייסמאַן האָט פאַרשטייט זיך נישט געקענט אויסמיידן פּראַגעס וועגן קוריקולום אָדער צוגאָב לימודים. ביי דעם רעפּאָרטער איז אַרויסגעקומען, אַז ווייסמאַן האָט געזאָגט „אַז יידן וועלן קענען האָבן זייערע אייגענע שולן וואו זיי זאָלן באַקומען רעליגיעזן אונטערריכט" און אַז מיר „האָבן קיין אַבזיכט צו איבעראַנדערשן דעם קוריקולום, און דער צוגאָב פון העברעאישע און רעלי־גיעזע לימודים וועט זיין די איינציקע ענדערונג".

דער דאָזיקער אינטערוויו האָט פאַרשאַפט ווייסמאַנען אומזיסטע צרות. צווישן אונדזערע וועלטלעכע איז געוואָרן אַ ויצעקו און מ'האָט אים געקיבעצט מיטן „רעליגיעזן אונטערריכט". אָבער אין אַלגעמיין האָט דער אינטערוויו געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק.

אַלס צוגאָב צו ווייסמאַנס אַרויסטריט אין דער ענגלישער פּרעסע האָבן פאַרשטייער פון ועד העיר גערעדט אין די טעג פון ראש השנה תרפ"ו אין אַלע שולן און האָבן פאַראייניגוועג אויסגעדריקט אונדזער פּראָטעסט צווישן די מתפללים קעגן רבי קאַרקאַס. אין 12 שולן האָבן חברים פון דער פועלי ציון באַוועגונג גערעדט.

אַרום יענער צייט האָבן די קאָמוניסטן פלוצים אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זייערע כחות, כדי אַרויסצוטרעטן קעגן אַ סעפּאַראַטן שול פאַנעל, קעגן ועד העיר און קעגן די „רעכטע". פאַר אונדז איז געווען וויכטיק נישט צו דערלאָזן, אַז וועלכע ס'איז אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע זאָל אַרויסטרעטן קעגן אונדז, כדי ס'זאָל פאַרבלייבן דער איינדרוק אין דער אויסערלעכער וועלט, אַז די גאַנצע יידישע קהילה איז פאַר סעפּאַראַטע שולן. די „סיטי סענטראַל קאָמיטע" פונ'ם אַרבעטער רינג האָט דערפאַר לויט אונדזער פאַרשלאָג גענומען די איניציאַטיווע צו פאַררופן אַן אַרבעטער קאָנפערענץ וועגן דער שול פראַגע אויף זונטאָג דעם 14טן אָקטאָבער.

האָבן מיר אָנגעהויבן שיקן דעלעגאַציעס צו די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו פּראָפּאַגאַנדירן אונדזער שטאַנדפּונקט. דער יידישער צווייג פון דער „וואָירקערס פּאַרטי", האָט אויסגעקליבן פאַר אַ פּאַסיקער צייט צו האָבן זייער פאַרזאַמלונג דווקא יום כפור נאָך יזכור. און שלמה וויסמאַן און איך האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און געמוזט גיין מיט זיי דעבאַטירן. אין אַ בריוו וואָס איך האָב נישט לאַנג באַקומען פון שלמה וויסמאַן דערמאָנט ער: „ס'בייסט מיר נאָך אין די אויגן פון דעם רויך אָנגעפּילטן זאַל און ס'שלאָגט מיר נאָך צו דער גאַל ווען איך דערמאָן זיך די פלאַכע אַפּיקורסישע אַרגומענטן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אָפּשלאָגן". און דער אָפּשלוס פון יענער „באַרימטער" דעבאַטע איז געווען אונדזער אַרויסרוף: זאָלן זיי אָנפרעגן אין מאָסקווע, אויב מען מעג זיין פאַר יידישער קולטור אויטאָנאָמיע, פאַר סעפּאַראַטע יידישע שולן! איצט וואָלטן מיר זיי אַזאַ פאַרשלאָג „מסתמא" נישט געמאַכט...

די קאָמוניסטן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, אַז צו דער קאָנפערענץ זאָלן דערוויילט ווערן זייערע אייגענע מענטשן. ס'זיינען געקומען פאַרטרעטער פון 32 אָרגאַניזאַציעס. אונדזערע כוחות זיינען נישט געווען שטאַרק גענוג, אַז מיר זאָלן קענען קאָנטראָלירן די קאָנפערענץ. דאָס איז געווען הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס די יוניאָן פירער, די „גענאָסן", האָבן זיך נאָך זיי נאָכגעשלעפּט. ביי דער סאַמע ערשטער זיצונג האָט שובערט פאַרטומלט די מוחות, אַרויסקומענדיק מיט אַ שפּאָגל נייעם פאַרשלאָג, אַז די אַרבעטער זאָלן פאָדערן אַ נישט קאַטוילישן פאַנעל, דאָס הייסט: פּאָבליק סקולס פאַר אַלעמען אויסער די קאַטאָליקן. אגב האָט ער דעם דאָזיקן געדאַנק „געבאָרגט" ביי עמיצן אַנדערש. צום באַדויערן זיינען צווישן די פּועלי ציון אויך געווען עטלעכע וועלכע האָבן זיך געוואַקלט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די רבנים וועלן ווערן די גאַנצע באַלעבאַטים פון די שולן.

ס'זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דריי זיצונגען, איין וואָך נאָך דער אַנדערער. די קאָמוניסטן זיינען די גאַנצע צייט אַרויסגעטראָטן קעגן אַ סעפּאַראַטן שול פאַנעל און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מיר זאָלן פאַרלירן.

עַנדלעך האָבן זיי מסכּים געווען בתנאי, — אויב שוין יאָ סעפּאַראַטע שולן, ווילן זיי אַ פּאַנעל אָן רעליגיעזער דערציאונג. אונדזער צד, זייענדיק אַליין אַנהענגער פון וועלטלעכער יידישער דערציאונג, האָט געמוזט איינשטימען, אַז אַ רעזאָלוציע קאָמיסיע זאָל אויסאַרבעטן אַ דעקלאַראַציע, וואָס זאָל זיין אַננעמבאַר פאַר אַלעמען. אונדזער צד האָט געמאַכט אַ צווייטן קאָמפּראָמיס, און האָט מסכּים געווען, אַז אין „פּריאַמבל" זאָל געזאָגט ווערן, אַז מיר פאַרלאַנגען סעפּאַראַטע שולן נישט אויס פּרינציפּ נאָר אויס נויטווענדיקייט.

די דעקלאַראַציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער דריטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ האָט אַזוי אַרום איינגעשלאָסן די פאָלגנדיקע פונקטן:

„אום צו פאַרזיכערן, אַז דער יידישער טייל פון דער דערציאונג זאָל זיין וועלטלעך און פּראָגרעסיוו, פאָדערט די קאָנפערענץ אַז,

1. די יידישע דערציאונג זאָל זיין אַ פּראָגרעסיווע און זאָל אַרומנעמען די ברייטע צווייגן פון דער יידישער קולטור.
2. קיין דאָגמאַטישע רעליגיע און קיין רעליגיעזע אידעאָלאָגיע זאָלן נישט אַריינגעבראַכט ווערן אין גייסט פון די שולן.
3. דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג פון די שולן דורך פאָרשטייער דערווילט פון די יידישע פאָלקס מאַסן.
4. קיין איבריקע פינאַנציעלע לאַסט זאָל ניט פאַלן אויף די ברייטע יידישע פאָלקס מאַסן".

אין אַ באַריכט, וועלכער איז מיט אַ צייט שפּעטער אָפּגעשיקט געוואָרן צו דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון די פּועלי ציון, ווערט געזאָגט: „עס איז אין דער רעזאָלוציאָנס קאָמיסיע פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער פּונקט פון רעליגיע אין באַצוג צו דעם יידישן טייל פון דער דערציאונג איז געווען אַ באַוואָרעניש פאַר אונדזערע פּאָזיציעס קעגן די אָרטאָדאָקסישע יידן, נאָכדעם ווי דער סקול פּאַנעל וועט אונדז געגעבן ווערן. מיר האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז ווען יידישע סעפּאַראַטע שולן וועלן זיין אַ פאַקט, זאָלן מיר קענען קעמפן פאַר דער וועלטלעכקייט פון יידישע לימודים. קיינער אויסער די קאָמוניסטן האָט ניט געטראַכט ביי זיך, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע מיינט, אַז מיר פאַרלאַנגען אַ סעפּאַראַטן פּאַנעל, אָבער אָן „ דאָגמאַטישער רעליגיע אָדער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע". קיינער אויסער די קאָמוניסטן האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אויב מ'וועט לערנען אין אונדזערע סעפּאַראַטע שולן וועלכע נישט איז רעליגיעזע לימודים, זיינען מיר קעגן סעפּאַראַטע שולן.

אין דער עקזעקוטיווע פון ניין זיינען דערווײלט געוואָרן משה דיקשטיין און, יבדלו לחיים, ל. צוקער, פרענק ווייט און ל. רובינשטיין. משה דיקשטיין איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער קאָנפערענץ. אַזוי ווי די קאָמוניסטן

האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער גאַנצער אַרבעט און אויפגעהערט קומען צו זיצונגען, האָבן אונדזערע חברים קאָנטראָלירט די ווייטערדיקע אַרבעט.

טראַכטנדיק רעטראָספּעקטיוו וועגן יענער קאָנפערענץ, קום איך צום אויספיר, אַז זי האָט אונדז געטאָן מער שאָדן ווי גוטס. דער באַשלוס קעגן „דאָגמאַטישער רעליגיע" און „רעליגיעזער אידעאָלאָגיע" האָט פאַרשטאַרקט די מורא ביי די אָרטאָדאָקסן פאַר די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן. דער דאָזיקער באַשלוס האָט אויך קלאָר דעמאָנסטרירט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּאַראַיי־ניקטער פראָנט צווישן די יידן פון דער „איסט סייד". אפילו דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז געווען אין דער רעזאָלוציע, דער פּאַקט, וואָס די אַרבעטער ווילן אויך סעפּאַראַטע שולן, האָט, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען, נישט געקענט געהעריק אויסגענוצט ווערן.

אין לויף פון דעם חודש אָקטאָבער איז אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסע מאַסן פאַרזאַמלונג פון דעם ועד העיר ביי וועלכן ס'האָבן גערעדט לואי פּיטש, ה. מ. קייזערמאַן און רבי כהן. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם, ס'זיינען אָבער אויך געקומען אַ 30 מענטשן, גוט אָרגאַניזירט, אַרונטער־צורייסן די רעדנער. ס'איז נישט שווער געווען זיך פאָרצושטעלן ווער ס'האָט זיי געשיקט. דער מיטינג איז געווען אַ דערפאָלג, אָבער מ'האָט געקענט זען, אַז די קעגנערשאַפט קעגן אונדז ווערט נישט קלענער נאָר גרעסער. הרב כהנס רעדע האָט אויך נישט געהאָלפן צו באַרואיקן די איבערגעשראָקענע פרומע יידן.

שלמה ווייסמאַן האָט אין אַן אַרטיקל „לאָמיר זיך פאַרשטיין", געדרוקט אין קענעדער אָדלער אָקטאָבער דעם 18טן, 1923, זיך באַמיט צו באַרואיקן דעם עולם. און אין אַ בריוו צו דעם שרייבער פון די שורות האָט ער דעם 14טן אָקטאָבער געשריבן: "דאָס פאָלק איז שטאַרק קעגן אונדז, אָבער מיר מוזן דאָך צוגעבן, אַז מיר האָבן זיך נאָך נישט גענוג אָנגעשטרענגט זיי איבערצורעדן".

אַ ווינטער פון גרויסע אַקטיוויטעטן

דעם 18טן אָקטאָבער, 1923, איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער פּראָ־טעסטאַנטישער „סקול באָארד". קורץ פאַר דעם האָט דער וועסטמאַונטער יידישער שולן קאָמיטעט איבערגעריסן די פאַרבינדונגען מיט דעם סעפּאַ־ראַטן שולן קאָמיטעט. זיינען צו דעם מיטינג פון די פּראָטעסטאַנטן געקומען צוויי באַזונדערע דעלעגאַציעס. די דעלעגאַציע פון דעם סעפּאַראַטן שולן קאָמיטעט האָט איינגעשלאָסן אונדזערע חברים ה. מ. קייזערמאַן און יבדלו לחיים ל. צוקער און שלמה ווייסמאַן. די וועסטמאָנטער האָבן זיך געבעטן, אַז אַלץ זאָל בלייבן ביים אַלטן. זיי האָבן נאָר געבעטן יידישע פאַרטרעטער־שאַפט צו העלפן דערליידיקן פּראָבלעמען, וואָס זיינען זיי נוגע. אונדזער דעלעגאַציע האָט זיך געהאַלטן ווירדיק. זי האָט צוגעגעבן, אַז די פּראָטעס־

טאָנטן האָבן רעכט צו קענען אויסשליסלעך קאָנטראָלירן די דערציאונג פון זייערע קינדער. מיר האָבען זיך נישט געבעטן, מ׳זאָל אונדז אַריינלאָזן אין זייער „באָארד״, מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ סעפּאַראַטן שול פּאַנעל. אונדזער צד האָט דערקלערט, נוצנדיק גארבערס ווערטער (ציטירט לויט דער „גאַזעט״), אַז „די צייט איז געקומען, ווען יידן פאַרלאַנגען פרייע און גלייכע רעכט, ווי עס האָבן זייערע פּראָטעסטאַנטישע מיטבירגער״.

דער ענטפער פון די פּראָטעסטאַנטן איז געווען אַ קורצער און שאַרפער, זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַ געזעץ פּראָיעקט, באַקאַנט אַלס נומער 150, לויט וועלכן דער אַקט פון 1903 ווערט בטל און ס׳ווערט אויך פאַרבאָטן, אַז ס׳זאָלן זיין מער ווי צוויי סקול פּאַנעלס אין דער פּראָווינץ קוועבעק.

אָנהויב פעברואַר 1924 איז געווען אַ פאַרהער אין קוועבעק פאַר דעם פּרעמיער טאַשעראָ. ס׳זיינען געקומען פאָרשטייער פון די פּראָטעסטאַנטן און פון די צוויי יידישע שול קאָמיטעטן. די דעלעגאַציע פון דעם ועד העיר און דעם סעפּאַראַטן שולן קאָמיטעט איז געווען זייער רעפּרעזענטאַטיוו. אויסער לואי פיטשן, דעם פּאָרזיצער, זיינען אין דער דעלעגאַציע געווען לייאָן כהן, רבי כהן, אייזיק לאַנדע, ה. וואָלאָפסקי און יבדלו לחיים מ. גארבער, אָלדערמאַן לייאָן דזשייקאָבס און אונדזערע חברים ל. צוקער און שלמה ווייסמאַן. ס׳איז דאָרט אויך געווען א. נאדלער, דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דעם ועד העיר. לואי פיטש האָט אויסגעדריקט אונדזער פאַרלאַנג פאַר אַ סעפּאַראַטן פּאַנעל, דערקלערנדיק, אַז ער רעדט „אין דעם נאָמען פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק״. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן קענען יידישע קינדער נישט באַקומען קיין יידישע דערציאונג. אונדזערע קינדער לערנען נישט קיין העברעאיש, לערנען נישט אונדזער ליטעראַטור און אונדזער רעליגיע. אונדזערע צוגאָב שולן (די נאָכמיטאָג שולן) האָבן געפּרוווט דאָס צו טאָן, אָבער זיי האָבן זיך אויסגעלאָזט צו זיין אַ דורכפאַל. מיר זיינען אין דער זעלבער לאַגע ווי קאַנאַדער פראַנצויזן אין „ניו אינגלאַנד״, וואו די קינדער פאַרגעסן זייער שפּראַך און אַלץ וואָס זייערע עלטערן ווילן, אַז זיי זאָלן געדענקען.

אונדזער דעלעגאַציע האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. זי איז געווען רעפּרעזענטאַטיוו, אָבער ס׳האָבן אין איר געפעלט פאָרשטייער פון די טרייד יוניאָנס, ווייל די טרייד יוניאָנס זיינען אָנהויב יאָר אַרויס פון דעם ועד העיר. ס׳איז געווען בּויטיק, נאָך איידער די דעלעגאַציע איז געפאָרן קיין קוועבעק, אַז דער פאַרלאַנג פון דעם ועד העיר פאַר סעפּאַראַטע שולן זאָל אונטערשטיצט ווערן פון די פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם פּועלי ציון פאַראיין האָט דער שרייבער פון די שורות אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום, וועלכער זאָל דערלאַנגט ווערן צו דער רעגירונג אין נאָמען פון דער „אַרבעטער קאָנפערענץ פאַר יידישע שולן״. אין דעם מעמאָראַנדום איז אַביסעלע בּולטער אַרויסגעבראַכט געוואָרן

אונדזער פרינציפּיעלער שטאַנדפּונקט. עס איז אויך אין דעם מעמאָראַנדום גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן וועגן רעליגיע, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז די פראַגע פון רעליגיעזער דערציאונג איז אַ פראַגע פון קוריקולום, און עס איז נישט געווען נויטיק זי צו באַרירן.

מ'האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אַנשטאָט 32 אָרגאַניזאַציעס זיינען געקומען בלויז אַרום פופצן, אַזעלכע וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אונדז. מיר האָבן געקענט דורכפירן וואָס מיר האָבן געוואָלט. אָבער צוויי חברים, איינער פון זיי איז געווען משה דיקשטיין, האָבן אונדז באַשולדיקט אין ברעכן אַן אָפּמאַך מיט די 32 אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. אונדזערע חברים האָבן קלאָר געמאַכט, אַז צו פאַרלאַנגען סעפּאַראַטע שולן, וועלכע זאָלן אין פאַראויס זיין אַנטי־רעליגיעזע, אין אַ לאַנד וואו דער באַזיס פון סעפּאַראַטיזם איז דער רעליגיעזער פרינציפּ, — איז פּשוט אַן אַבסורד. צוליב דער אומדערוואַרטעטער אָפּאָזיציע, און וועלנדיק אויסמיידן די באַשולדיקונג, אַז מיר האָבן פאַרכאַפּט די קאָנפערענץ, האָבן מיר ביי יענער זיצונג באַשלאָסן די „אַרבעטער קאָנפערענץ פאַר יידישע שולן" אויפצולעזן און נישט צו נעמען קיין ווייטערדיקע אַקציע אין דעם נאָמען פון די אַרבעטער. אַזוי אַרום איז די רעזאָלוציע פון דער ערשטער אַרבעטער קאָנפערענץ געבליבן נאָר אויף פּאַפּיר.

די צווייטע אַרבעטער קאָנפערענץ

ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אַ „קאָמישאָן" פון דריי קאַטאָליקן, דריי פּראָטעסטאַנטן און דריי יידן אויסצופאָרשן גרינטלעך דעם יידישן סקול פּראָבלעם איידער מ'נעמט אָן אַן ענדגילטיקן געזעץ, האָבן ביידע יידישע שול קאָמיטעטן פאַרלאַנגט, אַז איינער אָדער צוויי פון די קאָמישיאָנערס זאָל זיין זייערער אַ מיטגליד. די רעגירונג האָט זיך באַראָטן מיט פּיטער בערקאָוויטש. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צוויי וועסטמאָנטער יידן, מייקל הירש און ס. וו. כהן (ער האָט שפּעטער געביטן זיין נאָמען אויף ליווינגסטאָן...), זאָלן נאָמינירט ווערן. אַנשטאָט אַ פאַרשטייער פון ועד העיר האָט די רעגירונג באַשטימט אַלדערמאַן יוסף שובערט אַלס דריטן קאָמישיאָנער. דאָס איז געווען אַ גרויסע באַליידיקונג, וועלכע האָט געצילט צו מאַכן אַ תל פון דעם פּרעסטיזש פון דעם ועד העיר צווישן די פאָלקס מאַסן. די באַשטימונג פון שובערטן, וועלכער האָט זיך אַלעמאָל געוואָקלט און שטענדיק געזוכט פּשרות, האָט קיינעם נישט צופרידנגעשטעלט.

די פּשרה מאַכער אין דעם ועד העיר זיינען אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז די מערהייט אין דעם ועד העיר זאָל ווידער באַטראַכטן די פראַגע און זאָל קומען צו די קאָמישיאָנערס מיט אַ נייעם קאָמפּראָמיס. מיר האָבן דערפאַר געוואָלט פאַרשטאַרקן אונדזער פּאָזיציע, מאַכן אַ סוף צו אַלע שלום פּלענער און צו האַלטן שובערטן פאַרפליכטעט צו דעם פאַרלאַנג פון סעפּאַראַטע שולן אונטער אַלע אומשטענדן.

דער ענין איז פיל מאָל דיסקוטירט געוואָרן ביי די מיטינגען פון די פועלי ציון. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַ נייע אַרבעטער קאָנפערענץ זאָל פאַררופן ווערן. חבר ל. מעלצער האָט זיך באַמיט, אַז די איינלאַדונגען זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן פון ברענטש 204 פון דעם אַרבעטער רינג. ל. צוקער איז דערוויל געוואָרן פאָרזיצער און ל. חפץ איז געווען דער סעקרעטאַר. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע, פאַר וועלכע אַלע פועלי ציון חברים זיינען, לויט אַ ספּעציעלן באַשלוס פון דעם פאַראיין, געווען פאַרפּליכטעט צו שטימען:

„מיר, די פאָרשטייער פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, פאַרזאַמלט דעם 5טן אויגוסט, 1924, דערקלערן זיך ווידער אַמאָל פאַר סעפּאַראַטע סקולס אונטער אַלע אומשטענדן. מיר זאָגן זיך אַרויס קעגן וועלכן ניט איז קאָמפּראָמיס, און דערקלערן, אַז וואָס עס זאָלן ניט זיין די באַשלוסן פון דער סקול קאָמישאָן אין דער סקול פראַגע, וועלן מיר זיך נישט האַלטן געבונדן פון זיי און וועלן פאָרזעצן אונזער קאַמף פאַר סעפּאַראַטע סקולס ביז דעם ענדגילטיקן דערפאָלג“.

באַלד ווי די רעזאָלוציע איז איבערגעליינט געוואָרן זיינען די „גענאָסן“ געווען גרייט זי אָנצונעמען. אָבער אונזערע חברים משה דיקשטיין און יבדל לחיים אַ. פרנס זיינען אַרויס שאַרף קעגן דער רעזאָלוציע. זיי האָבן נאָר געוואָלט, מ׳זאָל זיך האַלטן ביי דער רעזאָלוציע פון דער ערשטער אַרבעטער קאָנפערענץ. די „גענאָסן“ האָבן חרטה געהאַט און זיינען אויך אַרויס קעגן אונדז. דער רעזולטאַט איז געווען: 15 פאַר דער רעזאָלוציע און 16 קעגן. צווישן די וואָס האָבן געשטימט קעגן זיינען געווען די אויבן דערמאָנטע צוויי חברים און י. מדרש. זיינען מיר ווידער דורכגעפאַלן. דער אינצידענט האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע וואונד אין די הערצער פון חברים און ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז די קריגעריי איז פאַרגעסן געוואָרן.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס לואי בענדזאמין, מ. גאַרבער און אפילו ח. מ. קייזערמאַן האָבן אין זייערע אויפטריטן פאַר דעם „סקול קאָמישאָן“ נישט געפילט הינטער זיך די שטימע פון אַ פעסט פאַראייניקטער אַרבע־טערשאַפט. און שובערט איז געווען פריי צו מאַכן ווייטערדיקע פּלענער און זוכן נייע קאָמפּראָמיסן. איך האָב זיך כאָטש אָפּגעקילט דאָס האַרץ אין שאַרפן אַרויסטריט קעגן אים אין מיין אַרטיקל אין דעם פועלי ציון בולעטין „דער חבר“ פון נאָוועמבער 26, 1925.

דער צייט אָפּשניט פון 1925—1928

דער באַריכט פון די „סקול קאָמישאָן“ האָט געפירט צו דעם, אַז די פראַגע צי דאָס געזעץ פון 1903 איז קאָנסטיטוציאָנעל און צי יידן האָבן רעכט פאַר סעפּאַראַטע שולן, איז אַריבערגעגאַנגען צו די געריכטן. די לאַדענישן אין דעם העכסטן געריכט פון דער פראָווינץ קוועבעק, פון דעם העכסטן געריכט פון קאַנאַדע און פון דעם פריווי. קאָונסיל אין ענגלאַנד

זיינען געווען אַ גרויסע פינאַנציעלע לאַסט אויף דעם ועד העיר. די „ליגע פאַר אַ סעפּאַראַטן שול־פּאַנעל", וועלכע מיר האָבן געשאַפן, האָט צונויפ־געקליבן זייער ווייניק געלט.

אָבער די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען. ביי דעם סוף פון דעם דאָזיקן צייט אָפּשניט האָבן מיר דערגרייכט אונדזער טריאומף. דער פּריוו. קאָונסיל — דאָס העכסטע געריכט פון דער בריטישער איספּעריע, האָט אַרויסגעגעבן אַ רעכט אויף סעפּאַראַטע שולן.

אין דעם זעלבן צייט אָפּשניט האָבן מיר אויך געהאַט אַ גרויסע אַנטוי־שונג. אין די פּראָווינציעלע וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 16טן מאַי, 1927, איז לואי פיטש דורכגעפאַלן. ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדי־דאַטור קעגן פּיטער בערקאָוויטשן. פּיטש האָט קאַנדידירט אויף דער פּלאַט־פאָרמע פון סעפּאַראַטע שולן און איז נאָמינירט געוואָרן פון דער קאָנסער־וואַטיווער פּאַרטיי. פּיטש האָט געהאַט די שטיצע פון דעם „קענעדער אָדלער", און פאַר אים האָבן געשטימט אַלע נאַציאָנאַל געשטימטע יידן. אָבער פּיטער בערקאָוויטש האָט געהאַט די מאַשין פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי און ער איז דערוויילט געוואָרן. מיט זיין דערוויילונג איז געשטאַרקט געוואָרן זיין איינפלוס אין קוועבעק.

וואָס איז פאַר אונדז געווען נאָך ערגער, — פּיטש האָט נאָך יענעם פּאָליטישן דורכפאַל זיך צוריקגעצויגן פון דעם עפנטלעכן לעבן. זיין פּלאַץ אַלס פּאַרזיצער האָט איבערגענומען ח. מ. קייזערמאַן, אָבער ווען די יידן האָבן געשטימט קעגן פּיטשן און קעגן סעפּאַראַטע שולן, האָבן אייניקע פון אונדז שוין אָנגעהויבן האָבן ספקות וועגן די ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון אונ־דזער קאַמף.

מעז יצא מתוק, דאָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דער ערשטער טאָג שול אין מאָנטרעאָל — די טאָג שול פון די פאָלקס שולן, אַן אויפטו פאַר וועלכן שלמה וויסמאַן האָט געטאָן אַ פּיאָנערן אַרבעט. נאָר אַדאַנק זיין איניציאַטיווע און איינפלוס איז דער באַשלוס געמאַכט געוואָרן. אָבער דאָס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון אונדזער איצטיקער אַרבעט.

דער טרויעריקער סך הכל

נאָך דער באַשטעטיקונג פון אונדזערע רעכט צו האָבן סעפּאַראַטע שולן דורך דעם העכסטן געריכט פון דער בריטישע אימפּעריע (פעברואַר 1928) איז דאַכט זיך ווידער אַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז דער איינציקער וועג ווי אַזוי יידן אין דער פּראָווינץ קוועבעק קענען האָבן פולע גלייכבאַרעכטיקונג בנוגע שולן איז אַן אייגענער, באַזונדערער קאָנסטיטוציאָנעל גאַראַנטירטער שול סיסטעם. אָבער די וועסטמאָנטער יידן האָבן זייער שטעלונג נישט געביטן. זיי האָבן נאָר אויסגענוצט אונזערע רעכט פאַר סעפּאַראַטע שולן צו דריקן אויף די פּראָטעסטאַנטן, אַז זיי זאָלן מיט זיי ווי ס'איז דורכקומען. דער הויפּט שתדלן איז געווען מייקל הירש. אָבער די פּראָטעסטאַנטן האָבן

זיך נישט געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ, ווייל דאָס העכסטע געריכט האָט אויך געפּסקנט, אַז דאָס געזעץ פון יאָר 1903 איז נישט קאָנסטיטוציאָנעל.

זיינען יידן אָנגעגאַנגען מיט מאַכן פּלענער. פּיטער בערקאָוויטש און יוסף כהן, די יידישע מיטגלידער פון דעם פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט האָבן דאַן באַשלאָסן אַריינצוטראָגן אַ געזעץ פּראָיעקט לויט וועלכן יידן זאָלן זיין פאַרטראָטן אין דעם „קאָונסיל אָף פּאַבליק אינסטראַקשאָן". די פּראָטעס־טאַנטן זיינען געווען די ערשטע צו פּראָטעסטירן קעגן דעם ביי אַ ספּע־ציעלער זיצונג פון זייער באַאָרד אין יאַנואַר 1929. בערקאָוויטש האָט נאָך דעם פייערלעך דערקלערט, אַז אויב יידן וועלן נישט זיצן אין „קאָונסיל אָף פּאַבליק אינסטראַקשאָן" וועט ער אויך פאָדערן סעפּאַראַטע שולן. ענדלעך האָבן די יידישע דעפּוטאַטן אַריינגעטראָגן זייער געזעץ פּראָיעקט צו געבן יידן פאַרטרעטערשאַפט אין דעם „קאָונסיל אָף פּאַבליק אינסטראַקשאָן", און אַז אַ יידישע סקול קאָמיסיע זאָל באַשטימט ווערן, וועלכע זאָל קענען אָרגאַניזירן סעפּאַראַטע שולן אָדער קומען צו אַן אָפּמאַך מיט די פּראָטעס־טאַנטן אָדער קאַטאָליקן, אַז זיי זאָלן לערנען מיט זייערע קינדער.

דער סעפּאַראַטע שולן קאָמיטעט האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן קעגן די קאָמפּראָמיס פּלענער. און אין יאַנואַר 1930 איז אונדזער דעלעגאַציע ווידער אַמאָל געפאָרן קיין קוועבעק. זי האָט דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום — אונזער „שוואַנען ליד". איך האָב נאָך ביי זיך דעם ערשטן טעקסט פון יענעם מעמאָראַנדום, וועלכן איך האָב דיקטירט, און לייאָן כהן, וועלכער איז בעצם געווען קעגן סעפּאַראַטע שולן, האָט אויסגעבעסערט. די דעלע־גאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן פון ה. מ. קייזערמאַן. מיט דער אויסנאַם פון הרב כהן און די אַדוואָקאַטן מ. גארבער, לעאָן קרעסטאַל און גאָלדענבערג זיינען אַלע אַנדערע מיטגלידער געווען אונדזערע מענטשן: ישראל ראַבי־נאָוויטש, שלמה ווייסמאַן, יעקב זיפער, י. מ. באַבראָוו, שרה קייזערמאַן און דער פאַרשטאָרבענער זעליק וואָלאָפּסקי. לויט ראַבינאָוויטשעס באַריכט אין „קענעדער אָדלער" האָט פּרעמיער טאַשעראָו געזאָגט, אַז „יידן מוזן שאַפן אַ פּאַראייניקטן קאָמיטעט וועמענס באַשלוס זאָל זיין בינדנדיק פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און דעמאָלט וועלן מיר קענען קומען צו אַ באַשלוס, ווי אַזוי די יידישע שול פראַגע זאָל געלייזט ווערן".

אָבער אַזאַ פאַראייניקטער קאָמיטעט איז געווען אַן אוממעגלעכקייט. איז די רעגירונג אָנגעגאַנגען מיט אירע פאַרהאַנדלונגען פון דעם געזעץ פּראָיעקט. ווען די פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער קירך האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן יידישער פאַרטרעטערשאַפט אין די „קאָונסיל אָף פּאַבליק אינסטראַקשאָן", איז דער דאָזיקער פּונקט צוריקגעצויגן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט בערקאָוויטש נישט צוריקגעצויגן זיין געזעץ פּראָיעקט און פאַרלאַנגט אַנשטאָט אַ יידישער סקול קאָמיסיע — סעפּאַראַטע שולן.

ווען דער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, איז באַשטימט געוואָרן די

יידישע „סקול באָארד״. איר פּאָרזיצער איז געווען סעמיועל וו. ליווינגסטאָן, דער זעלבער ייד וואָס האָט זיך געשעמט געריפן צו ווערן סעמויעל וו. כהן. צווישן די אַנדערע זעקס מיטגלידער איז געווען איינער וועלכער האָט כלומרשט פאַרטראָטן „די איסט־סייד״ — ד״ר מאַקס ווייסמאַן און מ. גאַרבער, וועלכער האָט געזאָלט פאַרטרעטן דעם סעפּאַראַטן שולן קאָמיטעט. אַלע אונדזערע מיטגלידער זיינען געווען וועסטמאַונטער.

די יידישע „סקול באָארד״ האָט פאַרהאַנדלט מיט די פּראָטעסטאַנטן און שנעל געשלאָסן אַ אָפּמאַך מיט זיי: די יידישע קינדער זיינען פאַר־בליבן אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן. אין דעם נייעם אָפּמאַך ווערט קיין זאַך נישט דערמאָנט וועגן יידישע רעכט, ווייל פאַר דעם איז דאָך געשאַפן געוואָרן די יידישע „סקול באָארד״. די פּראָטעסטאַנטן האָבן צוגעזאָגט נישט צו באַשטראָפן יידישע קינדער פאַר נישט קומען לערנען אין יידישע ימים טובים. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט צו באַפרייען יידישע קינדער פון רעליגיעזע לימודים, אויב די עלטערן וועלן עס פאַרלאַנגען. מ׳וועט נישט אָפּטיילן יידישע קינדער אין באַזונדערע קלאַסן אין מ׳האָט אפילו צוגעזאָגט אָנצו־שטעלן מער יידישע לערער.

די פּראָטעסטאַנטן האָבן אָבער בפירוש אויסגענומען, אַז די אַלע צוזאָגן זאָלן נישט אויסגעטייטשט ווערן אויף אַן אופן, וואָס זאָל באַאיינ־פלוסן דאָס רעכט, די אויטאָריטעט, די פליכטן און די מאַכט פון די פּראָ־טעסטאַנטישע „סקול באָארדס״. דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אויף 15 יאָר און וועט אויטאָמאַטיש באַנייט ווערן אויף ווייטערדיקע פעריאָדן פון 15 יאָר, סיידן איינער פון די צדדים וועט געבן אַ שריפטלעכע דער־קלערונג וועגן נישט באַנייאונג מיט צוויי יאָר פאַראויס.

אַלע פּראָטעסטן קעגן דעם אָפּמאַך האָבן נישט געהאָלפן, און די רעגי־רונג האָט דעם אָפּמאַך גוטגעהייסן. דערווייל האָט די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי געמאַכט אַן אישו פון דער „יידישער סקול באָארד״. האָט זיך די ליבעראַלע רעגירונג דערשראָקן און האָט, נוצנדיק אַלס תירוץ, אַז די יידישע סקול באָארד איז שוין מער נישט נויטיק, אָפּגעשאַפן דעם יידישן סקול געזעץ צוזאַמען מיט דער יידישער סקול באָארד.

דער פּועל יוצא פון דעם גאַנצן טומל און פון אַלע קאַמפן איז, אַז יידן האָבן איצט פיל ווייניקער רעכט ווי זיי האָבן געהאַט לויט דעם געזעץ פון 1903. פּאַקטיש האָבן זיי איצט גאָר קיין רעכט נישט בנוגע שולן. די פּאָליטישע אינטערעסן פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי זיינען אין 1931 געווען וויכטיקער ווי די אינטערעסן פון די יידן. און די אַלע פּשרה מאַכערס צוליב דעם הייליקן אידעאַל פון אינטעגראַציע זיינען אָפּגענאַרט געוואָרן אויף אַ מיאוסן אופן. נישט נאָר מיר האָבן פאַרלאָרן, — אויך אונדזערע קעגנער האָבער פאַרלאָרן.

ווי לאַנג וועט די יידישע רעכטלאָזיקייט בנוגע דערציאונג אָנהאַלטן? אויף דעם קען נאָר די צייט געבן אַן ענטפער.

בלעטלעך פון אַ לערערס טאָג־בוך

(דריי פאַרצייכענונגען)

פון יעקב זיפּער

א. כ׳וואָלט זיך געדאַרפט פרייען, נאָר —

לעצטנס מערן זיך די קאַטעדרעס פאַר יידיש־פאַרשונג אין אַנגעזעענע אוניווערזיטעטן אין לאַנד. עס הייבן זיך אָן באַווייזן מעצענאַטן וועמען יידיש איז אייגן און טייער. גיט עס צו חשיבות צו יידיש און צום יידישן קולטור שאַפן. פרייט מען זיך אין דער יידיש־סביבה. שרייבט מען דערפון אין דער יידישער פרעסע. גיט מען פאַרדינטן לויב צו די וואָס דערמעגלעכן עס.

אינעם גרויסן טרויער אַרום יידיש און פיינלעכן האַלטן אין איין טאַפּן דעם דופק, איז עס אַ שטיקל טרייסט פאַר די שאַפער אין יידיש און אַ שטאַרקונג פאַרן יידישן לערער און קולטור־טוער. איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז עפּעס קען איך זיך נישט מיטפרייען. כ׳פאַרשטיי זייער גוט דעם ווערט פון דער חשיבות וואָס יידיש און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידיש, קריגט דורך אַ קאַטעדרע אין קאָלאָמביע צי בראַנדייס; וואָס איך קען אָבער ניט פאַרשטיין איז: פאַרוואָס פאָלקסטימלעכע יידן, וואָס זיינען יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן יידישן שול־וועזן און ווילן מן־הסתם דורכן שול־וועזן נישט נאָר פאַרשן יידיש, נאָר לעבן אין יידיש, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט פאַרשטיין, אַז אויב זיי קענען שוין העלפן ברענגען חשיבות צו יידיש, איז דאָס וויכטיקסטע אָרט די יידישע שול.

איין קלייניקייט: פּרוואווט קריגן כאָטש איין גוטן פילם אין יידיש צו ווייזן אונדזערע קינדער. מיר ווייזן זייער אַ סך בילדער אין אונדזערע שולן, אָבער דאָס יידישע וואָרט, דער עכטער יידישער קינסטלער איז דאָרט נישטאָ. ווען למשל די וועלט פון שלום עליכם, פרץ און לייוויק, די גאַנצע גאַמע פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט זאָל פאַר זיי געבראַכט ווערן אויף אַן אמת קינסטלערישן אופן, וויפיל דערציערישקייט און עכטע יידישע חשיבות וואָלט דאָס אונדז געבראַכט?

וואו זשע נעמט מען אַן אמת פאָלקסטימלעכן ייד וואָס זאָל פאַרשטיין וואו די אמתע חשיבות ליגט?

און נאָר דאָס פעלט אונדז? זאָל איך אָנהויבן אויסרעכענען וואָס עס פעלט אונדז אַלץ? וואָס האָבן מיר דען צו געבן דעם יידישן קינד אַ חוץ דעם טעקסט־בוך? מיר האַלטן דאָך ערשט ביים אָנהייב פון האָבן אַ לייטיש פאָלקסליד קינסטלעריש געזונגען, און דאָס — איינמיטן אַזאַ וואונדערלעכן אוצר.

ווי זשע קען איך זיך פרייען מיטן ביסל חשיבות וואָס מיר קריגן פון אויבן ערגעץ, אַז עס קומט מיר אויס, אַז די וואוילע יידן וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו טאָן פאַר יידיש, זוכן אויך צו געבן עס ווי מ׳פלעגט ביי אונדז זאָגן: „געבן אויף עולמות", און האָבן נאָך אַלץ נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דעם וואָס קען אונדז באמת איינשאַפן אַן עולם.

איך שעם זיך עס צו זאָגן און האָב מורא עס נישט צו זאָגן: האָבן טאַקע די יידן געהאַט אַזעלכע שלעכטע רבים, וואָס זיי קענען נישט דערפילן בחוש וואו עס ליגט עכט שעפערישע חשיבות, אָן וועלכער מיר טריקענען און גייען אויס? עפּעס קומט עס אויס, ווי אפילו די בעסטע אונדזערע, גרייטן אַליין צו דעם אויסרייד אויף יאָרן שפּעטער: זעט נאָר ווי מיר האָבן גאָרנישט נישט דערגרייכט, אין דער צייט וואָס מ׳קען און מ׳מוז צוגרייטן דאָס קענען דערגרייכן.

ב. קעגנער און בעלי־טענה

אַמאָל, ווען די מאָדערנע יידישע שול איז נאָך געווען אין די וויקעלעך און נאָך געהאַלטן אין פּאָקן און מאָזלען, האָט זי געהאַט זייער אַ סך שונאים און פאַרשטייט זיך אַ סך איבערגעגעבענע פריינד. די שונאים האָבן זיך געטיילט אין פּרינציפּיעלע קעגנער וועלכע האָבן זי באַקעמפט פאַר אירע פרייהייטלעכע פּרינציפּן, פאַר איר יידיש, וועלטלעכקייט און סאָציאַליזם. אַנדערע, פאַר איר ציוניסטישן איינשטעל אָדער פאַר צופיל אַקצענטירן פאָלקישקייט, מאָדערנע שאַפונגען, פרייען אָפּקליינב פון דער טראַדיציע. גאָר אַנדערע, זיינען אַוועק באַשולדיקן די נייע שול אין וועלן אָפּרייסן די יוגנט פון דורותדיקן גאַנג, אָדער גאָר, ווי משונה עס זאָל נישט אויסזען, פאַרן אַנטקעגנשטעלן זיך דער פולשטענדיקער אינטעגראַציע מיטן היגן לעבן.

מיט די אַלע האָט מען געקענט און געפירט אַ פּרינציפּיעלע דיסקוסיע. הלוואי אויף היינט געזאָגט געוואָרן. פון די דיסקוסיעס האָט די שול בלויז געוואונען, ווייל די קאָנסטרוקטיווע קריטיק צוזאַמען מיט די באַמערקטע ענדערונגען אין יידישן לעבן, האָבן געפירט צו נויטיקע ענדערונגען און קלאָר געמאַכט די פאַקטן אַרום די שולן. די אידייאישע באַזע פון דער שול איז קלאָר געוואָרן. דאָס סאַמע פּאָזיטיווע האָט גענומען די אויבערהאַנט און פעסטגעשטעלט דעם ווייטערדיקן ציל צו דערציען דאָס יידישע קינד ווי אַ קינד פון אַ פאָלק וואָס שטייט פאַרן פּראָבלעם ווי צו דערהאַלטן זיך אין די באַדינגונגען אין וועלכע אים קומט אויס צו לעבן. אַז צו דעם איז נויטיק צו באַנוצן זיך מיט אַלע אָנגעזאַמעלטע אוצרות פון פאָלק און זיין טראַדיציע אויף אַ שעפערישן אופן, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך.

לעצטנס אָבער דיסקוטירט מען נישט, נאָר מ׳קומט מיט טענות. מ׳נעמט נישט אין אַכט די פאַקטישע לאַגע, נאָר מ׳שטעלט אַרויס טענות. די שווערע מערכה פון יידיש בכלל און די גרויסע אַנטוישונג אין אידעאַלן בפרט, פירן

אַ גרויסן טייל פון די בעלי טענה אויפן וועג פון פרעגן אַזוי ווי יענער אין דער הגדה: מה העבודה הזאת לכם? אַז ס׳איז דאָך סיי ווי סיי אַרויסגעוואָרפן. מ׳האָט דען דערגרייכט? מ׳קען דען דערגרייכן? בקיצור, אָפּגעזאָגט דאָס לעבן פון פריער, פון איצט און אויף שפּעטער.

איז טענות האָבן אַן און פאַר זיך אַ געזונטע זאַך, און עס איז נויטיק זיך דורכצושמועסן און געפינען אַן ענטפער וואָס זאָל פירן צו גרעסערע מעשים. ווען זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן? אַז מ׳זאָגט דיר נישט אָפּ דאָס לעבן בכלל און דעם ווערט צום לעבן בפרט. דער איינדרוק איז צום באַדויערן, אַז אפילו די בעלי־טענה פון די אַזוי גערופענע אייגענע קומען מיט טענות נאָר כדי צו באַשטעטיקן פאַר זיך אַליין, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט אַ בר־מינן רחמנא ליצלן, און אַנדערע צעלאָזן זיך אפילו מיט אַ בראַוואַדאַ, ווי עמיצער וואָלט עס געהאַט אונטערגעשריבן אַ פאַלשן וועקסל, מ׳זאָל באַהיט ווערן.

אונטער אַזאַ איינדרוק לייגט זיך נישט די האַנט אויפצוזוכן דעם ספר הזכרונות און אַריינקוקן, און ס׳עפנט זיך נישט דאָס מויל אָנצוהייבן אַ דיסקוסיע. גיי שריי חי וקיים און לייקן אָפּ, אַז דו האָסט גאָרנישט קיין שוועסטער וואָס האָט געקענט אַנטלויפן מיט אַ קאָזאַק.

עס וועט אָבער נישט העלפן, מ׳וועט מוזן זיך נעמען צו דעם. צום ערשטן אָבער דאַרף מען אָנהייבן אויפנעמען די פּאַקטישע לאַגע און דערזען די הויפּט פאַקטן קלאָר און בולט. פון דעם אַליין וועט דאַכט מיר קלאָר ווערן, אַז וויפל יובילייאומס די שול זאָל שוין נישט האָבן געפּייערט, איז זי נאָך אין אַ סך זאַכן ביים סאַמע אָנהייב און האָט גאָר נישט געהאַט די מעגלעכקייטן צו דערגרייכן דאָס וואָס די בעלי־טענה ווילן אַז זי זאָל שוין האָבן דערגרייכט. מסכים, אַז זי דאַרף עס דערגרייכן, דאַרף מען איר צוערשט געבן אַ מעגלעכקייט עס צו טאָן און נישט גלייך אָפּזאָגן דאָס לעבן.

לאָמיר זען: די יידישע שול איז אין איר רוב אַלעמאָל געווען און איז נאָך אַלץ נאָר אַן עלעמענטאַר שולע. אויף וועלכער עלעמענטאַר שולע אין דער וועלט לייגט מען עס אַרויף צוצושטעלן אַן אינטעליגענץ פאַר אַ פאָלק? די צייט וואָס די דאָזיקע עלעמענטאַר שולע האָט די קינדער אין איר רשות איז אַ מאַקסימום פון דריי־פיר יאָר פון אַן איינגעשטעלטער נאָרמאַלער עלעמענטאַר שולע אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. די צייט אין וועלכער די שול פונקציאָנירט דאַרף באַזונדערס גענומען ווערן אין אַכט, — נאָך אַ טאָג אַרבעט פון קינד אין אַן אַנדער שולע. די לאָקאַלן אויך מערסטנס נישט פּאַסיקע. ווי לאַנג איז דען, אַז די שולן געפינען זיך אין לייטישע געביידעס? און כמעט אָן געהעריקע פּעדאַגאָגישע הילפס מיטלען. מ׳מעג און מ׳דאַרף אויך האָבן אינזינען דאָס כסדרדיקע דחקות, וואָס דערדריקט דאָס געמיט פון לערער און טוער און לאָזט כמעט נישט זאָרגן פאַרן סאַמע עיקר. פון דעם ליידט אויך אפילו די טאָג־שולע ביזן היינטיקן טאָג.

דערצייל איך עס נישט כדי צו דיסקוטירן אָדער צו פאַרענטפערן, נאָר כדי צו זען די פּאַקטישע לאַגע. האָט טאַקע ווער עס איז געמיינט ערלעך, די בעלי־טענה אַריינגערעכנט, אַז אויף די שוואַכע פּלייצעס האָט מען עס געלייגט די אויפגאַבע אויפצושטעלן די סוכת דוד הנופלת? אויב טאַקע יאָ, איז עס נאָך טראַגישער ווי ס'איז. עס ווערט אפילו נישט גרינגער אויף אַ האָר, ווען עמיצער וועט קומען צו גיין און זאָגן, אַז אונטער די באַדינגונגען האָט די עלעמענטאַר שולע אונדז געגעבן מער וויפיל זי איז בכוח געווען צו געבן. אַז דאָס איז נישט שווער צו באַווייזן דאַרפט איר בלויז אַ קוק טאָן צווישן דער נייער עלטערנשאַפט אין די שולן און אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער קיבוצים אין ארץ ישראל. איז היוצא לנו מדברינו: טאָר מען נישט קומען מיט טענות? חלילה! מ'מעג און מ'דאַרף קומען מיט טענות און פאַרלאַנגען צו פּלאַנירן מיט אַ פּאַרנעם, מיט שוואונג, ווי עס פאָדערט די צייט און אונדזער נויט, אָבער נישט אויפשטעלן אַ הינעריש געצעלטל און פאַר־לאַנגען באַקוועמלעכקייט פון אַ פּאַלאַץ. נישט די שול אידייע האָט חלילה באַנקראָטירט אָדער ווען עס איז אָפּגענאַרט, נאָר זי האָט זיך נאָך ווי געהעריק נישט צעוויקלט. זי האָט נאָך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן איר אַרבעט בשלמות מיט דעם פאַרנעם וואָס איז נויטיק. נאָר נאָכ'ן פעסט־שטעלן די פאַקטן מיטן ווילן זיי צו ענדערן, זיי אויסלייגן אויף אונדזערע הענט, וועט מען קענען צוטרעטן צו דער אמתער דיסקוסיע וועגן תוך. אויף דער דיסקוסיע וואַרטן נישט נאָר מיר, נאָר די אַלע נייע עלטערן וואָס קומען צו אונדז און ווילן בפירוש אַ נישט דאָגמאַטישע דערציאונג פאַר זייערע קינדער און אַ ציל פון אמתער נאַציאָנאַלער און אינדיווידועלער שעפערישקייט.

ג. דער עלטערער לערער אין אונדזער שול

דאָס פּראָבלעם פונעם עלטערן לערער אין אונדזער שול־וועזן, ווערט שאַרפער פון יאָר צו יאָר און טאָר מער נית פאַרשוויגן ווערן. אונדזער לערערשאַפט, באַזונדערס די וואָס האָבן די שולן געבויט און אויסגעטראָגן, ווערן עלטער און שטייען שוין אַריבער דער שוועל פון זיקנה. קומען דערמיט אויף אַ גאַנצע רייע פּראָבלעמען. דאָס הויפּט פּראָבלעם איז נאַטירלעך: ווער וועט זיי פאַרטרעטן אַט־אַ באַלד? האָבן מיר דען צוגעגרייט די העכערע אַנשטאַלטן וועלכע קענען אונדז געבן לערער פון זייער גלייכן, לכל הפחות אין ווויסן? צווייטנס, די יונגע לערער וואָס קומען אָן אין די שולן, דאַרפן הדרכה, — ווער זאָל דאָס געבן, אויב נישט דער עלטערער לערער אויף וועמען די שול האָט זיך געהאַלטן ביז איצט? מיינט עס, אַז מ'דאַרף באַפרייען אַ טייל פון זיי פון דער טאָג־טעגלעכער רוטין כדי זיי זאָלן זיך קענען אָפּגעבן מיט דער נויטיקער הדרכה וואָס נאָר זיי קענען טאָן. עס הייסט, אַז מ'דאַרף פּשוט פּרעזערווירן די כוחות און זיי ראַציאָנעל

באַנוצן. אַזוי איז ביי ליטנס. קענען מיר זיך פאַרגינען זיין ווי ביי ליטנס און אָפּהיטן די געציילטע כוחות וואָס מיר האָבן נאָך? און נאָך שאַרפער ווערט דער ענין ווען דער עלטערער לערער טוט זיך אַ קוק אַרום און פּרוואווט מאַכן אַ חשבון. נאָך יאָרן אַרבעט אין אונדזערס אַ דערציאונגס אַנשטאַלט, און אין אַ סך פאַלן אויך אַנהאַלטנדיק אַ פירערישע פּאָזיציע, איז ער אין דער אמתן אין גאַנצן ווי אַן אַ באַדן אונטער די פיס. די זיכערקייט פון האָבן געבויט אַן אינסטיטוציע און זיין אַ טייל פון איר, ווערט צעטרייסלט פון דעם פשוטן פאַקט, אַז כאָטש ער איז אַלעמאָל געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אינסטיטוציע און איר געגעבן דאָס בעסטע פון זיך, איז די אינסטיטוציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים אין די יאָרן ווען קראַנקהייט באַפאַלט אָפּטער, און דער עיקר: די אינסטיטוציע האָט נישט קיין שום פאָנדן צו פאַרזיכערן אים מיט וועלכן עס איז איינקונפט ווען ער וועט מוזן אויפהערן אַרבעטן. עס ווערט באמת קאַלעמוטנע אויף דער נשמה נאָך מער דערפון, וואָס מ׳קען אפילו נישט קומען צו דער אינסטיטוציע מיט קיין טענה. עס הייסט, קענען קען מען טאָקע, אָבער מ׳ווייסט דאָך אַליין, אַז על פי רוב איז דווקא דאָ דער גוטער ווילן אַנטקעגנצוקומען אַן עלטערן לערער, באַזונדערס אין צייט פון קראַנקהייט, אָבער אַז קיין מיטלען זיינען נישט גרייט דערפאַר, ליידט דאָך דער בודזשעט פון שול, און ווי פילט זיך דער לערער דערביי?... מוטשעט זיך יעדער איינער ווי מ׳קען, און דער לערער פאַרבייסט די ליפּן אין צער און אין פּיין, וואָס מ׳קען אפילו הויך נישט אַרויסברענגען.

בפרט נאָך אַז עס טרעפט, ווי עס זאָל נישט טרעפן, אַז אַ פאַרוואַלטונג האָט אפילו נישט קיין פאַרשטענדעניש דערפאַר און זעט נאָר די אייגענע אָרעמקייט. דינט פולשטענדיק דער תירוץ: מיר האָבן נישט קיין פאָנדן, אפילו דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ „וועלפייער״, און די הילפלאָזיקייט ווערט איינגאַנצן דעם לערערס. אונדז איז באַקאַנט לכל הפחות איין פאַל אַזאַ אין איינער פון די יידישע שולן אין קאַנאַדע, וואָס בלויז צוליב אייגענער סענסיטיווקייט פונעם לערער איז עס נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשריי בפני קהל ועדה.

אוודאי איז נישט שווער צו פאַרענטפערן די אינסטיטוציע און אירע פירער. „אין לי״ איז אַ טענה הנשמעת כמעט משׁשׁת ימי הציוויליזאַציע. דאָס מאַכט אָבער נישט גרינגער די לאַגע. די הילפלאָזיקייט רופט זיך אָפּ אויפן געמיט, אויף דער אַרבעט נישט נאָר פון עלטערן לערער נאָר אויך אויפן יונגן וואָס קומט ערשט אַריין אין דער פּראָפעסיע און וועלכן מיר ווילן צוהאַלטן מיט אַלע מעגלעכקייטן. אין אַ סך פאַלן איז דער יונגער לערער אויך אַ געוועזענער תלמיד פון דעם עלטערן לערער. „גיי געפין גענוג גייסטיקן כוח אין זיך צו עצהן דעם יונגן לערער צו בלייבן ביים

פאַך״ — קלאָגט דער עלטערער לערער במסתרים, און ווערט פאַרביטערטער און באַצערטער פון טאָג צו טאָג.

די דאָזיקע אומזיכערקייט לייגט זיך אויך זייער שווער אויפן געמיט פון די נייע עלטערן און טוער, ווען זיי דערוויסן זיך דערפון. זיי זיינען נישט געוואוינט צו דעם, ווי עס איז געוואוינט געווען צו דעם דער פריער־דיקער דור. זיי קענען עס גאָרנישט באַנעמען, ווי אַזוי אַ שול־וועזן וואָס עס עקזיסטירט קרוב צו אַ האַלבן יאָרהונדערט זאָל צוזאַמען מיט זיינע בויער שטיין אין דער לופטן.

ס׳איז באמת זייער שווער אויפצוקלערן ווי איז עס מעגלעך, אז אַן אינסטיטוציע וואָס צילט צו דער צוקונפט און וויל צוגרייטן אַ דור וועלכער זאָל שאַפעריש מיטלעבן מיט צייט און צייטן, שטעלט אויף אַ בנין וואו די לערער, אָן וועלכע די אינסטיטוציע קען נישט געמאָלט זיין, זאָלן נישט האָבן די מינדסטע זיכערקייט אויף מאָרגן.

אוודאי קען מען עס פאַרליטעראַרישן און אין בעסטן פאַל דערהייבן צו אַ סימבאָל: אָט זעט איר דאָך ווי מיר האָבן אַזוי געבויט אַ יש מאין און ס׳וועט מוזן זיין יש. מ׳דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז דאָס איז איינע פון די סיבות וואָס מיר האָבן אַ סך גוטע לערער נישט געקענט לאַנג האַלטן ביי אונדז און וואָס אַזוי ווייניק קומען צו. די שולן וואַקסן און וועלן וואַקסן. דער יונגער דור דאַרף אונדז און קומט צו אונדז, אָבער דעם גוטן לערער איז דאָך מיט ליכט צו זוכן.

כ׳וויל קיינעם נישט סטראַשען און איבערשרעקן, נאָר פאַר מיר איז קלאָר, אַז אויב ס׳וועט נישט קומען קיין ענדערונג אין דעם צום בעסערן, און טאַקע שוין, וועט נישט העלפן דאָס זוכן מיט ליכט, און די שולן וועלן איינגעשרומפן ווערן פון אינעווייניק.

די יאָרן, ווען די ערשטע בויער וואָס האָבן געפּאַקט און געמאָזלט מיט די שולן אָן צו חשבונען אויפן מאָרגן — מ׳האָט דאָך עפּעס געגלייבט, אַז אָט שוין וועט מען דערלעבן משיחן — זיינען שוין ווייט הינטער אונדז. היינט מוז מען שוין קענען ווייזן דעם יונגען לערער און די עלטערן וואָס פאַרטרויען זייער קינד צום לערער, אַז די שולע זיינע שטייט נישט אין דער לופטן, נאָר פּלאַנירט היינט פאַר דער זיכערקייט פון מאָרגן.

הלשון העברית — יעודה הדתי והלאומי

מאת

ד״ר שמואל מ. בלומנפילד

מוקדש למחנך הגדול שלמה וויסמן
האומר ועושה.

התחיה הלאומית היהודית במאה הי״ט העמידה בראש שאיפותיה ומגמותיה את החיאת הלשון העברית, וסופרים, חוקרים ועסקנים צבוריים קידשו מלחמה עזה למען אידיאל זה. במשך זמן קצר, באופן יחסי, גדל מחנה הנוהים אחרי התנועה של תחית הלשון העברית בעולם היהודי באירופה, ואחר כך גם באמריקה.

תנועה זו דומה היתה מכמה בחינות לתנועות הלאומיות שקמו בעקבות המהפכה הצרפתית, אשר נוסף על השאיפה לשחרור מדיני ביקשו להחיות את הלשון והתרבות של העם; אלא שהתנועה להחיאת העברית נבדלה מתנועות אחרות בזה שלא נתנה דעתה על הלשון העממית השלטת — אידיש — ובקשה להחיות לשון שחדלה להיות מדוברת בפי העם זה כאלפיים שנה.

מחוללי התנועה ושוחריה ראו את הלשון העברית לא כאמצעי ביטוי ויצירה גרידא, אלא כתכלית בפני עצמה, כדברי ח. נ. ביאליק: „הלשון אינה אמצעי לקנין ידיעות של היהדות והעבר, אלא היא בעצמה גם התכלית. היא צריכה לשמש לנו תריס בפני ההתפרדות ובפני הקרע הפנימי. היא באה לברוא לב אחד לכל חלקי האומה ולהביא גאולה לנפשנו״ [1].

ראשיתה של התנועה בתקופה ההשכלה של המאה הי״ח, אך שרשיה נעוצים בימי הביניים ולפניהם.

תפיסה זו על ייחודה של הלשון העברית אין לה כמעט זכר במקרא. התואר „עברית״ מופיע לראשונה בספרות שלאחרי המקרא. במשך דורות זוהתה הלשון העברית במונח „יהודית״ (ישעיהו ל״ו, י״א; מלאכים ב׳, י״ח, כ״ו). אך מונח זה אינו בא להבליט ערך רוחני חיובי מיוחד הנודע ללשון כשלעצמה. כל עוד היתה הלשון חיה בפי דובריה, לא נתנה, כנראה, מקום להרגשת תעודתה או להכרת ייחודה.

בתקופה שאחר ימי המקרא, כשהלשון העברית שוב לא היתה לשון מדוברת, מופיע המונח „לשון הקודש״, ששיווה ללשון תכונה עילאית מיוחדת. בספרות התלמודים אנו מוצאים, בו בזמן, שערכן וסגולותיהן של לשונות לועזיות היו שנויים במחלוקת. ניתן לומר, בדרך כלל, שהספרות התלמודית מעידה על המאבק בין הדבקים בלשון העברית לבין המְצַדדים בשימוש

בלשונות זרות. ההתדיינות המבצבצת ועולה מתוך מאבק זה, נמשכה עד ימינו אלה והופיעה בכינויה החדיש, „ריב הלשונות". נביא אי־אלו דוגמאות מן הספרות התלמודית והרבנית על חילוקי דעות אלה.

„ולמדתם אתם את בניכם לדבר בם" — מכאן אמרו: „כשהתינוק מתחיל לדבר, אביו מדבר עמו לשון־הקודש, ומלמדו תורה. ואם אין מדבר עמו לשון־הקודש ואינו מלמדו תורה, ראוי לו כאילו קוברו". ישראל נגאלו ממצרים בשביל שלא שנו שמם... ושלא שנו לשונם, שהיו מדברים בלשון־הקודש". אמרו בשם ר' סימון: „כשם שנתנה תורה בלשון הקודש, כך נברא העולם בלשון הקודש" [2].

לעומת אמרות אלו המדגישות את ייחודה וקדושתה שה הלשון העברית, מצויות אמרות אחרות המכירות גם בערכן וסגולותיהן של לשונות זרות.

„שמע בכל לשון שאתה שומע". „ויאמר ה' מסיני בא" — כשנגלה הקדוש־ברוך־הוא ליתן תורה לישראל לא בלשון אחד נגלה, אלא בארבעה לשונות: „ויאמר ה' מסיני בא" — זה לשון עברי, וזרח משעיר למו" — זה לשון רומי, „הופיע מהר פארן" — זה לשון ערבי, ו„אתא מרבבות קודש" — זה לשון ארמי. „אמר רב יהודה אמר רב: אדם הראשון בלשון ארמי ספר". „אמר ר' יונתן של בית־גברין: ארבעה לשונות נאים שישתמש בהם העולם, ואלו הם: לעז לזמר, רומי לקרב, סורסי לאליה, עברי לדבור; ויש אומרים: אף אשורי לכתב" [3].

חלוקי דעות בדבר ערכן של לשונות זרות נתגלעו בקשר לתרגום המקרא ללועזית. בעוד שיש המדברים בשבח תרגום המקרא ליונית מטעם הכנסת „יפיפיותו של יפת באהלי שם", היו שראו את תרגום המקרא ליונית כאסון, והצהירו: „והיה היום (של התרגום) קשה לישראל כיום שנעשה העגל" [4].

המציאות בגולה עשתה את השמוש בלועזית לבלתי נמנע, אך הדבקים בלשון העברית לא השלימו עם כורח חיים זה והביעו את התנגדותם ללועזית.

רישומו של הויכוח בענין הלועזית ניכר גם בדבריהם של גדולי התקופה הספרדית; אבן גבירול שר:

„דע יתרון לשון עברית אשר היא מלשון כל עם ועם יותרת...
חזקו ואל תרפו ידיכם לעזוב, כי לא נקלה היא, אבל נוקרת" [5].

משה אבן־עזרא כתב: „אבותינו הקדמונים ראויים לנזיפה על שהתרשלו לשמר את לשונם העברית ולא הקפידו להחזיק בה" [6]. ר' יהודה הלוי אמר: „והיא בעצמה (עברית) החשובה שבלשונות מקבלה וסברא" [7].

תפיסה זו של הלשון העברית כבעלת סגולה רוחנית מיוחדת, מצויה גם אצל הוגי דעות שאינם בני־ברית. רוג'ר בקון (1294—1213) כתב: „אלהים גילה פילוסופיה לקדושיו ונתן להם גם את התורה. הוא עשה זאת יען כי הפילוסופיה הכרחית היתה להבנתה, פירושה, קיומה, והגנתה של חוקתה, ומשום כך ניתנה לכל פרטיה בלשון העברית" [8].

ואילו הרמב"ם עם כל דבקותו בתפיסה המסורתית של העברית כלשון קודש וראייתו את לימודה כ"מצוה גדולה", קובע: "ואין הפרש שהבין אותו ענין מלשון קודש או מלשון ערבי או מלשון ארמי, הכונה היא הבנת הענינים בכל לשון שהיא" [9]. ובמקום אחר הוא אומר: "... שהדבור לא יאסר ויותר וימאס ויצוה באמירתו מצד הלשון שנעשה, אבל מצד עניני. שאם יהיה ענין ההוא מעלה, יתחייב לאומרו באיזה לשון שיהיה, ואם יהיה כונת השיר ההוא פחיתות, באיזה לשון שיהיה אסור לאמרו" [10].

דעות שונות אלו בדבר מקומה של הלשון העברית היו כאמור הנבטים הראשונים של ויכוח חריף, שמצא את ביטויו המלא בתקופת ההשכלה והתחיה הלאומית.

בעקבות האמנציפציה במערב, יצאו כמה מדבריה של יהדות המערב בקריאה נמרצת לבני עמם לנטוש את לשונם (עברית או אידיש) ולנתק כל קשר לתרבות ארץ אבותיהם: השתדלן דוד פרידלנדר מגרמניה, גרס: "יש לנו לשון אם אחת היא הגרמנית ובה עלינו להשתמש בתפילותינו, כי היא מסוגלת לעורר את הרגש הדתי יותר מן הלשון העברית המתה". ומשכילים אחרים קראו ליהודי פולין: "מדוע לא תדברו שפת מדינתכם, שפת פולניא? כמה גזרות וצרות רעות לא השתרגו ועלו על צוארי אבותיכם, לו ידעו לדבר צחות בלשון פולניא עם שריהם ומלכם" [11].

לעומת המרצה זו להינזר מלשון העם היהודי, יצא "המאסף", כתבי העת של ההשכלה בגרמניה, בקריאה נלהבת "להרחיב דעת לשוננו הקדושה תוך עם ה' ולהורות את יפיה לכל העמים" [12]. ומשה הס, ממבשרי התנועה הלאומית הראשונים, כתב: "בשם שאי אפשר לי לסלף את דעתי על גזעי שלי שמלא את התפקיד הגדול ביותר בתולדות האנושות ושעוד מוכן ומזומן לו תפקיד גדול ונכבד יותר לימים יבואו, כך אי אפשר לי למצוא שום זכות לדעה מסולפת על לשון קדשנו, לשון אבותינו, אותה דעה המסיתה לגרש את הלשון העברית מגבול חיי ישראל, ולא עוד אלא אפילו מבית־הקברות, מקום שם יאמרו להשליט כתב ולשון גרמניים תחת לשוננו העברית" [13].

המשורר יל"ג הכריז "עבד לעברית אנכי לנצח!" הוא תיאר את הלשון בצורה דראמאתית כשהיא מתרפקת על האומה ומבקשת: "הכירני נא, בן יקיר, הכירה! אמך אני — השפה העברית, על חיקי התעלסת כל חייך, לי רוחך נשאת, לי תאות נפש: ואני מבלי הראות לך לעין משד נחמים נחם היגשתיך. הכר בן יקיר, את אמך, הכירה!" [14].

והסופר י. ל. פרץ, מאבות ספרות אידיש גרס, כי "הלשון העברית היא הדבק היחידי המחבר את עצמותינו הפזורות. היא גם המאחדת את הטבעות בשלשלת הדורות והיא המקשרת אותנו לאבותינו, אלה שבנו את פיתום ורעמסס ואלה ששפכו את דמם על חומות ירושלים, וכן אלה שהוציאו את נשמתם על המוקד ב"שמע ישראל" [15].

הופעתו של אליעזר בן־יהודה (1856—1922), מהווה נקודת מיפנה בתנועת התחיה העברית. בן־יהודה אף כי גדל וחונך בסביבה חדורה ערכי היהדות המסורתית, נטה בנערותו, כרבים מבני זמנו, לתנועות הסוציאליות־ליברליות ברוסיה, שהיו אדישות ברוחן או גם עוינות, לתרבות העברית. אולם בן־יהודה, בדומה להרצל שרעיון מדינה יהודית בא לו כהתגלות, מתאר את שיבתו לעברית כ„חזון לילה״. ואומר: „היה תהיה היהדות הארצישראלית עברית, או לא תהיה כלל בעולם״ [16]. וההיסטוריון יוסף קלוזנר גורס: „לא רק ארץ־ישראל תהיה עברית, או לא תהיה כלל; אלא אף האומה הישראלית תהא עברית, או לא תהיה כלל״ [17].

בעיה זו של צמידות תחית העם בתחית הלשון שימשה ומשמשת עד היום הזה נושא ראשון במעלה בכתביהם של סופרים ומלומדים שבאו אחרי בן־יהודה.

ההוגה יחזקאל קאופמן, כותב: „מולדת עברית ולשון עברית חיה — אלו הן שתי מטרותיה הממשיות של התנועה הלאומית. כי הלשון היא היא ראשית האומה, המומנט התרבותי הראשוני שעמו ההויה הלאומית מתרקמת. הלשון היא הערך התרבותי הקיים שעמו ההויה הלאומית נולדה ועליו היא עומדת תמיד״ [18].

ביטויים נמרצים על מקום העברית בגורל היהדות יש למצוא בתקופת האחרונה גם ביהדות אמריקה.

שלמה שכטר, חוקר תולדות הדת הישראלית, אמר בדברו על הלשון העברית כאוצר החשוב ביותר לנשמת העם: „הלשון העברית ליהודי אינה לשון סתם, דוגמת לאטינית ויונית ללמוד שפות קלסיות, או צרפתית וגרמנית ללמוד לשונות מודרניות... היא לשון קודש ליהודי על שם זכרונות העבר הצפונים בה ועל ההבטחות לעתיד שהיא נושאת בחובה״ [19].

ר׳ יצחק ווייז, ממחוללי הרפורמה באמריקה, בדברו על חינוך יהודי, אומר: „בית־ספר יהודי שאין מלמדים בו לקרוא ולהבין את התנ״ך בעברית, אינו בית־ספר״ [20].

שלום שפיגל, מחוקרי היהדות בזמננו, בעמדו על אפיה של הלשון העברית, כותב: „אין עברית נטולת רוח אמונה. מי שמעלה על שפתותיו עברית, בעל כרחו פותח את המעינות הסתומים של התרבות הדתית העתיקה. גם אם לא יקדמם בברכה, לא יוכל להמלט מהרוחות שהעלה מהנשייה״ [21].

אולי דוקא משום שיהדות אמריקה התרחקה מידיעת השפה, גברו בה הכיסופים העזים לשמרה ולהורישה לדורות הבאים. ואלה הם דברי אחד משוררי העברית הנאמנים בארצות־הברית, מנחם ריבולוב ז״ל: „....בלשון זו חיים מושגים יהודים היסטוריים, וטמונות סגולות עבריות עתיקות ומיוחדות במינן, שאין משלם בלשון אחרת. בלשון זו יש מלים, ניבים,

צירופים ופסוקים, ששרשיהם עמוקים כל־כך, עד שהם נוגעים במרחקי זמן, שאין בכוח לשון אחרת לנגוע בהם. בלשון זו יש לכל מלה וניב ריח תקופות רחוקות וטעם יינות משומרים, המעוררים בנו כיסופים ומאווים, העוברים את גבול הלשון"[22].

בדעת הלשון העברית ובדבקות מה רואים נאמניה את המפתח לעצם ישותם כיהודים ונאמני היהדות.

הערות:

1 ח. נ. ביאליק, „דברים שבעל פה", הוצאת „דביר", תל אביב, 1935, עמ' 19.
2 ספרי עקב, ויקר"ר ל"ב, שהש"ר ד', ב"ר י"ח.
3 ברכות, י"ג ב'; ספרי ברכה; סנה' ל"ח; ירושלמי מגילה, פ"א, ה"ט.
4 ירושלמי מגילה פ"א, ה', ט'; מגילה ח', ט'; ב"ר ל"ו; סופרים א'.
5 שירי שלמה בן־יהודה, אבן־גבירול, ביאליק ורבניצקי, ע' 173, 7־176.
6 משה אבן־עזרא, שירת ישראל, ע' 60.
7 ר' יהודה הלוי, ספר הכוזרי, תל אביב, תש"ח, מ"ב פ' ס"ז־ע"ד.
8 The Legacy of Israel, Oxford, 1927, p. 300.
9 קובץ ב', ט"ו, ב'.
10 פרוש המשנה, אבות א'.
11 ש. דובנוב, דברי ימי עם עולם, כרך ח' ת"א 1935, ע' 146, 233.
12 אברהם לוינסון, התנועה העברית בגולה, ע'ה.
13 משה הס, רומי וירושלים, הוצאת „אמנות", תל אביב, תרצ"ט, עמ' 25—26.
14 שירי י. ל. גורדון, „הוי אח!".
15 י. ל. פרץ, אַלע ווערק, 12, 14.
16 אליעזר בו יהודה, החלום ושברו, ע' 6—7.
17 יוסף קלוזנר, שם ע' 13—14.
18 יחזקאל קויפמן, גולה ונכר, כרך ב', „דביר", ת"א, תר"ץ, עמ' 440—441.
19 Solomon Schechter, Selected Writings, Philosophia Judaica, P. 148.
20 Isaac M. Wise, "Israelite", Aug. 30, 1867.
21 Spigel Sholom Hebrew Reborn, 405.
22 מנחם ריבולוב „מן הכד אל המבוע", ע' 317.

ספרי אגרות עבריות

רשימה לתולדות החינוך בתקופת ההשכלה

מאת

פראָפ. צבי שארפשטיין

א

במאה השש עשרה התחיל להתפשט לימוד כתיבת איגרות. בימים ההם היתה הרומית לשון החכמים, והצעירים שלמדו חכמה והשכלה נתאמנו במלאכת הכתיבה. וחשיבות יתירה נודעה לכתיבה, כי עצם ידיעת החיבור בלשון החכמים נחשב להישג רב ערך וכבוד גדול רכש הצעיר שהצליח לכתוב איגרת בלשון עתיקה זו. נוסף לזה היו סבורים שידיעת הרצאת דברים בכתב בלשון זו, שלא היתה חיה עוד, תביא גם להקל על המתלמד להביע רעיונותיו בעל פה, ושיחה ברומית היתה עטרת תפארת לשולטים בה.

שיטת לימוד הכתיבה מגוונת היתה — יש שתחילה רשמו התלמידים את האיגרת בלשון המדינה, כלומר בלשון שהיו רגילים לה, ואחר כך תרגמוה לרומית; ויש שהוטל על התלמידים לכתוב ברומית, ולשם כך היו מעיינים בספרים רומיים ורושמים מפנקסיהם ניבים ומליצות שמצאום נאים ביותר, כדי להשתמש בהם במכתביהם; ויש שהיו קוראים בספרי מופת, כגון במכתבי סנקה, ארסמוס וליפסיוס, וכיוצא בהם, והשתדלו לחקות את אמרותיהם וסגנונם ודרכי כתיבתם. עתים היה מורה מחונן שלימד כתיבת איגרת בדרך של תחרות: אחד התלמידים הציע נושא לכתוב עליו, ואז כתבו כל חברי הקבוצות מכתבים, איש איש כרצונו וכיכולתו, ועם תום הכתיבה נקראו כל האיגרות בקול, ונבחרה הטובה שבהן.

במאה השמונה עשרה התחיל לימוד זה תופס מקום חשוב באסכולות, כי גדל הצורך בידיעת הכתיבה. עתונים לא היו אז, ואיש הודיע לחברו הרחוק את החדשות שבמקומו, או חברים כתבו זה לזה והשתעשעו בדברי מליצה וחכמה. לידיעת הכתיבה היה על כן ערך מעשי, ושימשה גם סימן להשכלה.

ב

אצלנו רב היה הצורך בידיעה זו מאשר אצל העמים. בתוקף התנאים וההגבלות היינו לעם המסחר, והסוחר זקוק לידיעת הכתיבה יותר מן האיכר והאומן. יתר על כן, המסחר היהודי לא היה מקומי בלבד, אלא בין־עירוני ובין־ארצי. דווקא היהודים היו מוכשרים לעסוק ביבוא וביצוא, כי אחיהם היו מפוזרים בכל קצות העולם, במזרח ובמערב, והיתה להם לשון משותפת — הלשון העברית. היהודים היו על כן הגשר המקשר ארצות במשא ובמתן.

עד המאה התשיעית אין לנו ידיעות מדויקות על דרכי המסחר בין יהודי המערב והמזרח, בין אירופה ואסיה ואפריקה, אבל מן המאה העשירית ואילך יש לנו מקורות, ויש לשער שגם לפני תקופה זו היו קשרי מסחר בין הארצות, ואחינו היו המקשרים. במאה התשיעית באה פריחה במסחר זה, והיהודים היו נוסעים מארץ לארץ ובאו בחליפות דברים. היהודים התגוררו בנמלים ובערי המרכולת ונקל היה להם לרכוש סחורות ולשלחן לאחיהם.

תקופת הזוהר בספרד היתה גם תקופת אורה בחינוך הבנים והבנות שם. היהודים חיו שם בתנאי אמידות ותפסו גם משרות גבוהות, ומשום זה לא רצו ולא יכלו להצטמצם בארבע אמות של לימודי קודש, והעשירו תכניתם גם בלימודי חול, ורצו שידעו בניהם לערוך דברים בכתב. גם עסקי היהודים בהלוואות בריבית הכריחום לדעת כתיבה איגרות ושיטרי חוב וחוזים. על כן נמצא שם ובאיטאליה לימוד מסודר של כתיבה. וכאשר הוגד לפני זה היה נוסף לצד המעשי גם ערך של השכלה ואצילות לידיעת כתיבת האיגרות. שכן מי שכתב איגרת נאה ומעוטרת במליצות ואמרי נועם זכה לעטרת כבוד.

על כן היו מלמדים בבתי הספר גם לכתוב מכתבים. בתקנות בית תלמוד התורה בוירונה שבאיטאליה נקבעו חובות המלמדים, ואחת מהן: „ואחר שחזרו התלמידים מאכילת הצהרים ילמדם לחבר איגרות עבריות ונוצריות וחשבונות" [1], ובכיתה הגבוהה — „וילמדם בזמנים הנאותים לו לכתוב בדרך צחות, וילמדם לחבר שירים והלצות" (ה„צחות" הן המליצות). ובתקנות ויניציה הטילו על המלמד מדרגה ג', כלומר המלמד נערים לא קטנים, „בשובם (התלמידים) מארוחת הצהרים, ירגילם בחבור מכתבים בלשון הקודש ובלשון המדינה, בתרגום מן האחת לשניה ומן השניה לראשונה, במשך שעה בכל יום" [2].

והמשכילים והעשירים היו מזמינים מורים לביתם להרגיל את בניהם בכתיבת איגרות ו„צחות", כי לא כל המלמדים היו ראויים לכך.

ג

הדרישה לספרי מכתבים, כלומר לספרים הכוללים טופסי מכתבים לדוגמה, וכן לטופסי שטרות, היתה גדולה, וכשהופיע ספר טוב במקצוע זה זכה לכמה וכמה מהדורות, והמדפיסים בשאר ארצות חזרו והדפיסוהו בתוספות, לפעמים בצרוף שנים — שלשה ספרים יחד, כי כולם היו קטני הכמות. „מכתבי עברית" של משה שמואל ניימאנן נדפס בווין בשנת תקע"ה ושוב באותה עיר בשנת תק"פ. שבע שנים לאחר זה יצאה מהדורה חדשה בפראג, ושוב בווין בתוספת הקונטרס „כתב יושר" שייזכר להלן, בשנת תר"ז. משנת תקע"ה עד תרנ"ד יצאו תשע מהדורות, ועל פי הרוב בתוספות של מחברים אחרים; „כתבי יושר" של שלום הכהן יצא משנת תק"פ עד תרל"א, במשך חמשים שנה, בארבע עשרה מהדורות, בווין, בווארשה ובווילנה, — ולפי תנאי הימים ההם הרי היה זה ספר רב מכר [3].

ד

נפנה נא אל אחדים מן הספרים שהם מייצגי התקופה ונעיין בהם.

ספר „עיטור סופרים" של „הרב הגדול המופלג בעל „מרכבת המשנה". וחבר ספר קטן זה לזכות הרבים להמוני עם, אשר לא ידעו בטוב לשון הקודש, ולפני בחורים ונערים לחנכם בלשון בלול במקראות ותלמוד... והוא מעט הכמות ורב האיכות, כולל כמה ענינים ללמוד הרגל דבר בעטו. הקרו הרבני המופלא כבוד מוהר"ר משה בן האלוף הר"ר ישראל נ"י מק"ק לאנצברג דעל נהר וורטי". נדפס בהאמבורג בשנת תפ"א, והופיע אחר כך בצרוף עוד קונטרסים בשנת תפ"ט בזאלקווא. ובשנת תקנ"א בפראנקפורט דאדר, ובהוספות בלבוב בשנים 1815—1834.

הספר הקטן בתבנית של ספרי כיס הוא בן י"ט דפים באותיות רש"י והוא שימושי לפי צרכי הזמן. לא הסתפק המחבר בדוגמאות של מכתבים, אלא הוסיף נוסחאות לתחילתם של מכתבים, לסיומם, וחרוזים לעטר בהם את הסגנון. אביא כאן לדוגמה אחדים מן החרוזים, שלא תמיד הם מתחרזים יפה:

„הרים עוקר וטוחנן זו בזו בחכמות,
זן ומפרנס עניי ישראל ואומות,
טוב לכול ואין לאיש עליו תרעומת,
יורש העולם הזה ועולם הבא בשלמות,
זכותו עלינו יגונן,
חכמתו בחוץ תרונן.
הודו והדרו מובלע בין אנשים
ותיק וחסיד, אחד מאנשי מעשים.

ברור שנתכוון המחבר לתת ביד הכותב חרוזים לשם תוארי שבח, לפי נוסח הימים ההם.

אחר כך באה רשימת בני אדם ולכל שם דבר תהלה, שבשורותיה משולבות אותיות השם, כגון: אם כתב אדם מכתב לחברו ששמו אשר, יהללנו בראש המכתב בשלש שורות אלו:

איש טוב וישר,
שואל כענין ומשיב בהכשר,
ראשון לכל דבר שבקדושה וקל כנשר.

ואם שמו אפרים:

אש בוער עד לב השמים,
פרי עץ שתול על פלגי מים,
ראש וקצין הוא לעינים,
יזכה לראות בבנין ירושלים,
משיח בן דוד בימיו יקבץ יהודה ואפרים.

ואם שמו הירש:

האשל הגדול נצר יפרח משורש,
יצר מנוול מושך לבית המדרש[4]
רשעים הודה במקל ומשרש,
ש״י עולמות יורש.

לשם נח אינו מייחס כל זכר לתיבתו או ליינו, כי אם:

נודף שמו כשמן הטוב ונותן ריח,
חן וחסד מצא ויישר חילו וכח.

לאחר שחיבר שבח לשמות, והם כמעט כל השמות השכיחים, גם היהודיים במשמע, כגון גומפל, אנשיל, העשיל, הענדל, זנוויל, פייבש ועוד, הוא רושם תוארים לקרובים ולאנשי מקצוע, כגון ל א ב:

אהובי אדוני אבי, אשר עד כה חנני ופרנסני,
כאומן את היונק נשאני
ובמידות טובות הדריכני,
לחיי העולם הזה ועולם הבא הביאני.

לגבאי צדקה:

פותח יד לעני ואביון, ממונה על הקופה כרבי חנינא בן תרדיון.

ולחזן:

המשורר הגדול המכבד ה׳ מגרונו,
עושה רצון קונו
וחטאתו יכפר וסר עוונו.

יש בספר גם חרוזים לחגים ולמועדים, שכותב האיגרת יוכל לעטר בהם דבריו:

חג המצות תחוג בדיצות
ברחובות ובחוצות.

ולאחר כל אלה מציע המחבר פתיחות **להתחיל בהן את האיגרות, שתבאנה מיד אחר התוארים:**

„אחרי דרישות שלומו וטובתו כמשפט לאוהבי שם תהילתו, זאת מאתי להודיע...״ ולאחר זה יבוא עצם הענין.

געזאַמעלט. יעדעס ווערק איז אַנטדעקט געוואָרן דורך אַ קאָמבינאַציע פון צופאַלן. ווי אַזוי איז די גריכישע איליאַדע פּרעזערווירט געוואָרן? ווי אַזוי האָט זיך אויפגעהאַלטן פּלאַטאָס רעפּובליק? ניטאָ קיין שום שייכות צווישן די צוויי; יעדעס פון זיי צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדער מזל. מיט די תנכישע ספרים איז פאַרגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש. כמעט אַלע האָבן מיר זיי געירשנט ווי אַן איינס, און ווי אַן אָרגאַניזירטע גאַנצקייט לויט זייער אינערלעכער כאַראַקטעריסטיק[23]. די געשיכטע פון זייער גאַנג פון דור צו דור — פון „משה קבל תורה מסיני" ביז „אנשי כנסת הגדולה" און נאָך אַ סך ווייטער, ווי מען זאָל דעם דאָזיקן מאמר ניט טייטשן — איז על פי רוב געווען די אייגענע. יעדער פּרט פון אָט דער גאַנצקייט, סיי אינהאַלטלעך, סיי אין איר באַוועגלעכקייט דורך צייטן און לענדער, האָט זיך איבערגעגעבן אין אַן אומענדלעך אַרומנעמענדיקער ראַם, וואָס קען בטבע אַלץ איינשליסן און גאָרניט אויסשליסן.

אָט אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער כוח וואָס ציט זיין יניקה פון אַ הייליקן אַנהייב, פון דער אמונה אין תורה מן השמים, און פון יעדן שפּעטערדיקן טראָט פון דער הלכה, וואָס האָט באַקומען איר ענדגילטיקע, אַבסאָלוטע סאַנקציע דורך אידענטיפיצירן זיך מיט דער העכסטער מענטשלעכער אויטאָריטעט, מיט דער תורה, אין אַן אַטמאָספערע פון „מיסטעריום טרעמענדום", ווי רודאָלף אָטאָ רופט אָן דעם פסיכישן צושטאַנד, ווען די יראת הרוממות פון הייליקייט איז אונדז גובר[24].

לערנען איז בטבע אַ פּראָצעס וואָס פירט ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק צו פּילפּולדיקע רעזולטאַטן. די כוונה איז צו לערנען אין באַשטימטע זאַך, אָבער דער פועל יוצא איז, אַז אַ סך אַנדערע רעזולטאַטן קלעפּן זיך צו. איר נעמט זיך אונטער, למשל, צו לערנען די געזעצן פון ביאָלאָגישער עוואָלוציע. דערווייל לערנט איר, ווי אַ זייטיקן פּראָדוקט, גאַנץ גלייכגילטיק, די אַנטוויקלונג פון באַזונדערע בעלי־חיים. עס איז דער נאַטירלעכער פּילפּולכער אָפּרוף אויף יעדן לערן־סטימול. אויך ביי לערנען תורה ווייזן זיך אַרויס די זעלביקע טענדענצן, אָבער דאָ איז דער פּילפּולכער אָפּרוף ניט אין קילפּאַטריקס זינען[25]. אין לערנען בכלל איז די פּילפּולכקייט פון רעזולטאַטן פאַרבונדן מיט דער טבע פון דער צענטראַלער נערוון־סיסטעם, וואו בינדונגען פון נערוון־פעדעם קענען ניט געהאַלטן ווערן אַקוראַט אין איין־איינציקער ריכטונג. אָבער בנוגע תורה איז דאָס גיכער אַ פּלאַנירטער פּראָצעס. די רעזולטאַטן זיינען פון אַ גאַנץ באַשטימטן מין, ווייל די אַסאָציאַציעס מיט תורה, מיט אונדזער יידישער תורה, זיינען עפּעס באַזונדערס, און זיי ווערן געפירט פון דער כאַראַקטעריסטישער אַלץ־אַרומנעמיקייט וואָס תורה שטעלט מיט זיך פאָר. וואָרעם תורה — וואָס איר דירעקטע טעמע זאָל ניט באַרירן — צווייגט זיך פאַנאַנדער, דירעקט און אומדירעקט, איבער אַלע מאָראַלע ליידנשאַפטן פון דער נשמה. רייסט אויף יעדע פאָרם פון אומווילקער גלייכגיל־

טיקייט, וועקט אויף כוחות וואָס באַצווינגען, ציען צו, צינדן אָן מיט באַגייסטערונג דעם גאַנצן לערן־פּראָצעס און אַלע זייטיקע פּאַראינטערעסירט־קייטן וואָס שווימען אויף, און האַלט זיי אין אַ באַזונדער וועלט־אַרביט.

איינער פון די פּיאָנערן־פאָרשער פון אַלט־יידישער דערציאונג שרייבט: „ניט געקוקט אויפן פאַקט וואָס די גרויסע קולטור־ירושה פון גריכנלאַנד און פון העלעניזירטן רוים איז געווען לעבן זייער טיר, זיינען די פרומע יידן ניט בלויז געבליבן גלייכגילטיק צו די פיזישע, עסטעטישע און אינ־טעלעקטועלע אינטערעסן, נאָר זיי האָבן זיי מיט אַ כיוון אויסגעשלאָסן פון זייערע שולן און פון זייערע אַמביציעס. דאָס זעט אויס צו זיין קנאיש, אָבער מען מעג זיין מסופק, צי עפּעס אַן אַנדער וועג וואָלט יידן געראַטעוועט פון פּאַגאַניזם, אויסמישונג און פאַרגעסנקייט [26]. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס באַטראַכטנדיק דעם ציל פון יידישער דערציאונג מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער, ביי אונזערע לייבלעכע זיידעס, דריקט אויס הרב קוק אַן ענלעכן געדאַנק, פאַרשטייט זיך אין זיין סטיל, וואָס אָטעמט מיט הייליקייט און מאָראַלער ריינקייט: „איין שטרעבונג, אַן איין איינציקע, האָבן זיי געהאַט אינעם חינוך פון זייערע קינדער: צו מאַכן זיי פאַר ערלעכע יידן, זיי זאָלן זיין יודעי תורה און יראי שמים, געהיט אין מצוות, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף לייכטע מצוות אַזוי גוט ווי אויף האַרבע, זיי זאָלן ליב האָבן גאָטס נאָמען אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן זיין גרייט, ווען דער מאָמענט וועט קומען, מקריב צו זיין זייערע לעבנס אויף קידוש השם” [27]. צו דער זעלביקער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע פון דער תורה־ספרע געהערט זיך דער מאמר חז״ל: „דער וואָס לערנט תורה מיט זיין זון איז גלייך ווי ער וואָלט זי געלערנט מיט זיין זון און מיט זיין זונס זון ביזן סוף פון אַלע דורות” [28]. גאָר אַ באַזונדער פּלאַץ דאַרף דאָ פאַרנעמען די פּרעכטיקע אגדה, אַז גאָט אַליין לערנט תורה מיט די קינדער אין שולעלטער, און רש״י מאַכט, אַז דאָס זענען די קינדער וואָס זיינען פרי געשטאָרבן [29].

פאַרמעלע שול־דערציאונג

די גמרא דערציילט אונדז, אַז שמעון בן שטח און יהושוע בן גמלא האָבןביידע, יעדער אויף זיין אופן, זיך אָפּגעגעבן מיט עפנטלעכע שולן פאַר קינדער. וועגן שמעון בן שטח זיינען פאַראַן עטלעכע זייער קורצע און אומקלאָרע ידיעות אין ירושלמי. וועגן דעם כהן גדול יהושוע בן גמלא ווערן שוין דערמאָנט מער פּרטים אין תלמוד בבלי. דער לעצטער האָט מתקן געווען, אַז אין יעדן יישוב זאָל זיין אַ שול פאַר קינדער. אַ קלאַס דאַרף האָבן ניט מער ווי 25 קינדער; אויב מער, דאַרף זיין דאָרט אַ געהילף. אויב 50 קינדער, דאַרפן שוין זיין צוויי לערער. יהושוע בן גמלא איז אַליין קיין געלערנטער ניט געווען. ער איז אָבער געווען פאַראינטערעסירט אין די טעכנישע און היגיענישע זייטן פון שול־דערציאונג, און די גמרא באַצאָלט

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אָנערקענונג. ווי עס ווייזט אויס איז שמעון בן שטח געווען דער איניציאַטאָר פון שולן פאַר עלטערע, פאַר יוגנטלעכע, בעת יהושוע בן גמלא האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל שיקן קינדער פון 6 אָדער 7 אין די שולן וואָס ער האָט געשאַפן [30].

מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, ניט אָננעמען, אַז גלייך נאָך דעם ווי אַזעלכע תקנות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן איז דאָס יידישע לאַנד באַדעקט געוואָרן מיט נעצן שולן פאַר אַלע עלטערס. אָבער מען קען קלאָר אַרויסזען, ווען מען באַקענט זיך מיט די פאַקטן, אַז פאָרמעלע דערציאונג, סיי צו לערנען דינים וואָס מען דאַרף פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן, סיי תורה לשמה, האָט פאַרמאָגט געגנוג קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן. יאָסעפוס זאָגט, אַז שוין פון געבורט אָן האָט מען יידן געלערנט טייער צו האַלטן זייערע הייליקע ספרים. ער זאָגט ווייטער: „אויב עמיצער וועט פרעגן אַ יידן וועגן יעדער תקנה ביי אונדז, וועט ער האָבן מער גרייטקייט צו ענטפערן איידער זאָגן ווי ער הייסט, און דאָס נעמט זיך פון לערנען אונדזערע געזעצן גלייך ווי מיר האָבן אָנגעהויבן צו דערשפירן די וועלט״ [31]. די זעלביקע מיינונג דריקט אויס פילאָן: „אַזוי ווי יידן האַלטן זייערע געזעצן ווי אַ תורה מסיני, און מען לערנט זיי וועגן דעם זינט זייער פריסטער יוגנט, טראָגן זיי דאָס געשטאַלט פון די געזעצן אין זייערע נשמות״ [32].

ווען מען באַטראַכט די געשיכטע פון יידישער דערציאונג פון דער צייט פון די תנאים — וואָס פון דעמאָלט אָן הייבן מיר שוין אָן צו קריגן מער ידיעות — גלייכן זיך אויס די פעלקער אין אַלגעמיינע פּרטים אין שייכות צו טעכנישע נויטן אין דער דערציאונג, — אין דער פראַגע פון שטראָף און באַלוינונג, פון מעטאָדיק פון לימודים, פאָרמען פון דיסציפּלין, שרייבן און לייענען אאַז״וו. ניט אין דעם האָבן זיך אויסגעצייכנט יידן פון יענער צייט. בנוגע קוריקולום קען קיין ספק ניט זיין, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט „תורה״. אָבער ווען די גמרא אידענטיפיצירט דעם תלמיד חכם מיט אַ הויכער מדרגה אין מאָראַל [33], אָט דאָ ליגט איינע פון די אייגנאַרטיקע ריכטונגען אין יידישן לערנען, אין דערציאונג.

דאָס און נאָך עפּעס. מיר ווייסן, אַז די גאַנצע נאָך־תנכישע ליטעראַטור איז געבויט אויף אַן אָנשפּאַר אין די כתבי קודש, דער עיקר אין חומש, ווייניקער אין נביאים און כתובים. יעדער דין, יעדע הלכה, כדי צו דערגרייכן די העכסטמעגלעכע אויטאָריטעט, זוכט אַ פּסוק אין דער תורה אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. אָבער אַזוי ווי די צייט און דער צייטגייסט, ניט ווינציקער די הייליקייט און די שטילע ליכטיקייט פונעם חומש־סטיל, דאָס אַלץ איז אַזוי גרינטלעך אַנדערש פון די לעבנסבאַדינגונגען און פון אַלץ וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם תלמוד, שוין אָפּגערעדט פון דער ריין־פּסיכאָלאָגישער נויט צו דערפילן דעם אמת וואָס בלויז די כתבי קודש קענען סאַנקציאָנירן — איז דעריבער נייטיק געווען פאַר די חז״ל צו טייטשן, אָדער אַרויסצודרינגען

דעם ריכטיקן און גערעכטן פסק־דין ווי זיי האָבן אים געזען, און דורך דעם באַווייזן, אַז עס איז פאַראַן אַ פולע אידענטיפיקאַציע צווישן דעם וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה און דער סברא וואָס די חכמים האָבן אַרויסגעבראַכט[34]. זוען עס שאַפט זיך אַזאַ פולע אידענטיפיקאַציע, ווערט געבוירן אַן אַבסאָלוטער, ענדגילטיקער פסק־דין און מען לעבט דורך — די וואָס זיינען באַהאַפטן מיט אַזאַ גייסטיקער ספערע — די אומגעוויינלעכע מעטאַפיזישע הנאה פון אַ דערגרייכטער האַרמאָניע צווישן גאָט און מענטש, פון אַ האַרמאָנישן צונויפזינג צווישן דעם אומענדלעכן און דעם ספּעציפישן, צווישן אידעאַל און פאַלק.

דאָס זוכן די „מידות", די וועגן און אומוועגן, וואָס דורך זיי ווערט די תורה געדרשנט, איז אייגנטלעך אַ מיטל צו שטילן דאָס רייסן זיך אויפ־צובויען וואָס מער זיכערקייט צווישן די שוואַכקייטן פון דער צייטלעכער וועלט, כדי צוצוקומען מיט ווייניקער שטרויכלונגען צו דעם וואָס איז אייביק אינעם אוניווערס. ווען דער בליק איז געווענדט צו אַן אַנטפּלעקטער תורה וואָס איז דער לעצטער טרעפּ אויף דעם לייטער וואָס פירט צום אין־סוף, דעמאָלט באַשטייט דער גאַנצער לערן־פּראָבעס איז אַ כסדרדיקן דערנענטערן זיך צו אַ סאַנקציע וואָס לייגט דעם לעצטן שטעמפּל אויפן לעבנס־אויפפיר.

אַזאַ לערנען, אַזאַ דערציאונג — און דאָס איז דאָך געווען דער גייסט פון יידישן חינוך ביז דער פאַר־השכלה־צייט — איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַז זי האָט ניט קיין גלייכן צווישן פעלקער. איז קיין חידוש ניט וואָס די לעצטע רגע, ווען ביי אונדזערע זיידעס איז פאָרגעקומען די העכסטע התרוממות הנפש, האָט אַזוי פיל סינאָנימען זיך אויסצודריקן: שנאמר, כאמור, דכתיב, ככתוב, כמו שכתוב, אאז"וו. און דאָרט וואו דאָס זוכן און געפינען איז פון אַזאַ כאַראַקטער, ווייזט זיך עס אויך אַרויס, מוז זיך עס אויך אַרויסווייזן, אויף גאַנץ פּאַקטישע אופנים. ביי די גריכן, למשל, וואו פּלאַנירטע שולן האָבן, מיט אַלע טעכנישע איינאָרדענונגען, עקזיסטירט און געטאָן זייער אַרבעט אַזוי ווי ביי יידן, איז געבליבן אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור וועגן אַלע פּאַקטישע און מעטאָדישע מיטלען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן און מיינונגען וואָס די געבילדעטע פונעם דור האָבן אויסגעדריקט. ביי יידן איז עס ניט בנמצא. בלויז אַ וואָרט דאָ און דאָרט, אַן אומדירעקטער וואונק, וועגן דעם און יענעם, ניט מער. דעריבער איז אַזוי שווער צו דערגיין פּרטים וועגן דערציאונג ביי יידן אין יענער צייט[35]. שניאור זלמן צייטלין לאָזט אונדז הערן אַז: „אפילו די שריפטן פון יאָסעפוסן דאַרפן געבן אַ דאַנק די פּאָטערס פון דער קירך וואָס מען האָט זיי אויפגעהיט. די יידישע געשיכטע האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דער קירך פאַר אויפהיטן די דאָזיקע ווערק, וואָס אָן זיי וואָלט מען ניט געקענט שרייבן די געשיכטע פון בית שני"[36]. היסטאָריקער פון יידישער דערציאונג זיינען אָפט געצוואונגען זיך סומך צו זיין אויף שוואַכע ראיות, ווייל קיין אַנדער וועג איז ניטאָ.

אָבער דאָס וואָס איז געבליבן, כאָטש צו ווינציק צו באַקומען אַ בילד פון אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, פון אַנטוויקלונג אין קוריקולום און מעטאָדיק, פון דער טעכניק פון השגחה איבער דערגרייכטע קענטעניש, אאז"וו האָט אָבער פאָרט אויפגעהאַלטן אַ קלאָר בילד פון אַן אַלגעמיינער ריכטונג. יאָסעפוס, דער יידישער היסטאָריקער וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, האָט אָפט זיך אַריינגעלאָזן אין גוזמאות לטובת יידן, אָבער עס קען קיין ספק ניט זיין אינעם אמת פון זיינע רייד זווען מיר האָבן דער עיקר אין זינען די אַלגעמיינע ריכטונג וועגן וועלכער יאָסעפוס שרייבט, ספּעציעל איז זיין קענטן אפיאָנען. ד"ר שמואל בעלקין ציטירט יאָסעפוסן אין אַ הערה, וואו ער רעדט וועגן יידישער מאַרטירערשאַפט, און פאַרגלייכט עס מיט דעם וואָס מיר געפינען ביי די גריכן: „וואָסער גריך וועט אַזוי פיל אַריבערטראָגן פאַרן זעלביקן אידעאַל? אפילו כדי צו ראַטעווען די גאַנצע שריפטלעכע אַנזאַמלונג פון זיין פאָלק פון אומקום וועט ער ניט אויסשטיין דעם קלענסטן פּערזענלעכן שאָדן, וואָרעם פאַר די גריכן זענען עס בלויז מעשיות אויס־געטראַכט לויט דער פאַנטאַזיע פון די שרייבער"[37]. ווען מען פאַרגלייכט דאָס מיט דעם ווי יידן האָבן געקוקט אויף זייער אַנטפּלעקטער תורה, איז לכל הדעות דער קאָנטראַסט זייער שאַרף.

ווי מיר ווייסן האָט דער אידעאַל פון „תלמוד תורה כנגד כולם" אָנגעהאַלטן ביי יידן דורך דעם גאַנצן מיטלעלטער און אַ שטיק פון דער מאָדערנער צייט ביזן אָנהייב פון דער השכלה. דער דאָזיקע דרך אין לערנען און חינוך, ביז די קלענסטע פּרטים, האָט קיין גרויסע אַנטוויקלונג ניט דורכגעמאַכט[38]. ענדערונגען פון קלענערן סאָרט, און חילוקי דעות, זיינען נאַטירלעך פאָרגעקומען, אָבער אַלץ ניט אַזעלכע וואָס רירן אָן עיקרים. דעם מהרלס קעגנערשאַפט צו פּילפּול און פאַרטיידיקונג פון וועלטלעכע לימודים און מלאכה זיינען אפשר וויכטיקע רעפאָרמען, אָבער רירן פאָרט ניט אָן קיין תוך. וואָרעם דאָס סאַמע וויכטיקע, דאָס וואָס שאַפט אי דעם פונדאַמענט, אי דעם דאַך פון טראַדיציאָנעלן חינוך, ליגט אין דעם וואָס ער שטיצט זיך אויף אַן אַבסאָלוטער, ענדגילטיקע סאַנקציע; אַן אַבסאָלוט וואָס ליגט, נאָך ניט אַנטפּלעקט, אין אַ פּסוק פון אַן אַנטפּלעקטער תורה, און די אויפגאַבע איז זיך צו דערגראָבן צו די געטלעכע רייד, כדי צו דער־פילן דעם טעם פון אַן ענדגילטיק דערגרייכטן ענטפער אויף קשיות און אבעיות. מען דאַרף דעם פּסוק אַרויסהייבן פון זיין פאַרבאָרגעניש, און האָט מען אים שוין געפונען, באַשטייט דער פּראָצעס פון לערנען אין דעם, וואָס אָט די אַנטפּלעקטע פאַרבאָרגנקייטן דאַרפן איבערגעבן ווערן פון דור צו דור. דאָס איז דער עיקר, „דאָס איבעריקע גיי און לערן".

אָבער בלויז ווען אָט דער עיקר, ווען דער היסטאָרישער ווינקלשטיין פון דער יידיש־דערציערישער מויער ווערט אַרויסגעריסן פון זיין פּאָזיציע, בלויז דעמאָלט קען מען זאָגן, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע איבער־

קערעניש אין די לערן־שייכותן צווישן אונדז און אונדזערע קינדער. ד״ה, אַז עס איז אויפגעקומען אַ נייע פאָרם פון יידישער דערציאונג. אָט דאָס איז טאַקע געשען, ווען די השכלה האָט זיך באַוויזן און עס האָט זיך פאַרשפּרייט ביי יידן די גרויסע באַוועגונג לטובת רעפאָרם אין די פאַרש־יידנסטע טייטשן פונעם וואָרט. אמת, יעדע פאָרם פון יידישער דערציאונג, כדי זי זאָל בכלל זיין אַ יידישע, מוז זוכן אי דעם היתר, אי דעם איסור, אין דער ירושה וואָס איז געוואָרן טראַדיציע. אָבער דער פּרינציפּ וואָס דריקט זיך אויס אין דער אידיאָמאַטישער פראַזע „ווי עס שטייט געשריבן״, איז שוין סיי ווי געבראָכן. די מאָדערנע סאַנקציעס וואָס מען זוכט אין דער טראַדיציע זיינען צו שוואַך און בייגעוודיק, און פאַרמאָגן מער ניט דעם כוח פון אַלטן אויסדויער.

איינע פון די מאָדערנע פאָרמולעס פאַר דער שוואַכקייט און בייגעוודיקייט פונעם געבראָכענעם פּרינציפּ איז „צוויי־קולטורישקייט״, די אייגענע קולטור מוז לעבן מיט דער פּאָליטיש שטאַרקערער, מיט דער סאָציאַל זיכערער, קולטור פונעם לאַנד. אַנדערש קען עס טאַקע אין דער היינטיקער צייט ניט זיין; מיר לעבן צו נאָענט, צו פאַרוויקלט מיט די ניט־יידישע שכנים, און ניט מיר קענען, ניט מיר ווילן זיך שטעלן קעגן דעם, אַז די אַמאָליקע אָפּגעזונדערטקייט זאָל האָבן די מינדסטע מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן. סיי ווי קענען מיר עס ניט, אפילו ווען מיר וואָלטן עס שטאַרק געוואָלט. וואָלט מען גערעדט וועגן דער קאָמבינאַציע פון די צוויי קולטורן — דער גרויסער, דער איינשלינגענדיקער, און דער קליינער, וואָס דאַרף זיך כסדר קליגן כדי זיך צו ראַטעווען — מיט אַ קרעכץ, וואָלט עס געהייסן, אַז מיר לעבן אין אַ צייט פון שווערע סאָציאָלאָגישע גזירות, וואָס טייל פון זיי מוזן מיר זיך אונטערוואַרפן. אָבער ווען מען מאַכט דערפון אַן אידעאָלאָגישע פּראָגראַם, ווי עפּעס וואָס מען וואָלט געקענט אויסמיידן, נאָר מען טוט עס ניט, ווייל מיר האָבן פלוצלונג דערזען אין דעם אַ גרויסע הילף פאַר אונדזער לעבן, — ווען מען וויל מאַכן אַזאַ איינדרוק, דעמאָלט איז דאָס אי פאַרפירעריש, אי אַ טעאָריע פון „זויערע ווייַנטרויבן״, וואָס אין דעם ליגן קיין מאָל ניט קיין געזונטע פאַרדינסטן.

ווען די לאַגע איז אַזאַ, אַז די מחיצה צווישן דעם יידישן יישוב און דעם ניט־יידישן מוז ווערן אַלץ דינער און דינער, אַז יעדעס ווינטל וואָרפט אַן אַ מורא, אַז ווער ווייס ווי ערנסט דער שאָדן וועט זיין, דעמאָלט רופט זיך עס נאָטירלעך אָפּ אויף דער דערציאונג און עס פאָדערט זיך אַ נייע צופּאַסונג, וואָס אונדזער קלאַסישער חינוך האָט פון דעם ניט געוואוסט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז שוין גאַנץ אַלט, כאָטש ניט אַזוי אַלט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. ד״ר שולוואַס באַשרייבט די לאַגע פון יידישן יישוב אין דער צייט פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, אַ קימאַ־לן פון פיר הונדערט יאָר צוריק, און שוין דעמאָלט זעט ער איז די אַלגעמיינע שטרעבונג געווען צו שאַפן אַ האַרמאָניש לעבן צווישן די יידישע רעליגיעזע און קול־

טורעלע ווערטן און די ווערטן און דעם שטייגער־לעבן פון דער רענעסאַנס — צוויי־קולטוריש [39].

דער פילאָסאָפישער צוגאַנג צו יידישער דערציאונג, ווען חדר און ישיבה זיינען געווען אירע טיפישע פאָרשטייער, אַזאַ צוגאַנג קלערט אונדז אויף און אַנאַליזירט די פאַרשיידענע עלעמענטן וואָס האָבן באַלעבט דעם גאַנצן פראָצעס; אַנאַליזירנדיק, כאַפּן מיר אויך אויף די פסיכישע אַפּעליר־כוחות וואָס האָבן געצויגן און אינספּירירט אַזוי פיל דורות און גערייצט מיט אַ קיום־תאוה דאָס גאַנצע פאָלק. דאָס אַלץ ווערט געזאָגט, ניט כדי צוריק אויפצולעבן דעם קלאַסישן חינוך אונדזערן, נאָר כדי מיר זאָלן זיך בעסער קענען אָריענטירן אין פּראָבלעמען פון היינטיקער יידישער דערציאונג.

אינעם אַריינפיר פון זיין נייער אויסגאַבע פון פּרקי אבות (1945) לאָזט אונדז וויסן ר. טראַווערס הערפאָרד: „דער פּירוש וואָס גייט מיט דער איבערזעצונג וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן דעם לייענער וועט אונדז ווייזן, צי די איצטיקע טרחה צו דערקלערן די לערע פון פּרקי אבות איז אַדורכפאַל אָדער ניט. אויב יאָ, וועט דער דורכפאַל ניט זיין צוליב דעם וואָס דעם שרייבער פעלט סימפּאַטיע מיט יענע וואָס זייערע ווערטן זיינען איינגעקריצט אין פּרקי אבות, אָדער מיט די וואָס האָבן דורך הונדערטער יאָרן געטראַכט וועגן די זייטן פון דאָזיקן ספר און זיי ליב געהאַט. עס וועט זיין צוליב דעם, וואָס דער שרייבער איז אַליין ניט קיין ייד און ער איז אפשר טויב צום ניגון וואָס זינגט געטלעך אַריין אין אַ יידישן אויער" [40].
דער שרייבער איז שוין ליידער ניטאָ איך זאָל אים קענען טרייסטן, אָבער אין לעצטן יאָרהונדערט האָבן געגנוג יידן באַוויזן, אַז בנוגע טויבקייט צום יידישן ניגון זיינען זיי ווייט הינטערשטעליק לגבי דער גרויסער נשמה פון אַזעלכע ווי ר. טראַווערס הערפאָרד, מחבר פון ד״ פּרושים. ער האָט געהאָלפן עפּענען אַ סך ניט־יידישע אויערן פאַר אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע וואָס די גאַנצע קריסטלעכע וועלט האָט אַזוי אומברחמנותדיק פאַלש פאַרשטאַנען. נאָר צוגעבן מוז מען, ייד אָדער ניט, כדי צו פאַרשטיין אונדזער פאָלק, ספּעציעל יענע צייטן וואָס זיינען ווייט פון אונדז, דאַרף מען זיך לאַנג אָפּגעבן דערצו מיט האַרץ און קאָפּ. עס קען אויך זיין אַז מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעל מוזיקאַליש אויער פאַר אַזעלכע סאָרטן ניגונים.

באַמערקונגען:

[1] „Zeitschrift fuer Volkspsychologie und Sprachwissenschaft" Vols. 1—20, Berlin 1860—1890.

[2] „חשבון הנפש" „על פרשת הדרכים", מאת אחר העם, חלק ראשון, מהדורה שלישית, בערלין 1904, 1203.

[3] זע לייבוש לעהרער, „טעאָריעס וועגן נעגאַטיווע באַציאונגען פון יידן צו יידן" "ייוואָ בלעטער„ 1942 ב. 19, 28—46. זע אויך לייבוש לעהרער „היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן און צווישן־יידישע באַציאונגען", „ייוואָ בלעטער", 1942, ב. 20, 29—53.

[4] יחזקאל קויפמן. „תולדות האמונה הישראלית: מימי קדם עד סוף בית שני", 1937—1956.

5 קידושין, י"ז, ע"ב. L. Ginzberg: "Students. Scholars and Saints" 1943, 123.

6 למשל, עבודה זרה, ד, ד. דאָרט זאָגט זיך, אַז ווען אַ גוי (עכו"ם) האָט אַ בילד פון אַן אָפּגאָט, אפילו ווען ער האָט דערצו נאָך ניט געדינט, טאָר מען שוין פון דעם קיין הנאה ניט האָבן. אָבער אַן עבודה זרה בילד ביי אַ יידן איז ניט אסור, ביז דער ייד האָט שוין געדינט צו דעם.

7 בכורים, א, ה.

8 יחזקאל מ"ד, 22. דאָ ווערט אָנגעזאָגט אַז דער כהן זאָל חתונה האָבן מיט „בתולות מזרע בית ישראל".

9 יבמות, י"א, ה.

10 יבמות, מ"ח, ע"ב (גר שנתגייר כקטן שנולד).

11 יבמות, מ"ז, ע"ב.

12 סנהדרין, צ"ט, ע"ב ; גטין נ"ז, ע"ב.

13 ראש השנה, י"ז, ע"א ; כתובות, ס"ה, ע"א.

14 "If the convert reverted to his former ways of living, he was regarded as a rebellious Israelite, not as a heathen; his marriage with a jewess, for instance, was not invalidated by his lapses". E. G. Hirsh, Jewish Encyclopedia 223 c.

15 נידה, י"ג, ע"ב.

16 "Judaism", by George Foot More, 1932, Vol. I, 336 n.

17 זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז דאָס האָט אַ נאָענטע שייכות צו דעם וואָס צווישן די כוחות וואָס פירן צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג שפּילט אַן ערשטע ראָלע אונדזער פאַרלאַנג צו דערקלערן דערשיינונגען מאָניסטיש. איינהייטלעכקייט זעט אויס צו זיין אַ גרויסע מענטש־לעכע אַטראַקציע. קענטיק, אַז אין דעם שפּיגלט זיך אָפּ אַן אינערלעכע מענטשלעכע טענדענץ. זען: "Principles of Biology", by J. H. Woodger, 1929, 203.

18 "Philo", by Harry Austyn Wolfson, 1948, Vol. 2, 402.

19 חביבה ארץ ישראל שהיא מכשרת גרים. האומר בארץ ישראל „גר אני", מקבלין אותו מיד, ובחוצה לארץ, אין מקבלין אותו אלא אם כן היו עדיו עמו. גרים, ד:ג.

20 וכל שאינו מתגייר לשם שמים אינו גר. גרים, א:ז.

21 אַ ייד וואָס האָט אָנגענומען אַן אַנדער רעליגיע האָט זיך דערמיט אויסגעשלאָסן פון יידישן פאָלק. ער האָט דעם זעלביקן סטאַטוס ווי אַ גר תושב און ווערט באַטראַכט ווי אַ בן נכר. "However if he is born of Jewish parents and is not circumcised, he is considered a Jew and is entitled to all privileges. He is only named in the Talmud a heretic. חולין 646 (מומר לדבר אחד). "The Jews: Race, and Religion". Solomon Zeitlin, 1936, 37.

22 מדרש הלכה — די מעטאָדע פון תלמוד צו באַשטעטיקן אַ טראַדיציאָנעל־אָנגענומענע הלכה דורך אָנשפּאַרן זיך אויף אַ שטעל אין תנ"ך. בלויז דורך דעם ווערט די הלכה באַטראַכט ווי אויטענטיש. דער ערשטער צו באַנוצן דעם טערמין „מדרש הלכה" איז געווען ר' נחמן קראָכמאַל אין זיין „מורה נבוכי הזמן". ר' יעקב בצלאל לויטערבאַך נעמט אויך אָן דעם דאָזיקן טערמין. זען זיין אַרטיקל „מדרש הלכה" אין „יידישע ענציקלאָפּעדיע", באַנד 8.

23 "The Book of Books: an Introduction", 1948, 27.

24 "The Idea of the Holy". Rudolf Otto, 1958 (first published 1953).

25 William H. Kilpatrick: "Foundations of Method", 1925, 46—50.

26 "Despite the fact that the great cultural heritage of Greece and of Hellenized Rome was at their very door, the faithful Jews not only remained indifferent to the physical, esthetic and intellectual interest of their Pagan conquerors but studiously excluded them from their schools and from their ambitions. Narrow as this may seem, it is doubtful whether any other course would have saved the Jews from

paganizm, amalgamation and oblivion". "Education in Ancient Israel to 70 A.D.", Fletcher H. Swift, 1919, 78—79.

[27] זען „תולדות החנוך בישראל בדורות האחרונים" מאת צבי שרפשטיין, כרך ראשון, תש״ה, 16.

[28] קידושין, ל, ע״א; זען „חיי היהודי על פי התלמוד" מאת יצחק בהרב ר׳ שמשון סובאלסקי, תש״ו, 14 (זען דברים ד, 9).

[29] עבודה זרה ג, ב; אַן אגדה אין מכילתא, (יעקב בצלאל לויטערבאַך, ב׳ 2, ד׳ 237) מאָלט אויס אַ בילד פון דער תורה וואָס דאַרף פאַרבלייבן אין זכרון: „די תורה איז געגליכן צו דריי זאַכן, צו דער מדבר, צו פייער און צו וואַסער. דאָס לאָזט אונדז הערן, אַז פונקט ווי די דאָזיקע דריי זאַכן זיינען פריי פאַר אַלע וואָס ווערן געבוירן אין דער וועלט, אַזוי זיינען אויך די ווערטער פון דער תורה פריי פאַר אַלע וואָס ווערן געבוירן אין דער וועלט. זען: Aspects of the Rabbinic Concept of Israel, a Study in the Mekilta, Max Kadushin.

[30] ירושלמי, כתובות, ג, ע״ב; בבא בתרא, כא, ע״א; Fletcher H. Swift, 92—93; N. Draztn: History of Jewish Education, 27.

[31] "The Jewish Child", W. M. Feldman, 1918, 278.

[32] "Elementary Education in Ancient Israel" by Eleser Ebner, 1956, 12. דער מחבר ברענגט דעם מאמר (כתובות, ק״ה ע״א): אמר ר׳ אושעיא: שלוש מאות ותשעים וארבעה בתי דינין היו בירושלים. מיר האָבן אומדירעקטע חשבונות, אַז דאָס איז בלי ספק אַ גוזמא. עבנער האַלט טאַקע אַזוי.

[33] כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו נקרא נתעב. יומאי ע״ב׳ ע״ב.

[34] די אייגנאַרטיקייט און די ספּעציעלע פּאָזיציע פון די כתבי קודש, ווי אַ תורה מן השמים, האָט געפאָדערט באַזונדערע מעטאָדן, לאָגישע און פּסיכאָלאָגישע, אַריבערצו־שפּרייזן דעם חלל צווישן דעם תנך און די שפּעטערדיקע אַרויסזאָגונגען פון די תנאים. אַזעלכע מעטאָדן, „מידות", זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט גרויס אָפּגעהיטקייט. אַזוי האָבן מיר ר׳ ישמעאלס 13 מידות, די 32 מידות פון ר׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי, די 49 מידות פון ר׳ נתן (פאַרלוירן געוואָרן). דער כאַראַקטער פון אַזאַ אַרבעט מוז טייל מאָל פירן צו קוריאָזן. אַזוי, למשל, ווייזט אָן הערמאַן שטאַרק: „אין אַ סך פאַלן איז גאַנץ זיכער, אַז די הלכה איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פריער ווי די ראיה פון די כתבי קודש וואָס דאַרף זי שטיצן". Herman L. Strack, Introdlction to the Talmud and Midrash, 1931, 10.

[35] דער מאמר וועגן די תקנות פון יהושוע בן גמלא (בבא בתרא, כ״א, ע״א) גיט אַ האַרעלע מער פּרטים ווי געוויינטלעך. דרייזין האַלט דאָס פאַרן וויכטיקסטן דאָקומענט אין תלמוד וועגן דערציאונג, אָבער דער דאָזיקער מאמר איז טאַקע אַ יוצא מן הכלל, ניט בלויז בנוגע זיין דאָקומענטאַלער וויכטיקייט, נאָר אויך בנוגע דער אָנגעגעבענער צאָל פּרטים.

[36] "The Jews: Race, Nation", etc. S. Zeitlin, 38.

[37] "The Alexandrian Halakha in Apologetic Literature of the First Century C. E." By Samuel Belkin, 69.

[38] די ווייטערדיקע ציטאַט וואו עס רעדט זיך וועגן דעם פאַרהשכלהדיקן חדר, גיט אַ בילד, כאָטש אין אַנדערע טערמינען פון טראַדיציאָנעלן חינוך פון אַלע צייטן: „אין דער אמתן האָט דאָס קינד געלערנט אין חדר ניט געשיכטע, נאָר דראַמע. די דראַמאַטישע פאַנאַנדערוויקלונג פון אַ מעשה... וואָס אירע העלדן זיינען גאָט, וועלט, פאָלק... אָט די אַלע זיינען געווען דער קוואַל פונעם קינדס פערזענלעכער גייסטיקער יניקה... די העלדן פון דער יידישער דראַמע זיינען געבראַכט געוואָרן אין אַזאַ ענגער, אינטימער שייכות מיטן קינד, אַז „עבר"... איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איצטיקער צייט... עס איז דערפון אַרויס־געקומען אַן אייגנאַרטיקער צייט־פּראָדוקט, אַ פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונג, וואָס מען וואָלט געקענט רופן „חדר־צייט". „פון דור צו דור", לייבוש לעהרער, 1959, 164—165.

[39] „שהמגמה הכללית שלהם היתה לבסס את חייהם על הארמוניה בין הערכים הדתיים והתרבותיים של היהדות והערכים ונימוסי חייהם של הריניסאַנס. מגמה דואַליסטית זו נתגלתה בצורה בולטת באופיים התרבותי של כמה וכמה מבין רבני איטליה..." „חיי היהודים באיטליה בתקופת הריניסאַנס", מאת משה אביגדור שולוואס, תשט״ו — 1955, 255.

[40] פרקי אבות, by R. Travers Herford, 1945, 1.

פאַרמולירונג פון דעם הויפּטציל פאַר יידישער דערציאונג
פון יודל מאַרק

לכבוד ר׳ שלמהן

ווען אונדזערע זיידעס האָבן געטראַכט וועגן יידישער דערציאונג פאַר אונדזערע עלטערן, איז עס געווען פאַר זיי זייער אַ וויכטיקער ענין, אָבער אַ פּשוטער און אַ קלאָרער: מען דאַרף דאָס קינד „מאַכן פאַר אַ ייד״. און ווי מאַכט מען אַ קינד פאַר אַ ייד? מע דאַרף אים לערנען יידישקייט. און ווי לערנט מען יידישקייט? ראשית־כל עברי און דאַוונען, דערנאָך חומש מיט רשי, און דערנאָך גמרא, און ווייטער גמרא, מיט אַלץ מער און מער פּאַרטיפונגען — גמרא אָן אַ סוף. דאָס איז געווען די יידישקייט וואָס מען האָט געלערנט. עס איז אָבער געווען דער גרויסער שטח יידישקייט וואָס מען האָט ניט געדאַרפט לערנען, — מען האָט עס איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי ווי פון זיך גופא: יידישע פירונגען, יידישע מידות־טובות, אַלע באַזונדערקייטן פון לעבנסשטייגער, די פאָרמען און דעם ריטעם און דעם אינעווייניקסטן געזאַנג פון דעם איינגעשטעלטן יידישן לעבן. אַפילו ווען מען האָט בלויז אַ פּאָר יאָר זיך געלערנט אין חדר און ווייטער האָט מען נישט געקענט ממשיך זיין דאָס לערנען תורה, האָט מען געלערנט פון דעם לעבן, און דאָס לעבן איז געווען אין אַזאַ גרויסער מאָס די פאַרקערפּערונג פון תורה, אַז אַ פּולער עם־הארץ אין יידישקייט האָט ניט געקאָנט זיין קיין שום יידיש קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער איינגעפונדעוועטער יידישער סביבה.

אונדזער פאָלק האָט אין פאַרלויף פון אַלע זיינע דורות, לכל־הפחות זינט די צייטן פון ערשטן שיבת ציון, זייער אַ סך אַכט געלייגט אויף דערציאונג. עס איז אַ געבאָט פון דער תורה; עס זיינען וועגן דעם פאַראַן אַ שיעור בפירושע אָנזאָגן אין תלמוד און מיט דעם האָט מען דאָך געלעבט. נאָך מער, מיט דער מצווה פון דערציאונג איז דורכגעדרונגען דער גאַנצער פרומער פאָלקלאָר. אַפילו אליהו הנביא דערשיינט ווי אַ מין ניט־באַצאָלטער וואַנדערנדיקער מלמד פאַר יתומים.

דורך דעם גאַנצן מיטלעלטער און אין אַלע אונדזערע קהילות איז געווען קלאָר פאַרצייכנט אין די תקנות און פאַרשריבן אין די פּנקסים גענוי און פּינקטלעך וואָס עס זיינען די חיובים פון קהל בכלל און פון די באַזונדערע בעלי־בתים בנוגע חינוך און בנוגע מלמדים. מען איז געווען אַזוי פּרטימדיק, אַז כמעט אומעטום איז אַפילו געווען איינגעשטעלט אַ גענויער פּרייז־קוראַנט וויפל מע דאַרף צאָלן מלמדים.

יידישע דערציאונג איז געווען אַ פאַרוואָרצלטע, אַ שטענדיקע, אַן אומעטומיקע טעטיקייט אין דעם יידישן לעבן, בכל אופן אין דעם גאַנצן גלות־

לעבן. עס איז געווען געגוג וועגן וואָס זיך צו זאָרגן. מען האָט אָבער ניט געדאַרפט זיך זאָרגן — צוליב וואָס יידישע דערציאונג? אין דעם נוסח פון יידישער דערציאונג זיינען געווען שינויים, אָבער דאָס זיינען געווען קליינע שינויים. אָרט און צייט האָבן אַריינגעבראַכט בלויז גרויסע וואַריאַירונגען. יידישע דערציאונג האָט ניט דורכגעמאַכט קיין רעוואָלוציעס. עס זיינען געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געקעמפט קעגן די אָדער יענע שטריכן אין דער דערציאונג און זיי האָבן אויך אַ היפּש ביסל משפּיע געווען אויפן שפּעטערדיקן דרך. מען איז געווען פאַר אָדער קעגן פּלפּול; מען איז געווען אַנהענגערס פון לערנען דעם פּשט, אָדער לערנען כדי צו שלייפן דעם מוח. לויט מיין מיינונג איז געווען אַ טיפערער חילוק, צי מען האָט אָנגעהויבן חומש מיט ויקרא, אָדער אָנגעהויבן מיט בראשית. עס איז געווען אַ חילוק בנוגע דערציאונג צווישן אַנהענגערס פון קבלה און קעגנערס פון קבלה. אָבער די דאָזיקע ריכטונגען פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציאונג האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעפרעגט קיין עיקרדיקע זאַכן און זיי האָבן אויך נישט געדאַרפט צו פיל זיך חקירהן אַרום דער פראַגע: יידישע דערציאונג — צוליב וואָס?

עס זיינען געווען בעסערע און ערגערע צייטן; רויקערע און אומרויקערע, פעטערע און מאָגערע. אַ געוויסע ווירקונג האָט צייט תמיד געהאַט אויף יידישער דערציאונג. אָבער אפילו שלעכטע יאָרן, אפילו יאָרן פון גזירות האָבן ווייניק וואָס צעטרייסלט יידישע דערציאונג, סיידן פאַרשטייט זיך אַזעלכע גרויסע קאַטאַסטראָפעס ווי פּלוצעמדיקע גירושים, ווי גזירות פון ת״ח ות״ט, ווען דער הימל איז ממש אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. יידישע דערציאונג האָט אין די אַלע גלות־לענדער געהאַט אין זינען איין קולטור, די אייגענע, די יידישע.

ערשט ווען עס איז געקומען די השכלה איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן דערציאונג פאַר יידישע קינדער אין צוויי קולטורן. פאַרשטייט זיך — די דאָזיקע פאָרמולירונג איז נישט געווען, אָבער די אידיי איז יאָ געווען. וועגן דער דאָזיקער אידיי וועט אונדז נאָך אויסקומען שפּעטער צו ריידן. זי איז געווען אַ נייע, אַ רעוואָלוציאָנערע. זי האָט געזוכט תיקון און זי האָט געפירט צו אַ סך בראָכן און איבערבראָכן. ביז די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די השכלה נישט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג. ווען זי האָט זיך גענומען אויסברייטערן איז זי שוין געוואָרן אויס השכלה, נאָר מגולגל געוואָרן אין נאַציאָנאַלער און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די טיפע צעטרייסלונג אין יידישער דערציאונג איז פאָרגעקומען אין די לענדער פון אימיגראַציע. אונדזערע ספרדישע און דייטשישע ברידער האָבן שוין מיטגענומען אין די נייע לענדער וואו זיי האָבן זיך באַזעצט אַ יידישקייט וואָס לאָזט זיך אַריבערטראָגן. זיי האָבן אויך אַ היפּש ביסל אַרויסגעוואָרפן פון די קלומקעס זייערע. זיי זיינען געווען קלענערע גרופּעס

און די האָבן געהאַט בדרך־כלל ניט אַזעלכע שווערע יאָרן פון אויסגרינען זיך, ווי עס איז געווען באַשערט דער גרויסער מאַסע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. ביי די ספרדים און ביי די דייטשישע יידן איז געווען אַ קאָנטיקער שינוי אין דער דערציאונג פון קינדער, אָבער עס איז נישט געווען קיין גוואַלדיקער איבערבראָך. אַנדערש איז געשען מיט מזרח־אייראָפּעאישע יידן. אין די אַכציקער און אין די ניינציקער יאָרן איז מען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געווען עקאָנאָמיש און גייסטיק נאָך אַזוי דערדריקט, אַז דאָס דורותדיקע זאָרגן וועגן דערציאונג פון די קינדער איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרשטויסן געוואָרן. האָבן מיר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געהאַט אַ פאַרלוירענעם דור. קאַנאַדע, מיט דער יינגערער מאַסן־אימיגראַציע, האָט אים געהאַט אין אַ סך אַ קלענערער מאָס.

ערשט אין די יאָרן 1909־1910 הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און אָן ערך די זעלביקע דאַטע, בלויז מיט עטלעכע יאָר פריער, איז אַ גרענעץ־ליניע אין דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין מזרח־אייראָפּע. עס זיינען געקומען תיקונים און אפילו תוכיקע שינויים אין די פאַרשטעלונגען פון יידישער דערציאונג. דער צוליב וואָס האָט אָבער נישט געדאַרפט באַאומרואיקן. דער צוליב וואָס איז געבליבן דער אַלטער: „מאַכן פאַר יידן". עס איז בלויז צוגעקומען מאַכן פאַר היינטצייטיקע יידן. האָט איינער געקענט פאַרשטיין היינטצייטיקייט ווי אַנגעשטרענגטן און באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַליזם, העבראיזם, יידישיזם, וועלטלעכקייט. דער עצם באַגריף היינט־צייטיקע יידן איז געווען אַ פאַרשיידענער. האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע פאָרמולירונגען וועגן דעם צוליב וואָס.

דאַכט זיך מיר אַז די סאַמע קירצסטע און די סאַמע געלונגנסטע פאָרמולירונג האָט גראָד געגעבן דר' חיים זשיטלאָווסקי, ווען ער האָט עס אַרויסגעבראַכט אין זעקס קורצע ווערטער: „דאָס יידישע קינד פאַרן יידישן פאָלק". דאָס איז געווען דער תמצית נישט נאָר פון זיינע אייגענע רייד און אַרטיקלען, נאָר אויך פון דעם וואָס עס האָט אין די יאָרן 1909־1910 געשריבן דער פּראַקטישער פּיאָנער פון אונדזער דערציאונג אויף יידיש יואל ענטין. דער דאָזיקער לאָזונג, ביים אָנהייב פון דער אַנטוויקלונג פון יידישע שולן אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז געווען אַ פאַר־שטענדלעכער און האָט געקענט אַנגענומען ווערן פון אַלעמען, חוץ אַסימי־לאַטאָרן. אַזאַ מין לאָזונג, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעשטעלט פון דער יונגער יידישער שול אויף דעם קאָנטינענט, האָט פונקט אַזוי גוט געקענט זיין פאַר דער שיטה פון העבראיזם. דאָרטן האָט מען בלויז אַנדערש פאַרשטאַנען דעם באַגריף יידיש פאָלק. די עצם פאָרמולירונג קען אָבער בלייבן די זעלביקע.

אמת, די דאָזיקע קורצע פראַזע האָט אייגנטלעך געקענט באַפרידיקן

בלויז די וועלטלעכע, אָדער די וואָס מיר קענען בעסער אָנרופן די קולטוריסטן. אָבער מיר דאַרפן דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אונדזערע רעליגיאָניסטן זיינען געוואָרן היפש וועלטלעך (חוץ די גאָר עקסטרעמע). „דאָס יידישע קינד פאַרן יידישן פאָלק!" — האָבן געקענט אויסרופן יידישיסטן און העברעאיסטן, ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן, און, מיט אַ געוויסן לאָגישן שפּרונג, אויך בונדיסטן אָדער סתם סאָציאַליסטן מיט בפירושע אָדער באַהאַלטענע נאַציאָנאַלע שטימונגען. ווען מע האָט אַ „יידיש האַרץ", ווען מע גייט צו צו יידישער דערציאונג פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון קיום פון פאָלק, — זעט די פאָרמל אויס אַזוי פעסט און אַזוי קלאָר, אַז עס דאַכט זיך, אַז מע קען זי גאָרנישט אָפּפרעגן. דאָס איז אָבער נאָך אַן אָבעראַציע. די פאָרמל נעמט אָן ווי אַ לכתחילהדיקע הנחה, אַז מע ווי־ל דעם קיום פון יידישן פאָלק, אַז עס איז פאַראַן נאַציאָנאַלער רצון ווייטער צו זיין, אַז מע איז גרייט דאָס טייערסטע וואָס מע האָט, די קינדער, איינצושפּאַנען אין יאָך, אין דעם עול פון זיין אַ ייד.

אָבער ווי נאָר דער צוגאַנג ווערט אַן אַנדערער, ווי נאָר מע נעמט באַטראַכטן דערציאונג פאַר די אייגענע קינדער פון אַן אַנדער קוקווינקל, הייבן זיך אַרויס שאלות: איז יעדער יידיש קינד טאַקע מחויב צו לעבן ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן פאָלק? זיינען יידישע טאַטע־מאַמעס מחויב, מאָראַליש מחויב ווי יחידים, אַרויפצולייגן אויף זייערע קינדער אַ יאָך? דאַרף טאַקע דאָס יידישע קינד זיין אַן אייביקער יצחקל אויפן מזבח פון פאָלק? עס קען קומען אַ קנויל פון שנאה צו זיך און אַן איבערטריבענע ליבשאַפט צו קינדער, וואָס זאָל זיך שטעלן ווי אַן אבן־נגף אויפן וועג צו יידישער דערציאונג. מע דערציילט דאָך די מעשה וועגן אַ פּליט וואָס איז אַנטלאָפן פון היטלערישן דייטשלאַנד, געקומען קיין בראַזיל צוזאַמען מיט זיינע קינדער, און די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטאָן אין בראַזיל איז געווען אָפּשמדן זיינע קינדער. גענוג! זיינע עלטערן האָבן געליטן צוליבן זיין יידן, ער ליידט, ער איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן. וויל ער, אויס ליבשאַפט צו זיינע קינדער און אויס ריינער מענטשלעכקייט, איבעררייסן די קייט פון ליידן, און זאָל זי איבער־געריסן ווערן טאַקע ביי זיינע קינדער. זיינע אייניקלעך וועלן אינגאַנצן אויפהערן צו זיין יידן און אַ סוף זאָל עס נעמען! הערן מיר דאָך די זעלביקע עצה אויך פון ניט־יידן, וואָס זיינען גאָרניש קיין אַנטיסעמיטן: עס האָט ניט קיין זינען פאַר אייך צו בלייבן אַ באַזונדערע און אַ געשטעמפּלטע גרופּע. זייט עגאָאיסטיש און האָט רחמנות אויף אייערע קינדער!

דער פּליט פון בראַזיל איז בלויז אַ בולטער משל, אָבער אין אַ געוויסער מאָס איז פאַראַן דאָס דאָזיקע האַלב־טראַכטן ביי די אַלע וואָס זיינען פּאַסיוו און וואָס נעמען זיך ניט צום האַרצן יידישע דערציאונג. אין אַ סך אַ קלענערער מאָס, אין קלענערע דאָזעס שטעקט דער פּליט פון בראַזיל אין די אַלע עלטערן וואָס ווילן זיך אַרויסדרייען פון זייערע התחיבותן לגבי

יידישער דערציאונג. די אַלע וואָס זאָרגן, נעבעך, אַז עס איז שווער, עס איז נישטאָ קיין צייט, אַ קינד דאַרף זיך לערנען מוזיק, דאַרף זיך לערנען טאַנצן, אַ קינד דאַרף האָבן צייט זיך צו שפּילן. אין אַ געוויסער מאָס איז עס פאַראַן אויך אין אונדזער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, וואָס גיט אָפּ רעלאַטיוו אַזוי ווייניק געלטמיטלען און אַזוי ווייניק כוחות פאַר יידישער דערציאונג, וואָס פאַרנעמט זיך אין־דער־אמתן מיט יידישער דערציאונג בלויז כלאחר־יד, וואָס האָט פון יידישער דערציאונג ווייט ניט געמאַכט דעם אבן־פּינה פאַרן גאַנצן בנין פון אייגענעם לעבן. ערגעצוואו שטעקט אַ געפיל, אַז זיין אַ ייד איז גאָרניט אַזאַ הויכע מדרגה, און דעריבער איז גלייכער אַ ביסל אַ נידעריקערע מדרגה פון יידישקייט פאַר קינדער. עס מאַכט ניט אויס, אַז די דאָזיקע יידישקייט אין די קינדער וועט זיך ניט אַזוי שטאַרק וואָרפן אין די אויגן. טראַכטעניש פון דעם מין זיינען פאַראַן נישט נאָר ביי די ראַנדן פון אונדזער פאָלק, ניט נאָר ביי די אַזוי גערופענע ראַנד־יידן. אַ סך מאָל האָבן מיר צו טאָן מיט נאַציאָנאַלע יידן, וואָס זיינען בלויז אויבנאויפיק נאַציאָנאַלע. זיי אַליין מעגן זיך קהלן אַרום יידישע ענינים, זיי אַליין באַשטייערן זיך פאַר יידישע צוועקן, אָבער ווען עס קומט צום אייגענעם קינד פאַרגעסן זיי די אייגענע פּרינציפּן און מע נעמט גיין אויף קליינע פשרות און דערנאָך אויף גרעסערע פשרות, ביז זיי ווערן אַ סתירה צו דעם וואָס מע זאָגט אַליין אויף פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן איצט חמרים יידן וואָס זיינען גוטע יידן אויף אַ מיטינג און שלעכטע יידן אין דער היים. זיי קענען אַפילו זיין גוטע יידן 'בצאתך', אָבער זיי זיינען ווייט פון צו זיין גוטע יידן 'בביתך'.

די פאָרמל „דאָס יידישע קינד פאַרן יידישן פאָלק" קען אויך ווערן צעלעבערט פון מאַשין־געוועבר וואָס הייסט „פּראָגרעסיווע דערציאונג". פאַראַן אַזוי פיל פאַרשיידענע שיטות און אַזוי פיל אויך באַהאַלטענע סתירות אין פּראָגרעסיווער דערציאונג, אַז דער עצם באַגריף איז איצט אַ סך ווייניקער קלאָר און אַ סך מער באַשטרייטלעך ווי מיט אַ דרייסיק אָדער אַפילו מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. אָבער דאָך איז פאַראַן אין פּראָגרעסיווער דער־ציאונג אַ קלאָרער אויסגאַנגס־פּונקט, אַ קלאָרער יסוד וואָס עס איז שווער צו באַשטרייטן. דער אויסגאַנג־פּונקט און דער יסוד איז דאָס קינד. מען האָט אין זינען, אַז די תקופה פון זיין אַ קינד זאָל זיין פאַר זיך אַ וועדטפולע תקופה. מען האָט אין זינען, אַז דער צענטער זאָל זיין דער יחיד אין זיין באַציאונג און אין זיינע שייכותן צו זיין סביבה. ווען מע נעמט אויף פּראָגרעסיווע דערציאונג בלויז העדאָניסטיש, ווען מע טראַכט, אַז דאָס געבאָט פון פּראָגרעסיווער דערציאונג איז ווייניקער יאָכן און ווייניקער מוזן פאַרן קינד, און וואָס מער פרייקייט — איז פאַרשטייט זיך, אַז מע באַנעמט דעם דאָזיקן באַגריף נאָר אויבנאויפיק, אַז מע שפּייזט זיך דערביי נאָר מיט ברעקלעך, מיט שיריים וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן פון רייכן טיש פון פּראָגרע־

סיווער דערציאונג. אָבער פּראָגרעסיווע דערציאונג האָט יענע געזונטע גרונט־פּרינציפּן, וואָס ניט מיר קענען זיך אָפּזאָגן פון זיי, און ניט מיר דאַרפן עס טאָן ווי יידישע דערציערס. מיר דאַרפן בלויז אויסמיידן די גוזמאות און פאַלשע און פלאַכע פּאָפּולערע פאַרשטעלונגען וואָס האָבן זיך צוגעפּלאָנטערט און צוגעטשעפּעט צו די גרונט־אידייען פון פּראָגרעסיווער דערציאונג.

אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט פון קינד — דאָס איז בלי ספק יענע פאָרמולירונג פון די הויפּטצילן פון דערציאונג, וואָס פון דעם קענען מיר זיך נישט אַרויסבאַפרייען. דער גאַנצער באַגריף פּערזענלעכקייט איז זייער אַ קאָמפּליצירטער. מיר קענען זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אַפילו נישט אין קיין אויבנאויפיקן אַנאַליז. עס איז גענוג צו טראַכטן וועגן דער קוואַליטעט פון באַזונדערקייט און פון באַשטענדיקייט דורך שינויים אין דעם מענטש־לעכן איך.

יעדער מין דערציאונג דאַרף האָבן דעם ציל די אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט פון דעם וואָס ווערט דערצויגן. דאָס איז אין די אינטערעסן פון דעם וואָס מיר דריקן אויס אין דער באַנאַלער פראַגע „אַ בעסערע וועלט״. און אונדזער גאַנצע וועלט איז אויפן שוועל פון אונטערגאַנג, אויב זי וועט ניט ווערן קיין בעסערע. אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט פון דעם יחיד איז די איינציקע גאַראַנטיע אַז עס זאָל בלייבן און זיך קענען אַנטוויקלען אַ דעמאָקראַטישע וועלט, אפשר די איינציקע וועלט וואו עס לוינט זיך צו לעבן. מיר, אויף אונדזער שטח, קענען ניט אַנטלויפן פון דעם דאָזיקן גרונטציל פון דערציאונג: אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט.

מיר מיידן דאָ אויס אַ פאַרטיפן זיך אין דעם באַגריף פּערזענלעכקייט. וועגן דעם זיינען דאָ אַזוי פיל גרונטיקע באַטראַכטונגען. מיר קענען אָבער ניט אויסמיידן כאָטש אַ ביסל צו ריידן וועגן דעם באַגריף קינד. ווען מען האָט ביי אונדז גענומען פּראָפּאַגאַנדירן אַ מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, האָט מען גוט און ריכטיק אַרויסגעהויבן, אַז עס איז ניטאָ קיין סתם מענטש, נאָר עס זיינען בלויז פאַראַן מענטשן וואָס געהערן צו פעלקער, צו גרופּעס, צו שבטים אאַז״וו. עס איז אויך ניטאָ קיין סתם קינד. מע קען ניט ריידן וועגן אַ קינד ערגעץ אין די וואָלקנס. יעדעס קינד איז פון געוויסע עלטערן, פון אַ געוויסער היים, פון אַ געוויסער סביבה. און יעדעס קינד קומט נישט אויף דער וועלט נאַקעט. קיינער ווערט ניט געבוירן אַ tabula rasa. אַ קינד קומט אויף דער וועלט מיט געוויסע פעאיקייטן, אָדער פּינקטלעכער מיט געוויסע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען געוויסע פעאיקייטן, מיט געוויסע נטיות. עס איז דאָך באַקאַנט דער אַלטער וויץ בשייכות מיטן וויכוח צווישן ירושהדיקייט און סביבהדיקייט: אויב דאָס קינד איז ענלעך אויפן טאַטן — איז עס אַ ראיה אויף ירושהדיקייט; אויב דאָס קינד איז ענלעך אויפן שכן — איז עס אַ ראיה אויף סביבהדיקייט. די אויפגאַבע פון דערציאונג איז

צו אַנטוויקלען די פעאיקייטן און די נטיות פון קאָנקרעטע קינדער, געבוירענע ביי באַשטימטע עלטערן, פון אַ באַשטימטער היים און אַ באַשטימטער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ קומט נאָך אַריין דער מאָמענט פון אָפּשאַצן, דער מאָמענט פון ווערט פון אונדזער אַלגעמיינעם מאָראַלישן צוגאַנג. ניט אַלע נטיות קענען זיין גוטע, שעפערישע, פּאָזיטיוו־מענטשלעכע. עס קומט אויס געוויסע נטיות אויך צו דערשטיקן, זיי צו סובלימירן. אָבער מירריידן בלויז וועגן פעאיקייטן און נטיות וואָס זיינען ווערט אַנטוויקלט צו ווערן, קולטיווירט צו ווערן.

דער מוח פון אַ קינד, וואָס הינטער אים זיינען דאָ דורות פון לומדים, וואָס הינטער אים איז דאָ אַ סיני פון קולטור, מוז זיין אַן אַנדערער ווי דער מוח פון אַ קינד, וואָס הינטער אים זיינען דאָ בלויז דורות פון אַנאַלפאַבעטן און פון די וואָס האָבן בכלל ניט קיין פאַרפעסטיקטן היסטאָרישן זכרון. מיר יידן האָבן מער מעגלעכקייטן פאַר אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אַ יידישער מוח איז ניט עפּעס וואָס באַר מיר אָדער אונדזערע שונאים האָבן אויסגעטראַכט. אַ יידישער מוח איז עפּעס וואָס אונדזער געשיכטע האָט אַנטוויקלט. איז אַ יידישער מוח אַ קולטור־וועלט וואָס מיר טאָרן אים נישט פאַרוואַרפן.

געפיל־מעגלעכקייטן פון אַ קינד, וואָס הינטער אים זיינען דאָ דורות צאַרטע יידישע מאַמעס, מוזן זיין גרעסערע ווי די זעלביקע מעגלעכקייטן ביי אַ קינד פון אַ רויער און אַ פּרימיטיווער גרופּע. דער גאַנצער סכום יידישע ליידן אין פאַרלויף פון אַ קייט דורות, די סענסיטיווקייט וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט, די עמאָציאָנעלע וואַכיקייט זיינען פּאָטענצן און מעגלעכ־קייטן פאַר אַ טיפערער אַנטוויקלונג ווי ווען מע זאָל נעמען אַ קינד פון אַ פאַרגרעבטער, אומסענסיטיווער סביבה.

פאַרשטייט זיך אַז אויב דאָס דאָזיקע יידיש־געבוירענע קינד זאָל דערצויגן ווערן אין אַ פרעמדער סביבה, וועלן די מעגלעכקייטן פון זיין אינטעלעקטו־עלער און עמאָציאָנעלער אַנטוויקלונג זיך ניט רעאַליזירן. זיי וועלן דערשטיקט ווערן. און אין דעם טאַקע דאַרף עס אונדז גיין. דער גרונט־געדאַנק פון פּראָגרעסיווער דערציאונג באַשטייט אייגנטלעך אין דעם, אַז דאָס וואָס איז מעגלעך צו ווערן אַנטוויקלט, די גוטע שפּראָצן פון פערזענלעכקייט, זאָלן ניט דערשטיקט ווערן.

טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג איז געווען דורך־און־דורך דורכ־געזאַפּט מיט עמאָציאָנעלקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם וויגעלע וואָס אונטער דעם איז געשטאַנען דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע. די דאָזיקע עמאָציאָנעלקייט האָט זיך געצויגן דורך וואַרעמער משפּחהדיקייט, דורך יידישן יום־טוב, דורך קדושה פון שבת, דורך דעם רבינס מעשיות, דורך דער וועלט פון אגדה און מדרש. נאָך מער האָט מען געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען דעם מוח פון קינד, דעם מוח — דעם טייערסטן געשאַנק פון

דעם מין מענטש. שוין צו זעקס־זיבן יאָר האָט מען פאַרן קינד געשטעלט שווערע פּראָבלעמען, אַבסטראַקטע ענינים, — ווי נאָר מען האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא. עס איז קלאַסיש די סיסטעם מיט דער אויפפאָדערונג פון דעם רבין: שייגעץ, פרעג אַ קשיא! מען האָט אייגנטלעך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען די יידישע פּערזענלעכקייט פון קינד. איך פּאַרטיידיק נישט דאָ די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. ווי גוט זי איז נישט געווען, איז זי געווען פאַר אַן אַנדער צייט און פאַר אַן אַנדער סביבה. און בלינד זיינען די וואָס מיינען, אַז מע קען לעבן ווי אונדזערע גליקלעכערע זיידעס האָבן געלעבט. איך וויין בלויז אָן, אַז אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער דער־ציאונג איז געווען דער גרונט־יסוד פון יעדער ריכטיקער יידישער דערציאונג: אַנטוויקלען די יידישע פּערזענלעכקייט פון דעם קינד.

ביי די נייע באַדינגונגען, אין דעם איצטיקן לעבן, ביי אונדזערע איצטיקע השקפות אויף לעבן און דערציען — איז אונדזער דערציערישער גרונטציל דער זעלביקער. ער דאַרף אָבער פון אינטואיטיוון איינזען אַריבערגיין צום ביודעימדיקן, צו אַ קלאָר־פאָרמולירטן: אַנטוויקלען די יידישע פּערזענלעכ־קייט פון קינד.

וואָס זשע באַטייט עס? ביי וואָסערע גרונט־פּרינציפּן דאַרפן מיר זיך דערביי האַלטן?

כדי צו קענען ענטפערן אויף דעם, דאַרפן מיר זיך אַרומקוקן און דערזען די וויכטיקסטע לעבנס־אומשטאַנדן פון אונדזערע קינדער.

דאָס ערשטע וואָס מיר דערזעען איז, אַז מיר יידן לעבן אין גלות. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט קיין פּאָפּולער וואָרט. איך ווייס, אַז אַ טייל פון אונדזער געזעלשאַפט בינדט עס צונויף מיט שלילת הגלות. אָבער דאָ רעדט זיך וועגן גלות אין דעם טיפסטן זינען. גלות איז נישט בלויז אַ סכום געזעצן קעגן יידן, איז ניט בלויז די באַרימטע צאַרישע פאָרמל „קראַמיע יעווריעוו״, און אויך ניט אַרויסווייזונגען פון דיסקרימינאַציע אָדער אַנטיסעמיטיזם. אַפילו ביי דער פולסטער גלייכבאַרעכטיקונג וואָס קען אין־דער־אמתן ניט זיין כל־זמן מע בלייבט אַ מיעוט, קומט אויס יעדן יחיד פון דעם מיעוט צו לעבן אין מער גייסטיקער שפּאַנונג ווי דעם יחיד פון דעם רוב.

דעם יידן קומט תמיד אויס צו קאָנקורירן גייסטיק מער אָנגעשטרענגט ווי דעם ניט־יידן. ער דאַרף האָבן מער ידיעות, ער דאַרף זיין מער אָפּגעהיט אין זיינע מעשים. ער איז תמיד אין אַ קאָנקורענץ פאָרמעסט, וואו ער הייבט אָן אַ ביסל הינטערשטעליק און ער דאַרף מיט מער אָנשטרענגונג דעריאָגן דעם וואָס איז פאָראויס. די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכע פסיכישע שפּאַנונג איז — גלות. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס אויב דער ייד וויל באמת, אַז זיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן בלייבן יידן, איז ער דורך דעם דאָזיקן ווילן איינגעשפּאַנט אין אַ שווערן גלות. יעדער ייד וואָס איז ניט זיכער מיט זיינע אייניקלעך, אַז זיי וועלן בלייבן יידן, כאָטש מיט דעם מינימום יידישקייט

אויף וועלכן ער איז גרייט איינצוגיין, יעדער ייד איז דורך דעם גופא אינע־וויניק ביי זיך אַ גלות־ייד... אַפילו ווען ער זאָל עפנטלעך שטורעמען קעגן אַזאַ מין אויסדרוק.

בכן, קומט אויס ביים אַנטוויקלען די יידישע פערזענלעכקייט פון אונדזערע קינדער, זיי צוצוגרייטן צו דער גלות־סיטואַציע. ווי טוט מען דאָס? מע דאַרף העלפן אַנטוויקלען אַ ספּעציעלן סכום גייסטיקע כוחות אויף צו קענען אַריבערטראָגן די באַזונדערע שפּאַנונג אין וועלכער עס קומט אויס דעם יידן צו לעבן, אויב ער וויל ניט פאַרניינען זיין אייגענעם מהות (און אויב ער וויל אים יאָ פאַרניינען, לעבט ער ווידער אין שפּאַנונג, כאָטש פון אַן אַנדער מין).

מיר יידן האָבן אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ פּסיכאָלאָגיש זייער ווירקנדיקע רפואה וואָס דאַרף אונדז העלפן אַריבערטראָגן די דאָזיקע כסדרדיקע גייסטיקע שפּאַנונג. דאָס איז די אידיי פון יידישער אויסדערוויילטקייט. דאָס איז דער הינטערגרונט פון דעם אתה־בחרתנו מיט דעם איידעלערן אויסטייטש, אַז מיר זיינען אויסדערווילט ניט צו הערשן איבער עמעצן, אָדער צו שטיין אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע, נאָר מיר זיינען אויסדערווילט צו האָבן מער געבאָטן. פאַר די בני־נח זיינען געווען גענוג זיבן מצוות. אונדז האָט מען אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן 613. מיר טאָרן ניט טאָן אַ סך זאַכן וואָס יענע מעגן יאָ, און מיר מוזן טאָן זייער אַ סך זאַכן וואָס יענע דאַרפן גאָרנישט טאָן.

כדי אָנצונעמען די דאָזיקע אויסדערוויילטקייט איז נישט נייטיק צו זיין דווקא אַ טראַדיציאָנעלער אָרטאָדאָקסישער ייד. עס איז גענוג אַז מען איז אין וואָסער ניט איז מאָס אַ גלייביקער ייד. ווילן מיר אין דעם אויך נישט אַריינגיין ווייטער. מיר האַלטן, אַז יעדער ייד וואָס וויל בלייבן אַ איד — איז אַ גלייביקער ייד. ער גלייבט, אַז דער קיום פון זיין פאָלק האָט אַ זינען און אַ ווערט. ער גלייבט, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע פון אברהם אבינו ביז אונדז און ווייטער האָט אַ זינען און אַ ווערט. אויב אַפילו דער גלייביקער ייד קען ניט פאַרטראָגן דעם עפּיטעט 'גלייביקער', זאָל ער אַ טראַכט טאָן און אייַנזען, אַז אין דעם איז פאַראַן די נאַטירלעכע, מענטשלעכע, יחידישע אייגנשאַפט פון פילן און טראַכטן, אַז מען האָט אַ ווערט, און אַז דאָס אייגענע לעבן האָט אַ זינען. אַלע קולטור־פעלקער באַטראַכטן זיך פאַר אויסדערוויילטע אין אַ געוויסן זינען, ביז אַ געוויסער מאָס. פונקט ווי דאָס איז נאַטירלעך אויך פאַר יעדן שעפערישן יחיד. זאָל מען עס אויסטייטשן ווי מע וויל פּסיכאָלאָגיש, אָבער עס בלייבט פאַרט, אַז אַ מאָדערנע, קיינעם ניט באַליידיקנדיקע פאָרמולירונג פון יידישער אויסדערוויילטקייט, אַ פאָר־מולירונג פאַר זיך און נישט פאַר אַנדערע, — איז אַ לעבנסנויטווענדיקייט פאַרן ווייטערדיקן קיום. כדי צו קענען וועלן בלייבן אַ ייד איז נייטיק דער גלויבן, אָדער די איינריידעניש, אַז עס איז וויכטיק פאַרן פאָלק, דער יחיד

זאָל בלייבן אַ ייד, און עס איז וויכטיק פאַר דער וועלט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל בלייבן אַ פאָלק. מע קען ניט באַרעכטיקן סתם קיום דורך קיום. דאָס איז נישט גענוג. דאָס קען פירן בלויז צו באַגרענעצטע שיטות ווי עס איז דער עקזיסטענציאַנאַליזם. אונדזער קיום דאַרף האָבן אַ באַרעכטיקונג העכער ווי קיום, אַן אַלמענטשלעך־יידישע באַרעכטיקונג.

פאַראַן עפּעס וואָס שרייט אַרויס פון אונדזער גאַנצער געשיכטע. דעם דאָזיקן עפּעס מעג מען באַנעמען ווי מע וויל. כשאני לעצמי הער איך עס ווי אַן אָנזאָג: מיר יידן זיינען די אייביקע עדות פון רבונו־של־עולם, אַז דער כוח פון יושר איז שטאַרקער ווי דער „יושר" פון כוח. מעגן עס אַנדערע אַנדערש פאָרמולירן און אפשר אויסקומען אָן רעליגיעזער באַפאַרבונג. אָבער מע דאַרף איינזען, אַז די אידיי פון אַ שליחות פון פאָלק האָט אַ זינען אויך פאַר דעם סאַמע ניכטערן צוגאַנג צו געשיכטע. איך שטעל זיך דעריבער ניט פאַר אַ פּעולהדיקע יידישע דערציאונג אָן דעם געדאַנק פון יידישער אויסדערוויילטקייט כאָטש אין עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג. מע דאַרף נישט וועגן דעם טרומפּייטערן אין די גאַסן. עס איז ניט עפּעס פאַר דעם דרויסנדיקן באַנוץ און ניט כדי איינצומאָנען אויטאָר־רעכט פאַר קולטור־בויערישע אידייען און קולטור־שעפערישע ווערטן, נאָר מע דאַרף עס האָבן פאַר זיך, פאַר אייגענע קינדער, און מע דאַרף עס אַרויסהייבן אין אונדזער דערציאונג. עס קומט אויס צו געווינען די אייגענע קינדער פאַר זיך. דערביי דאַרפן מיר אַרויפליייגן אויף זיי אַ יאָך, דעם יאָך פון יידישקייט. מוזן מיר עס קאָמפּענסירן מיט אַ טיף געפיל, וואָס זאָל אַרומפאַנצערן דאָס האַרץ און וואָס זאָל זיין אַ קוואַל פאַר אינווייניקסטער שטאַרקייט. דער דאָזיקער פאַנצער און די דאָזיקע שטאַרקייט זיינען נייטיק, כדי צו קענען לעבן און צו קענען אַריבערטראָגן כסדרדיקע גייסטיקע שפּאַנונג.

מיר דאַרפן איינזען, אַז דער אַמאַליקער גלות, דער גלות מיט מיטל־עלטערלעכע געטאָס, דער גלות מיט דיסקרימינאַציעס, — איז גייסטיק גרינגער אַריבערצוטראָגן, ווי צו בלייבן יידן אין אַ גרינגערן גלות, אין אַ קוים־קוים מערקלעכן גלות, אין דער פרייער געזעלשאַפט פון אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. און אונדזער געשיכטע האָט אונדז דערוויל אויסגעלערנט ווי צו בלייבן לעבן, ווען מע רודפט אונדז (ביז צו אַ געוויסער מדרגה); אונדזער געשיכטע לאָט אונדז נאָך ניט אויסגעלערנט ווי צו בלייבן יידן, ווען מע רודפט אונדז נישט. גלייכבאַרעכטיקונג איז היסטאָריש נאָך אַ יונגע דערשיינונג, און זי איז נאָך כמעט אין ערגעץ ניט קיין פולקומע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער מיר ווילן נישט קיין השיבנו־נאָזאַד. מיר קענען בלויז האָבן בענקשאַפט צו דעם אַלטן שטייגער אין דעם קליינעם שטעטל, מיר קענען אָבער ניט לעבן, מיר ווילן ניט לעבן מער אין די דאָזיקע באַדינגונגען. איז דעריבער גוואַלטיק נייטיק אַן אינווייניקסטע פאַרפאַנצערונג, די גייסטיקע פאַראַנ־קערונג אין דעם פולן גאַנג פון מענטשלעכער געשיכטע, דער גלויבן, אַז

מיר שפּילן דאָרט אַ באַזונדערע ראָלע. דאָס דאַרף זיין אַ יסוד פאַר יידישער דערציאונג.

עס איז דאָ נאָך עפּעס וואָס אונדזער געשיכטע האָט אונדז וועגן דעם דערווייל געגעבן זויניק דערפאַרונג, הגם פון די גייסטיקע ריזן פון אַמאָל קען מען זיך אָפּלערנען. דאָס איז דער ענין פון גלייכצייטיק געהערן צו צוויי קולטורן. מיר וויסן נאָך נישט גענוג, ווי אַזוי צו דערציען די קינדער, אַז צווייקולטורישקייט זאָל ווערן אַ טיפע און אַ באַשטענדיקע אייגנשאַפט פון זייער פערזענלעכקייט.

מיר האָבן צוויי טויזנט יאָר געלעבט צווישן פעלקער, אָבער ניט ווי די פעלקער. מיר האָבן זיך אַרומגעצוימט. מיר האָבן געלעבט אין אַ גייסטיק געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען געווען אַ סך לעכער אין די ווענט אַרום דעם גייסטיקן געטאָ. די אַרומיקע קולטורן האָבן געווירקט אויף אונדז און מיר האָבן אַ היפּש ביסל משפּיע געווען די אַרומיקע קולטורן. אָבער דאָך האָבן מיר געלעבט אונדזער פאַרזיכיק און אָפּגעזונדערט לעבן. איצט — נישט מיר קענען און נישט מיר ווילן קיין גייסטיק געטאָ. דאָס איז חל אויף די פרומע צווישן אונדז, און אוודאי אויף אַלע מינים וועלטלעכע און אויף אַלע מדרגות פון וועלטלעכקייט. אונדזערע קינדער ווערן אַריינגעגלידערט אין דער קולטור פון דעם לאַנד, פון דער אַרומיקער סביבה און, אויב אין דער סביבה איז דאָ אַ צונויפשטויס פון צוויי אָדער מער קולטורן, קלייבן מיר תמיד אויס די וואָס איז העכער. עס וואָלט געווען אינגאַנצן ניט רעאַליסטיש צו פאַרלאַנגען, אַז יידישע דערציאונג זאָל זיין אַבסאָלוט אָפּגעריסן פון דער אַרומיקער הערשנדיקער קולטור. ווערט מען זי אַרויסטרייבן דורכן פענצטער, וועט זי סיווי עפענען ברייט די טיר. הייסט עס, אַז די דערציאונג פון אונדזערע קינדער דאַרף באַשטיין אין אויסהאָדעווען זיי אין צוויי קולטורן. און פון דעם איז געדרונגען, אַז יידישע דערציאונג פון דער פערזענלעכקייט הייסט שטרעבן דערצו, אַז דער אונטערוואַקסנדיקער יידישער מענטש זאָל גלייכצייטיק קענען און וועלן געהערן נישט בלויז צו דער קולטור פון זיין סביבה, נאָר צו דער באַזונדערער און אייגנאַרטיקער קולטור פון זיין יידיש פאָלק. פונקט ווי די יידישע פערזענלעכקייט נעמט אָן די אַרומיקע קולטור און ווערט פון איר באַווירקט, אַזוי דאַרף זי אויך אָננעמען און זיך לאָזן באַווירקן און בענטשן דאָס באַווירקט ווערן פון דער יידישער קולטור. דאָ גייט ניט בלויז אין אַ סכום ידיעות, אין קענען אַ יידיש לשון, אָדערביידע לשונות, אָדער אין קענען יידישע געשיכטע, אָדער וויסן וואָס עס טוט זיך מיט יידן אויף דער וועלט און וואָס עס טוט זיך ביי יידן גופא. עס גייט אין דערציען צום וועלן זיך מיטבאַטייליקן אין דער קולטור פון דעם יידישן פאָלק, צו וועלן געניסן פון איר. אַ סך שווערער ווי די פראַגע: „צי וועלן מיר דען קענען?" איז פּרצעס איבערפאָרמולירונג: „צי קענען מיר דען וועלן?"

און עס איז נייטיק זייער אַ גרויסער באַגאַזש ווען לעבן אין צוויי קולטורן איז אַ שווערער פּאַרמעסט. עס איז אַן עול און עס איז אַן אוצר. דורך דעם ווערט די פּערזענלעכקייט פון דעם מענטשען געוואַלדיג רייך. עס הייסט לעבן אין צוויי באַזונדערע אויסמעסטונגען. אָבער אין דער עשירות שטעקן אויך געוואַלדיקע סכנות. וואָס זאָל מען טאָן, אַז די מעכטיקע קולטור פון דער סביבה זאָל נישט איינגאַנצן פאַרשאָטענען די אייגענע, די שוואַכערע יידישע קולטור? און אין אַ געווויסן זינען איז זי שוואַכער שוין מיט דעם וואָס זי האָט צו טאָן מיט קלענערע צאָלן, מיט ווייניקער מעגלעכקייטן און נעמט נישט אַרום אַלע פּלאַכן פון לעבן. מע קען אַנטקעגנגיין די סכנות, ווען מען איז טאָפּלט באַוואָפנט: הן מיט אַ סכום יידיש וויסן, הן מיט אַ סכום יידישע געפילן. און דאָס צווייטע איז נאָך וויכטיקער ווי דאָס ערשטע. געטריישאַפט צו דער אומה דאַרף אין דער יידישער פּערזענלעכקייט זיין אַזוי טיף פאַרוואָרצעלט, אַז קיין שום דרויסנדיקע ווינטן זאָלן דאָס יידישע נישט קענען אַרויסרייסן און אַוועקטראָגן.

פאַרפלאַנצן יידישע געפילן מוז זיך אָנהייבן אַזוי פרי ווי מע קען נאָר. דאָס הייסט אין דער היים. און בנוגע שול הייסט עס פון דעם ערשטן טאָג אין קינדערגאָרטן. עס איז ניטאָ קיין גרינגע יידישע דערציאונג. עס קען ניט זיין יידיש וויסן בלויז אויפן שפּיץ מעסער און עס קען נישט זיין קיין יידישע דערציערס בלויז פאַכמענער. דאָ פאָדערט זיך אין קליינינקייט: כסדרדיקע קדושה. די אידיי פון יידישער אויסדערוויילטקייט ווי אַ גרונט־יסוד און די שווערע, אָבער אויך לויכטנדיקע הכבדה פון צוויי־קולטורישקייט מוזן זיך אין דער יידישער פּערזענלעכקייט בינדן מיט אידעאַליסטישקייט. אַלע קולטור־פעלקער האָבן אין די לעצטע דורות געזינדיקט מיט דעם וואָס דערציאונג איז דערעיקר איינגעשטעלט געוואָרן פאַר פּראַקטישע צוועקן. עס איז געגאַנגען אין אויסלערנען „מאַכן אַ לעבן", קריגן קענטעניש און געניטשאַפטן צו פאַרדינען גענוג לייטיש. עס איז אויך ניט גענוג די איינשטעלונג פון צופּאַסן זיך צו דער סביבה. עס איז אויך נישט גענוג די אידיי פון זיין ניצלעך דער סביבה. עס איז נישט גענוג דער באַשטרעב אויסצומיידן קאָנפליקטן צווישן דעם יחיד און זיין גרופּע אָדער זיין סביבה. פּראַקטישקייט קען דערפירן צום סאַמע ערגסטן. דערציאונג טאָר ניט זיין דערציאונג צו עגאָאיזם אָדער צו אַזאַ קאַלטן אַנווערטיקן פּראַגמאַטיזם. דערציאונג דאַרף זיין לשם לערנען און צוליב הויכע און אפשר אומדער־גרייכלעכע אידעאַלן.

אין דעם פּרט קומט אונדז אויס וויטער צו ציען דעם אוראַלטן יידישן פּאָדעם. דער עטישער תוך פון יידישקייט באַשטייט אין דעם, אַז מיר לעבן ניט צוליב די קורצע און פאַרבייפליענדיקע הנאות פון לעבן, נאָר כדי צו דינען אידעאַלן. אונדזער טראַדיציע האָט עס אָנגערופן דינען גאָט. איך פּערזענלעך האָב גאַרנישט קעגן דער דאָזיקער פאָרמולירונג. אָבער אפילו

די וואָס פילן זיך אומבאַקוועם איבער עפּעס אַן אָפּדאַכטעניש, אָדער אַן איינריידעניש, און זיינען ניט גרייט אָנצונעמען די דאָזיקע אַלטע פאָרמולירונג, גייען ניט אַוועק פון דעם, אויב זיי זאָלן אָננעמען דעם פּרינציפּ, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן האָט אַ זינען העכער פון דעם לעבן, און אַז דער מענטש לעבט צוליב הויכע אידעאַלן. אונדזער ציל איז, ווי יידן יחידים און ווי אַ יידיש פאָלק אין דעם לויף פון דער געשיכטע, פאָרמולירט אין די ווערטער לתקן עולם במלכות שדי. און ווייל דאָס איז אַן אומדערגרייכלעכער ציל, איז עס אַן אייביקער ציל. און אונדזער קיום האָט אַן אייביקן זינען, אַדאַנק און צוליב דעם אייביקן ציל. די יידישע פּערזענלעכקייט, וואָס מיר דאַרפן שטרעבן זי צו דערציען, איז בכן אַן אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייט וואָס וויל און קען גלייכצייטיק לעבן אין צוויי קולטור-ספערעס, וואָס פילט און באַנעמט די שוועריקייט, די אחריות און די שליחות פון אַזאַ מין עקזיסטענץ.

יידישע דערציאונג קען זיך נישט בויען אויפן פּרינציפּ פון סתם קיום. אין די ראַמען פון אונדזער אייגענער פאָלקישקייט דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז אפילו אויב דער רבונו-של-עולם וואָלט אונדז טאַקע גאַראַנטירט, אַז ער וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ שומר ישראל, איז עס נאָך נישט גענוג. יידישער קיום מוז כסדר קריגן באַרעכטיקונג דורך יידישער שעפע־רישקייט. אַ יידישע פּערזענלעכקייט קען באמת זיין הן יידיש, הן פּערזענ־לעכקייט — נאָר ווען זי בינדט זיך מיט שעפערישער יידישער קולטור. עס איז ניט גענוג אויפהיטן. אויפהיטן סתם פירט צו פאַרגליווערטקייט. אַ קולטור-מענטש קען ניט זיין ווי אַ בער וואָס לעבט אין אַ נאָרע און זויגט זיין אייגענע לאַפּע. אַ יידישער קולטור-מענטש איז מעגלעך בלויז אין פאַרבינדונג מיט אַ כסדרדיק שעפערישער קולטור. און כדי עס זאָל איינגעהאַלטן ווערן אַ צוויי-קולטורישקייט, דאַרף זיין ווי אַ פאַרבאַדינג, אַז אָט די יידישע קולטור וואָס איז סאָציאַל שוואַכער, זאָל קענען זיין פּסיכאָלאָגיש שטאַרקער, אָדער לכל-הפּחות אַזוי נשמהדיק שטאַרק ווי די סביבה-קולטור. דערצו דאַרף די יידישע קולטור זיין אַ דינאַמישע, אַ זיך־אַנטוויקלענדיקע. אַ יידישע פּערזענלעכקייט איז אַ יידישע פּערזענלעכקייט וואָס אָדער זי העלפט מיט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון שאַפן נייע יידישע קולטור-ווערטן, אָדער זי געניסט פון זיי (און געניסן פון קולטור-ווערטן הייסט אויך מיטהעלפן זיי).

ערשט דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן ענין, צו דעם ענין וואָס דאַכט זיך אויס ווי דער האַרבסטער פון דעם פּראַקטישן צוגאַנג — דער ענין שפּראַך. יידן האָבן גערעדט און ריידן אויף כלערליי לשונות. אָבער אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע זיינען געווען נאָר דריי לשונות, וואָס מיט זיי האָבן מיר געשאַפן גרויסע און דויערנדיקע קולטור-ווערטן מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט דורות לאַנג. די דריי לשונות, ווייסן מיר אַלע, זיינען לשון-קודש, אַראַמיש און יידיש. פון די דריי זיינען איצט ביי אונדז גרויסע ווירקנדיקע

כּוחות לשון־קודש און יידיש. מיר קענען די דאָזיקעביידע שפּראַכן ניט באַטראַכטן ווי אַ מלבוש וואָס מע טוט אים אָן און מע טוט אים אויס און מע קען בייטן. אַ לשון וואָס בינדט זיך מיט לאַנגע דורות קולטור איז ניט געגליכן צו אַ מלבוש, נאָר אַ סך גיכער צו הויט. מע קען ניט אָראָפּציען די גאַנצע הויט פון דעם מענטשן און אַ מענטש זאָל בלייבן לעבן. איז גרינג איינצוזען, אַז אין דער דערציאונג פון דער יידישער פּערזענלעכקייט מוזן פאַרנעמען אָן אָרט גאַנצע דריי לשונות: דאָס אומפאַרמיידלעכע לשון פון דער סביבה און די איצטיקע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות פונעם פאָלק. חלוקי דעות קענען זיין בלויז אין דעם: פון וועלכן לשון זאָל מען אָנהייבן? איך האַלט, אַז אין אַלע לענדער פון יידישער צעשפּרייטקייט דאַרפן אָפּשטאַמיקע פון מזרח־אייראָפּע אָנהייבן מיט יידיש אין דער דערציאונג פון זייערע קינדער. ערשט אויף דעם צווייטן אָרט קומט לשון־קודש (לשון־קודש איז אַ סך אַ טיפערער און אַ יידישלעכער באַגריף ווי העברעאיש). אין מדינת ישראל דאַרף זיין עברית־לשון־קודש אויפן ערשטן אָרט און יידיש — אויפן צווייטן, ווייל אויך דאָרטן זיינען דאָ פּראָבלעמען פון יידישער פּערזענלעכקייט, ווייל זיין אַ ייד איז אַ סך מער און אַ סך טיפער ווי זיין אַ ישראלי.

חיים וויצמאַן האָט געזאָגט, אַז נאָכן חורבן איז צו לשון־קודש צוגעקומען דאָס לשון פון די קדושים. לשון פון קדושים איז זייער אַ שיינער נאָמען פאַר יידיש, אָבער אין דעם איז בלויז פאַראַן איין טייל אמת בנוגע יידיש. עס איז אמת, אַז פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע זיינען פינף געווען יידיש־רײדערס און אויף אַזאַ אופן איז יידיש געוואָרן דאָס לשון פון קדושים. אָבער יידיש איז דאָך געווען דאָס לשון פון אונדזער פאָלקישער קדושה דורות פאַרן חורבן. און דאָס לשון פון פאָלקישער קדושה איז יידיש פאַרבליבן אומאָפּהענגיק פון דער צאָל ריידערס פון דעם לשון. אויב דרייסיק דורות, די לעצטע דרייסיק דורות, האָבן אין יידיש אויסגעלעבט די טאָגטעגליכקייט פון זייער יידישקייט און איינגעוועבט אין יידיש אַלע דינסטע ניואַנסן פון פריידיקע און צערפּולע איבערלעבענישן — איז דורך דעם יידיש געוואָרן די שפּראַך פון דער נשמה פון פאָלק. ביי אברהם ליעסינען רעדט די געשטאַלט יידיש אַרויס די ווערטער וואָס דאַרפן דאָך איינגעקריצט ווערן אין דער יידישער פּערזענלעכקייט:

„און אויסגעוועבט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און ווי,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות,
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר די.“

אָן דעם וואונדער־שליסל וואָס הייסט יידיש איז ניט מעגלעך צו פאַרשטיין אונדזער אומה און באַנעמען די כוחות וואָס האָבן זי אויפגעהאַלטן די לעצטע טויזנט יאָר. עס גייט ניט בלויז אין געשיכטע, הגם ביי אונדזער פאָלק איז געשיכטע תמיד געווען אַ לעבעדיקער כוח (און דאָס איז איינע פון אונדזערע

באַזונדערקייטן). עס גייט אין דעם, אַז מיר זיינען אין די לעצטע דורות אין אונדזער קולטור־שאַפן, אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן פּראַוויסגיין, אין דעם אויפשטייג פון דעם יידישן פאָלקסמענטש — געהאָלפן און געגרייסט געוואָרן פון יידיש. עס גייט אין דעם, אַז אָן יידיש וועט צעשטערט ווערן די בריק צווישן די קיבוצים איבער דער וועלט. און נאָך מער גייט עס אין דעם, אַז יידישע דערציאונג מוז זיין אַנדערשדיק פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. מוזן מיר בויען אויפן אַנדערשדיקן לשון. און אויב בויען אויף אַן אַנדערשדיקן לשון איז נאָך היינט פאַראַן, און עס וועט נאָך אין דעם נאָענטן מאָרגן זיין, געוויס לעבעדיקע זאַפטן אין יידיש. ווי דערמאָנט, דאַרף עס אין מדינת ישראל זיין פאַרקערט. דאָרטן איז געוויס אָנצוהייבן יידיש אין די מיטלשולן. איך בין זיכער אין דעם, אַז מע וועט עס איינפירן, און ניט בלויז צוליב יידן אין גלות, נאָר צוליב זיך, צו פאַרטיפן און צו אַנטוויקלען דאָס פאָלק־באַוואוסטזיין פון קינדער. דאָרטן איז נישט געוויס צו דערציען גוטע בירגער פון מדינת ישראל. מע דאַרף דערציען גוטע יידן מיט לעבעדיקן אינטערעס און פאַר־שטענדעניש פאַר אַלץ וואָס איז יידיש אומעטום איבער דער וועלט און אין אַלע דורות. אין מדינת ישראל איז נאַטירלעך איצט דער בונט קעגן יאָכן פון אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע. דער דאָזיקער בונט מוז אָבער דורכפאַלן, ווייל פּונקט ווי אַ מענטש קען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן ניט אַרויסשפּרינגען פון די ווירקונגען וואָס האָבן אויף אים געהאַט זיינע פריערדיקע יאָרן, אַזוי קען עס אַ פאָלק אודאי נישט טאָן. צוויי טויזנט יאָר געשיכטע פון דיאַספּאָרע וועט שטענדיק בלייבן אַ בולטער שטעמפּל אויפן גאַנצן גייסטיקן מהות פון אונדזער פאָלק. אומזיסט דאָס בונטעווען זיך.

אַ יידישע פּערזענלעכקייט איז די וואָס נעמט אַריין אין זיך אונדזער גאַנצע געשיכטע פון אברהם אבינו דורך אַלע דורות אין ארץ־ישראל און דורך אַלע שפּעטערדיקע דורות אין די גרויסע צענטערס פון דעם יידישן גלות־לעבן. דאָס יידישע פאָלק איז אַ וועלטפאָלק. און אפילו ווען מע מאַכט חוזק פון דעם באַגריף, בלייבט סייווי נישט קיין אַנדער ברירה, ווי לעבן מיט אים. אין פּרט פון וועלטפאָלק איז ניטאָ קיין גרינטלעכער חילוק צווישן יידישער דערציאונג אין מדינת ישראל און יידישער דערציאונג אַנדערשוואו. אומעטום קומט אויס צו האָבן אין זינען די יידישע פּערזענלעכקייט פון דעם קינד. אומעטום קומט אויס אים צונויפצוהעפטן מיט יידן איבער דער וועלט. פּונקט ווי מיר האָבן צוויי נאַציאָנאַלע לשונות, אַזוי האָבן מיר צוויי גייסטיקע היימען: מדינת ישראל און די יידישע צעשפּרייטקייט. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אַ סך צעצווייאונגען: צוויי קולטורן אין וועלכע מיר לעבן זיך אויס, צוויי נאַציאָנאַלע לשונות, וואָס מע קען זיך פון קיין איינער ניט אָפּזאָגן, צוויי היימען פאַר אונדזער באַוואוסטזיין. אָט די דאָזיקע צווייאיקייט דאַרף זיך פאַראייניקן אין דער יידישער פּערזענלעכקייט.

הויכע אידעאַלן זיינען תמיד אין אַ סכנה, אַז זיי זאָלן ניט בלייבן שווימען

ערגעץ אין־דער־לופטן. דאָס יידישע פאָלק האָט דורך זיין תורה תמיד געלערנט, אַז הויכע אידעאַלן דאַרפן זיך קאָנקרעטיזירן אין טאָגטעגלעכקייט, אין מעשים, אין אַ ריינעם און געהויבענעם אופן לעבן. זיי דאַרפן זיך קאָנקרעטיזירן אין אַנדערשקייט פון שטייגער, פון פירונגען, פון יום־טוב און אויך פון וואָך. זיי דאַרפן זיין קאָנקרעט דורך דעם וואָס די יידישע היים איז אַנדערש, וואָס די פרייע צייט איז אַנדערש, וואָס די קולטור־הנאות זיינען אַנדערע. הויכע מענטשלעכע אידעאַלן טאָרן ניט בלייבן פורחים באוויר, נאָר זיך אָפּשפּיגלען אין דעם בין אָדם לחברו און בין ייד לייד. הויכע מענטשלעכע אידעאַלן דאַרפן צונויפבינדן דעם יחיד מיט זיין פאָלק, און דורך זיין פאָלק מיט דער מענטשהייט. זיי דאַרפן זיין דער ציטער און דער פלאַטער און דער אָנגעשטרענגטער רצון פון דער יידישער פערזענלעכקייט.

עס איז אַ ברכה לבטלה דאָס פּרואוון עמעצן איינריידן, אַז וויבאַלד ער איז אַ ייד האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו בלייבן אַ ייד. ער האָט יאָ אַ ברירה. אויב ניט פאַר זיך, איז פאַר זיינע קינדער, און אויב ניט פאַר די קינדער — איז פאַר די אייניקלעך. דאָס האָט מען שוין געקענט וויסן פון אונדזער פריערדיקער געשיכטע, אָבער די לעצטע 20 יאָר קענען דאָך אונדז זיכער איבערצייגן, אַז מע קען אַנטלויפן פון יידישן פאָלק און אַנטלויפן פון זיך. די ראיה איז: מער ווי עס זיינען געווען די יוצאי מצרים (לויטן טראַדיציאָנעלען חשבון) זיינען געווען די וואָס זיינען אַוועק פון אונדז אין פאַרלויף פון די לעצטע דורות. מיר קענען די צוקונפט פון יידישן פאָלק און די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פערזענלעכקייט בויען נאָר אויפן פרייען ווילן. ניט נאָר יראת־שמים נאָר יראת־הכבוד פאַר אונדזער פאָלק און פאַר דער אייגענער יידישער פערזענלעכקייט — איז אויך אָפּהענגיק בלויז פון זיך אַליין. האַלט איך דעריבער, אַז יידישע דערציאונג דאַרף פון אָנהייב אָן דורכגענומען ווערן מיטן צונויפהאַלטנדיקן, צונויפשמידנדיקן, מיטן פריוויליקן כוח וואָס הייסט אהבת־ישראל. אָן אהבת־ישראל איז נישטאָ קיין וועג צו אַ געזונטער און צו אַ פולער יידישער פערזענלעכקייט.

פאַראַן אַ מדרש, אַ וואונדערלעכער מדרש און לאָמיר אים געדענקען. עמעצער האָט באַגעגנט אליהו הנביא און אים געפרעגט: — רבי, וואָס דאַרף קומען העכער פון אַלץ? האָט אים דער אַלטער און שווער־געפּרואווטער אליהו הנביא געענטפערט: — מע וועט דיר זאָגן אַז פריער פון אַלץ קומט תורה. אָבער איך זאָג דיר אַז פריער פון אַלץ קומט דאָס יידישע פאָלק. עם ישראל קדושים.

אָט דאָס געפיל — עם ישראל קדושים — דאַרף זיין אַ ברענענדיק געפיל אין דער נשמה פון אונדזער קינד. אָט דאָס געפיל קען נערן און אויפהאַלטן אהבת־ישראל. און אהבת־ישראל איז אַ מיטל אַנצוואַרעמען און צו צערטלען די יחידישע יידישע פערזענלעכקייט. און עכטע יידישע פערזענלעכקייט איז דער זינען און דער ציל פון יידישער דערציאונג.

דער נייער טראַדיציאָנאַליזם און די מאָדערנע דערציאונג

פון חיים בעז

דער ווערט פון היסטאָרישער טראַדיציע, סיי אין לעבן פון דער געזעל־שאַפט, סיי אין דער דערציאונג, איז במשך פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט געוואָרן אַ סך מער חשוב ווי ווען עס איז במשך פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר. מען קען אין דעם איינזען אַ פאַרקערטע טענדענץ פון דער וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אויפקלער־באַוועגונג אין 18טן יאָרהונדערט און איז שפּעטער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין מערב און מזרח אייראָפּע במשך דעם 19טן און 20טן י״ה. דער רעוואָלט קעגן עבר און קעגן די איינגעשטעלטע טראַדיציעס אין דער געזעלשאַפט, פּאָליטיק, קונסט און דערציאונג איז געווען דער אויסדרוק פונעם רעוואָלוציאָנערן צייט־גייסט, וואָס האָט באַהערשט אַ היסטאָרישע תקופה.

אויך אין יידישן לעבן קומט אויף במשך פון 19טן י״ה די גרויסע אומצופרידנקייט מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער אייגענער קעגנוואַרט. די טענדענץ ווייזט זיך אַרויס אויף פאַרשיידענע אופנים:

א) די משכילים זיינען אויפגעבראַכט אויף דער ניט־פּראָדוקטיווקייט פון די יידישע פּרנסות, אויף דער גרויסער יידישער טאַרבע. דער זיידע מענדעלע איז בייז אויף קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, אויף די אומגערעכטיקייטן, וואָס קהל באַגייט; י. ל. פּרץ, אין זיין משכילישער תקופה, שילדערט דאָס יידישע לעבן קריטיש, גראָטעסק, און זעט מער די וואָכעדיקייט ווי דעם שבת קודש. די השכלה באַדויערט די יידישע איזאָלירטקייט צווישן די אומות העולם און דעם קנאַפּן קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּעאישער קולטור.

ב) דער רעוואָלוציאָנערער דור טרעט אַרויס קעגן אַלטן דור, קעגן דער אָפּגעלעבטער אמונה, קעגן די סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין דער געזעלשאַפט. דער באַגער איז זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַלטער וועלט, אירע עוולות און אומגערעכטיקייטן.

ג) די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס קומט אויף אין יידישן לעבן סוף 19טן י״ה — דער פּאָליטישער ציוניזם — איז דורכאויס קעגנעריש צו אַלע פאָרמען פון יידישן לעבן אין דער קעגנוואַרט. ער זעט פאַר גרויסע אינעווייניקסטע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין יידישן לעבן, דורך וועלכע דאָס צעשפּרייטע פאָלק וועט זיך אומקערן צוריק אין זיין היסטאָרישן הײמלאַנד. אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישער צעשפּרייטקייט, מיט הונ־דערטער יאָרן יידיש־לעבן, נאָך דער תקופה פון פּאָליטישער זעלבשטענ־דיקייט אין ישראל, ווערט באַטראַכט ווי גלות.

גלותדיק זיינען די יידישע פּרנסות, די שלעכטע מידות און די יידישע געפּאַלנקייט. אײן שטריך פאַראייניקט די השכלה, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און דעם ציוניזם, — דאָס איז זייער אַנטיטראַדיציאָנעלקייט. די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט זיינען שלעכט, אָבער דערפאַר וועט די צוקונפט זיין גנעדיק און גוט. דער אָפּטימיזם איז אומגלויבלעך. מען קען אַזוי שאַרף קריטיקירן, וויל מען ווייס, אַז עס איז נאָר לטובה, עס מוז גוט ווערן און עס וועט גוט ווערן! מען שרעקט זיך ניט פאַר קיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים, ווייל מען גלויבט אין דער זיכערקייט פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע, אין דעם כוח פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איבערצוטראָגן אַלע טראַנספאָרמאַציעס און פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען.

דער גלויבן אין דעם גליקלעכן מאָרגן גייט האַנט־אין־האַנט מיט דעם גלויבן אין דעם כוח פון וויסנשאַפט און פון מענטשלעכער ראַציאָנעלקייט (שכל). דער טיפער גלויבן אין מענטשלעכן פאַרשטאַנד און בילדונג, אין דער אַלמעכטיקייט פון צייט־גייסט, איז דער אַלגעמיינער שטריך וואָס פאַרבינדט די פאַרשיידענע באַוועגונגען. דער שכל ווערט אָנגערופן „דער גרויסער קעמפער", וועמען עס איז אוממעגלעך בייצוקומען. ער קען אַרויסטרעטן אין קאַמף מיט די פּריווילעגיעס פון יחוס און רייכקייט. נאָר אויף אַ צייט קען מען איינשמידן אָדער איינפּרעסן דעם מענטשלעכן געדאַנק. מען קען אים אָבער ניט אינגאַנצן פאַרקנעכטן. די קראַפט פון דער מענטשהייט ליגט אין דער אַנטוויקלונג פון גייסט און געדאַנק, און דערמיט איז פאַרבונדן דאָס גליק פון די קומענדיקע דורות.

אין דער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג איז דער גלויבן אין מענטשלעכן פאַרשטאַנד געווען פאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון דער וויסנשאַפט. ניט אומזיסט גיבן זיך די ערשטע אַרבעטער־קרייזלעך אָפּ פונקט אַזוי פיל מיט בילדן די אַרבעטער, ווי מיט מאַכן זיי באַוואוסטזיניק וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און וועגן דער נויטיקייט צו בייטן די פּאָליטישע סיסטעם פון לאַנד. אין די רעדעס ביי דער ערשטער מאַי־פאַרזאַמלונג אין ווילנע אין יאָר 1892 ווערט וויסנשאַפט באַצייכנט ווי „אַ ליבנדיקע מוטער", ווי „אַ געטרייער קאַפּיטאַן". דער דאָזיקער גלויבן אין וויסנשאַפט און טעכניק דרינגט דורך, ווי עס ווייזט אויס, דאָס גאַנצע עמאַנציפּאַציאָנעלע לעבן פונעם דור רעוואָלוציאָנערן. עס קומט אויף אַ מין רעוואָלוציאָנערער מיטאָס. וויסן און וויסנשאַפט ווערן באַטראַכט ווי גרויסע מעכטיקע כוחות אין לעבן פון דער מענטשהייט, וואָס מוז גיין פאָראויס.

אויך די בייע יידישע שול נעמט אויף די רעוואָלוציאָנערע אידעען־פאַרבינדונגען. צו דעם קומט נאָך צו די השפעה פון דער מערב־אייראָפּעאישער

פעדאַגאָגיק און אירע לאָזונגען — די דערציאונג פונעם נייעם מענטשן פאַר דער געזעלשאַפט פון מאָרגן.

פעדאַגאָגישע טעאָריעס

פון זינט די נאָוואטאָרישע אַרבעטן פון דעם טשעכישן פעדאַגאָג יאָהאַן קאָמעניוס (17טער י״ה) האָבן אין דער אייראָפּעאישער פעדאַגאָגיק געגומען ווירקן אַ צאָל גרויסע פעדאַגאָגישע פערזענלעכקייטן: פעסטאַלאָצי, פרעבל, רוסאָ, מאָנטעסאָרי; אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געווירקט: דזשעימז, דיואי, קילפּעטריק. זיי אַלע האָבן אַרויסגעבראַכט אַ נייעם סכום ממש רעוואָלוציאָנערע אידעען: דאָס קאָנקרעטע און בילדלעכע זאָל געשטעלט ווערן העכער פאַרן אַבסטראַקטן; דאָס לערנען אין קאָלעקטיוו העכער ווי דאָס לערנען אינדיווידועל. די באַטייליקונג פון קינד אין לערן־פּראָצעס, זיין אַקטיווקייט, איז געוואָרן אַ פאָדערונג פון דער נייער דידאַקטיק. צו דעם זיינען צוגעקומען עטלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן אין דער פעדאַגאָגיק אַריינגעשטראָמט פון לעבן גופא. די ציוויליזאַציע פון דער תקופה פון נאָך דעם רענעסאַנס און די אינדוסטריעלע עוואָלוציע האָבן אַרויסגעשטעלט עטלעכע פירנדיקע אידעען: קודם, די ממשלה פון פּראַקטישן. די טעכניק, דער מסחר, די נייע וויסנשאַפט האָבן דאָס געפאָדערט. עס איז געווען אַן אַרויסרוף קעגן סכאָלאַסטישן און מעטאַפיזישן.

די צווייטע אידעע איז געווען די שטרעבונג צו פריידיקייט און לעבנס־לוסטיקייט. די דריטע אידעע — דער גלויבן אין דער גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און כאַראַקטער. דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַ מין סענסואַליזם, די מאַכט, די בכורה פון די חושים: דאָס אויג זאָל ביים לערנען זען און די הענט זאָלן אַרבעטן; די מענטשלעכע דערפאַרונג איז געוואָרן דער עיקר. ווי יעדער נייער איינזען און נייער פאַרשטיין פון דער טבע פון מענטשן, האָבן די נייע פעדאַגאָגישע פּרינציפּן געשאַפן גרויסע מעגלעכקייטן. מאַרי מאָנטעסאָרי האָט שאַרף און קלאָר געזאָגט: „די עוואָלוציע פון מענטשן איז די עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער האַנט״. עס איז געווען אַזאַ גרויסע נייקייט: מען קען אויך לערנען מיט דער הילף פון דער האַנט, די האַנט וואָס פאַרשטייט! די אַנטוויקלונג פון מענטשן־מין איז ניט אַנדערש ווי די אַנטוויקלונג פון זיין פעאיקייט צו פּראָדוצירן דורך אַרבעט מאַטעריעלע און קינסטלערישע גיטער.

מען קאָן זאָגן, אַז די גרויסע אויסבעסערונג וואָס די פעדאַגאָגיק פון 20טן י״ה האָט געמאַכט, איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זי האָט צום ראַציאָ־נעלן אין מענטשן צוגעגעבן די גרויסע אָנערקענונג פאַר דער מענטשלעכער אַרבעט: די אַרבעט אין וואַרשטאַט, לאַבאָראַטאָריעס, גאָרטן, קונסט־אַטעליע א.ד.גל. איין זאַך האָט באַלד געפירט צו דער צווייטער: די תשוקה נאָכן קאָנקרעטן האָט געפירט צו דעם, אַז דאָס אַרומיקע און נאָענטע לעבן זאָל

ווערן חשוב אין דער לערן־אַרבעט פון דער שול. דאָס האָט געפירט צום איינפירן היימקענטעניש, די געשיכטע פון דער אייגענער שטאָט און פון אייגענעם דאָרף. דאָס ממשותדיקע איז דאָס אינטימע דאַרפן זיין דער יסוד פאַר דעם גאַנצן פּראָצעס פון וויסן און בילדונג. מיט דעם איז אויך געקומען דער אינטערעס פאַרן אַקטועלן. דאָס וואָס עס קומט פאַר היינט איז דאָך אוודאי נעענטער צום געמיט פון קינד. די דערציאונג איז געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס היינט־צענטריש. אפילו פון דעם עבר האָט מען געזוכט אָפּצוקלייבן נאָר יענע פאַקטן, וואָס קענען געבן אַ בעסערן פירוש אויפן היינט.

אויף די גרויסע רעוואָלוציע אין די נאַטורוויסנשאַפטן האָט געגומען באַווירקן די פּעדאַגאָגיק. פון די נאַטורוויסנשאַפטן, און שפּעטער פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט, איז אַריינגעדרונגען די אידעע פון אַנטוויקלונג (עוואָלוציע, פּראָגרעס), דאָס כסדרדיקע בייטן זיך פון די פאַרהעלטענישן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. עס איז אויפגעקומען אַ מין סאָציאַלער דאַרוויניזם. יאָרהונדערטער פון אַנטדעקונגען און רעוואָלוציעס (אינדוסטריעלע און פּאָליטישע) האָט מען געשטעלט אויבן־אָן ווי באַוועגער אין דער אַנט־וויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. רואיקע יאָרהונדערטער, אין וועלכע ווייניק האָט זיך געביטן, וואו קיין גרויסע רעוואָלוציאָנערע שנויים זיינען ניט פאָרגעקומען, האָט מען געשטעלט אין שאָטן. ווי אַן אַלגעמיינער סך הכל איז אַרויסגעוואַקסן דער גלויבן, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער ווי דער היינט, אַז די מענטשלעכע טעכניק, די מאָדערנע קאָמוניקאַציע, די וויסנשאַפט וועט באַשאַפן אַלץ נייערע און בעסערע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דאָס וואָס עס שטייט אין וועג זיינען נאָר אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס אין פּאָליטישן, רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם מענטשן. די פאַרגאַנגענהייט איז ווי אַ שטיין אין וועג פאַר דער מענטשלעכער צוקונפט.

ווי אַזוי איבערצופאָרמירן די געזעלשאַפט איז געוואָרן דער ענין פאַר פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען, פאַר עקאָנאָמישע און פילאָ־סאָפישע שיטות. דער אונטערשייד צווישן רעפאָרמער און רעוואָלוציאָנערן ביזן ערשטן וועלט־קריג איז בעיקר באַשטאַנען אין זייער אָפּשאַצן דעם טעמפּאָ פון די גרויסע ענדערונגען, וואָס מוזן אין דער געזעלשאַפט פאָרקומען, אין דער מאָס באַטייליקונג פון פאָלק און זיינע באַזונדערע שיכטן, אין דער מאָס האַרבקייט, שטרענגקייט און פּאָליטישן צוואַנג וואָס מעג אַנגעווענדט ווערן.

אויף דער דערציאונג האָט דער דאָזיקער נייער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט אַזוי געווירקט, אַז די איינשטעלונג איז געווען דורכאויס אויף דער צוקונפט, אויף דעם מאָרגן, אויף די פאָדערונגען פון דער נייער געזעלשאַפט און אויף די פאַרהעלטענישן וואָס וועלן אין איר הערשן. דאָס קינד און דעם יוגנטלעכן האָט מען גענומען באַטראַכטן ווי די טרעגער, ווי די פאַר־

ווירקלעכער און די בויער פון דעם נייעם לעבן. אין קיין שום דור האָט מען ניט אַזוי געלויבט די יוגנט און זיך געזאָרגט פאַר דער קינדהייט. די דערציאונג איז געוואָרן קינדער־צענטריש, און דער באַרימטער פּעדאַגאָג עלען קעי האָט דעם 20־טן יאָרהונדערט אָנגערופן „דאָס יאָרהונדערט פון קינד".

עס איז די ביטערע איראָניע פון דער געשיכטע, וואָס דאָס 20טע יאָרהונדערט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט אַזוי דאָס י"ה פון קינד, ווי דאָס יאָרהונדערט פון פאַשיזם, נאַציזם און טאָטאַליטאַרע פּאָליטישע רעזשימען. די אכזריותן, וואָס זיינען אין דעם י"ה באַגאַנגען געוואָרן, האָבן אַריבערגעשטיגן אַלע פאָרמען פון באַדריקונג און פאַרניכטונג, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עס זיינען אַרויסגעקומען צום פאָדערגרונט עטלעכע גרונטיקע דערשיינונגען פון סאָציאַלן לעבן, וואָס האָבן אויך פאַר דער פּעדאַגאָגיק געמוזט האָבן אַ באַטייט:

א) דער סאָציאַלער געוועב פון אונדזער געזעלשאַפט, האָט זיך אַרויס־געוויזן, איז גאָרניט אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל אַלץ קענען אויסהאַלטן און ניט צוזאַמענברעכן. דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן פאַשיזם און נאַציזם אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט באַטייט אַ פולשטענדיקן צוזאַמענבראָך פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע און מאָראַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מענטשלעכע מידות, לעגאַלע באַציאונגען, געזעצמעסיקייט אין די איינגעשטעלטע באַציאונגען צווישן קלאַסן און נאַציעס קענען אויפ־געריסן ווערן. איבערהויפּט ווען אין די באַציאונגען צווישן פעלקער האָבן גענומען ווירקן ווי אַ כוח פון דעזאָרגאַניזאַציע מלחמות און מלחמה־געפאַרן, רעוואָלוציעס, סאָציאַלע איבערקערענישן, עקאָנאָמישע קריזיסן אד"גל. אינעם לעבן פון מיליאָנען יחידים און משפחות האָבן גענומען ווירקן דעזאָרגאַ־ניזירנדיק מאַסן־איבערוואַנדערונגען, און דאָס אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער פריערדיקער לעבנס־סביבה; אויך דאָס פּלוצימדיקע אַריבערגעוואָרפן ווערן פון איין סאָציאַלן קלאַס אין אַ צווייטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, פירט פאַרן יחיד צו טראַגישע רעזולטאַטן. דער פראַנצויזיש־יידישער סאָציאָלאָג עמיל דורקהיים האָט אין זיינע אַרבעטן ניט איין מאָל אויפגעוויזן, אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע נאָר פון אַרונטערפאַלן פון אַ העכערן קלאַס צו אַ נידעריקערן, נאָר אויך פאַרקערט: דאָס שטייגן פּלוצעם פון אַ נידעריקערן סאָציאַלן קלאַס צו אַ העכערן. אויך די דאָזיקע ענדערונג קען פונקט אַזוי פירן צו געזעלשאַפטלעכער און פערזענלעכער דעזאָרגאַניזאַציע. דער אומבייט אין קולטור־שטייגער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַקטאָר פון אומברענגען און צעשטערן לאַנג־איינגעשטעלטע מידות אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. יוגנט־פאַרברעכערישקייט און אַנדערע פאָרמען פון געזעצלאָזיקייט זיינען געוואָרן באַגלייט־דערשיינונגען, ווען עס איז אויפגעקומען אַ ריס צווישן די קולטור־שטייגערס פון טאַטע־מאַמע און זייערע קינדער.

ב) דער פאַשיזם און נאַציזם, ווי פּאָליטישע רעזשימען, האָבן געוויזן, אַז איינס פון די מיטלען, וואָס אַ רעזשים קען באַנוצן אומצוברענגען אַ פריערדיקע דעמאָקראַטישע אָרדענונג, איז אָפּצושאַפן און אומצוברענגען אַלע פריערדיקע אַסאָציאַציעס פון זעלבשטענדיקע גרופּעס, וואָס עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט צוליב פאַרשיידענע צוועקן — פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קינסטלערישע, רעליגיעזע, עטנישע אד״גל. די גרופּעס זיינען טרעגערס פון ספּעציעלע טראַדיציעס. זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר באַזונדערע אינטערעסן, וואָס מענטשן פאַרמאָגן מחוץ דער אַלגעמיינער גרויסער געזעלשאַפט. יעדע פון זיי זוכט עפּעס אייגנטלעכס אויפצוהיטן און איבערצוגעבן אויף ווייטער. דאָס צעשטערן דעם ביז־אַהעריקן סאָציאַלן געבוי, דאָס מאַכן דעם יחיד אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם שטאַט, פון די נייע דאָקטרינען, איז אַ מיטל ווי אַזוי אָפּצושאַפן די פריהייט און די מאָס זעלבשטענדיקייט, וואָס הערשט אין יעדער נאָרמאַלער געזעלשאַפט פאַר יחידים און מינאָריטעט־גרופּעס.

ג) די סאָציאָלאָגישע, פּסיכיאַטרישע און קולטור־אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען במשך פון די לעצטע עטלעכע צענדליגנ יאָר האָבן באַזונדערס קלאָר געצונמען אויפגעוויזן, ווי אָפּהענגיק עס איז דער יחיד פון דער גרופּע, ניט נאָר פיזיש און עקאָנאָמיש, דאָס איז פון לאַנג געווען באַקאַנט, נאָר בעיקר אין זיין פּסיכיש לעבן און אין זיין גייסטיקער זיכערקייט (עריק פראָם, קערען האָרניי, ס. סאָליוועו). אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָלע שפּילט דער קאָלעקטיוו ביים געבן דעם יחיד דאָס געפיל פון זיכערקייט. די מענטשלעכקייט סיי פונעם דערוואַקסענעם און סיי פונעם קינד איז דורכאויס באַדינגט פון דער געזעלשאַפט, פונעם קאָלעקטיוו אין וועלכן ער וואַקסט אויף. יעדע סאָציאַלע גרופּע דינט דעם יחיד ווי אַ פּאַנצער וואָס שיצט אים, רעגט אים אָן צו מעשים און שטעלט פעסט די גרענעצן פון זיין מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דער יחיד קען ניט אויפהיטן זיין זעלבשטענדיקייט, אויב עס ווערט צעשטערט דער כוח פון דער אין־גרופּע, פון דעם ענגערן קאָלעקטיוו, אין וועלכן ער וואַקסט אויף. די היסטאָרישע קאָלעקטיוון ווערן ניט נאָר געפורעמט דורך די קאַטעגאָריעס פון נאַציע, שטאַנד, אמונה, אָרטשאַפט, נאָר אויך דורך אַ סך קלענערע און מער אינטימע פאַרבאַנדן, ווי משפּחה, די געגנט, אין וועלכער דער מענטש וואַקסט אויף, פּראָפעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע פאַרבינד־גרופּעס, עלטער־גרופּעס, חברשאַפטן, קלובן אד״גל. די גרויסע געזעלשאַפט צעפאַלט אויף אַ סך קלענערע קאָלעקטיוון, וואָס אָן זייער קיום איז ניט מעגלעך קיין אינטעגראַציע פון דעם יחיד מיט דער גרויסער געזעלשאַפט. וואָס עס היט אויף די דאָזיקע קאָלעקטיוון איז ניט אַזוי זייער כוח פון בייטן זיך, נאָר זייער באַשטענדיקייט און די באַשטענדיקייט פון זייער ווירקונג. זיי זיינען אַלע טרעגער פון אַן אינטימער טראַדיציע. זיי שטעלן פעסט אַ באַשטימטן נוסח פון אויפפיר, זיי היטן אָפּ די

אחריות פון מענטשן צום קאָלעקטיוו, זיי זיינען שטרענג אין דער פאָדערונג פון לאָיאַליטעט, זיי פאַרמאָגן ספּעציעלע פאָרמען פון פאַרטרויטן וויסן, לויט וועלכן איינער דערקענט דעם צווייטן.

מענטשלעכע זשעסטן, אַלערליי מאַנעריזמען, ספּעציעלע ווערטלעך, עמבלעמען, ריטואַלן, דינען דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע צו דערקענען דעם נאָענטן און צו וויסן, ווער עס איז אַן אייגענער און ווער איז אַ דרויסנדיקער.

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז עס איז געווען דער טעות פון דער מאָדערנער דערציאונג וואָס זי האָט קיין שום חוש ניט פאַרמאָגט פאַר סאָציאַלער טראַדיציע און פאַר די היסטאָרישע און אָפּטמאָל איראַציאָנעלע עלעמענטן, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אינעם לעבן סיי פון יחיד און סיי פון קאָלעקטיוו. במשך פון הונדערטער יאָרן זיינען די דאָזיקע פאָרמען פון וויסן געווען אַ טייל פון דער דערציאונג, וואָס די משפּחה און די היים האָבן געגעבן. ווען די מאָדערנע שול האָט איבערגענומען די השגחה און אחריות פאַר דער בילדונג פון קינד, האָט זי אים אָפּגעריסן אין אַ גרויסער מאָס פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן במשך פון דורות געהאָלפן פאַרמירן אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט, געבויט אויף אינטימע פאַרבינדונגען און שייכותן פון מענטשן אויף פאַרשיידענע געביטן פון זייער צוזאַמענלעבן.

די תקופה פון פאַשיזם און נאַציזם האָט געוויזן, אַז נאָר קאָלעקטיוון מיט שטאַרקע טראַדיציעס, מיט אַ היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט האָבן פאַרמאָגט דעם כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך. פּאָליטישע גרופּעס, געבויט אויף קלאַסן און אידעאָלאָגיע, פאַרבאַנדן אפילו פון די איבערצייגטסטע יחידים האָבן ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין אַקטיוון ווידערשטאַנד. אויך גרייטקייט אויף מאַרטירערשאַפט איז געקומען פון היסטאָריש־באַפעסטיקטע קאָלעקטיוון, וועלכע זיינען געווען צונויפגעבונדן צווישן זיך און האָבן פאַרמאָגט אַ נאַציאָנאַלע טראַדיציע. דאָס האָט קלאָר באַוויזן דער אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס: אַ היסטאָריש־געפאָרמטע גרופּע האָט אַרויסגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד, בעת קיין שום פאַראייניקטער ווידער־שטאַנד איז ניט געקומען פון גרופּעס, וואָס זייער פאַרבינדונג איז געווען אַ סאָציאַל־פּאָליטישע, אַ קלאַסן־פאַרבינדונג, אָדער האָט זיך געשטיצט אויף דער פּריוויליקער אַסאָציאַציע פון יחידים.

ד) די גאַנצע תקופה פון פּאָליטישע אויפטרייסלונגען האָט גלייכצייטיק געוויזן ווי אַזוי עס האָט זיך געביטן אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט די ראָלע פון דעם אינטעלעקטואַל, וויסנשאַפטלער און געלערנטן. די וויסנ־שאַפט, וואָס האָט אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער אַנטוויקלונג אַרויסגעגעבן געלערנטע און רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אָפן אין קאַמף און, ווי גאַלילעי, געענדיקט אין תפיסה, אָדער, ווי דזשאָרדאַנאָ בּרונאָ, אויפן שייטער־הויפן, זיינען איצט צום גרעסטן טייל געוואָרן אַ

סאָציאַל־פּאַסיווער עלעמענט. עס איז געווען דער טראַגישער צושטאַנד פון דעם גאַנצן אינטעלעקטועלן קלאַס אין מערב־אייראָפּע, וואָס אין די יאָרן פון עקאָנאָמישן קריזיס, ערב־פאַשיזם, האָט ער ניט געקאָנט אַרויסווייזן קיין שום פירערשאַפט און ניט געגעבן קיין שום ריכטונג די געשעענישן פון דער תקופה. דער 20טער יאָרהונדערט האָט פאַרוואַנדלט וויסנשאַפטלער אין טעכניקער, אין זוכער פון וואָס מער און וואָס גענויערע פאַקטן. עס איז אויפגעקומען דער אידעאַל פון אַן אָביעקטיווער וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט לגמרי אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס. די גאַנצע קעמפערישקייט און נאָוואַטאָרישקייט, וואָס וויסנשאַפט האָט אַריינגעבראַכט אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט און דורך דעם אויך אַנגעצונדן דעם נייגער און צוגעבונדנקייט פון די פאָלקסמאַסן און רעוואָלוציאָנערע שיכטן אין דער געזעלשאַפט, איז איינגעשטילט און אויסגעלאָשן געוואָרן אין 20טן יאָרהונדערט. די פילאָסאָפיע פון עקספּערימענטאַליזם האָט געלייקנט די מעגלעכקייט פון אַ קלאָרן „יאָ" און „ניין". די אמונה אין פאַקטן האָט אינגאַנצן פאַרווישט דעם פּרימאַט פון עטישע, מאָראַלישע ווערטן, וואָס זיינען איצט געשטעלט געוואָרן ווי אַ דרויסנדיקע זאַך, אַ „ניט־אָביעקטיווער" פאַקטאָר; דער דאָזיקער פאַקטאָר דאַרף ניט אַריינדרינגען, האָט מען געמיינט, אין דער מלוכה פון אָביעקטיווע און קאָנטראָלירטע פאַקטן.

די געשעענישן פון די 30ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן ערשט ריכטיק באַוויזן, ווי קלאָר און פאַראויסזעענדיק עס איז געווען דער מהר"ל פון פּראַג, אַ מענטש וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון מיטלאַלטער און דער נייער צייט. דער מהר"ל האָט גוט געקענט און אויך געהאַלטן פון די וויסנשאַפטן פון זיין צייט: מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע; ער האָט אָבער קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס די דאָזיקע וויסנשאַפטן און וואָס וויסנשאַפט בכלל פעלט. דער אונטערשייד פון די נייע וויסנשאַפטן און דער יידישער תורה, האָט דער מהר"ל מיט באַדויערן אויפגעוויזן, איז דאָס וואָס „אין די וויסנשאַפטן פעלט דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט". אָן דעם עטישן פּרינציפּ, האָט ער געפילט, קען קיין שום וויסן ניט האָבן קיין תקומה ווי אַ פירנדיקער לעבנס־פּרינציפּ פאַרן מענטשן. נאָר אין דער ענגער געבונדנקייט צווישן וויסנשאַפט און עטיק קענען איינגעצוימט ווערן די דעסטרוקטיווע כוחות וואָס שטעקן אין יעדער פאָרעם פון וויסן, וואָס גיט דעם מענטשן מאַכט איבער דער נאַטור און איבער דעם גורל פון אַנדערע מענטשן.

שוין אין די מיטן־דרייסיקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מערב־אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער וועלט אַ צוריקקער אין דער ריכטונג פון אָנערקענען דעם באַטייט פון ווערטן, און ניט נאָר פאַקטן. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די פירנדיקע נעמען:

דער יידיש־דייטשער סאָציאָלאָג קאַרל מאַנהיים, וואָס האָט זיך געראַ־

טעוועט פון נאַציזם און געפונען אַ היים אין דער לאַנדאָנער אוניווערסיטעט פאַר סאָציאָלער וויסנשאַפט; דער אַמעריקאַנער דענקער ריינהאָלד ניבור; דער פראַנצויזישער נעאָ־קאַטוילישער פילאָסאָף זשאַק מאַריטען; דער געשטאַלט־פּסיכאָלאָג וואָלפראַם קעהלער, וואָס האָט אין 1938 פאַרפאַסט אַ ווערק: „דאָס אָרט פון ווערטן אין אַ וועלט פון פאַקטן"; דער אייגנאַרטיקער יידישער דענקער מאַרטין בובער, וואָס האָט אין דער גרויסער וועלט זיך געשאַפן אַ גרעסערן שם ווי צווישן זיינע אייגענע ברידער; דער יידישער פּראָפעסאָר פון דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן י. בערקסאָן, אַ תלמיד פון דזשאָן דיואי און קילפּעטריק; ער האָט פון דאָס ניי אינטערפּרעטירט די שיטה פון פּראַגמאַטיזם אין דערציאונג און געזען די ענגע שייכות צווישן די דערציאונגס־פּראָבלעמען און דעם היסטאָרישן שטייגער פון אַ פאָלק (בערקסאָן איז צוזאַמען מיט האָרעס קאַלען אויך דער פאָרמולירער פון אַמעריקאַנישן קולטורעלן פּלוראַליזם); דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־ קריטיקער עלען טע'ט, וואָס האָט מיט אַ סך פאַרטיפטקייט געשריבן וועגן דעם ווערט פון טראַדיציע אין זיין ווערק „ריזאָן אין מעדנעס" (דער שכל פון שגעון); דער שווייצאַרישער היסטאָריקער דזשייקאָב בוירקהאַרדט, וואָס זיינע אַרבעטן זיינען אין די פערציקער יאָרן פּאָפּולער געוואָרן אין די אַנגלאָזאַקסישע לענדער.

ווי קומען אויף און ווי אַנטשטייען ווערטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט? אויף דעם מוזן מיר קלאָר און אַנטשיידן ענטפערן: זיי וואַקסן אַרויס פון דער מענטשלעכער טראַדיציע, פון דורות־לאַנגער מענטשלעכער דערפאַרונג. זיי שאַפן זיך אין די יאָרהונדערטער, ווען עס דוכט זיך אויס, אַז גאָרניט איז געשען, וואָרעם קיין שום רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען זיינען ניט געקומען. די גאַנצע מענטשלעכע עטיק, אַלע סאָציאַלע שייכותן, אַלע מענטשלעכע ווערטן זיינען אויפגעקומען במשך פון אַ לאַנגען פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. די דערציאונג פון קינדער, פון יוגנטלעכע מוז אויפנעמען די היסטאָרישע ווערטן פון דער פאָלקס־קולטור. אָן דעם מוז אַ יונגער מענטש אויסוואַקסן פּסיכיש דעזאָרגאַניזירט. קיין יחיד קען ניט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַלע ברירות פון אַ „פּריוואַטן" וועלט־באַנעם. קיין יחיד קען ניט זיין שטאַרק גענוג איבערצוטראָגן די אומזיכערקייט פון לעבן, אויב ער האָט ניט קיין זכות אבות, דעם כוח פון פריערדיקע דורות, זייער דער־פאַרונג, זייער פאַרשטענדעניש פאַר דער ווירקלעכקייט.

די פּרימיטיווסטע קולטורן און די סאַמע אַנטוויקלטסטע ציוויליזאַציעס אַנטוויקלען יעדע איינציקע זייער אייגענעם צוגאַנג צום לעבן. דער מענטש וואַקסט אַריין אין דעם במשך פון זיין גאַנצער אַנטוויקלונג. עס איז דער סימן פון אַ מאָדערנער און דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואָס דער יחיד ווערט ניט נאָר באַווירקט פון קאָלעקטיוו, נאָר ער קען אויך צוריק באַווירקן. אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן נאָרמאַלע פּראָצעסן פון

בייטן אינסטיטוציעס, פון רעפאָרמירן, אפילו פון אויפרייסן אַלטע איינגעשטעלטע קאָנצעפּציעס, אָבער אַלע מאָל איז פאַראַן אַ לעגאַלע ראַם און אַ קעגנזייטיקע אחריות; די פירנדיקע מאָראַלישע פּרינציפּן זיינען געבויט אויף היסטאָרישע ווערטן, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע פון פאָלק, פון זיין פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. די דערציאונג, אפילו אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט, קען דעריבער ניט זיין נאָר היינט־צענטריש, אָדער זיך אָריענטירן אינגאַנצן אויף דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג פון קינד. דאָס קינד ווערט ערשט אַ פולער מענטש דורכן פּראָצעס פון סאָציאַליזאַציע און אַקולטוריזאַציע. עס מוז איבערנעמען די מנהגים און פירונגען, דעם לעבנשטייגער פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער וואַקסט אויף. מאָראַלישע ווערטן און היסטאָרישע טראַדיציעס מוזן דעריבער שפּילן אין יעדן לעבנשטייגער אַ גרויסע און אַנטשיידענע ראָלע.

גוטע בירגער פון עם ישראל — גוטע בירגער פון די תפוצות

מחשבות פון אַ נישט־פּעדאַגאָג אין אַ מסיבה פון פּעדאַגאָגן

פון

מלך ראַוויטש

א.

מיט אַ צייט צוריק — קיין גענויע דאַטע איז אויף דער פּובליקאַציע נישט אָנגעגעבן — האָט דער קאַנאַדישער יידישער קאָנגרעס אַרויסגעגעבן אַ מימעאָגראַפירטע בראָשור פון 12 גרויסע זייטן פון דעם פאַרדינסטפולן פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער אין יידיש און עברית שלמה וויסמאַן א. ד. טיטל: „צוגרייטונג צו אַ לעבן ווי אַ יידישער קאַנאַדער". די בראָשור איז דערשינען אין ענגליש.*

דער עסעי פון שלמה וויסמאַן הויבט זיך אָן מיט אַ היסטאָרישן אַריינפיר, וואָס פירט אונדז צוריק גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, און ער ברענגט אונדז, שוין גוט צוגעגרייטע, צו די דערציאונגס־פּראָבלעמען ביי יידן אין די היינטיקע טעג בכלל און אין קאַנאַדע בפרט.

נישט שייך איבערצוגעבן בפרטרוט דעם אינהאַלט פון דעם גייסטרייכן עסעי. וואָלטן מיר עס אָבער געוואָלט טאָן בתכלית הצימצום, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז דער עסעי איז אַ גרינטלעכער פירוש פון דעם באַקאַנטן קלינגוואָרט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי: וואָס מער מענטש — אַלץ מער ייד, וואָס מער ייד — אַלץ מער מענטש.

נישט חלילה משלים זיין ווילן מיר דאָ עפּעס, וואָס שלמה וויסמאַן האָט נישט דערזאָגט, אָדער נישט דערגענצט, און נייערט מיר ווילן ווייטער אַביסל ציען איינעם פון די פעדים זיינע, אָבער אין אַן אַנדערער ריכטונג. נישט קיין פאַרקערטער, און נאָר אַביסל אַן אַנדערער.

ב.

עס איז אמת, אַז אין פוילן האָבן מיר — פה לין... — איבערגע־נעכטיקט אַ קימאַ לן פון אַרום טויזנט יאָר, און דאָס נעמלעכע אין אשכנז, און אין פאַרלויף פון טויזנט יאָר קען מען ליב באַקומען אַ לאַנד זייער שטאַרק, זיין הימל, זיין ערד, זיינע וועלדער, טייכן, שטעט און מענטשן. דאָס איז אמת. אָבער אַט די לענדער האָבן אונדז זייער אַ סך שלעכטס געטון — אַלעמאָל.

די יידישע ליטעראַטור אין פוילן און די ליטעראַטור ביי יידן אין דייטשלאַנד — און מיר נעמען נאָר די צוויי לענדער לדוגמא — איז פול

---

* דער עסעי געפינט זיך אין דעם ענגלישן טייל פון דעם בוך. — די רעדאַקציע.

מיט ליבע צו אַט די לענדער, זייערע טייכן, וועלדער, שטעט, מענטשן און הימלען.

עס איז אמת, אַז פון דער אַנדערער זייט איז אונדזער געשיכטע אין אַמעריקע נאָר דרייהונדערט יאָר אַלט, אין בעסטן פאַל, און אין קאַנאַדע נאָר צווייהונדערט יאָר און אין אַרגענטינע — למשל — נאָר אַ יאָרהונדערט. און דריי, צוויי און איינהונדערט יאָרן זענען נישט קיין טויזנט.

אָבער — די אַלע לענדער האָבן אונדז זייער אַ סך גוטס געטון. און מען דאַרף האָפן, גלויבן און קעמפן דערפאַר, אַז דאָס זאָל שוין אַזוי זיין אייביק, יעדנפאַלס אַזוי לאַנג ביז עס וועט קומען איבער דער וועלט עפּעס אַ משיחישע סופּער־דעמאָקראַטיע און אַט די לענדער וועלן זיך אין איר אויפלייזן, ווי אַלע לענדער פון דער ערד.

פרעג איך מיך אַליין נישט איינמאָל: פאַרוואָס איז דאָ אַזוי ווייניק פון יענער ליבשאַפט צו הימל, ערד און מענטש, שטאָט, שטעטל און דאָרף — פון אַמעריקע אָדער קאַנאַדע אין די היגע יידישע ליטעראַטורן, ווי עס איז געווען אין די ליטעראַטורן ביי יידן אין דייטשלאַנד, רוסלאַנד, פּוילן און אַז. וו. צו יענע לענדער?

ג.

ענטפערס דערויף קענען זיין אַלערליי. און זיי לייגן זיך אַלע אויפן שכל:

1. טויזנט יאָר איז אַ סך מער ווי דריי הונדערט יאָר. און די דריי הונדערט יאָר זענען דאָך אין דער אמתן נישט מער ווי פּאַקטיש אַכציק יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן יידישע שעפערישקייט אין אַט די נייע לענדער.

2. זענען די מייסטע שעפערישע מענטשן געקומען אַנגעלאָדענע מיט „אַלט־היימישער" לאַנדשאַפט, זענען געקומען אָנגעלאָדענע מיט שטאַרקן בת־קול פון דער אייגענער קינדהייט און האָבן צוערשט געמוזט אַרויסקלינגען פון זיך אַט די אַלע אַלטע טענער, איידער עס האָבן געקענט אָנהויבן קלינגען נייע טענער.

3. איז מען געקומען אָנגעלאָדענע מיט חשדים פון די איבערלעבונגען, וואָס מען האָט ערשט דורכגעמאַכט. אויך האָט מען געמוזט — ווי דאָס איז מענטשלעך — קודם אַרויסוויינען און אַרויסקרעכצן פון זיך די צערן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף די נשמות. די דערפאַרונגען פון דורות האָבן דערצו נאָך געלערנט, אַז סדנא דארעא חד הוא.

4. האָט זיך — און מען מוז צוגעבן און זאָגן דעם אמת — דווקא יאָ אָנגעהויבן אַ שטיקל באַוועגונג אין דער ליטעראַטור אין יידיש אין אַמעריקע אָנצולייכטן, אָנצואוואַרימען און אָנצוזאָפּן זי מיט ליבשאַפט צום נייעס לאַנד. לאָמיר בלויז דערמאָנען אין דער שייכות, אַז דער פאַרלאַג פון די „יונגע" האָט זיך גערופן „אַמעריקע" און נישט צופעליק. און לאָמיר אויך דער־

מאַנען, אַז צוויי אויסגעשפּראָכענע ווערק אויף דעם געביט — ווערק פון הויכער קוואַליטעט, זענען אין יענע אַמעריקאַניש־באַוואוסטזיניקע יאָרן געשאַפן געוואָרן: א. ראַבאַי׳ס „הער גאָלדנבאַרג״ און י. י. שוואַרצ׳ס „קענטאַקי״. — — און דאָ איז באַלד פאַרגעקומען אַ פּאַרס־מאַזשער־געשעעניש, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן יידישן שטח און איבער יידישער צייט איבער דעקאַדן און איבער קאָנטינענטן: דער דריטער חורבן. און אָנגעהויבן האָט ער זיך פאַקטיש נישט ערשט אין יאָר 1933 ווען דער ימח שמו איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, אָנגעהויבן האָט ער זיך שוין אין די צוואַנציקער יאָרן אין די צוגרייטונגען צו דער געשעעניש פון יאָר 1933. און די שרייבער האָבן עס מיט זייער אינטואיציע דערפילט און זייער געמיט איז שוין נישט געווען דערביי פאַרצוזעצן מיטן גאַנצן האַרץ און גאַנצן באַוואוסטזיין די ליניע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם פאַרלאַג „אַמעריקע״ און די שפּעריש פערזענלעכקייט אַרום אים.

ד.

עס איז אפילו אמת, אַז אויך איצט — אַרום דער זעקסטער דעקאַדע פון אונדזער יאָרהונדערט פון נצחונות פון דער טעכניק און מפּלות פון דער מענטשלעכקייט, קען די שטימונג פון די יידישע שרייבער און שרייבער ביי יידן אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט נישט זיין אַזוי געהויבן. אויך איצט שעפּטשען די מלאכים, אָדער טייוואלים, פון דער אינטואיציע אַלערליי סודות אין די אויערן אַריין. פון איין זייט דאָס אוניווערסאַלע זאָרגן־קינד פון יידישן פאָלק, וואָס מען מאָלט עס סימבאָליש ווי אַ יינגעלע מיט באָרוועסע פיס מיט אַ קיבוצישן טימבל־היטעלע אויפן קאָפּ און געקרייזלטע האָר. דאָס יינגעלע, וואָס ווערט שוין באַלד בר מצווה — און וואָס זיין אָפיציעלער נאָמען איז מדינת ישראל. — — פון דער אַנדערער זייט די זאָרג פאַר דער שארית הפליטה הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. — — פון דער דריטער זייט דאָס ראַסלען פון דעם האַקן־קרייץ פון זיין קבר אַרויס. — — פון דער פערטער זייט טאַקע די סיטואַציע פון דער גאַנצער וועלט גופא, וואָס מען שטויסט זי כסדר אין תהום...

יאָ, דאָס אַלץ איז אמת.

און דווקא דערפאַר ווייל דאָס איז אמת — — —

ה.

יאָ, דווקא דערפאַר ווייל דאָס אַלץ איז אמת דאַרף זיין די טענדענץ זיך שטאַרקער צו באַפעסטיקן אין יעדער פּאָזיציע. אין יעדער פּאָזיציע, וואָס איז אַ פּאָזיציע און נישט קיין אילוזיע, וואָס איז אַ פּאָזיציע און האָט נישט נאָר סוביעקטיוון ווילן עס צו בלייבן, נאָר האָט אויך די אָביעקטיווע באַדינגונגען דערצו.

מען קען זאָגן, אַז די יידישע פּאָזיציעס אויף דעם אַמעריקאַנישן

קאָנטינענט, מיט דעם יישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן בראש, זענען קלאַסישעביישפּילן פון ייִדישע יישובים, וואָס האָבן אי די סוביעקטיווע ווילנס צו בלייבן אייביקע ייִדישע תפוצה־פּאָזיציעס און אי די אָביעקטיווע באַדינגונגען דערצו — וואו מער און וואו וויניקער, צו מייסטן — נאַטירלעך — טאַקע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

וואָזשע איז צו טון? און וואָס דאַרף טון די פּעדאַגאָגישע וועלט ביי ייִדן — מיר זאָגן נישט „ייִדישע", נאָר „ביי ייִדן" — אויף דעם געביט אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט? וואָרעם די פּעדאַגאָגישע וועלט האָט זייער אַ גרויסע מיסיע ביי יעדן פאָלק און אין אַלע באַדינגונגען. זי איז דאָך דער גאָלדענער פאַרבינדונגס־רינג אין דער קייט פון דורות.

ו.

„דאָאיקייט" — מיר זאָגן אַרויס דאָס דאָזיקע אומפּאָפּולערע און אפילו שפּראַכלעך אַביסל מאָדנע וואָרט און זוילן שפּינען ארום דעם אַ פּאָר מחשבות. קוריאָז וויל, אַז אין סטוטשקאָווס „אוצר" געפינט זיך דאָס וואָרט אַלס דאָס סאַמע ערשטע. און עס איז נישט קיין צופאַל. דאָס וואָרט האָט אַ שייכות צום באַגריף פון באַגריפן — צום באַגריף „זיין". דאָ זיין. דאָאיקייט האָט אַ שייכות צו דאָרטיקייט... און דאָ האָבן פּעדאַגאָגן גרויסע אויפגאַבן פאַר זיך. און די אויפגאַבע איז צו אינטעגרירן דאָאיקייט מיט דאָרטיקייט. און אינטעגרירן דאָרטיקייט מיט דאָאיקייט. פּשוטער און אָן שפּראַכלעכע וואָרט־שפּילערייען: טון אַזוי, אַז דער בירגער פון מאָרגן — קינד אָדער יוגנטלעכער פון היינט ביי ייִדן אין די אַמעריקעס זאָל פילן, אַז דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע און דאָס ייִדישע לעבן אין מדינת ישראל זענען בלויז צוויי אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ ייִד, און ייִד און גוי זענען ווידער צוויי אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ מענטש. מיר האָפן, אַז ספּינאָזאַ וועט אונדז נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס מיר באַנוצן זיך מיט זיינע באַקאַנטע טערמינען.

ז.

וויאַזוי אינטעגרירט מען?

וואָס שייך אינטעגרירן עם ישראל בכלל און מדינת ישראל בפרט איז אַ סך געטון געוואָרן — און נישט פון היינט — נייערט שוין פון טויזנטער יאָרן אָן. און דאָס הייסט, אַז פאַר דער דאָרטיקייט אין צייט און שטח איז דאָ אַ ים מיט מאַטעריאַלן אין דער פּעדאַגאָגיק ביי ייִדן.

און דאָס טראַגיש־קוריאָזע איז, אַז פאַר דער דאָרטיקייט אין מזרח־איירפּע איז אויך דאָ אַ ים מיט מאַטעריאַל פאַר דער שול ביי ייִדן. די גאַנצע פאַרצווייגטע שטעטל־ליטעראַטור מיט שלום אַש בראש איז עס אין דעם פאַל.

אָבער אַז עס קומט צו אַמעריקאַנישער דאָאיקייט — פאַרזאָגט די

ליטעראַטור. זי שטייט אָפּ. זי ווערט מדברדיק, זאַמדיק, מיט קליינע אָאַזיסן דאָ און דאָרט.

ח.

די ליטעראַטור און די פּעדאַגאָגיק קאָאָפּערירן נישט גענוג אויף דעם געביט פון שאַפן דערציענדיקן און אינספּירירנדיקן מאַטעריאַל פאַר קומענדיקע גוטע בירגער אין די תפוצות.

דאָס נישט קאָאָפּערירן פון אַלערליי פאַרשידענע געביטן אין דעם קולטור־לעבן ביי יידן איז נישט ניי. אַן ענלעכע זאַך איז געשען אויפן געביט פון דער צוזאַמענאַרבעט פון דער ליטעראַטור און דעם טעאַטער. יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער האָבן געדאַרפט זיין ווי זיך ליבנדיקע צווילינגס־שוועסטערן און זענען געווען ווי צוויי צרה׳ס אין אַ הארעם. דאָס האָט — דאַכט זיך אונדז — שטאַרק צוגעאיילט דעם פּראָצעס פון דער צרה אין וועלכן דאָס יידישע טעאַטער געפינט זיך.

די באַציאונגען צווישן דער יידישער פּעדאַגאָגיק אין די אַמעריקעס און דער יידישער ליטעראַטור — אָדער אין ווייטערן זינען: דער ליטעראַטור ביי יידן — זענען חלילה נישט אַזעלכע צרהדיקע ווי די נאַר וואָס דערמאָנטע. אָבער ווייט נישט אַזעלכע ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין.

ט.

די שעה איז שוין אַ שטאַרק שפּעטע, אָבער נאָך נישט קיין פאַר־שפּעטיקטע.

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט נאָך גענוג שעפערישע כוחות, און די ליטעראַטור ביי יידן אין אַמעריקע אוודאי און אוודאי, און זי וואָלט געקענט באַוואוסטזיניק באַווירקט ווערן מצד דער פּעדאַגאָגישער וועלט אין זינען פון שאַפן ליטעראַטור, וואָס וואָלט געהאָלפן אין דערציען גוטע און נאָך בעסערע און גאַנצערע אין זיך בירגער פון די תפוצות.

קיין זאַך ווירקט נישט אַזוי דויערנדיק אין דער דערציאונג ווי גרויסע קונסט, און אין דער ערשטער רייע — גרויסע קונסט פון וואָרט.

די ווירקונג פון דער פּעדאַגאָגיק אויף דער ליטעראַטור וואָלט נישט געדאַרפט זיין קיין „סאָצ.־באַשטעלונג״, אָדער „נאַצ.באַשטעלונג״, ווי דאָס רופט זיך אין די טערמינען פון די טאָטאַליטאַרע לענדער, און נייערט אַ פרייוויליקע קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג.

י.

און רעדנדיק ריין־לאָקאַל: מיר האָבן אין קאַנאַדע אַזאַ שיין און גוט לאַנד, אַזאַ אמת־דעמאָקראַטישן סדר פון אויסלעבן זיך, מיר האָבן אויך דאָ אַ סך פּאַטאָס אין דער קאַנאַדיש־יידישער געשיכטע, אָט ווי מיניאַטור זי איז. ווי גוט וואָלט עס געווען דעם היגן יידישן לערער, וויפיל גרינגער

וואָלט עס אים געוועזן, ווען די היגע יידישע ליטעראַטור — און ליטעראַטור ביי יידן — וואָלט אים דאָס אין אַ שפּע צוגעשטעלט.

אגב — אפילו דאָס, וואָס איז דאָ, איז נישט ווי געהעריק עקספּלואַטירט אין דער לאָקאַלער פּעדאַגאָגישער וועלט.

איך וועל ברענגען איין דוגמא: די קרוין פון דער קאַנאַדער יידישער ליטעראַטור איז י. י. סיגאַל ז״ל, די קרוין פון דער קאַנאַדער ליטעראַטור ביי יידן אין ענגליש איז א. מ. קליין. אוודאי. רעגיאָנאַלער שטאָלץ, ליבשאַפט צו לאָקאַלע גרויסע געשטאַלטן, וואָס זענען אויך וועלט־אַנערקענט, גיט אַן אינערלעכע זיכערקייט דעם תלמיד. און ביידע די דערמאָנטע דיכטערס האָבן אויך געשאַפן דיכטונגען פון לאָקאַלן כאַראַקטער.

צי איז ווען עס איז דער היגער פּעדאַגאָגישער וועלט ביי יידן איינגעפאַלן צו אינטעגרירן ווערק פון די דערמאָנטע אין די לערן־פּראָגראַמען און טאָקע מיט אַ באַזונדערן אַקצענט? און פאַרוואָס נישט אַרויסגעבן קליינע אנטאָלאָגיעס פון זייערע ווערק פאַר שול־געברויך? און פאַרוואָס נישט אינטעגרירן אין די שול־פּראָגראַמען נאָך אַנדערע היגע שרייבער?

און פאַרוואָס נישט שאַפן אַן אָרגאַן פון שטענדיקער קאָאָפּעראַציע פון דעם פּראָדוצענט דעם דיכטער און דעם קאָנסומענט — דעם לערער?

און פאַרוואָס נישט שאַפן אַ נאַטירלעכע גלייכגעוויכט — אַן אינטעגראַלע, וואָלטן מיר געזאָגט, צווישן דעם דאָאיקייט־באַוואוסטזיין — אָדער גוטער בירגערשאַפט אין די תפוצות, און דעם דאָרטיקייט־באַוואוסטזיין, אָדער גוטער קינד־געטריישאַפט צו עם ישראל בכלל און ארץ ישראל בפרט?

יא.

אין זיין בוך „יידישקייט אין אַמעריקע״ דערציילט דער מחבר אשר פּען, אַז הרב דר. שאול ליבערמאַן, דער דעקאַן פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט צוויי אַמעריקאַנער ימים טובים אינטעגרירט אין דעם צעטל פון די יידישע ימים טובים, וואָס ווערן אָפּגעריכט אין זיין שטוב, און דאָס איז דער יום טוב פון פערטן יולי און דער יום טוב פון דאַנק־זאָגונג. — — אַן עניין, וואָס עס איז כדאי זיך גוט איבער אים צו פאַרטראַכטן. (וואָס מער מענטש — אַלץ מער ייד... וואָס מער ליבשאַפט צום גוטן דאָאיקייטס־לאַנד, אַלץ מער ליבשאַפט צום הארץ־ און אייביקטייערן דאָרטיקייטס־לאַנד...).

און לאָמיר דאָ ציטירן אַ שטיקל דובנאָוו: „פּונקט ווי יעדער מענטש קען זיין אַ געטרייער מיטגליד פון זיין משפחה און אַ בירגער פון זיין מלוכה, אַזוי קען אויך איטלעכע גרופּע פון יידנטום, פילנדיק איר פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער משפחה און איינשטעלנדיק זיך פאַר אירע אינטערעסן — קאָן זי גלייכצייטיק זיך באַטייליקן אין דעם בירגערלעכן לעבן פון דעם לאַנד, וואו זי געפינט זיך, — נאַטירלעך מיט

דעם באַדינג, אַז זי איז פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט מיט די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אַזוי אַרום בילדן יידן אומעטום — ניט קיין מלוכה אין אַ מלוכה, נאָר אַ נאַציע צווישן נאַציעס.״

יב.

דער שרייבער איז זיך גוט באַוואוסט, אַז ער האָט מיט דעם דאָזיקן מאמר קיין שום אַמעריקעס ניט אַנטדעקט...

ער איז זיך אָבער יאָ באַוואוסט, אַז יאָ־אַנטדעקט, אָדער נישט־אַנטדעקט אַ נייע אַמעריקע — איז אַלעמאָל כדאי דעם דאָזיקן ענין אַרויפצוברענגען אויפן טיש. דער עיקר אויב דאָס איז אַ טיש מיט אַ מסיבה פון פעדאַגאָגן לרוב. ווי דאָס איז טאַקע אין דעם פאַל, אין דער שריפט לכבוד דעם פאַרדינסטפולן פעדאַגאָג שלמה וויסמאַן, וואָס האָט באמת אַ סך חידושים אַרויסגעבראַכט אויפן געביט פון יידישן פעדאַגאָגישן געדאַנק.

אין אָט דעם מאמר קומט אַ שרייבער צו לערערס ביי יידן — מיט אַ טענה, און די טענה איז: פאַרוואָס האָט איר אַזוי ווייניק טענות צו אונדז?... אַ מאָדנע טענה, אָבער אַ שטאַרקע. און מיר האָפן, אַז מיר האָבן זי אין דעם דאָזיקן מאמר באַגרינדעט כאָטש אַביסל.

פיר שאלות און תשובות

פון

שמשון דונסקי

והיה כי ישאלך — — — (שמות יג, יב)
ודע מה שתשיב — — — (אבות ב, יד)

גמווידמעט אייך, חבר און לערער שלמה ווייסמאַן,
צום פערציק יעריקן יובילעאום פון אייער אָנפירן
מיט די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן
און צום אַכט און דרייסיקסטן יאָר פון אונדזער
אידעאישער און פּראַקטישער צוזאַמענאַרבעט.

א

אונדזער באַציאונג צו דער נאָך־היטלער דייטשלאַנד

פראַגע: פאַרוואָס זאָלן מיר האַלטן אין איין דערציילן אין די קלאַסן וועגן די אומהיימלעכע גרוילן פון די גזרות ת״ש— תש״ד? פאַרגיפטיקן מיר ניט מיט דעם די הערצער און מוחות פון די יונגע קינדער? פלאַנצן מיר ניט איין מיט דעם אין זייערע הערצער שנאה צו אַ באַשטימט פאָלק, — דער היפוך פון דער תורה וואָס מיר ווילן זיי לערנען? און וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו דערמוטיקן באָיקאָט אויף דייטשישע סחורות? וואָס איז דער יונגער דור אין דייטשלאַנד שולדיק, אַז מיר זאָלן זיי משפטן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן?

די דאָזיקע האַרבע פראַגן האָט מיר געשטעלט איינער פון די עלטערן פון אונדזערע תלמידים. און ניט נאָר האָט ער געפרעגט, נאָר ער האָט העפטיק פּראָטעסטירט קעגן אונדזער אופן פון באַהאַנדלען דעמדאָזיקן פּראָבלעם אין די קלאַסן.

נו, אָביעקטיוו גענומען זיינען עס גערעכטע טענות. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן איז אוודאי ניט רעכט צו דערציען קינדער אויף גרויליקע דערפאַרונגען, און אוודאי ניט אויף שנאה בכלל און אויף שנאה צו באַשטימטע פעלקער בפרט. אַזוי אויך זיינען די איבעריקע טענות גערעכט.

אָבער דאָס איז אַלץ אָביעקטיוו גענומען אין שנים כתיקונן, ביי אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס זיין קיום שטייט ניט אין געפאַר און זיינע זין און טעכטער זיינען געזיכערט מיט זייער פסיכישן גלייכגעוויכט. און אַז עס טרעפט אַ מלחמה

צווישן צווי פעלקער, איז עס זייער נאַטירלעך, אַז ווען די מלחמה גייט אַריבער, זאָלן די בלוטן זיך אָפּקילן און עס זאָל ניט נעמען צו לאַנג, ביז בײדע פעלקער זאָלן פאַרגעסן וואָס איז פאַרגעקומען, און די באַציאונגען צווישן זיי זאָלן נאָרמאַליזירט ווערן.

אַז צווי פעלקער צעשלאָגן זיך, איז געוויינלעך אפילו דאָס גערעכטע פאָלק ניט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט גערעכט. ערגעץ וואו טראָגט אויך דער גערעכטער צד אַ טייל פון דער שולד, און ער פילט עס. עס הערשט אויך דאָס געפיל, אַז די דאָזיקע שנאה, וואָס ווערט אַזוי שטאַרק אויפגעבלאָזן אין ציַיט פון דער מלחמה, איז אַ „שנאה התלויה בדבר", זי איז פאַרבונדן מיט באַשטימטע אינטערעסן, און דאָס וואָס געשעט מיט אַן „אהבה התלויה בדבר", געשעט אויך מיט דעם מין שנאה, — ווערן פאַרגעסן אָדער אויסגעגלייכט די אינטערעסן, איז עס נאַטירלעך, אַז אויך די שנאה זאָל פאַרגעסן ווערן. אויב דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק צווישן אינדיווידועלע מענטשען, איז עס אָבער יאָ ריכטיק צווישן פעלקער און לענדער. פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָבן דורות און דורות געפירט מלחמות צווישן זיך. פונעסטוועגן איז עס אָבער נאַטירלעך פאַר זיי, אַז איצט, ווען עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז זייערע אינטערעסן ליגן אויף אַ געמיינזאַם פעלד, זאָלן זיי ווערן גוטע פריינט און אַרבעטן געמיינשאַפטלעך פאַר ביידנס טובה.

איז עס אַזוי אין אונדזער פאַל? קלאָר, אַז ניין. די דייטשע שנאה צו אונדז איז ניט געווען קיין שנאה התלויה בדבר. ניט קיין קעגנגעזעצטע אינטערעסן זיינען דאָ געווען. דאָ האָט מען געפלעגט און אויסגעניצט אַן אַטאַוויסטישע שנאת חנם, כדי צו דערציען אַ דור אויף מאָרד און רציחה, מיטן צוועק צו פאַרוואַנדלען דעמדאָזיקן דור אין פעלקער אומברענגערס און וועלט דעראָבערערס. און אַ שנאה שאינה תלויה בדבר איז אינה בטלה, יעדנפאַלס ניט אַזוי שנעל. און די באַנייטע נאַצישע אויסברוכן איבער דער וועלט, וואָס האָבן לויט אַלע סמנים געהאַט זייער צענטער אין דייטשלאַנד, זיינען אַ באַוויַיז אויף דעם. אוודאי זיינען געווען און פאַראַן אין דייטשלאַנד קעגנער פון היטלערן און פון די נאַציס, און אויב מיר האַלטן אַן שנאה צו דייטשן, און אויב מיר באַיקאָטירן דייטשע סחורות, ליידן יענע אומזיסט. אָבער איז עמיצער אַמאָל אַרויס מיט אַ טענה, אַז מע זאָל דעם־און־דעם מולטי־מערדער ניט געבן קיין טויט שטראָף, צי אפילו לעבנסלענגלעכע געפענגעניש, באַשר זיין פרוי וועט ליידן, און זי איז ניט מיטשולדיק, באַשר זיינע קינדער וועלן בלייבן אָן אַ טאַטן, און פאַרוואָס זאָלן זיי ליידן פאַר זיינע זינד? קלאָר, אַז ניט אומעטום איז אויסגעהאַלטן דער כלל, אַז קינדער דאַרפן ניט ליידן פאַר די זינד פון זייערע טאַטעס. און נאָך מער: פאַר די קינדער אַליין, פאַר זייערע אייגענער מענטשלעכער דערציאונג וואָלט געווען שלעכט, ווען מיר זאָלן זייער טאַטן ניט פאַרמשפּטן. זיי וואָלטן דאַן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז לית דין ולית דיין, אַז די וועלט איז אַ הפקר־קרעטשמע,

און כדי זיך פאַרצושטעלן ווי די וועלט וואָלט דאַן אויסגעקוקט, דאַרף מען נאָך די היטלער יאָרן קיין צו רייכע פאַנטאַזיע ניט האָבן.

אייגנטלעך איז דאָך דאָס דער באַנקראָט פון דער קריסטלעכער תורה, וואָס האָט אָנגעזאָגט: „משפט ניט, כדי איר זאָלט ניט געמשפט ווערן", און „שטעלט אייך ניט אַנטקעגן דעם וואָס איז שלעכט, נייערט ווער עס שלאָגט דיך אויף דער רעכטער באַק, שטעל אים אונטער אויך די אַנדערע", און „האָט ליב אייערע שונאים און בעט פאַר די וואָס רודפן אייך", — דער באַנקראָט פון אַ תורה וואָס שטעלט אַלץ אויף רחמים, און ניט אויף דין.

דער יידישער צוגאַנג איז אינגאַנצן אַן אַנדערער. „בשעת גאָט איז געקומען באַשאַפן די וועלט, האָט ער געזאָגט: זאָל איך זי באַשאַפן מיט רחמים, וועלן זיך מערן די זינד אויף דער וועלט; זאָל איך זי באַשאַפן מיט דין, וועט זי זיך ניט קענען האַלטן. נייערט איך וועל זי באַשאַפן מיט דין און מיט רחמים, און הלוואי זאָל זי זיך האַלטן" (בראשית רבה יב, טו).

אָבער דאָ איז פאַראַן נאָך אַן אַספּעקט פון דעם זעלבן פּראָבלעם, — דער אינעוויניקסטער, דער סוביעקטיווער.

אונדזער נאַציאָנאַל פּסיכיש גלייכגעוויכט און וואוילזיין פאָדערט, מיר זאָלן אַזוי שנעל ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן. דאָס איז איינער פון די וועגן, ווי אונדזער מוראַדיקער צער און מאוימדיקער טרויער קאָן געפינען זיין פּסיכישן תיקון. ווען די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע האָבן באַשוואָרן זיך און די קומענדיקע דורות, אַז זייער פוס זאָל ניט אַרויפטרעטן אויפן פאַרשאָלטענעם שפּאַנישן באָדן, זיינען זיי געפירט געוואָרן פון אַ געזונטן פאָלקס אינסטינקט, וואָס האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז זיי מוזן זיך שאַפן אַ קאָמפּענסאַציע, אויב זיי ווילן האָבן די פּסיכישע מעגלעכקייט ווייטער צו עקזיסטירן. און ווען יידן פלעגן דורך די דורות יאָר איין — יאָר אויס שלאָגן המנען אום פורים, האָבנדיק דערביי מער אין זינען די פאַרשיידענע המנס פון זייער אייגענער צייט, זיינען זיי דורכדעם, בלא יודעים מסתמא, געשטאַרקט געוואָרן אין זייער געמיט און געפונען אין זיך דאָס נויטיקע גלייכגעוויכט אויף אָנצוהאַלטן זייער צלם אלקים.

אוודאי דאַרף שוין היינט אַ ייד ניט זוכן קיין באַזונדערן היתר אויף צו לעבן אין שפּאַניע. גירוש שפּאַניע איז שוין לאַנג געשיכטע, און קאָן און דאַרף אין אַקטועלן לעבן שוין ניט זיין קיין ווירקנדיקער פאַקטאָר. מעשה היטלער איז אָבער געשען נעכטן, און סיי מיר אַליין, סיי דער אונטערוואַקסנ־דיקער דור נויטיקט זיך זייער אין דערדאָזיקער קאָמפּענסאַציע.

נאַטירלעך טאָר דערביי ניט פאַרגעסן ווערן נאָך אַ וויכטיקער קאָמפּענ־סירנדיקער מאָמענט, אַ פּאָזיטיווער, און דאָס איז די גבורה וואָס יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין די געטאָס. און ניט נאָר וועגן דער גבורה וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ און פון אַנדערע געטאָס רעדט זיך דאָ. ס'איז אוודאי וויכטיק, אַז אונדזערע קינדער

זאָלן וויסן, אַז אַ גרויסער טייל פון אונדזער פלייש און בלוט האָט אָנגעפירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, כדי אויפצוהאַלטן דעם יידישן כבוד אויף דער וועלט. מיר מיינען דאָ אָבער אויך, און אפשר בעיקר, די גוואַלטיקע גבורה וואָס די געטאָ יידן האָבן אַרויסגעוויזן אויף אויפצוהאַלטן דאָס לעבן אונטער די ערגסטע באַדינגונגען. אונדזערע קינדער דאַרפן וויסן, אַז יידן אין די געטאָס האָבן מיט ציין און מיט נעגל זיך געקלאַמערט אין לעבן, אַז זיי האָבן געזוכט צו דערציען זייערע קינדער, אַז לערער פלעגן זיך מוסר נפש זיין איבער זייערע תלמידים, אַז מע האָט געשפילט טעאַטער, דורכגעפירט קאָנצערטן און לעקציעס, געלערנט אַ פרק משניות און אַ בלאַט גמרא, אאַ״וו, אאַ״וו, אאַ״וו. עס וועט געבן די קינדער אַ געפיל פון גוטסטואונג, עס וועט שאַפן אין זיי אַ באַציאונג פון דרך ארץ צו אָט די קדושים, וואָס האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן דעם יידישן צלם אלקים, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט מענטשלעכע חיות רעות.

און אוודאי דאַרף מען אויך דערציילן די קינדער, און אפילו שטאַרק אַקצענטירן דעם פאַקט, אַז אפילו צווישן די דאָזיקע חיות האָבן זיך דאָ און דאָרט געפונען מענטשן, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס און געראַ־טעוועט יידן פון די הענט פון די אכזרים. דאָס וועט שטאַרקן אין די קינדער דעם גלויבן, אַז אויך אין דער פינצטערניש באַהאַלטן זיך אָפט פונקען פון ליכטיקייט, און אַז טראָץ אַלעמען טאָר מען ניט פאַרלירן די האָפנונג, אַז ווען עס איז וועט דאָס גוטע אינעם מענטשן גובר זיין דאָס שלעכטע, און די מענטשהייט וועט סוף־כל־סוף דערלעבן דעם יום שכולו טוב.

אָבער די גרויליקע היטלער גזרות טאָרן בשום אופן ניט פאַרגעסן ווערן.

און ניט נאָר פאַר אונדז אַליין איז דאָס וויכטיק. איך פיל, אַז מיר האָבן דאָ אַ וויכטיקע שליחות צו דערפילן. טאַקע ווייל די קריסטלעכע וועלט איז שוין גרייט צו פאַרגעסן און פאַרגעבן, זיינען מיר באַרופן פון דער געשיכטע צו האַלטן וואַך אין זכרון די היטלער גרוילן, האַלטן וואַך דעם אַטריבוט פון משפט און דין, ווייל אָן דעם קאָן די וועלט חרוב ווערן.

מיר יידן זיינען געווען די ערשטע צו אַנטוויקלען דעם באַגריף פון זינד, און גלייכצייטיק צו ברענגען די רפואה צו דעם — דעם באַגריף פון דין און פון תשובה. זיינען מיר אין אונדזערע טעג ווידעראַמאָל אויף אַזאַ טראַגישן אופן אָנגעטרויט געוואָרן פון דער געשיכטע צו זיין דאָס געוויסן פון דער וועלט, און ניט צו דערלאָזן, אַז זי, די וועלט, זאָל פאַרזונקען ווערן אין אַ חשכות פון משפטלאָזיקייט און געוויסנלאָזיקייט. לאָמיר דידאָזיקע שליחות דערפילן כל זמן זי איז נויטיק, מיט דער האָפנונג, אַז ווען עס איז וועט זי מער ניט נויטיק זיין.

ב

וועגן „אתה בחרתנו"

פראַגע: ווי זאָל איך, אַ לערער, דערקלערן דעם אויסדרוק אין חומש: „בך בחר ה'", אָדער די תפילה „אתה בחרתנו מכל העמים", אָדער די פראַזע אין קידוש „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון"? איז עס ניט אין פולן קעגנזאַץ צו אונדזער דעמאָקראַטישער איינשטעלונג בנוגע צו דער גלייכווערטיקייט פון אַלע מענטשן און אַלע פעלקער? איז עס ניט דאָסזעלבע ווי די טעאָריע פון אַ העכערער ראַסע פון די נאַציס ימ"ש?

די ענלעכקייט צווישן דער טעאָריע פון העכערע און נידעריקערע ראַסן און צווישן דעם יידישן „אתה בחרתנו", איז נאָר אַ פונאַויבנאויפיקע, אָבער ווייט ניט קיין תוכיקע. אין תוך גענומען זיינען די צוויי אויפפאַסונגען ווייט איינע פון דער אַנדערער כרחוק מזרח ממערב.

וואָס איז געווען די נאַצישע איינשטעלונג וועגן אַ העכערע ראַסע? זיי האָבן דידאָזיקע העכערקייט געזען ווי אַ באַזונדערע פּריווילעגיע וואָס די נאַטור האָט באַשאָנקען דעם דייטשן פאָלק, אַ פריווילעגיע וואָס דאַרף זיי געבן דאָס רעכט צו צעטרעטן פעלקער און איינצונעמען לענדער און באַהערשן די וועלט. דידאָזיקע איינשטעלונג איז דער הונדערט פּראָצענטיקער היפוך פון וועלכער ניט איז מענטשלעכער עטיק און מאָראַל. דאָס איז געווען די אַלטע דזשאָנגל איינשטעלונג פון „מאַכט איז רעכט", אָרנאַמענטירט מיט דייטשער פילאָסאָפישער מליצה.

וואָס איז דער געדאַנק פון יידישן „אתה בחרתנו"? גיט עס דעם יידן באַזונדערע פּריווילעגיעס, ספּעציעלע זכיותן און רעכט? לא מניה ולא מקצתיה, גאָרנישט פון דעם מין. פונקט פאַרקערט: די יידישע אויסדערוויילטקייט לייגט אַרויף אויפן יידן אַ משא פון פליכטן, פליכטן צו נאָענטע און ווייטע. שוין ביים מעמד הר סיני ווערט אָוועקגעשטעלט דער תנאי, דער קאַטעגאָרישער „אויב": „אויב צוהערן וועט איר צוהערן מיין קול און איר וועט היטן מיין בונד, וועט איר זיין מיין עם סגולה צווישן אַלע אומות, ווארום צו מיר געהערט די גאַנצע ערד" (שמות יט, ה). און וואָס אַזוינס איז דער בונד וואָס יידן דאַרפן היטן, איז קלאָר. ס'איז גענוג דאָ צו דערמאָנען הללס באַוואוסטע מימרא, וואָס איז כולל אין זיך אַלע סאָציאַלע געזעצן און פאָדערונגען פון דער תורה: „דעלך סני, לחברך לא תעביד", — וואָס דו האָסט ניט ליב, טו ניט צו אַ צווייטן, „ואידך פירושא, זיל גמור", — און דאָס איבעריקע איז אַ פירוש אויף דעם, גיי לערן (שבת לא, א).

און דער יום־טובדיקער קידוש גיט אַליין דעם ענטפער: גלייך נאָכן „אשר בחר בנו" — — — קומט דער „וקדשנו במצוותיו", און אַזוי אין דער יום־טובדיקער שמונה עשרה: „וקדשתנו במצוותיך", — דו האָסט אונדז

געהייליקט מיט דיינע מצוות, האָסט מיט דיין אויסדערוויילן אונדז אַרויפֿ־געלייגט אויף אונדז באַזונדערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן. אָן דעם תנאי זיינען מיר לגמרי ניט קיין מיוחסים. ווי זאָגט עמוס: „הלא כבני כושיים אתם לי בית ישראל" (עמוס ט, ז), — איר זענט מיר דאָך ווי די קינדער פֿון די כושים און ווי די פּלישתים און ווי די ארמים, ווייל אויך זיי זיינען גאָטס קינדער, און נאָר די ספּעציעלע פֿליכטן טיילן אָפּ דעם יידן פֿון דעם אַרום.

און דידאַזיקע עטישע פֿאָדערונגען, וואָס זיינען דער באַזיס פֿון דעם יידישן אתה בחרתנו, האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען אין משך פֿון דורות. אויב אין תנ"ך איז אויפֿן געביט פֿון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען נאָך רעכט אַזאַ פּסוק ווי „לא תחיה כל נשמה" (דברים כ, טז; כאָטש עמוס ווייס שוין צו פֿאַרצייכענען אינטערנאַציאָנאַלע גרויזאַמקייטן ווי פֿאַרברעכנס: מואב וועט באַשטראָפֿט ווערן פֿאַר פֿאַרברענען די ביינער פֿון מלך אדום), ווייס אָבער די שפּעטערדיקע אגדה צו דערקלערן דעם ערשטן חורבן ווי אַ שטראָף איבער דער אכזריות מיט וועלכער די יידן האָבן אויסגעהרגעט די מלחמה געפֿאַנגענע בני שעיר (איכה רבה, פּתיחתא יד). און לויט אַן אַנדער מדרש זיינען די זיבעציק אָקסן, וואָס מע פֿלעגט מקריב זיין אין בית המקדש דורך די זיבן טעג פֿון סוכות, געווען באַשטימט אויף מכפּר צו זיין אויף די זינד פֿון די שבעים אומות (תנחומא פּנחס, טז). און ווידער אַן אַנדער מדרש (במדבר רבה יט) ווייס צו דערציילן, אַז למען השלום האָט משה ניט אויסגעפֿאָלגט גאָטס געבאָט גלייך אַרויסצוגיין אויף מלחמה אויף סיחון מלך חשבון, נייערט ער האָט געשיקט צו אים שליחים פֿון שלום, און גאָט האָט מסכים געווען מיט אים און האָט אים געהייסן אַריינשרייבן אין דער תורה: „כי תקרב אל עיר להלחם עליה וקראת אליה לשלום" (דברים כ, י). און וואויל באַקאַנט איז אויך די גמרא (סנהדרין לט, ב) וואָס זאָגט, אַז ווען די מצרים זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים, האָט גאָט ניט געלאָזט די מלאכים זאָגן שירה פֿאַר אים: „מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה?"

דערצו איז נויטיק צו געדענקען, אַז דער יידישער „אתה בחרתנו" זעט ניט קיין וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן דעם אויסדערוויילטן פֿאָלק און אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט. דער אונטערשייד איז נאָר אין צייט. דאָס יידישע פֿאָלק איז נאָר געווען דאָס ערשטע רעליגיעז און עטיש רייף צו ווערן און אַרויסצוגעבן פֿון זיך, און אַרויסצושטעלן צו זיך, נביאישע פֿאָדערונגען. יידן האָבן נאָך דעם היסטאָריש־כראָנאָלאָגישן פֿאַרצוג פֿון זיין די ערשטע, אָבער זיי איז בשום אופֿן ניט באַשערט צו בלייבן די איינציקע. די יידישע „בחירה" איז, לויט חיים גרינבערגס גלענצנדן אויסדרוק, ניט מער ווי „בכורה", ערשטקייט, אָבער ניט קיין אַבסאָלוטע און אייביקע וועזנטלעכע אַנדערשקייט. און אַזוי זאָגט דער נביא צפניה (ג, ט): „כי אז אהפך אל כל העמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ה' לעבדו שכם אחד", —

עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע פעלקער וועלן קענען אויפנעמען די הויכע רעליגיעז־עטישע געבאָטן און איינשטעלונגען פון יידישקייט. אָבער דער דאָזיקער פאַקט פון בכורה לייגט אַרויף אויף יידן אַ געוואַלדיקע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון וועג־אויסטרעטערס און וועגווייזערס, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ פאָלק וואָס איז באַרופן צו זיין דער נביא און לערער פון אַ וועלט.

די נאַצישע קאָנצעפּציע פון אַ העכערער ראַסע איז אַ פּעדאַגאָגישע קללה אויפן דייטשישן פאָלק. להבדיל אלף אלפי הבדלות, די יידישע „אתה בחרתנו" קאָנצעפּציע איז אַ פּעדאַגאָגישע ברכה. זי האָט בכוח צו דערציען דעם מענטשן צו פליכטן, צו פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, און איינצופלאַנצן אין אים שטרעבונגען צו אַן עטיש העכערן שטייגער לעבן. דאָס איז דער מין נאָבליטעט וואָס פאַרפליכטעט. צווישן דעם אומגעקומענעם אשכנזישן יידנטום פלעגט מען זייער אָפט הערן דעם אויסדרוק: „פע, ס'איז ניט שיין, ס'פּאַסט ניט פאַר אַ יידן". דער דאָזיקער „ס'פּאַסט ניט פאַר אַ יידן" האָט אָפּגעהיט דעם יידן פון אַ סך עטישע קרומקייטן און האָט דערצויגן אין אים אַ געפיל פון העכערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אוודאי זיינען מיט דעם פאַרבונדן באַשטימטע געפאַרן. עס איז פאַראַן די סכנה, אַז דער „אתה בחרתנו", ווען פאַרשטאַנען און אַנגעווענדט ניט אין ריכטיקן ליכט, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ היפּער נאַציאָנאַליזם, אין אַ שאָוויניזם, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון די עטישע איינשטעלונגען פון יידישקייט. אָבער אויפגעבן דאָס פלעגן און אַנטוויקלען די יידישע קאָנ־צעפּציע פון „אתה בחרתנו" צוליב אָט דער געפאַר טאָר מען ניט. דער לערער און דערציער דאַרף כסדר האָבן אין זינען צו אַקצענטירן דאָס פּאָזיטיווע פון דעמדאָזיקן געדאַנק, דהיינו, אַז דער „אתה בחרתנו" גלויבן דאַרף פירן צו אַ כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון די ספּעציעלע פעאיקייטן און טאַלאַנטן, וואָס יידן זיינען מיט זיי געבענטשט געוואָרן. איז דאָך די אויפגאַבע פון יעדן לערער און דערציער אַרויסצורופן און אַנטוויקלען אין יעדן קינד זיינע באַזונדערע פּערזענלעכע טאַלאַנטן, און ס'פאָלט קיינעם ניט איין זיך צו שטעלן קעגן דעם צוליב דער סכנה, אַז ס'וועט זיך אין קינד אַנטוויקלען אַ געפיל פון סנאָבישקייט און גאווה לגבי די אַנדערע קינדער. דידאָזיקע סכנה זוכט מען צו באַזייטיקן דורך געהעריקער דערציאונג. דאָסזעלבע דאַרף געטאָן ווערן אויך ביים אַנטוויקלען דעם דראַנג צו די ספּעציפישע פעאיקייטן און טאַלאַנטן אויפן נאַציאָנאַלן געביט.

און דאָ איז ניט וויכטיק ווער דער „אויסוויילער" איז, צי ס'איז גאָט, צי די געשיכטע, אָדער די נאַטור. נאָר די סימבאָליק איז אַן אַנדערע, דער תוך איז אָבער דערזעלבער, און דאָס איז דער עיקר. דער פאַקט, אַז יידן זיינען געוועזן די ערשטע צו באַקעמפן דעם געצנדינערישן פאַטאַליזם; די ערשטע אַזוי שטאַרק צו אַקצענטירן די חשיבות פונעם מענטשן און פון

מענטשלעך לעבן, און ממילא איינצופלאַנצן דעם אָפּטימיסטישן גלויבן, אַז דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך די נויטיקע גייסטיקע כוחות זיך אויפצוהויבן איבער זיינע אייגענע שוואַכקייטן און שאַפן די נויטיקע באַדינגונגען פאַר דער געגאַרטער גאולה שלמה — און דאָס אַלץ בעת אין דער אַרומיקער וועלט איז דער אַלטער געצנדינערישער פאַטאַליזם נאָך אַלץ ביז אין אַ גרויסער מאָס אַ מושל בכיפה, — דערדאָזיקער פאַקט, ווען גוט געפלעגט און מיט אמתער פאַרשטענדניש פאַר די פּראָבלעמען וואָס שטייען דאָ אין קאַן, איז גוואַלדיק דערציעריש פאַרן יידישן יוגנטלעכן, ווייל עס האָט בכוח איינצופלאַנצן אין אים העכערע שטרעבונגען און אַ טיפערן זין אין לעבן.

און ווען דער לערער וויל דידאָזיקע אַבסטראַקטע אידעען איבערזעצן אויפן לשון פון פאַקטועלע מעשים, קאָן ער אַצאָל אַזעלכע אַנטפּלעקונגען געפינען אין פאַרשיידענע אַספּעקטן פון יידישן לעבן. אָט איז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, רובה ככולה, פול מיט סאָציאַל עטישן פּאַטאָס און מיט אַ גוואַלדיקער שטרעבונג צו אַ שענער לעבן פאַרן מין מענטש אויף דער וועלט. און אָט איז דער פאַקט, אַז אין אַלע סאָציאַל רעוואָלוציאָנערע שטרע־מונגען און באַוועגונגען פון די לעצטע דורות האָבן יידן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע פירנדיקע ראָלע. היינט דער וואונדערלעכער פאַקט, וואָס נאָך איידער מע האָט אין איין טייל פון דער וועלט זיך פאַרמאָסטן איינצופירן אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג מיט אוממענטשלעכע מיטלען, מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ, זיך לגמרי ניט רעכענענדיק מיט דער חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, און דורכדעם פאַרוואַנדלט דעם העכסטן מענטשלעכן אידעאַל אין אַן אָבשיילעכער קאַריקאַטור, — נאָך פאַר דעם האָבן יידן אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אַ צווייטן ווינקל פון דער ערד די קבוצות און קיבוצים, וואו דער סאָציאַליזם איז געבויט אויפן פרייען אויסוואַל פונעם מענטשן און אויף דער חשיבות פון זיין פּערזאָן, — אַ באַוועגונג וואָס האָט אַרויסגערופן די באַגייסטערונג פון די שענסטע גייסטער אויף דער וועלט, און וואָס האַלט איצט ביים ווערן אַן אמתער „אור לגוים”, ווען ניי אויפ־געקומענע פעלקער שיקן זייערע זין און טעכטער צו לערנען דעם לעבנס שטייגער פון די דאָזיקע קיבוצים.

אָט די דערמאָנטע און אַנדערע ניט דערמאָנטע פאַקטן דאַרפן דינען דעם לערער ווי אַ באַווייז, אַז אין יידישן לעבן שלומערן אַזעלכע גייסטיקע כוחות, וואָס ביי זייער פולער אַנטפּלעקונג זאָלן זיי האָבן בכוח צו ווערן אַ ווירקנדיקער פּאָזיטיווער פאַקטאָר אינעם גאַנג פונעם מין מענטש אויף דער וועלט.

באַזונדערס איז צו דערוואַרטן, אַז דידאָזיקע שלומערנדיקע כוחות פון ישראל סבא זאָלן אויפגעוועקט און דערוועקט ווערן אינעם נייעם ארץ ישראל, וואו דער יידישער שאַפונגס געניוס וועט מער ניט דאַרפן פאַרוועגדט ווערן אויף דער טאָג־טעגלעכער שפּאַנונג פון אויפהאַלטן דעם נאַקעטן קיום, ווי

דאָס איז געווען אין די אַלע גלות יאָרן, און זיינע כוחות וועלן פריי ווערן מוליד צו זיין, מיטן לשון פון זוהר, נייע ליכטער, וואָס זאָלן פאַרטרייבן ניט נאָר די אייגענע שאָטנס, נייערט אויך אַריינברענגען ליכט אין דעם ווייטן און ברייטן אַרום. און אונדזער אתחלתא דגאולה, וואָס מיר האָבן געהאַט די זכיה צו דערלעבן מיטן אויפקום פון דער באַנייטער מדינת ישראל, זאָל זיין ניט נאָר דער אָנהויב פון אונדזער אייגענער גאולה, נייערט זי זאָל מיט דער צייט אויך ווערן אינסטרומענטאַל און העלפן ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט. ווי באַצייכנט ישעיה די שליחות פון יידישן פאָלק? „נקל מהיותך לי עבד — — — ונתתיך לאור גויים, להיות ישועתי עד קצות הארץ״, — ס׳איז ווייניק, אַז דו זאָלסט מיר זיין אַ קנעכט — — — נייערט איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ ליכט פון פעלקער, אַז מיין הילף זאָל זיך אויסשפּרייטן ביז צו די עקן פון דער ערד (ישעיה מט, ו).

הלוואי וואָלט יעדע איינע פון די „שבעים אומות״ געזוכט צו אַנטוויקלען אין זיך יענע פּאָזיטיווע כאַראַקטער שטריכן וואָס זיינען איר אייגן מיט דער הילף פון אַן אייגענעם „אתה בחרתנו״, — די וועלט וואָלט דאַן פריי געווען פון אַ סך פון אירע איצטיקע אימהדיקע פּחדים און זי וואָלט גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט.

ג

„בראשית ברא״ און די מאָדערנע וויסנשאַפט

פראַגע: ווי זאָל איך, דער לערער, רעאַגירן אויף די שאלות פון קינדער בנוגע דעם ווידעראַנאַנד צווישן תנכישער טראַדיציע און מאָדערנער וויסנשאַפט, אַ שטייגער צווישן דער דערציילונג פון חומש וועגן דער וועלט באַשאַפונג אין זיבן טעג און דער איינשטעלונג פון דער וויסנשאַפט, אַז די וועלט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ משך פון מיליאָנען יאָרן? זאָל איך זיך האַלטן ביי דער טראַדיציע, איגנאָרירנדיק די וויסנשאַפטלעכע אויספירן, און זיין אויסגעשטעלט צו דער סכנה פון שאַפן אַ געפיל פון אומצוטרוי ביים יוגנטלעכן, שוין ניט צו רעדן פון דער פאַרגוואַלטיקונג פונעם אייגענעם געוויסן; אָדער זאָל איך אָננעמען די וויסנשאַפטלעכע אויספירן, און זיין אויסגעשטעלט צו דער סכנה פון איינפלאַנצן אינעם תלמיד אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער וויכטיקייט פון תנך, עפּעס וואָס וועט ברענגען גרויס שאָדן אונדזער גאַנצער דערציערישער אַרבעט?

ס׳איז קלאָר, אַז די פראַגע קומט פון אַ לערער, וואָס איז ווייט פון דאָגמאַטישער פרומקייט. ביי אַ לערער, וואָס די רעליגיעזע טראַדיציע איז זיין איינציקער און אייביקער וועגווייזער, וועט אַזאַ פראַגע ניט אויפקומען. די טראַדיציע פון „בראשית ברא״ און דעסטגלייכן איז פאַר אים אַן אַקסיאָמע שאין להרהר אחריה. און אויב זי שטימט ניט מיט דער וויסנשאַפט, אַז קלאָר,

אַז די בכורה קומט דער טראַדיציע. אין בעסטן פאַל, אויב דער לערער איז אַזאַ וואָס קאָן זיך שוין ניט פאַרגינען מבטל צו זיין די וויסנשאַפט, וועט ער פּרוּוון אויסטייטשן, אַז די זיבן טעג פון דער יצירה שטעלן מיט זיך פאָר זיבן תקופות, וואָס יעדע פון זיי האָט זיך געקענט ציען טויזנטער, און אפילו מיליאָנען יאָרן, און אַזוי אַרום פּרוּוון מאַכן שלום צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע איינשטעלונגען. אָבער אַ לערער וואָס איז אַליין ניט דאָגמאַטיש פרום קאָן מיט אַזעלכע ענטפערס ניט קומען. קינדער האָבן אַ שאַרפן חוש פאַר עכטקייט. בלא יודעים דערפילן זיי ווען דער לערער איז ניט גאַנץ מיט זיך, און ס'איז געגנוג, אַז דער לערער זאָל איין מאָל נכשל ווערן מיט ניט עכטקייט, און די קינדער זאָלן פאַרלירן דעם צוטרוי צו אים אויף שטענדיק, אפילו דאַן ווען ער איז עכט און אמתדיק.

וואָס־זשע איז דער אויסוועג?

ראשית זאָל זיין קלאָר, אַז כל זמן אַ קינד האָט נאָך ניט בכוח צו פרעגן אַזעלכע פראַגן, טאָר דער לערער אַליין זיי ניט אויפהויבן. דאָס איז אין דער בחינה פון „השבעתי אתכם — — — אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ״. דער כישוף פון דער פּשטותדיקער דערציילערישקייט און פון דער בילדערישער שיינקייט פון די מעשיות פון בריאת העולם, פון קין און הבל, פון מגדל בבל, צי פון דעם סנה וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, אָדער פון דעם דונערדיקן און בליצנדיקן מעמד הר סיני, איז גוואַלדיק פאַרכאַפּנדיק און אמתדיק פאַרן יונגן קינד, און ממילא ווירקזאַם דערציִעריש. אים דאַרף מען דערציילן די מעשיות אין זייער גאַנצקייט און פולקייט (און, אגב, אין זייער תנכישן צמצום, גאָרניט ניט צוגעבנדיק, ווייל אין די מעשיות איז כל המוסיף גורע).

דער מדובר איז וועגן קינדער וואָס טראַכטן שוין און האָבן זיך שוין אַנגעלייענט מיט „סייענס״ ביכער, און זיי קאָנען שוין מער ניט אָננעמען קיין לעגענדע און סימבאָליק פאַר עכטער רעאַליטעט. און אין דעם פאַל דאַרף שוין דער לערער גראָד יאָ אַרויסרופן און דערמוטיקן פראַגן, אויב אפילו די קינדער אַליין פרעגן ניט. ווייל אָפט פרעגט ניט אַ קינד ניט דערפאַר וואָס ער איז אַ שאינו יודע לשאול, נייערט פאַרקערט, ווייל ער מיינט, אַז ער ווייסט שוין דעם ענטפער אין פאָראויס. און אויב ער האָט שוין ערגעץ וואו דערשמעקט, אין דער היים צי ערגעץ אַנדערש וואו, אַז עס זיינען פאַראַן פראַגן, וואָס דערוואַקסענע זיינען ניט גערן צו געבן קיין דירעקטע ענטפערס אויף זיי, וועט ער שוין אויך דעם לערער ניט וועלן פרעגן, ווייל ער געהערט דאָך אויך צו דער וועלט פון די דערוואַקסענע, וואָס האָבן אַ טבע צו באַהאַלטן זייערע סודות פון קינדער.

דאַרף דער לערער אַנטקעגן קומען די קינדער מיטן „את פתח לו״, און אויפנעמען פראַגן פון דעם מין זייער סימפּאַטיש. און ווען עס קומט צום ענטפערן דאַרף ער צום אַלעם ערשטן זוכן צו שאַפן ביי די תלמידים

דעם באַוואוסטזיין, אַז אויך די ענטפערס וואָס די וויסנשאַפט גיט אויף אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי די באַשאַפונג פון דער וועלט, די אַנטשטייאונג פון מין מענטש, דער אויפקום פון פאַרשיידענע שפּראַכן, זיינען ביז אין אַ גרויסער מאָס געבויט אויף השערות, וואָס מע נעמט אָן פאַר ריכטיק, כל זמן קיין בעסערע זיינען ניטאָ. דערדאָזיקער באַוואוסטזיין וועט שאַפן ביים אַנגעלייענטן תלמיד אַ געפיל פון עניוות, ער זאָל ניט מיינען, אַז נאָכן דורכלייענען אַ צאָל פּאָפּולערע ביכלעך איבער וויסנשאַפטלעכע פראַגן איז ער שוין אַ יודע הכול.

ערשט נאָכדעם וועט זיין לייכטער אים אויפצוקלערן, אַז די מעשות פון בריאת העולם, פון דור הפלגה און ענלעכע זיינען אַמאָל געקומען צו פאַרענטפערן דיזעלבע פראַגן וואָס די וויסנשאַפט שטעלט זיך היינט: ווי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן? ווי לאַנג שטייט די וועלט? ווי איז אויפגעקומען דער ערשטער מענטש? וואָס פאַר אַ סאָרט לעבן האָט ער געפירט? ווי אַזוי האָבן זיך דיפערענצירט פעלקער און שפּראַכן? זינט מענטשן האָבן אַנגעהויבן טראַכטן האָבן דיזעלבע פראַגן געררייצט זייער נייגעריקייט. אָבער די ענטפערס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן געווען פאַרשיידן. היינט לעבן מיר אין אַ צייט פון אינטעלעקטועלער פאָרשונג, פון עמפּירישער וויסנשאַפט, זיינען די ענטפערס, וואָס מיר פּרוּוון זיך געבן, פון איין מין. אין די אוראַלטע צייטן, ווען קיין וויסנשאַפט אין מאָדערנעם זין איז נאָך ניט געווען און דער מענטש האָט זיך געלאָזט פירן פון דער פאַנטאַזיע און פון פּאָעטישן געפיל, אין בעסטן פאַל — פון אינטעלעקטועלע טעאָרעטישע ספּעקולאַציעס, זיינען די ענטפערס אויף דיזעלבע פראַגן ווידעראַמאָל געווען אַנדערש.

און דאָ האָט דער לערער די געלעגנהייט צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן די פאַרשיידענע פּרימיטיווע און קינדיש־נאַאיווע פאַרשטעלונגען וואָס האָבן געהערשט אין דער אַלטער געצנדינערישער וועלט מכוח די אויבנגעבראַכטע פראַגן, און צווישן דעם אופן ווי דיזעלבע פראַגן ווערן געענטפערט אין די חומש דערציילונגען. אַ שטייגער אַ פאַרגלייך צווישן דער באַבילאָנישער מעשה, אַז דער גאָט בל, אָדער מרדוך, האָט געקעמפט מיט דעם געטלעכן מאָנסטער, די מאַמע פון די געטער, טיאַמאַט („תהום“), ביז ער האָט אים צעשפּאָלטן אויף צווייען און פון דעם אויבערשטן טייל איז געוואָרן הימל און פון דעם אונטערשטן ערד, און צווישן דער דורכזיכטיק־קלאָרער און הויך מאָנאָטעאיסטישער פאַרשטעלונג וועגן דער וועלט באַשאַפונג פונעם חומש. אָדער אַ פאַרגלייך צווישן דער פּאָעטיש שיינער, אָבער געצנדינעריש קינדישער דערציילונג וועגן מבול אין דעם עפּאָס פון גילגאַמעש און צווישן דער מאָנאָטעאיסטישער און הויך עטישער איינשטעלונג פון דער מבול מעשה אין בראשית: אין דער ערשטער קומט דער מבול איבער אַ קאַפּריז פון די געטער, און אָן שום עטישער באַרעכטיקונג ווערט אומגעבראַכט אַ וועלט מיט מענטשן, און אויך אוט־נאַפּישטים ווערט געראַטעוועט נאָר

ווייל ער איז דער ליבלינג פון דעם גאָט עאַ; און בעת אַלע געטער ווערן באַפאַלן פון אַ פּחד פאַרן מבול, און „דריקן זיך צו צו דער וואַנט, געבויגענע ווי הינט״, פאַלט ענליל, דער גרויסער גאָט, אַריין אין מוראדיקן צאָרן, הלמאי איינער אַ מענטש האָט זיך געראַטעוועט; — אָבער אין דער צווייטער, אין דער חומש מעשה, קומט דער מבול ווי אַ שטראָף פאַר דעם מענטשנס מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, און נוח ווערט געראַטעוועט ווייל ער איז דער איינציקער צדיק אין זיין דור; און גאָט אַליין שטייט איבער דעם אַלעמען אומבאַרירט, ווי דער שופט עליון, וואָס האָט פאַר זיך איין מאָס צו מעסטן זיינע באַשעפענישן: גוטסקייט און גערעכטיקייט.

אנשטאָט צו פאַרגלייכן די אמתן פון חומש מיט די אמתן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, וועט דער תלמיד דאַן אָנהויבן פאַרגלייכן די חומש מעשיות מיט די פּאַראַלעלע מעשיות פון אַנדערע פעלקער פון די אוראַלטע ציטן. די חומש מעשיות וועלן דאַן אַוועקגעשטעלט ווערן אין זייער ריכטיקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, און מיט זייערע טיף רעליגיעזע און עטישע אינהאַלטן וועלן זיי באַקומען ביים תלמיד גאָר אַ נייע חשיבות.

דער לערער וועט דורכדעם גרייכן נאָך אַ וויכטיקן ציל. דער תלמיד וועט זיך צוביסלעך אויסלערנען אַרויסצושיילן דעם אייביקן רעליגיעזן און עטישן אינהאַלט פון דער איינמאָליקער אויסערלעכער שאָלעכץ, פון דער צייטלעכער און היסטאָרישער פאָרם. ער וועט קומען צו דער איבער־צייגונג, אַז בעת באַשטימטע עלעמענטן פון תנך זיינען אין זייער פאָרם געבונדן מיט צייט און סביבה, און קענען ניט אין זייער אויסערלעכקייט אויפגענומען ווערן פון אונדז ווי אָביעקטיווע און פאַר אַלע דורות פאַר־פליכטנדיקע אמתן, זיינען זיי אָבער אין תוך פול מיט אייביקן אינהאַלט, וואָס איז פון גרויס וויכטיקייט פאַר אונדז היינט צו טאָג.

באַזיצנדיק דעמדאָזיקן צוגאַנג וועלן די פאַרשיידענע תנ״ך עלעמענטן דערשיינען פאַרן תלמיד אין גאָר אַן אַנדער ליכט. צוקומענדיק, אַ שטייגער, צום געזעץ פון דער עגלה ערופה, וועט אים שוין ניט שווער זיין תופס צו זיין דעם געדאַנק, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט צוויי עלעמענטן: מיטן תוך פונעם געזעץ, — דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס די שטאָט עלטסטע דאַרפן האָבן פאַר אַ מאָרד (און פאַר יעדן פאַרברעכן) וואָס קומט פאָר אין זייער שטאָט, אַן ענין וואָס איז וויכטיק פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע סביבות, און מיט דער שאָלעכץ פון דעם געזעץ, מיט דער פאָרם, אין וועלכער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאַרף קומען צום אויסדרוק, — אַ פאָרם, וואָס איז געווען וויכטיק נאָר אין איר צייט און אָרט, אָבער ניט היינט, ווען אַלע פאָרמען פון לעבן האָבן זיך געביטן. צ״י, למשל, דאָס געזעץ וועגן דעם בן סורר און מורה. שוין די חכמי התלמוד האָבן איינגעזען די גאַנצע פּרימיטיווקייט פון דעמדאָזיקן געזעץ, און אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרואווט עס מקרב זיין אל השכל, און ר׳ שמעון איז גאָר אַרויסגעקומען

מיט דער דעה, אַז דאָס געזעץ איז לכתחילה געשריבן געוואָרן ניט אויף דורכצופירן עס, נייערט צוליב דרוש וקבל שכר (סנהדרין עא, א). דער תלמיד אָבער וואָס וועט זיך צוגעוואוינען צו זען זאַכן אין זייער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועט שוין פאַרשטיין אָפּצוטיילן פון איין זייט דעם תוך פונעם געזעץ, וואָס איז דער אייביק גילטיקער „כבד את אביך ואת אמך", און פון דער צווייטער זייט די פאָרם און דעם אופן פון דורכפירן דאָס געזעץ, וואָס איז געווען גילטיק נאָר אין באַשטימטע צייטן און באַדינגונגען.

דאָ איז נויטיק צו באַרירן נאָך אַן אַספּעקט פון די תנ"ך מעשיות: דאָס פּאָעטיש סימבאָלישע, וואָס אַ סך פון זיי שטעלן מיט זיך פאָר. אויך דער נאַאיוו פרומער ייד וועט ניט נעמען בוכשטעבלעך וואָס יחזקאל הנביא דערציילט וועגן דער מגילה פון פורעניות, וואָס ער האָט, לויטן אויבערשטנס באַפעל, איינגעשלונגען, און געפילט דערביי דעם טעם פון זיסן האָניק. שוין דער תרגום נעמט אָן דאָסדאָזיקע עסן די מגילה ווי נביאישע סימבאָליק, און אין זיינע פוסטריט גייען אַלע טראַדיציאָנעלע מפרשים. אָבער דאָס זעלבע איז אויך אמת בנוגע אַ סך אַנדערע תנ"ך עלעמענטן פון דעם מין. ווען דער נביא זאָגט: „און איך האָב געהערט גאָטס קול", אָדער „און גאָט האָט געזאָגט צו מיר", דאַרף מען עס ניט אויפנעמען ווי אַ פיזיש־רעאַלע דער־שיינונג, נאָר ווי אַן אינטים־נשמהדיקע איבערלעבונג, וואָס ווערט נאָר איבערגעגעבן אין רעאַל־קאָנקרעטע אויסדרוקן, ווי ס'איז דער שטייגער פון פּאָעזיע בכלל צו קאָנקרעטיזירן און פאַרממשותן דאָס אַבסטראַקטע. און אין תנ"ך אַליין האָבן מיר אָנווייזונגען אויף דעם. ירמיה, למשל, וויל איבערגעבן דעם דרוק פון גאָטס וואָרט אויף אים, שילדערט ער עס ניט ווי אַן אויסערלעכע דערשיינונג, נייערט — „איז עס אָבער אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן, אָבער איך קען ניט" (ירמיה כ, ט).

אין דעם גייסט דאַרף מען אויפנעמען דעם אַריינפיר־דיאַלאָג פון ירמיהן מיט גאָט, דעם דיאַלאָג פון גדעונען מיטן מלאך און דעם דיאַלאָג פון משהן מיט גאָט, — אין די אַלע פאַלן דאַרפן די דיאַלאָגן פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ בילדעריש־פּאָעטישער אויסדרוק פונעם קאַמף וואָס קומט פאָר אין האַרצן פון די אויסגערעכנטע פערזאָנען צווישן דעם מענטשן מיט זיינע שוואַכקייטן, מיט זיין דראַנג נאָך פערזענלעכער רואיקייט און זעלבסטצופרידנקייט, און צווישן דעם באַרוף זיינעם און זיין געוויסן, וואָס גיט אים קיין רו ניט און צווינגט אים אין נאָמען פון העכערע כוחות צו מעשים, וואָס ער ווייס, אַז זיי וועלן אים נאָר ברענגען האַרצווייטיק אוןליידן.

און אַזוי דאַרף אויפגענומען ווערן די מעשה פונעם סנה, וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. פאַר אַ קינד פונעם נאָך־ניט־קשיות־שטעלנדיקן עלטער איז דידאָזיקע מעשה אַ וואונדערלעכע פּאָעטישע איבער־לעבונג. פאַרן אונטערוואַקסנדיקן אָבער קומט דאָ צו די סימבאָלישע אויס־

טייטשונג פונעם פּאָעטישן בילד, — אינעם ברענענדיקן סנה דאַרף ער דערזען דאָס פייער וואָס ברענט אינעם האַרצן פונעם קומענדיקן דערלייזער, ווען נאָר ער דערמאָנט זיך אָן זיינע ברידער וואָס קנעכטן אין מצרים, אַ פייער וואָס ברענט און ברענט און ברענט זיך ניט אויס, ביז עס צווינגט אים דורכצופירן זיין באַרוף און זיין שליחות, אַט ווי אין דעם אויבנגעבראַכטן פסוק פון ירמיה (זע אחד העמס „משה״).

און אוודאי און אוודאי איז עס גוואלדיק דערציעריש, ווייל אמתדיק, אַז אין דער אַנטראָפּאָמאָרפיסטישער פאָרשטעלונג, אַז די לוחות זיינען געווען „געשריבן מיט גאָטס פינגער״ זאָל דער תלמיד, אנשטאָט נעמען עס בוכ־שטעבלעך, זען אַ סימבאָל פון דער התגלות פונעם אייביקן געטלעכן ווילן צו פירן דעם מענטשן אויפן וועג פון זיין אמתן באַרוף און פון זיין אמתן זין אין לעבן (זע אבן עזרא אויף שמות לא, יח).

אונדזער ענין האָט נאָך אַ דריטן אַספּעקט, דער אַספּעקט פון לעגענדע. קינדער פונעם טראַכטנדיקן עלטער קאָנען ניט אויפנעמען ווי רעאַלע פּאַסירונגען אַזעלכע מעשיות, ווי יעקבס געראַנגל מיטן מלאך, אָדער די ניסים ונפלאות וואָס משה האָט באַוויזן ביי יציאת מצרים, צי יהושעס אָפּשטעלן די זון און די לבנה אין עמק אילון, אָדער אליהו הנביאס אַרויפגיין אַ לעבעדיקער אויפן הימל. דאַרף דאָ אַרויסגעבראַכט ווערן דער ענין פון לעגענדע בכלל, ווי אַזוי אַ פאָלק זעט די גרויסע פּאַסירונגען און די העל־דישע פערזענלעכקייטן פון זיין געשיכטע דורכן פילטער פון דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע, און ווי אַזוי דאָס פאָלק נוצט אויס די אומקלאָרע פאַקטן פון זיין געשיכטע (ווייל פון איטלעכער לעגענדע קלינגט דאָך אַרויס אַן עכאָ פון אַ היסטאָרישן אמת) אויף צו באַקרוינען דידאַקטיק העלדן און פּאַסירונגען מיט אַן אָרעאָל פון לעגענדע.

בלייבט איבער די פראַגע: אויב אַזוי, פאַרשווינדט דאָך די גאַנצע קדושה פונעם תנ״ך?

דער ענטפער איז קאַטעגאָריש: ניין. עס בייט זיך נאָר די אָנגענומענע קאָנצעפּציע פון געטלעכקייט און פון קדושה, אָבער ניט דער תוך פון דעם. עס נעמט אַבסאָלוט ניט אַוועק דעם עצם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון גאָט און פון זיין אַנטפּלעקן זיך אין דעם באַשאַף פון דער וועלט און אין גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי אין דער אַנטוויקלונג פון מענטש־לעכן גייסט. נאָר אַנשטאָט גאָטס אויסווירקונג זאָל גענומען ווערן טראַנס־צענדענט, ווי אַ ווירקונג פון דרויסן, ווערט זי גענומען אימאַנענט, ווי אַ ווירקונג פון אינווייניק. גאָטס ווירקונג ווערט לויט דעם אַנטפּלעקט דורכן פאָלקס שטייגן צו העכערע עטישע און רעליגיעזע מדרגות; גאָטס התגלות קומט צום אויסדרוק אין אַ כסדרדיקער אימאַנענטער אויסווירקונג אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק און אין די כסדרדיקע באַמיאונגען פון זיינע אויסדערוויילטע יחידים צו געפינען אַ העכערן זין אין לעבן און

צו אַנטפּלעקן דעם לעצטן סוד פון אַלץ וואָס עקזיסטירט איבער און אונטער דער זון.

דער תנ"ך אַליין, דער העכסטער אויסדרוק פונעם יידישן שאַפערישן געניוס, ווערט לויט דעם אויפגענומען ווי אַ גוואַלדיקע אימאַנענטע אויס־ווירקונג פון גאָטס גייסט אין אַ באַשטימטער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע, און ווי אַזאַ בלייבט זיין געטלעכקייט און זיין קדושה אַ זאַך שאין להרהר אחריה.

ד

וועגן „לשם יחוד"

פראַגע: ווי זאָלן מיר פאַרשטיין דעם אויסדרוק: „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם — — —" (פון וועגן דער באַהעפטונג פון הקדוש ברוך הוא מיט זיין שכינה דורך יענעם וואָס איז פאַרבאָרגן און פאַרהוילן), וואָס געפינט זיך אין דער הגדה ביי די ארבע כוסות, אין סידור פאַר די פסוקי דזמרה, און נאָך אין פיל ערטער, באַזונדערס אין די נוסח־ספרד סידורים? איז עס ניט צומאָל דער איינפלוס פון דער קריסטלעכער דאָגמע פון דריי־איינקייט? אויב יאָ, ווי קומט עס אין אונדזער ליטורגיע?

די פראַגע איז מיר געשטעלט געוואָרן פון אַ תלמידה פונעם לערער סעמינאַר. און אין פלוג איז עס טאַקע אַ שווערע קשיא: ווי קומט אַריין אין יידישן מאָנאָטעאיסטישן איינשטעל אַזאַ קאָנצעפּציע ווי דריי באַזונדערע איינסן אין דער גאָטהייט? און מאָדערנע אַרויסגעבערס פונעם סידור האָבן זיך טאַקע דערשראָקן און דעם „לשם יחוד" אַרויסגעלאָזט פון זייערע אויסגאַבעס.

אָבער נאָר פון אויבן אויף האָט עס אַן ענלעכקייט צו דער קריסטלעכער דאָגמע פון דריי־איינקייט, און אודאי האָבן עס ענלעכע נויטן אַרויסגע־בראַכט. אין תוך גענומען זיינען די צוויי קאָנצעפּציעס אינגאַנצן פאַרשיידן, ווי די יידישע רעליגיעזע קאָנצעפּציע איז בכלל פאַרשיידן פון דער קריסטלעכער.

לאָמיר צוערשט זען, וואָס פאַר אַ פּראָבלעם האָט אַרויסגערופן אין דער קבלה די פאָרשטעלונג פון דריי איינסן אין דער גאָטהייט.

תנכישע יידישקייט, דער ערשטער יידישער בליק אויף דער וועלט, האָט אונטערטעניק געמאַכט אַלע געטלעכע וועזנס פון דער אַמאָליקער מיטאָ־לאָגיע (און זיכער האָבן די אור־אבות פון די אַמאָליקע יידן געהאַט זייער אייגנס אַ מיטאָלאָגיע) אונטער אַן איין־איינציקן גאָט. און אויב אין דער תנכישער גאָט קאָנצעפּציע געפינען זיך אויסער גאָט נאָך געטלעכע וועזנס, ווי מלאכים, אָדער דער שטן, שטייען זיי אָבער אַלע צום דינסט פון דעם איין־איינציקן, דעם „אין עוד מלבדו", וואָס זיין דערהויבנקייט איז ניט

קיין רעלאַטיווע, נייערט אַן אַבסאָלוטע, ווי עס קומט, אַ שטייגער, צום אויסדרוק אינעם פסוק: „הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך" — אַז די הימלען און די הימלען פון די הימלען קאָנען דיך ניט אַריינגעמען (מלכים א, ח, כז).

אָבער האַנט אין האַנט מיט דער דאָזיקער אַבסאָלוטער דערהויבנקייט גייט דער טיפער גלויבן אין גאָטס השגחה איבער אַלץ און אַלעמען, סיי איבער גאַנצע פעלקער און גרופעס — און ניט נאָר איבערן פאָלק ישראל, וואָס מיט אים האָט ער אַ באַזונדערן בונד געשלאָסן, נייערט אויך איבער אַנדערע פעלקער (זע ספר יונה), — סיי איבער יחידים, ווי אין פסוק שטייט: „קרוב ה' לכל קוראיו" — גאָט איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים (תהלים קמה, יח). און ניט נאָר שפרייט זיך אויס זיין השגחה אויפן מענטשן וואָס ווייסט צו בעטן, נייערט אויך אויף די שטומע באַשעפענישן, ווי דער בעל התהלים זאָגט: „כלם אליך ישברון, לתת אכלם בעתו" — זיי אַלע קוקן אַרויס אויף דיר, צו געבן זייער שפייז אין איר צייט (תהלים קד, כז. פאַרגלייך אויך איוב לח־לט). דערדאָזיקער גלויבן איז געווען פול און גאַנץ, תמימותדיק און נאַאיוו, ניט קוקנדיק אויף דער אויגנשיינלעכער סתירה צווישן דידאָזיקע צוויי קאָנצעפּציעס: ווי איז מעגלעך אַזאַ השגחה פּרטית ביי אַ וועזן וואָס איז אַזוי ווייט און הויך איבער אַלץ און אַלעמען?

די קשיות וואָס זיינען אין תנך יאָ געשטעלט געוואָרן זיינען אַלע אויפן עטישן געביט. שוין אין חומש הערן מיר טענות צום ריבונו של עולם אויפן ניט גערעכטן סדר העולם. אַזוי טענהט אברהם: „חלילה לך — — — להמית צדיק עם רשע, והיה כצדיק כרשע; חלילה לך! השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" — חלילה דיר — — — צו טייטן דעם צדיק מיטן רשע, אַז דער צדיק זאָל זיין ווי דער רשע; חלילה דיר! זאָל דער שופט פון דער גאַנצער ערד ניט טאָן קיין גערעכטיקייט (בראשית יט, כה)? און אַזוי טענהן אויך משה און אהרון: „אל אלהי הרוחות לכל בשר, האיש אחד יחטא ועל כל העדה תקצף?" גאָט, דו גאָט פון די גייסטער פון אַלע באַשעפענישן! זאָל איין מענטש זינדיקן, און אויף דער גאַנצער עדה זאָלסטו צערענען (במדבר טז, כב)?

דידאָזיקע טענות קאָנען באַצייכנט ווערן ווי „פּרעווענטיווע". אייגנטלעך קומט דאָ צום אויסדרוק דער אופן ווי אַזוי דער מענטש וואַקסט אַריבער זיין אייגענע עטישע גאָט קאָנצעפּציע, און מיטאַמאָל ווערט אים קשה וואָס ביז אַהער איז אים רעכט געווען. אָבער אויב אין די דערמאָנטע ערטער ווייסט דער חומש צו דערציילן, אַז גאָט האָט די גערעכטע טענות נאָכגעגעבן, זיינען אָבער די טענות וואָס שפּעטערע נביאים האָבן ארויסגעשטעלט פיל שאַרפערע, ווייל זיי זיינען שוין טענות פון לאחר המעשה, פּראָטעסטן קעגן אַ כסדרדיקע אומגערעכטער וועלט פירונג. אַזוי זאָגט ירמיה (יב, א): „צדיק אתה ה', כי אריב אליך; אך משפטים אדבר אותך: מדוע דרך רשעים

צלחה?״ — גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט, ווען איך זאָל קומען מיט קריג צו דיר; אָבער גערעכטיקייט וויל איך רעדן מיט דיר: פאַרוואָס איז דער וועג פון רשעים מצליח? און נאָך שאַרפער איז די טענה פון דעם נביא חבקוק (פרק א); און אַזוי מאַטערן זיך די משוררים פון תהלים צו פאַר־ענטפערן דידאַזיקע האַרבע קשיא (זע, אַ שטייגער, קאַפּיטל עג); שוין ניט צו רעדן וועגן דעם ספר איוב, וואָס איז איין פלאַמפייערדיקער פּראָטעסט קעגן דער פירונג פון דער השגחה.

די אַלע קשיות ווערן אָבער אין תנך געשטעלט נאָר בנוגע צו דער אויגנשיינלעכער סתירה צווישן גאָטס פאָדערונגען פונעם מענטשן און צווישן דעם אופן פון זיין אייגענער וועלט פירונג. פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות מיט גאָטס עצם וועזן ווערן אין תנך אינגאַנצן ניט אויפגעהויבן. די תנכישע טעאָלאָגיע איז אַ ריין עטישע. איז די תנכישע גאָט־דערקענטעניש ניט קיין מעטאַפיזיש־פילאָסאָפישע, נייערט אַ סאָציאַל־עטישע: ניט גאָטס וועזן ווערט דאָ דיסקוטירט, נייערט זיין ווילן, — וואָס וויל ער פון אונדז, וואָס פאַרלאַנגט ער פונעם מענטשן. דאָס פּראָבלעם פון גאָטס וועזן ווערט אין תנך אָפּגעפּטרט מיטן פּסוק: „כי לא יראני האדם וחי״, אַ לעבעדיקער מענטש קאָן גאָט ניט זען, און מער קערט זיך דער תנך צו דעם ענין ניט אום.

אָבער אין די שפּעטערדיקע, נאָך תנכישע עפּאָכעס, מיט דער אַנט־וויקלונג פונעם קריטיש־פילאָסאָפישן געדאַנק ביי יידן, ווען די גאָטהייט קאָנ־צעפּציע ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַבסטראַהירט, אַלץ מער דערווייטערט פון יעדער מענטשלעכער אויפפאַסונג, קומען אויף די פּראָבלעמען פון גאָטס וועזן, הויפּטזעכלעך אויף וויפיל ס׳איז נוגע די שייכותן צווישן דער גאָטהייט און צווישן דער וועלט פון ערדישע רעאַליטעטן.

און צוויי הויפּט פּראָבלעמען זיינען נוגע אונדזער ענין.

ערשטנס — ווי איז עס מעגלעך, אַז דורך אַ גאָטהייט, וואָס איז לויטער אַבסטראַקציע, וואָס איז, לויטן אויסדרוק פונעם זוהר, אַזוי „טמיר ונעלם״, פאַרבאָרגן און פאַרהוילן, אַז „לית מחשבה תפיסא ביה כלל״, קיין שום מחשבה קאָן אים ניט באַגרייפן און קיין שום נאָמען קאָן אים ניט באַצייכענען, אויסער די אַבסאָלוט אומפּערזענלעכע באַצייכנונג „אין סוף״, אומענדלעכ־קייט, אָדער „סיבה ראשונה״, ערשטע אורזאַך, צי „סיבת כל הסיבות״, אורזאַך פון אַלע אורזאַכן, ווי די מיטלאַלטערלעכע פילאָסאָפיע באַצייכנט די גאָטהייט, — ווי איז עס מעגלעך, אַז דורך אַזאַ אַבסטראַקטער גאָטהייט, וואָס אפילו די באַצייכענונג גייסט איז צו גשמיותדיק פאַר איר, זאָל קאָנען באַשאַפן ווערן אַ וועלט פון חומר, אַ וועלט פון מאַטעריע?

והשנית — ווי קענען מיר זיך ווענדן צו אַזאַ אומפּערזענלעכער גאָטהייט מיט תפילות און בקשות? ווי קאָן אַזאַ גאָטהייט זיין אַזוי שפּירעוודיק צו אונדזערע ליידן און באַגערן, סיי נאַציאָנאַלע, סיי אינדיווידועלע, ווי עס

קומט צום אויסדרוק סיי אין תנ"ך, סיי, און נאָך מער, אין אונדזער ליטורגיע?

אייגנטלעך זיינען דידאַזיקע צוויי פּראָבלעמען, דאָס קאָסמאָלאָגישע און דאָס טעאָלאָגישע, אין תוך ניט מער ווי איינס, מיטן לשון פון דער קבלה — תרין דאינון חד: ווי קאָנען מעגלעך זיין שייכותן צווישן אַזאַ דערוווייטערטער און דערהויבענער גאָטהייט און צווישן דער מאַטעריעלער וועלט, — איז דאָך סיי וועלט באַשאַפונג און סיי וועלט פירונג מחייב אַן ענדערונג אין גאָטס ווילן און אין זיינע באַציאונגען; אָבער יעדער שינוי אין דער גאָטהייט מיינט דאָך באַגרעניצונג, און ממילא — פּאַרמענטשלעכונג, און דאָס איז דאָך פּונקט דער היפּוך פון דערדאָזיקער גאָט קאָנצעפּציע, ווי זי קומט צום אויסדרוק סיי אין מיסטישן זוהר, סיי אין ראַציאָנאַליסטישן מורה נבוכים!

די רבנישע וועלט, די וועלט פון הלכה, און אַזוי אויך די וועלט פון די בעלי המוסר, האָט זיך מיט דעמדאָזיקן פּראָבלעם ניט פאַראינטערעסירט. פאַר זיי איז גאָט דער פאָטער פון אַלעמען, דער פּאָלקסטימלעכער „טאַטע אין הימל", וואָס גיט זיך אָפּ מיט זיינע קינדער און מיט זייערע נויטן און באַדערפענישן, און דעם מענטשנס העכסטער ציל איז צו היילִיקן דאָס לעבן דורך מצוות און מעשים טובים.

די מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָסאָפיע, ווידער, וואָס איר הויפּט פאַרשטייער איז געווען דער רמב"ם, האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן צו דערגרונטעווען גאָטס וועזן און דעם אופן פון זייןווירקונג, און האָט געזען דעם ציל און דאָס גליק פונעם מענטשנס לעבן אין אַנטוויקלען זיין שכל צו דער העכסטער מדרגה, כדי ער זאָל קענען תופס זיין און אויפנעמען די סודות פון דער גאָטהייט, און דורכדעם זאָל זיין נשמה זוכה זיין זיך צונויפצוגיסן מיטן „שכל הפועל", דעם ווירקנדיקן גייסט, — די לעצטע אויסווירקונג פון דער גאָטהייט. עטישע דערהויבונג און עמאָציאָנעל רעליגיעזע איבערלעבונג שטייען דאָ אויף אַ צווייטער מדרגה.

איז געקומען דער זוהר, דער ספר הספרים פון דער מיטלאַלטערלעכער קבלה, און האָט אָנגענומען, אויף זיין אייגענעם אופן, ביידע קעגנגעזעצטע אויפפאַסונגען: אי די גאָטהייט איז אַבסאָלוט אַבסטראַהירט, אי זי איז נאָענט צום מענטשן, באַווירקט זיין לעבן, אין כלל און אין פרט, און ווערט, כביכול, צוריק באַווירקט פון אים.

ווי פּאַסט אויף דער זוהר דידאָזיקע טאָפּלטע, לכאורה סתירהדיקע קאָנצעפּציע פון דער גאָטהייט?

צווישן דעם „אין סוף" און דער באַשאַפענער וועלט, לערנט אונדז די קבלה, געפינען זיך פאַרמיטלונגס כוחות, וואָס זיינען אויסשטראַלונגען פונעם „אין סוף", און זיי, כאָטש דער כוח וואָס באַלעבט זיי אימאַנענט איז טאַקע די גאָטהייט אַליין, שטייען זיי אָבער אויף אַ נידעריקערער מדרגה, און דורך זיי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. אָט ווי די זון, אַ שטייגער, באַלעבט אַלץ

אויף אונדזער וועלט, אָבער טאָן טוט זי עס אומדירעקט, דורך אירע שטראַלן, וואָס גרייכן די ערד און טוען איר שליחות. זיינען די שטראַלן טאַקע אַ טייל פון דער זונס וועזן, און זיי באַזיצן ניט קיין אַנדערע כוחות אויסער די וואָס די זון האָט זיי איינגעטיילט, דאָך איז זייער מדרגה אַ נידעריקערע און אַ נעענטערע צו דער ערד, און דאָס מאַכט מעגלעך פאַר זיי צו ברענגען די השפעה פון דער זון צו דער ערד מיט אירע באַשעפענישן.

שוין פילאָ דער אַלעקסאַנדרינישער האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון פּאַרמיטלונג און געשאַפן דעם באַגריף פון „לאָגאָס", דאָס שאַפנדיקע וואָרט, וואָס איז שפּעטער אויך אויפגענומען געוואָרן פון דער קריסטלעכער וועלט אויף איר אייגענעם פּאַגאַניסטיש־אַנטראָפּאָמאָרפיסטישן אופן (זע דעם אָנהויב פונעם פערטן וואָנגעליום). און אַזוי האָבן אין יענע דורות די גנאָסטיקער, צוליבן זעלבן טעם, געשאַפן דעם פּאַרמיטלונגס באַגריף „דעמיאורג", — דער מידת הדין, וואָס האָט אין רעוואָלט קעגן דער גאָטהייט, וואָס איז לויטער חסד, באַשאַפן די וועלט, וואָס איז לויטער דין.

דער זוהר האָט אָנגענומען די קאָנצעפּציע פון צען אַזעלכע אויס־שטראַלונגען, די „עשר ספירות" (אָט ווי דער רמב"ם רעדט, לויט אַריס־טאָטעלן, וועגן די צען גלגלים, די הימלישע ספערן, מיט זייערע „שכלים נבדלים", באַזונדערע אינטעלעקטן, וואָס געפינען זיך צווישן דער „סיבה ראשונה" און דער מאַטעריעלער וועלט, — מורה נבוכים ב, ד), וואָס גיבן איבער איינע דער אַנדערער די אויבערשטע השפעה, ביז עס קומט צו דער לעצטער ספירה, די ספירה פון מלכות (די „שכינה"), וואָס איז, ווי דער זוייבלעכער עלעמענט פון די אויבערשטע וועלטן, מקבל די השפעה, און דורך דערדאָזיקער ספירה ווערן אַלע אַנדערע ספירות פאַרבונדן מיט די דריי אונטערשטע וועלטן: די וועלט פון אידעען (עולם הבריאה), די וועלט פון פאָרמען (עולם היצירה) און די וועלט פון אַקטיווער שאַפערישער פאַר־אייניקונג פון אידעע און פאָרם (עולם העשיה), און דורך דערדאָזיקער פאַר־בינדונג ווערט די וועלט באַשאַפן און געפירט.

און דאָ, אין שייכות מיט דער פירונג פון דער וועלט, מיט דער השגחה אויפן כלל און אויפן פּרט, קומט אַריין דער ענין פון תפילה און בקשה און פון מענטשלעכער אויפפירונג בכלל, וואָס איז אונדז דאָ באַזונדערס נוגע. מיר האָבן שוין געזען, ווי דורך די ספירות קומט אַראָפּ די אויבערשטע השפעה צו די אונטערשטע וועלטן. דאָס איז בנוגע צו דער וועלט באַשאַפונג. ווען עס קומט אָבער צו דער וועלט פירונג איז דידאָזיקע השפעה, לויט דער קבלה, ניט קיין איינזייטיקע, נייערט אַ קעגנזייטיקע: גלייכצייטיק מיט דער השפעה וואָס גייט פון אויבן אַראָפּ, די „איתערותא דלעילא" (די התעוררות פון אויבן), גייט אויך אַ השפעה פון אונטן אַרויף, די „איתערותא דלתתא" (די התעוררות פון אונטן), ווען דער מענטש מיט זיינע מעשים איז כביכול משפיע אויף די אויבערשטע וועלטן. נאָך מער: דער אופן פון דער „איתערותא דלעילא" איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אָן דעם אופן פון דער „איתערותא דלתתא".

און דאָ קומט אַריין די גוואַלדיקע חשיבות וואָס די קבלה שרייבט צו דעם מענטשן. דורך זיינע מעשים טובים און תפילות ברענגט דער מענטש אַריין אַ פרייד און אַ דערוואַכונג אין די עולמות העליונים און איז מיט דעם ממשיך די אויבערשטע השפעה אויף די אונטערשטע וועלטן. ווייל לויט דער קבלה געפינען זיך דידאָזיקע הימלישע אויסשטראַלונגען פון דער גאָטהייט ניט אין קיין סטאַטישן צושטאַנד, נייערט זיי זיינען כסדר אין אַ דינאַמישער באַוועגונג, אַ באַוועגונג פון צעשיידונג און באַהעפטונג, אַ באַוועגונג וואָס קוועלט אַרויס פונעם דראַנג פון די אויבערשטע ספירות משפיע צו זיין, און פון די אונטערשטע — מקבל השפעה צו זיין. איז עס דעם מענטשן באַשערט די קאָסמישע ראָלע, אַז מיט זיינע מעשים זאָל ער אָדער משפיע זיין צום גוטן, און ברענגען צו באַהעפטונגען פון די אויבערשטע כוחות און צו דער געבורט פון נייע ליכטער און צו דער פאַרשטאַרקונג פון די גוטע כוחות אויף דער וועלט, די כוחות פון רעכטס („סטרא דימינא״); אָדער חלילה פאַרקערט, — גורם זיין צו פירוד, צו פאַנאַנאַנדערשיידונג, און ממילא צו דער פאַרשטאַרקונג פון די כוחות פון שלעכטס (די „סטרא דשמאלא״, די זייט פון לינקס).

ווי זעט דער זוהר דעם אופן פון דערדאָזיקער אויבערשטער דינאַמיק? ער פאַסט עס אויף אין סימבאָליק פון סובלימירטער עראָטיק. אַזוי ווי אויף דער ערדישער וועלט קומט אַלץ צום לעבן דורך דער באַהעפטונג פון די זכר און נקבה עלעמענטן, אַזוי זיינען אויך די ספירות איינגעטיילט אין עלעמענטן פון זכר און נקבה, און די ערשטע זוכן משפיע צו זיין, די צווייטע — מקבל צו זיין די השפעה (כאָטש די ווייבלעכע עלעמענטן פון די העכערע ספירות שפּילן גלייכצייטיק אַ מענלעכע ראָל לגבי די נידעריקערע ספירות, אויף וועלכע זיי איבן אויס זייער השפעה), און אַזוי ביז דער ספירה „מלכות״, די שכינה וואָס איז דער הויפּט ווייבלעכער עלעמענט אין דער גאָטהייט.

איז ווען דער מענטש איז מקיים אַ מצווה מיט דער פולער כוונה, איז ער גורם, מיט דער פרייד און מיט דער התעוררות וואָס ער ברענגט מיט דעם אַריין אין די אויבערשטע וועלטן, צו דער באַהעפטונג פון קודשא בריך הוא (הקדוש ברוך הוא, וואָס ווערט געוויינלעך אידענטיפיצירט מיט די זעקס פאַר־לעצטע ספירות, און ווערט באַצייכנט מיט נאָך אַנדערע נעמען, ווי, אַ שטייגער, דער מלך, דער בורא עולם און נאָך) מיט דער שכינה (אָדער „מטרוניתא״, די מאַטראָנע, די האַרינטע), און פון דערדאָזיקער באַהעפטונג און צונויפגיסונג פון די צוויי עלעמענטן אין דער גאָטהייט ווערן געבוירן נייע כוחות פון ליכטיקייט. גייט דער מענטש, חלילה, אויפן שלעכטן וועג, ברענגט ער אַריין עצבות אין די אויבערשטע וועלטן און איז גורם צום מלכס דערווייטערונג פון דער שכינה. די השפעה פונעם אין־סוף ווערט דאַן אָפּגעשטעלט, די שכינה איז אין גלות ביי די שלעכטע כוחות, און פינצ־טערקייט באַהערשט די וועלט.

אָבער די שכינה איז אין דער קבלה פיל מער ווי איין־געשטאַלטיק. צוגלייך מיט דער קאָסמישער קאָנצעפּציע פון דער שכינה איז אויך פאַראַן אַ נאַציאָנאַל יידישע: די שכינה איז דאָס געשטאַלט פון דער טרייער מוטער פונעם יידישן פאָלק, וואָס הערט ניט אויף צו זאָרגן פאַר אירע קינדער און צו וויינען זייער וויטאָג (אָפט ווערט זי טאָקע באַצייכנט מיטן נאָמען „כנסת ישראל״). און ווען אירע קינדער האָבן זיך פאַרזינדיקט און זיינען „פאַר־טריבן געוואָרן פון זייער טאַטנס טיש״ (דער קודשא בריך הוא ווערט אויך, צווישן אַנדערעס, באַצייכנט „אלהי ישראל״) און אַוועק אין גלות, האָט זייערע מוטער אויך פאַרלאָזן דעם היכל פונעם מלך און איז אַוועק מיט זיי אין גלות („שכינתא בגלותא״, אַ באַגריף וואָס געפינט זיך אויך אָפט אין די „נגלה״ מדרשים). און דאָס האָט גורם געווען צו אַ כסדרדיקן פירוד צווישן דעם מלך און דער מטרוניתא, מיט אַלע נעגאַטיווע באַגלייט דער־שיינונגען.

אַזוי אַרום איז דאָס פּראָבלעם פון יידישן גלות ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלער, נייערט אויך אַן אוניווערסאַלער, נאָך מער — אַ קאָסמישער: צוליב דער שכינהס אָפּגעזונדערטקייט פון איר מקור קאָן די וועלט קיין תיקון ניט האָבן. און די יידישע בענקשאַפט נאָך משיחן און נאָך גאולה ווערט דורך דעם דערהויבן פון אַ שטרעבונג מתקן צו זיין דאָס יידישע לעבן צו אַ דראַנג נאָך וועלט תיקון און וועלט דערלייזונג.

אַזוי קומען מיר צו צום ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע בנוגע דעם „לשם יחוד״: יעדע מצווה מוז דורכגעפירט ווערן מיט דער טיפסטער רעליגיעזער איבערלעבונג און מיטן העכסטן עקסטאַז, און דער ייד מוז דערביי מכוון זיין, אַז דער זכות פון דעראָזיקער מצווה זאָל ברענגען צו „דער באַהעפטונג פון הקדוש ברוך הוא מיט דער שכינה״ דורך דעם פאַראייניקנדיקן כוח פון דער השפעה וואָס ווערט אויסגעשטראַלט פונעם „טמיר ונעלם״, און דורך דער שלמות וואָס דאָס וועט אַריינברענגען אין די עולמות עליונים זאָל לסוף דערפירט ווערן צו דערלייזונג און צו שלמות צוערשט פאַרן עם ישראל, און דורכדעם אויך פאַר דער גאַנצער וועלט וואָס אונטער דער זון.

בלייבט אונדז נאָך איבער צו פאַרענטפערן די צווייטע פראַגע: ווי פאַרגלייכט זיך דידאָזיקע קאָנצעפּציע פון דרייאיקער איניקייט מיט דער אויגנשיינלעך ענלעכער דאָגמע אין קריסטנטום?

אַלע רעליגיעס, פון די סאַמע פרימיטיוו־פאַגאַניסטישע ביז צו די העכסטע אַנטוויקלטע, האָבן בשותפות איין הויפּט דראַנג, — צו דערגרייכן צו דער מעגלעכסטער נאָענטקייט און אינטימיטעט מיטן ערשטן און לעצטן סוד פון דער וועלט, מיט דער גאָטהייט, און דורכצומאַכן די איבערלעבונג פון אויפלייזן זיך אין איר, ווי אַ טראָפּן וואַסער אין ים.

אָבער די „כלים" מיט וועלכע יעדעס פאָלק נעמט אויף די גאָטהייט, און דער עיקר — דורך וועלכע עס ברענגט צום אויסדרוק די מענטשלעכע בענקשאַפטן און גארונגען צו דער גאָטהייט, זיינען אין גרונט פאַרשיידן, ווי פאַרשיידן זייערע קאָלעקטיווע כאַראַקטערן האָבן זיך פאָרמירט דורך געאָג־ראַפישע און סביבהדיק־היסטאָרישע סיבות. יעדעס פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשטימטע „כלי", און לויט דער „כלי" פאָרמירן זיך דעם פאָלקס קאָנצעפּציעס פון דער גאָטהייט און זייערע וועגן און מיטלען זיך צו אידענ־טיפיצירן מיט איר.

און לאָמיר זיך דאָ ווידער אומקערן צום משל פון דער זון. אירע שטראַלן באַלעבן אַלץ, אָבער דאָס לעבן וואָס זיי ברענגען אַרויס, און אין וועלכן דער כוח פון דער זון ווערט פאַרקערפּערט, נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. די זעלבע שטראַלן ברענגען אַרויס באַרן פון אַ באַרנבוים און עפּל פון אַן עפּלבוים, און קיינמאָל ניט פאַרקערט; דיזעלבע שטראַלן וועלן אין אַ צפונדיק לאַנד אַרויסרופן איין סאָרט געוויקסן פון דער ערד, בעת אין אַ טראָפּיש לאַנד וועלן זיי קיין סאָסנעביימער ניט אַרויסברענגען. אַלץ איז געווענדט אין דער „כלי" וואָס נעמט אויף די שטראַלן פון דער זון, מאַכט ניט אויס, וואָס די שטראַלן זיינען די זעלבע.

אָדער אַ צווייטער משל. עלעקטריציטעט אין איר אור־פאָרם איז אַ מין „טמיר ונעלם", אַ כוח וואָס מיר קאָנען ניט אויפנעמען און מיר קענען אים אויך ניט אויסנוצן אין אונדזער לעבן, סיידן מיר נעמען אָפּ עטוואָס פון דעם אין ספּעציפישע כלים. און דאָ ווירקט זיך אויס דיזעלבע עלעק־טריציטעט אויף די פאַרשיידנסטע אופנים, אָפּהענגיק אָן דער כלי. דער זעלבער עלעקטרישער כוח, וואָס קאָכט עסן אויף אַן עלעקטרישן אויוון, האַלט דאָס זעלבע עסן קאַלט אין דער עלעקטרישער קיל־שאַפע; דער זעלבער כוח פירט דאָ אַן עלעקטרישע ניי־מאַשין און דאָרט — אַן עלעק־טרישן טראַמוויי.

און לאָמיר נעמען אַ משל פון רעליגיעזן געדאַנק גופא. די גריכן פון אַלטערטום, אַ שטייגער, פלעגן הרגענען זייערע אַלטע, „אומנוצלעכע" טאַטעס; איז זייער גאָטהייט קאָנצעפּציע געווען פון אַ גאָט (צעאוס, וואָס ווערט, אגב, צווישן אַנדערס אויך באַצייכנט ווי „דער קוואַל פון גערעכטי־קייט"), וואָס פאַרכאַפּט דעם טראָן פון זיין טאַטן (קראָנאָס), פאַרקריפּלט אים און האַלט אים געשמידט אין קייטן אין די טיפסטע טיפענישן פון דער אונטערערד. די יידן אָבער, די רחמנים בני רחמנים, האָבן געשאַפן די קאָנ־צעפּציע פון אַן „אל רחום וחנון", אַן „אבי יתומים ודין אלמנות", וואָס כיבוד אב ואם און „והדרת פני זקן" פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין זיין געזעצגעבונג.

דאָ זעען מיר, ווי איין און דער זעלבער גאָט־באַגער האָט זיך אויס־געדריקט פאַרשיידן, ווי פאַרשיידן עס זיינען די „כלים" וואָס דער באַגער איז אין זיי געקומען צום אויסדרוק.

און איצט צוריק צום נמשל. ווען דאָס פּאַגאַנישע קריסטנטום איז געקומען צו דער דילעמאַ פון אַן אַבסטראַקטן גאָט, אַ „טמיר ונעלם", פון איין זייט, און אַ „קרוב לכל קוראיו" פון דער צווייטער זייט, האָט זי נאָר פון אויבנאויף געגעבן אַן ענטפער ענלעך צו דעם וואָס קבלה־יידישקייט האָט געגעבן, — דעם ענטפער פון פאַרמיטלענדיקע אויסשטראַלונגען. אָבער בעת אין יידישקייט זיינען אויך די אויסשטראַלונגען פון דער גאָטהייט, די עשר ספירות, אָדער דער קודשא בריך הוא, און אפילו די שכינה, אַבסאָלוטע אַבסטראַקציע, אָן שום סימן פון אַקטועלער מענטשלעכער גשמיותדיקייט, — איז ביי דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, וואָס איז קאָנדיציאָנירט פון אירע פאַגאַנישע „כלים", אויפגעקומען די פאַגאַנישע קאָנצעפּציע פון אַ געט־לעכער אויסשטראַלונג אין דער געשטאַלט פון קריסטוס, — אַן אויסשטראַלונג פון גאָט („גאָטס זון"), וואָס איז געוואָרן פליש און האָט דורכגעמאַכט אַלע גלגולים פון פליש, ביז ער איז געוואָרן דער קרבן פאַר מענטשלעכער זינד און דער אויסלייזער פונעם מין מענטש. און אפילו זיין תחית המתים אַקט איז פאָרגעקומען אין פליש, און מענטשן פון פליש און בלוט האָבן אים געזען מיט אויגן פון פליש, און געגעסן און געטרונקן מיט אים, ווי מיט פליש פון זייער פליש און ביין פון זייער ביין. און דאָס זעלבע און נאָך מער איז עס אויך בנוגע דער פרויען געשטאַלט אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, — די הייליקע מאַדאָנע, ישוס מאַמע, וואָס איז לכתחילה געווען פליש ווי אַלע פליישן, האָט אָבער, אין זכות פון דעם וואָס זי האָט געדינט ווי די „כלי" וואָס האָט געבראַכט די פאַרקערפּערונג פון גאָטס אויסשטראַ־לונג אויף דער ערדישער וועלט, אַליין דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַן עלעמענט אין דער גאָטהייט, צו וועלכער מע בוקט זיך און מע איז מתפּלל.

נאָך אַן אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס לויט דער קריסטלעכער קאָנצעפּציע בלייבט קריסטוס אַ באַזונדערע פּערזאָן אפילו נאָכדעם, ווי ער איז אַרויף אויפן הימל (פאַרגלייך מתיא 26, 64: „און איך זאָג אייך: פון איצט אָן וועט איר זען דעם בן־אדם ווי ער זיצט ביי דער רעכטער זייט פונעם אויבערשטן"; פאַרגלייך אויך „צו די עפעסער" 1, 20, „צו די יידן" 1, 3 און 12, 2), און אוודאי וועט ער אָנהאַלטן זיין פּערזענלעכע באַזונדערקייט ווען ער וועט זיך, לויטן גלויבן, ווידער באַווייזן אויף דער וועלט; בעת די גאָט קאָנצעפּציע פון דער קבלה איז איין גרויסער אומ־געזעטיקטער דראַנג נאָכן „אחד", איין אומגעהויער לעכצן און בענקען נאָך יענעם מאָמענט, ווען ס'וועט געגרייכט ווערן דאָס פולשטענדיקע באַהעפטן זיך פון די אויבערשטע וועלטן און זייער פולשטענדיק אויפלייזן זיך אין דער אַבסאָלוטער גאַנצקייט פונעם „אחד", מיטן לשון פון דער קבלה: „ביחודא שלים" (זע דעם לשם יחוד פאַר הנחת תפילין).

און אַ דריטן וויכטיקן אונטערשייד, וואָס גרייכט ביז צו די סאַמע יסודות פון די צוויי באַזונדערע מענטש־און־גאָט אויפפאַסונגען, זעען מיר

אין דעם אופן ווי די אויבערשטע וועלטן ווערן באַווירקט אין זייער באַציאונג צום מענטשן.

מיר האָבן אויבן געזען, ווי די התעוררות פון די אויבערשטע וועלטן („איתערותא דלעילא") משפיע צו זיין זייער ליכט און חסד ווערט, לויט דער קבלה, אַרויסגערופן דורך די מעשים טובים פונעם מענטשן („איתערותא דלתתא"). די מענטשלעכע דינאַמיק, דער מענטשלעכער אַקטיווער ווילן, באַזיצט אַזוי אַרום אַ גוואַלדיקע חשיבות: דער מענטש איז אַ שותף צו דער וועלט פירונג פון הקדוש ברוך הוא.

ניט אַזוי איז עס אין דער קריסטלעכער פאָרשטעלונג. אוודאי לערנט אויך קריסטנטום, מע זאָל זיין גוט און פיין און אָרנטלעך, און מע זאָל ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, דערגייענדיק בנוגע דעם לעצטן אפילו צו אַבסורדע עטישע עקסטראַוואַגאַנצן. אָבער ניט אין דעם ליגט אָן די אויס־לייזונג פון וועלט און מענטש. תורה, דאָס מיינט מצוות און מעשים טובים, קאָנען דעם מענטשן ניט אויסלייזן פון זייערע אור־זינד, זאָגט פּאולוס אָן פיל מאָל, נאָר דער גלויבן אין יעזוס. די דערלייזונג וועט ניט קומען ווי אַ רעזולטאַט פונעם מענטשנס פאַרדינסטן און זכיותן. נייערט ווי אַן אַקט פון חסד פון אויבן. דער מענטש אַליין קאָן אין דעם קיין אַקטיוון חלק ניט האָבן. „מחמת דורך די מעשים פון דער תורה וועט קיין בשר ודם ניט גערעכט־פאַרטיקט ווערן פאַר אים — — — זיי וועלן גערעכטפאַרטיקט ווערן אומזיסט, מיט זיין חסד, דורך דער אויסלייזונג וואָס איז געקומען מיט ישוע דעם משיח" („צו די רוימער" ג, 20—24).

די קריסטלעכע דאָגמע איז באַזירט אויף פּאַגאַנישן פאַטאַליזם, אויפן ניט גלויבן אין די כוחות פונעם מענטשן זיך אַליין אויפצוהויבן צו העכערע מדרגות. כדי דערלייזט צו ווערן מוז דעם מענטשנס אַקטיווער ווילן זיך אויפלייזן אינעם פאַסיוון גלויבן.

די קאָנצעפּציע פון דער קבלה אָבער שרייבט צו אַ גוואַלדיקע חשיבות דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און איז געבויט אויפן אַלט־נביאישן גלויבן אין די גייסטיקע כוחות פונעם מענטשן: דער מענטש אַליין, מיט זיין דינאַמישן ווילן און מיט זיינע מעשים טובים, קאָן און וועט באַווירקן די גאָטהייט משפיע צו זיין איר ליכטיקייט אויף דער ערדישער וועלט און העלפן דעם מענטשן צו גרייכן דעם העכסטן ציל פון זיין באַשאַפן ווערן און דעם העכסטן זין פון זיין לעבן, — די מדרגה פון „ותחסרהו מעט מאלהים".

און לסוף בעט זיך דאָ צו זאָגן נאָך אַ וואָרט: לאָמיר ניט נעמען צו לייכט דידאָזיקע אונטערשיידן און מיינען, אַז זייער וויכטיקייט איז אַ ריין אַקאַדעמישע און האָט ניט קיין ממשותדיקע שייכות מיטן אַקטועלן לעבן.

אַזעלכע קאָנצעפּציעס און אויפפאַסונגען שטאַמען טאַקע וואַרשיינלעך אַרויס פון באַשטימטע שטייגערס און פירונגען, ווי מיר האָבן עס געזען, אַ שטייגער, אויבן אינעם ביישפּיל פון דער אַלט־גריכישער זעאוס קאָנ־צעפּציע; שפּעטער אָבער ווירקן זיי זיך אויס צוריק, ביודעים און בלא יודעים, אויפן אַקטועלן לעבן און אויף מענטשלעכע פירונגען.

אַ סך פון די גאָר גרויסע איבלען און נעגאַטיווע דערשיינונגען אין פאַרשיידענע פאַזן פונעם לעבן וואָלטן זיכער אויסגעמיטן געוואָרן, ווען ניט דידאָזיקע פאַגאַניש־קריסטלעכע נעגירנדיקע איינשטעלונג צו דער חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

„מספרים אמריקאיים"

(אַמעריקאַנער דערציילער)

פון מ. חסיד

(אַן אַנטאָלאָגיע פון קורצע דערציילונגען אין דער אַמע־ריקאַנער לעטעראַטור, איבערזעצט אין העברעאיש, צונויפ־געשטעלט און באַגלייט מיט אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן איבער־בליק פון שלמה ווייסמאַן, 545 זייטן. פאַרלאַג מ. נוימאַן, תל אביב, תשט"ז.)

אין דער העברעאישער ליטעראַטור זיינען די לעצטע יאָרן דערשינען אַ טייל איבערזעצונגען פון אַמעריקאַנער שרייבער, איבערזעצונגען פון פאַרשיידענער קוואַליטעט, אָבער דאָס אויבן דערמאָנטע בוך, אין העברעאיש גערופן: „מספרים אמריקאיים", פאַרנעמט אַן אויסנעמלעכן פּלאַץ, ווייל עס איז פון אַ באַזונדער מין און חשיבות.

ס'איז קודם כל אַ וואָגיק בוך, אַ בוך פון ברייטן פאַרנעם און פאַרמעסט און אַ בוך פון פּילזייטיקן אינהאַלט. ס'איז אַ געוואָגטער פּרואוו צו באַקענען דעם העברעאישן לייענער מיט אַלערליי מוסטערן פון קורצע דערציילונגען, אויסגעקליבן ביי די בעסטע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, פאַר די לעצטע פאַר יאָרהונדערטן.

ש. ווייסמאַן האָט אויסגעקליבן צו איבערזעצן קורצע דערציילונגען, ניט ווייל ס'לאָזט זיך דורך זיי לייכטער צונויפשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע, נאָר צוליב זייער אייגנווערט און זייער, אפשר נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצטער, סאַמאָראָדנער קינסטלערישקייט, ווען זיי זיינען ווי זיי דאַרפן זיין.

ווייל די קורצע דערציילונג, אָפט אין קעגנזאַץ צו דער אַנגענומענער מיינונג פון לייענער, איז אַ גאָר שווערע נוס צו צעברעכן און איינצובייסן. זי פאַרמאָגט, אין איר דרויסנדיק אָפּנאַרנדיקער לייכטקייט, אַ סך אינע־ווייניקסטע מניעות, קאָמפּלעקסן, פּראָבלעמען און שטרויכלונגען, וואָס לאָזן זיך ניט גרינג באַהערשן. אַ קינסטלער ווערט פון דעם אַנגערעגט, אינ־ספּירירט — אַ ווייניקער באַגאַבטער מיידט עס אויס. אָבער לויט דעם סכום פון די אָוועקגעשטעלטע שטרויכלונגען איז אויך די ווערט פון דעם דערגרייך.

איינע פון די הויפּט באַגרענעצונגען פון דער קורצער דערציילונג איז, אגב, טאַקע איר קורצקייט. אַ מוז צו זיין שפּאָרעוודיק אין בילד, שטאָף, געשטאַלטונג, אויסדרוק — שפּאָרעוודיק אָבער גלייכצייטיק אויס־שעפּלעך. אַ צוואַנג איינצוהאַלטן אַן איינאָטעמדיקע אַקציע, אַ פאַרשפּיצטע און פאַרשאַרפטע סיטואַציע און אַ פּלוצעמדיקן עפעקט — און דאָך, בנשימה

אחת, ניט זיין פאַרשפּיצט, פּלוצעמדיק, מער ווי נויטיק, אין אויספּיר. מיט איין וואָרט, באַווייזן די קונץ פון האַלטן דעם שטעקן ביי בײדע עקן.

עס זיינען פאַרהאַן נאָך אַן אַ שיעור אַנדערע קאָמפּליקאַציעס, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן פון אַ קינסטלער; ווען עס געלינגט זיי אָבער גובר צו זיין, איז דער פּרייז גלייך דאָ אויפן אָרט.

די אַמעריקאַנער דערציילער, וואָס שלמה וויסמאַן האָט נאָכגעפאָלגט געטריי זייער אַנטוויקלונג, האָבן זיך פאַרפולקאָמט אין דעם פאַך און אָפט דערגרייכט דערשטוינענדיקע רעזולטאַטן.

און טאַקע אָט די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג, אַנהויבנדיק מיט די ערשטע מייסטער, ווי: אירווינג, בּי האָטאָרן, אין אַ שפּאַרנדיקער ליניע אַרויף צו: א. א. פּאָ, העשרי דזשיימס, ד. לאָנדאָן, שפּעטער ביז ש. אַנדער־סאָן, העמינגווי, פאָלקנער און אַנדערע פון דער בייסטער צייט, ווערט קאָנטיק פאַרן לייענער אין דער דערמאָנטער אַנטאָלאָגיע.

אָט די אַנטוויקלונג איז אינטערעסאַנט אי פאַר זיך אַליין, ווי אַ יש בפני עצמו, אי ביים פאַרגלייכן זי מיט ענלעכע פאַזן און פאַרלויפן אין די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן און אין אונדזערע העברעאישע און יידישע ד׳ אמות.

ווייל אינטערעסאַנט איז ניט נאָר צו דערפילען און אַנטדעקן די קעגנזייטיקע השפעות און בשותפותדיקע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען, בלי שום ספק, פאַרהאַן אין אַ גאָר באַדייטנדיקער מאָס, נאָר, אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, דאָס אייגנאַרטיקע, טשעקאַווע אַנדערשדיקע, וואָס שטויסט אָפּ און ציט צו, אינטריגירט און רייצט און איז דער קענצייכן פון יעדן אָריגינעלן מחבר.

אוודאי איז ניט לייכט צו משפטן בלויז לויט די אַכט און צוואַנציק באַטייליקטע און באַזונדערס לויט בלויז איין געבראַכטער דערציילונג פון יעדן מחבר. ש. וויסמאַן האָט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעקליבן די טרעפלעכסטע און כאַראַקטעריסטישסטע דערציילונגען, וואָס גיבן אַ געוויסע אָנדייטונג (און מער איז אין אַן אַנטאָלאָגיע ניט מעגלעך) אויפן אופן פון שרייבן און קענען פון די מחברים. אגב, איז דאָס געווען די שווערסטע אויפגאַבע פאַר ש. וויסמאַנען, ביים צונויפשטעלן די אַנטאָלאָגיע; אָבער ער האָט, אַנווענדנדיק אַ קלאָרן און טרעפלעכן צוגאַנג, עס געראָטן אויסגעפירט.

עס איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דער גרעסטער טייל פון די שרייבער באַרירט ניט קיין נאַציאָנאַלע און אפילו ריין אינדיווידועלע פּראָ־בלעמען, אויפן שטייגער ווי עס איז דער דרך ביי אייראָפּעאישע קינסטלער, אפילו ווען מיר נעמען גוט אין באַטראַכט, אַז אויך די אייראָפּעאישע קינסט־לער זיינען פאַרשידן איינער פון צווייטן, כרחוק מזרח ממערב. מען פילט גלייך אַרויס, אַז עס איז דאָ אַ נייער וועג פון אַ נייעם קאָנטינענט. עפּעס

אַן אַראָמאַט, אַן אָפּקלאַנג און אַ צוריר פון אַ פרעמדער, אינטריגירנדיקער וועלט, וואָס איז ביז גאָר באַזונדערדיק.

אין דעם גרעסטן טייל פון די דערציילונגען, ווען איר האָט זיי פאַר־דייעט, דערפילט איר, אַז די קינסטלער האָבן אָפּעריִרט דורך אַ זייטיקן באַריר, אַ זייטיקן צוגאַנג מיט אַ קאַלטער לעבער. דער אַקצענט, די טענדענץ איז מער אויפצודעקן פאַרבאָרגענע פעדים אין דער מענטשלעכער אינערליכער מאַשינעריע — ס'רוב די עלעמענטאַרע, סטיכישע רעאַגירונגען, וואָס ווערן אַקטיוו דורך אויסערלישע, פּלוצימדיקע, איך וואָלט געזאָגט — פּיאַנערישע האַנדלונגען, און ווען זיי ווערן אַנטפּלעקט, קאַנטיק, זיינען זיי אַן איבער־ראַשונג פאַרן שרייבער גופא, פּונקט ווי פאַרן לייענער.

דער אַמעריקאַנער דערציילער, אויף וויפיל עס איז, פאַרשטייט זיך, דערלויבט צו גענעראַליזירן (און עס איז באמת זייער ווייניק דערלויבט), איז מער פאַרטאָן אין דעם עפעקט, דינאַמישקייט פון דער שפּאַנונג, אויס־לאָדונג פון געפיל און אין דעם ווירטואָזן אַרויסברענגען די דעטאַלן — און אויף דעם געביט איז ער אַ מאדים.

דער בונט אַקעגן סאָציאַלע אומרעכטן און קלאַסן באַוואוסטזיניקייט, גריבלעניש, רייסעניש אין דער צעפּיצלטער פּערזענלעכקייט, אומאויפ־הערלעכע ירידה פון מענטשן, — אָט דער גרויסער סכום פון פּראָבלעמען וואָס פילט אָן די אייראָפּעאישע שאַפונגען, געפינט בלויז אַן אומדירעקטן אָפּקלאַנג ביי דעם אַמעריקאַנער דערציילער. דערפאַר אָבער הערט זיך ביי אים אָפט אַרויס, ווען ער שיילט אָפּ די דינע שיכט פון פּוריטאַנישער, בלאַסלעכער אידעאַליזאַציע, אַן אור־געשריי פון מענטשלעכן וועזן, ווי ס'וואָלט זיך געריסן פון אַ דזשונגל, וואָס איז נאָך ניט לגמרי באַהערשט.

און אויב מ'זאָל נאָכפּאָלגן דעם ריזיקאַלן וועג פון גענעראַליזירן, דאַרף מען באַוואונדערן די פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג, וואָס גלייכצייטיק מיט דער אויבנדערמאָנטער ראַנגלעניש ביז ווילדקייט, מיט די אינסטינקטן פון דעם פּרימיטיוו, ווערט אָנגעהאַלטן אַ קאָרעקטע אָביעקטיוויטעט, כמעט אַ פאַרקנעפּלטער צוגאַנג צו דעם באַהאַנדלטן מענטשן, וואָס האַלט אָן ספּאָרטס־מעניש די אָנגענומענע פאָרם, איז מלא שרעק צו זיין סענטימענטאַל און נוצט אויס געשיקט די פעאיקייט זיך אויסצודרייעןביים אָננעמען אַ צד אין קאָנפליקטן.

אָט די אייגנשאַפטן, וואָס ווייזן זיך אַרויס, אין אַ גרעסערער צי קלענערער מאָס, לויטן טאַלאַנט פון מחבר, איז פרעמד און אין קעגנזאַץ צו די איינ־געבוירענע נטיות פון העברעאישע און יידישע שרייבער־מענטשן. זיי זיינען דערפאַר עלול, גראָד מיט דער נייקייט, אַנדערשדיקייט, צו באַווירקן, אָנרעגן, סטימולירן, אפילו ווען אין אַנדערע ריכטונגען — און דערפאַר פון גרויסער ווערט.

זייער אָפט האָבן איבערזעצונגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור

געגעבן אַ געזונטן שטויס פֿאַראויס און אַריינגעבראַכט אַן אָפּפֿרישונג, אַמאָל אַפילו געווען אַנהויבער פֿון נייע עפּאָכן, אין דער אַנטוויקלונג פֿון יידישן געדאַנק און געפֿיל.

די איבערזעצונגען אין דער אַנטאָלאָגיע האָבן דעם איבערזעצער, ש. וויסמאַן, געשטעלט פֿאַר גרויסע פּרוּוון און אָפֿט פֿאַר כמעט אוממעגלעכע פּראָבלעמען, אָבער מען דערקענט עס כמעט ניט אין דער אָפּגעטוענער אַרבעט — און דאָס איז די גרעסטע מעלה. אין דער ליטעראַטור איז אַ געזעץ, אַז די רעזולטאַטן דאַרפֿן קיינמאָל ניט דערמאָנען די באַהערשטע מניעות.

די גרויסע צאָל שרייבער, זייער באַזונדערע ריידאַרט, אייגענער סטיל, אייגענע חנדלעך האָבן געפֿאָדערט אַ שטענדיק צופּאַסן זיך אוין די שפּראַך. ש. וויסמאַן האָט דערביי כמעט פּעדאַנטיש אָפּגעהיט די געטריישאַפֿט צום אָריגינאַל און גלייכצייטיק צו דעם גייסט פֿון דער העברעאישער שפּראַך — און ביידע גיסן זיך צונויף, אַז ס'איז קוים צו באַמערקן ווער ס'האָט וועמען איינגעשלונגען.

דער ברייטער אַריינפֿיר צו דער אַנטאָלאָגיע איז אַ ווערטפֿולע אַרבעט פֿאַר זיך אַליין. ס'איז אַן אַרומנעמענדיקער איבערבליק איבער דער אַנט־וויקלונג פֿון דער קורצער דערציילונג אין אַמעריקע. אַ דורכדרינגנדיקע קריטיק און כאַראַקטעריסטיק פֿון יעדן שרייבער באַזונדער, וואָס גיט אָפּ יעדן מחבר זיין פֿאַרדינט אָרט אין דער בולט אַרויסגעבראַכטער סביבה. עס איז אָן שום ספק אַ פּיאָנערישע אַרבעט אויף דעם געביט אין דער העברעאישער ליטעראַטור וואָס באַרייכערט אונדזער וויסן און ממילא אויך דעם אָפּטייל אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.

יחזקאלע

פון מ. מ. שאַפּיר

(ש. ווייסמאַנען אַ מתנה)

כביכול טאָפּטשעט איבער קופּעס טויטע,
און זוכט אַ צייכן אָטעם אין די גלידער.
נישטאָ. ער לאָזט אַראָפּ די הענט ווי קלעצער,
און וויל אַליין אַ פאַל טון אויף אַ קופּע.

ער וויל אַ וואָרט אין מויל צו וועמען זאָגן, —
נאָר אויך דער נביא ליגט מסתם צעפּערטלט.
ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרשעמט, פאַרמשפּט, —
ווי ווייזט מען דער פּמליא איצט דאָס פּנים?
נאָר ווי ער וויל אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן —
האָט זיך בישט־ווייט אַ ריר געטאָן אַן אבר.

ער קוקט זיך איין: — אַ קינדס אַ נאַקעט פיסל —
אַ ייִנגעלע — ער ליגט, ווי ער זאָל שלאָפן;
דאָס פּנימל פאַרשטייפט און רויט פאַרבלאָטיקט.
ער גיט אים שטיל אַ פּעטשל אין געזעסל —
אַ צוק, — און ווייטער ליגט דאָס קינד פאַרגליווערט...

„יחזקאלע, בן־אדמל, זאָלסט אויפשטיין.
בישט שרעק זיך מער צו עפענען די אויגן.
דו ביסט נישט טויט, ביסט נאָר אויף טויט דערשראָקן,
און אָן אַ מינדסטן גראַבל איז דיין גופל.
מאַך־אויף די אויגן, גיב אַ קוק ווער ס׳שטייט דאָ.
יחזקאלע, בן־אדמל, מעגסט אויפשטיין.“

דאָס ייִנגעלע בלייבט ווייטער איינגעגליווערט
אין אָרעמס אייזיקע פון טויזנט גרוילן.
כביכול שטייט, די הענט צעשפּרייט — און כליפּעט.
יחזקאלע פאַרנעמט עס, ווי פון ווייטנס.
ער וואַרט, דאָס כליפּען זאָל פאַרגיין, פאַרשטילן.
ער עפנט קוים אַ שפּעלטל פון אַ וויִע —
אַרום־אַרום, ווי ווייט ער קען דערלאַנגען,
איז גרויל פאַרצויגן אויף צעהאַקטן גליווער.
ס׳איז מאָרגן נאָך דער שחיטה. ווינטלעך — — — הימל — — — —

ער הייבט זיך אויף און נעמט פאַמעלעך קלייבן —
אין זעקלעך צוויי פון ליכטיק־בלויער דינקייט —
דאָס אַש פון שיימעס און תשמישי־קדושה,
די ברעקלעך ווידוי און די שמע־ישראלס,
וואָס מ׳האָט זיי מיט דער האַק צעהאַקט, פאַרלאָשן, —
און לאָזט זיך גיין מיט אַלע וועלטן־וועגן,
דורך אַלע לענדער, איבער אַלע ימען —
און וואו ער זעט אַ קינד, וואָס האַלט אין הענטל
אַ סידורל, אַ חומש, עפּעס יידישס —
באַפּראָשעט ער זיי שטיל מיט זיינע אַשן,
וואָס בעטן זיך אַ תיקון...

אָפּשאַצונגען און באַגריסונגען

באַגריסונג פון די שולן

מיר זיינען גליקלעך צו באַגריסן אייך, ליבער און טייערער חבר שלמה וויסמאַן, צום פערציק יעריקן יובילעאום פון אייער אָנפירן מיט אונדזערע שולן.

מיר, וואָס שטייען מיט אייך צענדליקער יאָרן ביי דער אַרבעט, און אַנדערע פון אונדז — זינט דעם טאָג ווען איר האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון די שולן (און נאָך אַנדערע — אפילו פון פריער), באַוואונדערן אייער טריישאַפט און איבערגעבנקייט און אויסדויער אין אייער אָנפירן מיט אונדזערע מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן.

דורך די פערציק יאָר פון אייער פירערשאַפט האָט איר געלייגט אייער פּערזענלעכן חותם אויף אונדזערע שולן, סיי אויף דער אינעווייניקסטער, דערציערישער אַרבעט צווישן קינדער און לערער, סיי אויף דער אויסערלעכער אָנפירונג פון די שולן — צווישן די חברים און מיטטוער און צווישן עלטערן און גראַדואַנטן, וואָס איז געווען ניט ווייניקער דערציעריש. אַ דאַנק דעמדאָזיקן חותם האָבן אונדזערע שולן זייער אייגענעם פּרצוף פנים און זייער אייגענעם אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער, וואָס ווערט אַזוי וואַרים געלויבט אויף דער דערציערישער יידישער גאַס אומעטום.

איר האָט דערצויגן דורות פון יונגע קאַנאַדער יידן צו אַ ווירדיק יידיש לעבן דאָ אין לאַנד, און אַ היבשע צאָל פון זיי אויך צו חלוצישער שעפערישקייט אינעם לאַנד פון אַן אויפקומענדיק ניי יידיש לעבן, אין ארץ ישראל, און מיר פילן זיך גליקלעך, וואָס מיר האָבן געהאַט די זכיה צו אַרבעטן מיט אייך האַנט אין האַנט לטובת דער יידישער דערציאונג און דורך דעם בייצוטראָגן אויך אונדזער באַשיידענעם חלק צו דער פאַרזיכערונג פונעם יידישן מאָרגן אויף דער וועלט.

מיר פילן זיך גליקלעך, וואָס מיר האָבן אַלע צוזאַמען דערלעבט דעמדאָזיקן יום-טובדיקן מאָמענט, ווען מיר האָבן די געלעגנהייט אייך אויסצודריקן אונדזער ליבע און רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט פאַר אייערע געבענטשטע טעטיקייטן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג בפרט און אויף פאַרשיידענע געביטן פון יידישער קולטורעלער אויפלעבונג בכלל.

מיר באַגריסן אייך און ווינטשן אייך און אייער ליבע פרוי, אונדזער טייערע חברה חנה, געזונט און אריכת ימים און נחת פון אייערע קינדער

און קינדס קינדער, צוזאַמען מיט דעם נחת פון די טויזנטער און טויזנטער קינדער וואָס איר האָט דערצויגן ביז אַהער און וואָס איר וועט נאָך דער־ציען לאַנגע, לאַנגע יאָרן ווייטער.

י. בערמאַן, ערן פּרעזידענט און קאַסירער

ח. דעקלבוים, ערן פּרעזידענט

מ. וואַסערמאַן, ערן פּרעזידענט

י. כהן, ערן פּרעזידענט

ש. האַרווי, פּרעזידענט

ל. ראַסקעס, וויצע־פּרעזידענט

ש. אַלבוים, פאָרזיצער פון דירעקטאָרן ראַט

ח. פּריפּשטיין, פאָרזיצער פון דערציאונגס קאָמיטעט

א. פּרנס, פאָרזיצער, שול פאַראיין

ש. דונסקי, וויצע פּרינציפּאַל

נ. ווילטשעסקי, עקזעקוטיוו דירעקטאָר

מרס. **ס. סאַקס,** פאָרזיצערין, ערשטער עלטערן פאַראיין

מרס. **ש. אַלבוים,** פאָרזיצערין, עלטערן פאַראיין טאָג שולע

מרס. **ד. זעל**

מרס. **ל. שייפער**

קאָ־פאָרזיצערינס, עלטערן פאַראיין אָוונט שולע

ל. פ. גאָלד, פאָרזיצער, בראָדערהוד

מרס. **טש. באַלינסקי,** גרינדערין־פּרעזידענטין, קאָנצערט געזעלשאַפט.

מ. לאַפּין, פאָרזיצער, פאַראיין פון גראַדואירטע

באַגריסונג פון די לערער פון די שולן

ליבער און טייערער חבר שלמה וויסמאַן:

מיט גרויס צופרידנקייט באַגריסן מיר אייך לכבוד דעם פערציק יאָריקן יובל פון אייער זיין דער פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן.

40 יאָר פּרינציפּאַל! לייכט אַרויסצורעדן, אָבער ווען מען כאַפּט אַ קוק, כאָטש אַן אויבנאויפיקן קוק, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין די פערציק יאָר אונטער אייער הנהלה, ווערט מען גליקלעך דערשטוינט און באַ־גייסטערט.

אין 1920, ווען איר האָט איבערגענומען די הנהלה, האָט זיך די פאָלקס שולע נאָר וואָס אַריינגעצויגן אין אַן אייגנגעקויפטע הויז אויף סט. אָרביין גאַס, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול־בנין. די צאָל תלמידים איז דאַן געווען אַרום 200. יעדעס יאָר האָט גראַדואירט אַ קלאַס פון צוויי (2) תלמידים.

אין משך פון די פערציק יאָר (אָפּשטעלנדיק זיך בלויז אויף עטלעכע מאָמענטן) איז געעפנט געוואָרן די ערשטע טאָג־שולע אין מאָנטרעאָל; אויפגעבויט געוואָרן אַ פּראַכטפולער שול־בנין אויף וויוועורלי גאַס; שפּעטער, ווען עס איז נויטיק געוואָרן אַריבערציען זיך אין אַן אַנדער געגנט, איז אויפגעבויט געוואָרן דער פיל גרעסערער שול־בנין אויף וואַן האָרן גאַס; די צאָל תלמידים דאָס יאָר זיינען ווייט איבער טויזנט, און גראַדואירט האָבן דאָס יאָר 89 תלמידים.

און דעם גרעסטן חלק צו דעם וואוקס און דערפאָלג פון די פאָלקס שולן האָט איר, חבר ווייסמאַן, צוגעטראָגן.

איר זענט געבענטשט מיט זעלטענע פעאיקייטן; מיט אַן אַקטיווּ־שעפערישער נאַטור; מיט אַ וואונדערלעך אויסגעהאַלטענער אָרגאַניזאַטאָ־רישקייט; מיט אַ סך ענערגיע (אָפט פיל מער ווי אייערע כוחות דערלויבן דאָס), און ועל כולם — אייערע טיפע ידיעות אין יידישן און וועלטלעכן וויסן; דערצו די אמונה, דער גרויסער גלויבן אין דער וויכטיקייט פון דער מאָדערנער יידיש נאַציאָנאַלער דערציאונג. — דאָס אַלץ האָט איר מיט גרויס איבערגעבנקייט אָפּגעגעבן אונדזערע יידישע פאָלקס שולן פולע פערציק יאָר.

געבענטשט איז אַ שולע וואָס האָט יאָרן לאַנג איין און דעם זעלבן פּרינציפּאַל, בפרט — איינעם מיט די אַלע מעלות וואָס איר פאַרמאָגט.

ווער נאָך ווי מיר, לערערס פון אונדזערע שולן, קען אָפּשאַצן אייער איבערגעבנקייט צו דער שול אַרבעט? אַרבעטנדיק מיט אייך — אייניקע, שוין צענדליקער יאָרן, ווייסן מיר, ווי אָפּצושאַצן אייער איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט, ווי אויך אייער פריינטלעכע באַציאונג צו די לערערס; אייער גרייטקייט קומען דעם לערער צו יעדער צייט צו הילף מיט אייערע גוטע און פּראַקטישע אָנווייזונגען, לערנען אים, דערציען אים ווען נויטיק. איר זענט די אַלע יאָרן געווען דער אמתער לערער פון לערערס.

פילן מיר זיך גליקלעך און צופרידן, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו באַגריסן אייך צו דער זעלטענער געלעגנהייט, און מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך יאָרן פון געזונט און פון דערציערישער פּרוכטבאַרקייט.

ע. באַך	פ. האָפמאַן	מ. זעליגמאַן	ב. צוקערמאַן
ג. בורשטיין	מ. העלמאַן	מ. חסיד	ד. קאָהען
ל. בערגער	ד. וואָלק	ר. טייכער	י. קאָהען
ד. באָטוויניק	פ. ווייזער	פ. טרעפּמאַן	פ. קאָהען
ש. גאָוועגטאַ	י. וויינבערג	וו. כייטמאַן	ל. קאָפּניק
ש. געפין	א. וויינמאַן	ר. לענקאָוו	ר. קעי
ס. דאָוואָנג	ב. ווילטשעסקי	ע. מוידעל	ל. רובינאָוו
ע. דאָקטאָר	ל. וועלס	ל. סערלין	ל. ריבאָק
ש. דונסקי	י. זילבערמאַן	ל. פאָלק	י. שיינבלום
			י. שעכטער

באַגריסונג פון דער דראַמאַטישער גרופּע פון די פאָלקס שולן

די דראַמאַטישע גרופּע פונעם פאַראיין פון גראַדואירטע ביי די יידישע פאָלקס שולן, באַגריסן אייך, לערער ש. ווייסמאַן, צו אייער 40 יעריקן יובל פון פרוכטבאַרער אַרבעט פאַר די שולן.

ווען מען נאָך ווי אונדז איז אַזוי ליב אָנצומערקן אַט די דאַטע! ווי ליב איז אונדז די שולע, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער קינדהייט, און ווי גוט ס'איז זיך צו דערמאָנען אין די טעג, ווען מיר האָבן זיך געפונען אונטער אייער אָנפירונג! און ווער נאָך ווי מיר ווייסן אָפּצושאַצן מיט דאַנק אייער איניציאַטיוו צו גרינדן אונדזער דראַמאַטישע גרופּע, וואָס עקזיסטירט שוין דאָס 4טע יאָר, און וואָס האָט, אונטער דער אָנפירונג פון דער טעאַטער קינסטלערין דאָראַ וואַסערמאַן, פאַרווירקלעכט אונדזער טרוים אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט מיטן לעבעדיקן יידישן וואָרט. טעאַטער איז אַ גרויסער כוח אויף אָנצוהאַלטן לעבעדיק יידיש לשון, אויף אָנצוהאַלטן דעם יידישן המשך, פאַר וועלכן איר האָט אָפּגעגעבן 40 יאָר שווערע אַרבעט, און מיר שאַצן דאָס זייער שטאַרק אָפּ.

מיר האָפן, אַז ס'וועט זיך אונדז איינגעבן אויסצוברייטערן אונדזערע אַקטיוויטעטן און אַז ס'וועט אונדז געלינגען מיט דער צייט צו שאַפן אַ פּערמאַנענטע דראַמאַטישע גרופּע, מיט וועלכער דאָס יידישע מאָנטרעאַל זאָל קענען שטאָלצירן. דאָס וועט זיין אונדזער מתנה צו אייער 40 יעריקן יובל, לערער ווייסמאַן.

מיר ווינטשן אייך און אייער ליבער פרוי און אייער פאַמיליע געזונט און גליק, און לאָמיר נאָך צוזאַמען אַרבעטן לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

די דראַמאַטישע גרופּע
ביים פאַראיין פון גראַדואירטע

צו לערער ווייסמאַן
אַ באַגריסונג

ליבער חבר ווייסמאַן:

איך וועל אָנהויבן מיין באַגריסונג צו אייך מיט אַ ציטאַט:

— — — My mariners
Souls that have toil'd and wrought and thought with me —
That ever with a frolic welcome took
The thunder and the sunshine, and opposed
Free hearts, free foreheads — you and I are old;

Old age hath yet his honour and his toil;
Death closes all: but something ere the end,
Some work of noble note, may yet be done,
Not unbecoming men that strove with Gods.

געוויס ווייסט איר פון וועלכער פּאָעמע איך האָב דאָ ציטירט. איך ווייס, אַז איר ווייסט. מיט איבער פערציק יאָר, נאָך איידער איר זענט געוואָרן פּרינציפּאַל פון דער יידישער פאָלקס־שול האָט איר די דאָזיקע פּאָעמע מיט מיר געקנעלט. איר זענט דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין ערשטן יאָר מעקגיל און איך — אַ „גרינער״ און רויער בחור, וואָס האָט גענומען ביי אייך פּריוואַט־לעקציעס אין ענגלישער שפּראַך. כאָטש איך האָב זיך דער עיקר געגוויטיקט אין עלעמענטאַרן אונטעררעכט, האָט איר פונדעסט־וועגן באַשלאָסן, אַז איר וועט מיט מיר אויך לערנען ענגליש ליטעראַטור. עד היום קען איך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איר האָט אַלס ערשטן טעקסט אויסגעקליבן אַזאַ שווערע פּאָעמע ווי לאָרד טעניסאָנס „אוליסעס״. צי איז עס אַמאָל ניט געווען דערפאַר, ווייל איר זענט דעמאָלט אַליין געווען פאַר־נומען מיט לערנען די דאָזיקע פּאָעמע אויף אַ פאַראָרדנונג פון אייערן אַ פּראָפעסאָר און איר האָט פּשוט, דורך קנעלן מיט מיר, געוואָלט מאַכן די זאַך וואָס קלערער פאַר זיך אַליין?

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אייער איינפאַל האָט מיך שטאַרק געשמייכלט און האָב מיט אַלע כוחות זיך באַמיט אייך צו מאַכן גלויבן, אַז אייער טרחה איז ניט אַרויסגעוואָרפן, אָבער איר האָט זיך ניט געלאָזט נאַרן. איר האָט סוף כל סוף דאָס געמוזט אויפגעבן און זוכן גרינגערע זאַכן פאַר מיר. איר האָט מיר דאַן בעסער צוגעטראָפן מיט אַ קורץ ליריש ליד פון זעלביקן טעניסאָן, אַ באַרימט פּאָעטיש פּערל, וואָס איר ערשטער סטראָף לייענט זיך:

Break, break, break
On thy cold gray stones, O sea!
And I would that my tongue could utter
The thoughts that arise in me.

אָבער איך וויל אייך איצט אינפאָרמירן, אַז אייער פּרואוו צו קנעלן מיט מיר די „אוליסעס״ פּאָעמע איז ניט געווען אין גאַנצן אומזיסט. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך צו דעם צוריקגעקערט און איך האָב גענומען פאַר־שטיין ניט נאָר דעם תוכן אירן, נאָר, ווי איך וויל גלויבן, אויך דאָס וואָס איר האָט מסתמא געוואָלט איך זאָל דערפון אַרויסטראָגן. איך געדענק גוט ווי איר האָט מיר דערקלערט דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער פּאָעמע, ווער אוליסעס איז געווען, די ראָל וואָס ער האָט געשפּילט ווי אַ מלך, קריגער און פאַרשנדיקער גייסט אין פאַרצייטיקן גריכנלאַנד, אויך זיין ספּעציעלע ראָל אין טראָיאַנישן קריג. איצט וויל איך אייך עפּעס זאָגן

וואָס איך האָב שוין לאַנג געטראַכט: אין אייך אַליין שטעקט אַ שטיק אוליסעס. עפּעס פון דעם אומרו, דער אומגעזעטיקטער נייגעריקייט, דעם אויפהער־לעכן דורשט נאָך וויסן, אונטערנעמערישע געוואַגטקייט און שטרעבונג צו דערגרייכונג, וואָס טעניסאָן שרייבט צו צו דער ספּעציעלער נאַטור פון דעם גריכישן העלד, איז פאַראַן אין אייך.

פאַר די פּערציק יאָר וואָס איר זענט געשטאַנען אַן דער שפּיץ פון די יידישע פאָלקס־שולן האָט כסדר'דיקע שפּעפערישע אומרו אייך געטריבן צו גיין כסדר פאָראויס טראָץ אַלע שווערע מניעות און שטרויכלונגען. יעדער איינגעפאָרענער עטאַפּ פון נייער דערגרייכונג האָט אייך באַפרידיקט נאָר אויפן מאָמענט, אָבער גלייך זענט איר ווידער געוואָרן אומצופרידן און שוין גענומען פּלאַנעווען עפּעס אַ פרישע „אַוואַנטורע". אויף אייך קען געזאָגט ווערן טאַקע ווי אוליסעס זאָגט וועגן זיך אין טעניסאָנס פּאָעמע:

I am a part of all that I have met;
Yet all experience is an arch wherethro'
Gleams that untravell'd world whose margin fades
For ever and for ever when I move.
How dull it is to pause, to make an end,
To rust unburnish'd, not to shine in use!

איך געדענק גוט די באמת גייסטרייכע רעדעס, וואָס איר פלעגט דורך אַלע יאָרן האַלטן ביי די אומפּאַרמיידלעכע קאַמפּיין־באַנקעטן לטובת די פאָלקס שולן און אויך ביי גראַדואירונגס־פייערונגען און אַנדערע פייערונגען, און ווי איר פלעגט אַנצינדן אייערע צוהערער ניט נאָר מיט דער אויפ־ריכטיקער גלויביקייט פון אייערע רייד, נאָר אויך מיט דער געוואַגטער שאַרפקייט פון אייער זעלבסט־קריטיק, אייער מודה זיין, אַז ניט זעלטן טאַפּט מען אַ וואַנט און אַז וויפיל מען זאָל שוין ניט האָבן אַריינגעפאָרן אויפ'ן וועג צום אידעאַלן דערציאונגס־ציל בלייבט דער געזוכטער ברעג נאָך אַלץ זייער ווייט און גאָט ווייס, צי מען וועט אים ווען־עס איז דערגרייכן. אָבער דער אויספיר איז אַלעמאָל געווען אַן אָפּטימיסטישער, ווייל אַז מען קוקט צוריק זעט מען דאָך קלאָר ווי קליין מ'האָט אָנגעהויבן און ווי שטאַרק מ'איז זיך, אַ דאַנק גאָט, צעוואַקסן.

ניט גרינג איז אייך דאָס אַלץ אָנגעקומען. איר האָט דאָך די אַלע יאָרן געטאָן עבודת פרך. איר זענט געווען פּרינציפּאַל, אָרגאַניזאַטאָר, אַדמי־ניסטראַטאָר, דיפּלאָמאַט, קריגער, שלום־מאַכער, אַגיטאַטאָר, אויפקלערער און באַגייסטערער. איר האָט געקנעלט מיט קינדער און אויך מיט דער־וואַקסענע, פאַרבראַכט די טעג אין די קלאַסן אָדער אין אָפיס און די אָוונטן ביי מיטינגען אָדער עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. מיט דעם אַלעמען האָט איר נאָך געפונען צייט כסדר צו לייענען און לערנען און אויך צו פאַרנעמען זיך

מיט וויכטיקער ליטעראַרישער אַרבעט. אייער בוך „מספרים אמריקאיים", אפשר דער איינציקער פון זיין מין אין העברעאיש, איז אַן עדות דערויף. דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, מיט וואָס איר האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צום קולטורעלן לעבן פון אונדזער עיר ואם בישראל, האָט איר באַוויזן אויפצוטאָן אָפט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, ווייל ניט זעלטן געשטערט פון ווייטיקן און יסורים. דאָס איז אַ מוסטערהאַפטער ביישפיל פון mind over matter.

עס וואָלט ניט געווען קרום, ווען איר רופט איצט צונויף די אַלע וואָס זיינען געווען אייערע געטרייע מיטפאָרער אין דער פערציק יאָריקער נסיעה דורך שטורמדיקע וואַסערן — ארבעים שנה אקוט בדור — און לייענען פאַר זיי מיט די נויטיקע פירושים, ווי איר האָט דאָס אַמאָל געטאָן פאַר מיר, די וואונדערליכע שורות פון טעניסאָנס „אוליסעס", וועלכע איך האָב ציטירט אין אָנהויב פון אָט דעם בריוו צו אייך. די געבענטשטע פרוכט פון אייער פערציק יאָריקער מי גיט די פאַרזיכערונג, אַז

Some work of noble note may yet be done,
Not unbecoming men that strove with Gods.

אייער מיט ליבשאַפט און פאַרערונג,

ישראל ראַבינאָוויטש

אַ פּאָר ווערטער צו שלמה וויסמאַנס יום-טוב

פון רחל קאָרן

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל עס דאָ אָפן אַרויסזאָגן, אַז שטילערהייט בין איך מקנא די אַלע, וואָס זענען דאָ געווען מיט אַ פינף־און פערציק יאָר צוריק, ביים סאַמע בראשית פון יידישן שול וועזן און מיטגעהאָלפן ביים אויסבויען און אַנטוויקלען די יידישע שולן אין מאָנטרעאַל. ביי די אַלע איז פאַרבליבן ביז צום היינטיקן טאָג אַן אינטימע פאַרבינדונג אויסגעפילט מיט אַ סך בשותפותדיקע איבערלעבונגען און זכרונות.

בעת מען זעט אַן אינסטיטוציע אין דער סטאַדיע פון איר רייפקייט באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין. עדשט דאַן, ווען עס קומט אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, ווי דאָס מאָל, גיט מען זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז אַן דער איבערגעגעבענער, אחריותפולער אַרבעט פון די אַלע, וואָס האָבן מיט קאַרגע מיטלען און מיט גרויסע עקשנות מיטגעהאָלפן ביים אויסבויען און אַוועקשטעלן זיי אויף דער געהעריקער הויך, וואָלטן די יידישע שולן אין מאָנטרעאַל נישט געוואָרן דער יש, נאָר עפּעס אַ בייזאַך, אַ בייזאַך

אויפן ראַנד פון פאַרהאַוועטער, פאַרשמאַיעטער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס וועפּט זיך אויס מיט די יאָרן און ווערט צערונען, אַז קיינער ווייסט אַפּילו נישט ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען. און ווען מען כאַפּט זיך — איז עס שוין צו שפּעט. אָט דאָס האָט פּאַסירט אין די מייסטע שטעט פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, שטעט מיט אַ סך אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג, ווי אין מאָנטרעאַל.

יאָ, איך בין טאַקע געקומען שוין צו אַלעם גרייטן, איז טאַקע דערפאַר איז מיין געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו אַלע די, וואָס האָבן עס מעגלעך געמאַכט, אַז מיינע אייניקלעך זאָלן איבערנעמען אונדזערע קולטור־אוצרות איןביידע שפּראַכן, זיי זאָלן נישט זיין טויב צו די שורות, וואָס איך שרייב אין דער יידישער שפּראַך, נאָך טיפער און שטאַרקער.

און עס איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז אָן דער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט פון די לערער, מיט זייער מדריך שלמה וויסמאַן בראש, וואָלטן די יידישע פאָלקס־שולן נישט געקענט דערגרייכן די מדרגה, אויף וועלכער זיי האָבן זיי אַוועקגעשטעלט.

און שלמה וויסמאַן — וועמענס פערציק־יעריקן יובל פון פאַרבונדנקייט מיט די יידישע פאָלקס־שולן מיר פייערן איצט, האָט, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און אַנטוישונגען, וואָס לאָזן זיך נישט אויסמיידן ביי אַזאַ פירנדיקער פּאָזיציע, באַוויזן אויפצוהאַלטן אין זיך דעם ענטוזיאַזם און די גאַנצע יוגנטלעכע גלויביקייט. שלמה וויסמאַן האָט פיינט די אויסגעטרעטענע וועגן, די פאַרטיקע פאָרמען — ווייל אין תוך איז ער אַ באַניייער, ער מוז שטענדיק עפּעס מחדש זיין. און ער שרעקט זיך נישט פאַר די קאָנסעקווענצן.

צו שלמה וויסמאַנס שבח מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרפירן דורך לייכטע דערפאָלגן און זיך נישט געלאָזט משפּיע זיין דורך זייטיקע איינפלוסן אָדער צופעליקייטן, סיי אַלס ערשטקלאַסיקער פּעדאַגאָג, סיי אַלס שריפטשטעלער. ער באַזיצט אין זיך דעם מוט און שטאָלץ פון אַ מענטש מיט אַן אייגענער טעריטאָריע.

אויף אַלע געביטן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, סיי אין זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען שטעלט שלמה וויסמאַן הויכע פאָדערונגען די מענטשן, צו וועלכע ער האָט אַ שייכות. אָבער וויפיל ער זאָל נישט פאַרלאַנגען פון אַנדערע, פאָדערט ער שטענדיק אַ סך מער פון זיך אַליין.

שלמה וויסמאַן האַלט נישט פון געמאַכטער עניוות און פון פאַלשער סענטימענטאַליקייט. דערפאַר האָט ער גרויס אָפּשיי פאַר עכטער פשטות און ערלעכער מענטשלעכקייט. ער איז אויסגעהאַלטן אין זיין צוגאַנג צו מענטשן און ענינים, חריפותדיק און צימצומדיק אין זיינע סך־הכלען; ער קען לאָקאַליזירן די האַרבסטע פראַגן און פּראָבלעמען און זיי צופירן צום סאַמע ברענענדיקסטן פונקט — צום תוך.

נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַוואונדערן שלמה ווייסמאַנס קאָנדענסירטן, געפּרעסטן, אייגנאַרטיקן סטיל, סיי אין זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, סיי ביי עפנטלעכע אַרויסטריטן, ווי אויך אין פּערזענלעכע שמועסן. זיין יעדער זאַץ פאַראייגנט אין זיך גרינטלעך וויסן, חכמה און אַ ספּעציפישן שלמה־ווייסמאַנישן שאַרם.

כדי צו ווערן די פּערזענלעכקייט פון שלמה ווייסמאַנס פאַרנעם, מוז מען אַחוץ דעם סאָלידן וויסן און גרויסער פּעדאַגאָגישער דערפאַרונג פאַר־מאָגן נאָך עפּעס — דאָס איז געדאַנקלעכער שוואונג און אייגענער גייסטיקער קלימאַט. איז צו אַלע זיינע אַנדערע גאַבן איז שלמה ווייסמאַן געבענטשט געוואָרן אויך מיט דער דאָזיקער זעלטענער גאַב.

איז צו זיין יובל, וואָס איז גלייכצייטיק אונדזער אַלעמענס יום־טוב, צו שלמה ווייסמאַן, דעם פריינט און קאָלעגע, מיינע האַרציקסטע ברכות און וואונטשן אויף ווייטערדיקע דערפאָלגן אין זיין שלימותדיקער אַרבעט און אויף אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן אויף אַלע געביטן.

אַ בריוו פון אברהם סוצקעווער

חשובער פריינד ש. דונסקי:

אייער פאַרבעטונג אָנטייל צו נעמען אינעם פּראָיעקטירטן „ווייסמאַן־בוך" — נעם איך אָן. איך קען זיך אָבער ניט באַטייליקן אין דער אויסגאַבע מיט אַן אַרטיקל וועגן... אַ „דערציאונגס־פּראָבלעם" וואָס איר בעט ביי מיר. איך וויל זיך אָבער יע באַטייליקן מיט מיין אמתער ליבשאַפט צום בעל־יובל.

אַ דיכטער איז אַ „דערציאונגס־פּראָבלעם"" פאַר זיך גופא. און זינט איך האָב אין מאָנטרעאַל זיך באַגעגנט און באַפריינדט מיט שלמהן — פיל איך, ווייס איך, אַז ער איז איינער פון די זעלטענע, ניט בלויז אין מאָנטרעאַל, וואָס אין זיין מחיצה ווערט אַ דיכטער דערצויגן און דערוואַקסן צו לייזן פּאָעטישע פּראָבלעמען...

זיין פילן דיכטונג, זיין אַבסאָלוטער געהער פאַר וואָרטמוזיק, זיין חוש פאַר פּאָעטישער עכטקייט, זיין פּערזענלעכקייט, מוז דערפרייען דעם שאַפערישן מענטש, אויב נאָר ער האָט טאַלאַנט פאַר חברשאַפט.

ווען איך שרייב די שורות געפינט זיך ווייסמאַן און זיין פרוי אין ישראל. און דאָ, ביים פאַרברענגען מיט אים, פאַרשטיי איך נאָך בעסער, פאַר וואָס מאָנטרעאַל גרייסט זיך מיטן לערער ווייסמאַן, פאַר וואָס זיינע טויזנטער תלמידים האָבן אים אַזוי ליב. ניט צופעליג טראָגט ער דעם נאָמען: שלמה — ער איז סיי אַ חכם, סיי אַ מענטש־קענער. איין בליק — און ער דערזעט

אַזוינס וואָס מען זעט אַליין ניט. נאַראָנים, הומאָרלאָזע מענטשן, פּאַרריסענע שרייבאַרעס, דאַרפן זיך פאַר אים היטן. ער דערמאָנט מיר, שלמה, אין דער גאָלדענער ווילנער לערער־משפחה: משה קולבאַק, יעקב גערשטיין, די לערערין מירע, און — אים צו לאַנגע יאָר — אברהם גאָלאָמב.

איך באַגריס אים און אייך און זיך און גאַנץ מאָנטרעאָל צו דעם יום־טוב.

אייער

א. סוצקעווער

שלמה ווייסמאַנען — אַ באַגריסונג

עס איז מיר אַ פאַרגעניגן צו זיין איינער פון די וואָס באַטייליקן זיך אין דעם יום טוב, וואָס די פאָלקס שולן פייערן לכבוד דעם, וואָס ס'איז געוואָרן פערציק יאָר, זינט שלמה ווייסמאַן איז זייער פרינציפּאָל.

ווי איינער וואָס האָט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דער דאָזיקער גרויסער און אַזוי וויכטיקער אינסטיטוציע, וואָס איז היינט אַ שטאָלץ פאַר די וואָס שטייען הינטער איר, און פאַר דער יידישער מאָנטרעאָל בכלל, — ווייס איך, אַז דעם דערפאָלג, וועלכן די פאָלקס־שולן האָבן באַוויזן צו דערגרייכן, דאַרף מען דער עיקר פאַרדאַנקען דעם גרויסן פּעדאַגאָג, שריפטשטעלער און קולטור־מענטש שלמה ווייסמאַן, דעם פרינציפּאָל פון די פאָלקס־שולן זינט 1920, וועלכער האָט די פאָלקס־שולן, זינט ער איז מיט זיי פאַרבונדן, זייער פיל געגעבן פון זיך.

ער האָט זיי געגעבן אַלץ וואָס אַזאַ פּעדאַגאָג ווי ווייסמאַן וועלכער האָט זיי דערהויבן צו אַזאַ הויך, האָט זיי געקאָנט געבן. פאַקטיש האָט ווייסמאַן, מיט זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען אויף אָט דעם געביט, אַריינגעשריבן אַ דויעריקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער היגן יידישן ישוב. דאָס איז אַ קאַפּיטל, מיט וועלכן די יידן פון מאָנטרעאָל וועלן תמיד מעגן זיין שטאָלץ.

עס וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז ער איז דער פאַקטישער פאָטער פון דעם אויפטו וועגן טאָג־שולן, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ גרויסע וויכטיקע זאַך. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער באַוועגונג פאַר סעפּאַראַטע שולן, האָט אַרויסגעגעבן דריי בענדער כרעסטאָמאַטיע פאַר קינדער־דערציאונג „דאָס וואָרט", האָט געשריבן אַ סך אַרטיקלען איבער דערציערישע, פּעדאַגאָגישע און אַנדערע טעמעס. אַ גראַדואירטער פון מעקגיל אוניווערזיטעט, איז ער אויך געווען דער גרינדער פון דעם יידיש־העברעאישן סעמינאַר אין מאָנטרעאָל און דער ערשטער דירעקטאָר פון סעמינאַר, איידער

די צווייַ סעמינאַרן אין מאַנטרעאָל האָבן זיך פּאַראַיניקט. ער איז אויך דער פּראָפעסאָר פון דעם ווערק „מספרים אמריקאיים".

אויב די פאָלקס־שולן, וואָס שלמה וויסמאַן איז מיט זיי אַזוי שטאָלץ, און מיט רעכט, האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אַזאַ מאָס פון דערפאָלג, דאַרף מען עס דער עיקר פאַרדאַנקען בלויז אים, און זיין ליבשאַפט און איבער־געגעבנקייט צו זיי.

איך ווינטש אים, אַז ער זאָל נאָך אַ סך לאַנגע יאָרן קאָנען ווידמען זיינע קענטעניש און פעאיקייטן פאַר דער אים באַליבטער אינסטיטוציע, וועלכע איז היינט דער שטאָלץ פון אונדזער היגן יידישן ישוב.

ב. ג. זאַק

אַ דערמאָנונג און אַ בוך — אַ סאַלוט צו שלמה וויסמאַן

פון דר. שלמה ביקל

שלמה וויסמאַן געהער צו דעם געזעמל נאָענטע מענטשן אין מיין לעבן, וואָס פּערזענלעך האָב איך מיט זיי נישט מער ווי אַן אויבנאויפיקע באַקאַנטשאַפט.

איך האָב אין די צוואַנציק יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט שלמה וויסמאַנען בלויז געציילטע עטלעכע מאָל און די עטלעכע מאָל איז מיר נישט אויסגעקומען צו האָבן מיט אים אַזעלכע שמועסן, וואָס זאָלן אָדער דורך זייער כמות אָדער דורך זייער איכות האָבן פאַרבליבן אין זכרון.

און פונדעסטוועגן האָב איך די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז שלמה וויסמאַן איז מיינס אַ נאָענטער מענטש. ער איז מיר נאָענט דערפאַר, ווייל עס איז מיר צום האַרצן דער אינטעלעקטועלער און נשמהדיקער אימאַזש פון דעם פּעדאַגאָג און דעם שרייבער שלמה וויסמאַן. און ווען איך זאָג, אַז דער וויסמאַן אימאַזש איז מיר צום האַרצן, האָב איך אפשר ווייניקער געזאָגט ווי איך וויל, ווארום אין תוך איז דאָ נישט בלויז אַ פראַגע פון סוביעקטיווער ליבערשטקייט, כ׳מיין, ווי אַזוי ס׳געפעלט מיר, נאָר אויך פון אָביעקטיווער אָפּשאַצונג, ד. ה. ווי אַזוי ס׳דאַרף צו זיין און ווי אַזוי ס׳איז נויטיק ס׳זאָל זיין.

אַזאַ געשטאַלט ווי שלמה וויסמאַן דער פּעדאַגאָג און שלמה וויסמאַן דער שרייבער איז נישט בלויז מיין געשטאַלט, וואָס איך האָב האָלד, נאָר אויך די געשטאַלט, וואָס אַזעלכע ווי זי דאַרפן מיר אין לעבן אַריין.

די הויפּט־עלעמענטן פון וויסמאַן פיגור? אינטעלעקטועלע זויבערקייט, וואָס לאָזט זיך נישט קאַליע מאַכן אפילו פון ראָמאַנטישע געגועים: קילער

ישוב הדעת, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון קאַלטער לאָגיק און נישט אַראָפּפירן פון וועג דורך הייס־טעמפּעראַמענטישן אידעאַל; דרך ארץ פאַר פאַקטן און פאַר די פאַקטן פון מענטשלעכער התנהגות, וואָס דאָס איז דער יסוד פון לערנען יענעם און פון אַליין לערנען. אָן די פריער דערמאָנטע עלעמענטן פון אינטעלעקט און פון געפיל איז נישט געמאָלט קיין דרך ארץ צו קינדער, און אָן דרך ארץ איז די ליבשאַפט צום קינד מצד דעם לערער אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך. פּעדאַגאָגיק קאָן זיך, ווי אַ זיווג מיט אַ פּרוי נישט סומך זיין בלויז אויף ליבשאַפט. לעבן דער ליבשאַפט מוז אויך פאַרנעמען אַ הויפּט־פּלאַץ דער רעספּעקט צום קינד, צו זיין אופן טראַכטן און צו די פאַקטן פון זיין לעבן.

דער אימאַזש פון שלמה ווייסמאַן, דעם פּאָזיטיוויסטישן לערער, האָב איך געהאַט איידער כ׳האָב זיך מיט אים פּערזענלעך באַקענט אין מאָנטרעאַל, אָבער באַשטעטיקט האָט מיר דאָס בילד יענע שעה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי אַ יידיש לעקציע אין איינעם פון די ייִנגערע קלאַסן אין דער פאָלקס שול, וואָס שלמה ווייסמאַן איז איר לאַנגיאָריקער דירעקטאָר.

אַ יונגער לערער האָט אַרומגערעדט מיט די תלמידים אַ שול אַרבעט. איך בין געזעסן אין אַ הינטערשטער באַנק לעבן שלמה ווייסמאַנען און זיך צוגעהערט און פּלוצים האָט זיך ווייסמאַן אַריינגעמישט אין דעם שמועס מיט די קינדער. דעם אינהאַלט פון דעם שמועס געדענק איך נישט, אָבער מיר שטייט פאַר די אויגן דאָס רעדן גופא, דער שכלדיקער, קריטישער אויפקלערערישער, שאַרף איבערפרעגערישער און דערביי ליבעפול־דרך־ארצדיקער אופן רעדן וואָס האָט שלמה ווייסמאַנען אין מיינע אויגן פאַר־וואַנדלט אין דעם לערער פון מיינע גימנאַזיע יאָרן, אין דעם באַליבטן און אַנטשיידנדיק־השפּעהדיקן לערער מיינעם, סטאַניסלאַוו ווערבער.

אַזוי ווי שלמה ווייסמאַן צו די ערב בר מצווה קינדער אין דער יידישער פאָלקס שול אין מאָנטרעאַל, אַזוי האָט צו מיר און צו מיינע חברים אין דעם זעלבן עלטער גערעדט דער היסטאָריע פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו ווערבער.

אויפן וועלטלעכן דערציאונגס אָפּשניט פון מיינע ייִנגל יאָרן האָב איך, דאַכט מיר, אַלץ צו פאַרדאַנקן יענעם לערער סטאַניסלאַוו ווערבער. ער איז געווען דער ערשטער לערער, וואָס האָט מיך און מיינע חברים געלערנט פּאָזיטיוויסטיש טראַכטן, געלערנט זיך אַליין איבערצופרעגן און זיך נישט שעמען צו זוכן און צו פאַרהאָרעווען דעם ענטפער, און אפילו זיך נישט שעמען צוצוגעבן, אַז איך ווייס נישט און אַז איך האָב מיט מיין גאַנצער מי נישט געקענט אויסגעפינען.

אין יענער שעה, אין דער מאָנטרעאָלער יידישער פאָלקס שול, האָב איך מיט אַ דור שפּעטער אין דער געשטאַלט פון שלמה ווייסמאַנען דערזען מיין לערער סטאַניסלאַוו ווערבער. און ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען

איך וועל זאָגן, אַז פון דעמאָלט אין קאָלאָמיי ביז דעמאָלט אין מאָנטרעאָל און פון דעמאָלט אין מאָנטרעאָל ביז איצט אין ניו־יאָרק איז דאָס פאַר מיר געווען די איינציקע פון־דאָס־ניי־אַנטפּלעקונג פון מיין געליבטן גימנאַזיע לערער.

אַזוי האָב איך געזען שלמה וויסמאַנען באַשטעטיקן פאַר מיר בעל פה מיין אימאַזש וועגן אים, און — מיט פיר יאָר צוריק האָב איך דער־האַלטן פון וויסמאַנען אַ ספר, וואָס האָט מיר באַשטעטיקט מיין בילד וועגן אים בכתב.

די אַנטאָלאָגיע פון העברעאישע איבערזעצונגען פון אַמעריקאַנישע „שאָרט סטאָריס", וואָס שלמה וויסמאַן האָט אַרויסגעבראַכט אין 1956 אין תל אביבער פאַרלאַג מ. ניומאַן אונטערן נאָמען „מספּרים אמריקאיים", איז פאַר דער ישראל יוגנט אַ נוצלעך בוך, אַ זייער נוצלעך בוך. שלמה וויסמאַנס איבערזעצונגען (און זיי זיינען אַלע דורכאויס זיינע) זיינען געראָטענע, און וואָס שייך דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן אַריינפיר, איז ער אַן אויסנעמלעך גוטער. אויסנעמלעך גוט דערפאַר, ווייל ער איז געשריבן אי וויסנשאַפטלעך פּרעציז, אי סיפּור המעשהדיק, און מע זעט נישט בלויז ביכער, נאָר מע זעט אויך די לעבעדיקע געשטאַלטן פון זייערע שרייבער.

אָבער איך בין נישט אויסן צו געבן קיין פאַרשפּעטיקטע רעצענזיע וועגן שלמה וויסמאַנס בוך. איך האָב דאָ אין זינען די צווייטע סטאַניסלאַווער ווערבערישע בכתב־אַנטפּלעקונג אין דער געשטאַלט פון שלמה וויסמאַן דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער.

מיר ליגן עד היום אין טעם מיין לערערס לעקציעס וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און די הסברות זיינע פון די רעוואָלוציאָנערע און קאָנטער רעוואָלוציאָנערע אידייען פונעם סוף אַכצענטן יאָרהונדערט מיטן כוח פון, אונדז תלמידים באַקאַנטע, גייסטיקע געשעענישן און ריכטונגען פון היינט און פונעם נאָענטן נעכטן.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַזוי אַרום אַריינמאַרשירט אין אונדזער קעגנוואָרט אין אַ יעדער פון אונדז האָט פון זיין אייגענער דערפאַרונג געקאָנט אַזאַ שטורמישע עלאָקווענטע געשטאַלט ווי דאַנטאָן, אַזאַ אכזריות־דיקן אַסקעט ווי ראָבעספּיער און אַזאַ צוויייטיקן פאַרדעכטיקער פון יענעם און פון זיך אַליין ווי מאַראַ.

איך עפן שלמה וויסמאַנס העברעאישע אַנטאָלאָגיע און בלעטער דעם ליטעראַטור היסטאָרישן אַריינפיר און שטעל זיך אָפּ אויף זייט פערצן, וואו ער רעדט וועגן שרייבער נאַטאַניעל האַטאָרן און געפין ביי דער זייט פאַרצייכנט נאָך פון מיין ערשטער לעקטור פון 1956, אַז „ווי וואונדערלעך עס איז דער כוח פון גרויסע לערער: סטאַניסלאַוו ווערבער און שלמה

ווייסמאַן. ווי שיין, פּשוט און קלאָר עס זיינען זייערע בילדער. ווער קאָן זיי נאָכמאַכן?״

און אדרבא פּרוּווט בעסער, עפעקטיווער, אינטעקטועל זויבערער און היסטאָריש וואָרער מסביר זיין, וואָס אַזוינס ס׳איז געווען דער פּוריטאַניזם בימי האוטאָרן, ד. ה. אין דער ערשטער העלפט פונעם ניינצענטן יאָרהונדערט אין די ניי ענגלישע שטאַטן פון אַמעריקע!

„וואָס איז אַזוינס די פּוריטאַנישע ירושה? — פרעגט שלמה ווייסמאַן — און ער ענטפערט: „דאָס איז אַ היפּער רעליגיעז־מאָראַלישער לעבנסוועג. עס איז אין אים פאַראַן אי חסידישע התלהבות, אי די קפּדנות און דער היפּער־ערנסט פון די מתנגדים און אי דער שטענדיקער מאָראַלישער זעלבסט־אַנאַליז פון אונדזערע מוסרניקעס״.

וואָס איז נאָך דאָ צוצוגעבן, אַז עס זאָל דעם תלמיד און דעם דער־וואַקסענעם לייענער ווערן נאָך קלאָרער? קלאָרקייט איז דער שוואונג פון גרויסע לערער. איך האָב פון דעם שוואונג נהנה געווען ווי אַ תלמיד ביי מיין לערער סטאַניסלאַוו ווערבער; אין די רייפע יאָרן האָב איך פון אים הנאה געהאַט און בין פול מיט באַוואונדערונג צו דער גרויס לערערשאַפט ביי מיין חבר און פריינט שלמה ווייסמאַן.

זכרונות און אָפּשאַצונגען

פון פּראָפעסאָר נתן רייך

פון דעם צענדליק שטעט וואו איך האָב פאַרבראַכט טיילן פון מיין לעבן, פאַרנעמט ביי מיר די שטאָט מאָנטרעאל אַ גאָר וואַרעם אָרט. מאָנטרעאל איז געווען מיין טויער צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט. איך נוץ דאָס וואָרט ניט בלויז אין דעם פיזיש געאָגראַפישן, נאָר אויך אין דעם סאָציאַל־קולטורעלן זין. ווייל מאָנטרעאל האָט מיך אַריינגעפירט אין דער רחבותדיקער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קולטור וועלט מיט איר טראָפּ אויף דער פּאָליטיש־רעליגיעז־סאָציאַלער פרייהייט, אויף דער חשיבות פונעם יחיד אינעם כלל און אויף דעם דעמאָקראַטיש פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון פאַר־שיידענע רעליגיעזע און עטנישע גרופּעס. אויף איינעם וואָס איז אין די פריע צוואַנציקער יאָרן נאָר וואָס געקומען פון דעם ניי אַנטשטאַנענעם פּוילן מיט איר דערשטיקנדיקער אַטמאָספער פון אַנטיסעמיטיזם און אונ־טערדריקונג פון די ניט פּוילישע פעלקערשאַפטן האָט די ערשטע דערפאַרונג אין קאַנאַדע געווירקט ווי אַ בלאָז פון פרישער לופט. מיינע דריי יאָר, וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין דעם מעק׳גיל אוניווערזיטעט, וואָס האָבן מיך נענטער באַקענט מיט דער ירושה פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער וועלט און מיר אויך

געגעבן מיין פּראָפעסיאָנעלע אָריענטאַציע, געהערן צו די אינטערעסאַנסטע און פּרוכטבאַרסטע אין מיין לעבן.

אָבער אויך אין מיין יידיש לעבן האָט מיך מאָנטרעאַל ארויסגעפירט אויף אַ נייעם שליאַך. אין דער סביבה פון דעם גאַליציאַנער שטעטל, וואו כ׳בין געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן, איז דאָס יידישע לעבן געגאַנגען אין דריי ריכטונגען: די גרעסטע איז געווען די אָרטאָדאָקסיש פרומע, מערסטנס חסידיש אָריענטירטע גרופּע; די צווייטע גרופּע איז געווען משכּיליש, ציוניסטיש און העברעאיסטיש, הגם אין טאָג־טעגלעכן לעבן געניגט צו פּויליש־שפּראַכלעכער אַסימילאַציע; די דריטע גרופּע, נומעריש גאָר קליין, אָבער אין רייכטום און השפּעה גאָר וואָגיק, איז געווען פּרינציפּיעל אַסימילאַטאָריש, און האָט זיך באַמיט אויסצולעבן אין דער הערשנדיקער, צוערשט דייטשער און שפּעטער פּוילישער קולטור, און האָט געלעבט אין כמעט פולשטענדיקער אָפּגעפרעמדקייט פון דעם צענטראַלן שטראָם פונעם יידישן לעבן. דער יידיש־יידישער, נאַציאָנאַל אָריענטירטער, וועלטלעכער סעקטאָר האָט כמעט ניט עקזיסטירט. די הויפּט סיבה איז וואַרשיינלעך געווען דער פאַקט, וואָס דער יידיש וועלטלעכער וועג האָט זיך אַנטוויקלט אין נאָענטער אידעאָלאָגישער קרובהשאַפט מיט די יידיש־סאָציאַליסט׳שע און אַרבעטער באַוועגונגען. אין דעם אינדוסטריעל שוואַך אַנטוויקלטן גאַליציע האָט ניט עקזיסטירט די סאָציאַלע באַזע פאַר אַ יידישער אַרבעטער באַוועגונג, און ממילא אויך ניט פאַר איר אידעאָלאָגישן אויסדרוק פון יידישער וועלט־לעכקייט. מיין קומען קיין מאָנטרעאַל האָט מיך אַזוי אַרום אויך אַריינגעפירט אין אַ נייעם קרייז פון מאָדערנעם יידישן לעבן. איך געדענק נאָך היינט מיין איבערראַשונג, ווען כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו טרעפן מיט יידישע אינ־טעלעקטואַלן און פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען אַ זאַפטיקער יידיש. אין דער סביבה, וואו איך האָב זיך אויפגעצויגן איז דער אַריינטריט אין אַ גימנאַזיע, אָפגערעדט שוין פון אַן אוניווערזיטעט, שטענדיק געווען באַגלייט מיט שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, אפילו אין די קרייזן וואָס האָבן זיך יאָ אידענטיפיצירט מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם פונעם ציוניסטישן חדר.

מיין יידיש לעבן אין מאָנטרעאַל פירט מיך דירעקט צום ענין יידישע פאָלקס שולן. ווייל פונקט אַזוי ווי מעק׳גיל האָט מיך אַריינגעפירט אין דער פאַר מיר כמעט נייער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער וועלט, האָט די פאָלקסשולע פאַר מיר געעפנט אַ מיר ווייניק באַקאַנט ניי ווינקל אין מאָדערנעם יידישן לעבן. און די יידישע פאָלקס שולע ברענגט מיך דירעקט צום ענין שלמה וויסמאַן.

מיט וויסמאַנען האָב איך זיך באַקענט באַלד דעם דריטן אָדער פערטן טאָג נאָך מיין אָנקומען קיין מאָנטרעאַל, אין דער ערשטער וואָך פון יאַנואַר 1923. די ערשטע זאַך איז געווען צו זוכן אַרבעט, וואָס זאָל מיר דערמעגלעכן צו פאַרדינען אויף מיינע הצטרכותן. וועגן דער פאָלקס שולע און איר

פראָגראַם האָב איך געהערט גלייך ווי איך בין אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל; און דאָ האָב איך זיך צופעליק דערוואוסט, אַז די שולע זוכט אַ לערער, און דאָס וואָלט געווען אַ פּאַסיקע אַרבעט פאַר מיר.

איך האָב געהאַט אַ שפּאַר ביסל יידיש וויסן, אָבער איך האָב ניט געהאַט דאַרויף קיין אַטעסטאַט. קיין פּראָפעסיאָנעלער לערער בין איך אויך קיינמאָל ניט געווען. איך האָב געהאַט אַן אַטעסטאַט פון גימנאַזיע און אויך דאָקומענטן פון מיינע אוניווערזיטעט שטודיען, אָבער קיין ספּעציעלע פּעדאַגאָגישע אויסבילדונג האָב איך ניט געהאַט. מיין איינציקע דערפאַרונג קרוב צו לערעריי איז געווען דאָס געבן פּריוואַטע לעקציעס; איך האָב אויך געגעבן קורסן אין ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס.

פריינט האָבן מיך געעצהט גיין זען דעם פּרינציפּאַל, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען שלמה וויסמאַן. זיי האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז וויסמאַן איז אַ געניטער דערציער. האָב איך געהאַפט, אַז אויב ער וועט מיך נאָר וועלן אויסהערן, וועט ער דערקענען אין מיר אַן איינגעבוירענעם חוש פאַר לערעריי, כאָטש איך האָב ניט קיין אָפיציעלע סמיכה אויף דעם, און וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט עס צו באַווייזן.

און כך הוה. איך געדענק נאָך זייער גוט דעם ערשטן אינטערוויו. צוערשט איז וויסמאַן געווען אַ ביסל סקעפּטיש, צוריקגעהאַלטן. שפּעטער ווען מיר זיינען שוין געוואָרען באַפריינדט, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ווען איך האָב אַרויסגעשטאַמעלט דעם צוועק פון מיין באַזוך, איז ער געווען מער ווי סקעפּטיש. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שטיקל חוצפה פון מיין זייט אפילו צו פּרעטענדירן אויף אַ לערער שטעלע אָן אַ שמץ פון פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג. אָבער ביסלעכווייז, ווען אונדזער שמועס האָט זיך אַנטוויקלט, האָט ער געביטן די מיינונג. ער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד. כ׳האָב אים געוויזן אויסשניטן פון אַ סעריע אַרטיקלען וואָס כ׳האָב נאָך פון פּוילן געשיקט אין „קענעדער אַדלער״, וואו זיי זיינען געדרוקט געוואָרן. ער האָט מיר געגעבן אַן אומפאָרמעלן עקזאַמען אין יידישע לימודים און אפילו מיך אָוועקגעזעצט און געהייסן שרייבן אויפן אָרט אַ קאָמפּאָזיציע אין יידיש וועגן מיינע ערשטע איינדרוקן אין קאַנאַדע. ווייזט אויס, אַז דער פּועל יוצא פון דעם מינדלעכן און שריפטלעכן עקזאַמען איז ניט געווען קיין נעגאַטיווער, ווייל וויסמאַן האָט מיר געהייסן אַריינקומען מאָנטיק און לערנען מיט צוויי קלאַסן אויף אַ וואָך פּראָבע. אויב איך וועל די פּראָבע אויסהאַלטן, בלייב איך אַ לערער אין די פאָלקס שולע.

און דאָ האָב איך געדאַרפט בייקומען נאָך אַ שוועריקייט. מיין גאַליציאַנער יידיש איז ניט געווען גוט פאַר דער פאָלקס שולע, — איך האָב געדאַרפט אַריבערגיין אויף ליטוויש יידיש, אויב ניט, האָט מיר וויסמאַן געזאָגט, וועלן מיך די קינדער אויסלאַכן, און דאָס קאָן צעשטערן דעם גאַנצן שידוך.

אָבער וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב לערעריי? געדענק איך נאָך זייער גוט, ווי אַזוי כ׳האָב געשפּרייזט איבער די פּאַרשנייטע גאַסן פון מאָנטרעאַל און געחזרט: ביינער (מיט אַ פּתח) — בעינער, מיידל — מעידל, פליש — פלעיש. מאָנטיק אין קלאַס האָב איך אַרויסגערעדט מיינע זאַצן אַזוי פּאַמעלעך, ממש געציילט מיינע ווערטער, אָבסערווירט די פּנימלעך פון די קינדער, געהיט דעם אַקצענט אין דער אויסשפּראַך, טאָמער, חלילה, וועט מען דערקענען מיין גאַליציאַנער אָפּשטאַם. און אַ גאַנצע וואָך האָב איך ניט געוואוסט, צי כ׳האַלט אויס דעם עקזאַמען. און ווען ווייסמאַן האָט מיר סוף וואָך אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז כ׳האָב די פּראָבע אויסגעהאַלטן און מיך פאָרמעל אָנגעשטעלט, האָב איך אים אפילו געפרעגט, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם באַשלוס, — ער האָט מיך ניט באַזוכט אפילו איינמאָל אין קלאַס. האָט ער מיר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געענטפערט: ס׳איז ניט געווען נייטיק — די ווענטלעך אין אונדזער שול בנין זיינען גענוג דין. פאַר דעם בין איך אים אויך געווען דאַנקבאַר, ווייל אין מיין נערוועזן צושטאַנד פון באַוויזן אין קלאַס צימער, אַז כ׳בין אַ גוטער לערער און אויך אַ גוטער ליטוואַק, וואָלט איך אפשר אַ פּערזענלעכן באַזוך פון אַ פּרינציפּאַל ניט געוועזן אויסגעהאַלטן.

און אַזוי האָב איך געשטעלט מיינע ערשטע לערערישע טריט, — אַן אָנהויב פון אַ לעבנס לאַנגען וועג; און הגם מיין פּראָפעסיאָנעלע אָריענטאַציע האָט מיך דערוויטערט פון די יידישע פאָלקס שולן, אָבער ביי לערעריי בין איך פאַרבליבן און וועל האָפנטלעך פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל נאָר קאָנען שטיין אויף מיינע פיס און האַלטן אַ שטיקל קרייט אין מיינע הענט. און דאָס איז איינע פון די סיבות, פאַרוואָס די ערשטע יאָרן פון מיין טעטיקייט ווי אַ לערער אין דער פאָלקס שולע זיינען פאַרבליבן אומפאַרגעסלעך.

מיין באַציאונג צו דער פאָלקס שולע און צו ווייסמאַנען איז אָבער מער ווי אַ באַציאונג פון פּערזענלעכער דאַנקבאַרקייט פאַר דער געלעגנהייט צו געפינען מיין וועג צו לערעריי. הגם מיין פּראָפעסיאָנעלע פאַרבינדונג מיט די פאָלקס שולן האָט געדויערט בלויז אַ יאָר פיר און מיין פּראָפעסיאָנעל לעבן האָט מיך אָוועקגעפירט ווייט פון דעם קרייז פון די יידישע פאָלקס שולן, האָט אָבער דער אידעאָלאָגישער און פּראָגראַמאַטישער צוגאַנג פון דער פאָלקס שולע שטאַרק משפיע געווען אויף מיין איינשטעלונג צום מאָדערנעם יידישן לעבן דאָ אין אַמעריקע. איך בין בטבע ניט להוט זיך צו אידענטיפיצירן פולשטענדיק מיט אַ ספּעציפישער אידעאָלאָגיע, סיי אין אַלגמיינעם, סיי אין יידישן לעבן. איך וויל אָבער זאָגן, אַז די קולטור גייסטיקע אָריענטאַציע, וואָס באַווירקט דעם פּראָגראַמאַטישן צוגאַנג פון די יידישע פאָלקס שולן, איז מיר נענטער צום האַרצן ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען אין יידישן לעבן. איך שרייב די ווערטער ניט סתם ווי אַ לויבגעזאַנג, וואָס מען דערוואַרט געוויינלעך אין אַן אַרטיקל געשריבן לכבוד

איינעם פון די הויפּט אָנפירער פון די פאָלקס שולן, נאָר ווייל כ'בין איבערצייגט, אַז דער פּראָגראַם פון דער פאָלקס שול שטעלט מיט זיך פאַר אַ סינטעז פון אַלגעמיינעם און יידישן וויסן, וואָס יעדער אינטעליגענטער און יידיש באַוואוסטזיניקער ייד דאַרף באַזיצן, כדי ער זאָל קענען עפעקטיוו געניסן און זיך באַטייליקן אין דער צוויי קולטור וועלט אין וועלכער דאָס רוב יידן אין חוץ לארץ לעבן און וועלן בלייבן לעבן אין די צוקונפטיקע יאָרן.

ס'איז קלאָר, אַז יידיש לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אין אַנדערע מקומות, וואו יידן לעבן אין קאָמפּאַקטע צאָלן, וועט בלייבן. מען קען זאָגן, אַז מיר לעבן היינט דורך אַ פּעריאָד פון אַ נייער עמאַנציפּאַציע. אין דער ערשטער עמאַנציפּאַציע זיינען יידן באַרוישט געוואָרן פון דעם חלום אָדער מיראַזש, אַז ווי נאָר די פיזישע און געזעצלעכע מויערן פון די געטאָס וועלן פאַלן, וועלן יידן זיך מאַסנווייז אַריינגיסן אין דעם שטראָם פון נאַציאָנאַל אַנאָנימער אוניווערסאַלער מענטשהייט. אין אַמעריקע איז דער „שמעלץ טאָפּ" געווען דער אידעאַל. אין דער מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט האָט מען אין דעם סוף־ציל פון סאָציאַליזם געזען די באַפרייאונג און ענדגילטיקע אויפלייזונג פון דעם יידישן פאָלק אין דער נייער פּראָלעטאַרישער מענטשהייט. די דערפאַרונג פון די לעצטע 150 יאָר האָט ניט באַשטעטיקט די דאָזיקע פּראָגנאָזן. ניט אין דער פרייער ליבעראַל דעמאָקראַטישער אַמעריקע און אויך ניט אין טאָטאַליטאַר־קאָמוניסטישן סאָוויעטן פאַרבאַנד זיינען יידן פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון די צוויי געזעלשאַפטן. דער יידישער ישוב אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האַלט זיך אין פאַנאַנדערוואַקסן. דער ישוב ווערט קאָנסאָלידירט, אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרפעסטיקט און אויך קולטורעל מער רייך. און אויב די ידיעות וואָס קומען אָן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד זיינען פאַרלאָזלעך, טליעט אויך דאָרט אַ טיף געפיל פון יידישן באַוואוסטזיין און יידישער צוזאַמענ־געהעריקייט, כאָטש זיי ווערן אויסגעדריקט בסתר אויף דעם אַמאָליקן אנוסים שטייגער. אויב עמאַנציפּאַציע מיינט באַפרייאונג, קען מען זאָגן, אַז די היינטיקע עמאַנציפּאַציע האָט אונדז באַפרייט פון דער ראַציאָנאַליסטיש אויסגעקליגלטער אילוזיע, אַז מען קען אַזוי לייכט אויסוואָרצלען אַ היסטאָרישע גייסטיקע ירושה פון טויזנטער יאָרן, און אַז מיטן בייטן אַ געאָגראַפישן שטח, אַ מלבוש, אפילו אַ שפּראַך, קען מען אויסמעקן און פאַרלייקענען טיפע היסטאָריש־נאַציאָנאַלע כוחות, וואָס האָבן משפּיע געווען אין באַגלייט די יידן אין פאַרלויף פון זייער לאַנגן וועג פון יידישער געשיכטע.

און דוקא די דערפאַרונג פון די יידן אין דער פּלוראַליסטיש פרייער אַמעריקע האָט דעמאָנסטרירט דעם כוח פון געפיל פון יידישער צוזאַמענ־געהעריקייט. אין דעם ויכוח וועגן דעם קיום פון יידישן פאָלק, האָט מען

אָפּט געהערט שטימען, אַז נאָר דער דרויסנדיקער דרוק פון שנאה צו יידן האָט די יידן צוזאַמענגעהאַלטן ווי אַ קאָלעקטיוו; זאָל נאָר דער דרוק פאַרשווינדן, און די יידישע עדה וועט זיך אויפליזן. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דער אינערלעכער כוח פון דער יידישער אמונה, פון דער דיסציפּלינירטער שולחן־ערוך יידישקייט, האָט די יידן צוזאַמענגעהאַלטן, און זאָל נאָר די רעליגיעזע דיסציפּלין פאַרשווינדן, וועלן יידן זיך צונויפמישן מיט אַנדערע פעלקער. דאָס קאַפּיטל פון מאָדערנער יידישער געשיכטע אין מערב אייראָפּע, איבערהויפּט אין אַמעריקע, שטעלט אין ספק ביידע טעאָריעס. דער דרויסנ־דיקער דרוק אויף יידן אין אַמעריקע איז אַ מינימאַלער און דער אינערלעכער כוח פון רעליגיעזער דיסציפּלין איז אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט, און ביי אַ גרויסן טייל פון אַמעריקאַנער יידן כמעט ווי אינגאַנצן ניטאָ. פונדעסטוועגן לעבן יידן צוזאַמען, שאַפן יידישע אָרגאַניזאַציעס, פאַרברענגען געזעלשאַפטלעך און אויך קולטורעל כמעט אויסשליסלעך מיט אַנדערע יידן. ווייזט אויס, אַז אַ חוץ דעם דרויסנדיקן דרוק פון שינאה און דעם אינערלעכן כוח פון אמונה, איז דאָ נאָך אַ רעזידואום פון געפיל פון קרובהשאַפט, וואָס פירט יידן צוזאַמען און שאַפט דעם יסוד פון קאָלעקטיוו לעבן. מערקווירדיק, אפילו יידן וואָס זיינען שוין גאָר אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון יעדער פאָרם פון יידישקייט און פאַרברענגען זייער צייט ווי גוים, טוען זיי עס אויך צווישן אַנדערע יידן. ס׳קלינגט אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל: אפילו צו זיין אַ „גוי" איז היימישער צווישן יידן.

אויב דער אויספיר איז ריכטיק, און די יידן וועלן בלייבן אַ קאָלעקטיוו אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ליגט אויף אונדז דער חוב צו מאַכן דאָס יידישע לעבן בכבודיק, רייך אין ייִדיש־קולטורעלן אינהאַלט, — יידן זאָלן קענען זייער רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ביאָגראַפיע, זאָלן האָבן אַ געהעריקע אָפּשאַצונג וועגן די מאָראַלישע און קולטורעלע ווערטן, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין זייער לאַנגער היסטאָרישער דערפאַרונג, זאָלן פאַרשטיין די געמיינשאַפטלעכע אידעאַלן וואָס האָבן באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אויף זיין היסטאָרישן וועג, זאָלן געהעריק אָפּשאַצן דעם בייטראַג פון דער יידישער דערפאַרונג פאַרן כלל מענטשהייט, זאָלן אָנהאַלטן אַ גייסטיקע פאַרבינדונג מיט דער נייעם יידישן לעבן אין ישראל, און בכלל טראָגן זייער יידישקייט נישט ווי אַן עול אָדער, חלילה, ווי אַ שטראָף, מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען, נאָר מיט שטאָלץ און ווירדע.

און דאָ ליגט דער באַדייט פון די יידישע פאָלקס שולן. דער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז נאָך יונג. דער געזעלשאַפטלעך קולטורעלער פּרצוף פונעם יידישן ישוב איז נאָך ניט קריסטאַליזירט. דער „נוסח אַמעריקע" האַלט זיך נאָך אין שאַפן.פונקט אַזוי ווי די ערשטע פאָר הונדערט יאָר זיינען די כוחות פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין דעם פיזישן און מאַטעריעלן באַהערשן דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און

גייסטיק־קולטורעל האָט מען דערווייל געלעבט אויף דער ענגלישער ירושה, אַזוי זייַנען אויך די ערשטע דורות פון יידישע אימיגראַנטן געווען אינגאַנצן פאַרשלונגען אינעם קאַמף פאַר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, און גייסטיק האָט מען געלעבט פון דער אימיגראַנטישער ירושה. היינט איז דער יידישער ישוב אין אַמעריקע עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט. עס עקזיסטירט אויך אַן אימפּאָזאַנטע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון יידישע רעליגיעזע, סאָציאַלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. די צייט איז היינט רייף פאַר אַ קולטור־רעלער פאַרטיפונג פונעם יידישן לעבן. דער אימיגראַנטן שטראָם איז היינט מער ניטאָ. דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב געפינט זיך היינט אין דעם צושטאַנד פון גייסטיק־קולטורעלער קאָנסאָלידאַציע. ס׳איז כדאי דאָ צו דערמאָנען נאָר איין לעצטע אַנטוויקלונג. צום ערשטן מאָל האָט דער „סענטראַל קאָונסיל אָוו דזשואיש וועלפייר פאָנדס״, די צענטראַלע פילאַנ־טראָפּישע אינסטאַנץ, וואָס האָט די הויפּט אויפזיכט איבער כמעט אַלע געלט זאַמלונגען אויף סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע צוועקן, אָפּגעגעבן איר יערלעכן צוזאַמענפאָר אויף צו דיסקוטירן דעם פינאַנציעלן מצב פון יידישער קולטור און פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיט דעם רעזולטאַט, אַז ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פונדאַציע פאַר יידישער קולטור, וועמעס אויפגאַבע וועט זיין — אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם — צו פאַרקירעווען דעם אינטערעס פון יידישער פירערשאַפט פון ריין פילאַנטראָפּישער אויך אויף קולטורעלער אַרבעט.

ווי געזאָגט קאָן קיינער ניט פאָראויסזאָגן געניו די קולטורעל־גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פונעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. וויכטיק איז, אַז עס מערקן זיך כוחות דוקא אין די קרייזן פונעם צווייטן און דריטן דור, וואָס ווייזן אָן אויף אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס און אויף אַן אומקער צו אַ יידיש לעבן. עס הויבן זיך אָן שאַפן פאָרמען פון אויסלעבן זיך ווי יידן אין אַ געזעלשאַפט־לעך קולטורעל יידיש לעבן. דער באַדייט פון דער דערציאונגס אַרבעט פון די יידישע פאָלקס שולן ליגט אין דעם, וואָס זי העלפט געפינען און שאַפן אַזעלכע פאָרמען. דער באַדייט פון יידישע פאָלקס שולן באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם פריינטלעכן גערנאַנגל פון די פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס העלפן פאָרמירן דאָס גייסטיקע פנים פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, טראָגן די פאָלקס שולן צו זייער חלק צו דעם בנין — אַמעריקאַנער יידיש לעבן.

דער באַדייט פון די יידישע פאָלקס שולן איז אויך אַ מאָס פון דעם בייטראָג פון שלמה וויסמאַן, ווי איינער וואָס שטייט אין דער אָנפירערשאַפט פון די פאָלקס שולן כמעט פון איר אָנהויב ביזן היינטיקן טאָג. ווען איך טראַכט וועגן שלמה וויסמאַן איז עס ניט נאָר ווי פון אַ לעבנסלאַנגן פריינט, נאָר אויך מיט אַ געפיל פון באַוואונדערונג פאַר אַ מענטשן, וואָס שטייט עקשנותדיק ביי דער וויכטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעט, און האָט זיך ניט

געלאָזט פאַרבלענדן פונעם יצר הרע פון דער דרויסנדיקער ניט יידישער וועלט, וואו די עקאָנאָמישע געלעגנהייטן זיינען בעסער און רייצנדיקער, וואו דאָס טעטיקייט געביט איז ברייטער. — אַ מענטש וואָס האָט זיך אפילו ניט געלאָזט פאַרפירן פון דעם רייץ פון ניו־יאָרק מיט איר מעטראָפּאָלישן פאַרנעם, מיט דעם קאָכיקן יידישן לעבן, נאָר איז געשטאַנען טאָג איין — טאָג אויס, יאָר איין — יאָר אויס, אין צייטן פון האָפנונג און אויפטו און אין צייטן פון אָפּהענטיקייט, מיט די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאַל, און מיט איבערגעגעבנקייט און עקשנותדיקן ווילן דערפירט די פאָלקס שולן פון איר אָרעמען, קליינעם, פּיאָנערישן אָנהויב צו איר היינטיקן פאַרנעם, ווען זיי זיינען דער שטאָלץ און דער מוסטער אינעם מאָנטרעאָלער יידישן שול וועזן.

דערציאונג און די פּערזענלעכקייט פונעם קינד

(במקום אַ באַגריסונג)

פון דר׳ מרדכי עציוני

ארבעים שנה אקוט בדור — — —
— — — בחנוני, גם ראו פעלי (תהלים צה:י,ט).
(פערציק יאָר האָב איך זיך געאַמפּערט מיטן דור — — —
— — — זיי האָבן מיך געפּרואווט און דערזען מיין אויפטו).

אייגנטלעך איז די געמיינטע טעמע פון דער דאָזיקער באַגריסונג מער ספּעציפיש: יידישע דערציאונג און די פּערזענלעכקייט פונעם יידישן קינד. אָבער עס דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן בר־דעת, אַז וועלכע ס׳ניט איז לאַנגע חקירות און ראיות, אַז וואָס שייך די סאַמע יסודות פון דער דערציאונג איז נישטאָ קיין „יידיש פּראָבלעם״, אויסער און טראָץ דער אייגנאַרטיקייט און ספּעציפישקייט פון יידיש לעבן און פון דעם יידישן קינד.

עס איז היינט צו טאָג כמעט ווי אַקסיאָמאַטיש אָנגענומען אין דער גייסטי־קער היגיענע, אַז יעדער מענטש איז אַ טאָטאַלע פּערזענלעכקייט. נישט נאָר דאַרף זיין אַ באַלאַנסירונג און אַ האַרמאָניע צווישן זיין אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן באַשטאַנד,נאָר עס מוז אויך הערשן די זעלבע גאַנצקייט צווישן דעם יחיד און זיין סביבה, סיי עמאָציאָנעל, סיי סאָציאַל און סיי קולטורעל. אָבער גאַנצקייט און האַרמאָניע דאַרף בשום אופן נישט פאַרשטאַנען ווערן אַלס איינאַרטיקייט און איינפאַרביקייט. אויף ווי ווייט דאָס איז אמת, דאַרף דערמאָנט ווערן אויך דער פאַקט,אַז דערזעלבער פּרינציפּ איז עיקרדיק אין דער מאָדערנער מעדיצין אין אַלגעמיין: נישט נאָר דערגאַנצט דער גייסטיקער אַספּעקט דאָס קערפּערלעכע אינעם מענטשן, נאָר די פּסיכאָ־סאָמאַטישע אָריענטאַציע באַשטייט אויף דעם, אַזביידע אַספּעקטן זיינען

ניט מער ווי צוויי זייטן פון איין און דערזעלבער מטבע. ליתר תוקף דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אויך דאָס היילן פונעם פּאַציענט האָט אָנגענומען די דאָזיקע ווענדונג אויף אַזוי ווייט, אַז קאַרל יאַספּער רעדט וועגן ביאָ־גראַפישע קראַנקייט אין קעגנזאַץ צו ביאָ־לאָגישע, זייענדיק אויסן צו לייגן דעם טראָפּ אויף דער „עפּאָפּייע” אָדער דעם „ספּור המעשה” פונעם מענטשלעכן לעבן, אָדער דער „ביאָגראַפישער” זייט פון דער מעדיצין. די דאָזיקע „ביאָגראַפיע” פונעם יחיד איז ניט מער ווי דער פּועל־יוצא (דער פּעולת גומלין) פון זיין אינטעראַקציע מיט זיין סביבה, היים, שולע, גאַס, א.ד.ג.. איז דאָ אַ האַרמאָניע צווישן די צוויי, — זיינען בײדע „נאָרמאַל”, געזונט, פּראָדוקטיוו, גאַנץ. דאַגעגן אָבער, איז דאָ אַ ויתרוצצו צווישן זיי, זיינען זיי ניט שווה בשווה, — שאַפט זיך אַ לאַגע פון שוועריקייטן, שטרויכלונגען און קאָנפליקטן, וועלכע פירן צו פאַרשיידנגראַדיקע אומגעזונטע גייסטיקע און פיזישע פּראָבלעמען, און אפילו קראַנקייטן.

דאָס יידישע קינד, זיין היים און זיין שולע, מיט אַלע זייערע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן און פּראָבלעמען, זיינען אין תוך גענומען ניט אַנדערש פון דעם ניט־יידישן צד. ווען די באַגרינדער פון דער פאָלקשול פּעדאַגאָגיק האָבן באַשלאָסן צו „מאַכן שבת פאַר זיך” האָבן זיי געהאַט מער וויניקער דעמדאָזיקן געדאַנקגאַנג. זיי האָבן זיך פאַרנומען ניט צו פּסלען אָדער צו כשרן די אָדער יענע אַספּעקטן פונעם יידישן און אַרומיקן לעבן, נאָר אַרויסצוהייבן און אַרויסצושיילן דאָס פּאָזיטיווע, דאָס קערנדיקע און אוניווערסאַלע, דאָס געזונטע און אייביקע, און איבערגעבן דאָס דעם שולקינד. דער נעכטן, דער היינט און דער מאָרגן פון „דאָ” און פון „דאָרט” איז איין גאַנצקייט. און דערפאַר, האָבן זיי געזאָגט, מוז אונזער פּראָגראַם געבויט זיין ניט אויפן נעגאַטיוון נאָר אויפן פּאָזיטיוון: רעליגיעזע וועלטלעכקייט און וועלטלעכע רעליגיאָזיטעט. אַלטע, אָבער ניט פאַרעלטערטע, מנהגים און לעבנסאַרטן, און נייע אויפגעקומענע און אויפקומענדיקע ווערטן; דער „דאָ” אין גלות (תפוצות) מיט אַלע זיינע דערשיינונגען און פּראָבלעמען, און באַגלייך דער „דאָרט” אין ארץ ישראל (היינט — מדינת ישראל) פון נעכטן, פון היינט און פון מאָרגן. שפּראַכלעך האָבן מיר אַ צווילינג, און בײדע זיינען זיי אונזערע — עברית און יידיש זיינען די שפּראַכן פון דער אידישער פאָלקשול. די מעטאָדיק? — אַלץ וואָס איז פּעדאַגאָגיש פּראָגרעסיוו אין דעם אַלגעמיינעם שולוועזן, אויב עס איז נאָר געזונט און צוגעפּאַסט פאַר אונזער קינד איז אַ חיוב פאַר אונזער פּעדאַגאָגישער אָנווענדונג. און דער עיקר: עס טאָר ניט זיין אַ ווידערשפּרוך — כאָטש אַן אונטערשייד יאָ! — צווישן דער היים, דער גאַס און דער שול. דאָס קינד דאַרף ביים לערנען זיינע יידישע לימודים, ביים אויסלעבן זיך אין זיין יידישער אַטמאָספערע פון שבת, יום טוב, מנהגים, געשיכטע לערנען, בייעסן, שמועסן, שפּילן, אַריינזאַפּן אין זיך אַ גייסט פון ענטוזיאַזם און פאַרשטענדניש און ניט אויף אַן אופן

פון בעל־כרחו; חשיבות און זעלבסטווירדע, און ניט סנאָביזם און אפּלאָגעטיק; אַ ברייטן האָריזאָנט פון סאָציאַלער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער גרויסוועלטיקייט, און ניט פון ענגער אָפּגעזונדערטקייט אָדער נחות־דרגאדיקייט. יידישקייט מיינט ניט צופעליקע אַנדערשקייט נאָר דווקא אַל־מענטשליכקייט; ניט בלויז עם־לבדד־ישכונדיקייט און אויך ניט ככל־הגויימדיקייט, נאָר דווקא נס־לגויימדיקייט. אָט דאָס איז געווען דער כוח־הדוחף וכוח־הפועל, אויף ווי ווייט איך געדענק פון מיינע לערערישע יאָרן אין די פאָלק שולן, פון די גרינדער און פון די לערער. דאָס איז אויך געווען דער זין פון די שמועסן וואָס מיר לערער פלעגן פירן מיט די קינדער אין די קלאַסן און אין די קלובן פון די שולן, ביים לערנען תנ״ך, געשיכטע, ליטעראַטור, און ביי דיסקוסיעס איבער „וועלט־נייעס״ און אויף דער טעמאַטיק פונעם נעכטן און פונעם היינט, פונעם יידישן און פונעם אַלגע־מיינעם לעבן.

אין דעמדאָזיקן געדאַנקענגאַנג און אין דעם דורכפירן פון מחשבה לפּעולה אין דער טאָגטעגליכער אַרבעט פון אונדז לערער, איז שלמה ווייסמאַן, דער פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן פאַר די לעצטע פערציק יאָר, געווען ניט נאָר דער איבערגעגעבענער פאָדערער און מדריך, נאָר ער איז אויך געווען דער געבער, — מיט זיין התלהבות און אמונה שלמה אין דער מיסיע פונעם יידישן לערער, און ער האָט אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט סיי די לערער און תלמידים, סיי די שול־טוער, צו מעשים און אויפטו. ער איז ניט נאָר געווען, און ב״ה געבליבן אויך עד היום, דער פּרינציפּאַל, נאָר אויך אַ לערער בפּועל ממש, אַ חוטב עצים. צו זיין שבח זאָל אויך צוגעגעבן ווערן, אַז זייער ווייניק לערער זענען מיר באַקאַנט דאָ אין שטאָט, וואָס זאָלן זיך פילן אַזוי מאָראַליש פאַרפליכטעט זיך צו באַטייליקן פּערזענלעך אין אַזוי פיל פארשיידענע וויכטיקע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן ווי שלמה ווייסמאַן. ער איז פון יענער קליינער צאָל לערער וואָס ווייסן קיינמאָל ניט געטנוג, וואָס גייען אומדערמידלעך „צום פאָלק״ און מיטן פאָלק. קלאַס־צימער אָדער ניט קלאַס־צימער, דער לערער בלייבט אין אים, ערב ובקר, ובכל יום תמיד. עס איז דאַריבער ניט קיין צופאַל, וואָס דער מחבר פון דער וואָגיקער שול־כרעסטאָמאַטיע און פון אַ גרויסער צאָל פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען איז אויך דער פיינער עסייאיסט און איבערזעצער אויף העברייאיש פון קלאַסיקער פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור.

גלוסט זיך מיר טאַקע פונעם גאַנצן האַרצן צו ווינטשן דעם בעל היובל, שלמה ווייסמאַן, נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן פון זיין פּראָדוקטיווער און שעפערישער פּעדאַגאָגישער אַרבעט.

כה לחי!

שלמה ווייסמאַן דער מענטש פון מעשים

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

פון

פאַליק זאַלף

יאָרן לאַנג איז דער יידישער לערער אין דער וויטער מערב קאַנאַדע געווען איינגאַנצן אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פונעם יידישן לערער אין מזרח, הגם אידעאיש האָבן זיי ביידע געהאַט באַדינט די זעלבע נאַציאָנאַלע גייסטיקע אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען דאָס מזל פונעם חבר שלמה ווייסמאַן. ווען מען האָט אים גראָד אָפּט געדעדט און זיך מתוכח געווען, ווי ס'וואָלט צווישן אים און דעם לערער אין מערב קאַנאַדע זיך געהאַט געשאַפן עפּעס אַ מין גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט, כאָטש קיין פּערזענלעכער קאָנטאַקט איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט.

אָבער דאָס איז נישט געווען אין זיין „אייגענעם" זכות, נאָר גיכער אין זכות פון זיין טרילאָגיע, פון זיינע דריי גוט־צוזאַמענגעשטעלטע טעקסט־ביכער „דאָס וואָרט", וואָס מיר, לערער, האָבן געהאַט באַטראַכט פאַר אַ גאָר וויכטיקן אויפטו. בפרט נאָך ווען דער מחבר האָט געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן צום סוף פון יעדן טעקסטבוך זיינע אַ צאָל „פאַרשלאָגן פאַר שריפטלעכע אַרבעטן". מיט דעם האָט דער יונגער מחבר, שלמה ווייסמאַן, געוואָלט ווייזן דעם יונגן לערער, ווי אַזוי מען קאָן פון יעדער דערציילונג און פון יעדן גרעסערן ליד אַרויסקריגן ממש אוצרות פון געדאַנקען און דערגרייכן אַזש צום „פּרדס", וואָס איז כידוע כולל אין זיך די ראשי תבות: פּשט, רמז, דרש, סוד . . .

אַזוי אַרום האָט שלמה ווייסמאַן שוין נישט נאָר געהאַט געטראָגן די „תגא" פון אַ מנהל, אַ פּרינציפּאַל פון דער באַרימטער מאָנטרעאָלער פאָלק שול, נאָר ער איז שוין אויך געהאַט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ לערער, פאַר אַ רבין און פאַר אַ וועגווייזער פאַר די לערער אין די וויטע מערב קאַנאַדער פּריירים, אויב נישט נאָך ווייטער . . .

אין אַלגעמיין אָבער האָט זייער זעלטן געטראָפן, אַז אַ לערער פון „מערב" זאָל זיך ווען באַגעגענען מיט אַ לערער פון „מזרח", ווי זיי וואָלטן געאַרבעט נישט אינעם זעלבן שטח פון „יידישלאַנד", נאָר אויף גאָר באַזונדערע, פאַרוואָרפענע אינדזלען, הגם גורל אחד להם . . .

אַוואָדע האָבן מיר געוואוסט, אַז פּונקט ווי אונדז קומט אויס צו ראַנגלען זיך מיט שווערע פּראָבלעמען, אַזוי אויך נישט ווייניקער, ראַנגלען זיי זיך דאָרט מיט די זעלבע פּראָבלעמען. אָבער מאידך גיסא, האָבן מיר זיי מקנא געווען, וואָס זיי געפינען זיך אין אַזאַ גרויסער עיר ואם בישראל

— מאָנטרעאָל. דאָרט לעבן אוןווירקן גדולי ישראל, שרייבער, דיכטער, אָנגעזעענע לערער און פּעדאַגאָגן, אַזוי אַז אין שווערע מאָמענטן פון ספקות און געראַנגלען, קאָן דער יוגנטלעכער לערער זיך אָנכאַפּן פאַרן רבינס גאַרטל...

אַט דער דאָזיקער צושטאַנד פון איזאָלירטקייט, האָט זיך געהאַט געצויגן ביזן לערערשן „בין הזמנים” פונם יאָר 1946. דאָס איז דאָס היסטאָרישע יאָר ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער יידישער לערער סעמינאַר אין קאַנאַדע.

* * *

אַ קליין הייפעלע פירנדע לערער און קולטור טוער זיינען צוגעטראָטן בדעה אחת צו פאַרווירקלעכן דעם שוין פון לאַנג געגאַרטן חלום פון גרינדן אַן אייגענעם לערער סעמינאַר. ווייל ס'איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז מער וועלן מיר שוין נישט קאָנען אַריבערברענגען לערער פון פוילן און ליטע, ווארום זיי זיינען דאָך די ערשטע געווען פאַרטיליקט צו ווערן צווישן די זעקס מיליאָן פון אונדזערע קדושים.

די גאַנצע צוגרייטונגס אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אַזוי שטיל, אַזוי באַשיידן, אָן וועלכן ס'איז שמץ פון פּובליסיטי, ווי די טוער וואָלטן חלילה מורא געהאַט פאַר אַ גוט־אויג... אַפילו דער דאָזיקער קליי‌נינקער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אויסער די גרעניצן פון דער שטאָט מאָנטרעאָל, נאָר אין דעם שכנישן „אונדזער קעמפּ”, ערגעץ אין די לאָרענטשאַן בערג.

עס דערמאָנט זיך אונדז איצט, אַז ווען דאָס הייפעלע דעלעגאַטן האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין דעם קלייניקן ענגן שטיבל, וואָס די פאַרוואַלטונג פון קעמפּ האָט געשטעלט צו אונדזער רשות, און מיר האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט אַרום דעם טיש, האָט אונדז געהאַט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק: מיר האָבן ערשט דערזען, ווי נעבעכדיק קליין מיר זיינען און ווי ווייניק מיר זיינען... און כדי צו פאַרטרייבן פון זיך אַט די פּלוצלונגדיק באַפאַלענע שרעק, האָבן מיר אָנגעהויבן נעענטער זיך צורוקן, זיך צו טוליען איינער צום אַנדערן, ווי מיר וואָלטן איינער ביים אַנדערן געזוכט חיזוק אמונה... און ביי איטלעכן אין מוח האָט גענומען עקבערן די פראַגע: — ווער וויס, צי זיינען מיר ראוי צו אַזאַ גרויסן פאַרמעסט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ גרויסער אחריות? צי וועט מען אונדז נישט באַטראַכטן פאַר יענע באַרימטע עשרה בטלנים?

דאָ האָט זיך באַלד געגעבן אַ שטעל אויף אין זיין גאַנצער הויך אונדזער חשובער יובילאַר שלמה וויסמאַן, און גענומען האַלטן פאַר אונדז זייער אַ שטאַרקע אינספּירירנדיקע רעדע, ווי ער וואָלט דערשפּירט, דורך דער געפּרעסטער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אינם ענגן שטיבל, די ספקות, וואָס האָבן נאָך געהאַט געגנאַגט ביי נישט איינעם פון די דאָזיקע דעלעגאַטן. ער האָט גערעדט מיט טעמפּעראַמענט, מיט היץ, און געטענהט, אַז מער

ווארטן קאָן מען שוין נישט! און דערביי האָט ער אונדז געהאַט פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט נישט דויערן לאַנג ווי דער דאָזיקער לערער סעמינאַר וועט ווערן דער קנין פונם גאַנצן קאַנאַדער יידישן ישוב.

און טאַקע אַ דאַנק זיין היבשן כוח הדיבור, האָט ער אונדז אַלעמען געהאַט אָנגעצונדן מיט זיין פלאַמיקן גלויבן. און מיט אַ באַרואיקט געמיט, האָבן מיר זיך אַלע באַלד גענומען פאַר דער אַרבעט פון לייגן דעם אבן פינה פאַר דעם ערשטן יידישן לערער סעמינאַר.

דערביי, דאַרף מען צוגעבן, האָט חבר ווייסמאַן געהאַט מזל. אין זיין שטאַרקן אייפער אויפצובויען דעמדאָזיקן קולטור בנין האָט אים שטאַרק געהאָלפן און צוגעטראָגן גאָר נישט קיין קליינעם חלק אַרבעט דער אָנגעזעענער לערער און שרייבער יעקב זיפּער, דער פּרינציפּאַל און פירער פון די מאָנטרעאָלער יידישע פּרץ שולן. קודם כל האָט ער געהאָלפן גרינדן דעם דאַמאָלסטיקן שולן־פאַרבאַנד, וואָס האָט געהאַט דערמעגלעכט, אַז דער לערער סעמינאַר זאָל קומען צום לעבן. ער, ווי דער סעקרעטאַר פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, האָט געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן אונדז מיט בריוו, און האָט אונדז כסדר געוועקט און גערופן צו מעשים, ביז זיין קול איז דערהערט געוואָרן.

* * *

ווי שוין געזאָגט, איז ביז דער דאָזיקער אַזוי גערופענער „אספת הנבחרים״ דער מענטש שלמה ווייסמאַן געווען פאַר מיר אַ מין ספר החתום, אַ פאַרשלאָסן בוך. ערשט דאָ, ביי דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג פונעם לערער סעמינאַר האָב איך געפּרוּווט צו דערגיין דעם „מה טיבו״ של שלמה ווייסמאַן און „במה כוחו״.

און הגם דאָס איז געווען אונדזער ערשטע באַגעגעניש, און ס׳געדענקט זיך עפּעס נישט, אַז ס׳זאָל האָבן ווען עס איז פאַרגעקומען אַזאַ צווייטע באַגעגעניש, דאָך איז מיר פאַרבליבן פאַרקריצט אין זכרון אָט דער איינדרוק: שלמה ווייסמאַן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן כוח פון קאָנען אויסאַיבן זיין השפעה אויף מענטשן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעזולטאַט פון זיין שטאַרקן גלויבן אין זיך, אַז ער גייט תמיד אויפן ריכטיקן וועג, וואָס פירט צום ריכטיקן ציל. און אַ דאַנק אָט דעם גלויבן זיינעם געלינגט אים גאַנץ אָפט צוצוציען נייע מענטשן צו דער דאָזיקער דערציאונגס אַרבעט, הגם לויט זייער אייגענער דערציאונג און לויט זייער איצטיקן שטאַנד, האָבן די דאָזיקע מענטשן געדאַרפט זיך אָנגעהערן צו גאָר אַן אַנדער סעקטאָר אינם יידישן לעבן.

אַ חוץ דעם פאַרמאָגט ער אויך דעם חן פון אַ שטאַרקער פערזענלעכקייט. דאָ העלפט אים פיל אַרויס זיין אויסגעצייכנטער און גוט אָנזעענדיקער פּראָפיל־שמייכל, וואָס לאָזט זיך אַזוי גיך נישט פאַרגעסן. דערצו נאָך איז ער באַשאָנקן פון דער נאַטור מיט אַ שטאַרקער עקשנות און זעלבסט

קאַנטראָל, וואָס זיינען אויסגעהאַמערט געוואָרן נאָך אין זיין פריסטער יוגנט אין די „אהלי שם ועבר" און שפעטער איז עס ביי אים נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער ווירדע פון דער דעראָבערטער „יפיפיותו של יפת"...

און כדי צו באַשטעטיקן מער ווייניקער, אַז מיר האָבן דאָ חלילה נישט געמאַכט קיין טעות אין אונדזער אָפּשאַצונג, וועלן מיר דאָ פאַר אייך אויפמישן נאָך אַ פּאָר בלעטלעך פון אָט דעם זעלבן קאַפּיטל זכרונות, ווי ס'האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון.

שוין צוויי־דריי טעג ווי העכער אַ מנין יידן, צענויפגעפאָרענע פון „מזרח" און פון „מערב" זיינען געזעסן נעבעך פאַרשפאַרט אין אַן ענג שטיבל, אָנטקעגן דער צעגליטער זון, און געהאַלטן נעבעך אין איין שוויצן, אַזוי, אַז ס'איז ממש געווען אַ צער בעלי חיים צו קוקן אויף זיי. און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי, די דעלעגאַטן, געמוזט נעבעך זיצן און אויסהערן מיט גרויס רעספּעקט דעם רבין ר' שלמה וויסמאַן, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פיס און געהאַלטן אין איין אַריינקנעלן מיט זיי די שווערע סוגיאָ — לערער־סעמינאַר.

און ווען ס'האָט זיך געפונען איינער פון די חשובע דעלעגאַטן, וואָס האָט געוואָגט אין מיטן פון זיין ריידן אַרויסצוכאַפּן זיך אין דרויסן נאָך אַ ביסל פרישער לופט, האָט אים ר' שלמה וויסמאַן, מיט כעס באַלד געשיקט צוריק אויף זיין אָרט. ווארום זאָגט אַליין, ווי האָט מען עס איצט אַ האַרץ צו גיין כאַפּן פרישע קילע ווינטלעך, וואָס בלאָזן פון די שכנישע לאָרענשאַן־בערג, אַז אויפן סדר היום שטייען איצט אַזעלכע ברענענדיקע פראַגן ווי אַ שטייגער: פּראָגראַם, קוריקולום, שעהן־פּלאַן, צונויפשטעלן אַ לערער־פּערסאָנאַל פאַר אָט דעם דאָזיקן לערער־סעמינאַר? און היינט, וואָס איז מכוח דער פראַגע — בודזשעט? דאָס איז דאָך עפּעס אַן ערנסטער ענין, וואָס לאָזט זיך אַזוי גיך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט?!...

נו, טאָ זאָגט אַליין, ווי קאָן מען טאַקע אין אַזאַ ערנסטע שעה פאַרלאָזן אין מיטן דערינען אַזאַ וויכטיקע אסיפה? האָט ער טאַקע נישט געלאָזט, ער האָט זיך געטאָן בייזערן. ערשט ווען מ'האָט שוין געהאַט ב"ה דערליידיקט די סאַמע הויפּטפראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר היום, האָט זיך אויף זיין צעפלאַמט פּנים באַוויזן אַ ברייטער שמייכל, און מיט אַ ברייטער פולער האַנט אונדז ענדלעך געגעבן אַ — הפסקה...

ס'איז שוין פון אונדז אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַז דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן איצט דעם „בית מדרש למורים", דעם פאַראייניקטן יידיש־העברעאישן לערער־סעמינאַר, איז עס צו פאַרדאַנקען אַ קליין הייפעלע יחידי סגולה, אָנגעזעענע לערער און שול־טוער, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות זיך געהאַט באַמיט אויפצוהאַלטן זיין בידנע עקזיסטענץ, ביז דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט אים אַרונטערגענומען אונטער זיינע ברייטע פליגל, און באַטראַכט אים איצט ווי זיין „בן יקיר לי אפרים"...

אָבער ס׳דאַרף דאָ נאָכאַמאָל באַטאָנט ווערן, אַז דאָ האָבן מיר פיל צו פאַרדאַנקען דעם חבר שלמה וויסמאַן, וואָס האָט געהאַט אַרויפגעלייגט אויף אים זיין חותם, זיין וויזיע, זיין ברייטן שוואונג, זיין אימפעט און אויך זיין **חשיבות — די חשיבות פון אַ יידישן תלמיד חכם.**

געוויס האָט אָט דער לערער סעמינאַר ווייט נישט פאַרענטפערט אַלע אונדזערע נויטן; ער האָט אויך ווייט נישט דערפילט די האָפענונגען צו העלפן פאַרווירקלעכן די שיינע הערלעכע אידייען, וואָס „יידישלאַנד״ טראָגט נאָך אַלץ אין זיך בכלל אתר ואתר. אָבער הכל מודים, אַז אָן אים וואָלט די לאַגע אונדזערע על שדה החינוך געווען נאָך שווערער. און ווען אפילו זיינע גראַדואַנטן בלייבן נישט אַלע ביי דער פּראָפעסיע פון לערעריי, וואָס דאָס איז פאַר אונדז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער שאָדן, אָבער על כל פנים קריגן מיר דאָך פאַרט אַריין, יאָר איין יאָר אויס, אַ פרישן צענדליק אינטעליגענטע יוגנטלעכע. דאָס אַליין איז שוין אַן און פאַר זיך אַ דער־גרייכונג.

און איצט, נאָך אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר עקזיסטענץ פון אָט דעם לערער סעמינאַר, מעגן מיר מיט שטאָלץ זאָגן, אַז דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסע חלוצישע אַרבעט. און צווישן אָט דעם קליינינקן קיבוץ פיאָנערן, וואָס אַרבעטן נאָך אַלץ אַזוי שווער און אומדערמידלעך אויפן פעלד פון דער יידישער דערציאונג אין קאַנאַדע, האָט שטענדיק זיך געהאַט אַרויס־געהויבן די הויכע שלאַנקע פיגור פונם געלערנטן יידן —ר׳ שלמה וויסמאַן, דער מענטש פון מעשים.

און עס פרייט אונדז ביז גאַר צו הערן און צו זען, כאָטש פונדערווייטנס, אַז ס׳איז נאָך אַלץ דאָ שכר פאַר גוטע מעשים.

מיר זיינען זיך משתתף מיט אַלע זיינע הונדערטער חברים און פריינט איבערן לאַנד צו ווינטשן אים און זיין פרוי, חנה, וואָס האָט אירע אייגענע פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, אַז די צווייטע 40 יאָר פון זייער אַקטיווער בשותפותדיקער קולטור און דערציאונגס אַרבעט, זאָל זיין אַזוי בליענדיק שיין און אַזוי שעפעריש פּראָדוקטיוו ווי ס׳זיינען געווען זייערע ערשטע 40 יאָר. — אמן!

אַ פּיאָנער פון נאַציאָנאַלער יידישער דערציאונג

פון

ל. סיגאַל

(גענעראַל סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד)

ווען מיר פייערן דעם 40 יאָריקן יובל פון שלמה וויסמאַנס פאַרבינדונג מיט די פאָלקס שולן, האָבן אַ צאָל יידישע קהילות, און געלט זאַמלונגס אַגענטורן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (טשעסט און וועלפער פאַנדן) שוין

אָנערקענט דעם פּרינציפּ, אַז יידישע דערציאונג דאַרף זיין אַן אויפגאַבע פון דער גאַנצער קהילה, פון גאַנצן כלל, און אַז די אַקציעס פאַר דער א. ג. „טשאַרעטי” וואָס מען האָט שטענדיק געפירט, לויט דער טערמינאָלאָגיע פון די רייכע יידן, „סערוויס פאַר די אינדיווידזשואל” (דינסט פאַר יחידים), מוז איצט ווערן אויך אַ דינסט פאַרן כלל.

קיינער פרעגט נישט אָפּ די וויכטיקייט פון העלפן דעם יחיד, דעם ליידנדן און קראַנקן. געוויסע יידן האָבן, אָבער, געוואָלט די טעטיקייטן פאַר יחידים שטעלן העכער פון אַלע פאָלקס טעטיקייטן. זיי האָבן יאָרן לאַנג זיך אָפּגעזאָגט איינצושליסן אין שטאָטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידישער דערציאונג, האַלטנדיק, אַז געבן אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג דעם יידישן קינד איז אַן איבעריקע זאַך.

איצט זיינען שוין פאַראַן קהילות וואָס גיבן אויס גרויסע סומעס פון די שטאָטישע בודזשעטן פאַר יידישע דערציאונגס אינסטיטוציעס; עס זיינען שוין אויך דאָ אַ סך יחידים, פון וועמען מען קען איצט קריגן גרעסערע ביישטייערן פאַר שולן, פאַר תלמוד תורהס און פאַר אַנדערע בילדונג אינ־סטיטוציעס.

מאַסן יידן האָבן איצט שוין אָנערקענט דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז אָן אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג פאַרן יידישן קינד איז בכלל נישט מעגלעך קיין נאַציאָנאַלער אינהאַלט אין יידישן לעבן; אָן דער דערציאונג וועט אויך געשאַפן ווערן אַ וואַנט וואָס וועט צעטיילן דאָס יידישע פאָלק און מדינת ישראל.

די ציוניסטישע באַוועגונג, אויך אַלע וויכטיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן שוין לעצטנס קלאָר געמאַכט, אַז געבן דעם יידישן קינד אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג מוז באַטראַכט ווערן פאַר איינע פון די צענטראַלע אויפגאַבן וואָס ציוניסטן און נאַציאָנאַלע יידן האָבן אין דער איצטיקער צייט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרהאַנדלט מען איצט אין וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע קרייזן וועגן שאַפן אַ גרויסע פונדאַציע (אַן ענדאומענט פאַנד) וואָס זאָל פאַר די קומענדיקע דורות זיכערן די טעטיקייטן פון אַמע־ריקאַנער יידנטום אויפן געביט פון קולטור און דערציאונג.

סוף חודש יוני פון דעם לעצטן יאָר איז אין פּאַריז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון פאַרשטייער פון אַ רייע יידישע אַמעריקאַנער אָרגאַני־זאַציעס און פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט. די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן כדי צו פּלאַנירן אַ גרויסע אַל־וועלטלעכע קולטור און דערציאונגס קאָנפערענץ וואָס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין יאָר 1961.

די אַל־וועלטלעכע דערציאונגס קאָנפערענץ וועט דאַרפן פאַראייניקן אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, כדי געמיינזאַם אָנצופירן טעטיקייטן וואָס וועלן פאַרשטאַרקן דאָס יידישע קולטור לעבן אין יעדן לאַנד און

אויסברייטערן און פאַרטיפן אַלע טעטיקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט קענען געבן אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג דעם יידישן קינד.

דאָס האָט נישט געקענט פּאַסירן מיט 40 יאָר צוריק, ווען די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל זיינען געגרינדעט געוואָרן און שלמה וויסמאַן האָט איבערגענומען די גייסטיקע און פּראַקטישע פירערשאַפט.

די געענדערטע באַציאונג צו נאַציאָנאַלער יידישער דערציאונג איז נישט געקומען פון זיך אַליין און נישט איבער נאַכט. עס איז נישט דערגרייכט געוואָרן דורך וויכוחים, נאָר דורך מעשים. די יידישע שולן פון פאַרשידענע סיסטעמען און באַפאַרבונגען זיינען דירעקט אָדער אומדירעקט אַרויסגעוואַקסן פון דער דאַמאָלט געוואַגטער פּיאָנערישער עקשנות פון די יידישע פאָלקס שולן.

די יידישע פאָלקס שולן זיינען אַ דירעקטע שאַפונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. עס זיינען געווען די פּועלי ציון און דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס האָבן באַשלאָסן די שולן צו גרינדן און די מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס האָבן דער שול באַוועגונג געדינט מיט אַ סך געטריישאַפט. (כאָטש אפילו אין דער באַוועגונג האָבן ניט אַלע געגלויבט, אַז דער אופן פון דערציאונג וואָס די פאָלקס שולן (פריער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן) האָבן פאַר זיך אָנגעצייכנט, וועט שלאָגן טיפע וואָרצלען אין יידישן לעבן. פילע האָבן מורא געהאַט, אַז אַ שול וואָס שטעלט נישט אין צענטער פון פּראָגראַם רעליגיע, אין אָרטאָדאָקסישן זין, קען נישט אַרויסרופן דעם געהעריקן אינטערעס ביי עלטערן, אויך ניט די נויטיקע צוגעבונדנקייט פון די קינדער צו דער שול.)

די קעגנער פון דער פאָלק שול באַוועגונג האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ צאָל אָרגאַניזירטע כוחות אין יידישן לעבן.

די אַסימילאַטאָרן האָבן בכלל נישט אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון אַ יידישער דערציאונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, און אַז עס איז בכלל נישט נויטיק קיין יידישע דערציאונג, ווייל די אויפהאַלטונג פון יידישן פאָלק אַלס פאָלק איז, פון זייער שטאַנדפּונקט, אַן איבעריקע אָנשטרענגונג.

אין די אַרבעטער קרייזן האָט מען אין יענע יאָרן געהאַלטן, אַז די צענטראַלע אויפגאַבע פון אַ יידישן אַרבעטער איז צו העלפן באַפרייען די וועלט און שאַפן אַ צושטאַנד, וואו עס זאָלן אין גאַנצן אָפּגעווישט ווערן די גרענעצן פון פעלקער און לענדער. ביי יענע קרייזן איז געווען איבעריק יעדע טעטיקייט אויפצוהאַלטן די איינהייט פון יידישן פאָלק, צו שטרעבן צו אַ זעלבשטענדיקער מדינה אין ארץ ישראל און צו געבן דעם יידישן קינד אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג.

די רעליגיעזע עלעמענטן האָבן באַקעמפט די מאָדערנע שול באַוועגונג האַלטנדיק, אַז אַ שול אָן פעסטע רעליגיעזע אויפגאַבן האָט נישט קיין פּלאַץ אין יידישן לעבן.

די ציוניסטישע אַרבעטער עלעמענטן, אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע יידישע פאָלקס קרייזן האָבן אָבער שטאַרק געגלויבט, אַז עס מוז אין יידישן לעבן געשאַפן ווערן אַ דערציאונגס אינסטיטוציע וואָס זאָל עפענען פאַרן יידישן קינד מעגלעכקייטן צו געניסן פון אַלע קולטור אוצרות וואָס זיינען פון יידישן פאָלק געשאַפן געוואָרן איןביידע שפּראַכן, כדי דאָס יידישע קינד זאָל אין זיך אַריינזאַפּן די טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק פון אַלע צייטן און פון אַלע דורות, און אַז דער פּראָגראַם פון די שולן זאָל אַנטהאַלטן אַ פולע גאַנצקייט פון קולטור און דערציאונג, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן גייסטיקן פאַרמעגן; אַ דערציאונג וואָס זאָל דאָס יידישע קינד פאַרבינדן מיט די האָפנונגען אויף און מיטן גלויבן אין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאָלקס זעלבשטענדיקייט אין אַן אייגן לאַנד, אין ארץ ישראל, און גלייכצייטיק זאָל זי ברענגען צום באַוואוסטזיין פון יידישן קינד די נויטווענדיקייט צו זיין פאַרבונדן מיט די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע כוחות אין דער וועלט.

שלמה ווייסמאַן האָט אָט דעם פּראָגראַם פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן יש. ער האָט זיך אונדזער שול באַוועגונג איבערגעגעבן מיט אַלץ וואָס ער באַזיצט. די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל און די שול באַוועגונג אויף דעם קאָנטינענט איז פאַר אים געוואָרן דער העכסטער ציל אין זיין לעבן. ער האָט אַריינגעגעבן אין די שולן אין מאָנטרעאָל אַ סך אידעאַליזם און גרויסן שוואונג.

חבר שלמה ווייסמאַן מעג זיך פילן שטאָלץ מיט דעם גרויסן חלק וואָס ער האָט געהאַט אין דער אַנטוויקלונג פון די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל, און אין דער פאָלקס שול באַוועגונג בכלל, און אין אַלע זייערע וויכטיקע דערגרייכונגען.

מיר ווייסן, אַז שלמה ווייסמאַן האָט אין פאַרבינדונג מיט זיינע טעטיקייטן פאַר די מאָנטרעאָלער שולן פאַר די לעצטע 40 יאָר דורכגעמאַכט שווערע צייטן. עס זיינען אָפט מאָל געווען מאָמענטן אין פאַרבינדונג מיט זיינע טעטיקייטן וואָס האָבן געקענט פירן צו פאַרצווייפלונג. ווייסמאַנס אידעאַליזם, זיינע גרויסע פעאיקייטן פון פירערשאַפט און זיין טיפער גלויבן אין דער וויכטיקייט פון דער דערציאונגס אַרבעט האָט אָבער פאַר אים מעגלעך געמאַכט בייצוקומען די שוועריקייטן און קענען מיט פרייד באַגלייטן די אַרבעט פון די פאָלקס שולן און איצט טיף דורכלעבן דאָס געפיל פון שטאָלץ מיט די גרויסע אויפטוען.

מעגלעך, אַז שלמה ווייסמאַן, ווען ער האָט געמאַכט די יידישע פאָלק שולן פאַר זיין לעבנס ציל און לעבנס אינהאַלט, האָט אין זינען געהאַט נאָר די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל, דערגרייכט אָבער האָט ער פיל מער ווי ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל. ווייל דער טיפער אידעאַליזם פון די טוער פון ווייסמאַנס שולע האָט משפיע געווען און אָנגעשטעקט די עסקנים

פון אונדזערע שולן אומעטום, — דער הויכער ניווא און דער דערציערישער דערפאָלג פון די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאָל איז געוואָרן אַ מוסטער און אַ ציל פאַר אונדזערע שולעס און האָט מיטגעווירקט צו געווינען אַלעמענס אָנערקענונג פאַר דער ווירקזאַמקייט און וויכטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער דערציאונג. און אויב מע זאָרגט היינט און מע פּלאַנירט יידישע דערציאונג ביי זיצונגען פון קהילות, וועלפעיר פאונדיישאָנס און אינטער־נאַציאָנאַלע יידישע קאָנפערענצן, מעגן די גרינדער און פירער פון די פאָלקס שולן זיך נעמען דערפאַר אַ סך קרעדיט, און נישט ווייניק מעג מיט דעם שטאָלצירן די מוסטערהאַפטע דערציאונגס אינסטיטוציע אין מאָנטרעאָל וואָס רופט זיך יידישע פאָלקס שולן, און דער רוח החיים פון די מאָנטרעאָלער פאָלקס שולן — שלמה וויסמאַן.

די פילע פריינט און חברים פון שלמה וויסמאַן טוען תפילה, אַז וויסמאַן מיט זיין לעבנס באַגלייטערין, זיין פרוי חנה, וואָס איז באַקאַנט אַלס באַגאַבטע און פעאיקע פּעדאַגאָגין, זאָלן נאָך צוזאַמען פילע יאָרן קענען פאָרזעצן זייערע געבענטשטע טעטיקייטן פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג און פאַר דער יידישער קולטור בכלל.

צו שלמה וויסמאַנס 40 יאָריקן יובליי

כאַראַקטעריסטיק און פּערזענלעכע אָפּשאַצונג

פון ש. האַרווי

פּרעזידענט פון די יידישע פאָלקס שולן

אונדזער אינדיווידועל לעבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן נעמט אַן געוויסע פאָרמען און פאַלט אַריין אין אַ רוטין, וואָס ווידערהאָלט זיך טאָג איין טאָג אויס, ביז עס קומט אָן אַ געוויסע דאַטע וואָס מאַכט אייך הן זיך צו פאַרטראַכטן אויף דאָס פאַרגאַנגענע, הן צו קוקן פאָראויס און אָננעמען געוויסע החלטות אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון לעבן אינדיווידועל און געזעלשאַפטלעך.

אַזאַ דאַטע איז דאָס פייערן דעם 40 יאָריקן יובליי פון שלמה וויסמאַנס זיין פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן דאָ ביי אונדז אין מאָנטרעאָל.

שלמה וויסמאַנס 40 יאָר שטיין אין דער שפּיץ פון די יידישע פאָלקס שולן, איז אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון מאָדערנער יידישער דערציאונג נישט נאָר אין מאָנטרעאָל, נאָר אויפן גאַנצן צפון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט מיט 40 יאָר צוריק.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז זייער פיל האָט די פּערזאָן שלמה וויסמאַן בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין

אונדזער מאָנטרעאַל. וואָס האָט געדינט פאַר אַ גוטן מוסטער פאַר פילע אַנדערע שטעט פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. 40 יאָר ביי יידן איז אַ סימבאָל, וואָס חזרט זיך איבער אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. משה האָט געפירט די יידן איבער דער מדבר, בארץ לא זרועה, פערציק יאָר און האָט געלייגט אַ יסוד פאַר אַ פאָלק מיט נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, וואָס זאָל זיין ראוי צו זעלבסשטענדיקייט און מלוכהשאַפט.

מיט 40 יאָר צוריק איז מאָנטרעאַל און דער קאָנטינענט נישט געווען מסוגל אויפצונעמען די אידעען און אונטערנעמונגען אויפן געביט פון יידישער דערציאונג, וואָס ווערט דורגעפירט היינט צו טאָג. דאָס איז נאָר מעגלעך געוואָרען אַדאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון די וויסמאַנס און זייער גלייכן צו פאַרוואַנדלען דעם מדבר אין אַן ארץ זרועה, וואָס זאָל קענען אויפנעמען גרעסערע אויפגאַבן צו פאַרמירן דעם וויטערדיקן גאַנג פון יידישן לעבן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. נישט אַלעס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. 40 יאָר איז אַ פערהעלטניסמעסיק קורצער טערמין פאַר אַזאַ גיגאַנטישער אונטערנעמונג, אָבער מיר האָבן שוין געשאַפן אַ ביסל טראַדיציע פון וועלכער די קומענדיקע דורות וועלן קענען לערנען און מאַכן ווייטער פאַרשריט.

איך האָב געהאַט די פריווילעגיע צו באַאָבאַכטן פון דער נאָענט און מיטאַרבעטן מיט שלמה וויסמאַן כמעט אַלע 40 יאָר פון זיין פרוכטבאַר לעבן און איך האָף, אַז מיינע באַאָבאַכטונגען וועלן זיין אויף ווי וויט מעגלעך מאַסגעבנד און קאָרעקט.

ח׳ וויסמאַן איז נישט דער געוויינלעכער פרינציפּאַל, וואָס פירט די שולע לויט פאַראויס באַשטימטע אידעען און פּראָגראַמען; אָפט דאַרף ער אַליין אויסטרעטן אַ וועג און שאַפן אידעען, און עקספּערימענטירן.

ביים אונטערנעמען די עקספּערימענטן איז ער געוואַגט, אפילו ווען זיינע אידעען זיינען רעוואָלוציאָנער און אומפּאָפּולער. זיינע אַנהענגער באַגלייך מיט די געגנער זיינען איבערצייגט, אַז זיינע עקספּערימענטן זיינען גוט דורכגעטראַכט און דורכגעוויטיקט. ער האָט מוט צוצוגעבן, ווען אַן עקספּערימענט ווייזט זיך אַרויס נישט דערפאָלגרייך. ער טראַכט זיך ווייטער ערנסט אַריין אין די רעזולטאַטן און קומט צו נייע מסקנות. צי איר זענט מיט שלמה וויסמאַן מסכים, צי אפילו ניט, האָט איר אָבער גרויס דרך ארץ פאַר אים, ווייל זיין ערנסט און אָריגינעל דענקן אימפּאָנירט אייך. זיין געטריישאַפט צו דער שולע און צו די נייע אידעען קאָנען אים האַלטן באַשעפטיקט לאַנגע, לאַנגע וואָכן און חדשים און רופן אַרויס באַוואונדערונג פאַר זיין לאַנגן אויסדויער פון אַרבעט און דענקען.

עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן די שולע אָן שלמה וויסמאַן, עס איז אָבער אויך שווער צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון שלמה וויסמאַן נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שולע. פאָלקס שולן און שלמה וויסמאַן חד הוא —

אַ סינאָנים פון גאַנצקייט. ער איז נישט נאָר פירער פון דער שולע — נאָר די שולע אַליין, און ביידע צוזאַמען — שלמה וויסמאַן און די שולע — בענעפיטירן פון דער דאָזיקער ענגער קאָאָפּעראַציע.

ווי גרויס ער זאָל נישט זיין אַלס לערער און פּעדאַגאָג, וויפיל צייט ער האָט נישט אָוועקגעגעבן דורך די אַלע יאָרן אויף לערנען און דערציען דעם נייעם דור, האָט ער נאָך אַלץ געפונען צייט צו לערנען און שטודירן פאַר זיך אַליין, און דעם בענעפיט פון נייעם וויסן אָנגעווענדט אויף זיין אַרט דענקען און אויף זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט לטובת דער יידישער דערציאונג און דער פאַרשפּרייטונג פון יידיש וויסן.

ללמוד וללמד, אַ לערער און אַ לערנער, אַן אייביקער סטודענט, דאָס איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט.

נאָענטער קאָנטאַקט מיט אים איז אַלעמאָל געווען אַ קוואַל פון וועלכן איר זענט נייגעריק צו שעפּן. נאָך אַ שטריך, — זיין געזונטער חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, זיין פּראַקטישער צוגאַנג צו אַדמיניסטראַטיווע פּראָבלעמען, ווי אויך צו נייע אונטערנעמונגען, — דאָס איז אַלעמאָל געווען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר די וואָס האָבן געהאַט די זכיה מיט אים מיטצואַרבעטן.

דאָס האָבן שלמה וויסמאַן און חנה וויסמאַן אַלס אונדזערע, מיין פרויס און מיינע, פּערזענלעכע פריינט, האָט געמיינט באַרייכערן אונדזער אייגן לעבן און שטאַרקן אין זיך דעם ווילן, זיך צו מאַכן נוצלעך אויף די געביטן, וואָס האָבן אויסגעפילט זייער לעבן.

זאָל די פּרוכטבאַרע שאַפערישקייט פון אייער פאַרגאַנגענהייט ווייטער פאַרגעזעצט ווערן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, און דער גענוס און די צופרידנקייט פון אייער ווייטערדיקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט זאָל אייך דינען ווי אַ סימבאָל אין אייער ווייטערדיק לעבן און צוזאַמענלעבן, טייערע חברים חנה און שלמה וויסמאַן.

באַגריסונג פונעם פאָרזיצער פון די פאָלקס שולן

שטייט אַ ייד, וואָס פאַרשטייט קוים קוים, פּירוש המילות, און זאָגט זיך הארציק אַ תפילה: „לא אמות, כי אחיה ואספר מעשי יה״. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס אַזאַ ייד ווייסט וועגן די „מעשי יה״. ווען אפילו די איינשטיינס, וואָס פילן זיך זייער היימיש אויף די פּלאַנעטן און חשבונען אויס, ווי לאַנג דאָס וועלטל עקזיסטירט און יעדע בריאה ווי אַזוי זי האָט זיך אַנטוויקלט, — אפילו זיי שטייען אויך פאַר אַ וואַנט און ווייסן ניט, וואָס ס׳טוט זיך פון דער אַנדערער זייט.

און פונדעסטוועגן בלייבט נאָך אָבער אַלץ געגוג פאַר דעם פשוטן יידן, דעם טיפֿ ייד פון מיינע יידן, צו דערציילן און באַוואונדערן די „מעשי יה׳׳, — פאַרשטייט זיך, אויף אַזויפיל, וויפיל זיין נאַקעט אויג זעט און זיין באַגרעניצטער שכל, זיין באַגרעניצט וויסן, פאַרשטייט. ער האָט הנאה פון דער שיינקייט פון די שטערן און פון דער לבנה, ער וואַרעמט זיך אין די שטראַלן פון דער זון און קוויקט זיך מיט די פאַרשידענע פירות פון „מעשי יה׳׳.

עד כאן דער משל און וואָס איז דער נמשל?

אני הקטן האָב געהאַט די געלעגנהייט און די זכיה צו זיין איינער פון די ערשטע צען גרינדערס פון די איצטיקע פאָלקס שולן. און איך האָב דעם זכות צו זיין מיט חבר שלמה וויסמאַן ביי די שולן, כמעט אַן איבעררייס די גאַנצע פערציק יאָר, וואָס חבר וויסמאַן איז מיט זיי פאַרבונדן. איז דאָס פאַר מיר, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער יום־טוב, אַז איך האָב דערלעבט צו פייערן דעם פערציק יאָריקן יובל פון חבר וויסמאַנס שטיין מיט אונדזערע שולן ווי זייער פרינציפּאַל און פירער.

ווייל ווער — ווער, די נאָענטע חברים, די וואָס זיינען געשטאַנען ביים געבורט פון די שולן, געדענקען נאָך זייער גוט, וואָס אַ חבר בכלל, און אַ לערער בפרט, האָט געהאַט אויסצושטיין און אויסצולייַדן פון די אומ־גינסטיקע און אָפט קריטישע מאָמענטן, און ניט נאָר פינאַנציעלע, נאָר אויך געזעלשאַפטלעכע, — אַ שטייגער דער שווערער דרוק פון די פרומע שיכטן פון דער מאָנטרעאָלער יידישער באַפעלקערונג. דאָס האָט געפאָדערט אַ סך געדולד, אויסדויער און אמונה אין דעם אידעאַל פון אונדזערע שולן. און דאָס האָט אונדזער חבר וויסמאַן פאַרמאָגט, און דערפאַר האָט ער צוזאַמען מיט אונדז געקענט דערלעבן צו זען דעם גרויסן וואוקס פון אונדזערע שולן, וואָס באַשטייט ניט נאָר אין צאָל פון קינדער אָדער אין דער גרייס פון די בנינים, נאָר אויך אין דער באַציאונג פון דער יידישער גאַס צו אונדזער לערנען און אין דעם דרך ארץ צו אונדזערע לערערס. מען זאָגט שוין היינט ניט אין יענע קרייזן, אַז אין אונדזערע שולן לערנט מען נאָר „מאָטקע גנב׳׳ און „פייגעלע, פייגעלע פּי פּי פּי׳׳, און אַז אַ ליאַדע שאַפ מיידל קען ביי אונדז פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ לערער. נאָר מע רעדט שוין, אַז צווישן אונדזערע לערער זיינען דאָ יידן לומדים, און מע לערנט ערנסטע לימודים. און דאָס איז אַ סך צו פאַרדאַנקען חבר וויסמאַן. ער האָט אויפֿ־געהויבן די חשיבות פון אונדזערע לערער. ס׳איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו זיין ביי אַ לערער ראַט זיצונג מיט חבר וויסמאַן. און גראַד דעמאָלט, ווען ער האָט אויסצוזעצן קעגן די לערערס, אָדער ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט אַ באַשטימטן סדר הלימוד. זיין בייזערן זיך איז ניט ווי פון אַ באַלעבאָס, נאָר ווי פון אַ טאַטן. און דאָס זעלבע ווען ער רופט צו זיך אין אָפיס אַ חבר פון די שולן, און מעג עס זיין אפילו דעם פרעזידענט, ווען ס׳האַנדלט זיך

עפּעס מכוח די שולן, איז ניטאָ ביי אים דאָס פּיעשטשן, אָדער גלעטן דעם חבר, נאָר ער רעדט האַרבע פּאַטערלעכע רייד, און דערפאַר האָט ער דעם פאַרדינטן רעספּעקט פון אַלע איבערגעגעבענע און טרייע חברים פון די יידישע פאָלקס שולן.

און לאָמיר אַרויסענדיקן דעם נמשל. אמת, מאַנכעס מאָל זיינען מיר זיינע ווערגן ניט פאַרשטענדלעך. און עס טרעפט, אַז מע ווערט אַ ביסל אומרואיק, און אַפילו באַזאָרגט. אָבער ווייסנדיק זיין ליבע, זיין צוגעבונדנקייט און איבערגעבנקייט צו אונדזער שול־וועזן, ווערט מען ווידער רואיק און האָפנונגספול אויף דער צוקונפט פון אונדזערע שולן.

איך, דער חבר וואָס איז פאַרבונדן פינף און פערציק יאָר מיט די פאָלקס שולן און האָב דעם כבוד מיטצואַרבעטן מיט חבר ווייסמאַן גאַנצע פערציק יאָר — הלוואי נאָך אַ סך פריילעכע און דערפאָלגרייכע יאָרן, — איך האָב אַ שטאַרקן ביטחון אין ווייסמאַנען, וואָס איז ניט נאָר דער פּרינציפּאַל פון די שולן, נאָר אויך דער, וואָס זאָרגט פאַר זייער עקזיסטענץ, און ווי ווייט איך קען אים, איז ער ניט קיין „ביט פאַסעמו״, און דערצו אַ שטאַרקער קעגנער פון נאַרישער עקשנות.

די עטלעכע שורות קומען פון אַן אַלטן חבר, וואָס האָט אַ סך געלערנט פון חבר ווייסמאַן. איך ווינטש אים און חברה חנה ווייסמאַן אַ סך גליקלעכע, געזונטע און פריילעכע יאָרן און גרויס נחת פון זייערע קינדער.

אברהם פּרנס

באַגריסונג פון אַ לאַנג יאָריקן מיטאַרבעטער

צום רעדאַקציע קאָמיטעט, לכבוד דעם שלמה ווייסמאַן בוך צום פערציק יאָריקן יובילעאום פון זיינע דערציאונגס אַקטיוויטעטן אויפן צפון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און דער עיקר אין קאַנאַדע.

איך שליס זיך אָן מיטן גאַנצן האַרצן אין דער גרויסער איניציאַטיוו, וואָס אייער חשובער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען צו פייערן דעם פערציק־יעריקן יובילעאום פון אונדזער חבר און פּרינציפּאַל שלמה ווייסמאַנס דינען און באַווירקן דעם אויפשטייג פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג מיטן אַרויסגעבן אַ שלמה ווייסמאַן בוך.

דער זשעסט איז אַ געהויבענער און די מתנה אינגאַנצן אַ פאַרדינטע.

איך בין זיכער, אַז אייער טאַט וועט זיין אַ שטאַרקער סטימול פאַר אונדזער בעל היובל, און עס וועט אים דערפרישן מיט נייעם ענטוזיאַזם צו זוכן און געפינען נייע וועגן פאַר דער מאָדערנער יידישער דערציאונג פון אונדזערע פאָלקס שולן, וואָס וועלן זיי אַוועקשטעלן ווי אַן עמוד אש אין אונדזער יידישער דערציערישער געזעלשאַפטלעכקייט.

איך וועל דאַסמאָל ניט פּרובירן ריידן וועגן פּראָבלעמען פון דער ייִדישע דערציאונג, — דאָס וועלן מסתמא טאָן פאַכלייט. איך וועל אויך ניט ריידן וועגן דער אַנטוויקלונג פון די ייִדישע פאָלקס שולן, וואָס זיינען, אַגב, אחד הוא מיט ח׳ ש. ווייסמאַן. איך וועל אָבער יע זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן בעל־יובל גופא, מיין חשובן פריינט שלמה ווייסמאַן.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט שלמה ווייסמאַן איז פאָרגעקומען אין חודש סעפּטעמבער 1925 — אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין אָנקומען אין מאָנטרעאָל.

ווי ביי אַלע נײַ־אַריבערגעקומענע איז אויך פאַר מיר געשטאַנען די פראַגע, אויף וועלכן וועג צו מאַכן דעם ערשטן שריט פאַר עקזיסטענץ.

די אַמביציע איז געווען דער וועג צו קאָמערץ און אינדוסטריע, און דער ציל — עשירות. אָבער, ביז וואָס־ווען, האָב איך געפּלאַנט אָנצוהויבן מיט לערעריי, — איך האָב אין דעם געהאַט עטלעכע יאָר דערפאַרונג אויף יענער זייט ים.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין ווייסמאַנס באַשיידענעם אָפיס אויף סט. אורביין גאַס, און דאָרטן האָב איך אים דערציילט דעם אמת, אַז איך זוך אַ ציַיטווייליקן „דזשאָב”, ביז עס וועט אונטערקומען עטוואָס בעסערס.

ווייסמאַן, דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער מענטש און אַ שיינער, שיר ניט אַ „קראַסאַווּיעץ”, האָט מיך אויסגעהערט און ער האָט מיר דערקלערט, אַז אַ שולע מוז האָבן לערער, וואָס ווילן מאַכן לערעריי פאַר זייער קאַריערע.

אַ לערער מוז האָבן אַ גרויסע מאָס פון אידעאַל צו זיין באַרוף און ער מוז אויף זיך טראָגן אַן ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין פאַך. אַן אַזאַ באַציאונג טאָר קיינער ניט צוטרעטן צו דערציערישער טעטיקייט.

אין יענעם מאָמענט האָב איך ביי זיך שטאַרק אָפּגעשאַצט ווייסמאַנס ערנסטן צוגאַנג צו דערציערישע פּראָבלעמען, און מיין באַגריף איז געבליבן, אַז איך האָב באַגעגנט אַ מענטשן וואָס טראָגט אויף זיך אַ גרויסע אחריות פאַר ייִדישער דערציאונג.

איך בין אַוועק מיין וועג דורך די שווערע שטעגן, וואָס האָבן דורך גרויס מי דערפירט צו דערפאָלג.

מיין טעטיקייט ביי די ייִדישע פאָלקס שולן האָט זיך אָנגעהויבן אין די שפּעטע דרייסיקער, ווען איך בין געקומען צו ווייסמאַנען מיט מיין 6 יעריקן זון צו רעגיסטרירן אים אין דער טאָג שולע, וואָס איז געווען אין פולן בלי פון איר פרילינג.

פון יענער צייט שטודיר איך ווייסמאַנען און איך ווער מיט אים וואָס מער חבר. איך קען ווייסמאַנען פון זיינע רעפעראַטן און זיינע מייסטערהאַפטע רעדעס. איך קען אים אויך פון אונדזערע פּערזענלעכע לאַנגע שמועסן און אַביסל פון קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב אים שטודירט ביי שולע מיטינגען

און ביי דערציאונג דיסקוסיעס, און אַלעמאָל האָב איך דעם געפיל, אַז עפּעס איז געבליבן ניט דערזאָגט, עפּעס וואָס איז אַזוי ווי דער קץ וואָס דאַרף נאָך מגולה ווערן. שלמה ווייסמאַן איז אַ מענטש פון אַ זייער הויכן קאַליבער. ער איז אַ מוסמך פון די אַקאַדעמיעס פון יפת און ער נעכטיקט אין די געצעלטן פון שם ועבר. זיין גאַנץ לעבן איז אַ לאַנגע סדרה פון ללמוד וללמד, זיין גאַנץ לעבן לערנט ער מיט זיך און מיט יענעם.

ער גלויבט, אַז ללמוד וללמד איז דער גרויסער עיקר, וואָס פירט צו בינה, און דעריבער טאָר מען קיינמאָל ניט אויפהערן לערנען.

ווייסמאַנס שטרעבן איז, צו זיין דער גרויסער בקי אין אַלע ליטעראַטורן, אויב ניט אין אַלע שפּראַכן; פּאַר דעם פעלט אָבער צייט אין די 24 שעה אַ מעת לעת, אַרבעט ער „אָוווערטאַים". שלמה ווייסמאַן איז זייער יונג געוואָרן „רבי" פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג און ער האָט אַ גרויסע עדה פון חסידים.

פּערציק יאָר האָט ער ווי אַן אמתער רבי געזאָגט תורה צו זיינע חסידים און אַמאָל צו זייטיקע, און מען האָט זיך צו אים צוגעהערט. דורך די פּערציק יאָר האָט ער אַ סך מאָל געמאַכט חידושים אויף דעם שולחן ערוך פון מאָדערנער יידישער דערציאונג, און זיינע חסידים האָבן שטענדיק געגלויבט, אַז וואָס דער רבי טוט, טוען אַלע חסידים.

אָט דעם גרויסן גלויבן אין אים האָט זיך ווייסמאַן דערוואָרבן דורך זיין טיפער ערנסטקייט און גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דערציאונג בכלל און צו דער יידישער דערציאונג בפרט.

די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס שולן זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער אידעאָלאָגיע און פון די קרייזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. אָבער ווי זיי קוקן היינט צו טאָג אויס אין זייער פּעדאַגאָגישן איינשטעל און דערציערישן גאַנג זיינען זיי איינגאַנצן אַ ווערק פון ווייסמאַנס דרך אין דער מאָדערנער דערציאונג.

אַ לעבן לאַנג שלענגלט ער זיין וועג צו דערגרייכן זיין אָנגעצייכנטן ציל און ווען די צייט רופט אַרויס פּראָבלעמען און די געשיכטע שאַפט מכשולים, באַזייטיקט ער זיי מיט זיין פּערזענלעכן איינפלוס און ער שפּאַנט ווייטער אין דער צוקונפט מיט דער זיכערקייט, אַז די ריכטיקע ענטפערס וועלן קומען אין דער ריכטיקער צייט.

ערשט ביי דעם היסטאָרישן אָפּשלוס פון פערציק יאָר אינטענסיווער אַקטיוויטעט, וואָס אונדזער חבר ווייסמאַן האָט בייגעשטייערט צו דער יידישער דערציאונג, סיי ליטעראַריש און סיי פּעדאַגאָגיש, ווילן מיר אַלע האָפן, אַז נאָך שטייענדיק אויפן שפּיץ באַרג וועט ער נאָך ווייטער שאַפן אפשר גרעסערע חידושים אין דער באַנייאונג פון דעם תוכן פון דער יידישער דערציאונג פון דעם מאָדערנעם יידישן מענטשן.

באַגריס איך חבר שלמה ווייסמאַן און איך ווינטש אים אריכת ימים צוזאַמען מיט חנהן, און ביידע צוזאַמען זאָלן זיי האָבן גרויס נחת פון קינדער און קינדס קינדער.

אייער,

יוסף בערמאַן

ערן פּרעזידענט פון די יידישע פאָלקס שולן

ליבער חבר ווייסמאַן:

דאָס איז ניט קיין באַגריסונג לשם העפלעכקייט. נאָר אַן אויסדרוק פון איינעם, וואָס שאַצט געהעריק אָפּ אייער זיך מקדיש זיין איבער פערציק יאָר מיט חלוציותדיקן ברען פאַר דעם אידעאַל פון מאָדערנער יידישער דערציאונג פאַרן יידישן קינד.

נאָר די יעניקע וואָס האָבן געהאַט די זכיה מיטצואַרבעטן מיט אייך אויף דעם געביט קענען געהעריק אָפּשאַצן די איבערגעבנקייט, דעם גלויבן און דעם ווילן וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט ביים ברענגען אין האַרמאָניע אַלטע אידעען מיט נייע פאָרמען, עפּעס וואָס איז בשעתו ניט געווען זייער קיין פּאָפּולערע סחורה.

צומאָל טראַכט זיך, ווי אַנדערש וואָלט אפשר אויסגעזען דאָס בילד פון אונדזערע שולן, ווען דאָס מזל וואָלט מילד געווען כאָטש מיט איין מנין שלמה ווייסמאַנס צעזייט אויפן אַמעריקאַנער שטח. מען וואָלט היינט אפשר ניט געהערט דאָס קלאָגן אויף דער מערכה פונעם וועלטלעכן שול וועזן, וואָס מ׳הערט אַזוי אָפט.

אין יענע צייטן, ווען דער סיסטעם איז טראָץ אַלע באַקאַנטע שטערונגען און שוועריקייטן אויפגעקומען, איז דאָס פעלד איבערהויפּט געווען גאָר ווייניק צעאַקערט; האָט זיך געפאָדערט וויזיע און אָפּפערווויליקייט אַרויפּ־צוגיין אויפן פעלד מיט אַ טראַקטאָר, אַנשטאָט אַ גראָב־אייזן.

האָט מען זיך געאַמפּערט ביי יעדער אסיפה מיט דער באַוואוסטן: „מע דאַרף״, זיך אפילו געשלאָגן חטאתי פאַר פאַרגליווערטער אָפּהענטיקייט. און געבליבן איז מען ביים רעדן.

אייער מוסטער פון אָפּפערווויליקייט האָבן אפשר פילע מקנא געווען. אָבער מיטן אידעאַל פון חלוציזם זיינען צום באַדויערן ווייניק געבענטשט געוואָרן.

חבר ווייסמאַן! איך דריק אייער האַנט מיט חברישער פריינטשאַפט און ווינטש אייך נאָך לאַנגע לאַנגע יאָרן פון שעפערישער טעטיקייט אויף אַלע

אייערע געביטן. און איר זאָלט נאָך זען נחת אין דער יידישער פּראָגרעסיווער דערציאונג, וואָס איר האָט מיט איבער פערציק יאָר צוריק מקדש געווען מיט דער געטריישאַפט פון וארשתיך לי באמונה.

אייער

ישראל כהן

(ערן פּרעזידענט פון די שולן)

ליבער חבר שלמה ווייסמאַן:

ס'איז מיר אַ גרויס פאַרגעניגן אייך צו באַגריסן צו אייער יובילעאום. ווען איך דערמאָן זיך, ווי די לאַגע פון אונדזערע שולן איז געווען ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן מיט אייך, און ווי זי איז היינט, ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, וואָס מיר דאַרפן נאָך אפילו היינט דורכמאַכן, — זע איך ערשט, וואָס פאַר אַ לאַנגן וועג מיר זיינען אָפּגעגאַנגען פון דאַן, און איך קען אָפּשאַצן די גוואַלדיקע באַמיאונגען וואָס איר האָט דורך דער צייט געמאַכט צו דערמוטיקן אונדז, די חברים פון דער פאַר־וואַלטונג, סיי אין אונדזער אַרבעט פאַר דער אויסהאַלטונג פון די שולן, סיי אין די אָנשטרענגונגען ביים אויפשטעלן לייטישע בנינים פאַר אונדזערע קלאַסן. באַזונדערס זיינען דידאַקטיקע באַמיאונגען אייערע אַזוי חשוב ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ווי דער פּרינציפּאַל פון די שולן וואָלט דאָך ניט דאָס געדאַרפט זיין אייער אַרבעט.

באַגריס איך אייך האַרציק און איך ווינטש אייך און אונדז, אַז מיר זאָלן נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרן האָבן די מעגלעכקייט צוזאַמען צו אַרבעטן לטובת דער יידישער דערציאונג פון אונדזערע קינדער.

אייער

משה וואַסערמאַן

(ערן פּרעזידענט פון די פאָלקס שולן)

אַ וואָרט פון אַ נאָענטן מיטאַרבעטער

פון ח. פּריפּשטיין

(פאָרזיצער פונעם דערציאונגס קאָמיטעט)

דאָס יידישע שול וועזן האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג פון צופּאַסונג אין משך פון די פינף און פערציק יאָר עקזיסטענץ אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, סיי בנוגע שפּראַכן, סיי אין שייכות צו איר אידעאָלאָגיע.

שפּראַכלעך. דאָס קינד פון 2־טן און 3־טן דור אימיגראַנטן איז וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעפרעמדט געוואָרן פונם קלאַנג פון דער יידישער שפּראַך. דאָס האָט געצוואונגען די אָנפירער פון די יידישע שולן צוצופּאַסן די מעטאָדן פון דער יידישער שולע צו דער געענדערטער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט.

אידעאָלאָגיש. די אַריבערגעבראַכטע גייסטיקע ווערטן און אידעאישע שטרעבונגען פון דעם שטורעם און דראַנג פּעריאָד פון אָנהויב 20־טן י. ה. אין איראָפּע האָבן זיך אויף דער נייער אַמעריקאַנער באַזע געגומען וואַקלען, ווייל די עקאָנאָמישע איינשטעלונג פון יידישן לעבן האָט זיך גענומען אויסבילדן אין אַן אַנדער ריכטונג: יידן האָבן ביסלעכווייז גענומען איבערגיין צו לייכטערע און מער פּראָפיט־ברענגענדיקע פּרנסות — מיטל־קלאַס און פרייע פּראָפעסיעס.

די סלאָגאַנס: „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה", אָדער „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס" האָבן פאַרלוירן זייער אפילו אונטער די נייע אומ־שטענדן. צופּאַסנדיק זיך צו דער נייער ווירקלעכקייט האָט די יידישע שולע פאַרבויגן איר רעוואָלוציאָנערישקייט און זיך מער איינגעפּעסטיקט אין דער פאָלקסטימלעכקייט פון דעם יידישן אַמאָל. די ווייטגייענדיקע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען צו הגשמה עצמית זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט דער יידישער בויענדיקער ווירקלעכקייט אין ארץ ישראל.

די און אַנדערע טראַנספאָרמאַציעס און צופּאַסונגען פון יידישן שול־וועזן האָבן געפאָדערט פון די אָנפירער וואַכזאַמקייט, רירעוודיקייט פון געדאַנק, איינגעוואָרצלטקייט אין דער יידישער טראַדיציע, שטאַרקע באַ־האוונטקייט מיט די פילאָסאָפישע שטרעמונגען אין משך פון דער יידישער געשיכטע און טיפן גלויבן אין דער וויכטיקייט פון דער יידישער דערציאונג פאַר אונדזער המשך. און ועל כולם האָבן די אָנפירער געדאַרפט באַזיצן גייסטיקן מוט, געוואַגטקייט און עקשנות כדי אויפצוכאַפּן דאָס קערנדיקע פון דעם ניי געשאַפענעם יידישן לעבנס שטייגער און דערביי ניט פאַרפלייצט ווערן פון די שוימען וואָס דאָס פליסנדיקע יידישע אימיגראַנטישע לעבן האָט אויפגעברויזט.

איינער פון די עמודי האש פאַר דערדאָזיקער באַנייאונג פון יידישן שול־וועזן איז שלמה וויסמאַן, וועמענס איינפלוס גייט ווייט אַריבער די גרעניצן פון אונדזער שטאָט און לאַנד. איך האָב געהאַט די זכיה מיטצו־אַרבעטן מיט ש. וויסמאַן סיי אַלס לערער, סיי אַלס שול־טוער, און ווי דער פאָרזיצער פון דערציאונגס־קאָמיטעט ביי די יידישע פאָלקס־שולן. איך האָב אַלע מאָל געפילט דעם „משכמו ומעלה" פון שלמה וויסמאַן, ווען גורלדיקע אויפגאַבן, אָדער אידעאָלאָגישע שקלא וטריאס זיינען געשטאַנען פאַר די פאָלקס־שולן. לערעריי איז ביי אים ניט קיין קרדום לחפור בה, דאָס איז ביי אים אַן עבודת־הקודש, צו וועלכער ער גייט צו בדחילו ורחימו. זיין

באַציאונג צו חברים לערער איז שטענדיק געווען מיט טיפער אַכטונג און חברישקייט ווי צו מיטקעמפער, מיט זיין ביישפיל האָט ער שטענדיק געוועקט צו גרעסערער דערגרייכונג און דערהויבונג.

איצט, ווען מיר פייערן מיט שלמה וויסמאַן זיין 40 יעריקן יובל פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אויפן געביט פון יידיש נאַציאָנאַלן חינוך, וויל איך אים זאָגן: לך בכוחך זה, גייט אָן, חבר וויסמאַן, מיט דער הייליקער אַרבעט, און מיר וועלן שטיין ביי אייער זייט מיטצוהעלפן אין פאַרצווייגן דעם יידישן חינוך און פאַרשטאַרקן די פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

אַ באַגריסונג און אַ וואונטש

איך בין מער ווי צופרידן מיט דער געלעגנהייט אייך צו באַגריסן, מיין טייערער חבר שלמה וויסמאַן, צו אייער יובילעאום פון פערציק יאָר אָנפירן מיט אונדזערע שולן.

דאָס האָבן די מעגלעכקייט צו באַגריסן אַ מענטשן, אַ נאָענטן מענטשן, נאָך זיין אָפּגעבן פערציק יאָר פון אויפריכטיקער און איבערגעבענער אַרבעט פאַרן וואוילזיין פון די יידישע פאָלקס שולן לטובת דער דערציאונג פון יידישע קינדער, — דאָס איז פאַר מיר אַ באַזונדער גליק, אַ טיפע פערזענלעכע איבערלעבונג.

געזונט זאָלט איר זיין, שלמה, און לאָמיך זוכה זיין צו אַרבעטן מיט אייך נאָך פאַר לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

אייער

חיים מרדכי דעקלבוים
(ערן פרעזידענט פון די שולן)

ליבער חבר ש. דונסקי:

עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך דאַרף אייך שרייבן אָט דעם בריוו. אנשטאָט אַ בריוו וואָלט איך אייך איצט געדאַרפט שיקן אַן אַרטיקל פאַר דעם זאַמל־בוך וואָס די פאָלקס שולן גיבן אַרויס לכבוד חבר ש. וויסמאַנס פערציק יאָריקן יובילעאום אַלס פרינציפּאַל פון די שולן.

אַז איך האָב געוואָלט, און שטאַרק געוואָלט זיך באַטייליקן אין דעם בוך, דאַרף איך אייך ניט זאָגן. ערשטנס, איז דאָס אַ ספּעציעלע געלעגנהייט אויסצודריקן מיין חברשאַפט און גרויסע פאַרערונג פון חבר וויסמאַן; צווייטנס וואָלט זיך וועלן האָבן אַ וואָרט ביי אַזאַ געלעגנהייט. נו האָט אָבער דער אויבערשטער באַשטימט אַנדערש, ער האָט שוין זיינע וועגן

ווי אַזוי, און מיט מיין גאַנצן ווילן קאָן איך עס ניט טאָן. מוז איך זיך באַגנוגענען מיט מיין האַרציקער באַגריסונג און בעסטע וואונטשן צו חבר ווייסמאַן ביי דעם זייער וויכטיקן יום־טוב פון דערגרייכונגען אין זיין לעבן, און מיט אָנערקענונג צו די חברים, וואָס זיינען זיך מתעסק מיט צוגרייטן און אַרויסגעבן דאָס בוך.

מיט בעסטע גרוסן, אייער

ש. שאַפּירא.

(געוועזענער פּאַרזיצער פון צענטראַלן
שולן קאָמיטעט, ניו יאָרק)

געדענקט איז ער געווען, ניט איך — — —

(25 יאָר מיט שלמה ווייסמאַן)

פון נח זינגמאַן

(געוועזענער סעקרעטאַר פון די מאָנטרעאָלער פאָלקס שולן)

גוט האָט געטאָן די רעדאַקציע פון דעם יובל בוך, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו שרייבן אַן אַרטיקל פאַרן שלמה ווייסמאַן בוך, ווייל אין משך פון די 25 יאָר וואָס איך בין געווען פאַרבונדן מיט די מאָנטרעאָלער פאָלקס שולן, האָט קיינער ניט פאַרבראַכט אַזויפיל צייט מיט חבר ווייסמאַנען ביי די פאַרשיידענע פאַזן פון דער פאָלקס שולן אַרבעט ווי איך. און ווייל אַנדערע, דערצו באַרופענע, וועלן אין דעם בוך שרייבן וועגן דעם בעל־היובלס גרויסע ערודיציע, וועגן זיינע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, וועל איך זיך דערלויבן צו שרייבן אין אַ מער פּערזענלעכן טאָן.

„עס וועט ניט אויסהאַלטן". מיט דעם פּסק־דין האָב איך זיך אַרומגעטראָגן אַ לענגערע צייט, פון דעם ערשטן טאָג אָן, מיט 30 יאָר צוריק, ווען איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון 3885 סעינט אורביין גאַס, וואו די פאָלקס שולע איז דאַן געווען. און וואָס נעענטער כ'האָב זיך באַקענט מיט דער פאַרצווייגטער שולן אַקטיוויטעט, אַלץ מער בין איך געוואָרן איבערצייגט, אַז — „ס'וועט ניט אויסהאַלטן".

יאָ, איך בין געווען איבערצייגט, אַז ס'וועט ניט אויסהאַלטן, און נאָך מער בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל זיך קיין סך ניט האַלטן ביי דער פאָלקס שולע. ווייל אין אַ באַשטימטן זין, בין איך שוין אויך געוואָרן אַ שטילער קעגנער פון די פאָלקס שולן, און, פאַרשטייט זיך, נאָך מער, אַ

קעגנער פון דעם „הויפּט שולדיקן״, דעם פּרינציפּאַל פון די פֿאָלקס שולן, דעם היינטיקן בעל היובל, חבר שלמה ווייסמאַן.

און אַט אַזוי אַ, קעגנעריש געשטימט האָב איך צו ביסלעך, טאָקע צו ביסלעך, אָנגעהויבן אַרבעטן געטריי פֿאַר די פֿאָלקס שולן. געאַרבעט און זיך געוואונדערט, און זיך געפֿרעגט, — ווי לאַנג וועט די פֿאָלקס שולע קאָנען אָנגיין, מיט אַ בודזשעט וואָס וואַקסט פון יאָר צו יאָר, מיט עלטערן וואָס צאָלן שכר־לימוד אַלץ ווייניקער פון יאָר צו יאָר, מיט קינדער וואָס ווילן ניט לערנען, מיט אַ באַנק וואָס וויל ניט באָרגן קיין געלט אויף אויס־צוצאָלן שכירות צו די לערער, און מיט לערער וואָס חלומען פון אַנדערע פּראָפֿעסיעס.

נאָך מער האָב איך זיך אָנגעהויבן וואונדערן אויף ח׳ ווייסמאַנען. ווי קאָן אַ מענטש אַוועקגעבן אַזויפֿיל צייט, טעג און נעכט, מיט אַזויפֿיל ענערגיע, מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט און אַזאַ עקשנות אויף אַן ענין וואָס „וועט ניט אויסהאַלטן״? ווי קאָן אַ מענטש טאָג איין — טאָג אויס אַריינ־קומען דער ערשטער אין שולע און אַוועקגיין דער לעצטער און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיין צוריק אויף אַ מיטינג, וואָס האָט זיך אָפֿט פֿאַרצויגן ביז 1—2 אַזייגער ביינאַכט?

ווי האָט געקאָנט אַ מענטש האַלטן אַזאַ איבערצייגנדיקע רעדע ביי אַ מיטינג פון דירעקטאָרן ראַט וועגן דער „אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט״ צו פֿאַרגרעסערן די איינגאַמע פון שכר־לימוד און אַז מע טאָר ניט האַלטן אין שולע די קינדער וועמענס עלטערן זיינען ביכולת צו צאָלען פֿאַר זיי און זיי צאָלן ניט, — און באַלד אויף מאָרגן, ווען כ׳האָב צוגעשטעלט אַ רשימה פון אַט אַזעלכע עלטערן, האָט ער איינגעשטימט „אין פּרינציפּ״, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו יעדן פֿאַל באַזונדער, האָט ער אין יעדן, טאָקע אין יעדן פֿאַל, געפֿונען אַן אַנדער תירוץ, פֿאַרוואָס מע קען אַזאַ קינד ניט אַרויסשיקן?!

ווי האָט געקענט אַ מענטש זיצן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג מיט 3 לערער פון אַ קלאַס זיך דורכרעדן וועגן די פּאָר שוואַכע תלמידים אין דעם באַטרעפֿנדן קלאַס און וועגן איינעם באַשליסן, אַז מ׳מוז אים אַרויסשיקן פון דעם קלאַס, ווייל זיין אויפֿפֿירונג איז שוידערלעך, ער שטערט דעם קלאַס און ס׳איז פּשוט אַ געפֿאַר אים צו האַלטן אין שולע, און — אויף מאָרגן אין דער פֿרי זאָל ח׳ ווייסמאַן אַריינקומען צו מיר אין אָפֿיס זיך דורכרעדן וועגן קאַמפּיין, וועגן באַנקעט און וועגן גאַסט רעדנער פון ניו יאָרק וואָס דאַרף באַלד אָנקומען און מ׳דאַרף אים פֿאַרן מקבל פּנים זיין, און אין מיטן דערינען, כלאחר יד, מיך געבן אַ פֿרעג: זאָגט נאָר, ח׳ זינגמאַן, וויפֿיל קריגט איר שכר־לימוד פֿאַר דעם בחור שמואליק פון קלאַס 4? און אַז איך ענטפֿער אים, אַז מיר קריגן גאָרניט, ווייל ער וואוינט ביי אַ מומע, קיין מוטער איז נישטאָ, און זיין פֿאָטער קען איך קיינמאָל

ניט קריגן, ווייל ער האָט אַ גרויסע סטאָר ערגעץ אין אַ קאַונטרי, — זאָל ח׳ ווייסמאַן איבערלאָזן מיך מיטן קאַמפּיין, מיטן באַנקעט און מיטן גאַסט רעדנער, און גיין אויפזוכן די דריי לערער פון קלאַס 4, און איינטענהן מיט זיי מיט גוטן און מיט בייזן, אַז מ׳קען דעם בחורעץ בשום אופן ניט אַרויס־שיקן פון שולע, ווייל ער קען נאָך אַרויסגיין לתרבות רעה!

ווי האָט געקענט אַ מענטש אָפּזיצן אַ גאַנצן אינדערפרי מיט מיר און מיטן אַקאַונטענט, איבערקוקן דעם פינאַנציעלן רעפּאָרט וואָס ווערט צוגע־גרייט צו דער יערלעכער פאַרזאַמלונג, קומען צום טרויעריקן באַשלוס, אַז מיר זיינען באַנקראָט און אַז מ׳וועט מוזן שניידן די אויסגאָבן ביזן ביין, אויב מ׳האָט בדעה צו פאַרענדיקן דאָס יאָר, און דאַן קומען צו דער יערלעכער פאַרזאַמלונג מיט אַ שפּאָגל נייעם פאַרשלאָג, אַז — מען מוז פאַרבעסערן דעם מצב פון דעם יידישן לערער, מע דאַרף זיי צאָלן מענטשלעכע שכרות, א. א. וו.!

איך געדענק דאָס זייער גוט, ווייל באַלד נאָך יענעם פאַרשלאָג ביי דער יערלעכער פאַרזאַמלונג האָב איך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ שיינער פאַרשלאָג און „דאַמיט פאַסירט״. אָבער ניט ביי ח׳ ווייסמאַנען. ער האָט פון דאַן אָן ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדן מיטינג און פּריוואַט, געטענהט און איינ־געטענהט, אַז ניט קוקנדיק אויף די אַלע נויטן און פינאַנציעלע שוועריקייטן און אויף אַלע אַנדערע פּורעניותן פון אַ יידישער לערן־אינסטיטוציע, מוזן די שכירות פון די לערער שטיין אויף אַ געהעריקער הויך, וואָס זאָל פאַר־שטאַרקן די ווערדע פונעם יידישן לערער.

צו ביסלעך, צו ביסלעך, האָב איך זיך „געכאַפּט״, אַז ח׳ ווייסמאַן גייט אָן, בהדרגה׳דיק, עקשנותדיק און סיסטעמאַטיש, מיט דער באַפעס־טיקונג און צעמענטירונג פון אַן אייגנאַרטיקן בנין — יידישע דערציאונג.

און אַזוי איז מיין וואונדערן זיך צוביסלעך איבערגעגאַנגען אין אַ באַוואונדערונג — דאָס באַוואונדערן אַ מענטשן וואָס פאַרמאָגט אַלע נויטיקע אַטריבוטן צו זיין דער אַרכיטעקט פון מאָדערנער יידישער דערציאונג, און פאַרמאָגט נאָך דערצו אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס בלויז יחידי סגולה זיינען געבענטשט מיט זיי.

דערצו האָב איך „זיך געכאַפּט״, אַז ח׳ ווייסמאַן האָט אויך אַ פענאָ־מענאַלן זכרון. און אַז איך האָב געדאַרפט עמיצנס אַ טעלעפאָן, האָב איך ניט געזוכט מער אין טעלעפאָן בוך, נאָר געפרעגט ווייסמאַנען. דער טעלעפאָן בוך קאָן נאָך אַמאָל מאַכן אַ טעות, אָבער ניט ח׳ ווייסמאַן.

איך ווייס אָבער ניט פון נאָך איינעם, וואָס זאָל זיך אַזוי ווייניק פאַר־לאָזן אויפן זכרון ווי ח׳ ווייסמאַן. צי האָט ער געדאַרפט גיין אין אָוונט געבן אַ לעקציע, אָדער בלויז באַגריסן אַ גאַסט רעדנער, צי האָט ער באַדאַרפט איבערנעמען אַ לערערס אַ קלאַס, אָדער אָפּגעבן אַ שטיקל באַריכט ביים עלטערן פאַראיין, — ער האָט זיך געגרייט דערצו ווי צו אַן עקזאַמען,

און כ'האָב „געוואוסט", אַז וואָס פאַר אַ פּרטים ער האָט אָנגעגעבן ביי דער לעקציע וועגן אַ היסטאָרישער פּערזאָן, אָדער דאַטעס און אינפאָרמאַציע וועגן געשעענישן, אָדער אַ פּסוק בשם אומרו, איז דאָס געווען הונדערט פּראָצענט.

אַרבעטנדיק מיט ה' ווייסמאַנען די אַלע יאָרן האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט טביעת עין של תלמיד חכם. ניט נאָר באַנעמט ער מיט איין־קוק דעם תוכן פון אַ טיפן ענין, אָדער געפינט שנעל אַ לייזונג צו אַ שווערן פּראָבלעם, — ער קאָן אויך אָפט, מיט אַ וואָרט אָדער צוויי, כאַראַקטעריזירן אַ נייעם טוער וואָס איז אונדז צוגעקומען, אָדער אַ מיטגליד פון עלטערן פאַראיין.

כ'געדענק, ווי איינמאָל רופט מיך אַריין ה' ווייסמאַן אין אָפיס און שלאָגט מיר פאָר, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט אַ געוויסן פאָטער פון שולע און אים צוציען אַלס טוער אין דירעקטאָרן ראָט. ווען איך האָב דערהערט דעם נאָמען, האָב איך זיך געטראַכט: נו, דאָס מאָל האָט איך אים (ה' ווייסמאַנען) „געפאַקט", ווייל דער באַטרעפנדער מענטש (ער איז שוין אויפן עולם האמת), כאָטש ער איז די לעצטע צייטן באַגליקט געוואָרן, האָט ער אָבער אַלץ געצאָלט שכר־לימוד אויפן שפּיץ מעסער, און דאָס ביסל וואָס ער האָט געצאָלט האָט מען געדאַרפט גיין 10—12 מאָל ביז מע האָט אַרויס־געקראָגן אַ פּאָר דאָלאַר און בכלל איז זיין באַציאונג צו דער שולע געווען, מילד גערעדט, זייער ניט קיין פיינע. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם יידן פיינט געהאַט בתכלית השנאה און האָב דערפאַר געוואוסט, אַז ה' ווייס־מאַנס השערה איז אַ ברכה לבטלה. בכדי צופרידנצושטעלן ה' ווייסמאַנען בין איך אַוועק צו דעם יידן, געניצט מיין בעסטן אָראַטאָרישן טאַלאַנט צו פאַראינטערעסירן אים, ער זאָל זיך אָנשליסן אין אונדזער דירעקטאָרן ראָט און דערביי זיך געטראַכט: „אפשר בזכות זה, וועט מען בלויז דאַרפן גיין צו אים אַכט מאָל, אַנשטאָט צען אָדער צוועלף מאָל איידער מע וועט אַרויסקריגן ביי אים די צוויי טאָלער שכר לימוד. דער ייד האָט מיך זייער שיין אויסגעהערט, אָבער זייער ניט שיין זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך טריאומפירנדיק אומגעקערט אין שולע איבערצוגעבן ה' ווייסמאַנען וועגן דעם „דערפאָלג" פון מיין מיסיע, האָבנדיק דערביי אַ שטיקל „נקמה" אין אים. ה' ווייסמאַן האָט אויסגעהערט מיין באַריכט און זיך אָנגערופן צו מיר: „נו, נו, ה' זינגמאַן, כאָטש אַזוי, שיקט אים בריוו צו די דירעקטאָרן־ראָט מיטינגען". בקיצור, מיר האָבן אים געשיקט בריוו, און ער איז ניט געקומען. אַזוי זיינען אַריבער עטלעכע מאָנאַטן און דער מאַן קומט ניט. זאָג איך דעם מיידל אין אָפיס, אַז זי זאָל אַראָפּנעמען זיין נאָמען פון דער ליסט און מער ניט שיקן אים קיין בריוו וועגן מיטינגען. — מ'דאַרף נאָך אויסגעבן סטעמפּס אויף אים? זאָגט מיר דאָס מיידל, ס'איז שוין צו שפּעט פאַר דעם קומענדיקן מיטינג, ווייל די בריוו זיינען שוין אַרויס־

געשיקט געוואָרן. זאָג איך: נו, פאַרפאַלן, אַרויסגעוואָרפן נאָך 2 סענט, אָבער מער ניט!

ביי דעם קומענדיקן מיטינג, מ׳האָלט שוין אין מיטן, איך גיב אַ קוק, — דער מאַן שאַרט זיך אַריין, זיצט אָפּ אַ 10 מינוט און רוקט זיך צוריק אַרויס. ביים צווייטן מיטינג — ער איז ווידער דאָ און זיצט שוין אויס ביזן סוף. דער סוף איז געווען, אַז דער ייד איז געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע חברים אין דירעקטאָרן־ראַט, איינער פון די גרעסערע ביישטייערער, און האָט אַממערסטנס בייגעטראָגן (געלט, צייט און ענערגיע) צו דער ערשטער אייגן־אויפגעבויטער פאָלקס־שולע געביידע אויף וויוועריי גאַס און פּערמאָונט.

אַזוי איז עס געווען אין אַ סך פאַלן, ביז איך בין צוביסלעך געקומען צום באַשלוס, אַז: געגרעכט איז ה׳ וויסמאַן, ניט איך.

און די אַלע אייגנשאַפטן, און נאָך אַ סך אַנדערע, ניט אויסגערעכנטע, האָט דער בעל היובל געניצט נאָר אויף איין צוועק: סיסטעמאַטיש צו פאַרשטאַרקן, פאַרטיפן, פאַרשענערן און אויסברייטערן דעם בנין פון מאָדערנער יידישער דערציאונג.

באַגריס איך איצט האַרציק דעם בעל־יובל, חבר שלמה וויסמאַן, צו זיינע 40 יאָר מיט די יידישע פאָלקס שולן אַלס פּרינציפּאַל, פּעדאַגאָג, גייסטיקער פירער און וועג־ווייזער. און די חברות און חברים טוער פון די פאָלקס שולן באַגריס איך צו דעם גרויסן זכות וואָס זיי האָבן געהאַט (און וועלן האָבן, ווי מיר האָפן, אויך אויף ווייטער) צו שטיין די אַלע יאָרן אונטער חבר וויסמאַנס השפעה און געניסן פון זיינע פּילזייטיקע גענ׳אַלע אייגנשאַפטן מיט וועלכע ער איז באַשאָנקען.

אָפּרופן פון שול גראַדואירטע

פון דער רעדאַקציע: מיר האָבן זיך געווענדט צו אַ צאָל גראַדואירטע פון די פאָלקס שולן מיט אַ פראַגע בויגן וועגן זייערע איינדרוקן און זכרונות פון דער צייט פון זייער לערנען ביי לערער וויסמאַן און אונטער זיין אויפזיכט.

זעקס פון די ענטפערס וואָס מיר האָבן באַקומען דרוקן מיר דאָ אָפּ, ווייל זיי דריקן אויס די הויפּט מאָמענטן און שטימונגען פון אַלע אָפּרופן.

1. אַ פּאָר בלימעלעך פאַר לערער וויסמאַנען

דערלויבט מיר צוטראָגן מיינע באַשיידענע בלימעלעך צום קאָלירפולן בוקעט, וואָס ווערט היינט צוגעטראָגן צו לערער ש. וויסמאַן צו זיין גרויסן יום טוב פון פערציק יאָר אומדערמידלעכע פּיאָנערן אַרבעט פאַר יידישער דערציאונג דאָ אין מאָנטרעאַל; — פערציק יאָר פון צינדן דעם נר תמיד אין די הערצער פון הונדערטער יידישע קינדער, כדי דאָס שטראַלנדיקע

ליכט פון יידישער קולטור זאָל זיי באַגלייטן אויף זייער לעבנסוועג און זיי העלפן אויסוואַקסן באַוואוסטזיניקע יידישע זין און טעכטער.

לאָמיר אויף אַ ווײַלע אַ מיש טאָן די בלעטער פונ׳ם לוח.

מאָנטרעאל 1921. די יידישע גאַס איז יונג. ברויזט מיט ענערגיע. די פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענץ געפינט אַ פרוכטבאַרן באָדן אונטער זיך. מען בויט יידישע שולן, ביבליאָטעקן, יידישע כאָרן. מען שפּילט יידיש טעאַטער. פּועלי ציון — צעירי ציון לאָזן הערן זייער וואָרט — און באַגייסטערן מיטן אידעאַל פון חלוציזם אין ישראל און אַ געזונט יידיש לעבן דאָ. רעכטע און לינקע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען זיינען אַקטיוו. יידישע אַרבעטער יוניאָנס זיינען אין מיטן קאַמף פאַר אַ בעסערן מצב פאַרן יידישן אַרבעטער. מאס־מיטינגען, לעקציעס, קאָנצערטן ברענגען אַריין גייסטיקע דערהויבונג דעם יידישן פאָלקס מענטש.

לאָמיר אַריין אין דער באַשיידענער געביידע פון דער יידישער פאָלקס שולע, אויף סט. אורביין גאַס. קליינע חדרימלעך, אָבער איר פילט זיך גלייך היימיש און אָנגענעם.

פון די ווענט קוקן אַראָפּ בילדער פון יידישע שרייבער. שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע, ביאַליק, רייזען, שלום אַש, שניאור און אַנדערע. זיי שמייכלען מיט, אַזאַ ליבע צו די קינדער און די קינדער ענטפערן זיי מיט די זעלבע בליקן, זיי קענען די יידישע שרייבער דורך זייערע האַרציקע מעשהלעך און לידער. אַלע פילן זיך היימיש. דאָס יידישע וואָרט קלינגט אין אַלע ווינקעלעך.

די לערער און קינדער זיינען ביי זיך אין דער היים. זאָל זיין די צווייטע היים. ס׳איז מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.

מיר די ראשונים האָבן געהאַט די זכיה צו האָבן לערער ווייסמאַנען פאַר אונדזער הויפּט לערער. מיר זיינען אַלעמאָל געווען אויפמערקזאַם, ווייל ס׳איז געווען וואָס צו הערן. צי דאָס איז געווען אַ קאַפּיטל תנ״ך, אגדה, צי ליטעראַטור, ער האָט גענומען צו הילף מפרשים, ביבל און ליטעראַטור קריטיקער, — אַלע שעפערישע קוואַלן זיינען געווען אָפן פאַר אונדז, און דער עיקר: זיין פּערזענלעכער מאַגנעטישער צוגאַנג ווי אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג. דאָס גלעקל האָט געקלונגען, אָבער לערער און תלמיד זיינען זיך דאָ ניט צעגאַנגען. מען איז געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר צום שלום עליכם בערגל, אָדער גלאַט אויף אַ שפּאַציר אויף די בערג מיטן רבין, געשמועסט און געזונגען פאָלקס לידער.

אַז מען האָט אַראַנזשירט אין שטאָט לעקציעס מיט דר. י. קויפמאַן, חיים גרינבערג, ח. זשיטלאָווסקי, בערל לאָקער, ברוך צוקערמאַן און אַנדערע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, האָט ווייסמאַן מיטגענומען זיינע תלמידים, — זאָלן זיי הערן און הנאה האָבן פונעם ליכט פון די תלמידי חכמים.

איז געווען ערגעץ אין שטאָט אַ גוטע טעאַטער פאָרשטעלונג, צי

דאָס איז געווען „גרינע פעלדער״, „דער דיבוק״, „טביה דער מילכיקער״, „קידוש השם״, „פיר גינט״, אָדער „אַלד ענגליש״, זיינען מיר אַלע דאָרט געווען און דער יום טוב אין טעאַטער און דער רושם נאָך די פאָרשטעלונגען איז געווען גרויס. די גרויסע קינסטלער און די טיפן וואָס זיי האָבן געשאַפן האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

און אַז מען האָט געשפּילט סימפאָנישע קאָנצערטן אָדער — גרויסע וועלט קינסטלער האָבן גאַסטראָלירט, זיינען מיר אויך געגאַנגען צוזאַמען. דער טעם פון יענע שיינע, וואונדערלעכע איבערלעבונגען באַגלייטן אונדז עד היום.

ועל כולם די פּרייטיק צו נאַכטסן ביי די ווייסמאַנס אין הויז. יענע עכטע עונג־שבתים. שיין און ליכטיק איז דאָרט אַלע מאָל געווען. די בילדער אויף די ווענט און די שראַנקען ספרים האָבן געשאַפן די גייסטיקע אַטמאָספערע פאַר אונדז. אויסגעפּוצטע, און שבת־אָנגעטאָנענע זיינען מיר געקומען זיך מתיחד זיין מיט אַ יידיש וואָרט פון תורה און פאַרציען אַ חסידישן אָדער פאָלקס ניגון. מיר האָבן געקראָגן אַ תיקון. נאָך אַזעלכע אָוונטן האָבן די שפּאַצירן געהאַט אַ באַזונדער טעם.

די שלום עליכם קלובן און לייען קרייזן זיינען געווען אַן אינטעגראַלער טייל פונ׳ם שול לעבן, און לערער ווייסמאַן איז געווען אין צענטער צו סטימולירן די אַקטיוויטעטן. די סביבה האָט צעמענטירט אַ משפּחהדיקע נאָענטקייט.

אַלע געוועזענע און איצטיקע תלמידים טראָגן אייך אַנטקעגן די גרויסע דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג און ווינטשן אייך און חברה ווייסמאַן אריכת ימים, געזונט, פרייד און נאָך גרעסערע, שעפערישע דערגרייכונגען.

יחיאל שיינבלום
(לערער אין די שולן)

2. אַביסל זכרונות פון דער מיטל־שול און העכערע קורסן אין די יידישע פאָלקס שולן

די יאָרן וואָס איך האָב פאַרבראַכט לערנענדיק אין דער מיטל־שול און העכערע קורסן האָבן אויסקריסטאַליזירט אין מיר מיין צוגאַנג צום יידישן לעבן, מיין באַציאונג צו דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און באַפעסטיקט מיין באַוואוסטזיניקן זיכערן גאַנג אין לעבן.

האָבנדיק אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו לערנען אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, האָב איך דאָס געקענט באַפרידיקן דורך מיין לערנען אין די פאָלקס שולן, וואָס ס׳איז געווען נישט צוליב קאַריערע, נאָר לשמה.

דאָס פאַרטיפן זיך אין דער יידישער געשיכטע, דאָס באַקענען זיך

גרינטלעך מיט דער יידישער ליטעראַטור, און טיילווייז מיט דער העבּ־רעאישער, האָט אויסגעבּרייטערט מיינע האָריזאָנטן און באַרייכערט מיין גייסטיק לעבּן.

די אידעאַלן פון אונדזער פאָלק האָב איך אַרויסגענומען פון לערנען יידישע געשיכטע און תנ״ך, ספּעציעל די נביאים. די סאָציאַלע לימודים וואָס מיר האָבּן געלערנט, האָבּן געהאָלפן צו פאַרשטיין און באַנעמען טיפער סיי געשיכטע, סיי תנ״ך.

די לערערס וואָס האָבּן אונדז געלערנט האָבּן פאַרפלאַנצט אין אונדז אַ גוטע באַציאונג און אַ שטאַרקן ווילן צו פאַרטיפן זיך אין די לימודים און צו וועלן לערנען וואָס מער.

לערער ש. ווייסמאַן, וואָס האָט אונדז געלערנט ליטעראַטור, געשיכטע און תנ״ך, האָט צוגעטראָגן דעם גרעסטן חלק צו אונדזער אינספּיראַציע און אַנטוויקלונג. יעדע לעקציע איז געווען אַ יום טוב. מען איז צו יעדער צייט גרייט געווען צו לערנען אַ פּאָר שעה מער, צי דאָס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט אָדער שבת פרי, וואָס ס׳איז נישט געווען לויט דעם באַשטימטן פּראָגראַם, כדי צו באַפרידיקן די אויפגעוועקטע נייגעריקייט צו וויסן און צו לערנען.

לערנען אַחד העם איז נישט אַריינגעגאַנגען אין פּראָגראַם פון אונדזערע לימודים; איז לערער ווייסמאַן געווען מוכן ומזומן דאָס צו לערנען מיט אונדז פרייטיק־צו־נאַכטס אָדער שבת פרי.

מען האָט נישט געקענט לערנען אַלץ פון דער יידישער ליטעראַטור אין קלאַס; האָט מען זיך געטראָפן יעדן פרייטיק אָוונט ביי לערער ווייסמאַן אין הויז, וואו מען האָט געלייענט און דיסקוטירט פאַרשיידענע ליטעראַרישע ווערק.

דער שלום עליכם קלוב (אַ קלוב פאַר די תלמידים פון מיטל שול און די העכערע קורסן), וואו מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען יעדן זונטיק נאָך מיטאָג, האָט אונדז געגעבן נאָך אַ פּלאַטפאָרם צו דיסקוטירן סאָציאַלע פּראָבּלעמען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. עס האָט אונדז געגעבן נאָך אַ געלעגנהייט צו קענען אויסדריקן אונדזערע מיינונגען אויפן בעסטן אופן, אַ חוץ זיך אויסלעבן חבריש.

איך דערמאָן זיך איצט אָן אַ דעבּאַטע פון שלום עליכם קלוב, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט. די טעמע האָט געדאַרפט זיין אָן ערך אַזוי: „ווי אַזוי דאַרפן געפייערט ווערן יידישע יום טובים אויף אַ מאָדערנעם אופן״. דאָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון לערנען און הערן ד״ר חיים זשיטלאָווסקין. די דעבּאַטע איז דורכגעפירט געוואָרן ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון די שול־טוערס. עס האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי אַלעמען.

דאָס חבֿרישע צוזאַמענלעבן צווישן די לערערס און תּלמידים איז געווען דער יסוד פֿון דער צוגעבונדנקייט פֿון די תּלמידים צו דער שול און זייער איבערגעבנקייט צום לערנען. די שול איז געווען אונדזער צווייטע היים און אפֿשר די ערשטע. מיר האָבן, דאַכט זיך, פֿאַרבראַכט מער וואָכיקע שעהן אין שולע, ווי אין דער היים.

אונדזער געזעלשאַפֿטלעך לעבן איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דער שול און מיט די לערערס. מיר זײַנען געגאַנגען אין איינעם מיט די לערערס אין טעאַטער, צי דאָס איז געווען יידיש אָדער ענגליש טעאַטער, צו רעפֿעראַטן און אפֿילו סתּם שפּאַצירן. שפּעטער האָט מען דיסקוטירט אין קלאַס אָדער אין קלוב אַלץ וואָס מען האָט געזען און געהערט. דאָס האָט געשאַפֿן אַזאַ מין צוגעבונדנקייט צו דער שול, וואָס איז אומפֿאַרגעסלעך.

מיר האָבן אַ לענגערע צייט שטודירט ה. לייוויקס פּאָעזיע. די מיסטישקייט פֿון זײַן פּאָעזיע איז נישט געווען אַזוי לײַכט צו פֿאַרשטיין. מיר האָבן זיך געשאַפֿן פֿאַרשיידענע פֿאַרשטעלונגען און באַגריפֿן וועגן דעם מיסטישן פּאָעט לייוויק. ענדלעך האָבן מיר געהערט, אַז די יידישע פֿאָלקס ביבליאָטעק האָט פֿאַרבעטן לייוויקן אויפֿצוטרעטן אויף אַן אָוונט אין מאָנטרעאָל. די ידיעה איז פֿאַר אונדז, תּלמידים פֿון די העכערע קורסן, געווען עפּעס אַזאַ מין גליקלעכע געלעגנהייט, אַז מיר האָבן טעג און וואָכן נישט אויפֿגעהערט רעדן וועגן דעם און זיך גרייטן צו באַגעגענען דעם גרויסן פּאָעט לייוויק. דער גאַנצער קלאַס צוזאַמען מיט די לערערס זײַנען געגאַנגען הערן לייוויקן, אויף וועלכן מען האָט אַרויסגעקוקט מיט גרויס יראת הכּבֿוד.

איך דערמאָן זיך, ווי אײן שבת אָוונט איז אונדזער גאַנצער קלאַס אין איינעם מיט לערער ווייסמאַן געגאַנגען אין יידישן טעאַטער צו זען שפּילן דעם קינסטלער בן עמי אין פּרץ הירשביינס דראַמע „די גרינע פֿעלדער״. אויפֿן צווייטן טאָג, זונטיק אין דער פֿרי, האָט לערער ווייסמאַן פֿאַרבעטן בן עמין צו אונדז אין קלאַס. אין זײַן געגנוואַרט האָבן מיר דיסקוטירט סיי די דראַמע, סיי דאָס שפּילן פֿון די אַקטיאָרן. שפּעטער האָט ער געגעבן זײַן באַלייכטונג פֿון דער גאַנצער אויפֿפֿירונג.

די אַלע אויבן דערמאָנטע דערגרייכונגען זײַנען מעגלעך געווען אַ דאַנק דעם, וואָס מיר אַלע, תּלמידים און לערערס, זײַנען געווען ווי איין משפּחה.

דאָס זײַנען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן פֿון אונדזער לערנען איבער פֿינף יאָר אין מיטל־שול און אין די העכערע קורסן.

גיטל גערשאָנאָוויטש (מאָנטרעאָל)

3. ליכטיקע מאָמענטן

ס׳איז ניט קיין גרינגער ענין צו פּרובירן פאַרבינדן רעם נעכטן מיטן היינט, טאָקע צוליב דעם, וואָס דער נעכטן איז אַזוי אַנגעפּיקעוועט מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע זכרונות פון גייסטרייכע און פריידיקע איבערלעבונגען, — איבערלעבונגען וואָס האָבן אַנגעזעטיקט אונדזער גייסט, באַרייכערט אונדזערע מחשבות און פאַרכישופט אונדזערע הערצער, און אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע אונדז געמאַכט פליען צוריק צו אונדזערע אבות, צו אונדזער לאַנד און צום יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט אין זיין לייד און פרייד.

באַמי איך זיך און ווענד מיין בליק אויף צוריק, און עס ווערט אַזוי געמיטלעך און וואַרים אויף דער נשמה און גוט אויפן האַרצן, און אין דעם זכרונות־פּאַראַד מאַרשירן פאַרביי ליכטיקע פאַרבנרייכע מאָמענטן פון מיין לעבן אין די יידישע פאָלקס שולן פון מיין גאָר פריער יוגנט ביזן היינטיקן טאָג.

עס קומען אויף פאַר מיר מאָמענטן, וואָס האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר אַ טיפע פּיעטעט צו דער אידעע פון אחרית הימימדיקייט פאַר אונדזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט; אַ מסירת־נפשדיקייט פאַרן קיום פון עם ישראל און אויפבוי פון ארץ ישראל; אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידן אין גלות און אַ ליבשאַפט צו אונדזערע ביידע שפּראַכן, און ממילא צו אונדזער גאַנצן קולטור אוצר, אַ יראת הכבוד געפיל צום יידישן שרייבער און צום יידישן בוך; אַ געטריישאַפט צום יידישן קינד און צו אונדזער יוגנט.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס ערשטע מאָל, ווען לערער ווייסמאַן האָט אונדז אָנגעוויזן אויף דער אויפשריפט אויפן עמבלעם פון דער שולע: „די יוגנט איז די צוקונפט פון פאָלק״ און „תורה אורה״, און ווי אַזוי איך האָב געהאַלטן אין איין איינחזרן דעם מאָטאָ.

צי קען מען פאַרגעסן די וואַרימקייט אין די ווינטערס ביי אונדזערע מיטינגען פון די שלום עליכם קלובן? און די פרייטיק צונאַכטסן אין דער פריידיקער און וואַרימער היים פון דער ווייסמאַן משפחה? ס׳האָט דאָך דאָרט גערוט די שכינה, און קוקנדיק אויף די שבת ליכט בין איך געווען זיכער, אַז די מלכה שבת פלאַטערט אום איבער דער היים, און אויב איך וועל ווערט זיין, וועל איז זי זען.

און אָט זע איך פאַר זיך דעם לערער ווייסמאַן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל שפּילנדיק „וואָלי באָל״ מיט אַ גרופּע תלמידים, אָדער פאַרנדיק אויף אַ שליטן־פּאַר מיט אונדז, אָדער גייענדיק שפּאַצירן אויף די בערג צום „שלום עליכם בערגל״. און די אַלע אַקטיוויטעטן און אַ סך, אַ סך אַנדערע זיינען געווען מיטן ציל אַז מען זאָל קענען אַריינכאַפּן מער צייט אויף לייענען יידישע מעשיות, אויפפירן יידישע טעאַטער־שפּילן, זינגען יידישע לידער און

פייערן יידישע ימים טובים, און בכלל כדי ניט אַרויסצולאָזן דאָס יידישע וואָרט פון מויל און פאַרברענגען וואָס מער צייט אין אַ יידישער אַטמאָספערע.

אַז לערער ווייסמאַן איז געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, צו אַ יידישע לעקציע, איז מיט אים מיטגעגאַנגען אַ גרופּע תלמידים; אויך צו סליחות, איז ער ניט געגאַנגען אַליין, — מיטגענומען מיט זיך אַ גרופּע עלטערע תלמידים. און אַז ער איז אַרויסגעפאָרן אין דאָרף זיך אָפּרוען, האָט ער אונדז געשריבן יידישע בריוו און מיר האָבן געדאַרפט ענטפערן אויף יידיש. און אַז מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אין דאָרף אויף אַ קורצע וואַקאַציע, האָבן מיר ניט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך אַ תנ"ך, טאָמער וועט לערער ווייסמאַן קומען אונדז באַזוכן זאָלן מיר קענען אַריינכאַפּן אַ קאַפּיטל עמוס אָדער אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים.

ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן זיין קאָנטאַקט מיט אונדז ביזן היינטיקן טאָג.

ווען איך בין געווען אַ סך יינגער פלעג איך זיך פרעגן די פראַגע: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מעכטיקער כוח, וואָס טרייבט דעם לערער ווייסמאַן צו אַזוי פיל גייסטיקער שעפערישקייט? פון וואַנען אַזאַ שפע פון אינספּי־ראַציע צו קענען אַזוי פיל משפיע זיין אויף גרויס און קליין?

אַז איך בין עלטער געוואָרן, בין איך געקומען צום שלוס, אַז דאָס איז דער כוח פון אַ גבור, וואָס האָט דעם מוט צו גיין אַנטקעגן שטראָם פון גלייכגילטיקייט און עם הארצות; דער כוח פון אַ גייסטרייכן מענטשן מיט אַ שטאַרקן עסטעטיש־קינסטלערישן חוש און דערצו מיט אַן אייגנאַרטיקן צוטריט צו די פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג.

וויל איך דאָ אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם וואָס דער גורל האָט מיר און הונדערטער אַנדערע זיינע תלמידים געגעבן די זכיה צו האָבן לערער ווייסמאַן פאַר אַ לערער און מורה־דרך.

איטע וויינמאַן

(לערערין אין די שולן)

4. זכרונות ורשמים

שלום לך, לערער דונסקי:

האם יש תרגום נכון ומתקבל למושג הזה „לערער", כפי שאנחנו הבינונו אותו? זה אחד הבטויים ביידיש, שקשה לתרגם אותו. בשבילנו המלה „לערער" אומרת הרבה. שררו בינינו יחסים חבריים אבל עם זה הגינו למורנו יחס כבוד בתור מחנך ואדם מבוגר ממנו. כך, שלאחר שנים רבות, כשנפגשתי עם שלמה וויסמן כאן בישראל ופניתי אליו, טבעי היה

הדבר שקראתי לו „לערער", ולא מצאתי מלה אחרת. קשה לתאר איך השפיע לערער וויסמן על אישיותנו ואופינו. זה אולי ענין לפסיכולוג, כי לא גלוי הדבר לעין, אלא עמוק הוא בקרבנו וברוחנו. קשה להפריד בין השפעתו של לערער וויסמן לבין השפעתם של ה„פאָלקס שולן", כמו שקשה להפריד בין הפאָלקס שולן לבין לערער וויסמן. כי הפאָלקס שולן ולערער וויסמן — דבר אחד הם. הוא הטביע את חותמו על כל דבר הקשור בבית הספר, החל מחוק הלימודים ועד הבנינים. כך היה בתור מנהל בית הספר, ועל אחת כמה וכמה גדולה היתה השפעתו על אלה שזכו במשך שנים רבות ללמוד ממנו באופן ישיר.

קשה היתה דרכו של מחנך באמריקה בשנים הראשונות של החינוך העברי. היתה לו לחימה על קיום זרם „פרוקיאלי" בתוך החינוך הציבורי. ולא רק העיקה הבעיה של תגובת חוגי החינוך הכללי, הלא יהודי, שהסתכל על החינוך ממין זה כיוצא דופן, ולא מתקדם, אלא גם ובעיקר העיקה הבעיה של תגובת הקהילה היהודית עצמה. קשה היה לשכנע את ראשי הקהילה ואת ההורים גם יחד שדרכנו היא מיזוג של כל הטוב שביהדות המסורתית יחד עם התחיה הלאומית החדשה. שנים רבות עברו, עד שהגענו לאמון מצד הרחוב היהודי. ברור, שחלק הארי באמון זה בא הודות לשלמה וויסמן, שבעצם אישיותו רכש לו אמון בלב כל אדם.

היום, בהיותי אב לילדים בגיל בית הספר, הנני מחפש את אותם הערכים שמצאתי בפאָלקס שולן. אני דורש מהמורים של ילדי אותה מסירות שמצאתי אצל מורי הפאָלקס שולן. וידועה לי הטענה הנצחית, שהדור החדש הוא לא כמו הדור הישן, וידוע לי, שבדרך כלל הטענה לא צודקת. ולמרות זה המאבק עדיין נמשך. בפאָלקס שולן מצאתי דרך החיים, היה יחס וגישה לכל בעיה, לכל שאלה שהתעוררה בשנותיו הראשונות של אדם צעיר, — גישה לבעיות הזירה הקנדית והזירה היהודית העממית גם יחד.

אולי לא הסכמתי תמיד עם הפתרונות של הפאָלקס שולן בנוגע לבעיה של נאמנות כפולה, אבל מספיק היה, שבתי הספר עוררו בנו את השאלה ואת הרצון למצוא את הפתרון. אלה מאתנו שמצאו את דרכם לישראל יכולים להודות לפאָלקס שולן בעד זה. השפיעו עוד גורמים אחרים ולא פחותי ערך, כגון התנועה הציונית, האוירה הביתית והמשפחתית, אבל בלי היסודות שהונחו בשנות הלימודים בפאָלקס שולן לא היינו יכולים לעמוד במבחן של עשר שנות חיים בישראל. לא פעם שואלים אותנו ישראלים — „סברים" כעולים חדשים יחד: „למה עליתם ארצה מקנדה?" ובאמת קשה לענות. מתחילים לתת את כל התשובות המקובלות על עם בארצו, על חיים עבריים שלמים, וכו'. אבל עצם התשובה הנכונה היא, שזה היה הצעד הטבעי ביותר: אחרי החינוך שקבלנו בבית הספר היסודי, התיכון והקורסים הגבוהים באה עליה לישראל.

בשבילי מסמל שלמה וויסמן האיש הבלתי פשרני. עם כוחו הרוחני, עם ההגיון הקר, עם רצונו החזק, עם מסירותו הבלתי פוסקת, ועם רדיפתו התמידית אחרי האמת והצדק השאיר לערער וויסמן את חותמו על כל אלה שזכו ללמוד מפיו. — — —

שלום רב,

אייזיק רייזלר

(בית חירות, מדינת ישראל)

5. הערכה וברכה

לערער דונסקי היקר!

שמחתי מקרב לב על החלטתכם הנבונה ל„יבל" את לערער ווייסמן ולהוציא לכבודו ספר שיעריך את מפעל חייו.

משלהי ימי נעורי ועד עתה הנני רואה זכות וכבוד לעצמי להימנות עם חניכיו, ואין ספק, כי כשם שהטביע שלמה וויסמן חותמו על מאות ואלפים חניכים אחרים, כן היה לו חלק והשפעה ניכרת על דרכי אני בחיים, כי מלבד היותו מחנך דגול היה בראש ובראשונה אח ורע לתלמידיו, ומלוה נאמן בדרכם גם לאחר שסימו חוק לימודיהם ב„יידישע פאָלקס שולן". במוסד זה ראיתי מאז ומתמיד בית מחנך ויוצר ופנת חמד חמה, לבבית ומלאת אהבה לכל הנוגעים בדבר, בה מצא את ביתו גם הנער יליד קנדה וכן גם הילד העולה החדש, זה „הירוק", הזר לסביבתו החדשה והמתלבט בקשיי הקליטה בה, ושניהם כאחד נקשרו למוסד, למנהל, ולחבר המורים בעבותות אהבה עזים אשר באמצעותם נצמדו גם למטרתו החינוכית. ולעקרונותיו הרעיוניים שהציב לעצמו המוסד, ואשר נחרתו עמוק בלבו של החניך וממילא גם אומצו על ידו והועלו על נס בהמשך דרכו בחיים. גדולתו של המוסד היא אולי לא כל כך בשל הקניית הידע לתלמידיו, אלא בחינוך הילד כיהודי גא, וכאדם מתקדם, מוסד חינוכי במלא מובן המלה, הנאבק בכל כוחותיו, הנאלץ לעתים לשרות עם ענקים כדי להאבק נגד דלדולו ויבושו הרוחני של הענף היהודי באותה ארץ ובתפוצות הגולה בכלל, מוסד הנותן טעם לחיי החניך כיהודי, המשמש מעין דבק רוחני, תרבותי ולאומי בינו לבין העם היהודי, ובעיקר בינו לבין עם ישראל בארצו.

אין ספק איפוא, כי שנות חיי במוסד היוו את אחד הגורמים החשובים הן בעצוב אישיותי והן בבחירת דרכי בחיים, ובקשירת חיי הלכה למעשה, למפעל התקומה בישראל. בית ספר זה גם פתח לפני לרווחה את החלונות לעולם היהודי שחרב, כפי שבא לידי ביטוי בכתבי שלום עליכם, מנדלי, פרץ והסופרים המאוחרים יותר באירופה המזרחית, ובספרות היהודית שהתפתחה על אדמת העולם החדש. מלבד זה נתן לי בית ספר זה את מידת הסובלנות וההבנה להשקפות מנוגדות ויריבות להשקפותי אני, הן במשטח

היהודי הציוני והן במישור הכלל־אנושי ובינלאומי.

ומכאן להשפעתו האישית הישירה של שלמה וויסמן עלי, על בית הספר ועל כל תלמידיו. נוסף על היותו מחנך דגול בונה את מפעל חייו באהבה ובמסירות, ידע שלמה וויסמן לחדור לתוך נבכי נשמתו של החינוך, הן על מנת לישר הדורים, והן על מנת לגלות ולהעלות על פני השטח את האוצרות הסמויים והגלויים החבויים בתוכו, תוך מטרה לטפחם, לגדלם, לכוונם ולעודדם.

אין פלא, אפוא, שאישיותו של לערער וויסמן לוותה אותי בדרכי בחיים גם לאחר עלותי לישראל, ולמרות המרחק הגיאוגרפי ראיתיו לעתים קרובות בעיני רוחי, ואף שאלתי בעצתו שלא בפניו, הן בפעולות היומיומיות האפורות בשעת העבודה בשדה, בעמידה על המשמרת, בשנות חיי בקבוץ, בתפקידי השונים בהגנה, וכן כאשר צעדנו לכוון הים כדי לקבל אונית מעפילים באישון לילה, ולאחר מכן — במלחמת השחרור, בקרבות. ואף עם שוך הקרבות, כאשר מילאתי תפקיד של קצינת תרבות וסעד בצה״ל, — עם כל אלה ניצבה לפני דמותו המחנכת של לערער וויסמן. ועל אחת כמה וכמה היה כן כאשר עברתי לשדה ההוראה והחנוך בישראל. מובן מאליו, כי פה, בשטחו הוא, כאשר נתקלתי בבעיות חנוך קשות ומסובכות, ודאי וודאי שראיתי בו דוגמא וסמל, וכן בשטחי חיים אחרים, החל בפעולתי הצבורית וגמור בענינים אישיים שונים, ועד לתפקידים אותם הנני ממלאה היום — במרכז הסתדרות המורים, בועד הפועל של ההסתדרות, במועצת הפועלות, במפלגת אחדות העבודה פועלי ציון וכיו״ב.

העובדה שחלפו 25 שנים מאז עזבי את ביה״ס ואת מונטריאָל ועדיין טריים הזכרונות, וקל לי השחזור של אפיזודות אלה, מעידה לזכותו של לערער וויסמן. מפני שלערער וויסמן איננו עבורי איזה דמות אידילית מרחפת באויר, אלא דמות ריאלית ממשית, בעלת צבע מובהק צמודה כולה הלכה למעשה במפעלו, ומכל הסובב אותו, ואף על פי כן קורנת ומקרינה לכל אלה הבאים עמו במגע בכתה ומחוצה לה.

טבעי, מחייך, קורן ונלבב, — כזה ראיתיו בכיתה, בביתו, בפעולתו הציבורית, הציונית־סוציאליסטית, כזה היה בשיחותיו האישיות אתי כאשר נועצתי בו בענינים שונים, כזה ראיתיו גם בעזבי את מונטריאָל בגיל שבע־עשרה, כאשר בא ללוותני לרכבת שהובילתני לניו־יאָרק על מנת להפליג לדרכי החדשה, לישראל. נדמה לי, כי שתיים הן הדמויות שליוותני יותר מכול והיו עמי באותה רכבת בדרך לניו־יורק, — אמי, זכרונה לברכה, ויבדל לחיים ארוכים וטובים, לערער וויסמן, מחנכי ורעי.

בברכת הצלחה רבה, לערער דונסקי היקר, וברגשי ידידות כנים,

שלך,

עדה סטולמן, תל אביב

(מנהלת מרכז הסתדרות המורים בישראל)

6. A FEW WORDS FROM A GRADUATE

It becomes increasingly apparent that the future of Jewish life in America is threatened by one major factor: the lack of Jewish education. The immigrant generation, steeped in Jewishness and awed by the American way of life has been succeeded by generations secure in their Americanism, but with only awe for the Jewish way of life. Whereas the tendency at first may have been towards voluntary assimilation, the analysts tell us that today the trend has been reversed. In cities and suburbs young Jews express a real attachment for Judaism, Jewish religion, Yiddishkeit. But unfortunately, "zey veysen nit mit vos men est es", they don't know what it is all about. They have no way of putting their feelings into effect. Unlike their accomplishment in general studies, in Jewish terms they are uneducated.

The main body of the American Jewish populace has had very little or no Jewish education, and even its leadership is often badly informed, only partly schooled in Jewish learning and law. These same young American Jews are well trained in the arts and sciences; thus they have the opportunity of becoming professionals, teachers, scholars. But as they seldom reach a high school level of knowledge in Jewish matters, they can hardly be expected to emerge as outstanding Jewish leaders or thinkers.

The Jewish world in America is slowly beginning to realize the implications of a Judaism based only on vague sentiments. And painfully, tentatively, young parents are creating Sunday schools and modest day schools so that their children might actually learn of what their "glorious Jewish heritage" consists. High schools and universities in the major Jewish centres are being persuaded to include Hebrew, Yiddish, Jewish history and literature, in their regular curriculum. But in the meantime the chain between generations has weakened considerably. The students who approach these areas of study are often from homes that

are "Jewish in name only". They must learn Hebrew or Yiddish beginning with the Aleph Beth, and with no reinforcement from the home. They approach the Bible as they might approach the Greek epics. No basic Jewish chain of tradition — whether religious or cultural — can be assumed.

Happily, much of this description doesn't apply to Montreal, which, in the area of Jewish education, is widely considered to be a paradise. Because of institutions like the Jewish Peoples School, and because of the dedicated commitment of educators like Shloime Wiseman, the first generation of Jewish children born on this soil were provided with the opportunity of a thorough Jewish education, at least on an elementary level.

Had Shloime Wiseman and has fellow educators regarded Jewish survival as a hobby, as something that is an added dimension, but not fundamental to Jewish life in America, the Jewish day schools would not have been built. The functioning day school can arise only in a community which regards Jewishness as being at the core of the life of Jews. Where Judaism is peripheral, Jewish education is relegated to a position of secondary importance. It is not at all unusual — even in Montreal — to hear children say, "Monday I have a piano lesson, Tuesday I have an elocution class, and Wednesday I go to Jewish School", each of these being, in their minds and in the minds of their parents, of equal importance. In fact, the child will probably be made to practice his piano pieces every day, whereas the Jewish homework will not be insisted upon, or will be done hastily on Tuesday night...

The day school, whatever its limitations, does provide a basic introduction to the Yiddish and/or Hebrew language, to the Bible and Bible study, to our literary and broader cultural heritage. And, what is at least of equal importance, the child is raised in an integrated Jewish atmosphere; he senses the inherent importance of his studies, instead of regarding them as something he could

just as well do without. He participates in a Jewish way of life supplementing that of the home.

In former ages this childhood training in addition to the practices of the home might have assured a continuing renewal of Jewish life and thought. But today the ratio of this minimum of Jewish learning to the highly specialized training the same elementary school graduates receive in other areas is so disparate as to make the former almost negligible in importance. And so although we have said that Montreal is a great improvement over the prevailing situation in America, it will still fail to produce a throbbing, indigenous Jewish philosophy until at least part of its youth pursues a thorough program of study, an extension of the day school on a high school, university and post-graduate level.

Those of us who have passed through the Shule have come to regard ourselves as extremely fortunate. Most of the graduates are highly grateful for the choice of study that was made for us before we were able to make our own choice. I think,. though, that the invaluable work and example of Shloime Wiseman will begin to have real significance only when his sense of commitment his optimistic and directed effort, his breadth of knowledge, are emulated and even extended by those he taught. It remains for his many graduates to learn and follow the lesson of their teacher. This will in some measure be the reward to Shloime Wiseman for his many years of dedication.

RUTH ROSKIES (New York)

מאת הקונסוליה הכללית של ישראל

הנני שמח מאד לצרף ברכתי ליובל הארבעים של פעולתו החינוכית המבורכת של שלמה ווייסמן. אני יודע על עבודתו הענפה הן בכתב והן בעל־פה למען הרבצת תורה במשך כל השנים האלה, וטוב לראות כי פירותיה מצויים כיום לא רק ברחבי קנדה, כי אם ביבשת צפון אמריקה כולה.

בימים אלה אין צורך להסביר בהרחבה מה החשיבות של מתן חנוך יהודי לדור הצעיר בגולה. אם אנו רוצים בהמשך קיומו של העם היהודי בתור שכזה, בטפוח זיקתו למורשת העבר המפוארת שלו, בשמירת האחדות שבין תפוצותיו ובהאדרת הקשר בין העם היושב בציון ובין זה היושב

בגולה, הרי שמצוה עלינו לחזק הכלי המרכזי להשגת מטרות אלו — החנוך היהודי.

הרבצת תורה לילדי ישראל תפסה מקום מרכזי בחיינו הלאומיים משחר תולדותינו. התמדתנו במתן חנוך יהודי לילדינו בגלות הוותה גורם עיקרי לשמירת צביוננו הלאומי ותרבותנו עד שהגיעה שעת ההתעוררות הלאומית. כמובן, שגם היתה זיקה מהותית בין המשך זה של השלשלת החנוכית והתרבותית של עמנו ובין נס התקומה שבימינו.

תקומת ישראל חייבת לשמש, ודומני שכבר משמשת, מנוף רב מידות להגברת החנוך היהודי ולהעמקתו. ההכרה בצורך לתת לילד היהודי באשר הוא שם חנוך יהודי הופכת כיום יותר ויותר נחלת הכלל בצבור היהודי בתפוצותיו, והכרה זו מביאה גם למעשה ההולך ומתרחב. מאידך, דוקא עם יסוד המדינה נתעוררו בעיות של זהות והגדרה תרבותית בגולה וצפו אף סכנות חדשות של טמיעה והתבוללות המחיבות מאמצים מיוחדים לשמירת אחדות העם ודמותו הרוחנית והתרבותית, מאמצים שראשיתם חייבת להיות פעולת יתר למען החנוך היהודי בגולה.

קיומו של החנוך היהודי בגולה היה תלוי במדה רבה במסירותם של יחידים שהיו מוכנים להאבק על שלהם ולעמוד בפרץ למין שמירת כור מחצבתו הרוחני של העם היהודי. אם הגענו לכך, שכיום העקרון של מתן חנוך יהודי הולך והופך לאחת המוסכמות בחיי העם, הרי זה במדה לא קטנה בזכות פועלם של שומרי הגחלת הדגולים כמו שלמה ווייסמן.

ההכרה במצות מתן חנוך יהודי מושרשת מכבר בתוך יהדות קנדה, שהקימה עוד לפני שנים רבות מוסדות חנוך חשובים משלה. במפעל החנוך היהודי שבקנדה תופסת רשת בתי הספר העממיים היהודים, ששלמה ויסמן הוא מעמודי התוך שלה, מקום נכבד, וראויה היא להוקרה גם בגלל אופיה החברתי המיוחד. נקוה שמה שכבר הושג ישמש בסיס להתרחבות ולהתפשטות בעתיד, הן מבחינת ההיקף והמימדים, והן מבחינת העמקת התוכן היהודי וטפוח הזיקה הנפשית לישראל.

הנני מאחל לשלמה ווייסמן אריכות ימים ושנים בעבודתו הרוחנית והצבורית למען החנוך היהודי בקנדה ובצפון אמריקה כולה. יהי רצון שיראה בשגשוגו ובהדרתו של מפעל חייו בתוך הצבור היהודי בקרבו הוא יושב.

פנחס אליאב
קונסול כללי

מברק ברכה

לחברי ורעי היקר, למחנך ולסופר, לרבי שלמה ווייסמאן, שליט"א, — מיטב הברכה הלבבית!

מערכת החינוך היהודי בעולם מתברכת בארבעים שנות פעילותך

החלוצית בתוך כותלי בית הספר הלאומי ובספרות הפדגוגית היהודית. תזכה לראות תלמידים ממשיכים ומצליחים, ונזכה לשמוח בפרי עבודתם בארץ, ואתה המנצח על מעלליהם.

ברכותי לאשתך ולבניך ולך מקרב לב!

שלך,

זלמן שזר

יושב ראש הנהלת הסוכנות היהודית בירושלים

באגריסונג פונעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס איז באַזונדערס צופרידן צו באַגריסן מר. שלמה ווייסמאַן צו זיין 40־טן יובל אַלס פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאַל. מר. ווייסמאַנס יובל איז ווייט נישט קיין פּריוואַטער יום־טוב פון אַ יחיד, צי אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע, מיט וועלכער ער איז דירעקט פאַרבונדן. אוודאי איז וויכטיק אויך אַן אינדיווידועלע דערגרייכונג, אָדער די דערגרייכונג פון אַ נוצלעכער אינ־סטיטוציע. און ווען מר. ווייסמאַנס יובל וואָלט געווען נישט מער ווי אַ סך הכל פון 40 יאָר איבערגעגעבענער און דערפאָלגרייכער אַרבעט פאַר די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאַל, וואָלט דאָס אויך געווען גענוג, כדי דער ברייטער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן און אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, וויפיל מי און וויפיל אָנשטרענגונג איז געווען נויטיק מצד מר. ווייסמאַן, כדי צו דערציען גאַנצע דורות אַלס געטרייע יידן אין דער אינסטיטוציע וואָס ער האָט אַרומגענומען מיט אַזויפיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנהייט און וועלכע ער האָט אויסגעבויט צו זיין איינע פון די שענסטע דערציאונגס אינסטיטוציעס אין לאַנד. אוודאי פאַרדינט מר. ווייסמאַן פיל אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט פאַר די פאָלקס שולן.

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. מר. ווייסמאַן האָט זיך נישט באַנוגנט צו אַרבעטן פאַר די פאָלקס שולן אין דעם ענגעם זין פון וואָרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאָלקס שולן און ער אַליין קאָנען זיך נישט באַשרענקען אין זייערע אייגענע ד׳ אמות, אַז זיי מוזן זיין פאַרבונדן מיטן כלל, נעמען אָנטייל אין אַלע כלל ענינים און געבן אַ ביישפּיל אַנדערע. אַזוי האָט מר. ווייסמאַן תמיד גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך תמיד צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו זיין וואָרט. מר. ווייסמאַן איז אַזוי אַרום נישט נאָר דער אָנפירער פון די פאָלקס שולן אין מאָנטרעאַל, נאָר אויך אַ וואָרט זאָגער אין גאַנצן קאַנאַדער יידישן ישוב. זיין יובל איז דער יום־טוב פון גאַנצן

כלל. און ווען זיינע פריינט פון די פאָלקס שולן ערן אים איצט, איז עס באמת אַ פּריווילעגיע פאַרן קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס זיך אָנצושליסן אין דער פייערונג און ווינטשן מר. וויסמאַן נאָך פילע יאָרן פון דערפאָלג־רייכער אַרבעט פאַר די יידישע פאָלקס שולן און פאַרן גאַנצן כלל.

סאל העיז
עקזעקוטיוו וויצע פרעזידענט פון
קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

פונעם אַקציאָנס קאָמיטעט
ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע

די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדאַ באַגריסט מיט שטאָלץ און פאַרגעניגן דעם יום טוב פון פערציק יאָר שול אַקטיוויטעט פון ח׳ שלמה וויסמאַן אַלס פּרינציפּאַל און אָנפירער פון די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאל.

מיר געדענקן גוט דעם מצב פון דערציאונג אויף דער יידישער גאַס ווען וויסמאַן האָט אָנגעפאַנגען זיין אַרבעט. עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע צוריקגעשטאַנענקייט, געמישט מיט אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט. פון איין זייט האָט דער אימיגראַנטן דור געמאַכט אַלע פאַרזוכן צו אַנטלויפן פון יידישקייט, פון שפּראַך, מנהגים און קולטור — מיינענדיק, אַז דורך דעם אַמעריקאַניזירט ער זיך שנעלער. פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס ביסל דערציאונג וואָס האָט יאָ עקזיסטירט זיך געהאַלטן ביי די פאַר־גליווערטע פאָרמען פון דעם אַלטן קליין־שטעטלדיקן חדר. די מעטאָדיק איז געווען אַן אַלטמאָדישע. מאָדערנע ליטעראַטור האָט כמעט נישט עקזיסטירט אין דעם לערן קוריקולום. געדאַנקען פון סאָציאַלן פּראָגרעס זיינען געווען מוקצה — פּונקט ווי ביי פּראָגרעסיווע עלעמענטן און צווישן אַרבעטער שיכטן איז ציוניזם געווען אין חרם.

דער נייער צוגאַנג צו דער יידישער דערציאונג וואָס שלמה וויסמאַן האָט אַריינגעבראַכט דורך די פאָלקס שולן איז געווען ווי פרישע לופט אין דער פאַרשטיקטקייט פון יידישן לעבן. ער האָט קאָמבינירט טראַדיציע מיט פּראָגרעסיווער מחשבה, ערנסט און אומפּאַסענד לערנען מיט מאָדערנער פּעדאַגאָגיק.

דער וואוקס און דערפאָלג פון די יידישע פאָלקס שולן אונטער וויסמאַנס פירערשאַפט האָבן געהאַט זייער איינפלוס ווייט איבער די גרעניצן פון מאָנטרעאל. זיי האָבן באַווירקט דעם דערציערישן געביט איבער גאַנץ קאַנאַדע, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען עס וואָלטן זיך געפונען מער פּערזענלעכקייטן מיט וויסמאַנס איבערגעבנקייט אין פּיאָנערישן אידעאַליזם,

וואָלט דאָס גאַנצע בילד פון יידישער דערציאונג אויף דעם קאָנטינענט אויס־געזען אַ סך אַנדערש.

דאָס איינפירן פון גאַנצע טאָג שולן איז אַן און פאַר זיך געווען אַ געוואַגטער שריט, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט יידישע דערציאונג. איצט אנערקענען אַלע, אַז דאָס איז דער איינציקער אופן פון דערגרייכן אַ מאַקסימאַלע יידישע דערציאונג.

ווייסמאַן האָט אריינגעשריבן אַ וויכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן יישוב אין קאַנאַדע מיט זיין דערציערישער אַרבעט. מיר ווינטשן אים לאַנגע יאָרן פון געזונט און וייטערדיקע שעפערישע טעטיקייט.

דר. ש. ב. הורוויטש, פרעזידענט

פון דער פּיאָנערן פּרויען אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

מיר שיקן אונדזערע האַרציקע ברכות צו אונדזער באַליבטן חבר שלמה ווייסמאַן, דער גרויסער דערציער און פּעדאַגאָג פון אונדזער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אין משך פון 40 יאָר געווידמעט צו לייגן די יסודות און בויען דעם בנין פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פון אונדזער פאָלקס קיום — אונדזער שול־וועזן. דער הויכער מצב פון די יידישע שולן אין קאַנאַדע איז פּיל צו פאַרדאַנקן זיינע אומדערמידלעכע לייסטונגען און זיין פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון דערציאונג אין אַמעריקע.

זיין ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון די שולן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אַ יונגן דור וואָס קען דעם עבר און איז איבערגעגעבן דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק, און האָבן אויך צוגעטראָגן אַ באַדייטנדיקע צאָל חלוצים פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל — זיין ביישטייער וועט אויך ווייטער דינען ווי אַ לייכט־טורעם פאַר די אַלע וואָס שטרעבן צו געווינען אונדזער יוגנט פאַר אונדזער פאָלק.

מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן פון פרוכטבאַרער שעפערישער אַרבעט פאַר אונדזערע געמיינזאַמע אויפגאַבן.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע

קלאַראַ לעף, פרעזידענטין

שלמה ווייסמאַן — אַ פּיאָנער פון יידישן חינוך

עס פרייט אונדז צו הערן, אַז די יידישע פאָלקס שולן אין מאָנטרעאַל פייערן היי־יאָר דעם יובל פון חבר שלמה ווייסמאַנס 40 יעריקער פאַר־בינדונג מיט די שולן אַלס פּרינציפּאַל.

מען קען זאָגן אָן שום גוזמא, אַז שלמה וויסמאַן האָט כמעט זיין גאַנץ לעבן אי אַליין זיך אויסגעלעבט אין דער שולע אַטמאָספערע, אי גורם געווען, אַז אויך אַנדערע זאָלן נאָכטאָן זייןביישפּיל, און אַזוי אַרום האָט ער געשאַפן געשיכטע אין דעם פעלד פון יידישן חינוך בכלל און אין דעם יידיש־וועלטלעכן שול וועזן בפרט.

שלמה וויסמאַן באַזיצט אַן אַקטיוו שעפערישע נאַטור, און גלייכצייטיק אַ פעסטן גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ פולער יידישער דערציאונג אפילו אין אַמעריקע. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט לטובת דער פאָלקס שולע, וחען זי האָט נאָך געהאַלטן ביים סאַמע אָנפאַנג און ערשט גענומען שטעלן אירע ערשטע שרעקעדיקע און וואַקלדיקע טריט.

די אויפגאַבע איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל ניט נאָר האָט ער געדאַרפט דערציען דעם יונגען דור, וואָס איז שוין געווען אַביסל אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט דערציען די עלטערן, ווי אויך דעם ברייטן עולם אויף דער יידישער גאַס, אַז זיי זאָלן פילן די באַדערפעניש פאַר אַזאַ סאָרט חינוך. אויף דעם געביט האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין מידקייט און אוודאי ניט קיין יאוש.

זיין טיפער גלויבן אין זיין אַרבעט איז אַלעמאָל געגאַנגען געפּאָרט מיט דעם גלויבן אין אַ געזונט און שעפעריש יידיש פאָלק. זייענדיק אַ בעל חזיון, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך אַ רעאַליסט, איז ער ניט געפאַלן קיין קרבן פון הוילע עמאָציעס. שכל הישר און אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך האָט בלי ספק געגעבן זיין ענערגיע און זיין שעפערישן גייסט צו קענען מיט עקשנות און אויסדויער איבערטראָגן די יאָרן פון פינאַנציעלע שוועריקייטן, מיט וועלכע די שולע האָט זיך שטענדיק געראַנגלט און אַזוי זיך ראַנגלענדיק פאַר איר קיום געוואָרן די וועגווייזערן פאַר דער אידייע פון אַ טאָג שולע אין מאָנטרעאל, וואָס אַנדערע שול וועזנס האָבן נאָכגעטאָן איר ביישפּיל. די אידעע פון אַ טאָג שול האָט זיך אַדאַנק שלמה וויסמאַן אַריבערגעטראָגן ווייט אויסער די גרעניצן פון מאָנטרעאל.

דורך אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען פאַרטאָן און אַריינגעוואַקסן אין דער יידישער סביבה, און כאָטש ער איז שטענדיק געווען אַ ציוני נלהב, האָט ער אַלעמאָל רעאַגירט און זיך אָפּגערופן אויף אַלע פּראָבלעמען און געשעענישן אין דער יידישער וועלט בכלל און אין אונזער שטאָט בפרט. זיין פילזייטיק וויסן און הויכע בילדונג האָט ער ניט געהאַלטן בלויז פאַר זיך, נאָר חבריש זיך געטיילט מיט גרויסע מאַסן, וואָס זיינען געקומען צו זיינע באַלערנדיקע לעקציעס אויפן ליטעראַרישן, דערציערישן אָדער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישן געביט.

שלמה וויסמאַן האָט דערצויגן אַ דור תלמידים, וואָס זעען זיך אָן אויף דער יידישער גאַס פון אונדזער שטאָט, און אַ צאָל פון זיי זיינען צווישן די בויער פון ציון, צווישן זיי אויך זיין אייגענער זון.

אונדזער ברכה צו אים איז, אַז ער זאָל בלייבן שעפעריש אויף די אַלע פריער אויסגערעכנטע געביטן נאָך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן. און לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען חברה חנה ווייסמאַן, ווייל זי האָט זיכער אַ גרויסן חלק אין זיינע אויפטוען. מיר שיקן אונדזערע האַרציקע ברכות צו חנה ווייסמאַן און צו זייערע געראָטענע קינדער.

פאַרן קאונסיל פון פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע
אין מאָנטרעאַל,

מעי הוירש, פּאָרזיצערין
חיה ליפשיץ, פאַרן קולטור קאָמיטעט

באַגריסונג פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלק שולן

ליבער חבר שלמה ווייסמאַן:

צו דער געלעגנהייט פון דעם יובל פון אייער אָנפירן מיט די יידישע פאָלק שולן אין מאָנטרעאַל, שיקן מיר אייך אונדזערע האַרציקסטע ברכות און ווינטשן אייך נאָך לאַנגע יאָרן פון געזונט און שעפערישע אַרבעט פאַר אונדזער יידישן חינוך.

במשך פון די 40 יאָר האָט איר אַרויפגעלייגט אייער חותם אויף די יידישע פאָלק שולן ביי אייך אין שטאָט.

גלייך פון אָנפאַנג זיינען אייערע טריט געווען באַשטענדיקע, ציל באַוואוסטזיניקע און מיט קלאָרער וויזיע פאַרן אויפבוי פון אַ פעסטן יש אין אונדזער שול וועזן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

איר האָט געדאַרפט אַליין אויסטרעטן דעם וועג, ווערן דער דערציער פון לערער און זיך אַליין דערציען פאַר דער אחריותדיקער אויפגאַבע.

אייער התמדה און אומדערמידלעכע אַרבעטזאַמקייט, האָבן מיטגעריסן אַלעמען — סיי די שול טוער און סיי די לערער און אויך געהאַט אַ השפעה אויף די תלמידים.

איר האָט געלייגט אַ יסוד אויף וועלכן איר האָט געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל און אויפגעבויט דעם פאַרצווייגטן בנין, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר היינט צו טאָג די יידישע פאָלק שולן אין מאָנטרעאָל.

צו אַ קינדערגאָרטן און אַ נאָכמיטאָג שול, האָט איר צוגעבויט אַ מיטל שול און העכערע קורסן און דאַן די קרוין פון די פאָלק שולן — די טאָג שולע.

אַליין האָט איר געדאַרפט שאַפן דעם קוריקולום פאַר די שול אינסטיטוציעס. איר זייט אָבער קיינמאָל ניט געווען דאָגמאַטיש, אַלעמאָל עקספּערעמענטירט און געלערנט פון דערפאַרונג.

ניט בלויז די פאָלק שולן אין מאָנטרעאָל, נאָר אויך אַלע שולן איבערן לאַנד האָבן פיל געלערנט פון אייער דערפאַרונג און פון אייערע אַנווייזונגען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט וועגן פאַרשיידענע געגענ־שטאַנדן וואָס ווערן געלערנט אין אונדזערע שולן. אַ באַזונדער ברכה פאַר אונדזערע שולן זיינען די טעקסט ביכער וואָס איר האָט צוזאַמענגעשטעלט.

איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אייער יצירה. איר האָט אויך דעם זכות וואָס איר זענט דער איינציקער וואָס שטייט 40 יאָר אומאונטערבראָכן ביי איין שול אינסטיטוציע. דאָס איז זיכער איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון אייער דערפאָלג.

איר האָט די אָנערקענונג ניט בלויז פון אונדזער מחנה, נאָר אויך פון אַלע וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן יידישן חינוך.

ווינטשן מיר אייך נאָכאַמאָל אריכת ימים, געזונט און כוח ווייטער ממשיך צו זיין אייער פרוכטבאַרע אַרבעט.

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די
יידישע פאָלק שולן
ל. רובינשטיין, דירעקטאָר

מיר זיינען שטאָלץ

די פועלי ציון אָרגאַניזאַציע אין מאָנטרעאָל, האָט אַ באַזונדער רעכט צו שטאָלצירן און זיך גריסן, וואָס אין אירע רייען איז דער בעל היובל אויסגעוואַקסן און גרויס געוואָרן.

די 40 יאָר, וואָס חבר וויסמאַן אַרבעט אויפן געביט פון יידישער דער־ציאונג, זיינען ניט סתם יאָרן פון פעדאַגאָגישער אַרבעט, פון פאַרשפרייטן יידיש וויסן און דערציען שטאָלצע און טרייע יידן. ס׳איז אַ תקופה, אין וועלכער ער האָט געשאַפן ווערטן, געלייגט פונדאַמענטן און געפורעמט אָריגינעלע שיטות.

די יידישע מאָנטרעאָל, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַזוי פיל פרעסטיזש און רום אויפן נאָרד־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט אויפן געביט פון חינוך, האָט זייער פיל צו פאַרדאַנקען חבר וויסמאַן פאַן זיין מיזאַמער אַרבעט, אויסערגעוויינלעכער התמדה און גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט צו שטאַרקן, פאַרשענערן און פאַרבעסערן דעם יידישן חינוך.

שיקן מיר, די פועלי ציון גרופּע אין יידישן מאָנטרעאָל די האַרציקסטע ברכות און וואַרימסטע וואונטשן אויף לאַנגע יאָרן פון פרוכטבאַרער אַרבעט און אויפשטייג.

יעקב ראַבינאָוויטש, סעקרעטאַר
פועלי ציון, מאָנטרעאָל

באַגריסונג פונעם שטאָט-קאָמיטעט, יידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

דער היסטאָרישער זכות צו שאַפן מאָדערנע יידישע נאַציאָנאַלע שולן איז אויסגעפאַלן אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע און קאַנאַדע, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט נייע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען.

דער יידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און די פועלי ציון זיינען געווען די, וואָס האָבן איינגעזען די וויכטיקייט פון יידישער דערציאונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט מוטיק באַקעמפט די אַסימילאַטאָרישע, אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענץ אויף דער יידישער גאַס און אַזוי אַרום געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער מאָדערנער יידישער פאָלקס־שול, געבויט אויף פּראָגרעסיווע פּעדאַגאָגישע יסודות, צו דערציען אַן אינטעליגענטן יידישן דור, וואָס זאָל זיין באַהעפט מיטן פאָלק אין זיין גייסטיקן לעבן, וואָס זאָל קאָנען געניסן פון די יידישע קולטור אוצרות אין העברעאיש און יידיש און וואָס זאָל זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דעם אויפבוי פון יידישן לעבן אויף געזונטע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות אין מדינת ישראל, קאַנאַדע און אין דער גאַנצער וועלט.

אין דעם אַלעמען האָט אונדזער חבר שלמה וויסמאַן געשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל ווי אַ דערציער און פּעדאַגאָג, ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר און ווי אַ דערמוטיקער צו אַלץ גרעסערע מעשים אויפן געביט פון יידישער דערציאונג.

באַגריסן מיר אייך, חבר שלמה וויסמאַן, צו אייער 40 יאָריקן יובל אַלס פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס־שולן און ווינטשן אייך, אַז אייער פּראָדוקטיווע אַרבעט פאַר דעם יידישן שול וועזן זאָל פאָרגעזעצט ווערן פאַר פילע יאָרן פאַר דער ענדגילטיקער פאַרווירקלעכונג פון אַלע אונדזערע אידעאַלן.

ש. בראַדער, פּאַרזיצער

אברהם שניידער, עקזעקוטיוו דירעקטאָר

פון דער קאַנאַדער הסתדרות געזעלשאַפט

פאַר אונדז, די קרייזן פון הסתדרות קאַמפּיין טוער, איז אַ גרויסע דערפרייענדע דערשיינונג דער אַקט פון אַרויסגעבן דעם בוך געווידמעט חבר שלמה וויסמאַנס פּעדאַגאָגישער און ליטעראַרישער טעטיקייט.

חבר שלמה וויסמאַן איז שטענדיק געווען פאַר אונדז אַן אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייט ניט בלויז אויף דעם געביט פון יידישער דערציאונג, נאָר

אויך אין דער אַרבעט פאַר דעם פּראָגראַם פון פּיאָנערישן ישראל. זיין איינפלוס אויף די שילער און לערער פון די יידישע פאָלקס שולן לטובת דער הסתדרות, זיין פּרעסטיזש אין דער יידישער קהילה, ווערן פון אונדז באַטראַכט אַלס אומשעצבאַרער בייטראַג פאַרן וואוקס פון הסתדרות קאַמפּיין אין קאַנאַדאַ.

מיר באַגריסן האַרציק דעם קאָמיטעט און אונדזער חבר שלמה וויסמאַן צום דערשיינען פון בוך.

קאַנאַדער געזעלשאַפט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל

ב. מ. בלומפילד, נאַציאָנאַלער פּרעזיצער
ל. צוקער, נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פּרעזיצער
שרה קייזערמאַן, פּרעזיצערין, דירעקטאָרן ראַט
א. שורעם, נאַציאָנאַלער דירעקטאָר

פונעם שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, ניו יאָרק

זייער חשובער פריינד דונסקי:

מיט גרויס צופרידנקייט נעמען מיר אָן אייער איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן מיט אַ באַגריסונג לכבוד דעם יובל פון שלמה וויסמאַן.

מיר אַלע וואָס אַרבעטן אויפן פעלד פון יידישער דערציאונג אין אַמעריקע קענען און שאַצן אָפּ דעם גרויסן אויפטו פון שלמה וויסמאַן ווי אַ שעפערישער לערער, ווי אַ מחנך וואָס איז פאַרוואָרצלט סיי אין דער יידישער סיי אין דער אַלגעמיינער קולטור, און ווי אַ וויט־זעענדיקן און פּאַרטיפּטן פּעדאַגאָג. ער געהערט צו דער קליינער מחנה זעלבסט־שטענדיקע טראַכטערס וואָס געדענקענדיק תמיד „ערשטע פּרינציפּן" האָבן זיי דעם מוט זיי כסדר צו עקזאַמינירן און צו מאָדיפיצירן אין ליכט פון די רעזולטאַטן און פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן. הגם ער איז פון זיין יוגנט אָן פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, וואָגט ער פונדעסטוועגן אָפּצוגיין פון פּאַרטיי־דרך ווען זיין געוויסן און דער אמת דיקטירן אים אַזוי. ער איז אַ מענטש וואָס קאָמבינירט אין זיך מחשבה און טאָט; פּעדאַגאָגישע פּראַקטיק און קריטישן געדאַנק; אינטעלעקטועלע אינטערעסן און פּייאיקייטן פון אַ מנהיג; ער איז אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט זוכה געווען אויפצושטעלן אַ דור תלמידים אין אַמעריקע; אַ דור וואָס געהערט צו די שענסטע מוסטערן וואָס דער צפון־אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ האָט פּראָדוצירט.

זאָל שלמה וויסמאַן נאָך זיין אַזוי שעפעריש ווי ביז איצט פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן!

פאַרן שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט
ש. גוטמאַן, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

פונעם קינדער זשורנאַל-פאַרלאַג מתנות

ליבע חברים:

עס איז אַ באַזונדערע פריידיקע געלעגנהייט בכלל צו באַגריסן דעם ליבן חבר שלמה וויסמאַן, ספּעציעל צום פערציקסטן יאָר פון זיין דער לערער, דער מדריך, דער דערציער און דער געשטאַלטער פון צוויי און, אפשר דריי דורות יידן אין די פאָלק שולן אין מאָנטרעאָל.

אַ סך ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אויף דער וועלט און אין אונדזער אייגן לעבן, אין די פערציק יאָר. אַ סך פּראָבלעמען זיינען אונדז באַפאַלן אין דער צייט, אַ סך חשבון הנפשדיקע דאגות האָבן מ׳יר אויך היינט אויסצוגלייכן, צו פאַרענטפערן און צו לייזן. אָבער שלמה וויסמאַן, דער גרויסער מאמין, דער גרויסער „נאה דורש ונאה מקיים״ האָט געפירט און פירט די שווער־באַלאָדענע שיף ווי אַ געניטער און דערפאַרענער קאַפּיטאַן.

אין אונדזערע טעג, ווען אַזויפיל שטורעמדיקע צוג־ווינטן רייסן די טירן און די פענצטער פון אונדזערע היימען און פון אונדזערע לערן־אינסטיטוציעס, איז אַ גרויסע זיכערקייט און אַ גרויסע דערמוטיקונג צו האָבן אַזאַ מדריך, אַזאַ דערציער ווי שלמה וויסמאַן פירן די יונגע דורות אונדזערע איבער די שטורעמדיקע וועגן פון אונדזער גורלדיקן לעבן.

ווינטשן מיר אים אַ סך געזונט, כוח און אימפּעט ווייטער צו זיין דער גרויסער מדריך פון די תינוקות של בית רבן, וואָס דאָס גוטע מזל האָט אים באַשטימט מיט פערציק יאָר צוריק.

כדי אַ דערציער זאָל קענען טאָן זיין שווערע אַרבעט כדבעי, דאַרף ער האָבן אַ גוטן, פּאַסיקן עזר כנגדו. דאָס האָט די השגחה איינגעזען, און אים צוגעשיקט זיין ליבע פרוי, וואָס גייט מיט אים צוזאַמען דעם וועג, לייכט אָדער שווער, אָבער זיי גייען צוזאַמען. טאָ זאָלן די טעג וואָס קומען זיי אַנטקעגן ברענגען זיי און זייערע משפחה אַ סך נחת, פרייד, געזונט און אַ סך בשורות טובות, ישועות ונחמות.

ליפע לעהרער

באַגריסונג פון דער מאָנטרעאָלער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק

דער יובילעאום פון שלמה וויסמאַן איז אַ יום טוב פון דער גאַנצער יידישער חינוך וועלט, פון דער וועלט פון דעם יידישן וואָרט און פון דעם יידישן בוך, און פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער וועלט. אונדזער בן עיר האָט אין יעדע פון די וועלטן געשאַפן ווערטן און האָט מדריך געווען און באַאיינפלוסט אַ דור קאַנאַדער יידן.

אין דער יידישער מאָנטרעאָל שטייען שול געביידעס און היימען פאַר דער יידישער קולטור וואָס זיינען זיין שאַפונג. עס לעבט אַ דור יונגע

קאַנאַדער יידן וועמען ער האָט דערצויגן, און וועמענס טאַטע־מאַמע ער האָט באַאײַנפלוסט. אויף אונדזערע פּאַליצעס שטייען ביכער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, און דורך וועלכע ער האָט אַרײַנגעבראַכט דעם אוצר פון יידיש וויסן אין יונגע יידישע הערצער, און דורך וועלכע ער האָט אַרײַנגעבראַכט וועלט־ליטעראַרישע ווערטן אין דעם יידישן תחום. שלמה וויסמאַן איז אַן אויפטוער און אַ שאַפער פון אַ גרויסן פאַרנעם, און זיין שאַפונג איז אַ גרויסער טייל פון דעם גאַנצן סכום יידיש לעבן אין קאַנאַדע.

אָבער אויסער דעם וואָס שלמה וויסמאַן טוט, דערמאָנען מיר היינט מיט דאַנקבאַרקייט דאָס וואָס ער איז. נאָך מער ווי שול פאַרוואַלטער און בויער, איז וויסמאַן דער קינסטלער־לערער. ווער עס איז אײנמאָל געווען ביי וויסמאַנען אין אַ קלאַס, האָט בייגעוואוינט און האָט נהנה געווען פון אַ קונסט דערפאַרונג. ער האָט געזען ווי אַן אינספּירירטער לערער גיט איבער, — כמעט ממשותדיק, בידים, — די איידלסטע קולטור ווערטן, די ראַפינירטסטע באַגריפן, די אינטימסטע און יידישסטע שטימונגען, צו זיינע מזלדיקע תלמידים. אַזאַ לערנען לאָזט איבער אַ רושם ניט נאָר אויף די קינדער וואָס זיינען אין קלאַס, נאָר די נצוצות פון זיין אייגענער מלאכת הקודש, און פון די געדאַנקען און די חכמות וואָס ער רופט אַרויס, בלייבן אין אוויר, און גיבן אַ תיקון דער שטאָט אין וועלכער ער ווירקט. דאָרט וואו עס ווערט אַזוי געלערנט מוז וואַקסן יידישע שיינקייט און מוז איינגעפלאַנצט ווערן יידישע איבערגעבנקייט. אַזאַ תורה, ווען זי ווערט אַזוי געלערנט, מוז האָבן אַ קיום און אַ המשך.

וויסמאַן קאָן אַזוי לערנען ניט בלויז ווייל ער איז אַ פּעדאַגאָג, נאָר אויך ווייל ער איז אַזאַ ייד, אַזאַ איש יקר. זיין אָפּשאַצונג פון יידישע ווערטן, זיין צוגאַנג צו שאַפונג — צו יידישער שאַפונג, צו קינסטלערישער שאַפונג — איז אַזאַ דרך ארצדיקער, זיין עפענען אַ יידיש ספר איז אַזוי פול מיט חיל ורעדה, זיין אָפּשיי פאַר אַן אדם גדול איז אַזוי גרויס, אַז ממילא קומט אַרויס ביי אים די טיפע פאַרשטענדניש פאַר דעם תוכן פון דעם ווערק און פאַר דעם מהות פון דעם מענטש. ממילא שאַפט ער אַרום זיך די שטימונג פון יום טוב און דעם ענטוזיאַזם פאַר יצירה.

דערביי זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די ספּעציעלע מידה פון שיינקייט וואָס וויסמאַן ברענגט אַלע מאָל אַרויס פון יעדן יידישן ווערט. חוץ דעם כוח און דער גבורה פון דער יידישער געשיכטע, חוץ דעם הדר פון דעם יידישן געדאַנק, פאַרשיכורט וויסמאַנען תמיד די תפארת פון דער יידישער אצילות. יעדער אויפטריט וויסמאַנס פאַרמאָגט חן, גראַציע און עלעגאַנץ וואָס גיבן צו אַ ספּעציעלן פּערזענלעכן כאַראַקטער, און באַשיינען און באַרייכערן זיין געדאַנק און זיין אויפטו.

אויב מען קאָן זיך ביי דער געלעגנהייט אָפּשטעלן אויף איינעם פון די ווערטן וואָס וויסמאַן האָט פאַרטיפט אין אונדזער קולטור לעבן מיט

זיין שריפט און מיט זיין געדעדט וואָרט, אַנערקענען מיר און טיילן אויס ווייסמאַנס ספּעציעלע אָפּשאַצונג פון דער קלאַסישקייט פון דער העברעאישער פּראָזע און פון דער לעבנס חכמה וואָס ליגן אין דעם יידישן פאָלקס אידיאָם. זיין ליבע פאַר דידאַקטישע שפּראַך־ווערטן שיינט אַרויס פון יעדער פון זיינע לעקציעס און פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. בלי שום ספק זיינען זיי צווישן די שטאַרקסטע אימפּולסן און צווישן די ווירקנדיקסטע כוחות, וואָס סטימולירן אים און באַקרעפטיקן אים אין זיין אייביק־יוגנטליכער שעפערישער אַרבעט פאַר דעם קאַנאַדער יידישן כלל און פאַרן יידישן חינוך, וואָס געניסן פון זיין טרייקייט און איבערגעבענקייט.

מיר ווינטשן זיך, אַז דער היינטיקער יובילי זאָל זיין אַ נייער אָנפאַנג פאַר זיין ווייטערדיקער ענטוזיאַסטישער שאַפונג פאַרן כלל און פאַר קהל. זאָל ער אין דער אַרבעט און אין זיין אייגענעם און משפחה לעבן אַלעמאָל געפינען שכר און כוח, און דערלעבן צו זען טוב ירושלים און שלום פאַר דעם יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

ישראל ראַבינאָוויטש, פּרעזידענט

דוד ראָם, דירעקטאָר

באַגריסונג פונעם קרן התרבות

מר דונסקי היקר,

בשמחה רבה קבלנו את הידיעה, שהנכם מוציאים לאור ספר מיוחד לציון יובל הארבעים לעבודתו של מר שלמה ווייסמן כמנהלם ומנהיגם של בתי הספר העממיים היהודיים במונטריאל.

חבריו לעבודה ידעו בודאי לתת — בספר היובל — בטוי ראוי וממצה לתרומתו הכבירה בפתוחם ושגשוגם של בתי הספר העממיים היהודיים במונטריאל, הנמנים עם בתי האולפנה המעולים ביותר ביבשת אמריקה.

מקרב לב, אנו מברכים את חברנו היקר מר שלמה ווייסמאן — מחנך דגול, הוגה דעות, שונה ויוצר מקורי בבית מדרשו של החנוך היהודי באמריקה, — שיזכה להמשיך בעבודתו המסורה והפוריה במשך שנים רבות, וישבע — יחד עם רעיתו היקרה — רוב נחת מבניהם, ההולכים בדרכיהם הנאות.

בידידות ויקר,

זלמן גורדון, נשיא ארצי

אהרן הורביץ, מנהל ארצי

קרן התרבות — אגוד ארצי לחנוך ותרבות עברית בקנדה

פונעם מאָנטרעאַלער יידישן לערער סעמינאַר

דער פאַראייניקטער יידישער לערער סעמינאַר באַטראַכט זיך ווי אַ גאַר נאָענטער שותף צו דער פייערונג פון דעם 40־טן יובל פון מר. שלמה וויסמאַן אַלס פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן. פאַר אונדז איז דאָס אַן אייגענע שמחה. מיר שטאַלצירן דערמיט וואָס מר. וויסמאַן איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט אונדזער אינסטיטוציע זינט איר גרינדונג. מר. וויסמאַן איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן לערער סעמינאַר וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט דעם העברעאישן לערער אינסטיטוט און ביידע זיינען פאַראייניקט געוואָרן אין אַ בשותפותדיקן לערער סעמינאַר. אויך נאָך דער פאַראייניקונג איז מר. שלמה וויסמאַן געבליבן נאָענט צום סעמינאַר און פאַר אַ צייט איז ער געווען אונדזער פּרינציפּאַל. די פאָלקס שולן האָבן דערצויגן אַ גרעסערע צאָל תלמידים פאַר אונדזער סעמינאַר. אַ צאָל אונדזערע גראַדואירטע זיינען לערער אין די יידישע פאָלקס שולן. אַזוי אַרום זיינען מיר פאַרבונדן מיט פילע פעדים מיט מר. שלמה וויסמאַן און מיט דער אינסטיטוציע וואָס ער פירט אָן.

איצט ווען זיינע פריינד גיבן אָפּ כבוד צו מר. וויסמאַן ווען ער פאַרענדיקט 40 יאָר אַלס פּרינציפּאַל פון די יידישע פאָלקס שולן, שליסט זיך דער לערער סעמינאַר אָן אין די פייערונגען און ווינטשט פון גאַנצן האַרצן, אַז ער זאָל פאַר לאַנגע יאָרן און מיט גוטן געזונט פאָרזעצן זיין נוצלעכע אַרבעט פאַר דעם גאַנצן יידישן כלל אין מאָנטרעאַל.

ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

לוי מ. בעקער, פאָרזיצער

פאַראייניקטער יידישער לערער סעמינאַר

פון די מאָנטרעאַלער פּרץ שולן

ליבער חבר דונסקי:

מיר דאַנקען אייך האַרציק פאַר אייער פאַרבעטן אונדז צו באַגריסן חבר שלמה וויסמאַן צו די 40 יאָר פון זיין אומדערמידלעכער אַרבעט פאַר יידישער דערציאונג און קולטור.

שלמה וויסמאַן געהערט צו די יחידים לערער וואָס האָבן נישט נאָר געבויט די פאָלקס־שולן, נאָר אויך באַאיינפלוסט אונדזער גאַנצע שול און קולטור בויאונג. טויזנטער יוגנטלעכע און עלטערן דערמאָנען אים מיט דרך ארץ און דאַנק פאַר דעם וואָס זיי האָבן פון אים געלערנט.

מיט זיין טיפן וויסן און איבערגעבנקייט האָט ער באַווירקט אי זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אי אפילו די, וואָס האָבן נישט אַלעמאָל געקענט מיט אים מסכים זיין.

ער געהערט צו די יחידים פּיאָנערן ביי אונדז, וועמעס איינפלוס איז אַ דויערנדיקער און האָט אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס איז קאָנסטרוקטיוו און שאַפעריש אין היגן יידישן לעבן.

זיין באַזונדערע ראָלע ווי אַ מדריך פון לערער און איינער פון די וואָס האָבן אַרויסגעפירט אונדזער שול־וועזן אויף ברייטע שליאַכן, ווערט שטאַרק אָפּגעשאַצט פון אונדז אַלע.

עס פרייט אונדז דעריבער זייער שטאַרק, וואָס ווען ער טרעט אַריין אין דעם „בינה" פּעריאָד פון זיין לערערישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווערט עס אויף אַזאַ פיינעם און פּאַסיקן אופן אָפּגעצייכנט.

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן און אמתן געזונט צו טאָן זיין אַרבעט ווי ביז אַהער און נאָך מער.

ה. א. מילער, ערן־פּרעזידענט
ל. צוקער, ערן־פּאָרזיצער
דן פרידמאַן, פּרעזידענט
מ. סאָלאָמאָן, פּאָרזיצער
ב. זוסמאַן, סעקרעטאַר
יעקב זיפּער, פּרינציפּאַל

לאגרא רמא

שלמה ווייסמאַן — אַ בפירושדיקער נאָמען, אַ פּולער, אַן אינטעגרירטער און באַשטייט פון צוויי נעמען, אַן ערשטן און אַ צווייטן. איינער אָן דעם אַנדערן וואָלט געווען נאָך ווייניקער ווי אַ העלפט.

אָן אַ „מיסטער" און אָן אַ ר' (רעב) — שלמה ווייסמאַן. אַזוי איז עס פאַרשריבן געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק. לכתחלה אפשר מיט אַ ביסעלע פּאָזע, מיט אַ „מיין", מיט דער צייט אָבער, אין אויסלייטערונג, איז דער נאָמען געוואָרן אַ פּינקלדיקער סימבאָל אין אַ גרויסן קרייז.

פון דעם מיטלאַלטערלעכן מלמד ביז „לערער ווייסמאַן" איז אַ מאוימדיקער מהלך, אַ וועגלאָזער וועג געפּלאָסטערט מיט ליצנות פון פאָלקלאָר און מיט מכשולים פון קבלה. אַ מיזאַמער טראָט מיט נעגל געאַנקערט אין עקשנותדיקן באַרג אַרויף. —

ביז אַ פעלז, ביז אַ פּלאַטאָ, וואו ס'פאַנגט זיך אָן די לופט סטראַטע פון חשיבות.

ווי אַ קאָלעגע אין דער פּראָפעסיע פון מלמדות ביי יידן טראָג איך ווייסמאַנען צו אין טאָג פון זיין יובילייאום דאַנקבאַרקייט פאַר אַ ווירדיקן בייטראָג און איך בין זיך אפילו מתיר אים מקנא צו זיין.

מ. מגיד

פּאַראייניקטע תלמוד תורהס, מאָנטרעאל

ברכה מבית הספר „צעירי ישראל"

מר דונסקי הנכבד:

הנני ממלא את בקשתו ברצון טוב להשתתף בשם מוסדנו לשורת הברכות המגיעות לידידינו הנכבד:

בשם בית הספר „צעירי ישראל" הנני מתכבד להביע את ברכותינו הנאמנות למלאות ארבעים שנה לעבודה החינוכית של האיש הדגול הזה, מר שלמה ווייסמן. משך שני דורות פעל ועשה למען החינוך בקהלתנו במסירות נפש יוצאת מן הכלל. זכה וזיכה את הרבים והעמיד תלמידים הרבה. תהא משכורתו שלמה מאת הגומל חסדים טובים ויזכה ליהנות מפרי מעלליו. יברכהו ה' בחזוק ידים ובאמוץ ברכים להמשיך עבודתו הפוריה עוד רבות בשנים להרים קרן עמנו ותורתנו.

בכבוד ובשלום

הרב מ. לויטס
(הרב של קהילת „צעירי ישראל"
ומנהל בית הספר של הקהילה הנ"ל)

מאת בית הספר "עדת ישראל"

למר שלמה ווייסמן הנכבד,

בשם מורי ועסקני בתי הספר „עדת ישראל" ובשמי הנני לברך אותך ליובל הארבעים בהנהלתך את בתי הספר העממיים היהודיים במונטרעאל.

אשריך, שזכית להיות בין סוללי הדרך ושומרי החומה של החנוך היהודי בקנדה. אחולינו הלבביים שתאריך ימים ותמשיך בעבודתך החנוכית הפוריה.

בכבוד

מ. י. מנדלסון, מנהל החינוך

ברכת המדרשה „שערי ציון"

שא ברכה, המורה, שא ברכה נאמנה על כל מה שפעלת ועל כל מה שתפעל. — —

הרבה פעל שלמה ווייסמן במשך ארבעים השנים שהוא עומד בראש בתי הספר העממיים היהודיים במונטריאל. הוא פעל והפעיל, היה נלהב והלהיב, חלם ולחם, יצר ערכים ודפוסי־חינוך אשר שימשו מופת לרבים ושלאורם התחנכו דורות.

שלמהווייסמן הוא מחנך דגול. הוא גם סופר חרוץ. מחבר ספרי למוד וספרי ספרות. הוא איש בעל מרץ וברוך כשרון, מסור ונאמן לרעיון הנשגב של תחית הרוח בישראל.

יהא רעוא ותזכה, חבר ווייסמן היקר, להמשיך עוד שנים רבות את עבודתך הגדולה לתפארת המוסד שאתה עומד בראשו ולתפארת החינוך היהודי.

אריה קרוניץ
מנהל

מאת בית הספר „שער השמים"

ברכותינו המאליפות והנאמנות שלוחות לך, חתן היובל, מר שלמה ווייסמן היקר — היוזם והמיסד של בית הספר הכל־יומי הראשון בעירנו.

מי יתן ותמשיך עוד שנים רבות בעבודתך הפוריה בשדה החנוך ותזכה לראות בהרחבת אפקיו ובגדול דור של חניכים המסורים לרוח עמנו, ארצנו ותורתנו.

חבר המורים של בית הספר העברי
„שער השמים"
שמואל לערנער, מנהל

I hope that you may continue to enjoy good health and success for many years to come.

Yours truly,

OMER JULES DESAULNIERS
Superintendent of Education
Province of Quebec

Dear Mr. Dunsky,

My reason for witholding a reply to your letter of May 25th was to find an opportunity to contribute an article for the book in honour of Mr. Wiseman.

I regret that it has been impossible to undertake your suggested assignment. A hastily composed article would not be in keeping with Mr. Wiseman's standards of scholarship and craftsmanship in education.

Thus, I would confine myself to expressing a sincere and warm tribute to Mr. Shloime Wiseman. His contribution to Jewish education has been outstanding.

D. E. POPE
Deputy Director of Education
The Protestant School Board of Greater Montreal

Greetings

MESSAGE FOR JEWISH PEOPLES SCHOOLS

The contribution of an educator cannot be determined in terms of office, titles or length of service alone, but is measured by the degree to which he is identified in the minds and hearts of his students.

The influence of Mr. Shloime Wiseman, M.A., over a period of forty years has been profound and the value of his work will be lasting.

The Jewish People's Schools in Montreal, under Mr. Wiseman's leadership, stand for sound scholarship and true citizenship.

It is a privilege to pay tribute to Mr. Wiseman and to wish him and his schools continued success and good fortune.

F. CYRIL JAMES
Principal and Vice-Chancellor,
McGill University, Montreal

Dear Mr. Wiseman,

Mr. S. Dunsky has told me that this year you will complete forty years as School Principal.

Reports that I have received indicate that during this time you have filled this position with dignity and distinction.

I am glad to have this opportunity to congratulate you upon the success of your work. The fact that your friends intend to publish a book, consisting of articles in recognition of your contribution to education, is a signal honour and noteworthy testimony of the high esteem in which you are held by your fellow educators.

There is, today, an increasing emphasis upon a sound Jewish parochial education for Jewish children. The motivations behind this trend would appear to be rather clear — they may be summed up as representing a deeply-felt desire to impart cultural identity to forthcoming generations in the face of an increasing lack of identity and colourlessness, a sort of cultural nihilism and vacuum which surrounds us. The annual increase in Jewish Folk School registration is a reassuring phenomenon. The potentialities which this trend offers for introducing an art education of sound value, one which will re-introduce real values, and one which might foster an eventual art expression rooted in Jewish subject matter, are of sufficient importance to merit enthusiastic study and imprmentation. Jews have in the past, certainly been rooted in their cultural antecedents — but rarely has the climate been as tolerant of plastic, artistic activity as it is today. The marriage of both of these phenomena could, conceivably, produce happy results.

---

1. (page 65) The prophet Isaiah is frequently shown as part of Christian nativity scenes, pointing a finger at an open book — an obvious allusion to his having predicted the birth of the Christ.

2. (page 65) Much of the subject matter included in Esther scroll illustration derives from post-Biblical legend.

3. (page 65) Dura Europos — a town in Syria, once prominently situated on the Roman caravan route to China, and which possessed a sizeable Jewish community. The synagogue, lavishly decorated, boasts numerous wall paintings depicting Old Testament themes, and dates from the 3rd Century C. E. See "The Synagogue", by Carl H. Kraeling, Yale University Press, 1956.

4. (page 75) A large collection of illustrated Esther scrolls is to be found in the library of the Jewish Theological Seminary, New York.

5. (page 77) The same phenomenon has recently occured in France as well — where the Prix Goncourt for literary excellence has twice been awarded (in 1955 and 1959) to respectively, Roger Ikor ("Les Eaux Melees") and Andre Schwartz-Bart ("Le Dernier des Justes"), both works of fiction intensely involved with Jewish subjects.

rootedness in traditional values and forms, and that, in the specifically Jewish area the same holds true even more. Of what possible use (excluding therapeutic value — but we are here dealing with educational institutions, not rehabilitation centres) is untramelled, non-objective dribbling? In what manner can the simple juxtaposition of coloured bits of paper in itself contribute to the development and evolution of art? Clearly the weight of evidence rests with the steadfast attempt to root the artistic personality in the history and values from which it springs. Only in this manner can art eventually find again its true expression — that of the highest possible form of communication.

It is no accident that there is today, in American literature, the makings of a renaissance based, in good measure, on the work of American Jews who are well aware of their Jewish background. Of all sizable American ethnic groups, it would appear that the Jewish group most avidly maintains contact with its cultural heritage. In the face of contemporary American mass produced art, its tendencies toward conformity and subsequent loss of individual identity — it would appear logical that the sense of belonging, of rootedness in Jewishness obviously felt by writers such as Bernard Malamud, Saul Bellow and Philip Roth, contributes towards an identity in their art itself, which, as a result, is imbued with vitality, a sense of life and of living values. Of the numerous Americans painting today, very few stand out quite as sharply and so obviously and firmly rooted in reality as does Ben Shahn, who, while not by any means a "throughly Jewish" artist, very definitely traces much of his art to his Jewish past and present. It is, of course, folly to claim superior artistic talents on the part of the Jews, but it seems clear that Jews have scored major artistic strides, recently, purely because of their greater sense of attachment to vital cultural values in comparison with other ethnic groupings in contemporary America [5].

manently displayed. For in addition to source material, one must also provide graphic traditions upon which to build and from which to derive specifically plastic inspiration. The charming mosaics unearthed in Israel; frescoes in remarkably good condition from the synagogue in Dura, attesting to a very high degree of artistic proficiency, and depicting Biblical themes in a highly didactic manner (not to mention their great beauty); the lovely medieval illuminations of the Haggadoth in the British and Bezalel Museums; all of these, and more, would be invaluable aids in the educational process here under consideration. There is literally a wealth of material to choose from, and these should be prominently and constantly on display.

Added to this, it would be most advisable to acquaint children with art forms and their evolution in the Western World in general. Even if this art were limited to specifically Jewish themes, the quantity is vast, for there are numerous examples of art during the last two to three thousand years which depict Jewish subject matter. Especially during the first centuries of the Christian era, and increasing in frequency following that period, there appear numerous paintings and sculptures of Jewish interest — culturally or physically. Michelangelo's Sistine chapel paintings in Rome, and Rembrandt's studies of Jews are excellent cases in point. Added to this is the constant portrayal of what must be taken to represent Jews (as for example, in crucifixion scenes) in numerous representations derived from Christian exegesis: portrayals of human beings which almost certainly represent Jews as they appeared at the specific period and area in which they were painted (or perhaps betraying the personal attitude towards them of the artist — in itself an interesting subject). In short, the sources are almost inexhaustible.

Here, briefly, is the stuff of which, in total, iconographic discipline is made. That there exists a need of this is beyond question. There is no doubt that, in the general area of art education, there is deeply needed a

can possibly present itself for accomplishing two important ends: that of introducing human values into art, and (dare we say it?) the possibility of establishing a beginning of a specifically Jewish art?

As much as conditions allow, the curriculum should attempt to integrate over-all studies of history, literature and legend with specific art expressions of these. Children should be encouraged to illustrate (in the classroom and at home) the stories which they hear and read. The Biblical stories especially, should, as often as possible, be illustrated — by the individual child, or, more "monumentally", by entire groups. The creation, the flood, the patriarchs, the Egypt stories, the Law, the conquest, and so on — few literary sources are richer in potentially graphic expressions.

What will be accomplished? Several important objectives. 1) These stories will, by means of their being illustrated, be assured of much firmer retention in the mind of the child. 2) The child will have made a start in the direction outlined above — that of introducing into his art education those values which contribute towards his identity and his outlook in terms of historical and ethical values; in other words, human values. 3) A beginning will have been made in the direction of introducing specifically Jewish iconographic matter into art expressions. For if only one out of every thousand children has artistic inclinations, this purpose may partially have been attained.

Following this, a very serious shortcoming should be remedied. There is in existence a large amount of specifically Jewish works of art throughout the world. Ample exemplars of illustrated Esther scrolls[4], Haggadoth, siddurim, mosaics, murals and necrophilic art, not to mention the abundant examples of "minor" decorative art such as menoroth, spice boxes, torah shields, and the like. It is truly sad that these have not been assembled and reproduced in large quantities for mass distribution in Jewish schools where they may be per-

be taken? This has briefly been suggested above. The required direction must lie in the re-introduction of heritage and of identity, as well as with their accompanying values. To make possible the new direction in art which would seem to be called for, it is first necessary to redirect society and its values. And there is, of course, no better method for this task, than to tackle it at its very root — at the level of primary education.

Returning now to the subject at hand — the teaching of art in the Jewish Folk School — we have noted that there exists here a potentially excellent fertile ground for the introduction of cultural values, and the attributes of identity. Meager as it may be, a child, upon completion of the 7 primary grades, has absorbed a knowledge of his past, a knowledge of his literary, religious and ethical background. He has absorbed this primarily in terms of concrete personalities; that is, he has not been treated to an abstracted dissertation on ethics and history, but rather these have been taught to him in terms of living human beings. He therefore has, in his acquisition of an identity, absorbed mental images of general and specific personalities. What child can fail to acquire a picture of Moses after hearing and learning so much of this personality? Of Abraham? Of the general, vast and amorphous mass of Jews, persecuted, or driven, or tolerated, or at peace? What child who has been exposed to this education can fail to arrive at the inescapable conclusion that his own history is the history of the development of ethical values, of aspirations towards justice, of struggles against moral, social and human outrages? What child, again no matter how cursory is this education, can fail to acquire at least a slight understanding of the past of his world, and the values which have evolved out of it?

The child, in the course of this process of education, acquires, to a reasonable extent, a concrete identity. Furthermore, this identity is transmitted to him in very graphic terms — an excellent foundation upon which to built plastic artistic expressions. What better opportunity

art — the rootedness in culture, past and present — the stuff of which is made artistic discipline.

Shall we at this point raise the old controversy regarding the validity of what is labelled "conscious art"? That is, is it possible to consciously create artistic trends and forms? Deliberately, and with a specific end in sight? But to raise this issue here would be to miss the point entirely. We are not here discussing the artificial or conscious creation of art forms, but rather the re-creation of a fertile ground from which art forms, no matter what shape they will assume, must inevitably spring. We are saying, quite simply, that the anarchic state in which art finds itself today is the result of a lack of fertile cultural background; is the result of a negation of those roots which nourish and perpetuate truly great art. Recognizing then, that the state in which art exists today is deplorable, we must attempt to create not a new and more valid art, but a set of living circumstances and conditions from which this new art must of its own accord spring.

Much has recently been said, by thoughtful people, regarding the lamentable inability, on the part of our artists and the public, nowadays, to very simply "see". There is a tendency to believe that we must re-educate people to see, to look carefully and deeply at the world about us, to re-educate our eyes to look at things in depth, and not in the superficial manner which is the result of mass communication and recreation forms, glib, ubiquitous advertisements, and popular condensations of history and current events. Let us not mistake the importance of this element. It is of prime importance. Glibness cannot produce true artistic expression. But let us also not forget that this represents only one side of the coin. In other words, concurrent with the stress upon concentrating in depth in our viewing of our world and its history, we must accept the fact that there must first be introduced the reason for looking. Failing this, we are simply putting the cart before the horse.

What, in practical terms, is the direction which must

nized in society as a whole, and to a very large extent, in education.

